STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 08139

DER GELIBTER FUN LEYDI TSHADERLEY

D. H. Lawrence

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

לאָורענס

דער געליבטער פון לײדי טשאַטערלײ

ראָמאַן

ייִדיש: אברהם צימערמאַן

דאָס ערשטע בוך

ייִדישע אוניווערסאַל-ביבליאָטעק

1939 װאַרשע

Druk. „Grafia“, Wa-wa, Nowolipki 7.

קאַפּיטל I.

אונזער עפּאָכע איז אין איר עצם טראַגיש, דעריבער מוזן מיר זי נעמען אַ ביסל לייכטער. דער אויסברוך איז געקומען, אַלץ אַרום אונז ליגט אין חורבות. מיר הייבן אָן זיך אַרומצוקוקן וועגן אויפבויען אַלץ אויפסניי, מיר באַוואָפענען זיך ווידער מיט רעשט־לעך האָפענונגען. אַ שווערע אַרבעט איז עס: דער וועג אין דער צוקונפט איז גאָרנישט קיין לייכטער, אָבער מיר דראַפּען זיך דורך אומוועגן, מיר קעמפן זיך אויס אַ וועג איבער שטרויכלונגען. לעבן מוז מען פאָרט, ווען אפילו אַלע הימלען זאָלן האָבן אַראָפּגעפאַלן אויף אונז.

אומגעפער אין אַזאַ לאַגע האָט זיך געפונען קאָנסטאַנציע טשאַטערליי. די מלחמה האָט איר צעשטערט דעם דאַך איבער'ן קאָפּ. זי איז דעמאָלט געקומען צום שכל, אַז מ'דאַרף לעבן און זיך לערנען לעבן.

אין יאָר 1917 האָט זי חתונה געהאַט מיט קליפאָרד טשאַ־טערליי, ווען ער איז אַהיימגעקומען אויף אורלויב. די האָניק־צייט האָט געדויערט ממש נישט מער ווי אַ חודש. דערנאָך איז דער מאַן אירער צוריקגעפאָרן קיין פלאַנדריע: אין אַ האַלב יאָר אַרום האָט מען אים צוריקגעבראַכט קיין ענגלאַנד אַ צעפיצלטן. קאָנ־סטאַנציע, די פרוי זיינע, איז צו יענער צייט אַלט געווען דריי־אונצוואַנציק יאָר, ער, דער מאַן, ניינאונצוואַנציק.

מיט נסים האָט ער זיך געקלאַמערט אָן לעבן. ער איז נישט געשטאָרבן, און די צעפיצלטע ברעקלעך גוף האָבן זיך אָנגעהויב צונויפוואַקסן. צוויי יאָר צייט האָבן אים די דאָקטוירים נישט אַרויס־געלאָזט פון זייערע הענט. שפּעטער האָבן זיי געפּסקנט, אַז דער צעברעקלטער גוף איז אויסגעהיילט און ער מעג ווידער אָנהייב

לעבן. דאָס אונטערשטע חלק פון צונויפגעשטוקעוועטן קערפער איז געבליבן אַזוי שוין אויף תמיד פאַראַליזירט.

דאָס איז געווען אין יאָר 1920. מאַן און ווייב זענען געבליבן וווינען אינעם אַלטן הויז פון דער משפחה טשאַטערליי. דער פאָטער איז געשטאָרבן און קליפאָרד איז געבליבן ביים טיטול באַראָנעט. סער קליפאָרד. קאָנסטאַנציע האָט איצט געהייסן — לייד־טשאַטערליי. אין דער פאַרוואָרלאָזטער פאַמיליע־נעסט האָבן זיי צוביסלעך אָנגעהויבן באַלעבאַטעווען און זיך איינלעבן. די מאַטעריעלע איינקונפטן זייערע זענען געווען זייער באַשיידן. קליפאָרדס שוועסטער האָט זיך אַריבערגעקליבן אין דער פרעמד. מער קיין נאָענטע קרובים האָט ער נישט פאַרמאָגט. דער עלטערער ברודער זיינער איז געפאַלן אין דער מלחמה. אַן אייביקע קאַליקע, אָן דער מינדסטער האָפענונג צו האָבן אַ קינד, איז קליפאָרד צוריקגעקומען אין דעם פאַררויכערטן מיטל־ענגלאַנד, כּדי ווי לאַנג ער וועט נאָך לעבן צו דערהאַלטן דעם משפחה־נאָמען טשאַטערליי.

פולשטענדיק צעריבן איז ער נישט געווען. ער האָט אַלייגעקאָנט אַרומפאָרן אינעם פאָטעל אויף רעדלעך. ער האָט פאַרמאָגט אַ ספעציעלן פאָטעל מיט אַ קליין מאָטאָר און זעלבשטענדיק געקענט פאַמעלעך אַרומפאָרן איבער זיין סאָד און איבערן שיינעם מעלאַנכאָלישן פאַרק, מיט וועלכן ער האָט שטאָלצירט, כאָטש ער האָט געמאַכט דעם אָנשטעל, אַז דער פאַרק מיט זיין זעלטענער שיינקייט אינטערעסירט אים נישט.

קליפאָרד האָט זיך אַזוי פיל געהאַט אָנגעליטן, אַז ער האָט שוין אינגאַנצן געהאַט אָנגעווירן די פעיִקייט צו ליידן. ער איז אַפילו געווען מאָדנע פריילעך, לעבנסלוסטיק, אויף אַן אייגנאַרטיקן אופן גליקלעך. זיין פנים האָט געשפראָצט מיט געזונט און הייטערקייט. זיינע בלאַס־בלויע אויגן האָבן געגלאַנצט, די פלייצע ברייטע, די אָרעמס שטאַרקע, דער גאַנצער אויסזען פריש, מונטער. ער האָט זיך געקליידט זאָרגפעליק, קראַוואַטן געטראָגן עלעגאַנטע. אַ געניט אויג האָט באַמערקט אויף זיין פנים אַ מין וואַכזאַמע פוסטקייט, די אייגנשאַפט פון פאַרפאַלענע קאַליקעס.

דער טויט האָט אים אַזוי פעסט געהאַט אַריינגענומען אין זיינע אָרעמס, אַז איצט איז אים דאָס איבערגעבליבענע רעשטל לעבן געווען אויסטערליש טייער. דער גיריקער בלישטש אין די אויגן האָט עדות געזאָגט, אַז ער איז שטאָלץ דערמיט, וואָס נאָך אַלע מעשיות לעבט ער פאָרט. ער איז אָבער געווען אַזוי צע־בראָקלט, אַז עפּעס עיקרדיקס האָט אין אים געפעלט, אַז זייער וויכטיקע געפילן זענען אין אים פאַרלוירן געגאַנגען.

די פרוי זיינע, קאָנסטאַנציע, איז געווען יונג, האָט אויסגעזען דאָרפיש, מאַסיוו. האָר האָט זי געהאַט זיידענע, קאַשטאַנפאַר־ביקע, באַוועגונגען געזעצטע, פּאַמעלעכע, אָבער ענערגישע, אומ־געווייינלעך ענערגישע. אויגן האָט זי געהאַט גרויסע, דערשטוינטע, אַ שטימע — אַ ווייכע, אַ האַרציקע; זי האָט אויסגעזען, ווי נאָר־וואָס געקומען פון דאָרף. באמת איז עס געווען נישט אַזוי. איר פאָטער איז געווען אַן איבעראַל־באַקאַנטער מיטגליד פון דער קע־ניגלעכער קונסט־אַקאַדעמיע. איר מוטער – איינע פון די דעמאָל־טיקע געבילדעטע פּאַביאַנערינס (פּאַביאַן־געזעלשאַפט איז געווען אַ סאָציאַליסטישער אינטעליגענטן־קרייז אין סוף פון פאָריקן יאָרהונ־דערט. איינער פון די פאָרשטייערס פון די פּאַביאַנער איז היינט בערנאַרד שאָו).

קאָנסטאַנציע און איר שוועסטער הילדאַ זענען דערצויגן גע־וואָרן אין אַ קרייז פון קינסטלער און אינטעליגענטע סאָציאַליסטן, זייער דערציִונג איז געווען אַן עסטעטיש נישט־קאָנווענציאָנעלע. מען פלעגטביידע שוועסטערן מיטנעמען קיין פּאַריז, פלאָרענץ, רוים, כדי זיי אַריינצופירן אין די קונסט־קרייזן; מ'האָט זיי אויך מיטגענומען קיין האַאַג און בערלין אויף די סאָציאַליסטישע קאָנ־גרעסן, ווו זיי האָבן זיך אָנגעהערט רעדעס אין אַלע קולטור־לשונות וועגן ענינים פון וועלט־צעשטערונג און וועלט־בויאונג.

די מיידלעך האָבן דעריבער פון דער פריסטער יוגנט אָן זיך נישט געשראָקן נישט פאַר קונסט און נישט פאַר אידעאַליסטישער פּאָליטיק. ביידע געביטן זענען איינגעזאַפּט געווען אין פלייש און בלוט פון די צוויי שוועסטערן. זיי זענען געווען קאָסמאָפּאָליטינס

און פּראָווינצעריגס אין זער זעלבער צייט, זייער קינסטלערישער קאָסמאָפּאָליטישער פּראָווינציאָנאַליזם האָט זיך אַזוי ווי געפּאָרט מיט די ריינע סאָציאַליסטישע אידעאַלן.

צו פופצן יאָר האָט מען זיי אַרויסגעשיקט קיין דרעזדען, אויך צוליב מוזיקאַלישער אויסבילדונג. זיי האָבן זיך דאָרט גוט איינגעאָרדנט. זיי האָבן געלעבט פריי מיט די סטודענטן, געפירט מיט מענער אומאויפהערלעכע דעבאַטן וועגן פילאָזאָפיע, סאָציאָלאָגיע און קונסט, זייער ווערט איז געווען דער זעלבער, וואָס די מענערס, אדרבא, זייער ווערט איז געווען נאָך גרעסער, מחמת זיי זענען געווען פרויען. זיי האָבן אַרומגעבלאָנזשעט איבער די וועלדער מיט ברייטפּלייציקע יונגעלייט, וואָס האָבן זיך אַרומגעטראָגן מיט גיטאַרעס. זיי האָבן געזונגען ווי וואַנדער-פייגל, און געווען פריי, ווי די זעלבע פייגל. פריי! אַ גרויס וואָרט איז דאָס געווען פאַר זיי! דאָ, די וועלט איז אָפן, די וועלדער רום אין פאַרטאָגיקער שיין, אין דער געזעלשאַפט פון לוסטיקע, זינגענדיקע, ברייטביניקע יונגען – זענען זיי באמת געווען פריי, זיי האָבן געקאָנט טון, וואָס זיי האָט געגלוסט און קודם-כל – רעדן, וואָס עס האָט זיך געגלוסט. דער עיקר איז זיי טאַקע געגאַנגען אין רעדן: אין ליידנשאַפטלעכן ווערטער-אויסטויש. ליבע איז געווען נישט מער ווי אַ מין אַקאָמפּאַניאַמענט צום רעדן.

הילדאַ און קאָנסטאַנציע זענען געווען נאָך פאַר אַכצן יאָר שוין באַלאַסטעט מיט עקספּערימענטאַלע ליבעס-דערפאַרונגען. די יונגען, מיט וועלכע זיי האָבן אַזוי ליידנשאַפטלעך דעבאַטירט, אַזוי לוסטיק געזונגען און אַזוי פרייליך פאַרבראַכט אין די וועלדער, האָבן אוודאי געוואָלט אויך ליבעס-געניוס. די מיידלעך זענען געווען אין פאַרלעגנהייט, אָבער סוף-כל-סוף – האָט מען דאָך וועגן דערדאָזיקער זאַך אַזוי פיל געשמועסט, געהאַלטן זי פאַר אַזאַ וויכטיקע! און די מענער זענען געווען אַזוי הכנעהדיק, אַזוי דורשטיק! פאַרוואָס-זשע זאָל אַ מיידל נישט זיין קעניגלעך ברייטהאַרציק, פאַרוואָס-זשע זאָל זי זיך נישט אַוועקשענקען?

און זיי האָבן זיך אַוועקגעשאָנקען, יעדע באַזונדער – דעם

בחור, מיט וועלכן זי האָט געפירט די פאַרוויקלטסטע און אינטימסטע שמועסן. אָט דידאָזיקע שמועסן, דידאָזיקע דיסקוסיעס זענען געווען דער עיקר: די ליבע, די ליבעס־באַציִונגען זענען געווען עפעס אַ מין פרימיטיווע רעאַקציע, נישט מער ווי אַן אָפּפרישונג. נאָך דעם איז מען געווען ווינציקער פאַרליבט אין בחור, עטוואָס נוטה אים צו האַסן אפילו, ווי ער וואָלט אומגעבעטן זיך אַריינגעריסן אין אַ געהיים ווינקעלע פון פריוואַטן לעבן, אינם געביט פון אינערלעכער פרייהייט. פאַרן מיידל איז איר גאַנצע ווירדע, איר באַדייטונג אין לעבן באַשטאַנען אין דער אַבסאָלוטער, פולשטענדיקער, ריינער, איידעלער פרייהייט. וואָס איז דען געווען דער רוף פונם מיידלס לעבן? די באַפרייאונג פון די אַלטע, נידעריקע פענטעס און פון דער קנעכטשאַפט.

און דאָך, נישט קוקנדיק אויף דער גאַנצער סענטימענטאַלער פלאַפלעריי אויף דער טעמע, זענען די אַלע סעקסועלע מעשים געווען די זעלבע אַלטע, נידעריקע פענטעס, די זעלבע קנעכטשאַפט. די דיכטער, וועלכע האָבן דאָס געלויבט ביזן זיבעטן הימל, זענען געווען מערסטנטיילס מאַנספערשוינען. די מיידלעך האָבן געוווסט, אַז עס איז פאַרהאַן אַ סך העכערס, אַ סך וויכטיקערס פון דעם. און איצט האָבן זיי דאָס געוווסט נאָך מיט מער זיכערקייט ווי ביז איצט. די הערלעכע, ריינע פרויען־פרייהייט איז געווען פיל העכער און דערהויבענער, ווי די בעסטע סעקסועלע ליבע. צום אומגליק אָבער זענען די מענער ווייט הינטערשטעליק געבליבן אין דידאָזיקע זאַכן פון די פרויען. זיי, די מענער, זענען אויף דידאָזיקע סעקסועלע ענינים גיריק ווי די הינט.

און די פרוי האָט זיך געמוזט אונטערגעבן. לויט זיין אַפּעטיט, איז דער מאַנספערשוין ענלעך געווען צו אַ קינד. די פרוי האָט אים געמוזט נאָכגעבן אַלץ, וואָס ער האָט געוואָלט. אַז נישט, וואָלט ער געוואָרן אומאַרטיק פונקט ווי אַ קינד, ער וואָלט אַנטלאָפן און צעשטערט דאָס, וואָס האָט אָנגעהאַלטן אַלס אָנגענעמע באַציִונג. אָבער די פרוי האָט זיך געקאָנט אָפּגעבן דעם מאַנספערשוין און דערביי נישט אָנווערן איר אינערלעכע פרייהייט. די

קינסטלער און די לייט, וואָס האָבן אַ סך גערעדט וועגן סעקסואַ־ליזם, האָבן דאָס וואָרשײַנלעך פאַרזען. די פרוי האָט געקאָנט, נע־מענדיק דעם מאַנספּערשוין, זיך נישט אָפּגעבן. זי האָט געקאָנט מיטמאַכנדיק די סעקסועלע נאַרישקייטן, באַהערשן דעם מאַן. ס'איז בלויז געווען גענוג, זי זאָל בשעת די געשלעכטס־אַקטן זיך אײַנ־האַלטן, לאָזן אים צוקומען ביזן סוף און זיך אויסלאָדענען און בשעת מעשה אַליין נישט דערגיין צום קריזיס; דערנאָך פאַרלענ־גערן דעם אַקט און באַקומען איר אייגענעם אָרגאַזם, איר קולמי־נאַציע־פּונקט, ווען ער האָט איר שוין געדינט נאָר אַלס ווערקצייג.

אין מאָמענט פון מלחמה־אויסברוך האָבן שוין ביידע שוועס־טערן געהאַט דורכגעמאַכט זייערע דערפאַרונגען; מ'האָט זיי צו־ריקגערופן אַהיים. קיינע פון זיי איז קיינמאָל נישט געווען פאַר־ליבט אין אַ יונגנמאַן, זי זאָל זיך מיט אים נישט האָבן פריער דער־נענטערט דורך ווערטער: דאָס הייסט אָן טיפע, לײַדנשאַפטלעכע שמועסן. און ווען נאָך די גייסטרייכע, לעבהאַפטע דיסקוסיעס איז דאָס געשלעכטלעכע צוזאַמענלעבן געוואָרן מער אָדער ווייני־קער אומפאַרמײַדלעך, האָט מען דעמדאָזיקן פאַקט אויפגענומען גלײַכגילטיק. דאָס איז געווען אַזאַ מין סוף פון קאַפּיטל. דאָס האָט אויך געהאַט אַ באַזונדערן רייץ: עפּעס אַ וווּנדערלעכער שוידער אין דער טיפעניש פונם קערפּער, אַ מין לעצטער קראַמף פון נצחון, אַזוי ווי דאָס לעצטע וואָרט, ענלעך צו אַ שורה שטערנ־דלעך, וואָס מ'קאָן אַוועקשטעלן צום באַצייכענען דעם סוף פון קאַפּיטל, אָדער דאָס אַריבערגיין צו אַ נײַער טעמע.

ווען די מיידלעך זענען אַהיימגעקומען אין זומער 1913 (הילדאַ איז דעמאָלט אַלט געווען צוואַנציק יאָר, קאָני — אַכצן) האָט זייער פאָטער תיכף געקאָנט באַמערקן, אַז זיי האָבן שוין בעס־דערפאַרונגען.

דער פאָטער, אַליין אַ מענטש מיט דערפאַרונג, האָט דאָ לעבן געלאָזט גיין זײַן וועג. די מוטער, אַ נערוועזע, אַ שווע־קראַנקע, צו יענער צייט איז זי שוין געווען עטלעכע חדשים פאַר טויט, האָט זיך אָבער געוווּנטשן, אַז אירע טעכטער זאָלן בלײַב

„פריי" און זאָלן „דערוועקן זייער איך". זי אַליין האָט קיינמאָל דאָס נישט געקאָנט דערגרייכן: ס'איז איר נישט באַשערט געווען. נאָט ווייסט, פאַרוואָס דאָס איז איר נישט געלונגען, כאָטש זי האָט פאַרמאָגט אי אַן אייגן פאַרמעגן, אי אייגענעם ווילן. זי האָט אין דעם באַשולדיקט דעם מאַן אירן. די סיבה דערפון איז באמת געלעגן אין איר אַליין: זי האָט זיך נישט געקאָנט באַפרייען פונם אַלטן אויטאָריטעט-געפיל, וואָס האָט זיך געהאַט איינגעגעסן אין איר נשמה. מיטן מאַן אירן האָט דאָס קיין שייכות נישט געהאַט, ער האָט זיין נערוועזער פרוי נישט געשטערט צו טון, וואָס זי האָט געוואָלט, ער אַליין איז זיך געגאַנגען מיט זיינע אייגענע דרכים.

די מיידלעך זענען אַלזאָ ווידער געווען „פריי" און זיי זענען צוריקגעפאָרן קיין דרעזדען צו זייער מוזיק, צום אוניווערזיטעט און צו די בחורים. זיי האָבן זיי ליב געהאַט, די בחורים האָבן אויך זיי ליב געהאַט מיט דער גאַנצער ליידנשאַפטלעכקייט פון גייסטיקן דראַנג. די אַלע הערלעכע זאַכן, וועגן וועלכע די יונגען פלעגן טראַכטן, שרייבן און רעדן — האָבן זיי געטראַכט, געשריבן און גערעדט פאַר די מיידלעך וועגן. קאָניס בחור איז געווען מוזיקאַליש, הילדעס — האָט געהאַט טעכנישע פעיקייטן. אָבער געלעבט האָבן זיי אויסשליסלעך פאַר זייערע מיידלעך. דאָס הייסט — אין דער נשמה און אין די גייסטיקע עמאָציעס. אויסער דעם זענען זיי געווען עטוואָס שרעקעוודיק, אַליין נישט וויסנדיק דערפון.

אויך אויף זיי איז לייכט געווען צו דערקענען, אַז די ליבע האָט זיי דורכגענומען, געמלעך, די קערפּערלעכע איבערלעבונגען. וונדערלעך איז, וואָס די ליבע ברענגט אַריין שינויים אינם מאַן, ווי אין דער פרוי: די פרוי ווערט בליענדיקער, פאַררונדיקטער, די פאַרשפּיצטקייט פונם יונגן קערפּער ווערט אויסגעגלעט, דאָס פּנים ווערט אָנגעשראָקן אָדער יובלדיק; דער מאַן ווערט רויִקער, פאַרטיפטער אין זיך, אפילו די פאָרם פון די אָרעמס ווערט ביי אים ווינציקער זעלבסטזיכער, מער וואַקלדיק.

אין וועזנטלעכן, קערפּערלעכן געשלעכטס־שוידער זענען ביידע שוועסטערן געווען אונטער דער איבערמאַכט פון דער מענלעכער גבורה. זיי פלעגן זיך אָבער שנעל באַהערשן, דעם געשלעכטס־שוידער אויפנעמען ווי אַ סענסאַציע און פאַרבלייבן פריי, אומאָפּהענגיק. די מענער זענען דאַנקבאַר געווען די פרויען פאַרן סעקסועלן געניוס און זיי אָפּגעגעבן די נשמה. דערנאָך האָבן זיי אויסגעזען, ווי זיי וואָלטן פאַרלוירן אַ שילינג און געפונען אַ זעקסערפּענס. קאָניס פריינט פלעגט טיילמאָל זיין אַ ביסל אָנגעכמורעט, הילדאַס – איראָניש, אָבער די מענער זענען דאָך אַזעלכע! אומדאַנקבאַר און קיינמאָל צופרידן. נעמסטו זיי נישט אויף, האַסן זיי דיך, ווייל דו ווילסט נישט; נעמסטו זיי יאָ אויף, האַסן זיי דיך אויך צוליב אַן אַנדערער סיבה, אָדער גאָר אָן אַ סיבה, פּשוט דערפאַר, ווייל זיי זענען אומצופרידענע קינדער און קאָנען נישט זיין צופרידן, וואָס מ'זאָל זיי נישט געבן, וואָס די פרוי זאָל פאַר זיי נישט טון.

די מלחמה איז אויסגעבראָכן. הילדאַ און קאָני האָבן ווידער געמוזט אַהיימפאָרן. אין מאַי האָבן זיי שוין באַגלייט די מוטער צו איר אייביקער רו. פאַר ניי־יאָר 1915 האָבן זייערע ביידנס דייטשישע פריינט שוין נישט געלעבט. די שוועסטערן האָבן באַוויינט זייערע געליבטע בחורים, אָבער אינמיטן דער ליבע זיי גאָר אינגאַנצן פאַרגעסן.

קאָני און הילדאַ האָבן געוווינט אין פאַטערס הויז, און די סביבה זייערע איז באַשטאַנען פון קעמברידזשער יוגנט, וואָס האָט ליב געהאַט די „פרייהייט", זיך אויסגעצייכנט מיט פלאַנעלענע העמדער, צעשפּיליעטע קראַגנס, אַ געהעריקער מאָס געפילן־אַנאַרכיע און העכסט־סובטעלע מאַניערן. אָבער הילדאַ האָט פּלוצלינג חתונה געהאַט מיט אַ מאַן, עלטער פון איר מיט צען יאָר, פון דער זעלבער קעמברידזשער סביבה, וואָס זי, אַ מאַן מיט אַ היפּש פאַרמעגן און אַ באַקוועמען רעגירונגס־פּאָסטן; ער האָט אויך געשריבן פילאָזאָפישע דיסערטאַציעס. זי האָט זיך מיט אים באַזעצט אין אַ קליין הויז אויף וועסטמינסטער און פאַרקערט אין אַ פיי־

נער געזעלשאַפט פון העכערע מלוכה=באַאַמטע, וואָס געהערן אפילו נישט צו דער סמעטענע, אָבער זענען, אָדער ווילן לפחות זיין, די עכטע אינטעליגענץ. דאָס איז אַזאַ מין מענטשן, וואָס ווייסן, וואָס זיי רעדן, אָדער רעדן אַזוי, ווי זיי וואָלטן טאַקע געוווסט.

קאָני האָט זיך צו ביסלעך פאַרנומען מיט קריגס=באַרמהאַרציקייט און פאַרקערט אין איר קעמברידזשער געזעלשאַפט מיט די פלאַנעלענע הויזן. די לייט האָבן זיך באַשעפטיקט מיט לייכט אָפּחוזקן פון אַלץ און אַלעם. איר „פריינט" איז צו יענער צייט געווען אַ געוויסער קליפאָרד טשאַטערליי, אַ יונגערמאַן פון אַ יאָר צוויי־און־צוואָנציק. ער איז געקומען אַהיים פון באָן, וווּ ער האָט שטודירט די טעכניק פון קוילנגרעבעריי. פריער האָט ער אַ צוויי יאָר פאַרבראַכט אין קעמברידזש. איצט איז ער געוואָרן אָפיציר פון אַן עלעגאַנט פּולק און אין עלעגאַנטן מונדיר האָט אים זייער געקליידט פון אַלעם אָפּצוחוזקן.

קליפאָרד טשאַטערליי האָט געשטאַמט פון אַ העכערן יחוס ווי קאָני. קאָני האָט געהערט צו דער פאַרמעגלעכער אינטעליגענץ, ער אָבער, — צו דער אַריסטאָקראַטיע. דער פאָטער זיינער איז געווען אַ באַראָנעט. די מוטער אַ וויצע־גראַפס אַ טאָכטער.

פונדעסטוועגן, כאָטש קליפאָרד האָט געשטאַמט פון שענערן יחוס ווי קאָני און געהערט, אַזוי צו זאָגן, צו דער „העכערער געזעלשאַפט", איז ער אין דער באַנעמונג געווען שעמעוודיקער און פראָווינצערישער פון איר. אין זיין סביבה, צווישן דער גוטבאַזיצערישער אַריסטאָקראַטיע, האָט ער זיך געפילט אויסגעצייכנט, אָבער אין דער וועלט פון די אַזוי גערופענע „נידעריקערע קלאַסן", צווישן קליינבירגערטום, באַאַמטנטום, אויסלענדער, האָט אים אַרומגעכאַפּט עפּעס אַן אומבאַשטימטע שעמעוודיקייט, אַ נערוועזע שרעקעוודיקייט. דעם אמת זאָגנדיק, האָט ער ממש מורא געהאַט פאַר דידאָזיקע שיכטן, פאַרן מיטלשטאַנד, פאַרן פראָלעטאַריאַט, פאַר די פרעמדלענדער, וואָס געהערן נישט צו

זיין קלאַס. כאָטש ער האָט געפילט זיין פּריווילעגירטקייט, האָט זיך אים דאָך אויסגעוויזן, אַז ער איז הילפלאָז, וואָפנלאָז אין פאַרקער מיט מענטשן פון דידאָזיקע שיכטן. דאָס איז אפילו מאָדנע און אומפאַרשטענדלעך, אָבער עס איז דאָך אַן איבעראַל־באַקאַנטע דערשיינונג אין אונזערע צייטן.

דערפאַר טאַקע האָט אויף אים געמאַכט אַ שטאַרקן איינדרוק די זעלבסטזיכערקייט פון קאָנסטאַנציעס רעיד. אינם כאַאָס פון די געזעלשאַפטלעכע שאַטירונגען האָט זי זיך פיל בעסער אָריענטירט פון אים.

ער איז אָבער נאָך אַלעם געווען אַ שטיק בונטאַר: ער האָט זיך געבונטעוועט אפילו קעגן זיין אייגענעם קלאַס. דאָס וואָרט בונטאַר איז אפשר דאָ צו שטאַרק... דאָך, — ער איז אַריינגעצויגן געוואָרן אין דער אין אַלגעמיין ביי דער יוגנט באַליבטער בונטאַרישקייט קעגן יעדן מין קאָנווענציאָנאַליזם, קעגן די איבעראַל אָנערקענטע אויטאָריטעטן. דער עלטערער דור איז געווען לעכערלעך — זיין אייגענער איינגעשפּאַרטער פאָטער נאָך מער לעכערלעך. די רעגירונגען זענען געווען לעכערלעך, אונזער אייגענע רעגירונג מיט איר אויסקוקן און אָפּוואָרטן — באַזונדערס לעכערלעך. די אַרמיי נישט ווייניקער לעכערלעך, צום מיינסטן די אַלטע שלימזלניקעס, די גענעראַלן, דער עיקר דער רויטפּנימדיקער קיטשנער. אפילו די מלחמה איז געווען גאַנץ לעכערלעך, כאָטש זי האָט אומגעבראַכט מענטשן שוין גאָרנישט אויף קיין געלעכטער.

בכלל איז אַלץ געווען אַ ביסל קאָמיש, אפילו זייער קאָמיש, בפרט דאָס, וואָס האָט געהאַט צו טון מיט אויטאָריטעט, צי אין דער אַרמיי, צי אין דער רעגירונג, צי אין אוניווערסיטעט. דער רעגירנדער קלאַס, אויף וויפיל ער האָט אַרויסגעוויזן זיינע פּרעטענזיעס פּאַקטיש צו רעגירן, איז אויך געווען קאָמיש. קליפאָרדס פאָטער איז אויסטערליש קאָמיש געווען, בשעת ער האָט אויסגעהאַקט זיינע וועלדער און געטריבן די גרובן־אַרבעטער אויף דער מלחמה, בלייבנדיק אַליין אויפן פּאַטריאָטישן שטייגער

אין הינטערלאַנד. פאַרן לאַנד האָט דער אַלטער אָבער פאַרשווענדט מער געלט ווי ער האָט פאַרמאָגט.

ווען קליפאָרדס שוועסטער עמאַ איז אָנגעקומען קיין לאָנדאָן, כדי צו ווערן אַ קראַנקן־פלעגערין, האָט זי זייער קאַלטבלוטיק דערציילט דעם ברודער וועגן דעם פאָטער און זיין אַנטשלאָסענעם פאַטריאָטיזם, — אירע רייד האָבן אָבער געקלונגען מיט ביטול און אַ היפשער דאָזע חוזק. הערבערט, דער עלטערער ברודער, האָט זיך ממש געקאַטשעט פון געלעכטער, כאָטש דאָס האָט מען זיינע וועלדער אויסגעהאַקט אויף צו בויען שוץ־גרובנס. קליפאָרד האָט אויך געלאַכט, אָבער עטוואָס אומהיימלעך. יאָ, אַלץ איז טאַקע קאָמיש, אמת. אָבער די לעכערלעכקייט האָט זיך באַשיינפערלעך שוין צוגעקלעפּט צו אים אַליין אויך... מענטשן פון אַנדערע געזעלשאַפטלעכע שיכטן, למשל קאָני, זענען לפּחות אין איין פּרט געווען ערנסט. זיי האָבן לפּחות אין איין זאַך געגלייבט.

זיי זענען זייער ערנסט געווען, ווען עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן די דייטשן, וועגן דער געפאַר פון אַלגעמיינער מיליטער־דינסט, וועגן מאַנגל אין צוקער, אָדער אין קאַרמעלקעס פאַר קינדער. אין די אַלע זאַכן האָט די מאַכט אָפּגעטון אָן אַ שיעור לעכערלעכע טעותים. אָבער קליפאָרד האָט נישט געקאָנט זיך דאָס נעמען צום האַרץ. אין זיינע אויגן איז די מאַכט געווען לעכערלעך סתם אָן די צוקערלעך אירע און אָן איר אַלגעמיינער מיליטער־פליכט.

די מאַכט האָט אַליין זיך געהאַלטן פאַר לעכערלעך און אָפּגעטון באַמאַכט קאָמישע זאַכן, — אַלץ אינאיינעם האָט אויסגעזען ווי איין גרויס משוגעים־הויז. ביז די געשעענישן אויפן קאָנטינענט האָבן זיך אַנטוויקלט און לאָיד דזשאָרזש איז געקומען ראַטעווען די סיטואַציע. דאָס האָט שוין איבערגעשטיגן די גרענעץ פון לעכערלעכקייט, און די טיכטיקע יוגנט האָט שוין אויפגעהערט צו לאַכן.

אין יאָר 1916 איז הערבערט טשאַטערליי געפאַלן אין קריג.

און קליפאָרד איז געבליבן דער יורש. אויך דאָס האָט אים גע־שראָקן. די וויכטיקייט דערפון, וואָס ער איז געבליבן יורש־עצר פון דער טשאַטערליי־גזע, איז אין אים אַזוי געווען איינגעוואָרצלט, אַז ער האָט זיך דערפון נישט געקאָנט באַפרייען. ער האָט אָבער געוווסט, אַז אין אַנבליק פון דער ריזיקער, ברויזנדיקער וועלט איז דאָס אויך לעכערלעך. איצט איז ער אָבער געווען יורש, פאַראַנטוואָרטלעך פאַרן פאַמיליע־נאָמען און פאַמיליע־גוט. עס איז וויכטיק, גרויס, אָבער גלייכצייטיק גאַנץ נאַריש.

דער פאָטער זיינער, דער אַלטער טשאַטערליי, האָט נישט אָנערקענט קיין נאַרישקייטן. ער איז געווען בלייך, אָנגעצויגן, פאַרטיפט אין זיך און גרייט מיט אַלע כוחות צו ראַטעווען זיין לאַנד און זיין שטאַנד אָן אונטערשיד, ווער עס שטייט ביים רע־גירונגס־רודער, — לאָיד דזשאָרזש אָדער ! מעץ אַנדערש. אַזוי אָפּגעשניטן, אַזוי אָפּגעזונדערט איז ער געווען פון יענעם ענג־לאַנד, וואָס איז ווירקלעך געווען ענגלאַנד, אַזוי פולשטענדיק אומפעיק איז ער געווען צו באַגרייפן דעם ווירקלעכן מצב. דער אַלטער איז געשטאַנען פעסט ביי ענגלאַנד און ביי לאָיד דזשאָרזשן, פונקט ווי זיינע זיידעס האָבן זיך אָפּגעגעבן זייער ענגלאַנד און דעם הייליקן דזשאָרזש; פאַרן אַלטן טשאַטערליי איז דאָס קיין שום חילוק נישט געווען. ער האָט אויסגעהאַקט די בעסטע ביי־מער און געווען שטאָל און אייזן פאַר לאָיד דזשאָרזשן און ענג־לאַנד, פאַר ענגלאַנד און לאָיד דזשאָרזשן.

ער האָט געוואָלט, אַז קליפאָרד זאָל חתונה האָבן און האָבן אַ קינד, אַ יורש. קליפאָרדן האָט דער פאָטער אויסגעזען ווי אַ פאַרפאַלענער אַנאַכראָניזם. אָבער מיט וואָס איז ער דען געגאַנ־גען פאָראויס, מיט וואָס האָט ער דען איבער׳געשטיגן דעם פאָ־טער אַחוץ מיטן שרעקעוודיקן געפיל פון לעכערלעכקייט בכלל און פון זיין אייגענער לעכערלעכער לאַגע בפרט? ווייל זיין געזעל־שאַפטלעכע לאַגע, זיין אַדעליקייט און זיין ירושה־גוט האָט ער דאָך ווילנדיק־נישטווילנדיק גענומען אויסטערליש ערנסט!

די פרייידיקע האָפעדיקייט צוליב דער מלחמה איז צערו־

נען, אָפּגעשטאָרבן... צופיל קרבנות, צופיל גרויל. דער מאַן האָט געדאַרפט האָבן אַ טרייסט, אַ שטיצפונקט. דער מאַן האָט גע־דאַרפט האָבן אַ מקום מקלט, אַ זיכערן אָנשפאַר אין דער וועלט. דער מאַן האָט געדאַרפט האָבן אַ ווייב.

די צוויי ברידער און די שוועסטער טשאַטערליי האָבן, וווינענדיק אינאיינעם און לעבנדיק צוזאַמען אינם פאַמיליע־גוט, געהאַט צווישן זיך אַ סך געמיינזאַמס, אָבער זיי זענען געווען אויסטערליש אָפּגעזונדערט איינער פון אַנדערן. זייענדיק אָבער נאָכמער דערווייטערט פון דער אַרומיקער וועלט, האָבן זיי גע־האַט באַשלאָסן זיך קיינמאָל נישט צו שיידן. נאָר אָט איז הער־בערט אומגעקומען, און דער אַלטער האָט דווקא פאַרלאַנגט, קלי־פאָרד זאָל חתונה האָבן. איינמאָל האָט ער נאָר אַ זאָג געטון וועגן דעם, ער איז בכלל געווען אַ נישט־באַרעדעוודיקער. אָבער זיין שווייגנדיקער, אָפּוואַרטנדיק־שטאַרער בליק האָט ממש געצוווּנגען קליפאָרדן זיך אונטערצוּוואַרפן.

עמאַ האָט אָבער געזאָגט —ניין! זי איז געווען מיט צען יאָר עלטער פאַר קליפאָרדן און זי האָט געשפּירט, אַז חתונה האָט פאַר קליפאָרדן באַדייט פאַרראַט. דעזערציע לגבי יענע אי־דעאַלן, וועלכע די יונגע גענעראַציע פון זייער שניט האָט גע־פרעדיקט.

דאָך האָט קליפאָרד חתונה געהאַט מיט קאָני און מיט איר פאַרבראַכט דעם האָניק־חודש. דאָס איז געווען אין שרעקלעכן יאָר 1917, און זיי האָבן זיך אַזוי צונויפגעלעבט, ווי צוויי מענטשן אויף אַ טרינקענדיקער שיף. קליפאָרד איז ביז דער חתונה געווען אומבאַרירט און דער געשלעכטס־ענין האָט פאַר אים געהאַט אַ גאַנץ קנאַפּע באַדייטונג. נישט קוקנדיק אויף דעם, האָבן ביידע, ער און זי, זיך געפילט זייער געבונדן איינער מיטן אַנדערן. קאָ־ני ווידער האָט דידאָזיקע צוגעבונדנקייט, דידאָזיקע נאָענטקייט מחוץ דעם געביט פון סעקסועלן לעבן, מחוץ דער „באַפרידיקונג" פון מאַן, געהאַלטן פאַר אַ מין קליינעם זיג, אַ מין טריאומף. יעדנפאַלס איז קליפאָרד נישט געווען גיריק אויף דערדאָזיקער

„באַפרידיקונג“, ווי אַ סך אַנדערע מענער. ניין, זייער צונויפ־לעבן איז געווען פיל טיפער, מער פערזענלעכער ווי דאָס. די געשלעכטס־עניגים זענען געווען עפעס אַזוי ווי אַ צופעליקייט, אַ מין צולאָג: איינער פון יענע אויסטערלישע אָרגאַנישע פּראָצעסן, וואָס זענען געבליבן פּערעקשנט אין זייער וולגאַרער פאָרם, אָבער וואָס מען האָט זיך געקאָנט אָן זיי באַגיין. קאָני האָט אָבער אומ־באַדינגט געוואָלט האָבן אַ קינד, זי האָט געוואָלט שטאַרקן איר פּאָזיציע לגבי דער שוועגערין עמאַ.

דערווייל האָט מען אין יאָר 1918 געבראַכט קליפאָרדן צ שווער־פאַרוואונדעטן און וועגן קינדער האָט שוין קיין רייד ניש געקאָנט זיין. קליפאָרדס פאָטער איז פון קרענקונג געשטאָרבן.

קאַפּיטל II

קאָני און קליפאָרד זענען אַהיימגעקומען אין הארבסט 1920. פריילין עמאַ טשאַטערלי, אַלץ נאָך בייז אויפן ברודער פאַר זיין פאַרראַטן די יוגנט־אידעאַלן, האָט זיך אַרויסגעצויגן פון גוט און זיך אַריבערגעקליבן אין אַ קליין דירהלע אין לאָנדאָן.

דער פאַמיליע־שלאָס פון די טשאַטערלייס איז געווען אַ אַלטע, נידעריקע און לאַנגע געביידע פון ברוינע ציגל, וועלכ איז געבויט געוואָרן אין אָנהייב אַכצעטן יאָרהונדערט, שפּעטע איז זי אויסגעברייטערט געוואָרן און ענדלעך באַקומען דעם אויס זען פון אַ קרוליקעס־צוכטהויז און געמאַכט נישט קיין עסטעטיש איינדרוק. דאָס הויז איז געשטאַנען אויף אַ בערגל אין אַ זייער שיינעם אַלטן דעמבן־פּאַרק, ליידער האָט זיך נישט זייער ווייט אָנגעזען דער קוימען פונם נאָענטסטן גרובן אין דאָרף טיווערס־האַל. פון קוימען פלעגן זעצן וואָלקנס רויך און דאַמף. עטוואָס ווייטער האָבן זיך פון פייכטן נעפּל אַרויסגעזען די שטיבלעך פון דאָרף. וואָס איז געלעגן צעזייעט איבער דער גאַנצער געגנט און זיך אָנגעהויבן כמעט ביים סאַמע טויער פון פּאַרק. די דאָר־

פישע אַרבעטער־הייזלעך האָבן העסלעך געמאַכט די געגנט אַרום, זייערע פאַרחושכטע, געמויערטע ווענטלעך, די שוואַרצע שינדל־דעכער האָבן געשאַפן מרה־שחורה־שטימונג.

קאָני פלעגט ווינען אין קענזינגטאָן, אָדער אין די שאָט־לענדישע בערג — דאָס איז געווען איר ענגלאַנד. מיט דער גאַנ־צער סטאָיִשקייט פון דער יוגנט האָט זי באַלד פון ערשטן בליק באַנומען די פולשטענדיקע העסלעכקייט פון דעמדאָזיקן קאַנט און האָט מיט דעם שלום געמאַכט: דידאָזיקע העסלעכקייט איז גע־ווען אַזוי האָפנונגסלאָז, אַזוי דערשלאָגנדיק, אַז עס איז אוממעג־לעך געווען אפילו צו טראַכטן וועגן איר. אין די ווייניק־סימפּאָ־טישע צימערן פון הויז האָט קאָני געהערט דאָס רוישן פון די גרובן־מאַשינען, דאָס סאָפּען פון די דאַמף־הייבערס, דאָס קלאַפּן פון די וואַגאָנעטקעס און דאָס הייזעריקע, אָפּגעהאַקטע פייפן פון לאָקאָמאָטיוו. די האַלדעס אַרום דעם גרובן האָבן געטליִעט, גע־ברענט שוין לאַנגע יאָרן און ס'זענען נייטיק געווען גרויסע געל־טער זיי צו פאַרלעשן, זיי האָבן דעריבער געמוזט ברענען. אָפט, ווען דער ווינט האָט געצויגן פון יענער זייט, איז דאָס גאַנצע הויז פול געווען מיט דעם שוועבלדיקן געשטאַנק פון דעם ברע־נענדיקן ערדישן טינופת. אויך אין אָנווינטיקע טעג האָט זיך אין דער לופט געשפּירט אַ ריח פון אונטער דער ערד: שוועבל, אייזן, שטיינקוילן אָדער זויערשטאָף. אפילו אויף די רויזן אין גאָרטן האָט זיך אָפּגעזעצט אַ שיכט סאַדזע ווי שוואַרצער מאָן.

יאָ, דאָס איז טאַקע שרעקלעך, אָבער צוואָס ברוגז זיין דערויף? רוגז האָט דאָ גאָרנישט געקאָנט העלפן, אַלץ איז זיך געגאַנגען זיין וועג. דאָס לעבן און דאָס איבעריקע! אויף די ני־דעריקע, טונקעלע כמאַרעס האָבן ביינאַכט געפלאַקערט רויטע שטרייפן, זיי האָבן געציטערט, זיך געשרומפּן און ווידער זיך צע־בלאָזן ווי ברענבלאָזן און געשאַפן באַשיינפּערלעכן ווייטיק. דאָס זענען געווען די הויטע־אויוונס. לכתחילה האָבן זיי קאָנין צוגע־צויגן מיט זייער אייגנאַרטיקער גרויזאַמקייט, עס האָט זיך איר אויסגעוויזן, אַז זי לעבט אונטער דער ערד. שפּעטער האָט

זי זיך צוגעווינט. אינדערפרי פֿלעגט געווײנלעך רעגענען.
קליפאָרד פֿלעגט טענהן, אַז אים איז ליבער דאָ ווי אין לאָנדאָן. די געגנט האָט עפּעס דאָ אַ באַזונדערן, אײגנאַרטיקן כאַראַקטער און די מענטשן — אויסדויער. קאָני פֿלעגט דערבײַ אַ טראַכט טון, אַז אַ חוץ אויסדויער באַזיצן דאָ די מענטשן מער גאָרנישט, אפֿילו קײן אויגן און קײן געהירן נישט. די אײַנוווי־נער זענען געווען גלײַך ווי זײער געגנט, אויסגעטרוקנט, אומגע־לומפּערט, מרה־שחורהדיק און אומהעפֿלעך, בלויז אין זײער צע־צויגענער אויסשפּראַך און אינם געקלימפּער פֿון זײערע שווער־געקאָווועטע אַרבעטס־שיך, ווען זײ זענען גרופּקעסווײַז געגאַנגען איבערן אַספֿאַלט אַרויס פֿון דער אַרבעט, איז געווען עפּעס אַ מין רעטזלהאַפֿטיקײט, עפּעס אַזוינס, וואָס דערוועקט פּחד.
צוליבן אָנקום פֿון גוטבאַזיצער איז נישט פֿאָרגעקומען קײן קבלת־פּנים, נישט קײן באַגעגעניש, נישט קײן דעפּוטאַציע, אפֿילו קײן בלימל נישט. בלויז אַ פֿײַכט, קאַלט פֿאָרן אינם אויטאָ לענג־אויס דער טונקעלער, נאַסער אַלעע צווישן מרה־שחורהדיקע בײ־מער אַזש ביזן עק פּאַרק, וווּ עס האָבן זיך געפּיטערט גרויע, נאַ־סע שעפּסן, אַזש ביזן שפּיץ בערגל, וווּ ס׳האָט זיך אויסגעשפּרײט דער טונקל־ברוינער פֿראָנט פֿון הויז און וווּ עס האָבן אָפּגעוואַרט דעם פֿרײַץ די עקאָנאָמקע מיטן מאַן, בײדע געשפּענסטיקע, ווי נישט קײן זיכערע באַווױנער פֿון דער ערד־אויבערפֿלאַך, בײדע גרײט אַרויסצושטאַמלען זײער באַגריסונג.
עס איז לגמרי קײן שום קאָנטאַקט נישט געווען צווישן דעם גוט און דעם דאָרף, קײן שום. קײנער האָט די האַנט נישט אויפֿגעהויבן דאָס היטל צו ציען, קײנער האָט זיך נישט פֿאַרנײגט. די גרובן־אַרבעטער האָבן בלויז געקוקט, די אײגנטימער פֿון די געוועלבלעך האָבן פֿאַר קאָנין דאָס היטל אַראָפּגענומען, צו קלי־פֿאָרדן פֿלעגן זײ אַ שאָקל טון מיטן קאָפּ: דאָס אינגאַנצן, מער גאָרנישט. אַ תהום נישט צום אַריבערשטײַגן און פֿון בײדע זײַטן תהום — אַ באַהאַלטענער אָפּשײַ. אין אָנהײב האָט קאָני געליטן פֿון דעם באַשײַנפּערלעכן ווידערווילן, מיט וועלכן דאָס דאָרף האָט

זי באַשאָנקען. שפּעטער איז זי דערצו געוווינט געוואָרן, עס איז ביי איר געוואָרן אַ מין אויפמונטערונגס־מיטל קעגן דעם אַרו־מיקן אומעט. פונדעסטוועגן דאַרף מען דערפון נישט דריינגען, אַז מ׳האָט זי און קליפאָרדן פיינט געהאַט — זיי האָבן איינפאַך גע־הערט צו אַן אַנדערן מין באַשעפענישן. אַ תהום, אַ דעקלאַזער אָפּגרונט, וועלכער עקזיסטירט צווישן פריץ און אַרבעטער אין דעם אינדוסטריעלן טייל פון ענגלאַנד. בלייב דו אויף דיין זייט — איך וועל מיר בלייבן אויף מיין זייט! אַן אויסטערלישע פאַרלייקענונג פון דעם געמיינזאַמען מענטשלעכקייטס־געפיל.

אַבסטראַקט גענומען האָט דאָס דאָרף מיט קליפאָרדן און קאָנין סימפּאַטיזירט. אָבער דערדאָזיקער „לאָז מיך געמאַך!‟ איז פאַרוואָרצלט געווען ביי ביידע צדדים.

דער גלח איז געווען אַ סימפּאַטישער מענטש פון אַ יאָר זעכציק, ער האָט זיך שטאַרק איבערגענומען מיט זיינע פּריסטער־פליכטן און פערזענלעך איז ער געווען אַזוי ווי דערדריקט דורך דעמדאָזיקן שטילן לאָזונג פון דאָרף „לאָז מיך געמאַך!‟ די פרויען זענען כמעט אַלע געווען מעטאָדיסטינס. די מענער זענען גאָרנישט געווען. אָבער דאָס פּיצל אוניפאָרם, וועלכן דער גייסטלעכער האָט געטראָגן, איז שוין גענוג געווען פולשטענדיק צו פאַרטושן דעם פאַקט, אַז ער איז אויך אַ מענטש ווי אַלע אַנדערע. מיט איין וואָרט, דער פּריסטער איז געווען אַזאַ מין אויטאָמאַט, וואָס זאָגט תפילות און האַלט דרשות.

די באַהאַלטענע, אינסטינקטיווע כוונה פון די דאָרפסלייט, אויסגעדרוקט אַזוי: „מיר זענען, חלילה, נישט ערגער פון דיר, כאָטש דו ביסט מאַדאַם טשאַטערליי!‟ האָט קאָנין אינאַנהייב פאַר־שאַפט עגמת־נפש. די פאַלשע, פאַרדעכטלעכע העפלעכקייט, מיט וועלכער די פרויען פון די גרובן־אַרבעטער האָבן זיך צו איר באַ־צויגן, בשעת זי האָט זיך געפרוווט דערנענטערן צו זיי, דער באַ־ליידיקנדער: „אָווא, בין איך דאָך יאָ עפּעס ווערט, אויב ליידי טשאַטערליי באַוויליקט מיט מיר צו רעדן! פונדעסטוועגן זאָל זי נישט מיינען, אַז איך בין ווינציקער ווערט פון איר!‟ — דידאָ־

זיקע הינטער־כוונה, וועלכע האָט זיך געשפּירט אין די האַלבּ־חניפהדיקע ריידעלעך פון די ווייבער, איז פאַר איר געווען ממש אומדערטרעגלעך. ס'איז עס אוממעגלעך געווען אויסצומיידן. עס איז דערין געווען עפּעס אויסטערלישס, אויפרייצנדיקס, דעפּרימירנדיקס.

קליפאָרד האָט די מענטשן אויסגעמיטן, קאָני האָט זיך באַמיט נאָכצוטון זיין ביישפּיל: פּשוט, זי פלעגט פאַרבייגיין און נישט קוקן אין זייער זייט; די פרויען פלעגן אַרויסזעצן אויף איר די אויגן, ווי זי וואָלט געווען נישט קיין מענטש, נאָר אַ וואַקסענע לאַלקע. ווען קליפאָרד האָט זיך געמוזט מיט זיי צונויפטרעפן, פלעגט ער זיך באַציען צו זיי גאוהדיק, ביטולדיק; ער פלעגט בכלל מענטשן נישט פון זיין שטאַנד טראַקטירן מיט ביטול און גאווה. די מענטשן האָבן אים נישט ליב געהאַט און אויך נישט פיינט געהאַט — גאָרנישט, זיי האָבן זיך צו אים באַצויגן ווי צו די האַלדעס, ווי צום רויך פון דעם גרובן־קוימען.

קליפאָרד איז אָבער אין דער ווירקלעכקייט געווען זייער שרעקעוודיק און שעמעוודיק, בפרט איצט, זינט ער איז פאַראַליזירט געוואָרן. ער האָט קיינעם נישט געקאָנט פאַרטראָגן אויסער דעם דינער זיינעם, וועלכער האָט אים פערזענלעך באַדינט. דאָס געצוווּנגענע זיצן אין פאָטעל האָט אים אין זיינע אויגן דערנידעריקט. נישט קוקנדיק דערויף האָט ער זיך געקליידט פונקט אַזוי עלעגאַנט ווי פריער, געטראָגן די פּרעכטיקסטע קראַוואַטן און די אייבערשטע טייל פון זיין קערפּער האָט זיך פּרעזענטירט גרויסאַרטיק. אָבער קיין פּראַנטישער יונגערמאַן פון מאָדערנעם סטיל איז ער קיינמאָל נישט געווען. ער האָט אין זיך פאַרמאָגט עפּעס דאָרפישס אַ דאַנק די רויטלעכע באַקן און די ברייטע פּלייצעס. נאָר די שטימע זיינע, די זייער געלאַסענע און עטוואָס ציטערדיקע, און די אויגן, אַרויספּאָדערנדיקע און גלייכצייטיק שרעקעוודיקע, דער בליק זייערער, צייטנווייז אַ זעלבּסטזיכערער און צייטנווייז אַ פאַרלוירענער, האָבן פאַרראַטן זייער אמתדיקן כאַראַקטער.

קאָני און איר מאַן האָבן זייער האַרציק צווישן זיך געלעבט,

עס איז נאָר פאַרבליבן צווישן זיי די דיסטאַנץ, וואָס איז כאַראַק־טעריסטיש פאַר היינטצייטיקע מאַן־און־ווייב־באַציִונגען. קליפאָרד האָט צופיל אינערלעך געליטן פון זיין פאַרקריפּלונג, ער זאָל קאָ־נען זיין פריי און לייכט אין דער באַציִונג מיט וועמען עס איז. ער איז געווען אַן אייביקע קאַליקע און דערפאַר טאַקע איז קאָני געווען צו אים ליידנשאַפטלעך צוגעבונדן.

זי האָט זיך אָבער בשום אופן נישט געקאָנט גענוג אָפּוווּנ־דערן, ווי שטאַרק ער איז אין דער ווירקלעכקייט דערווייטערט פון מענטשן. די גרובן־אַרבעטער זענען אין אַ געוויסער מאָס גע־ווען זיינע מענטשן, ער האָט אָבער געקוקט אויף זיי ווי אויף זאַכן, נישט ווי אויף לעבעדיקע מענטשן, נישט ווי אויף חלקים פון לעבעדיקן אַרום, ער האָט אויף זיי געקוקט ווי אויף ברוטאַלע, פאַרמלאָזע דערשיינונגען, נישט ווי אויף נאָענטע באַשעפענישן, מיט וועלכע מ׳האָט עפּעס געמיינזאַמס. זייער רוי, האַרט לעבן האָט אויסגעזען אומנאַטירלעך אין זיינע אויגן, ווי אַ שטייגער דאָס לעבן פון מוילוורפן.

ווען ער האָט יאָ אַרויסגעוויזן אַ שטיקל פאַראינטערעסירונג מיט דער אַרומיקער מענטשן־וועלט, האָט עס אויסגעזען, ווי ער וואָלט געקוקט אַרויף דורך אַ טעלעסקאָפּ, אָדער אַראָפּ דורך אַ מיקראָסקאָפּ, אָן קאָנטאַקט. ער האָט בכלל מיט גאָרנישט נישט גע־האַט קיין קאָנטאַקט, — בלויז מיטן גוט זיינעם — צוליב דעם טראַדיציע־געפיל — און מיט דער שוועסטער עמאַ — צוליב דעם פאַמיליע־אינסטינקט. קאָני האָט געפילט, אַז אין תוך גענומען אינ־טערעסירט זי אים אויך נישט, גאָרנישט, לחלוטין נישט; מעג־לעך, אַז סוף־כל־סוף האָט ער גאָרנישט אין זיך פאַרמאָגט אַזוינס, וואָס זאָל זיין מחוץ דער קאָנטאַקטלאָזיקייט מיטן לעבעדיקן אַרום.

דאָך איז ער געווען אומבאַדינגט אָפּהענגיק פון איר, זי איז אים נייטיק געווען אין יעדער מינוט. כאָטש ער איז געווען פיזיש שטאַרק, איז ער דאָך געווען אומבאַהאָלפן. ער האָט געקאָנט אַרומפאָרן אינם פאָטעל אויף רעדלעך, ער האָט געקאָנט אינם

מאַטאַריזירטן וועגעלע אַליין אַרומקרייזן דעם פּאַרק. אָבער נישט איינער אַליין, ווײַל איינער אַליין איז ער געווען פולשטענדיק הילפלאָז. ער האָט געמוזט לעבן זיך האָבן קאָנין, כּדי אַליין צו האָבן די זיכערקייט, אַז ער לעבט אינדעראמתן.

אָבער אַמביציע האָט ער פאַרמאָגט אַ סך. ער האָט אָנגע־הויבן שרייבן נאָוועלעס, מאָדנע, שטאַרק פאַרזענלעכע מעשׂיות וועגן באַקאַנטע מענטשן. קלוגע געשיכטעס, זייער קלוגע און זייער ביזווייליקע, וועלכע זענען אויף אַן אייגנאַרטיקן אופן געווען באַ־דייטונגסלאָז. אַן אויסערגעוויינלעכן באַאָבאַכטונגס־טאַלאַנט האָט ער פאַרמאָגט. קיין געמיינזאַמקייטס־קראַפט, קיין אוממיטלבאַרער קאָנטאַקט צווישן שרייבער מיטן באַשריבענעם איז אָבער אין זיי־נע נאָוועלעס נישט געווען. זיי האָבן געמאַכט אַן איינדרוק, ווי די אַקציע וואָלט זיך אָפּגעשפּילט אין עולם התוהו. און ווײַל די אַרענע פון לעבן איז היינט מערסטנטיילס געגליכן צו אַ קינסט־לעך־באַלויכטענער בינע, האָבן דידאָזיקע נאָוועלעס אויף אַ מערק־ווירדיקן אופן זיך געפּאַסט צום היינטיקן לעבן, בעסער געזאָגט — צו דער היינטיקער פּסיכאָלאָגיע.

בנוגע דידאָזיקע דערציילונגען זיינע איז קליפאָרד געווען כמעט קרענקלעך פילבאַר. ער האָט געגאַרט, אַז יעדן זאָלן זיי געפעלן, יעדער זאָל זיי האַלטן פאַר דאָס בעסטע. זיי פלעגן זיך דרוקן אין די מאָדערנסטע זשורנאַלן און ווי געוויינלעך באַקומען גוטע און שלעכטע אָפּרופן. פאַר קליפאָרדן פלעגן אָבער די שלעכ־טע אָפּרופן זיין אויסטערליש פּיינלעך, ממש ווייטיקלעך, ווי מען וואָלט אים מיט מעסערס געשטאָכן, ווי זיין גאַנצער „איך" וואָלט זיך געפינען אין דידאָזיקע נאָוועלעס..

קאָני פלעגט אים העלפן לויט אירע מעגלעכקייטן. לכתחילה איז זי געווען אַנטציקט. קליפאָרד פלעגט מיט איר אַרומרעדן אַלץ, ער פלעגט עס אַרומרעדן איינטאָניק, דורכדרינגלעך, עקשנות־דיק, זי האָט מיט היץ געמוזט אויף אַלץ מסכּים זיין. גלייך ווי איר גאַנצע נשמה, דער גאַנצער קערפּער, אַלע אירע חושים וואָלטן געמוזט אויפוואַכן און אַריינדרינגען אין דידאָזיקע דער־

צײלונגען. דאָס האָט זי באַהערשט און באַשעפּטיקט אינגאַנצן.

קײן פיזיש צוזאַמענלעבן האָבן זײ כּמעט נישט פאַרמאָגט. קאָני האָט געדאַרפט אַכטונג טון אויף דער באַלעבאַטישקײט. אָבער די ווירטין האָט אין דעם הויז געדינט שוין לאַנגע יאָר און די אויסגעדאַרטע אַלטיטשקע, וועלכע האָט זײ דערלאַנגט צום טיש, האָט די טשאַטערלײס געשפּײזט שוין פערציק יאָר צײט. אפילו די שטוב-מײדלעך זענען געווען איבערצײטיקע. אַ שרעק האָט אַרומגעכאַפּט! וואָס-זשע האָט מען מיט אַזאַ הויז געקאָנט מאַכן? דאָס אײנציקע מיטל איז געווען אויסמײדן עס! די אַלע אָנצאָליקע, אומענדלעכע צאָל צימערן, וועלכע קײנער האָט נישט באַנוצט, די גאַנצע מיטל-ענגלישע מאָנאָטאָנישקײט, די מעכאַנישע זויבערקײט, די מעכאַנישע אָרדענונג! קליפאָרד האָט געוואָלט צונעמען אַ נײַע קעכין, אַ געניטע, וועלכע האָט אים נאָך געקאָכט אין לאָנדאָן, בשעת ער האָט דאָרט געוווינט אַלס קאַוואַלער. בכלל האָט זיך אַלץ דאָ געפירט אויף עפּעס אַ מין אַנאַרכיסטישן שטײגער. אַלץ איז געווען אין דער בעסטער אָרדענונג, אין דער מוסטערהאַפּטסטער זויבערקײט, אין דער גרעסטער פּינקטלעכקײט, אפילו אין דער פײַערלעכסטער געוויסנהאַפטיקײט, אָבער קאָני האָט געשפּירט אין דעם אַלעם אַ מעטאָדישע, אַ מעכאַנישע אַנאַרכיע. קײן ברעקל וואַרעמקײט האָט דאָס אַלץ נישט פאַראײניקט אָרגאַניש. דאָס גאַנצע הויז איז געווען אַזוי אומעטיק ווי אַ פאַרוואָרלאָזטער שאָסײ.

וואָס-זשע האָט זי דאָ מער געקאָנט טון, ווי לאָזן אַלץ אויפן אײגענעם באַראָט?... און זי האָט אַזוי געטון. עמאַ טשאַטערלײ פלעגט טײלמאָל קומען צו פאָרן, אַ בליק טון און הנאה האָבן, וואָס אַלץ איז דאָ געבליבן ווי געווען, אומגעענדערט. זי האָט נישט געקאָנט מוחל זײַן דער שוועגערין, וואָס זי האָט בײַ איר צוגענומען דעם ברודער, זי, עמאַ, וואָלט אים באַדאַרפט שרײַבן די נאָוועלעס, די ביכער; דידאַזיקע טשאַטערלײאישע נאָוועלעס זענען דאָך אַזוינס, וואָס נאָר ז״י, די טשאַטערלײס, קאָנען מיט דעם אַ שײַכות האָבן!

קאָניס פאָטער האָט איינמאָל אָפּגעשטאַט אַ וויזיט און אַ זאָג געטון דער טאָכטער אונטער פיר אויגן:

– קליפאָרדס שרייבעכץ איז גאַנץ שכלדיק, אָבער ס'איז נישטאָ דערין גאָרנישט. נישטאָ קיין שטאַנדהאַפטיקס!...

קאָני האָט אָנגעקוקט דעם דיקן שאָטלענדער, וועלכער האָט זיך טיכטיק אָן עצה געגעבן מיטן לעבן און אירע גרויסע, פאַר־חידושטע, בלויע אויגן האָבן באַקומען אַ פאַרנעפּלטן אויסדרוק. ס'איז נישטאָ דערין גאָרנישט! וואָס מיינט ער מיטן „נ י ש ט אָ ד ע ר י ן ג אָ ר נ י ש ט?” אויב די קריטיקער לויבן עס, אויב קליפאָרד איז שיער נישט באַרימט, אויב מ'צאָלט אפילו געלט דערפאַר... וואָס־זשע האָט איר פאָטער געמיינט זאָגנדיק, אַז דאָס, וואָס קליפאָרד שרייבט, האָט אין זיך גאָרנישט? וואָס דאַרף דען דערין זיין?

ביי זיין צווייטן וויזיט האָט דער פאָטער צו איר גע־זאָגט:

איך גלייב, קאָני, אַז דו וועסט בייקומען די אומשטענדן און נישט בלייבן קיין האַלבע בתולה?

— אַ האַלבע בתולה? — האָט קאָני מיט אומזיכערקייט אַ פרעג געטון — פאַרוואָס? פאַרוואָס נישט?

– אוודאי נישט! און אפשר געפעלט דאָס דיר! — האָט ער אַליין צוגעגעבן.

דאָס זעלבע האָט ער געזאָגט צו קליפאָרדן, ווען ער איז מיט אים געבליבן אַליין.

— איך צווייפל, צי פאַר קאָנין איז פאַסיק צו בלייבן אַ האַלבע בתולה.

— אַ האַלבע בתולה! — האָט קליפאָרד איבערגעחזרט דעם אויסדרוק, כדי אים איבערצוקייען.

אַ ווייל האָט ער זיך געשלאָגן מיטן געדאַנק, דערנאָך איז ער רויט געוואָרן. ער האָט זיך געפילט אָנגעגריפן און באַ־ליידיקט.

— צום בײשפּיל, מיט װאָס איז דאָס פאַר איר נישט פּאַסיק? — האָט ער געפרעגט טרוקן.

— זי װערט דאַר... קנאַכיק. דאָס איז נישט צוגעפּאַסט פאַר איר, זי געהערט נישט צום סאָרט אױסגעװײקטע, אַנעמישע מײדלעך. זי איז אַ לעבעדיקע, פולבלוטיקע שאָטלענדערין.

— נו, איז װאָס־זשע דערפון? — האָט קליפאָרד זיך אָפּגעפּטרט.

ער האָט דערנאָך געװאָלט מאַכן אַ שמועס מיט קאָנין װעגן דעם ענין, װעגן דער האַלב־בתולישקײט, אָבער ער האָט עס נישט געקאָנט טון. ער האָט זיך מיט איר געפילט אי געגנוג צוגעפגעלעבט, אי װײניק אײנגעלעבט. ער האָט זיך געפילט מיט איר פאַראײניקט אין גײסט, אָבער קערפּערלעך האָבן זײ די מינדסטע געמײנזאַמקײט נישט געהאַט און װעגן סעקסועלע ענינים איז קײנמאָל צװישן זײ קײן מגע־ומשא, קײן רײד נישט געװען. זײ זענען געװען גאַנץ ענג צונױפגעלעבט, אָבער אָן קאָנטאַקט.

קאָני האָט זיך אָבער תיכף משער געװען, אַז איר פאָטער האָט געשמועסט מיט קליפאָרדן װעגן אַזױנס, װאָס האָט איר מאַן געערגערט. זי האָט געװוסט, אַז אים גײט עס װײניק אָן, אָבער איצט האָט עס אים געערגערט דערפאַר, װײל מ'האָט אים אױפמערקזאַם געמאַכט דערױף. װאָס דאָס אױג זעט נישט און װעגן װאָס דער מוח טראַכט נישט — עקזיסטירט נישט.

קאָני און קליפאָרד האָבן שױן צװײ יאָר צײט געלעבט דאָ מיט אַן אומבאַשטימטע לעבן, װאָס האָט זיך געדרײט אַרום קליפאָרדן און זײנע װערק. זײערע בײדנס פאַראינטערעסירונגען זענען זיך שטענדיק צונױפגעקומען נאָר אין זײנע װערק. זײ האָבן געשמועסט און זיך געראַנגלט בשעת די חבלה־לידה פון די װערק און געמײנט, אַז עס טוט זיך עפּעס, אַז עס שאַפט זיך עפּעס װירקלעכס אינעם לײדיקן רוים.

און ס'איז באמת געװען — אַ לעבן אין לײדיקן רוים. אַ חוץ דעם איז עס געװען אַ מיראַזש פון לעבן. ס'האָט עקזיסטירט

דאָס גוט, דער פּאַרק, די דינערשאַפט... אָבער זיי האָבן עקזיסטירט געשפּענסטיק, נישט ממשותדיק. קאָני האָט אַרומשפּאַצירט אין פּאַרק, אין די וועלדלעך אַרום פּאַרק, זי האָט זיך געקוויקט מיט דער איינזאַמקייט און סודותדיקייט, זי האָט מיט די פיס געטרעטן די געלע בלעטער אין האַרבסט און אָפּגעריסן די פּרימולקעס אין פרילינג. אָבער דאָס אַלץ איז פאָרגעקומען אין חלום, אָדער, בעסער געזאָגט, געווען איז דאָס אַלץ אַן אָפּשפּיגלונג פון דער ווירקלעכקייט. די דעמבענע בלעטער זענען פאַר איר געווען ווי דעמבענע בלעטער אין שפּיגל, זי אַליין איז געווען אַ פּערזאָן, וועגן וועלכער עמעץ האָט געלעזן אין אַ בוך, און געריסן האָט זי פּרימולקעס, וועלכע זענען געווען שאָטנס, אָדער זכרונות, אָדער גאָר ווערטער... נישט זי, נישט גאָרנישט אַרום האָט נישט געהאַט קיין ממשות... אָן אַ צוזאַמענהאַנג, אָן אַ קאָנטאַקט. בלויז דאָס לעבן מיט קליפאָרדן, דאָס שפּינען די פעדעם פֿון ח-געוועב, די נאָטיצן פון באַוווסטזיין, די דערציילונגען, וועגן וועלכע איר פאָטער האָט געזאָגט, אַז זיי האָבן אין זיך גאָרנישט, אַז זיי זענען נישט שטאַנדהאַפטיק. צוואָס זאָל דען אין זיי עפּעס זיין, צוואָס זאָל זיי זיין שטאַנדהאַפטיק? גענוג פאַר איין טאָג דאָס בייזע פון איין טאָג. גענוג פאַר איין רגע די שיין פון דער ווירקלעכקייט.

קליפאָרד האָט געהאַט אַ סך פריינט, באַקאַנטע, וועלכע ער פלעגט פאַרבעטן צו זיך אין גוט. ער פלעגט איינלאַדן אַלערליי מענטשן, קריטיקער, שרייבער, די, וועלכע האָבן געקאָנט העלפן אים אָפּלויבן זיינע ביכער. זיי ווידער האָבן שטאָלצירט דערמיט, וואָס מ׳האָט זיי פאַרבעטן, און זיי פלעגן לויבן די ביכער אין טאָג אַריין. קאָני האָט דאָס אויסגעצייכנט פאַרשטאַנען. וואָס-זשע איז דער מער? איינס פון די פאַרביישוועבנדיקע אָפּשפּיגלונגען. וואָס-זשע איז דאָ דער מער?

זי איז געווען די באַלעבאָסטע, די גאַסטפריינטלעכע ווירטין פאַר די געסט, מערסטנטיילס מאַנספּערשוינען. זי איז אויך געווען באַלעבאָסטע פאַר קליפאָרדס קרובים, וועלכע פלעגן צייטנווייז קומען. און ווייל זי איז געווען אַ באַשעפעניש אַ ווייכס, אַ

ראָזעס, אַ דאָרפּישס, מיט זומער־שפּרענקעלעך, מיט גרויסע בלויע אויגן, געקרייזלטע קאַשטאַנפאַרביקע האָר, מיט אַן איידעלער שטימע און ברייטע שטאַרק־אַנטוויקלטע פּרויען־היפּטן, האָט מען זי געהאַלטן פאַר אַן אַלטמאָדישער באַבע. זי איז נישט געווען קיין היינטמאָדישער „אויסגעוויקטער הערינג" מיט אַ יינגלערישער פיגור, אַ פלאַכער ברוסט און אַ שמאָלן הינטן. זי איז געווען צופיל פרוי און דעריבער ווייניק געשיקט.

דעריבער האָבן די מענער, צום מייגסטן די עלטערע, אַ ביסל זי טראַקטירט מיט צופיל העפלעכקייט. קאָני האָט גוט געוווסט, וואָס קליפאָרד וואָלט איבערגעליטן, ווען זי פלירטעווען מיט ווער עמען, און זי האָט זיך אָפּגעהאַלטן דערפון. זי איז געווען רויק און אומאַנטשלאָסן, נישט געהאַט מיט די געסט קיין מגע־ומשא און נישט געוואָלט האָבן. קליפאָרד איז געווען מיט זיך זייער צופרידן.

זיינע קרובים זענען צו איר געווען זייער איידל. זי האָט גוט געוווסט, אַז זייער איידלקייט שטאַמט פון ביטול, דערדאָזיקער מין מענטשן קאָן אַכטן נאָר יענעם, פאַר וועמען ער האָט מורא. זי האָט אויך מיט זיי קיין געמיינזאַמס נישט געהאַט. זי האָט זיי דערלויבט צו טראַקטירן זי, ווי זיי האָבן נאָר געוואָלט, זי האָט זיי געגעבן אָנצוגעהערן, אַז זי־ האַלט נישט קיין מעסער הינטערן רוקן.

די צייט האָט זיך גערוקט. וואָס איז אַלץ פאָרגעקומען, איז אייגנטלעך גאָרנישט פאָרגעקומען, ווייל זי האָט דאָך מיט אַלץ און אַלעם קיין קאָנטאַקט נישט געהאַט, זי און קליפאָרד האָבן געלעבט מיט זייערע אידעען און זיינע ווערק. זי האָט אויפגענומען געסט — שטענדיק פלעגט עמעץ זיין ביי זיי. די צייט האָט זיך גערוקט ווי אַ זייגער – נאָך האַלב אַכט איז געוואָרן האַלב ניין.

קאַפּיטל III

קאָני איז אָבער אַלץ אומרויִקער געוואָרן. דאָס פעלן פון קאָנטאַקט מיט דער סביבה האָט זי געמאַכט עפּעס צערייצטער; דער אומרו האָט זי צייטנווייז באַנומען ווי אַ מין משוגעת. זי פלעגט אָפט טון דאָס, וואָס עס האָט זיך איר לגמרי נישט גע־וואָלט טון. די פיס, די הענט, די פלייצעס, זענען אין זייערע באַ־וועגונגען אָפט ווידערשפּעניק געווען איר ווילן. זיי האָבן זיך אויסגעגלייכט, ווען זי האָט זיי גאָר געוואָלט איינבייגן. אַזאַ מין געפיל האָט דורכגעדרונגען איר לייב, איר מוטער־לייב, אַז זי פלעגט חשק האָבן אין אָנטון אַריינצושפּרינגען אין אַ וואַסער און אַוועקשווימען, אַנטלויפן פון דעם אַלעם; דאָס איז געווען אַ וואַנ־זיניקער אומרו. ער האָט איר פאַרשאַפט גאַנץ אָפט שטאַרקע האַרצ־קלאַפּעניש אָן אַ שום סיבה, זי האָט אָנגעהויבן אויסצוזען ערגער פון טאָג־צו־טאָג.

דאָס איז פּשוט געווען אַ לוסט נאָך עמאָציעס, באַוועגונגס־לוסט. פּלוצלינג פלעגט זי איבערלאָזן קליפּאָרדן אינמיטן פּאַרק, אַנטלויפן אויף אַ ווייט לאַנקעלע און זיך אויסציען צווישן די פּאַפּראָט־בלעטער. נאָר אַנטלויפן, אַנטלויפן פונדערהיים... זי האָט געמוזט אַנטלויפן פון שטוב, פון די מענטשן. דער וואַלד איז גע־וואָרן איר איינציקע באַהעלטעניש, איר קודש־קדשים.

ער איז אָבער נישט געווען פאַר איר קיין אמתדיק באַהעל־טעניש, קיין עכטער קודש־קדשים, ווייל זי האָט מיט אים קיין גע־מיינזאַמס נישט געהאַט. ער איז פאַר איר געווען בלויז דאָס אָרט, ווו זי האָט זיך געקאָנט באַפרייען פון אַלעם איבעריקן. זי האָט קיינמאָל מיט דער עכטקייט פון וואַלד קיין קאָנטאַקט נישט גע־האַט...

זי האָט זיך אומבאַוווסטזיניק אָפּגעגעבן אַ חשבון דערפון, וואָס עס קוועלט זי. זי האָט אומדייטלעך פאַרשטאַנען, אַז דער קאָנטאַקט

מיט דער ממשותדיקער, לעבעדיקער וועלט פעלט איר. בלויז קלי־פאָרד מיט די ביכער זיינע, וועלכע פאַרמאָגן נישט קיין ממשותדי־קייט... אין וועלכע ס'איז גאָרנישט פאַרהאַן! פוסט און ליידיק. זי האָט דאָס אומקלאָר באַגריפן, אָבער ס'האָט אויסגעזען, ווי זי וואָלט זיך מיטן קאָפּ געשלאָגן אָן אַ שטיין.

דער פאָטער פלעגט זי וואָרענען נישט איינמאָל:

— פאַרוואָס זוכסטו דיר נישט אויס אַ מאַנספּערשוין? דאָס וואָלט געווען דאָס בעסטע פאַר דיר.

דעם זעלבן ווינטער איז צו זיי געקומען מיכאַעליס אויף עטלעכע טעג. דאָס איז געווען אַ יונגער אירלענדער, וועלכער האָט פון זיינע דראַמעס געמאַכט שיין געלט אין אַמעריקע. די עלעגאַנטע לאָנדאָנער געזעלשאַפט האָט אים אַ שטיק צייט אויפ־גענומען ממש ענטוזיאַסטיש, ער האָט געשריבן געלונגענע פּיעסעס פאַר דער פיינער געזעלשאַפט. דערנאָך האָט זיך די עלעגאַנטע גע־זעלשאַפט מיטאַמאָל געכאַפּט, אַז דער מיאוסער דובלינער שרץ חוזקט פון איר אָפּ אין זיינע טעאַטער־שטיק און עס איז געקומען די רעאַקציע. מיכאַעליס איז געוואָרן די פאַרקערפּערונג פון מיאוס־קייט און נידערטרעכטיקייט. ער איז דעמאַסקירט געוואָרן אַלס שונא פון ענגלישן גייסט — אין די ספערן, וועלכע האָבן די אַנט־דעקונג געמאַכט, איז שנאה צום ענגלישן גייסט געווען דער גרעס־טער און מיאוסטער חטא. מ'האָט אים איינמאָל פאַר אַלעמאָל אָפּ־געקוילעט און דאָס מת אַריינגעוואָרפן אין מיסטקאַסטן.

נישט קוקנדיק דערויף האָט מיכאַעליס ווייטער געוווינט אין זיינע עלעגאַנטע אַפּאַרטאַמענטן און ווען ער פלעגט זיך באַווייזן אין גאַס, איז ער אַלץ ווייטער געווען דער אידעאַלסטער דזשענטל־מען, ווייל די בעסטע שניידערס אפילו קאָן מען נישט צווינגען, אַז זיי זאָלן נישט אָננעמען קיין באַשטעלונגען ביי געפאַלענע שטערנס, אויב די געפאַלענע שטערנס האָבן נאָר די מטבע צו באַצאָלן.

קליפאָרד האָט איינגעלאַדן דעמדאָזיקן דרייסיקיעריקן דראַ־מאַטורג אין דער צייט, וועלכע איז שוין זייער נישט גינציק גע־

ווען פאַר מיכאַעליסעס געזעלשאַפטלעכע אַספּיראַציעס. אָבער קליפאָרד האָט געוווּסט, וואָס ער טוט. מיכאַעליסעס באַמען האָט נאָך געהאַט אַ צויבער פאַר עטלעכע מיליאָן מענטשן; און דווקא דעריבער, וואָס ער איז שוין אַ געפאַלענער שטערן, וועט ער געוויס זיין דאַנקבאַר פאַר דער איינלאַדונג צו הער טשאַטערליי, בשעת די רעשט אַריסטאָקראַטן פאַרשטויסן אים. אויס דאַנקבאַרקייט וועט ער געוויס העלפן קליפאָרדן אין אַמעריקע. און עס קאָן זייער צונוץ קומען, ווען מ׳רעדט פון דיר גוטס, בפרט אין אַמעריקע! קליפאָרד איז געווען אַ מענטש מיט אַ ווייטן בליק; און ס׳איז ממש געווען צו באַוווּנדערן, וואָס פאַר אַ שטאַרקן אינסטינקט פאַר רעקלאַמע ער האָט פאַרמאָגט. עס איז געקומען דערצו, אַז מיכאַעליס האָט אים זייער אויף אַ דעליקאַטן אופן פאַראייביקט אין זיינס אַ פּיעסע און קליפאָרד איז געוואָרן כמו אַ פאָלקס־העלד. ביז ס׳איז געקומען די רעאַקציע, — ער האָט באַמערקט, אַז דער אירלענדער האָט פון אים אויך אָפּגעחוזקט.

קאָני האָט זיך צוביסלעך געוווּנדערט, וואָס קליפאָרד שטרעבט אַזוי צו ווערן באַרימט; דאָס הייסט – ווערן באַוווּסט אין דער ריזיקער, געשטאַלטלאָזער וועלט, וועלכע ער האָט נישט געקענט און פאַר וועלכער ער האָט זיך געשראָקן; ווערן באַרימט אַלס ערשטקלאַסיקער, היינטצייטיקער ליטעראַט. קאָנין האָט געהאַט דערציילט דער פאָטער איר, אַז קינסטלער רעקלאַמירן זיך און באַמיען זיך צו פאַרקויפן זייער סחורה. דער פאָטער אירער האָט אויפן דאָזיקן געביט געטון דאָס זעלבע, וואָס אַלע קאָלעגן זיינע פון דער קעניגלעכער קונסט־אַקאַדעמיע, זיי האָבן זיך באַמיט צו פאַקן קונים אויף זייערע בילדער. אָבער קליפאָרד האָט בסדר דערפונדן נייע מינים רעקלאַמע. ער האָט פאַרבעטן צו זיך די פאַרשידנסטע מענטשן. ער האָט באַשלאָסן זיך ווי אַמשנעלסטן אויפצושטעלן אַ דענקמאָל פון רום און צו דעמדאָזיקן געביי האָט ער באַנוצט כל המינים ברוך־מאַטעריאַל, וועלכעס איז אים נאָר געקומען אונטער דער האַנט.

מיכאַעליס איז געקומען צו פאָרן פּינקטלעך אין אַ פיינעם.

אויטאָ מיט אַ שאָפער און אַ לאַקיי. ער האָט אויסגעזען ווי אַ מוס־טער־דזשענטלמען! אָבער קליפאָרדס אַריסטאָקראַטישע נשמה האָט אַזש אויפגעשוידערט, ווען ער האָט אים דערזען. מיכאַעליס איז געווען פולשטענדיק... פולשטענדיק, טאַקע אַזוי, פולשטענדיק נישט דער, פאַר וועמען ער האָט זיך געוואָלט אויסשטעלן. פאַר קליפאָרדן האָט דאָסדאָזיקע מיט איינמאָל פעסטגעשטעלט זיין באַציִונג צום פאַרמאַסקירטן „אַריסטאָקראַט”. ער איז אָבער געווען אויס־טערליש העפלעך צו זיין גאַסט, נישט אַזוי צו אים, ווי צו זיין אומגעהייערן דערפאָלג. די הינטישע געטין פון דערפאָלג, ווי מ'האָט זי גערופן, האָט מיט אויסגעשטשירעטעציין אָפּגעהיטן דעם הכנעהדיקן און צו גלייכער צייט הויכשטאַפּלערישן מיכאַעליס, און זי האָט עס קליפאָרדן דערפרימירט: ווייל אויך ער האָט חשק גע־האַט צו פראָסטיטואירן מיט דער הינטישער געטין פון דערפאָלג, ווען זי זאָל זיך נאָר וועלן מיט אים אָפּגעבן.

עס איז בולט געווען, אַז מיכאַעליס איז נישט קיין ענגלענ־דער, נישט קוקנדיק אויף אַלע שניידערס, היטלמאַכערס, פריזי־רערס און שוסטערס פון עלעגאַנטסטן לאָנדאָנער קוואַרטאַל. ניין, ניין, נישט קיין ענגלענדער: דערדאָזיקער פאַלשער סאָרט, דאָס־דאָזיקע פלאַכע, בלאַסע פנים, דידאָזיקע האַלטונג, דידאָזיקע פאַר־ביטערונג. ער האָט קודם־כל געהאַט אין זיך כעס און פאַרביטע־רונג, דידאָזיקע צוויי געפילן, וועלכע אַ געבוירענער ענגלענדער וואָלט באין אופן נישט אַרויסגעוויזן אַזוי בולט. אָרימער מיכאַע־ליס! ער האָט אַזוי פיל שמיץ אין זיין לעבן באַקומען, אַז נאָך איצט האָט ער אַ פנים פון אַ געשלאָגענעם הונט. בלויז דער אינ־סטינקט און נאָכמער די חוצפה האָבן זיינע פיעסעס אַרויפגעפירט אויף דער בינע און אַרויסגערוקט אין פאָדערגרונט. ער האָט אָנ־געכאַפּט דאָס פובליקום ביים גאָרגל. איצט האָט זיך אים געדאַכט, אַז די צייט פון שמיץ איז שוין אויף אייביק פאַרביי. אָבער זי איז נישט פאַרביי... זי וועט קיינמאָל נישט פאַרבייגיין, ווייל מיכאַעליס האָט אין אַ געוויסער מאָס פראָוואָצירט די שמיץ. ער האָט גע־לעכצט נאָר צו איין זאַך: געפינען זיך דאָרט, וווּ ער האָט קיין

אַרט נישט געהאַט... צווישן די העכערע ענגלישע ספערן, ווען זיי האָבן אים געקאָנט דערלאַנגען שמיץ! און ווי שטאַרק מיכאַעליס האָט זיי געהאַסט דערפאַר!

נישט קוקנדיק אויף דעם אַלעם, האָט ער געריזט מיט זיין לאַקיי אין זיין עלעגאַנטן אויטאָ — דער דובלינער פּאַיאַץ!

ער האָט אָבער פאַרמאָגט אין זיך עפּעס אַזעלכעס, וואָס איז קאָנין געפעלן. ער האָט קיין אילוזיעס וועגן זיך נישט געהאַט. מיט קליפאָרדן האָט ער גערעדט זאַכלעך, קורץ, פּראַקטיש וועגן אַלץ, וואָס קליפאָרד האָט געוואָלט וויסן. ער האָט זיך נישט גע־בלאָזן און נישט געמאַכט זיך צו־נאַר. ער האָט געוווּסט, אַז דער אַריסטאָקראַט האָט אים איינגעלאַדן, כדי אים אויסצונוצן, און ווי אַ געשמיסענער, דורכגעטריבענער געשעפטסמאַן, אָדער ווי אַ גרוי־סער ביזנעסמאַן, האָט ער געענטפערט אויף יעדער פראַגע מיט אַ קאַלטער לונג־און־לעבער.

— געלט! — האָט ער אַ זאָג געטון — געלט איז אַזאַ מין אינסטינקט. מאַכן געלט ליגט אין אַ געוויסער מאָס אינם כאַראַק־טער. דאָס איז נישט קיין פונקציע, נישט קיין טריק. דאָס איז אַזוי ווי אַן אייגנאַרטיקע אויסלאָדונג פון דעם מענטשס געבוירענע איינגנשאַפטן. מ׳הייבט אָן צו מאַכן געלט, גייט עס שוין אַזוי ווי־טער און ווייטער; ביז אַ געוויסער גרענעץ, לויט מיין מיינונג.

— אָבער מען מוז עס דאָך אָנהייבן, — האָט קליפאָרד דער־ווידערט.

— זעלבסטפאַרשטענדלעך! מ׳דאַרף אַריין אין דעם. מ׳קאָן גאָרנישט טון, מ׳קאָן נישט אָנהייבן צו טון, אויב מ׳לאָזט נישט צו צום פּסוק. מ׳דאַרף זיך צורייסן דערצו מיט כוח. און ווען מ׳האָט עס דערגרייכט, קומט דאָס איבעריקע שוין אַליין פון זיך.

— און איר וואָלט געקאָנט פאַרדינען געלט אויף אַן אַנ־דערן אופן אויסער דורך טעאַטער־פּיעסעס? — האָט קליפאָרד געפרעגט.

— וואָרשיינלעך נישט! איך האָב אַ ברירה צו זיין אַ גו־טער צי אַ שלעכטער שרייבער, אָבער אַ שרייבער בין איך, און

דער עיקר אַ דראַמאַטורג, און איך מוז עס זיין. דאָ זענען קיי צוויי מיינונגען נישט פאַרהאַן.

— און איר האַלט, אַז איר מוזט זיין אַ שרייבער פון פאָפולערע פיעסעס? — האָט קאָני געשטעלט אַ פראַגע.

— אַזוי איז עס! — האָט מיכאַעליס געענטפערט, ווענדנדיק צו איר פלוצלינג דעם בליק. — אין דעם איז גאָרנישטאָ. עס איז גאָרנישטאָ אין דער פאָפולערקייט, אין תוך גענומען איז אין פובליקום אויך גאָרנישטאָ. באמת, אין מיינע פיעסעס איז גאָרנישטאָ אַזעלכעס, וואָס זאָל זיי מ אַ כ ן פאָפולער. נישט אין דעם האַנדלט זיך עס. זיי זענען אַזוי ווי... דאָס וועטער, זיי זענען אַזוי, ווי זיי ד אַ ר פ ן זיין, לפּחות אינם געגעבענעם מאָמענט.

ער האָט געווענדט צו קאָנין זיינע פוילע, זייער קיילעכדיקע אויגן, וועלכע האָבן אויסגעדריקט די גאַנצע נאַקעטע ברוטאַליטעט פון די אַרויסגעזאָגטע אמתן זיינע. קאָני האָט לייכט אַ ציטער געטון. ער האָט איר אויסגעוויזן אַזוי אַלט... אַזוי אומענדלעך אַלט, אויסגעוואַקסן אויפן באָדן פון ניכטערקייט, וועלכע איז אָנגעוואַקסן במשך לאַנגע דורות, ענלעך צו אַ געאָלאָגישער שיכט; ער האָט אָבער צו דער זעלבער צייט אויסגעזען ווי אַ הילפלאָז קינד.

— יעדנפאַלס איז צו באַוואונדערן, וויפיל איר האָט אויפגעטון אין אַזאַ קורצער צייט, — האָט קליפאָרד זיך אָנגערופן.

— איך בין אַלט דרייסיק יאָר... יאָ, דרייסיק יאָר! — האָט מיכאַעליס פלוצלינג אָפּגעענטפערט מיט אַ מאָדנע טרוקן, פוסט, טריאומפירנדיק און ביטערלעך געלעכטער.

— און איר לעבט איינזאַם? — האָט קאָני געפרעגט.

— וואָס מיינט איר דערמיט? צי איך לעב אַליין? איך האָב אַ דינער. ער איז אַ גריך, אַזוי זאָגט ער, און טויגן טויג ער צו גאָרנישט. איך האַלט אים אָבער ביי זיך, יאָ, איך האָב בדעה חתונה צו האָבן. אָ, יאָ, איך מוז חתונה האָבן.

— איר זאָגט עס אַזוי, ווי איר וואָלט אַ שטייגער באַשלאָס-

ד צו לאָזן אָפּערירן די מאַנדלען, — האָט קאָני געלאַכט. — ין עס דען ביי אייך אַן ענלעכע אָפּעראַציע?

ער האָט זי אָנגעקוקט פאַרוואונדערט.

— נו, יאָ, ליידי טשאַטערליי, אין אַ געוויסער מאָס איז ס אַן ענלעכע אָפּעראַציע! איך האַלט... אַנטשולדיקט מיר... אַז יך קאָן נישט חתונה האָבן מיט אַן ענגלענדערין, אפילו מיט יין אירלענדערין נישט...

— פּרוווט-זשע מיט אַן אַמעריקאַנערין, — האָט קליפאָרד אַמערקט.

— אָ, אַן אמעריקאַנערין! — האָט זיך מיכאַעליס מאָדנע עלאַכט. — ניין, איך האָב געהייסן מיין דינער, ער זאָל פאַר יר אויסזוכן אַ טערקין אָדער עפּעס ענלעכס... עפּעס נענטערס ום מזרח-טיפּ.

קאָני האָט באמת באַוואונדערט דעם מאָדנעם, מעלאַנכאָלישן קזעמפּליאַר, וועלכער האָט געהאַט דערפאָלג. מ׳האָט געשמועסט, אַז בלויז פון אַמעריקע האָט ער פופציק טויזנט דאָלאַר יערלעכן ריווח. טיילמאָל פלעגט ער אויסזען זייער שיין; ווען ער פלעגט קוקן זייטיק און אויף זיין פּנים איז געפאַלן די שיין, האָט ער אין זיך געהאַט עפּעס אַ שטילע, דויערהאַפטיקע שיינקייט פון אַ נע-גער-מאַסקע, אויסגעשניצט פון העלפאַנטביין; אין זיינע קיילעכדי-קע אויגן און אין די דיקע, כאַראַקטעריסטיש-געוועלבטע ברעמען, אין זיינע אומבאַוועגלעכע, פאַרקוועטשטע ליפּן, אין זיין מערק-ווירדיקער אומבאַוועגלעכקייט — דער אייביקער אומבאַוועגלעכ-קייט, צו וועלכער בודדאַ שטרעבט און וועלכע עס פאַרמאָגן אין זיך, נישט שטרעבנדיק דערצו, טייל נעגערס — האָט זיך געפונען עפּעס אוראַלטעס, עפּעס אַ מין ראַסן-אייגנשאַפט! די עאָנען פון ראַסן-גורל אַנשטאָט אונזער ענגלישער אינדיווידועלער עקשנות. קאָני האָט פּלוצלינג דערפילט אַ צושטראָם פון סימפּאַטיע צו דעמ-דאָזיקן מענטש, סימפּאַטיע געמישט מיט מיטלייד און מיט אַ קאַ-פּיטשקע אַנטיפּאַטיע, אַזאַ מין געפיל, וואָס גרענעצט כמעט מיט ליבע. אַ הויכשטאַפּלער! אַ הויכשטאַפּלער! מ׳האָט אים געהאַלטן

פּאַר אַ קאַריערע־זוכער! אויף וויפיל מער קאַריערע־זוכער איז קליפאָרד פון דעמדאָזיקן מענטש, אויף וויפיל מער קריכעריש און איינגעשפּאַרט אין זיין קאַריערע־זוכעניש! און אויף וויפיל מער נאַריש!

מיכאַעליס האָט תיכּף דערפילט, אַז ער האָט געמאַכט אויף איר אַן איינדרוק. מיט אַן אויסדרוק פון אַבסאָלוטער גלייכגילטי־קייט האָט ער אויף איר געווענדט זיינע קיילעכדיקע, ברוינע, עטוואָס־אַרויסגעזעצטע אויגן. ער האָט זי געשאַצט און גלייכציי־טיק אָפּגעשאַצט דעם איינדרוק, וואָס ער האָט אויף איר געמאַכט. אין דער באַציִונג צו ענגלענדער האָט אים גאָרנישט געקאָנט באַ־וואָרענען פון צו בלייבן אַן אייביקער הויכשטאַפּלער, אפילו די ליבע. אָבער ביי פרויען פלעגט ער טיילמאָל האָבן דערפאָלג... אפילו ביי ענגלענדערינס.

ער האָט אויסגעצייכנט פאַרשטאַנען די באַציִונג צווישן אים און קליפאָרדן. זיי זענען געווען אַזוי ווי צוויי פרעמדע הינט, וועלכע וואָלטן גערן אויסגעשטשירעט די ציין איינער אויפן אַנ־דערן, אָבער דערווייל שמייכלען זיי זיך איבער געצווונגענערהייט. אָבער וועגן איר האָט ער קיין זיכערע מיינונג נישט געהאַט.

דאָס פרישטיק פלעגט מען דאָ געוויינלעך דערלאַנגען אין שלאָפצימער אַריין; קליפאָרד פלעגט קיינמאָל נישט קומען פריער ווי צום מיטאָג; דאָס עסצימער איז געווען עטוואָס אָפּגעלאָזן. נאָך דער קאַווע האָט מיכאַעליס, ווי געוויינלעך אַן אומרויִקע נשמה, נישט געפונען, וואָס מיט זיך ווייטער צו טון. דער טאָג איז געווען אַ שיינער, אַ האַרבסטיק־שיינער. מיכאַעליס האָט אַרויס־געקוקט צום פּאַרק, צום מעלאַנכאָלישן פּאַרק. גאָט מיינער! אַ מאָדנע געגנט!

ער האָט באַפוילן מיט דער באַדינערין צו דער ליידי, צי זי דאַרף נישט עפּעס דערליידיקן אין שטאָט, ווייל ער פאָרט באַלד קיין שעפילד. ליידי טשאַטערליי האָט געהייסן פאַרבעטן דעם הער צו זיך.

קאָני האָט געהאַט אירס אַן אייגענעם סאַלאָן אויפן דריטן

שטאָק אין דער מיטלסטער טייל פון הויז. קליפאָרדס צימערן האָבן זיך, פאַרשטענדלעך, געפונען אינם פאַרטער. מיכאַעליסן האָט געשמייכלט, וואָס מ׳האָט אים פאַרבעטן צו דער ליידי אין בודואַר. ער איז נאָכגעגאַנגען נאָך דער באַדינערין, נישט באַמערקנדיק גאָרנישט אַרום זיך, אַזוי איז שוין זיין טבע געווען, נישט צו באַמערקן אַרום זיך גאָרנישט. ערשט אינם צימער האָט ער זיך אַרומגעקוקט, געבלאָנזשעט מיטן בליק איבער די פיינע דייטשישע רעפּראָדוקציעס פון וועלט־באַרימטע בילדער.

— עס איז זייער פיין דאָ ביי אייך, — האָט ער אַ זאָג געטון מיט אַ מאָדנעם שמייכל, גלייך ווי דערדאָזיקער שמייכל וואָלט אים פאַרשאַפט ווייטיק, און דערביי האָט ער אַ בלישטש געטון מיט די ציין. — עס איז זייער קלוג פון אייער זייט, וואָס איר האָט אייך איינגעאָרדנט אויף דעם העכסטן שטאָק.

— יאָ, געוויס, — האָט קאָני געענטפערט.

דאָס צימער איז געווען דאָס איינציקע באַקוועמע, מאָדערנע צימער אינם גאַנצן הויז, דאָס איינציקע צימער בכלל אינם גאַנצן גוט, אין וועלכן איר אינדיווידואַליטעט האָט געקאָנט באַקומען אַן אויסדרוק. קליפאָרד איז דאָ נאָך קיינמאָל נישט געווען און קאָני פלעגט אַהער זעלטן וועמען פאַרבעטן.

איצט זענען זיי דאָ ביידע, זי און מיכאַעליס, געזעסן ביים קאַמין און געפּלאַפּלט. זי האָט אים אויסגעפרעגט וועגן אים אַליין, וועגן זיין מוטער, וועגן פאָטער, וועגן די ברידער.. פרעמדע מענטשן זענען פאַר איר פון תמיד אָן געווען אַ מין וווּנדער, און ווען עס פלעגט עמעץ אין איר דערוועקן סימפּאַטיע, האָט זי נישט אָנערקענט קיין קלאַסן־אונטערשיידן. מיכאַעליס האָט דערציילט וועגן זיך אָפנהאַרציק, אָן באַפּוצונגען, ער האָט אויפגעדעקט זיין גאַנצע פאַרביטערטע, גלייכגילטיקע נשמה פון אַ פאַרבלאָנזשעטן הונט, און דערביי האָט אַרויסגעבליצט דער נקמה־דורשטיקער שטאָלץ פונם דערפאָלג זיינעם.

— פאַרוואָס זענט איר אַזאַ איינזאַמער? — האָט אים קאָני

געפרעגט. ער האָט ווידער אַ קוק געטון אויף איר מיטן פאַרשנ־דיקן בליק פון די קיילעכדיקע, ברוינע אויגן.

— עס זענען פאַרהאַן מענטשן, וואָס זענען אַזוי שוין גע־בוירן געוואָרן, — האָט ער געענטפערט און באַלד צוגעגעבן מיט אַ צודרינגלעכער היימישקייט אינם טאָן: — און ביי אייך ווי זעט עס אויס? איר זענט אפשר אויך אַזאַ מין איינזאַמע ווי איך?

קאָני האָט זיך עטוואָס צעטומלט און נאָך אַ קורצער ווײַ־לע געענטפערט:

— אַ ביסל יאָ, אָבער נישט אויף אַזוי פיל ווי איר!

— בין איך דען אַזאַ שרעקלעכער איינזאַמקייטס־טיפּ? — האָט ער צוריקגעפרעגט מיטן אויסטערלישן שמייכל זיינעם, וועל־כער האָט אויסגעזען, ווי ער וואָלט זיך פאַרקרומט פון ציין־ווײַ־טיק; דערביי זענען זיינע אויגן געווען עפּעס זייער מעלאַנכאָלי־שע, אָדער סטאָאישע, אָדער דערשראָקענע.

— וואָס? — האָט קאָני אַ פרעג געטון כמעט אָן אָטעם, ווען ער האָט אויף איר אַזאַ קוק געטון. — איר זענט דען נישט איינזאַם?

זי האָט דערשפּירט אַזאַ שטאַרקע אויפפאָדערונג, וועלכע האָט געשטראָמט פון דעם מאַן צו איר, אַז זי האָט שיער נישט אָנגעווירן איר גלייכגעוויכט.

— אָ, איר זענט פולקאָם גערעכט! — האָט מיכאַעליס גע־זאָגט, אָפּווענדנדיק דעם קאָפּ און קוקנדיק אין אַ זייט מיט דער אויסטערלישער אומבאַוועגלעכקייט פון אַן אַלטער ראַסע, מיט אַזאַ אומבאַוועגלעכקייט, וועלכע איז שוין היינט כמעט נישט בנמצא. דידאָזיקע אומבאַוועגלעכקייט האָט עס געמאַכט דעם אומבאַזיגלעכן איינדרוק אויף קאָנין.

ער האָט אויף איר אַ קוק געטון מיט יענעם פולן בליק, וועלכער זעט אַלץ, באַמערקט אַלץ. נאָר גלייכצייטיק האָט אַ קינ־דעריש געוויין אינמיטן נאַכט אַ רוף געטון צו איר פון זיין ברוסט אַרויס, דעם רוף האָט זי דערשפּירט טיף אין איר אינגעווייד

— דאָס איז זייער פֿײַן, וואָס איר קלערט וועגן מיר, — האָט ער קורץ אַ זאָג געטון.

— פֿאַרוואָס זאָל איך וועגן אייך דען נישט קלערן? — האָט קאָני אויסגערופֿן, קוים באַהערשנדיק דעם אָפּגעהאַקטן אָטעם.

מיכאַעליס האָט זיך ביטער צעלאַכט, גלייך ווי ער וואָלט זיך צעסיקעט ווי אַ שלאַנג.

— אָ, אַזוי איז עס!... דערלויבט אָננעמען אייער האַנט אויף איין מינוט, — האָט ער אַ זאָג געטון פֿלוצלינג און מיט אַ מין היפּנאָטיזירנדיקער קראַפֿט געווענדט אויף איר דעם בליק, אין וועלכן עס האָט זיך געזען אַ בעטנדיקע אַרויספּאָדערונג, וועלכע איז איר אַרייַנגעדרונגען גלייך אין מוטערלייב.

זי האָט אויף אים אָנגעשטעלט דעם בליק, אַ צערודערטן, אַ פֿאַרווירטן. ער איז צוגעגאַנגען צו איר, געקניט ביי אירע פֿיס און זיי אַרומגענומען פֿעסט, באַהאַלטנדיק דאָס פּנים אין איר שויס. אַזוי איז ער געבליבן אומבאַוועגלעך. קאָני איז געווען אינגאַנצן באַטויבט און דורכגענומען; זי האָט געקוקט מיט עפּעס אַ באַוווּנדערונג אויף זיין דעליקאַטן נאַקן און געשפּירט, ווי זיין פּנים דריקט זיך אַריין צווישן אירע פֿיס. אין פֿלאַמענדיקער צערודערטקייט האָט זי זיך נישט געקאָנט אָפּהאַלטן און מיטליידנדיק אַרויפֿגעלייגט איר האַנט אויף זיין שוצלאָזן נאַקן; ער האָט מיטן גאַנצן קערפּער אויפֿגעציטערט ביי דערדאָזיקער באַרירונג.

דערנאָך האָט ער אַ קוק געטון אויף איר מיט יענער אַרויספּאָדערונג אין די קיילעכדיקע, פֿלאַמענדיקע אויגן. קאָני האָט אינגאַנצן זיך דערפֿילט וועריאָז. פֿון איר ברוסט האָט געשטראָמט צו אים אַ גרענעצלאָזע בענקשאַפֿט; זי האָט אים געמוזט געבן אַלץ, אַלץ.

אַ מאָדנע דעליקאַטער געליבטער איז דאָס געווען, זייער דעליקאַט צו דער פֿרוי, ציטערנדיק אָן אויפֿהער, ווי ער וואָלט אין דער זעלבער צייט געווען עפּעס אַ זייטיקער, ניכטערער, אויפֿמערקזאַמער צושויער.

פאַר איר האָט דאָס געהייסן נישט מער ווי זיך אים אָפּ־געגעבן. ער האָט ענדלעך אויפגעהערט צו ציטערן און געלעגן שטיל. דעמאָלט האָט קאָני מיט אומאַנטשלאָסענע, מיטפילנדיקע פינגער אים אַ גלעט געטון איבערן קאָפּ, וועלכער איז געלעגן ביי איר אויף דער ברוסט.

ווען ער האָט זיך אויפגעהויבן, האָט ער אַ קוש געטון אי־רע ביידע הענט, דערנאָך ביידע פיס אין די זאַמשענע פּאַנטאָפּע־לעך און איז שטילשווייגנדיק אַריבערגעגאַנגען אין צווייטן עק צימער, ווו ער איז געבליבן שטיין אויסגעדרייט צו איר מיטן רוקן. עטלעכע מינוט האָט געדויערט דאָס שטילשווייגן. דערנאָך האָט זיך מיכאַעליס אויסגעדרייט און צוגעגאַנגען צו קאָנין, וועל־כע איז געזעסן אויף איר פריערדיק אָרט ביים קאַמין.

— און איצט וועט איר מיך געוויס פיינט האָבן, — האָט ער אַ זאָג געטון מיט אַ רויִקן, אומדערשיטערטן טאָן.

קאָני האָט אים צוגעוואָרפן אַ האַסטיקן בליק.

— פאַרוואָס זאָל איך אייך פיינט האָבן? — האָט זי גע־פרעגט.

— אַזוי טוען די מערהייט פרויען, — האָט מיכאַעליס גע־ענטפערט און זיך שנעל צוריקגעכאַפּט, — אַזוי, אַלנפאַלס, זאָגט מען וועגן דער מערהייט פרויען.

— איך זע נישט דאָ קיין סיבה אייך פיינט צו האָבן, — האָט קאָני צעשטרייט געענטפערט.

— כ'ווייס! כ'ווייס! אַזוי דאַרף זיין! איר זענט צו מיר געוואַלטיק גוט... — האָט מיכאַעליס מיט האַרץ אויסגע־רופן.

קאָני האָט נישט געקאָנט פאַרשטיין, פאַרוואָס פילט ער זיך אַזוי דערשלאָגן.

— אפשר וועט איר זיך צוריקזעצן? — האָט זי געפרעגט.

מיכאַעליס האָט געוואָרפן אַ בליק צו דער טיר.

— סיר קליפאָרד! — האָט ער אַ זאָג געטון, — צי ער... צי נישט?...

קאָני האָט געשוויגן אַ ווײַלע, אײַנהערנדיק זיך.

— אפשר! — האָט זי אַ זאָג געטון און געוואָרפן אַ בליק אויף אים. — איך וויל נישט קליפאָרד זאָל וויסן... אפילו נישט חושד זײַן. עס וואָלט אים אַזוי וויי געטון! איך גלייב אָבער, אַז קיין בייזס איז נישט געשען. ווי מיינט איר?

— בייזס? גאָט געטרייער, וואָס פאַר אַ בייזס? איר זענט אַזוי אומענדלעך גוט צו מיר... איך קאָן עס כמעט נישט אַריבער־טראָגן.

ער האָט זיך אַוועקגעדרייט און קאָני האָט באַמערקט, אַז נאָך אַ מינוט און ער וועט אָנהייבן גיסן מיט טרערן.

— אָבער מיר דאַרפן נישט אויסזאָגן קליפאָרדן, נישט אמת? — האָט זי זיך געוועדט. — דאָס וואָלט אים אַזוי וויי געטון, און אויב ער וועט נישט וויסן, אויב ער וועט אפילו נישט חושד זײַן, וועט דערפון קיינעם קיין שלעכטס נישט אַרויס־קומען.

— פון מיר, — האָט מיכאַעליס כמעט אין כעס אויסגע־שריגן, — פון מיר וועט ער זיך גאָרנישט דערוויסן. ער קאָן לאַנג וואַרטן. איך זאָל מיך אַליין פאַרראַטן? כאַ־כאַ! — ער האָט זיך צעלאַכט בײַ דעמדאָזיקן געדאַנק. קאָני האָט אים אָבסערווירט מיט פאַרוווּנדערונג. מיכאַעליס האָט צו איר געזאָגט:

— קאָן איך אײַך די הענט קושן און אַוועקגיין? אויב איר וועט דערלויבן, וועל איך אָפּפאָרן קיין שעפילד און דאָרט מיטאָגן, צו דער אָוונט־טיי וועל איך זײַן צוריק. אפשר דאַרפט איר דאָרט עפּעס דערליידיקן? איך בין צו אײַער דינסט. צי קאָן איך האָפן, אַז איר האַסט מיך נישט?.. און אַז איר וועט מיך נישט האַסן? — האָט ער פאַרענדיקט מיט אַ פאַרצווייפלטן אָבער ציניש טאָן.

— ניין, ניין, איך האַס אײַך נישט, — האָט קאָני געזאָגט. — איך האַלט אײַך פאַר זייער אַ ליבן מענטש.

— אַך! — האָט מיכאַעליס אויסגערופן מיט היץ, — דאָס איז מיר אָנגענעמער, ווי איר וואָלט מיר געזאָגט, אַז איר ליבט

מיך! דאָס האָט אַ סך אַ גרעסערן ווערט... אַלזאָ, צום ווידערזען, ביזן אָוונט ווען איך מוזן אַ סך דורכטראַכטן.

מיט הכנעה האָט ער איר געקושט די הענט און אַרויסגע־גאַנגען.

— דאַכט זיך מיר, אַז איך וועל נישט לאַנג קאָנען פאַר־טראָגן דעמדאָזיקן יונגנמאַן, — האָט קליפאָרד זיך אָנגערופן ביי־מיטאָג.

— פאַרוואָס? — האָט קאָני געפרעגט.

— אַ הויכשטאַפּלער אין אַ מאַסקע... אַזעלכער איז פעיק צו האַלטן אַ מעסער הינטערן רוקן.

— ער מאַכט אַן איינדרוק, ווי מ׳וואָלט אים אין לעבן אַ סך שלעכטס געטון, — האָט קאָני באַמערקט.

— פאַר דיר איז דאָס אַ וווּנדער? צי גלייבסטו, אַז ער איז פעיִק צו עפּעס מער ווי צו נישטיקייטן?

— איך האַלט אים פאַר אַ שטיקל איידלמאַן.

— פונוואַנען נעמסטו דאָס?

— סתם אַזוי. אַזאַ איינדרוק האָב איך.

— איך גלייב אים נישט. איך מיין, אַז דעם מאַנגל אין געוויסן האָסטו אָנגענומען ביי אים פאַר איידלקייט.

קאָני האָט פאַרשוויגן. אפשר איז ער גערעכט. מעגלעך. אָבער מיכאַעליסעס מאַנגל אין געוויסן האָט פאַרמאָגט אין זיך עפּעס שטאַרקס, מערקווירדיקס און ווערטפולס. דאָרט, וווּ קלי־פאָרד וואָלט קוים געמאַכט עטלעכע שטרויכלענדיקע טריט, האָט מיכאַעליס דרייסט דורכגעמאַכט דעם גאַנצן וועג ביזן סוף. ער האָט אויף אַ באַזונדערן שטייגער די וועלט דעראָבערט. ער איז געוועזן דאָס, וואָס קליפאָרד האָט ערשט געוואָלט ווערן. די מיט־לען? די וועגן?... מיכאַעליסעס מיטלען און וועגן זענען דען ערגער פון קליפאָרדס? צי די מיטלען, דורך וועלכע דערדאָזי־קער אָרימער הויכשטאַפּלער האָט זיך גערוקט, געשטופּט פאָראויס דורך די קיך־טירן זענען מיאוסער ווי קליפאָרדס רעקלאַמע־מיט־לען, דורך וועלכע ער רייסט זיך צו באַרימטקייט. נאָך דער הינ־

טישער געטין פון דערפאַלג לויפן דאַך נאָך טויזנטער פאַרסאַפּע־טע הינט מיט אַרויסגעהאָנגענע לעקערס. דער הונט, וועלכער דעריאָגט זי דער ערשטער, איז דער וויקטיקסטער פון צווישן אַלע הינט, אורטיילנדיק לויט די רעזולטאַטן. אַלזאָ, מיכאַעליס האָט מיט רעכט געקאָנט זיין שטאָלץ מיט זיך.

עס איז נאָר אַ וואונדער, פאַרוואָס ער איז אַזוי שפּל ביי זיך. צו דער טיי איז ער צוריקגעקומען מיט אַ גרויסן בוקעט ליליעס און פיילכן, געהאַט האָט ער די זעלבע מינע פון אַן אָפּ־געשמיסענעם הונט. קאָני האָט זיך צייטנווייז געשטעלט די פראַגע, צי איז דאָס נישט אַמאָל אַזאַ מאַסקע, כדי צו אַנטוואָפענען דעם ווידערשטאַנד. צי איז ער באמת געווען אַזאַ נעבעכדיק הינטל?

דידאַזיקע באַנעמונג פון אַ נעבעכדיק הינטל האָט אים נישט אָפּגעטרעטן דעם גאַנצן אָוונט, קליפאָרד האָט אָבער אונטער דעם געשפּירט אַן אַרויספאָדערונג. קאָני האָט עס נישט געשפּירט, אפשר דעריבער, ווייל די אַרויספאָדערונג איז נישט געווען צום פרויען־מין, נאָר צו מענער מיט זייערע פּרעטענזיעס און זייער גאווה. די געוואַלטיקע אינערלעכע אומפאַרשעמטקייט ביי דעמדאָ־זיקן אויסגעמאָגערטן יונגנמאַן איז געווען די סיבה, פאַרוואָס מע־נער פלעגן אויף מיכאַעליסן זיין אַזוי אויפגעטראָגן. בלויז זיין אָנוועזנהייט איז פאַר מענער פון דער הויכער געזעלשאַפט שוין אַליין געווען פּראָוואָצירנד, ווי ער זאָל זיך נישט אויסבאַהאַלטן פון זיי.

קאָני איז געווען פאַרליבט אין אים, זי האָט זיך אָבער אויך אַזוי פיל באַהערשט, אַז זי איז געזעסן מיט איר האַנט־אַרבעט און נישט געשטערט די צוויי מענער אין זייער שמועס, נישט אויס־געבנדיק זיך מיט אירע געפילן. מיכאַעליס האָט זיך אויסגעצייכנט געהאַלטן, דער זעלבער מעלאַנכאָלישער, אויפמערקזאַמער, זיי־טיקער יונגערמאַן, ווי דעם פאַריקן אָוונט, וועלכער האַלט זיך מיט מיליאָנען שטאַפּלען נידעריקער פון דעם באַלעבאָס, אָבער וועלכער פאַסט זיך צו אים צו לאַקאָניש, אין אַ געהעריקער מאָס און פאַלט קיינמאָל נישט אַריין אין פאַטאָס־שטימונג. קאָני האָט

צייטנווייז געהאַט דעם איינדרוק, אַז ער האָט פאַרגעסן, וואָס עס איז פאָרגעקומען היינט אינדערפרי. ער האָט לחלוטין נישט פאַר־געסן. ער האָט אָבער געוווסט, ווו ער געפינט זיך... אויף דער זעלבער נידעריקער שטופע, וואָס אַלע געבוירענע הויכשטאַפּ־לער. ליבע איז ביי אים געווען נישט בלויז אַ פּערזענלעכער ענין. ער האָט געוווסט, אַז ליבע קאָן נישט פון דעם פאַרוואָר־לאָזטן הונט, וועלכן קיינער פאַרגינט נישט די גאָלדענע קייט, מאַכן אַ סימפּאַטיש סאַלאָן־הינטל.

דער אַנטשיידנדיקער פאַקט איז דאָ געווען, וואָס טיף אין דער נשמה איז מיכאַעליס טאַקע געווען אַ הויכשטאַפּלער און אַן אַנטיגעזעלשאַפטלעכער מענטש, און מיט דעמדאָזיקן פאַקט האָט ער גלייכגילטיק שלום געמאַכט, כאָטש אויסערלעך האָט ער גע־וואָלט מאַכן דעם אָנשטעל פון אַ הונדערטפּראָצענטיקן דזשענטל־מען. ביידע זאַכן, די הויכשטאַפּלערישקייט און די דזשענטלמע־נישקייט, זענען פאַר אים געווען אַן אינערלעכע נויטווענדיקייט.

אָבער אַ צייטווייליקע ליבע איז אַלס טרייסט און דערלייכ־טערונג אויך געווען אַן ענין נישט צום אָוועקמאַכן מיט דער האַנט. און מיכאַעליס האָט געקאָנט דאַנקבאַר זיין. ער איז געווען ממש גערירט פונם ברעקל נאַטירלעכע, אומגעצווונגענע ליבע — כמעט ביז טרערן. פון הינטער זיין בלאַס, אומבאַוועגלעך, מעלאַנכאָליש פּנים האָט אַפּערגעציטערט די גרויסע דאַנקבאַרקייט צו דער פרוי און דער פלאַמיקער באַגער זיך נאָכאַמאָל צונויפצוקומען מיט איר; כאָטש אין דער טיפעניש פון זיין נשמה האָט ער, דער געשמיסענער הונט, געוווסט, אַז ער וועט איר אָפּטרעטן פון וועג.

ווען זיי האָבן אין קאָרידאָר אָנגעזעגנט זייערע נאַכט־לעמפּלעך, האָט ער אויסגענוצט די געלעגנהייט זי אַ פרעג צו טון:

— צי קאָן איך קומען?

— איך וועל קומען צו דיר, — האָט קאָני געענטפערט.

— אָך, גוט!

לאַנג האָט ער געוואָרט אויף איר... אָבער זי איז גע־קומען.

מיכאַעליס איז געווען אַ ציטעריקער, עקזאַלטירטער גע־ליבטער; דער קריזיס איז ביי אים שנעל געקומען און זיך שנעל געענדיקט. עפּעס קינדערישס און שוצלאָזס איז געווען אין זיין נאַקעטן קערפּער: אַזוי נאַקעט זען אויס נאָר קינדער. זיינע אַלע שוץ־מיטלען זענען געלעגן אינם שכל און אין דער כיטרעקייט, אינם דראַנג צו כיטרעקייט. און ווען דערדאָזיקער דראַנג האָט אים פאַרפירט, איז ער געווען טאָפּלט־נאַקעט, פּונקט ווי אַ קינד מיט אַ נישט רייפן, צערטלעכן קערפּער, פּונקט ווי אַ קינד, וואָס שטעלט אומזיכערע טריט.

ער האָט געוועקט אין דער פרוי געוואַלטיקן מיטלייד, אַ בענקשאַפט און אַ וואַנזיניקן, דורשטיקן פיזישן באַגער. ער האָט אָבער אין איר דעמדאָזיקן באַגער נישט באַפרידיקט, אַזוי גיך איז ער דערגאַנגען צום ציל, דערנאָך איז ער איר געפאַלן אויף דער ברוסט און צוריקבאַקומען זיין אומפאַרשעמטקייט, בשעת זי איז געלעגן פולשטענדיק צערודערט, אַנטוישט, הילפלאָז.

דאָס מאָל האָט ער געוויילט אינם גוף נישט מער ווי דריי טעג און זיין באַציִונג צו קליפאָרדן איז געווען די זעלבע, וואָס אינם ערשטן אָוונט, צו קאָנין אויך אַזוי. די אויסערלעכקייט זיינע האָט זיך נישט איינגעבראָכן.

ער האָט דערנאָך געשריבן צו קאָנין בריוו אַזעלכע מעלאַנ־כאָלישע, טרויעריקע און טיילמאָל וויציקע מיט אַ בייגעשמאַק פון געשלעכטלאָזער צוגעבונדנקייט. עס האָט אויסגעזען, ווי ער וואָלט צו איר געפילט אַ מין האָפנונגסלאָזע נייגונג און אַז די דערווייטע־רונג האָט דאָסדאָזיקע געפיל נאָכמער פאַרשטאַרקט. ער איז גע־ווען האָפנונגסלאָז דורך־און־דורך און ער האָט ליב געהאַט זיין האָפנונגסלאָזיקייט.

קאָני האָט אים אין דער ווירקלעכקייט קיינמאָל נישט פאַר־שטאַנען, זי האָט אים אָבער אויף אַן אייגנאַרטיקן אופן ליב גע־האַט און די גאַנצע צייט געפילט אין זיך דעם אָפּשיין פון האָפ־

נונגסלאָזיקייט. אָבער די האָפנונגסלאָזיקייט זיינע האָט נישט דער־לויבט אים פולשטענדיק צו ליבן. ער ווידער, אַלס האָפנונגלאָז באַ־שעפעניש, איז בכלל אומפעיִק געווען צו פולשטענדיקער ליבע.

אַזאַ איז געווען די באַציִונג צווישן זיי אַ שטיק צייט, זיי האָבן זיך דורכגעשריבן און פלעגן זיך טיילמאָל צונויפטרעפן אין לאָנדאָן. קאָני האָט נאָך אַלץ געצויגן יענע פיזישע, סעקסועלע עמאָציע, וועלכע זי האָט באַקומען מיט אים דורך איר אייגענער אַקטיווקייט, אַזוי ווי זיין קליינער אָרגאַזם פלעגט נאָר פאַרבייגיין. און ער האָט נאָך אַלץ געוואָלט איר פאַרשאַפן דידאָזיקע עמאָציע. דאָס איז גענוג געווען אויפצוהאַלטן זייערע קעגנזייטיקע באַציונגען.

דאָס איז אויך גענוג געווען, כדי עס זאָל איר געבן אין אַ געוויסער מאָס זעלבסטזיכערקייט, עטוואָס בלינדע אַראָגאַנץ. דאָס איז געווען אַ מין צוטרוי צו די אייגענע כוחות, וואָס האָט זיך געפּאָרט מיט פריידיקער האָפערדיקייט.

זי איז צו יענער צייט זייער צופרידן געווען פון לעבן און זי האָט אויסגענוצט איר לעבנסלוסט און באַפרידיקונגס־גיריקייט צום דערמונטערן קליפאָרדן, אַזוי, אַז אין יענער צייט האָט ער אָנגעשריבן זיינע בעסטע ווערק און אויף אַ מאָדנעם, בלינדן אופן האָט ער זיך געפילט כמעט גליקלעך. דאָס האָט ער גענאָסן פון איר סעקסועלער באַפרידיקטקייט, פון דער באַפרידיקטקייט אַ דאַנק מיכאַעליסעס מענלעכער, שטייפער פאַסיוויטעט, אָבער ער האָט דערפון, זעלבסטפאַרשטענדלעך, נישט געוווּסט, און ווען ער וואָלט יאָ געוווּסט, וואָלט עס פאַר אים געווען אַן אומגליק!

אָבער ווען עס זענען פאַרביי די טעג פון איר גרויסער, פריידיקער האָפערדיקייט און זעלבסטזיכערקייט, ווען זיי זענען פולקאָם פאַרביי און קאָנסטאַנציע איז ווידער געווען דערדריקט און צערייצט, האָט קליפאָרד אַזוי געבענקט נאָך יענע גליקלעכע טעג! אפשר, ווען ער זאָל וויסן דערפון, וואָלט ער אַליין געוואָלט, אַז קאָני און מיכאַעליס זאָלן זיך ווידער צונויפגיין.

קאַפּיטל IV

קאָני האָט זיך פּסדר אַרומגעטראָגן מיטן געדאַנק, אַז איר אַפּערע מיט מיקן, ווי זי האָט מיכאַעליסן גערופן, איז אַ האָפענונגסלאָזע. דאָך האָט קיין שום אַנדערער מאַנספּערשוין פאַר איר קיין באַדייטונג נישט געהאַט. זי איז געווען איבערגעגעבן קליפאָרדן. ער האָט געדאַרפט האָבן אַ היפש חלק פון איר לעבן, קאָני האָט עס אים געגעבן. אָבער אויך זי האָט באַדאַרפט האָבן אַ שפּאַר חלק פונם מאַנספּערשוינס לעבן, דאָס האָט קליפאָרד נישט געקאָנט געבן. פון צייט־צו־צייט זענען אין איר אָנגעקומען מיכאַע־ליסישע פּעריאָדן. קאָני האָט אָבער געפילט, אַז זיי וועלן זיך שנעל פאַרענדיקן. מיק האָט בכלל נישט געקאָנט אין קיין שום זאַך זיך לאַנג האַלטן. עס איז געווען אַן אייגנשאַפט פון זיין כאַראַקטער, וואָס ער האָט אָפט געמוזט איבעררייסן יעדע באַ־ציִונג און ווידער ווערן אַ פאַראיינזאַמטער, אָפּגעזונדערטער, פאַר־בלאָנקעטער הונט. דאָס איז ביי אים געווען אַזאַ מין העכערע נויטווענדיקייט, כאָטש שפּעטער פלעגט ער טענהן, אַז דאָס האָט גאָר זי אים אַוועקגעוואָרפן!

מ'זאָגט, אַז די וועלט איז פול מיט מעגלעכקייטן, אָבער אין די פּערזענלעכע איבערלעבונגען פון דער מערהייט מענטשן זענען דידאָזיקע מעגלעכקייטן באַגרענעצט ביז אַ מינימום. אַ סך לייטי־שע פיש געפינען זיך אין ים... געוויס... אָבער די מערהייט זענען שפּראָטקעלעך און הערינגלעך, און ווען דו ביסט נאָר אַליין נישט קיין הערינג אָדער קיין שפּראָטל, קאָנסטו זייער ווייניק לייטישע פיש געפינען אין ים.

קליפאָרד האָט אָנגעהויבן באַרימט צו ווערן, אפילו געלט מאַכן. מ'האָט אים אַ סך באַזוכט. קאָני האָט שטענדיק געהאַט געסט. און אויב ווער פון זיי איז נישט געווען קיין שפּראָטל אָדער אַ הערינגל, איז ער העכסטנס געווען אַן אָקאָן.

צווישן די געסט זענען געווען עטלעכע אָפטע, קליפאָרדס חברים, וועלכע האָבן מיט אים אינאיינעם שטודירט אין קעמברידזש. איינער פון זיי איז געווען טאָממי דוקעס, ער איז פאַרבליבן אין מיליטער־דינסט און אַוואַנסירט אויף אַ בריגאַדע־גענעראַל.

– די מיליטער־דינסט לאָזט איבער גענוג צייט אויף צו דענקען און באַפרייט פון אָנטיילנעמען אין קאַמף פאַר עקזיסטענץ, – פלעגט ער זאָגן.

אַ חוץ אים איז נאָך געווען טשאַרלי מאַי, אַן אירלענדער, וועלכער האָט געשריבן טראַקטאַטן איבער אַסטראָנאָמיע. נאָך איינער, האַמאָנד – אויך אַ שרייבער. אַלע זענען מער־ווייניקער געווען אין די זעלבע יאָרן, וואָס קליפאָרד, בלויז אינטעלעקטואַליסטן פון דער יונגער גענעראַציע. אַלע האָבן געגלייבט אין אַ גייסטיקן מהות פון לעבן. אַלץ אינם פערזענלעכן לעבן מחוץ דעם גייסטיקן מהות האָט קיינעם פון זיי נישט אינטערעסירט און נישט געהאַט פאַר זיי די מינדסטע באַדייטונג. ווען גייט עס אָן, ווען איינער גייט אין קלאָזעט אַריין? וועמען קאָן דאָס אינטערעסירן אויסער אים אַליין?

אַזוי איז אויך געווען מיט די איבעריקע טאָג־טעגלעכע ענינים... אויף וואָס פאַר אַן אופן דו פאַרדינסט געלט, צי דו ליבסט דאָס ווייב, צי דו האָסט „זייטיקע ליבעס" – אַזעלכע זאַכן, וועמען גייען זיי אָן, אויסער דער פאַראינטערעסירטער פערזאָן? פונקט ווי עס גייט קיינעם נישט אָן, צי דו גייסט אין קלאָזעט אַריין.

– די גאַנצע קונץ פונם געשלעכטס־פּראָבלעם, – האָט געזאָגט האַמאָנד, אַ הויכער, דאַרער מאַנספּערשוין, וועלכער האָט פאַרמאָגט אַ ווייב מיט דריי קינדער, אָבער וועלכער האָט געהאַט פיל נענטערע באַציִונגען מיט זיין שרייב־מאַשין, ווי מיט זיי, – די קונץ פונם געשלעכטס־פּראָבלעם שטעקט אין דעם, וואָס עס איז אינגאַנצן אין דעם פּראָבלעם קיין קונץ נישטאָ. אייגנטלעך איז דאָס פּראָבלעם גאָר קיין פּראָבלעם נישט. קיינער האָט קיין חשק נישט מיטצוגיין מיט יענעם אין קלאָזעט אַריין, צוואָס־זשע נאָכ־

קריכן יענעם, ווען ער גייט מיטן ווייב אין בעט אַריין? דאָס איז דאָס גאַנצע פּראָבלעם. ווען מיר זאָלן שענקען דעם סעקס אַזוי פיל אויפמערקזאַמקייט ווי דעם קלאָזעט, וואָלט דאָס פּראָבלעם געווען אויסגעשעפּט. דאָס אַלץ האָט נישט דעם מינדסטן זין און נישט קיין שכל; ס'איז נישט מער ווי אַ פּראָדוקט פון מיאוסער נייגיריקייט.

— אוודאי, האַמאָנד, אוודאי! נאָר ווען עמעץ שאַרט זיך צופיל צו יוליען, ווערסטו שיער משוגע, און אויב יענער שאַרט זיך אַ ביסל צו האַסטיק, ביסטו גרייט אַרויסצופּלאַצן.

יוליאַ — מיינט מען האַמאָנדס ווייב.

— אַזוי איז עס. ווייל איך ווער דעמאָלט אויפגערעגט, ווי איך וואָלט געפּאַקט עמעצן אָפּגעבן אורין ביי מיר אין סאַלאָן. יעדע זאַך אויף איר אָרט.

— הייסט עס, אַז דו וואָלסט זיך גאָרנישט געמאַכט דערפון, ווען איך וואָלט געליבט דיין יוליען אין אַ פאַרבאָרגן אַלקערל.

טשאַרלי מאַיס רייד האָבן געהאַט אין זיך אַ היפּשע פּאַרציע סאַרקאַזם, ווייל ער האָט ווירקלעך צוביסלעך געפלירטעוועט מיט יוליען און האַמאָנד האָט אויף דעם געקוקט זייער קרום.

— איך וואָלט מיר אפילו יאָ געמאַכט דערפון. די געשלעכטס-ענינים צווישן מיר און יוליען זענען אונזער פּריוואַט-זאַך. און איך וואָלט געוויס נישט געוואָלט פאַרליידן, אַז אין דערדאָזיקער זאַך זאָל זיך ווען עמעץ אַריינמישן.

— אַ פאַקט איז, — האָט זיך אָנגערופן דער גלעלער טאָממי דוקעס, וועלכער האָט אויסגעזען מער אירלענדער ווי מאַי, — אַ פּאַקט איז, אַז דו, האַמאָנד, פאַרמאָגסט אַ שטאַרקן אייגנטום-אינסטינקט, אַ גרויסן זעלבסטדערהאַלטונגס-אינסטינקט און אַ שטאַרקע לוסט צו דערפאָלג. פון צייט איך האָב מיך אָפּגערוקט פון עולם-הזה-טומל און בין געבליבן מיליטערמאַן, זע איך ערשט ווי אומפּראָפּאָרציאָנעל גרויס עס איז ביים מענטש דער זעלבסטדערהאַלטונגס-טריב און די לוסט צו דערפאָלג. די דאָזיקע אינסטינקטן

זענען איבערמעסיק אַנטוויקלט. אונזער גאַנצע אינדיװידואַליטעט פליסט מיט דעמדאָזיקן שטראָם. און מענער אַזעלכע װי דו זענען ערנסט איבערצײַגט, אַז מיט דער הילף פון דער פרוי װעלן זײ לײכט זיך אָן עצה געבן אינעם לעבן. דאָס איז דער הױפּט־קװאַל פון דײַן אײַפערזוכט. דאָס איז אײגנטלעך דײַן געשלעכטס־פּראָבלעם... אַ קלײנע װיטאַלע דינאַמאָ־מאַשין צװישן דיר און יוליען, װעלכע דאַרף דיר ליפערן דערפאָלג. װען דו זאָלסט אויפהערן צו האָבן דערפאָלג, װאָלסטו אָנגעהױבן פלירטעװען צוגלײך מיט טשאַרלין, װעלכער האָט טאַקע קײן דערפאָלג נישט. מענטשן פאַר־הײראַטע װי דו און יוליאַ האָבן אױף זיך קװיטלעך װי באַגאַזש־פּעקלעך. יוליאַ טראָגט אױף זיך דעם עטיקעט „מיסס אַרנאָלד ב. האַמאָנד"... פונקט װי אַ װאַליזקע אין געפּעק־מאַגאַזין טראָגט דעם אױפשריפט צו װעמען זי געהערט. דו אַלײן טראָגסט אױף זיך דעם עטיקעט: „אַרנאָלד ב. האַמאָנד, אונטער דער אױפזיכט פון מיסס אַרנאָלד ב. האַמאָנד". אָ, דו ביסט פולקאָם גערעכט, פול־שטענדיק גערעכט! אַ גײַסטיק אױסלעבן פאָדערט צוגלײַך אַ װאַ־רעמע הײם און גוטע קעסט. ביסט פולקאָם גערעכט. דאָס פאָדערט אַפילו דעם דראַנג צו קינדלען, אָבער דאָס אַלץ מוז האָבן אַ דער־פאָלגס־אינסטינקט. ער איז עס די אַקס, אַרום װעלכער אַלץ דרײט זיך.

האַמאָנד איז געװען אין כּעס. ער האָט דאָך שטאָלצירט מיט דער אומבאַפלעקטקײט פון זײַן גײַסט און מיט דעם, װאָס ער איז נישט קײן קנעכט פונם צײַט־גײַסט. אָבער צו דערפאָלג האָט ער דאָך געשטרעבט.

— אמת, זײער ריכטיק, אוממעגלעך צו לעבן אָן געלט, — האָט מאַי צוגעגעבן. — מען מוז באַזיצן אַ געװיסע סומע געלט, כּדי צו קאָנען לעבן און זיך אָן עצה געבן אינעם לעבן... אַפילו צו קאָנען האָבן די פרײַהײט פון איבערצײַגונג און געדאַנק מוז מען פאַרמאָגן געלט, װען נישט שטערט דער מאָגן דעם געדאַנק. איך גלײב, אַז דײַנע רײד װעגן װאַליזקעס מיט סעקסועלע עטי־קעטן זענען איבערגעטריבן. מיר האָבן אַ רעכט צו רעדן מיט יעדן

מענטש, פאַרוואָס־זשע זאָלן מיר נישט האָבן דאָס רעכט צו שלאָפ מיט יעדע פרוי, מיט וועלכער עס גלוסט זיך אונז.

— דאָס רעדט פון דיר אַרויס דער נואפדי׳קער אירלענדער, — האָט זיך קליפאָרד אָנגערופן.

— אַ נואפדיקער זאָגסטו? גוט, זאָל זיין אַזוי. וואָס איז? איך פאַרשטיי נישט, מיט וואָס טו איך דער פרוי אַ גרעסער׳ עוולה שלאָפנדיק מיט איר, ווי טאַנצנדיק מיט איר... אָדער שמו עסנדיק מיט איר וועגן וועטער. דאָס איז איינפאַך — אָנשטאָט אַ ווער טער־אויסטויש, אַ קערפּערלעכער איינדרוקס־אויסטויש. וואָס־זש איז דען דער מער?

— כּדי צו פאָרן זיך ווי קרוליקעס, — האָט האַמאָנד אַריינ געוואָרפן.

— נו, וואָס־זשע איז? וואָס־זשע געפעלן דיר אַזוי נישט די קרוליקעס? מיט וואָס זענען זיי ערגער פון דער רעוואָלוציאָניזיר־ טער מענטשהייט מיט איר קנאה־שנאה?

— מיר זענען אָבער קיין קרוליקעס נישט, — האָט האַמאָנד געענטפערט.

— גערעכט! איך פאַרמאָג אַ נשמה: איך מוז מאַכן געוויסע חשבונות אין געוויסע אַסטראָנאָמישע פראַגן, וועלכע האָבן ביי מיר אַ גרעסערע באַדייטונג ווי לעבן און טויט. טיילמאָל שטערט מיר דער שלעכטער מאָגן. הונגער וואָלט מיר קאַטאַסטראָפאַל גע־ שטערט. אויף דעם זעלבן אופן שטערט מיר דער אויסגעהונגער־ טער סעקסועלער טריב. נו, וואָס־זשע איז דערפון געדרונגען?

— איך בין זיכער, אַז דאָס איבערפרעסן זיך און איבער זעטיקן דיין סעקסועלן טריב וואָלט דיר נאָכמער געשטערט, — האָט האַמאָנד איראָניש באַמערקט.

— אויסגעשלאָסן. איך עס נישט איבער דער מאָס און ט נישט עפּעס אַנדערש איבער דער מאָס. יעדער מענטש האָט אַ פרייע אויסוואַל. וויל ער, זאָל ער איבערכאַפּן די מאָס אויך, נישט געפער־ לעך. אָבער דו וואָלסט דאָך מיך געוואָלט איינגאַנצן אויסהונגערן

— חלילה! קאָנסט חתונה האָבן.

— פונוואַנען ווייסטו, אַז איך קאָן? אפשר וואָלט דאָס חתונה האָבן געווען שעדלעך פאַר מיין גייסט? חתונה האָבן קאָן אַמאָל פאַרטעמפּן מיינע גייסטיקע פעיִקייטן, מיך מאַכן פאַר אַ גולם... איך וואָלט אָן ספק טאַקע געוואָרן אַ גולם. מיט איין וואָרט — דאָס איז נישט מיין וועג. נו, דאַרף איך אפשר ווערן אַ פּרוש, אַ נזיר? דאָס איז חוזק, מיין טייערער. איך מוז לעבן און מאַכן מייִנע אַסטראָנאָמישע חשבונות. צייטנווייז דאַרף איך האָבן אַ פרוי. אָבער איך וויל נישט צעבלאָזן דעם ענין. איך פייף אויף אַלע מאָראַלישע אורטיילן און פאַרבאָטן. פאַר מיר וואָלט געווען גראָד דאָס אַ חרפּה, ווען אַ פרוי וואָלט געטראָגן אַן עטיקעט מיט מיין נאָמען, אַדרעס און באַן־סטאַציע פּונקט ווי אַ וואַליזקע.

ביידע מאַנספּערשוינען האָבן זיך קעגנזייטיק נישט מוחל געווען זייער באַציִונג צו יוליען.

— דאָס איז אַן אינטערעסאַנטע אידעע, — האָט דוקעס געזאָגט, — אַז סעקסואַליזם איז בלויז אַן אַנדערע פאָרם פון אַנטשיידונג פון דער פראַגע, די זעלבע פראַגע, נאָר אָנשטאָט רעדן — טוט מען. איך גלייב, אַז מיט אַ פרוי קאָן מען אַזוי פאַרשידנאַרטיק זיך בייטן מיט סעקסועלע איינדרוקן ווי מיט ווערטער וועגן וועטער. דער סעקסואַליזם וואָלט געקאָנט דינען פאַר אַ מיטל פון נאָרמאַלן געשפּרעך צווישן מאַן און פרוי. האָט מען נישט מיט אַ פרוי קיין געמיינזאַמע אינטערעסן, קיין בשותפותע אידעען, קאָן מען מיט איר נישט פירן קיין אינטערעסאַנט געשפּרעך. דאָס זעלבע אויך מיטן שלאָפן: קאָן מען דען שלאָפן מיט אַ פרוי, מיט וועלכער מ׳האָט נישט עפּעס בשותפותדיקע געפילן אָדער סימפּאַטיעס.

— אָבער ווען צווישן אַ מאַן און אַ פרוי זענען פאַרהאַן וועלכע נישט איז בשותפותע סימפּאַטיעס אָדער געפילן, מוזן זיי זיך איבערשלאָפן. זיי זענען מחויב. — האָט זיך מאַי אָנגערופן. — דאָס איינציקע ערלעכע, וואָס זיי קאָנען טון, איז נייִן אין בעט אַריין. אַזוי ווי עס איז ערלעך, אויב מ׳וויל עמעצן עפּעס זאָגן, זאָל מען עס נישט האַלטן אין זיך. נישט ערלעך איז

אין אַזאַ פאַל צו האַלטן די צונג צווישן די ציין. וואָס מ׳האָט צו זאָגן, זאָגט מען. אַזוי איז אויך מיט יענע זאַכן.

— ניין, — האָט האַמאָנד געענטפערט, — נישט אמת. דו אַליין, מאַי, פאַרשווענדסט אַ העלפט פון דיינע כּוחות מיט פרויען. ווערסט דעריבער נישט אויפטון קיין העלפט דערפון, וואָס דו קאָנסט אויפטון מיט דיין סובטעלן אינטעלעקט. ביסט צופיל אויס־ברענגעריש טאַקע אין יענע זאַכן.

— מעגלעך... אָבער דו גיסט דיך צו ווייניק אָפּ מיט יענע זאַכן, מיין ליבער האַמאָנד. דו קאָנסט דיך מיט דיין גייסט פאַר־קאָנסערווירן, בלייבן ריין און אומבאַפלעקט, אָבער דו וועלקסט זייער שנעל. דיין ריינע פאַרנונפט ווערט אויסגעטרוקנט ווי אַ סמיק פון אַ פידל. דו קוילעסט זיך אַוועק מיטן רעדן, מיטן בלויזן רעדן.

טאָממי דוקעס האָט זיך צעלאַכט.

— הערט שוין אויף, שיינגייסטלער!... — האָט ער אויס־געהרופן. — טו אַ קוק אויף מיר... איך טו נישט קיין גרויסע, ריינע גייסטיקע אַרבעט, איך נאָטיר בלויז עטלעכע נישטיקע גע־דאַנקען. פונדעסטוועגן, נישט איך האָב חתונה, נישט איך בין אַ פרויען־פאַרפאָלגער. איך האַלט, אַז טשאַרלי איז גערעכט; ווייל ער זיין אַ פרויען־פרעסער, זאָל ער, מעג ער, אָבער מיט אַ מאָס. האַמאָנד ווידער איז גערעכט פאַר זיין אייגנטימער־אינסטינקט. זיין וועג איז דער גלייכער און זיינע טויערן זענען שמאָלע, — דאָס איז אַ טבע־זאַך. איר וועט זען, אַז מיט זיינע אייגנשאַפטן וועט ער נאָך ווערן אַ גרויסער ענגלישער שרייבער. נו, און איך? — איך בין גאָרנישט. אַ גאַנץ פשוטע ראַקעטע. נו, און דו, קליפאָרד? ווי האַלטסטו? סעקסואַליזם איז מער ווי אַ דינאַמאָ־מאַשין צו העלפן דעם מאַן אין דערפאָלגס־דעראָבערונג?

קליפאָרד פלעגט זעלטן נעמען אַ וואָרט אין אַזעלכע פראַגן. זיינע געדאַנקען זענען דערויף געווען ווייניק רירעוודיק. איצט איז ער רויט געוואָרן און האָט עטוואָס שטאַמלענדיק געענטפערט אויף דער אַרויספאָדערונג:

— איך ווייס... דאָ קאָן איך נישט זיין קיין פוסק... איך בין דאָך פיזיש, אַזוי צו זאָגן, נישט אַנגאַזשירט, נישט פעיק...

— דאָס איז נאַרישקייטן, — האָט דוקעס אַריינגעוואָרפן, — דיין אייבערשטע העלפט קערפער איז געזונט און אומבאַשעדיקט, דיין גייסטיק באַוווסטזיין איז זיכער מאָסגעבנד אין דער פראַגע. אַרויס מיט דיין מיינונג!

— נו, — האָט קליפאָרד אַרויסגעשטאַמלט, — דאַכט זיך, איך האָב גאָר קיין באַזונדערע מיינונג נישט אין דער פראַגע.. איך האַלט, אַז דער דעוויז „האָב חתונה און ווער פטור דעם קלאָפּאָט" איז ענלעך צו מיין בליק וועגן דידאָזיקע ענינים. אָבער איך האַלט, אַז אויב מאַן און פרוי האָבן זיך ליב, קאָנען די געשלעכטס־ענינים זיין אַ וויכטיקער ענין.

— וואָס הייסט ביי דיר אַ וויכטיקער ענין? — האָט טאָממי געפרעגט.

— אָ... עס קאָן פאַרפולקאָמען דאָס צוזאַמענלעבן, — האָט קליפאָרד אַ זאָג געטון, פאַררויטלט ווי אַ פרוי ביי אַזאַ מין געשפרעך.

— זייער גוט. איך און טשאַרלי האַלטן מיר, אַז די סעקסועלע זאַכן זענען אַזאַ מין פאַרשטענדיקונגס־מיטל צווישן מאַן און פרוי ווי דאָס לשון. אויב אַ פרוי האָט מיט מיר אָנגעהויבן זיך פאַרשטענדיקן געשלעכטלעך, איז די נאַטירלעכסטע זאַך צו גיין מיט איר אין בעט אַריין. געוויינלעך, אַלץ אין דער געהעריקער צייט. ליידער, מאַכט מיט מיר קיין שום פרוי דעם אָנהייב נישט, שלאָף איך דעריבער אַליין און איך פיל מיך נישט שלעכט צוליב דעם. אדרבא, איך שלאָף מיר שטענדיק גרוים, קיינער שטערט מיר נישט אין מיינע געדאַנקען, כאָטש איך שרייב נישט קיין אומשטערבלעכע ווערק און צייל נישט די שטערן, נאָר פאַרנעם זיך מיט מיין רוי זעלנעריש פאַך...

עס איז פלוצלינג שטיל געוואָרן. די פיר מענער האָבן גערייכערט. קאָני איז געזעסן און געשטריקט... יאָ, זי איז געזעסן דערביי! זי האָט געמוזט זיצן אַ שטומע. זי האָט געמוזט זיין

שטיל ווי אַ מייזעלע און נישט שטערן דידאָזיקע הויכגייסטיקע הערן אין זייערע אויסטערליש־וויכטיקע דעבאַטן. אָבער זיצן האָט זי געמוזט. די פיר פריינט וואָלטן נישט אַזוי לייכט פאַרטיק געמאַכט די טעמע, זייערע געדאַנקען וואָלטן זיי נישט אָנגעקומען אַזוי לייכט. ווען קאָני פלעגט נישט זיצן ביים טיש, איז קליפאָרד געווען פאַרבאָרגענער אין זיך און נערוועזער, דער שמועס פלעגט זיך טאָפּטשען אויף איין אָרט. טאָממי דוקעס פלעגט אין איר אָנוועזנהייט באַקומען מער שטימונג. האַמאָנדן האָט זי באמת נישט פאַרטראָגן, דער עיקר זיין גייסטיקן עגאָאיזם. טשאַרלי מאַי האָט ווידער געהאַט אין זיך אַ סך מעלות, אָבער ער איז איר געווען נישט זייער סימפּאַטיש און נישט אָנגענעם, נישט קוקנדיק אויף זיין אַסטראָנאָמיע.

וויפיל אָוונטן איז אַזוי קאָני אָפּגעזעסן און אויסגעהערט די פילאָזאָפיעס פון דידאָזיקע פיר מענער! די פיר, אָדער גאָך צוויי־דריי. דאָס, וואָס זיי זענען קיינמאָל צו קיין הסכם נישט געקומען, האָט זי גאַנץ ווייניק געקימערט. זי האָט אויפמערקזאַם אויסגעהערט זייערע רייד, בפרט ווען טאָממי איז געווען, דאָס איז פאַר איר געווען אַ שפּיל. מענער, אַנשטאָט צו קושן די פרוי, אָדער זי צו באַרירן מיטן קערפּער, האָבן זי נאָר אַרומגערעדט, אַרומגעשפּונען מיט גייסטרייכע מאמרים. אַ פיינער שפּיל, אָבער קאַלטע מיטשפּילער, אייז־קאַלטע!

עטוואָס האָט דאָס אויך דענערווירט. זי האָט געהאַט אַ געוויסע אַכטונג פאַר מיכאַעליסן און זיי האָבן מיכאַעליסעס נאָמען אַרויסגערעדט מיט צעשמעטערנדיקער פאַראַכטונג. ער איז פאַר זיי געווען נישט מער ווי אַן עקלדיקער צבועק און אַן אומגעלומפּערטער הויכשטאַפּלער פון ערגסטן מין. ער איז אפשר געווען אַ צבועק און אַ הויכשטאַפּלער, אָבער אָריגינעל איז ער געווען. ער האָט זיך נישט אַרומגעטראָגן מיט מיליאָנען פרעמדע געדאַנקען, נישט געמאַכט קיין אָנשטעל פון אַ שיינגייסטלער.

קאָני האָט ליב געהאַט דאָס גייסטיקע לעבן, זי האָט דערין געפונען עמאָציעס, זי האָט אָבער געהאַלטן, אַז מען מאַכט דערפון

קיין צו גרויס וועזן. זי פלעגט ליב האָבן צו זיצן ביי דידאַזיקע שמועסן, איינגעהילט אינם פּאַפּיראָסן־רויך פון דידאָזיקע חברימ־לעך, ווי זי האָט זיי אין האַרץ גערופן. עס האָט איר שטאַרק הנאה געטון, וואָס די חברימלעך האָבן נאָר אין איר אָנוועזנהייט געקאָנט אַזוי שיין דרשענען. זי האָט אויסערגעוויינלעך געשעצט געדאַנקען־פרייהייט... און דידאָזיקע מענער האָבן לפּחות זיך ערנסט אָנגעשטרענגט צו דענקען פריי. דאָך האָבן זייערע רייד אויסגע־זען אַזוי ווי אַן עכטער האָז, וואָס קאָן אָבער נישט לויפן. אַלע האָבן זיי גערעדט וועגן עפּעס, אָבער וועגן וואָס אייגנטלעך וואָלט קאָני בשום אופן נישט געקאָנט פּינקטלעך אויסטייטשן. אפילו מיק וואָלט דאָס אויך נישט געקאָנט דערקלערן.

מיק האָט אָבער נישט געפּרוווט צו טון מער, ווי דורכ־שלאָגן זיך אינם לעבן און טון יענעם אַזוי פיל שלעכטס, וויפיל יענער טוט אים. בכלל איז מיכאַעליס געווען אַן אַנטיגעזעלשאַפט־לעכער מענטש און דאָס דער עיקר האָבן קליפאָרד מיט זיינע חברימ־לעך אים נישט געוואָלט מוחל זיין. קליפאָרד מיט די חברימלעך זיינע זענען נישט געווען אַנטיגעזעלשאַפטלעך; זיי האָבן זיך באַ־מיט מער־ווייניקער צו ראַטעווען די מענטשהייט, אָדער באַשיידע־נער אָנגערופן די זאַך ביים נאָמען — לערנען די מענטשהייט.

זונטיק אָוונט איז פאָרגעקומען אַ גרויסע דיסקוסיע צווישן די חברימלעך, די טעמע איז ווי געוויינלעך געווען — ליבע.

— „געבענטשט זאָלן זיין די קייטן, וואָס שמידן צונויף די הערצער אונזערע“... דאַכט זיך, אַזוי זאָגט דער פּסוק, אָדער עפּ־עס וואָס ענלעכס צו דעם, — האָט טאָממי דוקעס אַ זאָג געטון. — איך בין נייגיריק צו וויסן, וואָס זענען עס די קייטן, וואָס פאַר אַ קייטן... די קייטן, וואָס בינדן אונז אַלע אַטאַ־דאַ, דאָס איז די בשותּפותדיקע גייסטיקע אַטמאָספערע. אויסער איר, בינדן אונז, דאַכט זיך, קיין שום קייטן נישט. מיר האָבן זיך קעגנזייטיק גאַנץ ליב, מיר רעדן איינער אויפן אַנדערן, מיר שטעכן זיך מיט ווערטער, ווערטלעך און מיינונגען, אַזוי ווי אַלע אַנדערע פאַרשאָלטענע אינ־טעלעקטואַליסטן. בעסער געזאָגט, ווי אַלע, ווייל אַלע מענטשן

טוען אַזוי. יעדער צילט צו עפּעס אַנדערש, און די פּיינטשאַפט, וואָס מיר שפּירן איינער צום אַנדערן, דעקן מיר צו מיט פאַלשע, אָפּגעצוקערטע ריידעלעך. אַ מאָדנע זאַך, ווי דאָס גייסטיקע לעבן בליט, דאַכט זיך, אין פּיינטשאַפט, אין אויסטערלישער, גרענעצלאָזער פּיינטשאַפט. ס'איז תּמיד אַזוי געווען! דערמאַנט אייך סאָקראַטן און פּלאַטאָנען, דעם ים רייד, וואָס פּלאַטאָן האָט אויסגעגאָסן וועגן סאָקראַטן! איינפאַכע שנאה, פּשוטע פּיינטשאַפט, הנאה פון צערייסן יענעם אויף שטיקער... פּראָטאַגאָראַס, צי עמעץ אַנדערש דאָרט! און די אַלקיביאַדעס, און די איבעריקע הינטלעך, די תּלמידים, וועלכע האָבן זיך באַטייליקט אינם צעטרייבערן דעם רבין זייערן! איך מוז מודה זיין, אַז בודדאַ איז העכער, גרעסער, ווירדיקער, ער איז זיך שטענדיק געזעסן אונטערן בוים „ווייל", אָדער דער נוצרי, וועלכער האָט זיינע תּלמידים דערציילט קליינינקע משלימלעך און דערצו אָן גייסטיקן פייערווערק, מיט אַ רויִק געמיט. ניין, אינם גייסטיקן לעבן איז פאַרהאַן עפּעס צעפוילטס אינם סאַמע חוט־השדרה. די וואָרצלען פון דער צעפוילטקייט שטעקן אין דער רשעות, אין דער קנאה־שנאה. לויט די פּירות קאָן מען אורטיילן וועגן בוים.

— איך גלייב נישט, אַז מיר זאָלן שוין זיין אַזעלכע רשעים, — האָט קליפאָרד אָפּאָנירט.

— טייערער קליפאָרד, נעם בלויז אין אַכט, ווי צביעותדיק מיר זענען קעגנזייטיק. איך אַליין בין אפשר ערגער פון אַלע, איך האָב געערנער עכטע רשעות ווי פאַרצוקערטע, דאָס איז שוין אמתער סם. ווען איך הייב אָן אַ שטייגער אויסלויבן קליפאָרדן, וואָס פאַר אַ טייערער יונגערמאַן ער איז און אַזוי ווייטער און ווייטער, דאַרף מען נעבעך קליפאָרדן באַדויערן. האָט רחמנות, רעדט וועגן מיר בלויז שלעכטס, וועל איך כאָטש וויסן, אַז איר האַלט מיך פאַר עפּעס. באַשיט מיך נישט מיט בלויז צוקערלעך, ווייל איך פיל, אַז ס'איז אַן עק צו מיר.

— אַך, איך גלייב אָבער, אַז מיר האָבן זיך באמת ליב איינס דאָס אַנדערע, — האָט זיך האַמאָנד אָנגערופן.

— איך זאָג דאָך דיר, מיר מוזן זיך קעגנזייטיק ליב האָבן... ווייל היינטער די אויגן רעדן מיר אויס איינער אויפן אַנדערן אסור־לדבר! איך בין אין דעם פּרט דער ערגסטער.

— און איך האַלט, אַז דו מישסט אויס צוויי באַגריפן: גייסטיק צוזאַמענלעבן און קריטישע באַאָבאַכטונגען. איך בין מסכּים, אַז סאָקראַט איז געווען דער פאָטער פון קריטיציזם, אָבער ער האָט דאָך אויפגעטון אַ סך מער ווי בלויז דאָס, — האָט טשאַר־לי מאַי באַמערקט מיט אַ באַלערנדן טאָן.

די חברימלעך האָבן געוויינלעך זייערע פּאָמפּאַטישע דרשות מאַסקירט מיט אַ זייער באַשיידענער טאָנאַציע. אַלץ, וואָס זיי האָבן אַרויסגעזאָגט, איז געווען אַזוי פיל אָנגעבלאָזן מיט פּראָפּע־סאָרישקייט, אויף וויפיל עס האָט זיך באַמיט אויסצוזען באַשיידן.

טאָממי דוקעס האָט זיך נישט געלאָזט אויפרייצן דורכן ביי־שפּיל מיט סאָקראַטן.

— אומבאַדינגט גערעכט. קריטיק און וויסנשאַפט זענען נישט איינס און דאָס זעלבע, — האָט זיך האַמאָנד אַריינגעמישט.

— אוודאי, פולשטענדיק אמת, — האָט זיך אויך אָנגערופן בעררי, אַ שרעקעוודיקער יונגערמאַן, וועלכער איז געקומען זיך זען מיט דוקעסן און געבליבן דאָ נעכטיקן.

אַלע האָבן אים אָנגעקוקט מיט אַזעלכע אויגן, ווי בלעמ־אייזל וואָלט באַקומען לשון.

— איך רעד נישט וועגן וויסנשאַפט, נאָר וועגן גייסטיקן לעבן... — האָט דוקעס אַרויסגעלאַכט. — דאָס עכטע וויסן שטאַמט פונם קאָמפּלעקס פון אַלגעמיינעם באַוווסטזיין, סיי פון דיין בויך, סיי פונם געשלעכטס־אבר דיינעם, ווי פון דיין שכל און פון דיין נשמה. דער גייסט איז נאָר בכּוח צו אַנאַליזירן און ראַציאָנאַליזירן. פּרוּוו, גיב די איבערגעוויכט דעם שכל, דער נשמה, וועסטו זען, אַז מער קאָנען מיר נישט טון, נאָר קריטירן און פּרוכפּערן טויט־געבוירענע עופהלעך. איך פאַרזיכער דיך, אַז קיין לעבעדיקע זאַך וועט דורכן שכל, דורך דער נשמה קיינמאָל נישט באַשאַפן ווערן. גאָט מיין איינציקער, די וועלט דאַרף היינט האָבן קריטיק... זי

דאַרף, מען זאָל די קריסטן ביזן טויט אַריין. דעריבער לאָמיר לעבן מיטן גייסטיקן לעבן, לאָמיר שטאָלץ זיין מיט אונזער רשעות און לאָמיר אַראָפּרייסן די שמאַטעס פון דערדאָזיקער פאַרבלענדע־ניש. אָבער איר מוזט מיך פאַרשטיין: כּל־זמן איר לעבט דורך אייער לעבן, זענט איר נאָך ווי־נישט־ווי אַ חלק פונם לעבן בכלל. אָבער ווען איר הייבט אָן גייסטיק צו לעבן, רייסט איר אָפּ די עפּל, איר צערייסט דעם פאַרבאַנד צווישן בוים און די עפּל: דעם אָרגאַנישן צוזאַמענהאַנג. און אַז איר פאַרמאָגט נישט אינם לעבן גאָרנישט אויסער דעם גייסטיקן לעבן, זענט איר אַליין ווי אָפּגע־ריסענע עפּלעך... איר זענט אָפּגעפאַלן פון בוים. דעמאָלט בלייבט פאַר אייך נאָר איינס, איר מוזט ווערן רשעותדיק, פּונקט ווי דאָס אָפּגעריסענע עפּעלע מוז פוילן.

קליפאָרד האָט ברייט געעפנט די אויגן: ער האָט דאָ גאָר נישט פאַרשטאַנען. קאָני האָט צושטימיק געשמייכלט.

— זענען מיר, הייסט עס, אָפּגעריסענע עפּל, — האָט האַ־מאָנד אַ זאָג געטון אומגעדולדיק און עטוואָס בייז.

— לאָמיר־זשע מאַכן פון זיך עפּל־קאָמפּאָט, — האָט טשאַרלי צוגעגעבן.

— און וואָס־זשע פאַר אַ מיינונג האָט איר וועגן באָלשע־וויזם, — האָט דער ברוינער בעררי אַ פרעג געטון, גלייך ווי דאָס גאַנצע געשפּרעך האָט געזאָלט האָבן אַ שייכות מיט דערדאָזיקער פראַגע.

— בראַוואָ! — האָט טשאַרלי אויסגעשריגן. — נאַט אייך גאָר באָלשעוויזם!

— זאָל זיין אַזוי! לאָמיר זיך נעמען צום באָלשעוויזם! — האָט דוקעס אויסגערופן.

— איך האָב מורא, אַז דאָס איז אַ צו ברייט פּראָבלעם, — האָט האַמאָנד באַמערקט, שאָקלענדיק ערנסט מיטן קאָפּ.

— לויט מיין מיינונג, — האָט זיך טשאַרלי אָנגערופן, — איז באָלשעוויזם די העכסטע מאָס שנאה צו דעם, וואָס זיי רופן בורזשואַז, אָבער וואָס עס איז אייגנטלעך בורזשואַז, דאָס איז נישט

דעפיניטיוו פעסטגעשטעלט. צווישן אַנדערן מיינט עס אויך דעם קאַפּיטאַליזם. געפילן און איינדרוקן זענען אויך זייער בורזשואַז. חוץ דעם איז בורזשואַז דער מענטש, וועלכער פאַרמאָגט עפּעס פּערזענלעכס, אינדיווידועלס אין זיך, דעריבער דאַרף מען אים אונטערדריקן. דו מוזסט פאַרזינקען ווערן אינעם קיבוץ, אינעם סאָוויעטיש־סאָציאַלן באַשעפעניש. אפילו דער אָרגאַניזם איז בורזשואַז: דער מענטשלעכער אידעאַל מוז דעריבער זיין דער מעכאַניזם. די מאַשין איז די איינציקע זאַך, וואָס באַשטייט פון פאַרשידענע זייער וויכטיקע טיילן. יעדער מענטש איז אַ חלק פון דער מאַשין, די טרייב־קראַפט אירע איז די שנאה. די שנאה צו אַלעם, וואָס איז בורזשואַז. אָט וואָס איך פאַרשטיי אונטערן באַגריף באָלשעוויזם.

— פולשטענדיק גערעכט! — האָט טאָממי געזאָגט. — אָבער דיין באַשרייבונג איז דאָך צוגלייך צוגעפּאַסט צום אינדוסטריע־אידעאַל. דאָס איז דאָך אַ מין סכעמע פאַרן אינדוסטריע־אידעאַל; דער חילוק איז נאָר דער, וואָס דער אינדוסטריע־אידעאַל וואָלט געלייקנט, אַז זיין טרייב־קראַפט איז די שנאה. אָבער ס'איז אַ ליגנט, די אינדוסטריע ווערט אויך נאָר דורך שנאה געטריבן, דורך דער שנאה צום לעבן גופא. טוט בלויז אַ קוק אויף אונזער מיטל־ענגלאַנד — דעם בולטסטן באַווייז פאַר מיין באַהויפּטונג... אָבער דאָס אַלץ איז אַ חלק פונם גייסטיקן לעבן, איז דער לאָגישער פועל־יוצא דערפון...

— איך האַלט נישט, אַז דער באָלשעוויזם זאָל האָבן אין זיך עפּעס לאָגישס, ער איז די פאַרלייקענונג פון לאָגיק, — האָט האַמאָנד געענטפערט.

— מיין טייערער, אויפן האַרטן געביט פון דער רויער מאַטעריע איז ער ביז גאָר לאָגיש, דער ריינער גייסט איז נישט ווייניקער אומלאָגיש, אויסשליסנדיק די מאַטעריע...

— אַלנפאַלס האָט דער באָלשעוויזם דערגרייכט ביזן גרונט, — האָט טשאַרלי דערווידערט.

— ביזן גרונט! דער גרונט איז אָן אַ גרונט! די באָלשע־

וויקעס וועלן אינקורצן האָבן די בעסטע אַרמיי און די בעסטע מי
ליטערישע טעכניק.

— אָבער דאָס קאָן דאָך לאַנג נישט אָנהאַלטן... איך מיין —
די שנאה. עס מוז דאָך קומען די רעאַקציע, — האָט האַמאָנד באַ
מערקט.

— מיר האָבן אַזוי לאַנג געוואַרט, וועלן מיר נאָך אַ ביסל
צוּוואַרטן... שנאה וואַקסט פּונקט ווי אַלץ אין דער וועלט וואַקסט.
די שנאה איז אַן אומפּאַרמיידלעכער פּועל־יוצא, ווען מ׳וואַרפט אַן
דעם לעבן אידעען, ווען מ׳לאָזט נישט די מענטשלעכסטע, פּרימי
טיווסטע אינסטינקטן אויפהייבן דעם קאָפּ, ווען מען צווינגט די
טיפסטע געפילן איינצושפּאַנען זיך אינם רייטוואָגן פון אידעען. מיר
הייבן זיך אָן אַליין אונטערצוטרייבן דורך אַ וועלכער ס׳איז פּאָר
מול, גלייך ווי אַ מענטש וואָלט געקאָנט זיך פאַרוואַנדלען אין אַ
מאַשין. דער לאָגישער געדאַנק מאַכט אַן אָנשטעל, ווי ער וואָלט
מיט אַלעם רעגירט, אַלץ ווערט אָבער פאַרוואַנדלט אין שנאה.
אַלע זענען מיר באָלשעוויקעס, אָבער מיר אַלע זענען אויך צבועקעס.
די רוסן זענען כאָטש באָלשעוויקעס אָן צבועות.

— עס זענען דאָך פאַרהאַן געגוג וועגן אויסער דעם סאָ
וויעטישן, — האָט האַמאָנד באַמערקט. — די באָלשעוויקעס פעלט
שכל.

— ביסט גערעכט. אָבער אָפּטמאָל איז אַ סך קליגער צו זיין
אַ האַלבער נאַר, בפרט ווען מ׳וויל דערגרייכן דעם ציל. איך
אָבער האַלט דעם באָלשעוויזם פאַר אַ גרויס שטיק משוגעת; אָבער
אונזער מערב־אייראָפּעאיש געזעלשאַפטלעך לעבן האַלט איך אויך
נישט פאַר קיין קליין משוגעת. מיר אַלע זענען אַזוי קאַלט ווי די קרע
טינען, מיר אַלע זענען אַזוי נישט־ליידנשאַפטלעך ווי די אידיאָטן...
מיר אַלע אָן אויסנאַם זענען באָלשעוויקעס, מיר רופן אים בלויז
אָן מיט אַן אַנדערן נאָמען. מיר גלייבן, אַז מיר זענען געטער...
מענטשן־געטער! דאָס איז פּונקט דאָס זעלבע, וואָס באָלשעוויזם.
מען מוז זיין אַ מענטש, אַ מענטש מיט אַ האַרץ און מיט אַ גע
שלעכטס־אבר, אויב מ׳וויל נישט זיין קיין גאָט און נישט קיין באָל

שעוויק... ווייל געטער און באַלשעוויקעס האָבן איינע און די זעלבע אייגנשאַפט: זיי זענען צו גוט, צו פּולקאָם פאַר אונזער רעאַלער וועלט.

די שטילקייט, וועלכע האָט באַהערשט די מיטשמועסער, האָט איבערגעריסן בעררים שרעקעוודיקע פראַגע:

— גלייבסטו אַלזאָ, טאָממי, אין ליבע? נישט אמת?

— זיס יינגל מיינס! — האָט טאָממי אויסגעשריגן. — ניין, מלאכל מיינס, אויף צען פאַלן גלייב איך נישט אין קיין ניין. ליבע, דאָס איז אין אונזער צייט איינע פון די מיליאָנען משוגענע אילוזיעס. בחורים מיט דיקע הינטנס, וועלכע פאָרן זיך מיט מייד־לעך פון דזשאַז, וואָס האָבן צוויי יינגלערישע בריסטעלעך ווי קנעפּלעך! מיינסטו נישט צומאָל אָט דעם מין ליבע? צי אפשר די ליבע צו בשותפותדיק אייגנטום, אָדער די ליבע צום סימפּאַטישן צוזאַמענלעבן, אָדער אפשר גאָר די ליבע פון מאַן און ווייב, ווען ער גייט רעכטס און זי לינקס? ניין, טייער יינגל מיינס, אין דעם אַלעם גלייב איך נישט!

— אָבער דו גלייבסט דאָך פאָרט אין עפּעס?

— איך? אוודאי! איך גלייב, אַז מ׳דאַרף האָבן אַ גוט האַרץ, אַ פעסטן פּעניס, אַ רירעוודיקן שכל און דעם מוט צו זאָגן אין דער געזעלשאַפט פון אַ גראַנד־דאַמע „כ׳באַקאַק מיך“.

— נו, און דו באַזיצסט דאָך דאָס אַלץ, — האָט בעררי צוגעגעבן.

טאָממי דוקעס האָט זיך האַרציק צעלאַכט.

— גאָלדן קינד! ווען איך זאָל דאָס אַלץ באַזיצן! ווען איך זאָל עס טאַקע באַזיצן! ניין, מיין האַרץ האָט אַזוי ווייניק געפילן ווי אַ קאַרטאָפל, מיין פּעניס הענגט ביי מיר אַראָפּ און הייבט קיינמאָל נישט אויף דעם קאָפּ, און איך וואָלט מיר דעם פּעניס גיכער געלאָזט אָפּשניידן, איידער אַרויסצורעדן „כ׳באַקאַק מיך“ אין דער געזעלשאַפט פון מיין מוטער, אָדער מיין מומע; און ויסן דאַרפט איר, אַז זיי זענען עכטע גראַנד־דאַמען; אפילו

אמתדיק אינטעליגענט בין איך נישט, — איך לעב „אַ גייסטיק לעבן“. אוי, וואָלט געווען אַ מחיה צו זיין אמתדיק אינטעליגענט. איך וואָלט געווען באמת לעבעדיק אין אַלע אויסגערעכנטע און נישט־אויסגערעכנטע אברים. דער דערמאָנטער פּעניס מיינער וואָלט דעם קאָפּ אויפגעהויבן און צו יעדער לייטישער דאַמע זיך גע־ווענדט מיט אַ ברוך־הבא! רענואַ פּלעגט דערציילן, אַז די בעסטע בילדער זיינע האָט ער געמאָלט מיטן געשלעכטס־אבר... איך וואָלט אויך געוואָלט עפּעס אויפטון מיט מיינעם. גאָט מיינער! אַז מיר קענען גאָרנישט, נאָר רעדן! דאָס איז אונזער חיבוט־הקבר ביים לעבן! און הייבן הייבט עס זיך אָן פון סאָקראַטן.

— עס זענען אויך פּאַרהאַן אויף דער וועלט פרויען מיט האַרץ, — האָט קאָני זיך ענדלעך אָנגערופן, אויפהייבנדיק דעם בליק פון איר האַנט־אַרבעט.

די מענער זענען מבולבל געוואָרן... זי האָט געדאַרפט מאַכן דעם אָנשטעל, ווי זי וואָלט גאָרנישט געהערט. זיי זענען מבולבל געוואָרן, ווייל מיט איר אַריינמישן זיך האָט זי אַרויס־געוויזן, אַז זי האָט זיך אויפמערקזאַם צוגעהערט צום שמועס.

— גאָט מיינער! „וואָס גייט מיך אָן זייער האַרציקייט, אַז איך קאָן פאַר זיי נישט זיין האַרציק?“ דאָס איז האָפנונגסלאָז! איך קאָן איינפאַך נישט האַרמאָנירן מיטן פרויען־האַרץ. נישטאָ די פרוי, וועלכע איך זאָל פּאַקטיש וועלן באַזיצן. איך שטיי לעבן איר און איך האָב נישט דעם מינדסטן חשק אפילו זיך צו צווינ־גען דערצו... גאָט מיינער, איך וועל בעסער בלייבן אַזוי ווי איך בין און לעבן מיין „גייסטיק לעבן“. דאָס איז די איינציקע ערלעכע טאַט, צו וועלכער איך בין פעיִק. איך קאָן זיך פילן פולשטענ־דיק גליקלעך, שמועסנדיק מיט אַ פרוי; אָבער דאָס אַלץ איז זויבער, האָפנונגסלאָז זויבער. זויבער — ביז האָפנונגסלאָזי־קייט! נו, וואָס־זשע וועסטו דערויף זאָגן, קינד מיינס?

— אָ, די זאַך איז אַ סך פּשוטער, ווען מ׳בלייבט ריין, טאַ־קע ווי דו זאָגסט, זויבער, — האָט בעררי געענטפערט.

— אַזוי, אַזוי, דאָס לעבן איז טאַקע אַ ביסל צופיל פּשוט.

קאַפּיטל V

איינמאָל אין אַ פראָסטיקן פרימאָרגן, באַלויכטן דורך דער קאָרגער פעברואַר-זון, זענען בײדע, קליפאָרד און קאָני, אַרויס אויף אַ שפּאַציר איר וואַלד אַריין דורכן פּאַרק. קליפאָרד איז געפאָרן אין זײַן מאָטאָר-וועגעלע, קאָני איז געגאַנגען לעבן אים.

די שאַרפע לופט איז נאָך אַלץ געווען דורכגעזאַפּט מיט שוועבל-ריח, נאָר זיי זענען שוין געווען צוגעוווינט צו דעם. אַי-בערן האָריזאָנט האָט זיך אויפגעהויבן אַ ראָזער נעפּל, דער הימל פון אויבן איז געווען פאַרצויגן מיט גרויקייט, עס האָט זיך אויס-געדאַכט, ווי מ׳וואָלט דאָ געווען אַרומגעצוימט מיט עפּעס אַן איי-ביקער צוים. דאָס לעבן האָט אויסגעזען ווי אַ חלום, אָדער אַ משוגעת אַזאַ, אַרומגערינגלט מיט אַ געדיכטער צוים.

שעפּסן האָבן זיך געפּאַשעט אויף שאַרסטקע, טרוקן גראָז און אַלץ איז באַדעקט געווען מיט אַ בלויליכן נעפּל. לענגאויס דעם פּאַרק האָט זיך געצויגן אַ שטעגל ביזן טירל אַרויס צום וואַלד. דאָס שטעגל האָט אויסגעזען ווי אַ שמאָלע ראָזע סטענגע. קלי-פאָרד האָט דאָס שטעגל געהייסן אויסשיטן מיט גרוז פון די גרובן-האַלדעס. די דורכגעברענטע איבערבלײַבעכצן פון די האַלדעס האָבן געהאַט אַ בלאַס-ראָזע פאַרב, ענלעך צו דער פאַרב פון טייל ים-מושעלעך.

קליפאָרד האָט זיך פאַרזיכטיק גערוקט אין זײַן וועגעלע באַרג-אַראָפּ ביזן טירל, קאָני האָט געהאַלטן די האַנט אויפן אָנ-לען פון פאָטעל. פאָרויס איז געלעגן דער וואַלד, צווערשט דאָס ניסן-וועלדל און נאָכדעם די פּיאַלעטע געדיכטעניש פונם דעמבן-וואַלד. פאַרן וואַלד האָבן אַרומגעשמייעט קרוליקעס. פּלוצלינג האָט זיך אויפגעהויבן אַ טשאַטע קראָען, ווי אַ שוואַרצע כמאַרע, און אַוועקגעפלויגן.

קאָני האָט געעפֿנט דאָס טירל אין וואַלד אַריין און קליפֿאָרד איז פֿאַמעלעך אַרויפֿגעפֿאָרן אויפֿן ברייטן וועג, וועלכער האָט זיך געצויגן צווישן די צוויי געדיכטע ווענט ניטן־ביימער. דער וואַלד איז געווען אַן איבערבלייבעכץ פֿון די ריזיקע וועלדער, אין וועלכע דער לעגענדאַרישער אַלט־ענגלישער העלד ראָבין הוד האָט נאָך געמאַכט זיינע יאַגד־אויספֿלוגן, דערדאָזיקער וואַלד־וועג איז געווען אַזוי אַלט ווי ענגלאַנדס געשיכטע. איצט איז דאָס אַלץ געווען נישט מער ווי פּריוואַטער וואַלד און פּריוואַטער וועג פֿון דער פֿאַמיליע טשאַטערליי.

אַלץ איז דאָ געשטאַנען און געלעגן אומבאַוועגלעך, אפֿילו די איבערגעבליבענע בלעטער זענען אַזוי געהאָנגען מיטן בלויען טוי־געפֿריר, ווי זיי וואָלטן געווען פֿאַרכישופֿט. אַ שפּערל האָט פּלוצלינג אַ צוויטשער געטון, אַנדערע פֿייגעלעך האָבן געענטפֿערט, און ווידער שטיל. קיין פֿאַזאַנען, קיין גרעסערע חיות זענען נישט געווען. בשעת דער מלחמה זענען די גרעסערע חיות און די פֿאַזאַנען אויסגעשאָסן געוואָרן, דער וואַלד איז געווען אָן אויפֿזיכט. קליפֿאָרד האָט ערשט ווידער זיך אָנגעהויבן פֿאַרנעמען מיטן וואַלד און געדונגען אַן אויפֿזעער.

קליפֿאָרד האָט ליב געהאַט דעם וואַלד, ער האָט ליב געהאַט די אַלטע דעמבעס. ער האָט געפֿילט, אַז זיי געהערן צו אים שוין דורות־לאַנג. ער האָט געוואָלט באַשיצן דעם וואַלד, דערהאַלטן אים אין זיין אוראַלטער, אומבאַשעדיקטער פּראַכט.

דאָס וועגעלע זיינס האָט זיך לאַנגזאַם גערוקט באַרג־אַרויף, וויגנדיק זיך און אונטערשפּרינגענדיק אויף די גרודעס. פּלוצלינג האָט זיך אין דער לינקער זייט באַוויזן אַ לאָנקעלע, באַוואַקסן מיט בלויז פֿאַפּראָט־בלעטער, שוין פֿאַרוועלקטע און אָפּגעדאַרטע. פֿון צווישן די געלע פֿאַפּראָטן האָבן דאָ און דאָרט אַרויסגעשטאַרצט שטאַמען פֿון אָפּגעהאַקטע ביימער.

דאָס איז געווען דאָס אָרט, וווּ דער אַלטער טשאַטערליי, קליפֿאָרדס פֿאָטער, האָט געלאָזט אויסהאַקן די ביימער פֿאַר די שוצגרובנס. דאָס בערגל פֿון דער רעכטער זייט איז אינגאַנצן גע־

ווען אָפּגעגאָלט, נאַקעט און עס האָט אויסגעזען אויסטערליש־הילפ־לאָז. אויפן שפּיץ בערגל, ווו עס זענען אַמאָל געוואַקסן אַלטע דעמבעס, איז איצט געווען פּולשטענדיק ליידיק. דאָ האָט מען אָנ־געזען פונדערווייטנס די נייע גרובן־געביידעס און דאָס אייזן־באַנדל. קאָני איז שטיין געבליבן און זיך אַרומגעקוקט. זי האָט דער־ווען דאָס אָרט און עס אָפּגעשאַצט ווי אַן עפענונג אינם פאַרמאַכטן עיגול פון וואַלד, ווי אַן אַרויסגאַנג צו דער פרייער וועלט. אָבער דעמדאָזיקן געדאַנק אירן האָט קאָני נישט איבערגעגעבן דעם מאַן.

קליפאָרד פלעגט שטענדיק ממש אין כעס ווערן, זעענדיק דאָסדאָזיקע אָרט. ער האָט אַליין מיטגעמאַכט די מלחמה, ער האָט אַליין געזען אירע מעשים. אָבער אין כעס איז ער געוואָרן אויף איר ערשט דעמאָלט, ווען ער האָט דאָסדאָזיקע פאַרשענדטע בערגל דערזען. ער האָט באַפוילן, מען זאָל דאָרט ווידער פאַרזעצן ביי־מער. אָבער דעם האַס צום געשטאָרבענעם פאָטער האָט ער אַלץ נישט געקאָנט בייקומען.

קליפאָרד איז געזעסן מיט אַן אומבאַוועגלעך געזיכט און דאָס וועגעלע האָט אים דערווייל אַרויפגעבראַכט אויפן שפּיץ בערגל. דאָ האָט ער דאָס מאָטאָרל אָפּגעשטעלט. ער האָט זיך נישט געקאָנט אַנטשליסן אַראָפּצופאָרן אויף דער צווייטער זייט פון בערגל, דער וועג איז דאָ געווען שיפּער און געשלענגלט. דער אויסבליק אָבער אויף דער צווייטער זייט פון נאַקעטן בערגל און דאָס געשלענגלטע שטעגל האָבן דערמאַנט די פאַרצייטישע קאַ־וואַלקאַדעס פון ריטער און דאַמען אויף פערד.

— מיר דאַכט זיך, אַז דאָ איז באמת דאָס האַרץ פון ענג־לאַנד, — האָט אַ זאָג געטון קליפאָרד מיט פעסטער איבער־צייגונג.

— אַזוי מיינסטו? — האָט קאָני געענטפערט, זיך זעצנדיק אויף אַן אָפּגעהאַקטן שטאַם.

— יאָ, דאָ איז דאָס אַלטע ענגלאַנד, דאָס האַרץ פון ענג־

לאַנד, און איך שטרעב עס צו דערהאַלטן אין אומפּאַרענדערטן צושטאַנד.

— נו, יאָ! — האָט קאָני געענטפערט.

אינם מאָמענט, ווען זי האָט דאָס געזאָגט, האָט זיך דער־הערט דאָס פּייפן פון דער סירענע אינם קוילנגרובן. קליפאָרד איז אַזוי צוגעוווינט געווען צו דעם קלאַנג, אַז ער האָט אים אפילו נישט באַמערקט.

— איך וויל דאָס אָרט, ־עס וואַלד דערהאַלטן אין אומבאַ־רירטן, אין אוראַלטן צושטאַנד. איך וועל קיינעם נישט לאָזן זיך אַריינרייסן אַהער, — האָט קליפאָרד געשפּינט זיינע געדאַנקען.

אין דידאָזיקע ווערטער איז געלעגן באַהאַלטן אַ מין פּאַטאָס. דערדאָזיקער וואַלד האָט נאָך פאַרמאָגט אין זיך אַ סך פונם אַמאָ־ליקן, ווילדן ענגלאַנד; דאָס אויסהאַקן דעם וואַלד דורך קליפאָרדס פאָטער בשעת דער מלחמה האָט דערדאָזיקער אוראַלטקייט דער־לאַנגט דעם ערשטן קלאַפּ. ווי שטיל עס זענען דידאָזיקע ביימער מיט די צעפּאַטלטע, פאַרפלאָנטערטע גזשיוועס, וועלכע קוקן אין הימל אַריין מיט די גרויע, איינגעשפּאַרטע שטאַמען צווישן דער פאַרוועלקטער פּאַפּראָט־געדיכטעניש! ווי פריי עס פילן זיך דאָ די פייגל! און אַמאָל זענען דאָ געווען הירשן, און פיילנבויגן־שיסער און מאָנאַכן, רייטנדיקע אויף אייזלען. דאָסדאָזיקע מקום דערוועקט אָן אַ שיעור זכרונות.

קליפאָרד איז געזעסן, באַלויכטן פון דער בלאַסער זון, וועל־כע האָט מאַט געגלאַנצט אויף זיינע גלאַטע, העל־בלאָנדע האָר, אויף זיין פול, ראָזע, געהיימנישפול פּנים.

— שטענדיק, ווען איך געפין מיך דאָ, וויל איך אַזוי האָבן אַ זון, — האָט ער פּלוצלינג אַרויסגערעדט.

— אָבער דער וואַלד איז עלטער פון דיין אָפּשטאַם, — האָט קאָני באַמערקט.

— געוויס! — האָט קליפאָרד געענטפערט. — אָבער מיר האָבן אים אָפּגעהיטן. ווען נישט אונזער משפחה־שטאַם, וואָלט דער

יואַלד שוין נישט עקזיסטירט... אַזוי ווי די איבעריקע וועלדער.
מ׳דאַרף עטוואָס אויפהאַלטן פונם אַלטן ענגלאַנד!

— מ׳דאַרף? — האָט קאָני געפרעגט. דאָס איז דען אַזוי
קריטיק, אַזוי נויטווענדיק קעגן די אינטערעסן פונם נײעם ענג־
לאַנד? עס איז טאַקע טרויעריק. איך פאַרשטײ עס גאַנץ גוט,
אָבער...

— אויב עס וועט גאָרנישט בלײבן פונם אַלטן ענגלאַנד,
וועט ענגלאַנד בכלל אונטערגײן, — האָט קליפאָרד געענטפערט. —
מיר, וועלכע פאַרמאָגן אַזעלכע גיטער און פילן זײער באַדײטונג,
מוזן דאָס אַלטע ענגלאַנד אויפהיטן.

עס איז איבערגעריסן געוואָרן אויף אַ ווײלע דער פאָדעם
פון שמועס.

— אויפהיטן, — האָט ווידער קאָני אָנגעהויבן, — יאָ, אויף
אַ קורצער צײט.

— זאָל זײן אויף אַ קורצער צײט! וואָס מיר קאָנען —
טוען מיר. מיר קאָנען נאָר אונזער חלק אָפּטוען. יעדער יורש אין
אונזער משפּחה האָט זײן חלק פון דער אויפגאַבע דערפילט.
מען קאָן זײן אַ קעגנער פון קאָנווענצן, אָבער מ׳דאַרף אויפהאַלטן
די טראַדיציעס.

ווידער אַ פּויזע.

— וועלכע טראַדיציעס? — האָט קאָני געפרעגט.

— די טראַדיציעס פון ענגלאַנד! פון אָט דעם אַלעם!

— יאָ, — האָט קאָני אויסגעצויגן.

— דעריבער וואָלט גוט געווען צו האָבן אַ זון; מ׳פילט
זיך דעמאָלט ווי אַ רינגעלע אין אַ קײט, — האָט קליפאָרד צו־
געגעבן.

קאָני האָט נישט געהאַט קײן גרויסע סימפּאַטיע צו יעדן מין
קײטן, אָבער זי האָט גאָרנישט געזאָגט. זי האָט זיך פאַרטראַכט
דעריבער, ווי אַבסטראַקט עס איז זײן בענקשאַפט נאָך אַ זון.

— עס טוט מיר זײער לײד, וואָס מיר קאָנען נישט האָבן
קײן זון, — האָט זי געזאָגט.

קליפֿאָרד האָט אויף איר געקוקט שטאַר מיט זײַנע קײַלעכדיקע, בלאַס־בלויע אויגן.

— עס וואָלט אפֿילו נישט שלעכט געווען, ווען דו זאָלסט האָבן אַ קינד מיט אַן אַנדערן מאַנספּערשוין, — האָט ער אַ זאָג געטון. — מיר וואָלטן עס דאָ דערצויגן, עס וואָלט געהערט צו אונדז ביידע און צו אונדזער גוט. איך האַלט סײַ־ווי נישט פֿון פֿאָטער־רעכט איבערן קינד. ווען מיר וואָלטן אַזאַ קינד דערצויגן בײַ אונדז, וואָלט עס פֿאַקטיש געווען אונדזערס און ס׳וואָלט פֿאָרגעזעצט אונדזער ווערק. ווי מיינסטו, עס איז כּדאַי דעריבער אַ טראַכט צו טון?

קאָני האָט ענלעך אַ קוק געטון אויף אים. אַ קינד, איר קינד, עס וואָלט פֿאַר אים געווען נישט מער ווי עפּעס אַ „דאָס“... אַ דאָס!...

— נו... מיט אַן אַנדערן מאַנספּערשוין... און דער אַנדערער מאַנספּערשוין? — האָט זי געפֿרעגט.

— ס׳איז נישט קיין גרויסע נפֿקא־מינה. וואָס פֿאַר אַ חילוק איז דען?... האָסט דאָך געהאַט יענעם געליבטן אין דײַטשלאַנד... וואָס פֿאַר אַ באַדײַטונג האָט דאָס הײַנט? כּמעט קיין שום. איך האַלט, אַז אַזעלכע קלייניקייטן שפּילן נישט קיין ראָל אינם לעבן. דאָס איז אַלץ פֿאַרבײַגייענדיקס. וואָס בלײַבט דערפֿון? וואָס?... ווו איז ער, דער פֿאַראַיאָריקער שניי?... נאָר דאָס, וואָס איז דויערהאַפֿטיק אין אונדזער לעבן, האָט אַ באַדײַטונג; מײַן אייגן לעבן, מײַן דויערהאַפֿטיקייט, מײַן אַנטוויקלונג שפּילט פֿאַר מיר אַ ראָל. אָבער וואָס פֿאַר אַ ווערט האָבן פֿאַרבײַפֿליִענדיקע באַציִונגען? בפֿרט פֿאַרבײַפֿליִענדיקע געשלעכטלעכע באַציִונגען? אויב מענטשן מאַכן נאָר נישט דערפֿון קיין צו גרויס וועזן, לאָזט עס נישט איבער דעם מינדסטן פּסיכישן שפּור. אַזוי דאַרף עס טאַקע זײַן. וואָס פֿאַר אַ באַדײַטונג האָט דאָס דען? בלויז אַ פֿאַרבינדונג אויפֿן גאַנצן לעבן האָט אַ ווערט. דאָס צוזאַמענלעבן אויף לאַנגע יאָרן, אָט דאָס האָט אַ באַדײַטונג, נישט ווען מ׳שלאָפֿט זיך

איבער מיט וועמען. אָט, מיר ביידע האָבן חתונה געהאַט, מיר זענען אמת פאַרבונדן, וואָס עס זאָל נישט מיט אונז געשען. מיר זענען איינער פאַרן אַנדערן געוואָרן אַ טאָג-טעגלעכע געוווינהייט, און געוווינהייט האָט, לויט מיין מיינונג, אַ פּיל גרעסערן לעבנסווערט, ווי וועלכער עס איז פאַרבייגייענדיקער עפּיזאָד. מיר לעבן מיט דעם אַלעם, וואָס איז דויערהאַפטיק, פעסט, בהדרגהדיק. נישט מיט די מאָמענט-געשעענישן, מעגן זיי אונז צייטווייליק מיטרייסן אפילו. ביסלעכווייז, ביסלעכווייז שפּילן זיך צוויי מענטשן צונויף ווי אינסטרומענטן אין אַן אָרקעסטער, יעדער ציטער פון זייערע אינערלעכסטע סטרונעס האַרמאָנירן קעגנזייטיק. אָט דאָ ליגט דער אייגנטלעכער סוד פון דער הייראַט, נישט אינם סעקסואַליזם, לפחות נישט אין דער סעקסועלער פונקציע. מיר ביידע זענען צונויפגעפלאָנטערט אין דעמדאָזיקן הייראַטס-סוד. און אויב מיר לעבן אין הייראַט, מוזן מיר באַווייזן די סעקסועלע ענייניםאַזוי איינצואָרדענען, ווי מיר וואָלטן זיך געגרייט אָפּצושטאַטן אַ וויזיט ביי אַ דענטיסט, וויילי דער גורל האָט אונז אויפן דאָזיקן געביט געגעבן אַ מאַט.

קאָני איז געזעסן און געהערט זיינע רייד מיט איבערראַשונג, געמישט מיט מורא. זי האָט נאָך נישט פעסטגעשטעלט ביי זיך, צי ער האָט רעכט, צי נישט. אָט, מיכאַעליס, וועלכן זי ליבט לויט איר מיינונג. אָבער דידאָזיקע ליבע איז דאָך בלויז אַן אויספלוג אויסער די גרענעצן פון איר הייראַט מיט קליפאָרדן, פון דעם לאַנגזאַמען, דויערנדיקן צוזאַמענלעבן מיט אים, וועלכעס האָט זיך אויסגעפורעמט במשך די צוויי יאָר געדולדיקעליידן. אפשר דאַרף טאַקע די מענטשלעכע נשמה דורכמאַכן צייטנווייז אַזעלכע אויספלוגן, אפשר דאַרף מען דער נשמה אַזעלכע אויספלוגן פון צייט-צו-צייט צולאָזן. אָבער אין תוך איז דאָך יעדער אויספלוג געמאַכט מיט דער אָפּזיכט צוריקצוקומען אַהיים.

— און עס וואָלט דיך נישט אָנגעגאַנגען, מיט וועלכן מאַנספערשוין איך זאָל אַ קינד האָבן? — האָט זי געפרעגט.

— געוויינלעך, איך פאַרלאָז מיך אויף דיין נאַטירלעכן אָנ-

שטענדיקייטס־אינסטינקט און אויף דיין געשמאַק. איך בין זיכער, אַז דו וואָלסט דיך נישט געלאָזט אָנרירן פון נישט קיין פּאַסיקן מאַנספּערשוין.

זי האָט אַ טראַכט געטון וועגן מיכאַעליסן. ער איז געווען ממש די פאַרקערפּערונג פון דעם, וואָס קליפאָרד האָט פאַרשטאַנען אונטערן באַגריף „נישט פּאַסיקער מאַנספּערשוין".

— אָבער מענער און פרויען האָבן געוויינלעך וועגן אַזעל־כע זאַכן פאַרשידענע באַגריפן און געשמאַקן, — האָט זי גע־ענטפערט.

— איך גלייב נישט, — האָט ער צוריקגעענטפערט. — דו האָסט צו מיר געהאַט סימפּאַטיע, אַלזאָ, גלייב איך נישט, אַז דו וואָלסט סימפּאַטיזירן מיט אַזאַ מין מענטש, וועלכער איז מיר אַנ־טיפּאַטיש. דער ריטם פון דיין לעבן וואָלט דאָס נישט דער־לאָזט.

קאָני האָט געשוויגן. אויף דערדאָזיקער לאָגיק האָט זי נישט געהאַט וואָס צו ענטפערן, בפרט, ווייל זי איז דורכאויס פאַלש געווען.

— אין אַזאַ פאַל וואָלסטו זיך געריכט, אַז איך וועל דיר אַלץ פאַרטרויען? — האָט זי געפרעגט און געוואָרפן אויף אים אַ זייטיקן בליק.

— פאַרקערט, איך טאָר גאָר דערפון נישט וויסן... אָבער דו ביסט דאָך מסכים מיט מיר, אַז אַ צופעליקע געשלעכטלעכע פאַרבינדונג האָט די מינדסטע באַדייטונג נישט אין פאַרגלייך מיטן דויערנדיקן, בשותפותדיקן צוזאַמענלעבן? גלייבסטו דען נישט, אַז די סעקסועלע ענינים מוזן זיך צופּאַסן צו די ענינים פונם דויער־האַפטיקן פאַמיליען־לעבן? פּשוט אויסנוצן זיי, ווען זיי לויבען אונז און ווי זיי לויבען אונז? שליסלעך, פאַרמאָגן זיי דאָך, די צייטווייליקע געלוסטן און די באַפרידיקונג פון די געלוסטן, קיין שום וועזנטלעכע באַדייטונג. דער גאַנצער אינהאַלט פון אונזער מענטשלעך לעבן איז דאָך אייגנטלעך דאָס, וואָס מיר דאַרפן שאַפן מיט אונזער לעבן עפּעס האַרמאָניש, עפּעס אַזעלכעס, וואָס זאָל

זיך צופּאַסן און אַריינפּאַסן אינם אַלגעמיינעם לעבן. מיר מוזן לעבן מיט אַ גאַנץ, נישט צעברעקלט לעבן. אַ צעברעקלט, אָפּגעזונדערט לעבן האָט דאָך קיין־שום זין נישט. אויב דער מאַנגל אין געשלעכט־לעכע באַציִונגען דראָט דיר צו צעברעקלען דיין לעבן, שאַף דיר זיי, בינד אָן מיט ווען אַ געשלעכטלעכן קאָנטאַקט. אויב דו ווילסט האָבן אַ קינד און עס דראָט דיר דעריבער אַ צעברעקלט לעבן, מאַך דיר אַ קינד, אויף וואָס פאַר אַן אופן עס זאָל נישט זיין. נאָר טו עס אַזוי, אַז דיין לעבן זאָל נישט ווערן צעברעקלט, צעריסן, אַז דיין לעבן זאָל זיך ווייטער האַרמאָניש אַריינפּאַסן אינם ריטם פונם אַלגעמיינעם לעבן. מיר ביידע קאָנען דאָך האָבן אַזאַ מין לעבן... דו האָסט דען אַן אַנדערע מיינונג?... אויב מיר וועלן זיך צופּאַסן צו דער אומפאַרמיידלעכקייט און בפרט, ווען מיר וועלן דידאָזיקע אומפאַרמיידלעכע צופּאַסונג אַריינפלעכטן אין אונזער דויערהאַפטיקן לעבן. האָסטו דען אַן אַנדערע מיינונג?

קאָני איז געווען עטוואָס צערודערט. געוווּסט האָט זי, אַז טעאָרעטיש האָט ער רעכט. אָבער איר דויערהאַפטיק, אומצע־ברעקלט לעבן מיט אים, ווי ער האָט עס נאָר־וואָס אָנגערופן, איז דאָך אין תוך גענומען געווען פאַר איר ממש שווידערלעך! צי איז טאַקע איר מזל אַזאַ, אַז זי מוז שוין איר לעבן ענדגילטיק אַריינ־פלעכטן אין זיינעם, פאַר זיך אַליין אפילו קיין רעשט נישט איבער־לאָזן?

הייסט עס, אַז איר לעבן מוז שוין אַזוי בלייבן איינגעוועבט אין זיינעם, שאַפן, אַזוי צו זאָגן, אַן איינהייטלעך געוועב, אין וועלכן זי קאָן אַריינוועבן אַ זעלטן בלימעלע פון אַן אייגענער, אַ פּערזענלעכער פּאַסירונג? צי קאָן זי אָבער פאָראויס וויסן, וואָס מיט איר וועט געשען אַ שטייגער אין אַ יאָר אַרום? ווי קאָן מען זאָגן „יאָ" אויף יאָרן פאָראויס? אַ קליין וואָרט „יאָ" — אָבער ביים מינדסטן הויך פונם לעבן קאָן דאָך ווערן דערפון גאָרנישט! ווי קאָן מען זיך לאָזן בינדן דורכן אומבאַדייטנדיקן וואָרט „יאָ"? עס וועט דאָך זיכער פאַרשווינדן ווערן, ווען דאָס לעבן וועט זאָגן „ניין"!

— איך האָלט, אַז דו האָסט רעכט, קליפאָרד, אויף וויפיל מען קאָן אין איצטיקן מאָמענט אורטיילן, בין איך איינשטימיק מיט דיר. דאָס לעבן קאָן אָבער דאָס אַלץ איבעראַנדערשן.

— אָבער ווי לאַנג דאָס לעבן האָט נאָך גאָרנישט איבערגע־אַנדערשט, ביסטו איינשטימיק מיט מיר?

— דאַכט זיך, יאָ! איך גלייב, אַז יאָ! באמת — יאָ!

זי האָט געקוקט בשעת־מעשה אויף אַ ברוינעם הונט, וועל־כער איז אַנגעלאָפן פון אַ זייטיק שטעגל און געקוקט אויף איר מיט אַ פאַרריסענער מאָרדע, בילנדיק אָפּגעהאַקט און הייזעריק. אַ מאַנספערשוין מיט אַ ביקס אין דער האַנט איז נאָכגעקומען נאָכן הונט און זיך תּיכּף אויסגעדרייט אין זייער זייט, ווי ער וואָלט זיי געוואָלט אַטאַקירן; ער האָט זיך אָבער באַלד אָפּגעשטעלט, צוגע־לייגט די האַנט צום הוט און נאָך דער שטומער באַגריסונג אַוועק לינקס פון בערגל אַראָפּ. דאָס איז געווען דער נייער וואַלד־אויפ־זעער; קאָני האָט זיך אין פלוג איבערגעשראָקן, ווייל זיין פּלוצ־לינגדיקער אָנקום פון וואַלד האָט אויסגעזען עפּעס אַזוי דראָענדיק. אַלנפאַלס, אַזאַ איינדרוק האָט זיין באַווייזן זיך געמאַכט אויף איר, אַ דראָענדיקן און אַן אָפּשרעקנדיקן.

דאָס איז געווען אַ מאַנספערשוין אין אַ טונקל־גרינעם סאַ־מעטענעם אַנצוג און אין געטרעס, נאָך דער אַלטער מאָדע. אַ פּנים האָט ער געהאַט אַ שטאַרק אָפּגעברענטס, רויטלעך־בלאָנדע וואָנסעס און אַ צודרינגלעכן, ווייטזיכטיקן בליק. ער איז שנעל אַוועק זיין וועג.

— מעלאָרס! — האָט קליפאָרד אים צוגערופן.

יענער האָט זיך אומגעדרייט און סאַלוטירט מיט אַ קורצער, אָפּגעהאַקטער באַוועגונג. אַ מיליטערמאַן! אַ זעלנער!

— זייט אַזוי גוט, דרייט מיר אויס דעם פאָטעל און טוט אים אַ שטופּ אונטער, וועל איך ווייטער שוין אַליין פאָרן, — האָט זיך קליפאָרד צו אים געווענדט.

דער וואַלד־אויפזעער האָט תּיכּף אויפגעהאָנגען די ביקס אויף דעם אַקסל און צוגעגאַנגען נענטער מיט רעגולערע, פלינקע, אָבער

גלייכגילטיק ווייכע טריט, גלייך ווי ער וואָלט געווען אַ שאָטן, נישט קיין ווירקלעכער מענטש. ער איז געווען אַ מיטלוווקסיקער, אַ דאַרער, אַ שווייגער. ער האָט קיין בליק אפילו נישט געטון אויף קאָנין, נאָר כּסדר געקוקט אויפן פּאָטעל.

— קאָני, דאָס איז אונזער נייער וואַלד־אויפזעער, מעלאָרס. איר קענט נאָך נישט די ליידי טשאַטערליי, מעלאָרס?

— ניין, סער! — האָט ער שנעל און גלייכגילטיק גע־ענטפערט.

נישט רירנדיק זיך פון אָרט, האָט דער וואַלד־אויפזעער אַראָפּגענומען דעם הוט, אַנטפּלעקנדיק זיין געדיכטן, כּמעט ווייצן־העלן קאָפּ האָר. ער האָט קאָנין אַ קוק געטון אין די אויגן אַריין מיט אַ שטאַרן, אומדערשראָקענעם, פולשטענדיק גלייכגילטיקן בליק, ווי ער וואָלט בלויז געוואָלט פעסטשטעלן, וואָס פאַר אַן אויסזען די ליידי פאַרמאָגט; אונטערן איינדרוק פון דעמדאָזיקן בליק האָט קאָני דערפילט עפּעס ענלעכס צו מורא. זי האָט צו אים נישט דרייסט אַ שאָקל געטון מיטן קאָפּ, ער האָט דעם הוט אַריבער־גענומען פון דער רעכטער אין דער לינקער האַנט אַריין און זיך לייכט פאַרנייגט פאַר איר ווי אַן עכטער דזשענטלמען, אָבער קיין איינציק וואָרט נישט אַרויסגערעדט. אַ ווײַלע איז ער אַזוי גע־שטאַנען אומבאַוועגלעך מיטן הוט אין דער האַנט.

— איר געפינט זיך שוין דאָ אַ שטיקל צייט, נישט אמת? — האָט אים קאָני געפרעגט.

— אַכט חדשים, גנעדיקע פרוי... אייער דורכלויכט, — האָט ער רויק אויסגעבעסערט.

— עס געפעלט אייך דאָ?

זי האָט אים אַ קוק געטון אין די אויגן אַריין. זיינע אויגן האָבן זיך לייכט פאַרזשמורעט מיט אַן אויסדרוק פון איראָניע און קוים באַמערקבאַרער העזה.

— כ'דאַנק אייך, ליכטיקע פריצה־לעבן. כ'בין דאָך דאָ הי אויפגעהאָדעוועט... — האָט ער געענטפערט אינם פויערישן דיאַלעקט פון די אָרטיקע דאָרפסלייט.

ער האָט זיך לייכט פאַרנייגט, זיך אויסגעדרייט, אָנגעטון דעם הוט און צוגעגאַנגען צום פאָטעל. זיין פויערישע אויסשפּראַך האָט געקלונגען מיט אַ געוויסער דאָזע איראָניע. עטוואָס פריער האָט ער זיך אויסגעדרוקט אין אַ ליטעראַרישן ענגליש. בכלל האָט ער געקאָנט כמעט אָנגיין פאַר אַן אמתן דזשענטלמען. אַלנפאַלס האָט מען באַלד געקאָנט באַמערקן, אַז דאָס איז אַ מאָדנע מענטש. אַ געשיקטער, עטוואָס כיטרע, איבערהויפּט נישט קיין נאַר און נישט קיין שלימזלניק, און אַ מענטש מיט סימנים פון זעלבסט־ווירדע, אָבער אַ טיפּ פון אַן איינזאַמען פאַרשוין, וועלכער דער־ווייטערט זיך פון מענטשן.

קליפאָרד האָט געלאָזט דעם מאָטאָר, דער וואַלד־אויפזעער האָט פאָרזיכטיק אויסגעדרייט דעם פאָטעל און אים אָפּגעפירט צום ברעג פון בערגל, וואָס האָט זיך לייכט אַראָפּגעלאָזט צום טונקעלן ניסן־וועלדל.

— מער דאַרפט איר נישט, סער קליפאָרד? — האָט מעלאָרס געפרעגט.

— בלייבט נאָך. קומט מיט אונז, אפשר וועט זיך דער מאָ־טאָר פאַרהאַקן. די מאַשין איז ווייניק צוגעפּאַסט צום פאָרן באַרג־אַראָפּ.

דער אויפזעער האָט אַ קוק געטון צום הונט... דער קוק איז געווען, ווי ער וואָלט זיך געישובט. דער הונט האָט אָנגעקוקט דעם באַלעבאָס זיינעם און אַ מאַך געטון מיטן עק. אַ לייכטער שמייכל, ווי ער וואָלט אָפּגעחוזקט פון וועמען, אָדער דער שמייכל וואָלט אונטערגעמוטערט דעם הונט, האָט זיך באַוויזן אויפן וואַלד־אויפזעערס ליפּן און באַלד פאַרשוונדן. דאָס גאַנצע פּנים איז גע־בליבן נישט דורכדרינגלעך. גאַנץ שנעל איז דאָס וועגעלע אַראָפּ־געפאָרן פון בערגל. דער אויפזעער האָט געהאַלטן די האַנט אויפן אָנלען און פאַרהיטן דאָס וועגעלע פון אויפטרייסלונגען. ער האָט געהאַט אַן אויסזען פון אַ מיליטערמאַן, נישט פון קיין דינער. אין זיין גאַנצער האַלטונג איז געווען עפּעס אַן ענלעכקייט צו טאָממי דוקעסן.

ווען זיי זענען צוגעקומען צום ניסן־ווערדל, איז קאָני פּלוצלינג אַוועקגעלאָפן פאָראויס און געעפנט דאָס טירל פון פּארק. ווען זי איז אַזוי געשטאַנען ביים אָפענעם טירל, האָבן ביידע מאַנספּערשוינען דורכפאָרנדיק אַ קוק געטון אויף איר: קליפאָרד — קריטיש, דער וואַלד־אויפזעער — מיט אַ מאָדנע, קאַלטע באַוווּנדערונג, ווי ער וואָלט נאָכאַמאָל געוואָלט אָנקוקן, וואָס פאַר אַ פּנים זי האָט. קאָני האָט באַמערקט אין זיינע קאַלטע, גלייכגילטיקע אויגן אַזוי ווי אַן אויסדרוק פון ליידן, געמישט מיט אַ געפיל פון הארציקייט. פאַרוואָס־זשע האָט ער אויסגעזען אַזוי איינזאַם, אַזוי מענטשן־פרעמד?

קליפאָרד האָט אָפּגעשטעלט די מאַשין תיכף נאָכן טירל און דער וואַלד־אויפזעער איז שנעל צוגעגאַנגען און מיט דרך־ארץ פאַרמאַכט דאָס טירל.

— צוואָס ביסטו געלאָפן פאָראויס און אַליין געעפנט? — האָט קליפאָרד געפרעגט מיט אַזאַ קאַלטן טאָן, וועלכער איז ביי אים געווען אַ סימן פון אומצופרידנקייט. — מעלאָרס האָט דאָך עס געקאָנט טון.

— איך האָב געמיינט, אַז דו ווילסט תיכף פאָרן ווייטער, — האָט קאָני געענטפערט.

— און דיך וועל איך לאָזן נאָכלויפן? — האָט קליפאָרד געזאָגט.

— וואָס מאַכט עס אויס? איך האָב טיילמאָל ליב זיך איבערצולויפן.

מעלאָרס איז צוריק צוגעקומען צום פאָטעל; ער האָט אויסגעזען גלייכגילטיק ווי פריער, אָבער קאָני איז זיכער געווען, אַז ער האָט אַלץ באַמערקט. אונטערשטופנדיק דאָס וועגעלע באַרג־אַרויף, האָט ער האַסטיק געאָטעמט. ער איז, ווייזט אויס, געווען אַ שוואַכער. דער קאָנטראַסט פון זיין פיזישער שוואַכקייט איז געווען זיין לעבנס־דורשט, וועלכער האָט ממש זיך געוואָרפן אין די אויגן. ביידע זאַכן האָט איר פרויען־אינסטינקט בולט אַרויסגעשפירט פון דעמדאָזיקן מענטש.

קאָני איז געבליבן הינטערשטעליק. דער טאָג איז מיאוסער, גרויער געוואָרן. דאָס שטיקל בלויע הימל איז צוריק פאַרצויגן געוואָרן, די דעק צום פרייען רוים האָט זיך ווידער צוגעשלאָסן. אַ קאַלטער ווינט האָט פלוצלינג אָנגעהויבן בלאָזן. עס האָט זיך געפילט, אַז ס'וועט באַלד אָנהייבן שיטן אַ שניי. גרוי אַלץ, גרוי אַלץ! די וועלט האָט אויסגעזען אָפּגעמאַטערט, דערשעפּט!

דער פאָטעל האָט שוין געוואַרט אויפן שפּיץ בערגל, אין צווייטן עק פון ראָזן שטעגל. קליפאָרד האָט זיך אומגעקוקט צו קאָנין.

— ביסט אָפּגעמאַטערט? — האָט ער געפרעגט.

— אָ, ניין! — האָט זי געענטפערט.

זי איז ווירקלעך יאָ געווען מיד. ס'האָט עפּעס אין איר אויפגעוואַכט אַ מאָדנע, מידע בענקעניש, עפּעס אַן אומצופרידנקייט. קליפאָרד האָט דאָס נישט באַמערקט, אַזעלכע זאַכן איז ער נישט געוווינט געווען צו באַמערקן. אָבער דער פרעמדער האָט דאָס יאָ דערזען. אַלץ אַרום, די גאַנצע וועלט האָט איר אויסגעזען מיד, אויסגעמאַטערט, און איר אומצופרידנקייט איז עפּעס געווען אַזאַ אייביקע, אַזאַ אַלטע, עלטער ווי די דיזיקע דעמבעס.

זיי זענען צוגעקומען צום הינטערשטן איינגאַנג אין הויז, דאָרט זענען קיין טרעפּ נישט געווען. קליפאָרד האָט זיך זעלבסט־שטענדיק אַרויסגעראַטשקעט פון זיין שפּאַציר־וועגעלע אין אַ שטופּ־פאָטעל אויף רעדלעך, — ער האָט עס געטון מיט דער הילף פון זיינע גאַנץ שטאַרקע הענט. קאָני האָט אים ערשט שפּעטער אַרי־בערגעלייגט די משא פון די טויטע פיס זיינע.

דער וואַלד־אויפזעער איז געשטאַנען און געוואַרט דינערמע־סיק, מען זאָל אים פריילאָזן, ער האָט אַלץ באַמערקט, קיין זאַך איז נישט פאַרלוירן געגאַנגען פאַר זיין בליק. ער איז פון שרעק בלאַס געוואָרן, ווען קאָני האָט אָנגענומען דעם מאַנס טויטע פיס און זיי איבערגעטראָגן אויפן צווייטן פאָטעל. ער איז געווען דער־שיטערט.

— איך דאַנק אייך, מעלאָרס, — האָט קליפאָרד נאָכלעסיק

געזאָגט, אויסדרייענדיק דעם פּאָטעל און וועלנדיק אַריינפאָרן אינם טונקעלן קאָרידאָר.

— אפשר פאַרלאַנגט איר נאָך עפּעס, סער? — האָט זיין קול אָפּגעקלונגען גלייכגילטיק, ווי פאַרשלאָפן.

— ניין, צום ווידערזען!

— צום ווידערזען, סער!

— צום ווידערזען! אַ דאַנק אייך פאַרן צוהעלפן אַרויפשטופּן דעם פּאָטעל... איך האָף, אַז איר האָט אייך נישט זייער אָנגעאַר-בעט, — האָט קאָני זיך געווענדט צום אויפזעער, וועלכער איז שוין געשטאַנען אויף יענער זייט טיר.

— אָך, ניין, לעדי, — האָט ער איילִיק געענטפערט.

און פּלוצלינג איז ער איבערגעגאַנגען אויף זיין פּויערישן דיאַלעקט:

— אַ גוטן אייך, פּריצה-לעבן.

— ווער איז ער, דערדאָזיקער וואַלד-וועכטער דיינער? — האָט קאָני געפרעגט ביים פרישטיק.

— נו, דער-אָ? מעלאָרס, — האָסט דאָך אים געזען, — האָט קליפאָרד געענטפערט.

— נישט דאָס מיין איך, — ווער איז ער? פונוואַנען קומט ער אַהער?

— ער קומט נישט פון ערגעץ, ער איז אַ היגער, פון טי-ווערסהאָל... דאַכט זיך, עפּעס אַ גרובן-אַרבעטערס אַ זון.

— און ער איז אויך געווען אַ גרובן-אַרבעטער?

— אויב איך האָב קיין טעות נישט, דאַכט זיך, אַ שמיד, עפּעס אַ מייסטער אין דער גרובן-שלאָסעריי, צי וואָס. ער איז נאָך פאַר דער מלחמה געווען דאָ וואַלד-אויפזעער; איידער ער איז מאָביליזירט געוואָרן, האָט ער דאָ געדינט. מיין פּאָטער האָט פון אים זייער שטאַרק געהאַלטן, דעריבער האָב איך אים ווידער צוגענומען; ער איז געקומען צוריק קיין טיווערסהאָל און זיך באַ-מיט וועגן אַ פּאָסטן אינם גרובן-וואַרשטאַט, האָב איך אים ווידער אַנגאַזשירט צו מיר אַלס וואַלד-וועכטער. איך בין זייער צופרידן,

וואָס ער איז מיר אונטערגעקומען, עס איז פשוט שווער צו קריגן אַזאַ פּאַסיקן מענטש אויף דעם פּאָסטן.

— ער איז אַ באַווייבטער?

— ער איז געווען. דאָס ווייב איז פון אים אַנטלאָפן מיט... מיט פאַרשידענע מענטשן... לעצטנס מיט עפּעס איינעם אַ גרובן־אַרבעטער פון שעפילד, זי וווינט מיט אים דאָרט.

— ער לעבט אַזוי איינזאַם?

— דאַכט זיך! ער האָט אַ מוטער אין דאָרף... און, שיינט מיר, אַ קינד האָט ער אויך.

קליפאָרד האָט אָנגעקוקט קאָנין מיט זיינע בלאַסע, עטוואָס פאַרחידושטע אויגן. אויפן פאָדערגרונט האָט ער אויסגעזען אויפגעהייטערט און אַזוי ווי וואַכזאַם, אויפן הינטערגרונט האָט אָבער געהערשט די אַטמאָספער פון מיטל־ענגלאַנד, דער נעפּל, די פאַרוויכערטקייט. און דער פאַרוויכערטער נעפּל האָט ביסלעכווייז אָנגעהויבן אַרויסקריכן אויפן פאָדערגרונט. אַזאַ איינדרוק האָט זי געהאַט, בשעת ער האָט געקוקט אויף איר לויט זיין שטייגער און איר לויט זיין שטייגער געגעבן אָנצוהערן, אַז דער הינטערגרונט פון זיין נשמה איז פולשטענדיק פאַרוועבט מיט נעפּל, מיט גאָרנישט. דאָס האָט זי באַאומרויִקט. ער פלעגט איר אין אַזעלכע מאָמענטן אויסזען אויסגעליידיקט פון אַלץ ביז אידיאָטיזם.

אומדייטלעך האָט זי דערפילט איינס פון די גרונטגעזעצן פון דער מענטשלעכער נשמה: ווען עמעץ באַקומט אַ צעשמעטערנדיקן קלאַפּ, ווען דער קלאַפּ דערהרגעט אים אָבער נישט, ווערט די נשמה ביסלעכווייז געזונט, צוגלייך מיטן גוף. אַזוי זעט עס לפּחות אויס. אָבער עס ווייזט זיך נאָר אויס אַזוי. באמת אַרבעט נאָר דער מעכאַניזם פון געוווינהייט. די וווּנד אין דער נשמה לאָזט זיך אָבער כסדר שפּירן, ביז די וווּנד הייבט אָן דאָמינירן איבער אַלץ און פילט אָן ביסלעכווייז די גאַנצע פּסיכיק. און ווען עס קאָן זיך אויסדאַכטן, אַז שוין, די וווּנד איז אינגאַנצן פאַרהיילט און פאַרגעסן, דערוועקט זי זיך ערשט אין די ווייטיקלעכסטע פאָרמען.

אַזוי איז אויך געשען מיט קליפאָרדן. אַזוי ווי ער האָט זיך נאָר אויסגעהיילט, אַזוי ווי ער איז נאָר צוריק געווען אין זיין פאַמיליע-גוט און אָנגעהויבן שרייבן זיינע נאָוועלעס, — האָט ער אויסערלעך פאַרגעסן אָן אַלעם און צוריקבאַקומען זיין גייסטיקע גלייכגעוויכט. אָבער איצט, ווען די יאָרן זענען געגאַנגען לאַנג-זאַם, לאַנגזאַם, האָט קאָני געזען באַשיינפּערלעך, ווי די וווּנד, וועלכע ער האָט באַקומען אין זיין פסיכיק, קריכט צוריק אַרויס אויפן פאָדערגרונט און פאַרשפּרייט זיך איבער זיין גאַנץ וועזן. אַ שטיק צייט האָט זיך די וווּנד געהאַט אַזוי טיף פאַרשטעקט, אַז מ׳האָט זי צייטנווייז אינגאַנצן נישט אַרויסגעשפּירט, ווי זי וואָלט טאַקע פאַרשוווּנדן. איצט האָט די וווּנד אָנגעהויבן קאַפּויערקומען, אירע באַגלייטער זענען געווען די אינערלעכע שרעק און כמעט פאַרלוירנקייט. ער האָט נאָך אַלץ אויסגעזען מונטער. אָבער אין דער ווירקלעכקייט האָט דער פּאַראַליז זיך ביסלעכווייז אויסגע-שפּרייט אויך אויף זיין גייסטיק לעבן.

און אין דער זעלבער צייט, וואָס דער פּאַראַליז האָט דורכ-געדרונגען קליפאָרדן, האָט קאָני געשפּירט, אַז ער גנבעט זיך אַריין אין איר אויך. עפּעס אַן אינערלעכע שרעק, עפּעס אַ פּוסט-קייט, אַן אָפּהענטיקייט, אַ גלייכגילטיקייט צו אַלעם האָט פּאַמע-לעך זיך אַריינגעשלייכט אין איר נשמה. ווען מ׳פּלעגט קליפאָרדן אויפטרייסלען, פּלעגט ער נאָך קאָנען אַ בליץ טון, אַ רעד טון מיט היץ, מיט ברען, וואַרפן אַ בריק פון זיך אין דער צוקונפט אַריין, ווי אַ שטייגער היינט אין וואַלד, ווען ער האָט גערעדט וועגן דעם קינד, וואָס ער האָט געוואָלט האָבן, און וועגן איבערלאָזן נאָך זיך אַ יורש. אָבער באַלד צומאָרגנס פּלעגן זיינע רייד באַקומען אַן איינגעשרומפּן פּנים ווי פאַרוועלקטע בלעטער, פּלעגן צעשאָטן ווערן ווי שטויב, נישט האָבן אין זיך אַבסאָלוט גאָרנישט. דער מינדסטער ווינט פּלעגט זיי אַוועקטראָגן. דאָס איז נישט געווען קיין יונג בליִעכץ פון אַקטיוון, טעטיקן לעבן, קיין יונגער לעבנס-כּוח, וועלכער איז צוגעבונדן צום לעבנס-בוים. דאָס זענען גיכער געווען כמאַרעס האַרבסט-בלעטער, וועלכע נוצן שוין צו גאָרנישט.

אַזוינס האָט זי געשפּירט אומעטום. די גרובן־אַרבעטער האָבן ווידער געזאָלט שטרייקן, אָבער קאָנין האָט דאָס אויסגעוויזן נישט ווי אַ לעבנס־אַקט, ווי אַ דערשיינונג פון לעבנס־ענערגיע, נאָר ווי אַ ווונד פון דער מלחמה, ווי אַ ווונד, וואָס האָט אַ לאַנגע צייט אויסגעזען פאַרהיילט און וואָס טרעט איצט ערשט אַרויס בולט. לויט איר מיינונג איז דאָס געווען אַ טיפע, טיפע ווונד, וועלכע עס האָט געמאַכט די פאַלשע, אוממענטשלעכע מלחמה. אַ סך דורות וועלן מוזן פריש בלוט אַריינשפּריצן אין דער מענטשהייט, ביז די מיאוסע, שוואַרצע ווונד פון אָנגעווירענער האָפענונג וועט קאָנען פאַרהיילט ווערן. אַ נייע האָפענונג וועט מוזן געבוירן ווערן.

אומגליקלעכע קאָני! די יאָרן זענען אַזוי געפלויגן, און זי האָט אַרומגעכאַפּט אַ שרעק פאַר דער נישטיקייט פון איר אייגן לעבן. קליפאָרדס גייסטיקע לעבן און איר אייגנס האָבן איר אויסגעזען אַזוי גאָרנישטיק. זייער צוזאַמענלעבן, זייער געמיינזאַם לעבן, וועגן וועלכן קליפאָרד האָט אַזוי פיל גערעדט, איז דאָך געווען ממש ליידיק, פוסט, הוילע גאָרנישט. ווערטער, הוילע ווערטער. די איינציקע ממשותדיקייט אין זייער לעבן איז דאָך געווען דידאָזיקע גאָרנישטיקייט, אַרומגעהילט מיט אַ הילע פון צביעותדיקע ווערטער.

ס'איז נאָך עפּעס געווען, קליפאָרדס דערפאָלג: די היגטישע געטין! אמת, ער איז געוואָרן באַרימט און זיינע ביכער האָבן אַריינגעטראָגן טויזנטער פונטן. זיינע בילדער זענען געווען אין אַלע צייטשריפטן. אין איין קונסט־גאַלעריע איז געשטאַנען זיינס אַ ביוסט און אין צוויי אַנדערע קונסט־גאַלעריעס זענען געהאָנגען זיינע פּאָרטרעטן. ער איז געווען אויסטערליש פּאָפּולער. אַ דאַנק זיין געוואַלטיקן חוש פאַר רעקלאַמע האָט ער געשמט אַלס איינער פון די גרעסטע צווישן די „יונגע אינטעלעקטואַליסטן“. אין וואָס עס איז באַשטאַנען זיין אינטעלעקט, האָט קאָני נישט געקאָנט דערגיין. קליפאָרד איז טאַקע געווען קלוג, אויף וויפיל עס האָט זיך געהאַנדלט אין הומאָריסטיש אַנאַליזירן מענטשן און מאָטיוון.

אָבער דאָסדאָזיקע האָט געמאַכט אַן איינדרוק, ווי אַ יונגיטשקע הינטעלע וואָלט צעריסן און צעביסן אַלץ, וואָס קומט עס אונטער די ציין; דער חילוק איז בלויז געווען דער, וואָס קליפאָרדס צע־רייסן און אָפּחוזקן האָט גיכער געהאַט סימנים פון אָפּגעלעבטקייט און פאַרריסנקייט. ס'איז אפשר דערין געווען אַ סך אייגנאַרטיקס, אָבער די אייגנאַרטיקייט איז אויך געווען נישטיק. דאָס איז גע־ווען דאָס געפיל, וואָס האָט אָפּגעקלונגען טיף אין קאָניס נשמה: נישטיקייט, הוילע נישטיקייט, אַ פּרעכטיקער ספּעקטאַקל פון ניש־טיקייט. הוילער ספּעקטאַקל. ספּעקטאַקל, ספּעקטאַקל, און ווידער אַמאָל ספּעקטאַקל.

מיכאַעליס האָט אויסגעוויילט קליפאָרדן אַלס הויפּט־פּערזאָן פאַר איינער פון זיינע פּיעסס; ער האָט שוין צוגעטראַכט די אַקציע און אָנגעשריבן דעם ערשטן אַקט. מיכאַעליס האָט נאָך בע־סער פון קליפאָרדן געקאָנט מאַכן אַ ספּעקטאַקל פון נישטיקייט. דאָס איז געווען די געבליבענע רעשט פון ליידנשאַפט ביי דידאָ־זיקע לייט: די ליידנשאַפט זיך אַליין אַרויסצושטעלן און מאַכן פון זיך אַ ספּעקטאַקל. געשלעכטלעך זענען זיי געווען אימפּאָטענט, ממש טויט. נישט אין געלט איז מיכאַעליסן געגאַנגען. קליפאָרד האָט אויך קודם־כל נישט אין זין געהאַט דאָס געלט, כאָטש ער האָט געהאַוועט כסדר אַרום דעם געלט, ווייל געלט איז געווען דער סימן פון דערפאָלג. דער ציל זייערער איז דאָך געווען דער־פאָלג. ביידע האָבן זיי געשטרעבט צו געבן אַן עכטן ספּעקטאַקל... אַ ספּעקטאַקל, ווו מ'שטעלט זיך אַליין אַרויס, כדי אויף אַ רגע צו באַצווינגען אַ גרויסן עולם מענטשן.

אַ מאָדנע פּראָסטיטואירן מיט דער הינטישער געטין! פון זינט קאָני האָט זיך צוגעקוקט צו דעם פון אַ זייט, פון זינט זי האָט אויפגעהערט זיך צו באַגייסטערן מיט דער שפּיל, האָט זי דערין געזען הוילע נישטיקייט. אפילו דאָס פּראָסטיטואירן מיט דער הינטישער געטין איז געווען נישטיק.

מיכאַעליס האָט געשריבן צו קליפאָרדן וועגן זיין פּיעסע. קאָני האָט באמת שוין לאַנג געוווסט דערפון. קליפאָרד איז געווען

BRIDGEPORT PUBLIC LIBRARY
Burroughs Building

אַנטציקט. ווידער וועט ער אַרויסגעשטעלט ווערן פאַר אַלעמענס אויגן, דאָס מאָל דורך עמעצן אַנדערש, דערצו נאָך אין גינסטי־קער באַלויכטונג. ער האָט איינגעלאַדן מיכאַעליסן צוזאַמען מיט זיין ערשטן אַקט צו זיך אין גוט אַריין.

מיכאַעליס איז געקומען צו פאָרן: זומער, אין אַ העלן אָנ־צוג, אין ווייסע זאַמשענע הענטשקעס, מיט פיילכן און אָרכידעען פאַר קאָנין (זיי זענען געווען פּרעכטיק) און מיט זיין ערשטן אַקט, וועלכער איז געווען באמת פּרעכטיק. אפילו קאָני איז געווען אַנט־ציקט... אַנטציקט, נישט קוקנדיק אויף דער קליינער דאָזע ניכ־טערקייט, וועלכע איז איר פאַרבליבן... מיכאַעליס, אַן אַנטציקטער פון זיין כּוח צו אַנטציקן, איז געווען ממש ווונדערלעך שיין... אין קאָניס אויגן איז ער אפילו געווען פּרעכטיק שיין. זי האָט אין אים געזען די אוראַלטקייט פון זיין ראַסע. אויפן צווייטן פּאַ־לוס פון זיין פּראָסטיטואירן מיט דער הינטישער געטין האָט ער אויסגעזען ממש אומבאַפלעקט־ריין. אַזוי אומבאַפלעקט־ריין, ווי אַן אַפריקאַנישע מאַסקע פון העלפאַנטביין, וועלכע פאַרוואַנדלט אומ־ריינקייט אין ריינקייט דורך אירע ביינערנע ליניעס און קאָנטורן.

דער מאָמענט פון באַגייסטערונג אין דער געזעלשאַפט פוןביידע טשאַטערלייס, ווען קאָני און קליפאָרד זענען מיטגעריסן געוואָרן מיט זיין ווערק, איז געווען איינער פון די העכסטע מאָ־מענטן אין מיכאַעליסעס לעבן. עס איז אים געלונגען: ער האָט זיי מיטגעריסן. אפילו קליפאָרד איז אַ שטיקל צייט געווען אין אים פאַרליבט... אויב מ׳קאָן אַזוי אויסטייטשן זיין געפיל.

באַלד צומאָרגנס איז מיק געווען מער ווי שטענדיק צע־שרויפט: אומרויִק, פאַרזאָרגט, די הענט נערוועז פאַרשטעקט אין די הויזן־קעשענעס. קאָני איז צו אים נישט געקומען די נאַכט... ער האָט נישט געוווּסט, ווו זי צו זוכן. קאָקעטישקייט!... אין אַזאַ מאָמענט פון טריאומף!

פאַר מיטאָג איז ער אַרויפגעקומען צו איר אין סאַלאָן. זי האָט געוווּסט, אַז ער וועט קומען. זיין אומרויִקייט איז געווען נישט מאַסקירט, ער האָט זי געפרעגט אַ מיינונג אויף זיין

פיעסע — צי זי געפעלט איר. ער האָט געמוזט הערן איר לויב: דאָס האָט אים פאַרשאַפט אַ סך מער ליידנשאַפטלעכן פאַרגעניגן ווי זיין שוואַכער סעקסועלער אָרגאַזם. קאָני האָט מיט באַגייסטערונג געלויבט די פיעסע. און דאָך האָט זי טיף אין דער נשמה שוין געוווּסט, אַז די פיעסע פאַרמאָגט אין זיך גאָרנישט, לגמרי גאָרנישט.

— הער נאַר! — האָט מיכאַעליס ענדלעך אויסגעשאָסן. — פאַרוואָס באַהאַלטן מיר זיך פאַר דער עפנטלעכקייט, פאַרוואָס האָבן מיר נישט חתונה?

— איך בין דאָך פאַרהייראַט, — האָט קאָני געענטפערט מיט אַ פאַרווּנדערט פּנים.

— אָבער... אָבער... ער וועט דאָך געוויס איינשטימען דיך צו גטן... פאַרוואָס האָבן מיר נישט חתונה? איך וויל חתונה האָבן. איך ווייס, אַז דאָס וואָלט געווען דאָס בעסטע פאַר מיר... חתונה האָבן און פירן אַ נאָרמאַל לעבן. איך פיר אַ הינטיש לעבן, איך צערייס מיך אויף שטיקער... זעסט, מיר ביידע זענען אַזוי ווי באַשאַפן געוואָרן איינער פאַרן צווייטן... מיר זענען צוגעפּאַסט צו זיך, פאַרוואָס־זשע זאָלן מיר נישט חתונה האָבן? ס'איז דען פאַראַן אַ סיבה מיר זאָלן נישט חתונה האָבן?

קאָני האָט אים אָנגעקוקט פאַרחידושט. זי האָט אָבער נישט געפילט גאָרנישט. מאַנספערשוינען זענען אַלע אַזעלכע, זיי טראַכטן נישט. זיי איילן, זיי פליען בלינדערהייט ווי ראַקעטן און זיי דאַכט זיך, אַז יעדער וועט זיך לאָזן מיט זיי מיטרייסן.

— איך האָב דאָך שוין אָבער חתונה געהאַט. — האָט זי אַ זאָג געטון. — איך קאָן דאָך קליפאָרדן נישט פאַרלאָזן. דו ווייסט עס דאָך.

— פאַרוואָס? פאַרוואָס קאָנסטו נישט? — האָט זיך מיכאַעליס צעהיצט. — ס'וועט פאַרבייגיין נישט מער ווי אַ האַלב יאָר און דו וועסט פאַר אים לחלוטין שוין נישט עקזיסטירן. ער ווייסט דאָך אפילו נישט, צי עס עקזיסטירט עמעץ אַ חוץ אים. דערדאָזיקער מענטש ווייסט דאָך נישט, לויט מיין מיינונג, וואָס מיט זיך

בכלל צו טוז ער איז דאָך אויסשליסלעך מיט זיך אַליין באַ-
שעפטיקט.

קאַני האָט געשפּירט, וויפיל אמת עס ליגט אין דידאַזיקע
ווערטער. זי האָט אָבער אויך געפילט, אַז צו מיקן וואָלטן זיין
זיינע ווערטער אויך אויסגעצייכנט געפּאַסט.

— וועלכער מאַנספּערשוין איז נישט באַשעפטיקט מיט זיך
אַליין? — האָט זי אַ פרעג געטון.

— יאָ, כמעט אַלע, איך בין מודה. פאַר אַ מאַן איז דאָס אַ
מוז-זאַך, כדי זיך דורכצושלאָגן אַ וועג אינם לעבן. נישט אין דעם
האַנדלט זיך אָבער. עס האַנדלט זיך אין דעם, וואָס דער מאַן
קאָן געבן דער פרוי. צי ער קאָן איר געבן אַ לעבן אַ גוטס, צי
ער קאָן נישט. אויב ער קאָן נישט, דאַרף ער אויף דער פרוי קיין
רעכט נישט האָבן... — ער האָט אָפּגעהאַקט און אַ קוק געטון
אויף איר כמעט היפּנאָטיש מיט זיינע קיילעכיקע, ברוינע אויגן. —
איך בין אָבער זיכער, — האָט ער צוגעגעבן, — אַז איך בין
בכוח צו געבן אַ פרוי דאָס בעסטע לעבן. איך בין זיכער און איך
קאָן קאַווירן דערפאַר.

— וואָס פאַר אַ מין גוט לעבן? — האָט קאַני געפרעגט,
קוקנדיק אויף אים כסדר מיט עפּעס אַ מין פאַרחידושטקייט, וועל-
כע האָט אויסגעזען ווי אַנטציקונג; אָבער זי האָט נאָך אַלץ גאָר-
נישט געשפּירט.

— אַלערליי מינים, צו אַלדי טייוול! אַלערליי מינים גוטס,
יעדן מין גוט לעבן! קליידער, צירונג, נאַכט-לאָקאַלן, וויפיל דיין
האַרץ וועט גלוסטן, באַקאַנטשאַפט מיט יעדן איינעם, ווער ס׳וועט
דיר געפעלן, אָנטייל אין אַלעם... רייזעס, שפּילן אַן אָנגעזעענע
ראָל, ווו דו וועסט נאָר קומען... צום טייוול, יעדן מין גוט
לעבן!

ער האָט גערעדט מיט אַ זיגרייכן טאָן, און קאַני האָט גע-
קוקט אויף אים צעמישט און באמת גאָרנישט געשפּירט. קוים ד
אויבערפלאַך פון איר נשמה איז לייכט אויפגערייצט געוואָרן פון
די צוזיעענדיקע פּערספּעקטיוון, וועלכע ער האָט איר פאָרגעשלאָגן.

קוים אַ מינדסט חלק פון איר אויסערלעכסטן איך האָט עטוואָס מיטגעפילט זיינע היציקע רייד. דאָס מינדסטע אינערלעכע געפיל איז אין איר נישט אויפגעוועקט געוואָרן. זי איז פשוט גע־זעסן, געקוקט פאָראויס פאַר זיך, געקוקט אָן געפיל. דאָס איינצי־קע, וואָס זי האָט געשפּירט, איז געווען דער עקלדיקער גערוך פון דער הינטישער געטין.

מיק איז געזעסן ווי אויף שפּילקעס, איבערגעבויגן און קוקנ־דיק איר גלייך אין די אויגן מיט אַ כמעט היסטערישן בליק: ס'איז שווער געווען צו זאָגן, צי דערוואַרט ער אַזוי דעם ענט־פער „יאָ", צי האָט ער מורא, טאָמער ענטפערט זי טאַקע „יאָ"!

— איך מוז מיך באַטראַכטן, — האָט קאָני געענטפערט. — איך קאָן דיר איצט גאָרנישט זאָגן. עס קאָן זיך אפשר טאַקע אויס־דאַכטן, אַז קליפאָרד גייט דאָ נישט אַריין אין חשבון, ער גייט אָבער יאָ אַריין אין חשבון. מען דאַרף אין אַכט נעמען, ווי הילפ־לאָז ער איז...

— אָ, צו אַלדי רוחות! אויב אַ מענטש קאָן טאַקע האָבן נוצן פון זיין הילפלאָזיקייט, וואָלט איך דיר געקאָנט אָנדערציילן, ווי איינזאַם איך בין, ווי איך בין שטענדיק געווען, און נאָך אַזעל־כע שטותים וועגן גייסטיקער פּיין און דעסגלייכן! צום טייוול! אַ מאַן קאָן דען צוציען דורך זיין צעבראָכנקייט?...

ער האָט זיך אַוועקגעדרייט און די הענט זיינע האָבן אין די הויזן־קעשענעס געציטערט פון כעס. דעם זעלבן אָוונט האָט ער צו איר געזאָגט:

— וועסט קומען היינט צו מיר, אמת? איך ווייס דאָך אפילו נישט, ווו דו שלאָפסט.

— כ'וועל קומען, — האָט קאָני געענטפערט.

* * * * * * * * *

קאָני איז געווען פולשטענדיק צערודערט פון זיין אומפאַר־שטענדלעכער ברוטאַלקייט... ער האָט זי באַהאַנדלט נישט ווי אַ

געליבטע, נאָר ווי אַ שונא זיינס. זי האָט נישט געפילט איר שולד.

— דו ווילסט גאָרנישט, איך זאָל מיך אויך באַפרידיקן? — האָט זי געפרעגט.

— פאַרוואָס נישט? איך בין נישט דאַקעגן. דער טייוול זאָל עס נעמען, עס איז אָבער אַ גאַנץ קנאַפּע הנאה פאַר אַ מאַנספּערשוין צו וואַרטן אַזוי ביז די פרוי וועט אויך...

דידאָזיקע ווערטער זענען געווען אַ דעצידירנדיקער קלאַפּ פאַר קאָנין. זיי האָבן אין איר לעבן עפּעס אָפּגעטויט. עס האָט זי נישט אַזוי ווייט אינטערעסירט דער מיכאַעליס. עס האָט זיך איר געדאַכט, אַז זי האָט אים נישט געדאַרפט, דעם מיכאַעליסן, אַז ס׳האָט זי גאָר קיינמאָל צו אים נישט געצויגן. אָבער קוים האָט זי זיך מיט אים אַריינגעלאָזט אין די באַציִונגען, קומט איר נאַטירלעך די הנאה און ער דאַרף זי איר צוטיילן. נישט בלויז זי זאָל אים געבן, נאָר אויך ער איר.

אפשר האָט ער אינסטינקטיוו געוווסט וועגן וואָס זי קלערט, און אפשר האָט ער טאָקע דעריבער אַזוי ברוטאַל אַלץ צעשמעטערט, צעוואָרפן ווי אַ קאָרטן-הייזל. איר גאַנץ געשלעכטלעך געפיל צו אים, ווי אויך צו יעדן מאַנספּערשוין בכלל איז יענע נאַכט איינגעבראָכן געוואָרן. איר לעבן האָט זיך אַזוי פולשטענדיק אָפּגעריסן פון זיין לעבן, ווי דערדאָזיקער מיכאַעליס וואָלט קיינמאָל גאָרנישט געווען אויף דער וועלט.

אומעטיק זענען אירע טעג פאַרבייגעגאַנגען. איצט איז איר שוין מער נישט געבליבן ווי דער ליידיקער וואָגן פונם צוזאַמענלעבן מיט קליפאָרדן, ווי דאָס צוזאַמענלעבן פון צוויי מענטשן, וואָס די געוווינהייט האָט זיי צונויפגעשפּאַנט.

אַבסאָלוטער גאָרנישט! שלום מאַכן מיט דער גרויסער, אַבסאָלוטער נישטיקייט פון לעבן, — דאָס האָט איר אויסגעוויזן צו זיין דער איינציקער ציל פון לעבן. אַזוי פיל פּלומרשט-וויכטיקע, פּלומרשט-וואָגיקע קלענערע און גרעסערע ענינים, וועלכע האָבן אין סך-הכל געגעבן אַבסאָלוט גאָרנישט.

קאַפּיטל VI

— פאַרוואָס האָבן זיך שוין היינט מענער און פרויען נישט אמתדיק ליב? — האָט קאָני אַ פרעג געטון טאָממי דוקעסן, וועלכער איז געווען איר אויטאָריטעט אין דידאָזיקע ענינים.

— וואָס רעדט איר! מ׳האָט זיך זייער ליב! לויט מיין מיינונג, איז פון זינט עס איז דערפונדן געוואָרן דער מין מענטש, האָבן זיך מענער און פרויען אַזוי נישט ליב געהאַט ווי איצט. עכטע סימפּאַטיע! איך אַליין, צום ביישפּיל... איך האָב אַ סך מער ליב פרויען ווי מענער. זיי זענען מוטיקער, מ׳קאָן מיט זיי זיין אויפריכטיקער.

קאָני האָט זיך פאַרטראַכט איבער זיינע ווערטער.

— איר האָט אפשר רעכט, אָבער איר אַליין גיט דאָך אייך נישט אָפּ מיט קיין פרויען!

— איך? און וואָס דען טו איך איצט? גראָד די מינוט שמועס איך דאָך מיט אַ פרוי אויף אַ העכסט־וויכטיקער טעמע!

— יאָ, איר שמועסט...

— וואָס־זשע נאָך וואָלט איך געקאָנט טון מיט אַ כּאַן מער, ווי שמועסן אויף אַן ערנסטער טעמע?

— אפשר טאַקע נישט מער, אָבער אַ פרוי...

— אַ פרוי פאַרלאַנגט, מ׳זאָל זי ליב האָבן, שמועסן מיט איר, פאַרליבן זיך אין איר און גלוסטן צו איר. מיר דאַכט זיך אָבער, אַז דאָס אַלץ אינאיינעם איז אוממעגלעך!

— עס דאַרף אָבער נישט זיין אוממעגלעך!

— אוודאי! וואַסער דאַרף נישט זיין אַזוי נאַס ווי עס איז, — עס טרייבט איבער די מאָס פון פייכטקייט. עס איז אָבער אַזוי. איך האָב ליב פרויען, מיט פאַרגעניגן שמועס איך מיט זיי. דערייבער בין איך אין זיי נישט פאַרליבט און איך גלוסט נישט צו זיי. דידאָזיקע צוויי מינים פאָרן זיך נישט ביי מיר.

- איך האַלט, אַז זיי דאַרפן זיך יאָ פּאָרן.

— זייער מעגלעך. דער פאַקט, אַז זאַכן דאַרפן זיין אַזוי דערש ווי זיי זענען, געהער נישט צו מיין ספּעציאַליטעט קאָני האָט זיך ווידער פאַרטראַכט.

— נישט אמת, — האָט זי אַ זאָג געטון. — מענער קאָנען זיין פאַרליבט אין פרויען און גלייכצייטיק שמועסן מיט זיי. איך פאַרשטיי נישט, ווי קאָן מען זיין פאַרליבט און נישט שמועסן צווישן זיך חבריש.

— זאָל זיין, — האָט טאָממי געענטפערט. — איך ווייס נישט. כ'האָב נישט בדעה צו פאַראַלגעמיינערן. איך משפּט בלויז לויט זיך אַליין. איך האָב ליב פרויען און גלוסטן צו זיי גלוסט איך נישט. איך שמועס מיט פרויען זייער גערן, מיר ווערן טאַקע היימיש, אָבער די היימישקייט ברענגט מיך לחלוטין נישט אויפן געבּיט פון קושן זיך. דאָס איז עס! אָבער איר דאַרפט נישט משפּטן, אַז איך בין די אָפּשפּיגלונג פונם כּלל מאַנספאַרשוינען! אפשר קאַפּויער. איך בין העכסט-וואָרשיינלעך אַ באַזונדערער טיפּ. איך געהער צו די מענער, וועלכע האָבן ליב פרויען, אָבער ליבן זיך נישט איין אין זיי, אדרבא, איך בין אַ שונא דער פרוי, ווען זי פרווט מיך צווינגען צו מאַכן אַן אָנשטעל פון אַ פאַרליבטן.

— און עס פעלט אייך נישט? עס אַרט אייך נישט, וואָס דאָס געפיל פון פאַרליבטקייט איז אייך פרעמד?

— פאַרוואָס זאָל עס מיך אַרן? פאַרקערט! איך קוק מיך צו צו טשאַרלי מאַי, צו אַנדערע פאַרליבטע מענער... איך בין זיי אסור נישט מקנא! אפשר, ווען גאָט שיקט מיר צו אַזאַ פרוי, צו וועלכער איך זאָל גלוסטן, — אפשר דעמאָלט, — אָבער איך האָב נאָך נישט געטראָפן די פרוי, צו וועלכער איך זאָל באמת גלוסטן, איך זע נישט אַזעלכע... מעגלעך, אַז איך בין טאַקע אַזאַ קאַלטער, אָבער אויפריכטיק, איך האָב טייל פרויען באמת ל י ב.

— מיך האָט איר ליב?

— אפילו זייער ליב! אָט זעט איר, צווישן אונז איז לחלוטין נישטאָ דאָס פּראָבלעם פון קושן זיך?

— ניין, לחלוטין נישטאָ, — האָט קאָני געענטפערט. אָבער צי דאַרף עס נישט זיין?

— צ ו וו אָ ס? פאַרוואָס? אום גאָטעס ווילן! איך האָב קליי־פאַרדן זייער ליב, אָבער וואָס וואָלט איר געזאָגט, ווען איך גיי צו אים צו און גיב אים אַ קוש?

— עס איז דען דאָ קיין שום חילוק נישט פאַרהאַן?

— וואָס איז דען דער חילוק? מיר אַלע זענען קודם־כל אינטעליגענטע מענטשן און די מענלעכקייט, צי פרוילעכקייט — דאָס איז אַ זייטיקער ענין. פשוט אַ זייטיקע זאַך. ווי וואָלט איר גע־קוקט דערויף, ווען איך הייב אָן אין איצטיקן מאָמענט זיך אויפ־פירן בנוגע אייך ווי אַ צעהיצטער זכר און אָנווענדן מיין סעקסואַליזם?

— איך וואָלט עס באַטראַכט ווי אַן עקלהאַפטע זאַך.

— נו, זעט איר שוין! איך פאַרזיכער אייך, אויב איך בין טאַקע אין דער אמתן אַ זכר, האָב איך נאָך דערווייל נישט באַ־געגנט די נקבה פון מיין מין. איך האָב באמת ליב פרויען. אָבער וואָס קאָן מיך צווינגען צו פאַרליבן זיך, אָדער צו מאַכן דעם אָנ־שטעל פון אַ פאַרליבטן, ווער קאָן מיך צווינגען אָנצוווענדן מיין סעקסואַליזם?

— איך געוויס נישט. אָבער נישט אַלץ איז נאָך דאָ אין אָרדענונג.

— אפשר פאַר אייך. פאַר מיר — נישט. פאַר מיר איז דאָ אַלץ אין אָרדענונג.

— פאַר מיר — נישט. איך פיל, אַז צווישן מאַן און פרוי איז נאָך נישט אַלץ אין אָרדענונג. די פרוי פאַרמאָגט מער נישט די צוציִונגס־קראַפט פאַרן מאַן.

— און דער מאַן פאַר דער פרוי האָט יאָ אַ צוציִונגס־קראַפט?

קאָני האָט זיך פאַרטראַכט איבער דער צווייטער זייט פון דעם פּראָבלעם.

— אויך נישט קיין גרויסע, — האָט זי אויפריכטיק גע־ענטפערט.

— נו, אויב אַזוי, לאָמיר־זשע לאָזן די פאַרהעלטענישן אַזוי, ווי זיי זענען אויס און לאָמיר צוגיין צו זיך קעגנזייטיק פשוט, קאָרעקט און ערלעך, ווי עס פּאַסט פאַר אמתדיקע מענטשן. זאָל דער רוח נעמען דאָס קינסטלעכע צווינגען זיך צו געשלעכטלעכ־קייט! איך לפּחות בין ווייט דערפון!

קאָני האָט געוווּסט, אַז ער איז, אין תּוך גענומען, גערעכט. אָבער דאָס האָט אין איר דערוועקט אַזאַ געפיל פון פאַראייננזאַמט־קייט, פון פאַראייננזאַמטקייט און פאַרבלאָנדזשעטקייט. זי האָט זיך געפילט פּונקט ווי אַ שטיקל האָלץ אויפן וואַסער פון אַ מוטנעם סטאַוו. וואָס־זשע פאַר אַ זין האָט אויף דערדאָזיקער וועלט סיי זי אַליין, סיי אַלץ אַרום?

דאָס האָט אין איר די יוגנט געבראָיעט. די אַלע מאַנסבילן אַרום האָבן איר אויסגעזען אַזוי אַלט, אַזוי קאַלט! אַלץ האָט איר אויסגעזען אָפּגעלעבט און קאַלט. אויך מיכאַעליס האָט זי אָפּגע־נאַרט: ער טויג צו גאָרנישט. די מענער ווילן נישט באַזיצן די פרוי; זיי ווילן פּשוט נישט. אַפילו מיכאַעליס.

און די יונגע שנעקלעך, וועלכע מאַכן די ליבעס־אָנשטעלן און שפּילן דעם געשלעכטס־שפּיל, זיי זענען ערגער פון אַלע.

דאָס אַלץ איז טרויעריק, אָבער מען מוז שלום מאַכן דער־מיט. אמת איז, אַז די מענער האָבן נישט פאַר די פרויען קיין גרויסע צוציִונגס־קראַפט. קאָני האָט זייער גוט פאַרשטאַנען, פאַר־וואָס מענטשן טרינקען בראָנפן, הערן דזשאַז און טאַנצן טשאַר־לעסטאָן. זיי טוען עס, ווייל דאָס יונגע בלוט מוז זיך אויסבראָיען, אויסלאָדן אין עפּעס, ווען נישט וואָלט זיך דער מענטש לעבע־דיקערהייט אויפגעפרעסן. אָבער ווי עקלהאַפט דידאָזיקע יוגנט איז! דער מענטש פילט זיך אַלט ווי משותלח, און בשעת מעשה קיצלט אים זיין נעבעכדיקע יוגנטלעכקייט און לאָזט אים נישט לעבן רויִק, געלאַסן, באַקוועם. אַ נידערטרעכטיק לעבן! אָן די מינדסטע פּערספּעקטיוון! זי האָט שוין אפילו געוואָלט אַנטלויפן

מיט מיכאַעליסן .און זיך מאַכן פון לעבן אַזאַ מין שפּילעכל מיט נאַכט-לאָקאַלן, דזשאַז און משקה. עס וואָלט כאָטש בעסער געווען ווי דאָסדאָזיקע נאַרישע, אומזיניקע טרוימען ביזן קבר אַריין.

בשעת אַזאַ מין שלעכטן טאָג אירן, איז זי איינמאָל אַוועק שפּאַצירן אין וואַלד אַריין. זי איז אַזוי געגאַנגען טראַכטנדיק, נישט זעענדיק גאָרנישט אַרום זיך, נישט וויסנדיק אפילו ווו זי געפינט זיך. אַ שאָס פון זייער נאָענט האָט זי איבערגעשראָקן און אפילו צעבייזערט.

אין אַ מינוט אַרום האָט זי דערהערט מענטשלעכע שטימען און זי האָט זיך געוואָלט באַהאַלטן ערגעץ. מענטשן! זי האָט נישט געוואָלט זען קיין מענטשן! אָבער צו איר געהער האָט זיך פלוצלינג דערטראָגן נאָך אַ קלאַנג, וועלכער האָט אויפגעוועקט איר נייגיריקייט: זי האָט דערהערט אַ קינדיש געוויין. און באַלד האָט זי אַרומגעכאַפּט אַ קרענקונג, — עמעץ טוט דאָ שלעכטס אַ קינד. פלינק האָט זי זיך אַוועקגעלאָזט אין יענער זייט. עפּעס אַן אומבאַגרייפלעכער פאַרדרוס האָט זיך דערוועקט אין איר. זי האָט זיך דערפילט אַזוי ווי אָנגעגריפן.

זי האָט באַלד דערזען צוויי געשטאַלטן צווישן די ביימער: דעם וואַלד-אויפזעער און אַ קליין מיידעלע אין אַ רויט מענטעלע און אין אַ פוטערן היטעלע. דאָס מיידעלע האָט געוויינט.

— הערסט אויף צו ריטשען, נאַריש יאַטל!? — האָט זי דערהערט דעם געבייזער פונם מאַנספּערשוין. דאָס קינד האָט זיך נאָך העכער צעוויינט.

קאָנסטאַנציע איז צוגעגאַנגען מיט פלאַקערנדיקע אויגן. דער וואַלד-אויפזעער האָט זיך אויסגעדרייט, אַ קוק געטון אויף איר, זיך לייכט פאַרנייגט, אָבער ער איז געווען בלאַס פון כעס.

— וואָס איז דאָ? וואָס וויינט זי? — האָט קאָנסטאַנציע אים געפרעגט מיט אַ באַפעלערישן טאָן, אָבער כמעט אָן אָטעם.

אַ לייכטער שמייכל, וועלכער האָט אויסגעקרומט זיין פּנים, האָט אָפּגעבריט קאָנסטאַנציען.

— אַנו, פרעגט זי טאַקיש, פריצה־לעבן, — האָט ער גע־ענטפערט מיט אַ פאַרעקשנטן פויערישן אַקצענט.

קאָני האָט זיך דערפילט, ווי ער וואָלט איר דערלאַנגט אין דער באַק אַריין. זי איז רויט געוואָרן. דערנאָך האָט זי זיך אָנגענומען מיט כוח און אויף אים אַ קוק געטון מיט אירע טונקל־בלויע אויגן, וועלכע האָבן געפינקלט שוין אַ ביסל שוואַכער.

— אָבער איך פרעג דאָך א יי ך, — האָט זי אַ זאָג געטון.

דער אויפזעער האָט זיך עפּעס אויסטערליש פאַרנייגט און אַראָפּגענומען דעם הוט.

— אַזוי איז עס, אייער דורכלויכט, — האָט ער אַרויסגע־רעדט, און באַלד צוגעגעבן אין זיין פויערישן דיאַלעקט: — כ'קאָן עס נישט אויסברייען, פריצה־לעבן.

ער איז געשטאַנען אויסגעצויגן ווי אַ זעלנער, שטייף, אומ־דורכדרינגלעך, בלויז עטוואָס נאָך בלייך פון כעס.

קאָני האָט זיך געווענדט צום מיידעלע, אַ פעסט־געבויט קינד פון אַ יאָר ניין־צען מיט פעך־שוואַרצע האָר.

— וואָס איז דיר, קליינינקע? זאָג מיר, וואָס וויינסטו? — האָט זי אַ פרעג געטון מיט אַ זיסלעכן טאָן.

נאָך אַ שטאַרקער, צילבאַוווסטער אויסברוך פון געוויין. נאָך מער זיסקייט אין קאָניס שטימע.

— אָבער וויין נישט, וויין־זשע נישט. זאָג מיר, זאָג, וואָס האָט מען דיר געטון?...

די זיסקייט האָט זי אַקצענטירט. גלייכצייטיק האָט זי אַריינ־געשטעקט די האַנט אין קעשענע פון זשאַקעט. צום מזל האָט זי געפונען אַ זעקסערפּענס.

— וויין־זשע נישט! — האָט זי זיך אַריבערגעבויגן איבערן קינדס קעפל. — זע נאַר, וואָס איך האָב פאַר דיר!

נאָך אַ רגע, און דאָס קינד וואַרפט שוין אַ כיטרע בליק אויף דער מטבע. נאָך אַ כליפּע, אָבער שוין שוואַכער.

— נו, נו, זאָג־זשע שוין, וואָס איז דיר? וואָס איז דיר געשען?

קאָנסטאַנציע האָט אַריינגערוקט די מטבע אינם קינדס הענטל. די קליינע האָט תיכף פאַרקוועטשט דאָס פויסטל.

— איבער... איבער... איבער... ס'קעצל...

— וואָס פאַר אַ קעצל, קינד מיינס?

די קליינע האָט געשוויגן אַ ווײַלע, דערנאָך מיט אַ פאַר־קוועטשט פויסטל אַ וויַיז געטון צו די בערעלעך־קוסטעס.

— אָ־אָ־דאָרטן!

קאָני האָט אַ קוק געטון און דערזען אַ גרויסע שוואַרצע קאַץ, וואָס איז געלעגן אויסגעצויגן, מיט עטלעכע בלוט־פלעקן אויף דער פעל.

— אָ! — האָט קאָני מיט עמפּערונג אויסגעשריגן.

— אַ מאַרדער, ליכטיקע פּריצה־לעבן, — האָט דער וואַלד־אויפזעער אַ זאָג געטון מיט אַ חוזק־שטימע.

קאָני האָט אויף אים בייז אַ קוק געטון.

— עס איז קיין וווּנדער נישט, וואָס דאָס קינד וויינט, — האָט זי אויסגערופן, — אויב איר האָט די חיה דערשאָסן אין איר אַנוועזנהייט. עס איז קיין וווּנדער נישט, וואָס זי וויינט.

דער אויפזעער האָט אַ קוק געטון אין קאָניס אויגן אַריין מיט ביטול, נישט באַהאַלטנדיק זיין ביטולדיקע באַציִונג צו איר און אירע רייד. זי איז ווידער רויט געוואָרן; זי האָט געפילט, אַז דער מענטש האָט צו איר די מינדסטע אַכטונג נישט.

— ווי הייסטו, מיידעלע? — האָט זי געפרעגט מיט זיס־קייט. — זאָג מיר, קינד מיינס, ווי הייסטו?

— קאָני מעלאָרס.

— קאָני מעלאָרס! אַך, אַ שיינער נאָמען! און ביסט אַהער־געקומען מיטן טאַטעשי, און דער טאַטעשי האָט דערשאָסן דאָס קעצעלע? אָבער דאָס איז געווען אַ בייזע קאַץ!

דאָס קינד האָט זי אָנגעקוקט מיט דרייסטע שוואַרצע פאַרשנ־דיקע אויגן, עס האָט אָפּגעשאַצט איר מיטגעפיל.

— כ'האָב געוואָלט בלייבן ביי דער באַביצע, — האָט דאָס מיידעלע געענטפערט.

— אַזוי? און ווו איז דיין באָבעשי?

דאָס קינד האָט אויפגעהויבן דאָס הענטל און געוויזן אויפן וועג.

— אָ, דאָרט, אין דער היים.

— אין דער היים! ווילסט אַהיימגיין צו דער באָבעשי?

— אַיאָ!

— נו, קום-זשע! זאָל איך דיך אַהיימפירן? יאָ? זאָל איך דיך פירן צו דער באָבעשי? זאָל דער טאַטעשי דאָ טון, וואָס ער וויל. — און ווענדנדיק זיך צום אויפזעער, האָט זי זיך גע-פרעגט: — אייער קינד?

דער וואַלד-אויפזעער האָט אָנגערירט מיט דער האַנט דעם הוט און לייכט אַ שאָקל געטון מיטן קאָפּ אויף יאָ.

— קאָן איך זי אַהיימפירן? — האָט קאָני געפרעגט.

— ווי איר ווילט, אייער דורכלויכט.

ער האָט ווידער אַ קוק געטון איר אין די אויגן אַריין דויק, פאַרשנדיק און קאַלט, ווי אַ מענטש אַ פולשטענדיק איינזאַ-מער און אַ זעלבשטענדיק טראַכטנדיקער.

— ווילסט מיט מיר גיין אַהיים צו דער באָבעשי?

דאָס קינד האָט צו איר אויפגעהויבן דעם בליק.

— אַהאַ, - האָט זי ערנסט געשאָקלט מיטן קעפל.

קאָנין איז נישט געפעלן דאָס פאַרקרומטע, פאַלשע ווייבע-לע. זי האָט איר פונדעסטוועגן אויסגעווישט די אייגלעך און אָנ-גענומען ביים הענטל. דער אויפזעער האָט זיך שווייגנדיק פאַר-בייגט.

— צום ווידערזען! — האָט קאָני געענטפערט.

זי האָט געדאַרפט דאָס קינד פירן אַ קנאַפּן קילאָמעטער און די עלטערע קאָני האָט שוין געגנוג געהאַט די קליינע קאָני, זי איז איר שוין דערעסן געוואָרן. דערווייל האָט זיך וויזן די ווינונג

פון וואַלד־וועכטער. די קליינע איז געווען קאַפּריז ווי אַ מאַלפּעלע און זייער גרויס ביי זיך.

די טיר פונם וואַלד־שטיבל איז געשטאַנען אָפן, פון אינע־ווייניק האָט זיך געהערט אַ קלאַפּעריי. קאָני איז געבליבן שטיין. דאָס קינד האָט פון איר אַרויסגעריסן דאָס הענטל און אַריינגע־לאָפן אין שטוב.

— באַביצע! באַביצע!

— ס'אי? ס'טוסטו דאָ?

די אַלטע האָט פונקט געראַמט אויף זונטיק; ס'איז געווען שבת פאַרמיטאָג. זי איז צוגעגאַנגען צו דער טיר מיט אַ נאָכגע־האַנגען פאַרטוך, מיט אַ באַרשט אין דער האַנט, מיט אַ שוואַרצן פּאַס סאַדזע לעבן דער נאָז. דאָס איז געווען אַ קליינע, דאַרע פרוי.

— הע, ס'אידאָס? הע? — האָט זי אויסגערופן, דערזעענ־דיק קאָנסטאַנציען און ווישנדיק דאָס פּנים מיטן אַרבל.

— גוט מאָרגן! — האָט קאָני זיך אָנגערופן. — די קליינע האָט געוויינט, האָב איך זי צוגעפירט אַהיים.

די באָבע האָט געוואָרפן אַ בליק אויפן קינד.

— און דער טאַטעליו?

די קליינע האָט אָנגעכאַפּט די באָבען ביים קלייד און זיך ווידער צעכליפּעט.

— ער איז דאָ אין וואַלד, — האָט קאָני אַרויסגעהאָלפן דעם קינד. — ער האָט דאָרט דערשאָסן עפּעס אַ ווילדע קאַץ, האָט זיך די קליינע איבערגעשראָקן.

— הייליקע מאַמעליו, ווער איז עס? די פּריצה־לעבן, די ליכטיקע! זיי האָבן זיך פאַר דיינעטוועגן אַ כּוח אָנגעטון! אַ שיי־נעם דאַנק, ליכטיקע פּריצה־לעבן! מאַמעלעך געטרייע, אַזוינס איז דאָך נישט געהערט געוואָרן!

די אַלטיטשקע האָט זיך ווידער געווענדט צום אייניקל.

— זע נאָר, זע, וויפיל דאגה די ליכטיקע פּריצה־לעבן

האָט געהאַט פון דיר! אוודאי זיך זייער איינגעמיד, פריצה=לעבן!

— איך האָב מיך גאָרנישט אָנגעשטרענגט, נישט מער ווי אַ שפּאַציר, — האָט קאָני געשמייכלט.

— אינדערעמתן, אַ גרויסע לאַסקע פון זייער זייט, ליכטיקע פריצה=לעבן. האָסט זיי כאָטש באַדאַנקט? כ'האָב צופריער געוווסט, ס'עט מוזן עפּעס געשען, אַז ז'עט אַוועקגיין מיט אים. זי שרעקט זעך דאָך פאַר אים. אַז ער גייטעך אַרום ווי אַ דערופענער, ר'איז פרעמד צו איר, אַ פרעמדער צו זיין אייגן פלוט=און=פלייש! ער גייט עפּעס אַרום אַזוי צעדראָדלט.

קאָני האָט נישט געוווסט וואָס צו זאָגן.

— באַבעצי, זאָל די באַבעצי נאָר זען! — האָט די קליינע געפּישטשעט.

די אַלטע האָט אַ קוק געטון אויף דעם זעקסערפּענס ביים מיידעלע אין לינקן הענטל.

— זעקס פּייאים! ניין, פריצה=לעבן ליכטיקע, דאָס נישט, ווי מיר, דאָס נישט. די פריצה=לעבן טשאַטלי זענען צו דיר צו גוט! כ'לעבן — אַ קינד האָט ס'מזל!

זי האָט איר נאָמען אַרויסגערעדט גלייך ווי אַלע דאָרפסלייט: טשאַטלי. „די פריצה=לעבן טשאַטלי זענען צו דיר צו גוט!“ — קאָני האָט זיך נישט געקאָנט באַהערשן, זי האָט ווידער אַ קוק געטון אויף דער אַלטיטשקערס נאָז. יענע ווידער האָט כּסדר געריבן מיטן אַרבל דאָס פּנים און בשום אופן נישט געקאָנט אַרויפטרעפן אויפן שוואַרצן סאַדזע=שטרייף.

קאָני האָט זיך אויסגעדרייט אַוועקצוגיין.

— אַ גרויסן דאַנק, פריצה=לעבן טשאַטלי, אַ גרויסן דאַנק. באַדאַנק=זשע דער פריצה=לעבן! — האָט די אַלטע באַפוילן דעם קינד.

— אַ דאַנק... — האָט די קליינע אַרויסגעפּישטשעט.

— ביטע זייער! — האָט קאָני געשמייכלט, אַרויסגעמורמלט „צום ווידערזען“ און אַוועקגעגאַנגען אַ צופרידענע, וואָס זי איז

זי ענדלעך פטור געוואָרן. זי האָט אַ טראַכט געטון: אַזאַ שטאָל־צער מאַנספּערשוין איז אַ זון פון אַזאַ קליין, דאַר ווייבעלע!

די אַלטע איז באַלד נאָך קאָניס אַוועקגיין צוגעלאָפן גיך צום שפּיגעלע און אַ קוק געטון. ווען זי האָט דערזען דאָס איינגעריסטע פּנים, האָט זי אַזש אַ טופּע געטון מיטן פוס פאַר כעס.

— אַ בראָך צום פּנים! פּונקט האָב איך געדאַרפט אַרומגיין אין דער פאַרסמאָליעטער שטשערקע און האָבן אַזאַ אויסגעריסט פּרצוף! אַ פּנים ס'האָט! אַזאַ יאָר אויף מיינע גוטע שונאים!

קאָני איז דערווייל פּאַמעלעך געגאַנגען אַהיים. „אַהיים"!... אַ צו וואַרעם וואָרט פאַר דעם מגושמדיקן, אַנטיפּאַטישן בנין. דאָס וואַרעמע וואָרט „היים" האָט זיך איר אויסגעוויזן ווי פון לאַנג פאַרשוווּנדן, אָפּגעמעקט פון דער איבערפלאַך פון לעבן. אַלע וואַרעמע ווערטער זענען אויסגעמעקט פאַר איר דור, אַזוי האָט זיך קאָנין געדאַכט: ליבע, פרייד, גליק, היים, מאַמע, טאַטע, מאַן, די אַלע דערהויבענע, דינאַמישע ווערטער, די שוין באַלד־אָפּגעשטאָרבענע, — זיי פאַרשווינדן פון טאָג־צו־טאָג אַלץ מער און מער. אַ היים — דאָס איז אַ הויז, וווּ מ'ווינט. ליבע — דאָס איז אַ זאַך, וואָס ס'לוינט זיך נישט מיט איר נאַריש צו מאַכן. פרייד — איז אַ וואָרט, וואָס מען באַנוצט ביים טאַנצן טשאַרלעסטאָן. גליק — איז אַ צביעות, — מיט וועלכער מ'פאַרשטעלט יענעם די אויגן. טאַטע — דאָס איז אַזאַ מין אָפּגעזונדערט באַשעפעניש, וואָס אינטערעסירט קיינעם נישט. מאַן — דאָס איז אַזאַ מאַנספּערשוין, מיט וועלכן מ'ווינט אינאיינעם און וועלכן מ'דאַרף נישט קאַליע מאַכן די שטימונג. און דאָס וואָרט: געשלעכט, דאָס לעצטע פון די אָפּשטאַרבנדיקע גרויסע ווערטער, דאָס איז אַזאַ מין בראָנפן, וואָס פאַרשיכורט אויף אַ רגע און דערנאָך לאָזט ער איבער דעם מענטש אַן אָפּגענוצטן. אָפּגענוצט! ס'האָט זיך אויסגעוויזן, אַז אַפילו דער שטאָף, פון וועלכן דער מענטש איז געמאַכט, איז אַ געמיין, בי־

ליק שטיקל שטאָף, וואָס האָט זיך אויסגעדריוועט און פון וועלכן ס'איז שוין גאָרנישט געבליבן.

אוןווירקלעך! ס'איז מער גאָרנישט געבליבן אויסער דעם פּחדנותדיקן סטאָאיציזם; אין דעם האָט זיך געפילט אַ מין פּאַרגע־ניגן. אין דעמדאָזיקן איבערלעבן דאָס געפיל פון נישטיקייט, די נישטיקייט פונם לעבן, שטאַפּל נאָך שטאַפּל, מדרגה נאָך מדרגה, אין דעם איז געלעגן עפּעס אַזאַ גרויזאַמע פאַרגיטיקונג. הייסט עס — ד אָ ס איז עס אינגאַנצן! היים, ליבע, הייראַט, מיכאַע־ליס — און בסך־הכּל איז עס ד אָ ס אינגאַנצן! און מסתּם וועלן פאַרן טויט די לעצטע ווערטער וועגן פאַרגאַנגענעם לעבן זיין: אָט ד אָ ס איז עס אינגאַנצן!

געלט? אוודאי איז וועגן געלט שווער צו זאָגן דאָס זעלבע. געלט דאַרף מען שטענדיק. געלט, דערפאָלג, די הינטישע געטין, ווי טאָממי דוקעס הערט זי נישט אויף צו רופן, — דאָס זענען זאַכן, וואָס מען מוז האָבן. ס'איז אוממעגלעך אויסצוגעבן דעם לעצטן גראָשן, דערנאָך זאָגן: — ד אָ ס איז געווען אינגאַנצן! ווען ס'זאָל אפילו נישט בלייבן מער ווי צען מינוט לעבן, מוז מען האָבן געלט. בלויז אויפן באַוועגן דאָס מאַשינדל פונם אייגענעם קערפּער, מוז מען האָבן געלט. געלט איז עפּעס מער ווי ד אָ ס? מער גאָרנישט דאַרף מען נישט. דאָס איז דער פאָדעם פון לעבן!

פאַרשטייט זיך, וואָס ביסטו שולדיק, וואָס דו לעבסט? נאָר קוים לעבסטו, ווי נישטיק דאָס לעבן זאָל נישט זיין, מוזסטו האָבן געלט, אָן דעם קאָנסטו זיך בשום אופן נישט באַגיין. אָן אַלעם קאָן מען זיך בשעת הדחק באַגיין, אָבער אָן געלט נישט. הייסט עס: דאָס איז עס! דאָס איז דער עיקר!

זי האָט אַ טראַכט געטון וועגן מיכאַעליסן, וועגן געלט, וואָס זי וואָלט ביי אים געהאַט; אָבער אויך צו דעם האָט זי קיין חשק נישט געהאַט. איר איז ליבער געווען דאָס קאַרגע פאַרדינסט, וואָס קליפאָרד האָט געהאַט פון שריפטשטעלערישער אַרבעט דורך איר הילף. אוודאי, דורך איר הילף. „מיר פאַרדינען, קליפאָרד און

איך, דורך אונזער אַרבעט טויזנט צווייהונדערט פונט יערלעך״, אַזוי האָט זי געטראַכט אין איר האַרץ. געלט פאַרדינען! געלט! פון גאָרנישט! צאַפּן פון דער לופט! די איינציקע טעטיקייט, מיט וועלכער אַ מענטש קאָן שטאָלץ זיין! די רעשט, איז נאַרישקייטן.

מיט אַזעלכע געדאַנקען איז זי געגאַנגען אַהיים, צו קליפאָרדן, כדי זיך ווידער מיט אים אַוועקצוזעצן און באַשאַפן נאָך אַ נאָוועלע פון גאָרנישט: אַ נאָוועלע — איז געלט. קליפאָרד האָט זיך באַשייפּערלעך שטאַרק גענומען צום האַרץ, צי מען האַלט זיינע דערציילונגען פאַר ערשטקלאַסיקער ליטעראַטור, צי נישט. זי איז דאָס, דעם אמת געזאָגט, לחלוטין נישט אָנגעגאַנגען. איר פאָטער האָט געטענהט, אַז דערין איז גאָרנישט דאָ. זי האָט דערויף געקאָנט געבן אַ פּשוטן, אָבער וואָגיקן ענטפער: צוועלף הונדערט פונט!

ווען דער מענטש איז יונג, קאָן ער פאַרהאַקן די ציין, זיך נעמען צו אַן אַרבעט און זיך אַרויספאַרבעטן, ביז עס הייבט אים אָן שווינדלען און גריבלען מיט געלט; דאָס איז געווענדט אין אויסדויער, אין כוח. אַ פראַגע פון ענערגיע, פון ווילנסקראַפט: די זייער סובטעלע, אָבער מעכטיקע אויסשטראַלונגען פונם ווילן ברענגען דעם מענטש די סודותדיקע נישטיקייט פון געלט: אַ ציפער אויף אַ פּיצל פּאַפּיר. דאָס איז אַזאַ מין שוואַרצקינצלעריי, און דער נצחון איז אויך פון די גרויסע זאַכן. זאָל זיין, אַז די געטין איז אַ הינטישע! זאָל זיין! מוז מען ווידער פּראָסטיטואירן! זאָל זיין מיט אַ הינטישער געטין. אדרבא, מ׳קאָן פּראָסטיטואירנדיק זיך ברעקלען מיט איר, דאָס איז גאָר אפשר אַ מעלה.

קליפאָרד האָט געהאַט אין זיך נאָך אַ סך אַנדערע איינרעדענישן. ער האָט געוואָלט אָנגיין פאַר „אַ באמת גוטן״ שרייבער; נאַרישקייטן! גוט און אפילו „באמת גוט״ איז דאָס, וואָס געלינגט. צוואָס טויג באמת גוט שרייבעריי, אויב מ׳ליגט דערמיט אין דר׳ערד. די מענטשן, וועלכע זענען געוויינלעך „באמת גוט״, האָבן נאָך קיינמאָל נישט פאַרכאַפּט קיין אָרט אין אויטאָבוס. שליסלעך לעבט מען דאָך נישט מער ווי איינמאָל, און ווער עס פאַר-

כאַפּט ניט קיין אָרט אין אויטאָבוס, בלייבט אינדרויסן ווי אַ לץ אין דער בלאָטע, פּונקט ווי די אַלע, וועלכע קאָנען זיך אין לעבן צו גאָרנישט דערשלאָגן.

קאָני האָט בדעה געהאַט צו פאַרברענגען דעם אָנקומענדיקן ווינטער אין לאָנדאָן צוזאַמען מיט קליפאָרדן. זיי זענען דאָך פון די, וועלכע האָבן יאָ באַוויזן צו פאַרכאַפּן דעם אויטאָבוס, מעגן זיי זיך טאַקע דורכפאָרן אויף אים און באַווייזן זיך פאַר לייטן.

איינס איז אַ ביסל שלעכט געווען, וואָס קליפאָרד איז אַזאַ מעלאַנכאָליקער, אַזאַ אינדיפערענטער, טיילמאָל אפילו אַ ביסל דערשלאָגן, אַפּאַטיש. דאָס זענען סימנים פון זיין פאַרוווּנדעטער פּסיכיק. אויף קאָנין האָט דאָס אָבער אַזוי געווירקט, אַז ס'האָט זיך איר טיילמאָל געוואָלט אָנהייבן שרייען. רבונו־של־עולם! אויב דער מעכאַניזם פון באַוווסטזיין ווערט באַשעדיקט, טאָ וואָס־זשע בלייבט נאָך דעם מענטש איבער! צו אַלדי רוחות, מ'דאַרף טון יעדער זיין אַרבעט! מ'קאָן דאָך ניט פאַרבלייבן אַליין מיט דער אייגענער אוממעכטיקייט!

טיילמאָל פלעגט זי וויינען לאַנג און ביטער, אָבער בשעתן וויינען פלעגט זי טראַכטן: „בהמה, דו וויינסט אומזיסט־אומניט אויס די נאָזטיכלעך, גלייך דו וואָלסט דערמיט עפּעס אויפ־געטון!"

נאָך מיכאַעליסן האָט זי געהאַט באַשלאָסן מער גאָרנישט צו פאַרלאַנגען. דאָס האָט איר אויסגעזען ווי די פּשוטסטע לעזונג פון דער סיטואַציע. ניט פאַרלאַנגען גאָרניט, באַנוגענען זיך מיט דעם, וואָס זי פאַרמאָגט. זי האָט באַשלאָסן זיך איינצואָרדענען בלויז אַ דערטרעגלעך לעבן: קליפאָרד, די שרייבעכצן, דאָס גוט, דאָס לעבן פון דער ליידי טשאַטערליי, געלט און רום, אַלץ, אַלץ, וואָס זי האָט געקאָנט פאַרמאָגן... מיט דעם האָט זי זיך געוואָלט אייננאָרן ענגען דאָס לעבן. ליבע, געשלעכט און די איבעריקע נאַ־רישקייטן — דאָס איז אַזוי ווי אייז־קרעם! טו אַ לעק און פאַר־געס! אויב מ'זאָל עס נאָר ניט נעמען צו ערנסט, איז עס גאָר־

נישט מיט נישט. דער עיקר געשלעכט — דאָס איז צװײ מאָל גאָר־נישט! מ׳דאַרף זיך נאָר פעסט אַנטשליסן, איז שױן דאָס פּראָבלעם געלעזט. די סעקסועלע הנאה און אַ טרונק — בראָנפן אײנס און דאָס זעלבע - אײן סעקונדע דױערט עס און דער סך־הכל פון בײדע איז דער זעלבער.

אָבער אַ קינד, אַ באַבעלע! דאָס גיט דאָך יאָ עפּעס צו פילן. זי האָט די זאַך באַשלאָסן זײער פּאָרזיכטיק צו באַהאַנדלען. קודם־כל דאַרף מען עפּעס באַשליסן װעגן דעם פּאַרטנער, װעגן דעם מאַנספּערשױן. אַ מאָדנע זאַך: זי האָט נישט באַגעגנט אין דער װעלט דעם מאַנספּערשױן, מיט װעלכן זי זאָל װעלן האָבן אַ קינד. אַ קינד פון מיקן! דער געדאַנק אַלײן איז עקלדיק! ס׳איז דאָס זעלבע, װי האָבן אַ קינד מיט אַ קרוליק. טאָממי דוקעס?... זײער אַ סימפּאַטישער מענטש, אָבער עס איז אוממעגלעך זיך פּאָר־צושטעלן דוקעסן אין דער לאַגע פון אַ געשלעכט־פּאַרטנער, פון אַ קינדער־מאַכער. ער קאָן קײן שײכות נישט האָבן מיט פּאָרזעצן דאָס לעבן. ער ענדיקט מיט זיך אַלײן. צװישן אַלע איבעריקע פרײנט און באַקאַנטע קליפּאָרדס האָט זי נישט געקאָנט געפינען קײן אײנעם, װאָס זאָל נישט אַרױסרופן בײ איר קײן עקל אַלס פאָטער פון אירס אַ קינד. אַ סך פון זײערע באַקאַנטע האָבן אין אירע אױגן געטױגט פאַר ליבהאָבער, אפילו פאַר געליבטע, אפילו מיק. אָבער האָבן מיט װעמען פון זײ אַ קינד! בררר! נידעריק און עקלהאַפט!

פונדעסטװעגן האָט קאָני נישט אױפגעהערט צו טראַכטן װעגן אַ קינד. געדולדיק! נאָר געדולדיק! זי װעט דורכזיפּן אַ גאַנץ דור מאַנספּערשױנען, װאָס איז שײך, זי זאָל כאָטש אײנעם קײן פּאַסיקן נישט געפינען? „גײט אַרױס אױף די גאַסן און מערק פון ירושלים און זעט, צי איר װעט געפינען אַ מ אַ ן“. דער נביא האָט אין גאַנץ ירושלים קײן מאַן נישט געקאָנט געפינען, כאָטש דאָרט האָבן זיך געפונען טױזנטער אײנװױנער פון מענ־לעכן געשלעכטן. אָבער זי װיל דאָך נישט מער װי אַ פּאַסיקן מאַנספּערשױן, נאָר אַ מאַנספּערשױן!

טיילמאָל פּלעגט זי טראַכטן, אַז דאָס מוז אומבאַדינגט זיין אַן אויסלענדער. נישט קיין ענגלענדער און נישט קיין אירלענ־דער, נאָר אַן עכטער אויסלענדער.

געדולד! געדולד! דעם קומענדיקן ווינטער וועט זי אַרויס־פאָרן מיט קליפאָרדן קיין לאָנדאָן; דעם צווייטן ווינטער קיין אויס־לאַנד — קיין דרום־פראַנקרייך, קיין איטאַליע. געדולד! נאָר גע־דולד! זי איילט זיך נישט אַזוי. זי האָט צייט צום קינד. דאָס איז אירס אַן אייגענער ענין, דער איינציקער ענין, וועלכן זי האָט ערנסט באַהאַנדלט, עפּעס באַזונדערס ערנסט אויף אַן אייגנאַרטיקן, אויף אַ פרויליכן שטייגער. זי וועט זיך נישט ריזיקירן אויף אַזאַ זאַך מיט וועלכן־ס׳איז, אָ, ניין! אַ געליבטן קאָן מען זיך נעמען יעדע מינוט, אָבער אַ מענטש, מיט וועמען אַ קינד צו האָבן... געדולד! נאָר געדולד! דאָס איז גאָר אַן אַנדערע זאַך. „גייט אַרויס אויף די גאַסן און מערק פון ירושלים...‟ דאָס איז נישט קיין ענין פון ליבע; דאָ גייט אינם מ אַ נ ס ־ ע ר ש ו י ן. מ׳קאָן אים אפילו כמעט פיינט האָבן. ווען ער זאָל נאָר זיין דער ריכטיקער, וואָס פאַר אַ ראָל שפּילט דען פּערזענלעכע פיינטשאַפט? דאָ גייט דאָך וועגן עפּעס אַנדערש, וועגן דער צווייטער העלפט פון איי־גענעם „איך‟.

עס האָט כסדר געגרעגנט, ווי געוויינלעך, די וועגן זע־נען געווען צעווייקט און קליפאָרד האָט נישט געקאָנט אַרויספאָרן אין זיין וועגעלע. קאָני האָט אָ־ער געוואָלט מאַכן אַ שפּאַציר. יעדן טאָג פּלעגט זי אַרומשפּאַצירן איינע אַליין, מערסטנטיילס אין וואַלד. דאָרט האָט זי זיך באמת געפילט איינע אויף דער וועלט. קיינער האָט זי נישט געזען און זי האָט קיינעם נישט געזען.

דעמדאָזיקן טאָג האָט קליפאָרד געדאַרפט עפּעס איבערגעבן דעם וואַלד־אויפזעער. דאָס שיק־יינגל איז קראַנק געווען אויף גריפּע — דאָ פלעגט שטענדיק עמעץ קראַנק זיין אויף גריפּע — דעריבער האָט זיך קאָני אונטערגענומען אויסצופירן די שליחות.

די לופט איז געווען שלאַבעריק, טויט, ווי די גאַנצע וועלט וואָלט געהאַלטן אינמיטן גוססן. אַלץ איז גרוי, נאַס, שטיל, אפילו

ביים גרובן זעט מען נישט קיין לעבעדיק נפש, מ׳אַרבעט לעצטנס גאָר קנאַפּ, האַלבע וואָכן, היינט אַרבעט מען אינגאַנצן נישט. געשטאָרבן אַלץ!

אין וואַלד האָט געהערשט אַן אויסטערלישע רו, אַן אימהדיקע שטילקייט, די נאַקעטע צווייגן האָבן נאָר פון צייט־צו־צייט פאַרלוירן גרויסע טראָפּנס אויף דער אויסגעווייקטער ערד.

אינאָנהייב איז קאָני געגאַנגען ווי אין טראַנס. פונם אוראַלטן וואַלד האָט צו איר געשטראָמט אַ בראשיתדיקער טרויער, אַזאַ זיסער, לינדער טרויער, וועלכער האָט געמאַכט פאַרגעסן די ברוטאַלע געפּילאָזיקייט פון דער אויסערלעכער וועלט. זי האָט שטענדיק ליב געהאַט דאָס שווייגן פון די אַלטעביימער, די פאַרקערפּערונג פונם אוראַלטן וואַלד־גייסט. דאָס האָט אויסגעזען, ווי די פאַרקערפּערטע גבורה פון שווייגן און גלייכצייטיק ווי עפּעס מער ממשותדיקס פון דער גאַנצער אויסערלעכער וועלט. אויך זיי, די ביימער, האָבן געוואַרט, געדולדיק, עקשנותדיק געוואַרט, פאַרשפּרייטנדיק אַרום די גבורה פון שווייגן. אפשר האָבן זיי געוואַרט בלויז אויף זייער סוף: אויפן האַלצהעקער, אויף אַרויסגעפירט צו ווערן פון וואַלד, — אויס וואַלד, און פאַר זיי איז אויס וואַלד — אויס וועלט. און אפשר איז זייער שטרענג, אַריסטאָקראַטיש שווייגן, דאָס שווייגן פון מעכטיקע ביימער, אַ סימן פון גאָר עפּעס אַנדערש.

ווען זי איז אַרויס פונם וואַלד פון דער צפון־זייט, האָט דאָס וואַלד־שטיבל, די טונקעלע געביידע פון ברוינע ציגל מיטן שפּיציקן דאַך און שלאַנקן קוימען איר אויסגעזען ווי פאַרלאָזט, ווי נישט באַוווינט, אַזוי איז געווען שטיל אַרום. פון קוימען האָט זיך אָבער געטראָגן אַ שיטערער רויך, און דאָס קליינע גערטנדל אַרום הויז איז געווען באַאַרבעט און זאָרגפעליק פאַרזעצט מיט גרינס די טיר איז געווען געשלאָסן.

ווען זי האָט זיך אַרומגעקוקט, האָט זי דערפילט עפּעס אַ שטיקל פחד פאַר דעם מאָדנעם מאַנספּערשוין מיט די פאַרטראַכטע ווייטזיכטיקע אויגן. זי האָט חרטה געהאַט, וואָס זי איז אַהערגע־

קומען, בפרט מיט אַ באַפעל פון באַלעבאָס, זי האָט חשק געהאַט אַוועקצוגיין. זי האָט פונדעסטוועגן אָנגעקלאַפּט, קיינער האָט נישט געענטפערט. זי האָט ווידער אָנגעקלאַפּט, אַלץ נישט הויך. מען ענטפערט נישט. זי האָט אַריינגעקוקט אין פענסטער און דערזען אַ טונקל, קליין צימערל, שטיל, טרויעריק, ווי דער מענטש דאָ וואָלט נישט צוגעלאָזט צו זיך קיין זאַך פון דער אַרומיקער וועלט.

זי איז געשטאַנען און זיך איינגעהאָרכט. עס האָט איר אויסגעוויזן, ווי זי וואָלט געהערט עפּעס אַ גערודער הינטערן הויז. זי האָט זיך דעצידירט צוצוגיין פון דער אַנדערער זייט.

דאָ האָט זיך דער הויף אַראָפּגעלאָזט אין טאָל און איז געווען אַרומגערינגלט מיט אַ נידעריקן געמויערטן פּלויט. זי איז אַרויס פון ראָג און געבליבן שטיין. אויפן קליינעם הייפל עטלעכע טריט פאַר איר איז געשטאַנען דער וואַלד-אויפזעער, נישט וויסנדיק פון איר אָנוועזנהייט, און זיך געוואַשן. ער איז געווען נאַקעט ביז דער העלפט און די סאַמעטענע הויזן האָבן זיך אים עטוואָס אַראָפּגערוקט פון די שלאַנקע לענדן. זיין ווייסע, שמאָלע פּלייצע איז געווען אַריבערגעבויגן איבער אַ גרויסער שיסל זייפשוים, אין וועלכן ער האָט אַריינגעשטעקט דעם קאָפּ און זיך געוואַשן מיט אויפגעהויבענע ווייסע, דאַרע הענט. ער האָט אויסגעזען פלינק, רירעוודיק ווי אַ לאַסקע און בויגעוודיק ווי אַ וואַסערשטעקעלע. קאָני האָט זיך אַ רוק געטון צוריק אין ווינקל פון הויז און אַנטלאָפן אַוועק אין וואַלד אַריין. זי איז אויפגעטרייסלט געוואָרן און געקעמפט אינערלעך מיט זיך. וואָס איז דאָ אייגנטלעך געווען? וואָס איז דען? אַ מאַנספּערשוין, וועלכער וואַשט זיך; אַ געוויינלעכע זאַך. בלויז דער הימל איז אַן עדות!

און דאָך איז דאָס געווען אַ וויזיע, אַ וויזיע פון וונדערלעכער לעבנס-באַדייטונג: עס האָט זי דורכגענומען דורך-און-דורך. זי האָט געזען די אומגעלומפּערטע קורצע הויזן, ווי זיי רוקן זיך אַראָפּ פון די ריינע, איידעלע, ווייסע לענדן, אויף וועלכע די ביינער האָבן עטוואָס אַרויסגעשטאַרצט, און דער איינדרוק פון דער

איינזאַמקייט, פון דעם ריינעם, איינזאַמען וועזן האָט זי דורכגע־דרונגען דורך־און־דורך. די אידעאַלע ווייסקייט פון דער איינזאַמער נאַקעטקייט, וועלכע האָט געלעבט אַליין, פאַר זיך, אפילו איינער־לעך אַליין, איינזאַם. און אויסער דעם — עפּעס אַ מין באַזונדערע שיינקייט פון אַ ריין וועזן. נישט אַזוי פיל שיין, ווי שטראַלנדיק, — אַ הייסער, ווייסער שטראַל פון אַן אייגאיינציק לעבן, וואָס אַנטפּלעקט זיך אין קאָנטורן, אין ממשותדיקע קאָנטורן.

די פּלוצלינגדיקייט פון דערדאָזיקער וויזיע האָט קאָנין טיף באַנומען. אָבער אין תוך האָט זי זיך אויסגעחוזקט. וואָס איז? אַ מאַנספּערשוין, וואָס וואַשט זיך אין הויף! און דערצו מסתּם מיט געלן, עיפּושדיקן זייף! זי האָט פאַרדראָסן, וואָס עס איז איר אויס־געקומען צוצוקוקן זיך צו אַזאַ ווולגאַרער זאַך.

זי איז געגאַנגען ווייטער, אָבער אין אַ ווײַלע אַרום האָט זי זיך צוגעזעצט אויף אַן אָפּגעהאַקטן שטאַם. זי איז עפּעס גע־ווען אַזוי צערודערט, אַז זי האָט אַזש נישט געקאָנט צונויפנעמען די געדאַנקען. אָבער פון מיטן ווירוואַר אין אירע געפילן האָט זיך אַרויסגערוקט דער פעסטער באַשלוס ווידער אַהינצוגיין צום וואַלד־שטיבל און איבערגעבן דעמדאָזיקן מענטש דעם באַפעל פון איר מאַן. זי וועט נאָר אַזוי לאַנג אָפּוואַרטן, ביז עס דאַרף ביי אים געדויערן זיך אָנצוטון.

זי האָט זיך ווידער אומגעקערט צום וואַלד־שטיבל און זיך איינגעהערט. דאָס שטיבל האָט אויסגעזען פּונקט אַזוי איינזאַם ווי פריער. פּלוצלינג האָט אַ הונט אָנגעהויבן בילן. קאָני האָט אָנגעקלאַפּט אין דער טיר און נישט געקאָנט באַהערשן איר האַרצ־קלאַפּ וגו.

זי האָט דערהערט טריט. דער אויפזעער האָט אַן עפן גע־טון די טיר. זי האָט זיך איבערגעשראָקן. ער אַליין איז אויך גע־ווען צערודערט, נאָר באַלד האָט זיך אַ שמייכל צעגאָסן איבער זיין פּנים.

— ליידי טשאַטערליי! — האָט ער אַ זאָג געטון, — אפשר וועט איר אַריינגיין אין שטוב?

זיין האַלטונג איז געווען פריי און קאָרעקט. קאָני איז אַריינגעקומען אין אַ קליין, טונקל שטיבל.

— איך האָב אייך איבערצוגעבן עפּעס אין סער קליפאָרדס נאָמען, — האָט זי אַ זאָג געטון עטוואָס פאַרסאָפּעט.

דער וואַלד־אויפזעער האָט אויף איר אַ קוק געטון מיט זיי־נע בלויע, אַלץ־זעענדיקע אויגן, זי האָט געמוזט אָפּווענדן איר בליק. זי האָט אים אין דעם מאָמענט אויסגעזען וווּנדערלעך שיין, בפרט די שרעקעוודיקייט, וועלכע האָט זיך אויסגעדריקט אין איר פּנים. ער האָט מאָמענטאַל באַהערשט די סיטואַציע.

— זיצט, — האָט ער זי פאַרבעטן. ער איז זיכער געווען אַז זי וועט זיך נישט זעצן. די טיר איז געבליבן אָפן.

— איך דאַנק אייך. סער קליפאָרד וויל, אַז איר זאָלט... — און זי האָט אים איבערגעגעבן, וואָס איר מאַן האָט פון אים פאַר־לאַנגט, בשעת־מעשה האָט זי אומבאַוווּסט געקוקט אים אין די אויגן אַריין. איצט האָבן זיינע אויגן געקוקט אויף איר מיט וואַ־רעמקייט און מילדקייט, די פרוי אין איר האָט הנאה געהאַט פון דעמדאָזיקן אויסדרוק פון זיינע אויגן, אויסטערליש־וואַרעם, און מילד, און פריי.

— גוט, אייער דורכלויכט, איך וועל עס שוין דער־ליידיקן.

ווען ער האָט אויסגעהערט דעם באַפעל, האָט זיין גאַנצע האַלטונג זיך אומגעביטן, ער איז געוואָרן אָפּיציעלער, טרוקענער און זייער דערווייטערט. קאָני האָט אַ ווײַלע זיך געוואַקלט, זי האָט שוין געוואָלט אַוועקגיין. אָבער זי האָט נאָך אַלץ אַרומגע־קוקט דאָס קליינע, ציכטיקע, אָבער מרה־שחורהדיקע שטיבל.

— איר וווינט דאָ אינגאַנצן אַליין? — האָט זי געפרעגט.

— אינגאַנצן אַליין, אייער דורכלויכט.

— און אייער מוטער?

— מיין מוטער וווינט אין איר אייגענער שטוב אין דאָרף.

— מיטן קינד? — האָט קאָני געפרעגט.

— מיטן קינד!

זיין פשוט, אויסגעמאָגערט פּנים האָט עפּעס אָנגעצויגן אויף זיך אַזאַ אומבאַשטימטן, שמייכלענדיקן אויסדרוק. אַ מאָדנע פּנים איז עס געווען, עס האָט יעדע רגע געביטן דעם אויסדרוק.

זעענדיק, אַז קאָני קוקט נאָך אַלץ אַזוי נייגיריק אַרום די שטוב, האָט ער צוגעגעבן, ווי פאַרענטפערנדיק זיך:

— יעדן שבת קומט אַהער מיין מוטער און רוימט מיר צו; דאָס איבעריקע טו איך מיר אַליין.

קאָני האָט אויף אים ווידער אַ קוק געטון. זיינע אויגן האָבן ווידער געשמייכלט, עטוואָס חוזקדיק, נאָר אַלץ נאָך וואַרעם, בלוי און מילד. זי האָט אים אָנגעקוקט פאַרוווּנדערט. איצט איז ער געווען אָנגעטון אין לאַנגע הויזן, אַ פלאַנעלן העמדל און אַ גרויען קראַוואַט, די האָר זיינע זענען נאָך געווען פייכט, דאָס פּנים בלאַס און אָפּגעצערט. ווען זיינע אויגן האָבן נישט געשמייכלט, האָט ער געהאַט אַ פּנים, ווי ער וואָלט פיל דורכגעליטן, אָבער די אינער־לעכע מילדקייט נישט אָנגעווירן. עס האָט אָבער געווייעט פון אים מיט אַזאַ צוריקגעהאַלטנקייט, אַן אָפּגעזונדערטקייט; ווי די וועלט וואָלט פאַר אים נישט עקזיסטירט רעאַל.

זי האָט נאָך עפּעס געוואָלט זאָגן, נאָר זי האָט גאָרנישט געזאָגט. זי האָט נאָר אַ קוק געטון אויף אים און אַרויסגע־מורמלט:

— איך גלייב, אַז איך האָב אייך נישט געשטערט?

אַ לייכטער, אָפּחוזקנדיקער שמייכל האָט שמעלער געמאַכט זיינע אויגן.

— איך האָב מיך דאָ געצוואָגן, אייער דורכלויכט. אַנטשול־דיקט, וואָס איך בין אָן אַ מאַרינאַרקע, איך האָב נישט געוווּסט, ווער עס קלאַפּט אין מיין טיר. דאָ קלאַפּט קיינמאָל קיינער נישט אָן. און יעדע אומגעריכטע זאַך איבעראַשט געוויינלעך.

זי איז אַרויסגעגאַנגען, ער נאָך איר. אין הויף האָט ער זי אויסגעמיטן און אַוועקגעגאַנגען פאָראויס אויפעפענען פאַר איר דאָס טירל פון גאָרטן. פון הינטן האָט זי ערשט בולט דערזען זיין אויסגעמאָגערטקייט און אַז ער האַלט די פּלייצע עטוואָס געהוי־

קערט. אָבער אין זיינע אויגן און האָר איז געווען עפּעס יוגנט־לעכס, מונטערס און לעבנסלוסטיקס. ער איז געווים אַלט געווען אַ יאָר זיבן־אַכטאונדרייסיק.

זי איז שוין געגאַנגען מיטן וואַלד־שטעגל, ווען זי האָט נאָך אַלץ געפילט, אַז ער קוקט איר נאָך. דאָס האָט זי צערודערט און אפילו דענערווירט.

ווען ער איז צוריקגעקומען צו זיך אין שטיבל, האָט ער אַ טראַכט געטון: „זייער אַ סימפּאַטישע, מער סימפּאַטיש ווי איך האָב מיר פאָרגעשטעלט, אַ סך מער סימפּאַטיש, ווי זי אַליין מיינט וועגן זיך".

קאָני איז זייער איבערראַשט געווען. ער האָט אויסגעזען נישט ווי אַ געוויינלעכער וואַלד־אויפזעער, יעדנפאַלס איז ער גע־ווען נישט ענלעך צו די גרובן־אַרבעטער, כאָטש ער האָט געהאַט אין זיך אַ סך געמיינזאַמס מיט די אָרטיקע איינוווינער. אָבער עס האָט זיך אין זיין האַלטונג, אין זיין באַנעמונג געפילט עפּעס אַזוינס אומגעוויינלעכס, נישט דורכשניטלעכס.

— דער וואַלד־אויפזעער מעלאָרס איז עפּעס גאָר אַ מאָדנע מענטש, — האָט זי געזאָגט צו קליפאָרדן. — ער וואָלט כמעט געקאָנט זיין אַ דזשענטלמען.

— אַזוי? — האָט קליפאָרד געענטפערט. — איך האָב עס נישט באַמערקט.

— ער פאַרמאָגט אין זיך עפּעס נישט דורכשניטלעכס, — האָט זיך קאָני געהאַלטן ביי אירס.

— דאַכט זיך, אַ גאַנץ פיינער יונג, איך קען אים אָבער ווייניק. ער איז ערשט פאַראַיאָרן צוריקגעקומען פון מיליטער, נאָך קיין גאַנץ יאָר נישט. אויב איך האָב קיין טעות נישט, האָט ער געדינט אין אינדיע. אפשר האָט ער דאָרט זיך עטוואָס אויס־געשליפן, געכאַפּט אַ ביסל מאַניערן, אפשר האָט ער געדינט אַלס אָרדינאַנס ביי אַן אָפיציר און זיך אַ ביסל אויסגעפיינערט, צוגע־לערנט. מעגלעך, טייל פון זיי ווערן אפילו גאַנץ לייט. קיין מעלה פאַר דידאָזיקע מענטשן איז עס אָבער נישט: ווען זיי קערן

זיך אום אַהײם, מוזן זײ צוריק פאַרנעמען זײער געהעריק אָרט.

קאָני האָט אַ קוק געטון אויף קליפאָרדן פאַרטראַכטערהײט. זי האָט אין אים דערשפּירט אַ באַזונדער ווידערגעפיל צו מענטשן פון נידעריקן שטאַנד, וועלכע האָבן פעיִקײטן זיך אויפצוהײבן העכער, אַ ווידערגעפיל, וואָס איז כאַראַקטעריסטיש פאַר דזשענטללײט פון קליפאָרדס טיפּ.

— מײנסטו, אַז ער האָט אין זיך גאָרנישט קײן מערקווירדיקס? — האָט זי אַ פרעג געטון.

— איך גלײב, אַז גאָרנישט. אַלנפאַלס, איך האָט גאָרנישט דערזען אין דעם מענטש.

ער האָט אויף איר אַ קוק געטון פאַראינטערעסירט, האַלב פאַרדעכטיק, און קאָני האָט געשפּירט, אַז ער זאָגט נישט דעם אמת, אַז ער באַהאַלט דעם אמת פאַר זיך אַלײן, אין דעם האַנדלט זיך גראָד. ער האָט נישט געקאָנט פאַרטראָגן, ווען מען האָט אים אָנגעוויזן אויף עמעצנס מערקווירדיקײט. אַלע מענטשן האָבן לויט זײן מײנונג געדאַרפט זײן נידעריקער פון אים, אָדער אין אויסנאַמפאַלן גלײך מיט אים. מערקווירדיקײט שמעקט שוין אַמאָל מיט העכערקײט.

קאָני האָט נאָכאַמאָל דערפילט ווי פאַרשטאַרט, ווי אויסגעלײדיקט פון אַלעם האַרציקן די מאַנסבילן פון איר דור זענען; זײ זענען אַזוי פאַרשטאַרט, אַזוי פחדנותדיק בײם אָנבליק פון לעבן!

קאַפּיטל VII

בײנאַכט, ווען קאָני איז אַרײנגעקומען צו זיך אין שלאָפצימער, האָט זי געטון אַזאַ זאַך, וואָס זי האָט שוין לאַנג נישט געטון: זי האָט זיך אויסגעטון אינגאַנצן נאַקעט און אַזוי נאַקעטערהײט זיך געשטעלט פאַרן גרויסן טרעמאָ־שפּיגל. זי האָט אַלײן

נישט געוווּסט, וואָס זי וויל דאָרט זען, זי האָט אפילו נישט גע־וווּסט, וואָס זי זעט דאָרט, אָבער זי האָט אַוועקגעשטעלט דעם לאָמפּ אַזוי, אַז דאָס גאַנצע ליכט זאָל פאַלן אויף איר נאַקעטן קערפּער.

און עס איז איר דורכגעלאָפן דער געדאַנק, וועלכער פלעגט שטענדיק איר דורכלויפן אין אַזעלכע פאַלן: ווי נעבעכדיק, ווי טרויעריק, ווי רירנדיק עס איז דאָס נאַקעטע מענטשלעכע לייב; אַזוי ווי אַ נישט אויסגעפאַרטיקטע, אַ נישט פאַרענדיקטע זאַך!

זי האָט געהאַלטן, אַז זי האָט אַ גאַנץ פיינע פיגור, איצט איז זי אָבער געווען שוין נישט יונג: צופיל ווייבעריש, צופיל פּרוילעך, צו וויי‌ניק ענלעך צו די יינגלערישע פרויען־פיגורן. זי איז געווען נישט גענוג ווּקסיק, צופיל ברייטפּלייציק, עטוואָס דאָרפישמעסיק; זי האָט אָבער פאַרמאָגט אַ מין עלאַסטישע גראַ־ציע, וועלכע איז געווען דאָס שטאַנדהאַפטיקסטע אין איר שיינ־קייט. איר הויט — עטוואָס ברוינלעך, די הענט און די פיס איידל פאַררונדיקט, איר גאַנצער קערפּער וואָלט געווען פול שטענדיק, ווען עס זאָל אים נישט פעלן עפּעס.

אָנשטאָט צו אַנטוויקלען די געזונטע, פולע, פאַררונדיקטע ערטער, האָט איר קערפּער אָנגעהויבן ווערן קאַנטיק, פלאַך. עס האָט זיך געקאָנט דאַכטן, אַז עס פעלט דעם קערפּער זון, וואַרעמ־קייט; ער איז געווען עטוואָס גרוילעך, אָן זאַפטן.

דעמדאָזיקן לייב, וואָס איז אָפּגענאַרט געוואָרן אין דער עכטער פרוילעכקייט, איז נישט געלונגען צו ווערן יינגלעריש, קערפּערלאָז, דורכזיכטיק; פאַרקערט, עס איז געוואָרן שווער, אומ־דורכדרינגלעך.

בּרוסטן האָט זי געהאַט גאַנץ קליינע, באַרנפאָרמיקע. זיי זענען אָבער געווען אומצייטיק, עטוואָס אייליק און געהאָנגען אָן אויסדרוק. און איר בויך האָט פאַרלוירן זיין אַמאָליקן פרישן, רונ־דיקן גלאַנץ, וועלכן ער האָט געהאַט, ווען קאָני איז געווען יונג, אין די צייטן פון איר דייטשישן געליבטן, וועלכער האָט זי אמת־דיק פיזיש געליבט. דעמאָלט איז איר לייב געווען יונג, לויערדיק,

עס האָט פאַרמאָגט באמת אַן אײגן, באַזונדער אויסזען. איצט איז עס געוואָרן שלאַבעריק, פלאַך, עס איז טאַקע געווען שלאַנ־קער, אָבער מיט אַ שלאַבעריקער שלאַנקײט. אפילו די היפטן, וועלכע האָבן אַזוי רײצנד און גלאַנצנדיק שעמערירט אין זײער פרוילעכער רונדיקײט, אפילו די היפטן אירע זענען געוואָרן עפּעס פלאַכער, שלאַבעריקער, אָן אויסדרוק.

איר לײב האָט אָנגעווירן דעם אויסדרוק, די באַדײטונג, עס האָט פאַרלוירן דעם גלאַנץ, דעם שימער, די דורכזיכטיקײט, ווי עס וואָלט געווען אַ שטיקל אומנוצלעכער שטאָף. דאָס האָט זי אָנ־געפילט מיט נידערגעשלאָגנקײט, מיט האָפנונגסלאָזיקײט. וואָס־זשע פאַר אַ האָפנונג איז דאָ פאַרהאַן? זי איז אַלט, אַלט, נישט קוקנ־דיק אויף אירע זיבנאונצוואַנציק יאָר, אָן גלאַנץ, אָן אַ פונק אין איר לײב. אַלט צוליב פאַרנאַכלעסיקונג און צוליבן אָפּזאָגן זיך פון לעבן; אַזוי איז עס, זי האָט אַלײן זיך אָפּגעזאָגט פונם לעבן. די מאָדערנע פרויען האַלטן אויף זײער קערפּער מיט אויסטערלישער זאָרגעוודיקײט אין אַ בלענדנדיקן, גלאַנצפולן צושטאַנד, זײ פלעגן דאָס לײב ווי אַ טײערן פאַרצעלײ. דידאָזיקע פאַרצעלײענע לײ־בער האָבן אין זיך טאַקע גאָרנישט; זי האָט אָבער אפילו ווי פאַרצעלײ נישט געגלאַנצט. יאָ, דאָס גײסטיקע לעבן! זי האָט עס פלוצלינג אַזוי פײנט געקריגן, אַזוי שרעקלעך פײנט, דעמדאָזיקן נידערטרעכטיקן שווינדל!

זי האָט אַ קוק געטון אין קעגנאיבערדיקן שפּיגל, אויף דער אָפּשפּיגלונג פון אירע פּלײצעס, פון דער טאַליע, פונם הינטן. אַלץ איז געווען שלאַנק, אָבער ס'האָט אין אַלעם עפּעס געפעלט. ווען זי האָט זיך אַריבערגעבויגן, האָט זיך פאַרלײגט בײ איר טאַ־ליע אַ פאַלב, וועלכע האָט אונטערגעשטראָכן די פרוילעכקײט; די לענגלעכדיקע שיפקײט פון איר הינטן האָט אָנגעווירן דעם גלאַנץ, די אויסדריקלעכקײט. פאַרשווונדן! נישטאָ מער! דער דײטשישער בחור אירער האָט אַמאָל ליב געהאַט דאָס אַלץ, אָבער ער לעבט שוין נישט צען יאָר, באַלד צען יאָר. ווי שנעל דאָס איז אַוועק! ער לעבט שוין נישט צען יאָר באַלד און זי איז איצט אַלט זיבנ־

אונצוואָנציק. יענער געזונטער בחור מיט דער הייטערער, אומגע-שיקטער ליידנשאַפטלעכקייט, וועלכע זי האָט אַזוי אָפט מבזה גע-ווען! ווו נעמט מען היינט אַזאַ ליידנשאַפט? די מאַנספּערשוינען האָבן זי אָנגעווירן. די מאַנספּערשוינען האָבן נישט מער ווי צוויי סעקונדן ספּאַזמעס, ווי מיכאַעליס; זיי האָבן אָבער מער נישט קיין געזונטע, מענטשלעכע ליידנשאַפט, וועלכע צעהיצט דאָס בלוט און פרישט אויף דורך-און-דורך.

זי האָט אַ טראַכט געטון — דאָס שענסטע איז געבליבן: דער שיפער אויסבויג פון דעם רונדיקן, פאַרחלומטן הינטן. ווי צוויי זאַמד-היגלען, רופן עס די אַראַבער, אַזוי שטיל, אַזוי ווייך פאַר-רונדיקט. דאָ, אויף דעם אָרט, האָט נאָך דאָס לעבן געלויערט, גע-וואַרט מיט האָפענונג. אָבער אויך דאָ איז זי מאָגערער געוואָרן, אָנגעווירן די רייפקייט, איינגעשרומפּן.

אָבער די פאָדערשטע טייל פון איר קערפּער האָט זי שרעק-לעך געערגערט. זי הייבט שוין אָן ווערן שלאַבעריק, עפּעס צע-קראָכן, כמעט וועלקנדיק, זי ווערט אַלט, נאָך איידער זי האָט באַוויזן אָנצוהייבן צו לעבן. עס איז איר דורכגעפלויגן אַ גע-דאַנק וועגן דעם קינד, וואָס זי וועט אַמאָל טראָגן אין בויך. צי איז עס פאַר איר? צי דאָס פעלט איר טאַקע? צי טויג עס גאָר פאַר איר?

זי האָט אַרויפגעוואָרפן אויף זיך דאָס נאַכט-העמד, אין בעט ליגנדיק האָט זי ביטער געוויינט. אין דער ביטערקייט האָט גע-פלאַקערט אַ קאַלטע אויפרעגונג קעגן קליפאָרדן, קעגן זיינע שריי-בעכצן, קעגן זיינע רעדערייען, אויף די אַלע מענער פון זיין שניט, וועלכע האָבן אָפּגענאַרט די פרוי, באַרויבנדיק זי, צונעמענדיק ביי איר אפילו דעם קערפּער אירן.

אַן עוולה! אַ הימל-שרייענדע עוולה! דאָס געפיל פון אַ גרוי-סער, פיזישער אומרעכט האָט אין איר געבו׳ענט.

אינדערפרי איז זי אויפגעשטאַנען און אַראָפּגעגאַנגען צו קלי-פאָרדן. זי האָט אים געמוזט העלפן אין אַלע אינטימסטע נויטווענ-דיקייטן, ער האָט נישט געהאַט קיין פערזענלעכן דינער, און

פרעמדע פרוי זאָל אים באַדינען, האָט ער נישט געוואָלט. דער הויז־פאַרוואַלטערינס מאַן, וועלכער האָט אים נאָך געקענט אַלס קינד, פלעגט אים טיילמאָל באַדינען, צוהעלפן, אויפהייבן, דער־לאַנגען, וואָס ער האָט באַדאַרפט; אָבער די אינטימסטע זאַכן פלעגט אים דערלייידיקן קאָני, זי פלעגט עס טון גערן. עס האָט געפאָדערט ממש אָפּפערוויליקייט, אָבער זי פלעגט עס דערפילן זייער גערן, אָן דעם מינדסטןווידערגעפיל.

זי פלעגט דעריבער זעלטן־ווען אַרויספאָרן און ווען זי פלעגט מוזן פאַרלאָזן דאָס גוט, פלעגט זי זיך איילן אַהיים, וויסנדיק ווי שווער קליפאָרדן איז אָן איר; זי האָט געפילט, וואָס פאַר אַן עוולה זי ליידט, אָבער דאָס געפיל איז אין איר אַנטשטאַנען פון גאָר נישט לאַנג. זי האָט זיך אָנגעהויבן פילן פון עפעס אָפּגע־נאַרט. ווען דער מענטש הייבט אָן באַוווסטזיניק זען עפעס אַן עוולה, וואָס ווערט קעגן אים באַגאַנגען, איז דאָס זייער אַ געפער־לעכער צושטאַנד פון דער נשמה. דאָס געפיל מוז אויסברעכן, אַרויסקומען פון אויבן, זיך אויסלאָדן, אַנדערש פרעסט עס אויף דעם מענטש. זי האָט נישט געקאָנט האָבן די מינדסטע טענה צו קליפאָרדן. דאָס אַלץ איז דאָך נישט מער ווי אַ טייל פון דער אַל־געמיינער קאַטאַסטראָפע.

אָבער צי איז ער נישט אין אַ געוויסער מאָס שולדיק? די־דאָזיקע לעבלעכקייט, דידאָזיקע טאַקטלאָזיקייט... צי דאָס אַליין איז אַ קליינע שולד? ער איז קיינמאָל נישט געווען באמת וואַרעם, אפילו נישט אין דער מינדסטער מאָס האַרציק, שטענדיק העפלעך, אפשר עטוואָס פריינטלעך, טאַקטפול און מעסיק־קיל. אָבער קיינ־מאָל נישט אַזוי וואַרעם ווי דורכשניטלעכע מענער זענען צו אַ פרוי, אפילו נישט אַזוי ווי קאָניס פאָטער האָט געקאָנט זיין צו איר. ער האָט שטענדיק געהאַט צו טון בלויז מיט זיך אַליין, גע־טראַכט בלויז וועגן זיך, דערצו פולקאָם באַוווסטזיניק, נישט האָבנ־דיק אין זין אויך עמעצן אַנדערש צו באַשענקען מיט אַ פונק פון זיין אינערלעך וועזן.

קליפאָרד איז געווען באַשאַפן אַזעלכער. זיין ראַסע איז גע־

ווען אַזאַ. זיי אַלע זענען געווען טרוקענע, פאַרשלאָסענע אין זיך. וואַרעמקייט איז ביי זיי געווען אַ סימן פון טאַקטלאָזיקייט, פון געשמאַקלאָזיקייט. זי האָט גיך דאַרט זיך דורכשלאָגן אַ וועג אין לעבן אַליין, אָן אים, אַליין פאַרטיידיקן איר שטאַנדפונקט; דאָס אַלץ וואָלט געווען גאַנץ גוט, ווען זי זאָל געהערן צום זעלבן קלאַס, צו דער זעלבער ראַסע, וואָס ער. ווען זי זאָל האָבן זיין ראַסן-געפיל, וואָלט זי געוויס געווען אויף איר אופן גליקלעך: זי וואָלט אויך געווען קאַלט, ערנסט, פאַרטיידיקט איר שטעלונג און געהאַט דערפון באַפרידיקונג. זי האָט אָבער געהערט צו אַן אַנ-דערן קלאַס, צו אַן אַנדערער ראַסע, טויג דאָס נישט פאַר איר. נישטאָ אין דעם קיין אינהאַלט, קיין לעבנסאינהאַלט אינם בלויזן אָפּהיטן דעם אייגענעם שטאַנדפונקט, די אייגענע שטעלונג, און האָבן דאָס געפיל פון צוגעהעריקייט צום העכסטן געזעלשאַפטלעכן קלאַס. וואָס פאַר אַ זין האָט די שטעלונג, די שטאָלצע פאַרטיי-דיקונג פון די קלאַסן-פּריווילעגיעס, ווען אפילו די העכסטע אַריס-טאָקראַטן האָבן אייגנטלעך גאָרנישט צו פאַרטיידיקן, קיין שום פּאָזיטיוו; זייער העכערקייט איז דאָך נישט מער ווי אַ פורים-שפּיל, נישט קיין פאַקטישע העכערקייט. וואָס-זשע פאַר אַ זין האָט דאָס? עס איז דאָך נישט מער ווי אַ געפּרוווירענער אַבסורד.

דאָס געפיל פון בונט האָט געטליעט אין קאָנין. וואָס איז דער ציל פון דעם אַלעם? וואָס פאַר אַ ציל האָט איר קרבן? צו וועלכן ציל איז זי מקריב איר לעבן פאַר קליפאָרדן? וואָס טוט זי דערמיט אויף? דעם קאַלטן, פוסטן עגאָיזם, וועלכער ווייסט נישט פון די לעבעדיקע, מענטשלעכע באַרירונגס-פונקטן און וועל-כער איז אַזוי פאַרדאָרבן פון פראַסטיטוּאירן מיט דער היגטישער געטין פון דערפאָלג, ווי דער ערשטער בעסטער הוּרשטאַפּלער. אַפילו די קאַלטע, צוריקגעהאַלטענע זעלבסטווירדע קליפאָרדס, זיין גאווה צוליב דער אָנגעהעריקייט צום הערשנדיקן קלאַס האָט אים נישט אָפּגעהאַלטן פונם נאָכלויפן נאָך דער היגטישער געטין פאַר-סאַפּעט און מיט אַן אַרויסגעהאָנגענער צונג. אין דער ווירקלעכקייט איז מיכאַעליס געווען מער ווירדיק פאַר אים און דערפאָלג האָט

ער געהאַט אַן אַן ערך מער פון אים. ווען מ'זאָל זיך נאָר גוט צו־קוקן צו קליפאָרדן, איז ער דאָך אייגנטלעך אַ פּאַיאַץ, און זיין אַ פּאַיאַץ איז דאָך פיל נישטיקער, פיל געמיינער, ווי זיין אַ הויכ־שטאַפּלער.

פון דידאַזיקע צוויי מענער האָט זי געקאָנט מיכאַעליסן אַ סך מער נוצן ברענגען ווי קליפאָרדן. זי איז מיכאַעליסן אפילו מער נויטווענדיק געווען. מיט קליפאָרדס טויטע פיס קאָן זיך די ערשטע בעסטע קראַנקן־פלעגערין פאַרנעמען. און אויב עס גייט אין אַ פּאַקטישער העלדנטאַט, איז מיכאַעליס געווען אַ העראָיִשע מויז, קליפאָרד האָט אָבער געהאַט אַ פּנים פון אַ צירק־הינטל, וואָס מאַכט קונצשטיק.

עס איז געקומען צו־גאַסט די מומע עוואַ, ליידי בענערליי. דאָס איז געווען אַן אויסגעדאַרטע פרוי פון אַ יאָר זעכציק, מיט אַ רויטער נאָז, אַן אלמנה, אַזאַ מין גראַנד־דאַמע. זי איז געווען פונעם שענסטן יחוס און זי האָט פאַרמאָגט גענוג כאַראַקטער אונטערצו־שטרייכן איר געזעלשאַפטלעכע שטעלונג. קאָני האָט זי ליב גע־האַט, ווייל זי איז געווען אויסערגעוויינלעך אָפנהאַרציק און פּשוט אין דער באַנעמונג (אויף וויפיל זי האָט געוואָלט אַרויסווייזן איר פּשוטקייט). באמת איז זי אָבער געווען אַן עכטע קינסטלערין אין אונטערשטרייכן די דיסטאַנץ צווישן זיך און יעדן אַנדערן. סנאָ־ביש איז זי אָבער נישט געווען, זי האָט צופיל געהאַלטן פון זיך. זי האָט מייסטערהאַפט געקענט אָפּערירן אין געזעלשאַפט, איר מייסטערשאַפט איז באַשטאַנען דערין, וואָס זי האָט זיך אויסטער־ליש קאַלט געהאַלטן און געצוווּנגען יעדן איינעם צו רעספּעקטירן איר געזעלשאַפטלעכע שטעלונג.

צו קאָנין איז זי געווען זייער העפלעך און זיך באַמיט מיטן עקבויער פון אירע געשיקטע אָבסערוואַציעס אַריינצודרונגען אין קאָניס נשמה.

— איך האַלט דיך פאַר אַ וווּנדערלעכער פרוי, — האָט זי געזאָגט צו קאָנין. — דו האָסט מיט קליפאָרדן נסים אויפגעטון.

קיינמאָל וואָלט מיר נישט איינגעפאַלן, אַז אין אים ליגט פאַר־באָרגן אַ גאונות. אַזוי פּלוצלינג איז ער געוואָרן באַרימט!

די מומע עווא איז געווען איבערגעטריבן־שטאָלץ מיט קלי־פּאָרדס דערפאָלג. אַ נייער לאָרבער־קראַנץ פאַר דער משפחה! אי־בעריקנס האָבן זי די ביכלעך קליפּאָרדס לחלוטין נישט אינטערע־סירט. נאַרישקייטן! מיט אַזעלכע זאַכן אינטערעסירט מען זיך נישט!

— איך בין נישט די סיבה פון קליפּאָרדס דערפאָלג, — האָט זיך קאָני געווערט.

— ווער דען, אַז נישט דו? נאָר דו! קיינער האָט אין אים נישט אויפגעוועקט זיין טאַלאַנט; און וואָס האָסטו נעבעך פון דעם אַלעם?

— וואָס מיינט די מומע?

— איך מיין גאָרנישט! רעכן נאָר איבער אַליין, ביסט אַזוי איינזאַם. איך האָב קליפּאָרדן געוואָרנט: אויב קאָני וועט זיך צע־בונטעווען, וועסטו אַליין זיין שולדיק דערין.

— קליפּאָרד שטערט מיר אין קיין זאַך נישט, - האָט קאָני דערווידערט.

— טו אַ קוק אויף מיר, קינד מיינס, — און ליידי בענער־ליי האָט אַרויפגעלייגט די האַנט אויף קאָניס אַקסל, — אַ פרוי מוז זיך אירס אויסלעבן, ווען נישט, קומט איר שפּעטער אויס אָפּצוקו־מען דערפאַר. מעגסט עס מיר גלייבן!

און זי האָט ווידער אַ זופּ געטון אַ ביסל בראַנפן, וועלכער איז, ווייזט אויס, געווען די אָפּקומעניש אירע.

— אָבער איך פאַרזיכער די מומע, אַז איך לעב מיך אויס פולשטענדיק.

— נישט אַזוי לעבסטו, ווי איך פאַרשטיי עס. קליפּאָרד דאַרף דיך אַרויספירן קיין לאָנדאָן און דיר דערלויבן צו ומען אין געזעלשאַפט. זיינע חברים טויגן בלויז פאַר אים. פאַר ז ר זענען זיי קיין געזעלשאַפט נישט. איך וואָלט אויף דיין אָרט מוחל גע־ווען דאָס אַלץ. דו וועסט פאַרשלאָפן דיינע יונגע יאָרן און שפּע־

טער וועסטו האָבן איין זאַך אין לעבן — וועסט נישט אויפהערן צו באַדויערן.

זי האָט אַ זופּ געטון און זיך שטילשווייגנדיק פאַרטראַכט.

קאָני האָט אָבער קיין חשק נישט געהאַט אַרויסצופאָרן קיין לאָנדאָן, כדי די מומע עוואַ זאָל זי פירן אין געזעלשאַפט. זי האָט זיך געפילט ווייניק געשיקט דערצו און אויסער דעם האָט זי געוווּסט, ווי נאָך מער אומעטיק עס איז אין דערדאָזיקער געזעלשאַפט ווי אין איר איינזאַמקייט דאָ אויפן אָרט. זי האָט געקאָנט די כאַראַקטעריסטישע קעלט, וואָס בלאָזט פון דער געזעלשאַפט, ווי דידאָזיקע קעלט טרוקנט אַלץ אויס: אַזוי ווי דאָס האַלב-אינזל לאַבראַדאָר, וואָס איז פון אויבן אויסגעצירט מיט קליינע, לוסטיקע בלימעלעך און אַ האַלבן מעטר טיפער איז דער גרונט דורכגעפרוירן.

ביי זיי איז דעמאָלט געווען צו-גאַסט אויך טאָממי דוקעס און נאָך איינער אַ הער מיטן נאָמען הערריי אויִנטערסלאָו און אַ חוץ זיי דזשעק סטרענגוועיס מיט זיין פרוי אָליוואַ. דער שמועס איז געווען אַ סך ווייניקער איינהייטלעך ווי בשעת די „חברים-לעך" זענען געזעסן ביים טיש. אַלע האָבן זיך געפילט עטוואָס פאַרמאַטערט: דאָס וועטער איז געווען העסלעך, די איינציקע פאַרווייַלונג איז געווען דער בילאַרד און אַ טשאַרלעסטאָן אונטער דער פיאַנאָ-מוזיק.

אָליוואַ האָט נישט אויפגעהערט צו רעדן וועגן אַ ביכל, וואָס האָט געשילדערט די צוקונפט, ווען מ'וועט קינדער האָדעווען אין סלאָיִקלעך און די פרויען וועלן סטעריליזירט ווערן.

— אָ, דאָס וועט זיין אַ גליקלעכע צייט! — האָט זי זיך באַגייסטערט. — פרויען וועלן ערשט דעמאָלט וויסן פון אַן אמת-דיק לעבן.

איר מאַן האָט געוואָלט האָבן אַ קינד, זי האָט בשום אופן נישט געוואָלט.

— איר וואָלט געוואָלט סטעריליזירט ווערן? — האָט זי אויִנ-טערסלאָו געפרעגט מיט אַ העסלעך שמייכעלע.

— איך פיל זיך סיי־ווי סטעריליזירט, פון דער נאַטור סטעריליזירט, — האָט אָליוואַ געענטפערט. — יעדנפאַלס וועט אין דער צוקונפט די פרוי זיין קליגער, זי וועט נישט לאָזן פון זיך אַ תּל מאַכן דורך דידאַזיקע עקלהאַפטע געשלעכטס־פונקציעס.

— אפשר וועט זי דעמאָלט אַוועקפליִען אין די הימלען אַריין, — האָט דוקעס צוגעגעבן.

— איך האַלט, אַז אַ געהעריקע מאָס ציוויליזאַציע וואָלט איינגעשפּאָרט אַ סך פיזישעליידן, — האָט קליפאָרד באַמערקט. — די אַלע ליבעס־ענינים אַ שטייגער וואָלטן געמעגט אינגאַנצן אַנוּ־לירט ווערן. עס וואָלט געוויס אַזוי געוואָרן, ווען מיר זאָלן טאַקע קאָנען האָדעווען קינדער אין סלאָיִקעס.

— ניין! — האָט אָליוואַ געזאָגט. — דאָס וואָלט געווירקט. מ׳זאָל זיך אדרבא נאָך מער פאַרנעמען מיט דעם שפּיל.

— איך מיין, — האָט לֵיידי בענערליי זיך אָנגערופן, - ווען די ליבעס־ענינים זאָלן ליקווידירט ווערן, וואָלטן מענטשן אויסגע־טראַכט עפּעס אַנדערש אָנשטאָט דעם. אפשר מאָרפיום. די לופט זאָל אומעטום האָבן אין זיך אַ ביסל מאָרפיום. דאָס וואָלט אויך געווען נישט שלעכט.

— די מאַכט וואָלט געמוזט אויף יעדן זונטיק באַזאָרגן דעם עולם מיט אַ פּאָרציע נאַרקאָטיק! — האָט דזשעק פאָרגעשלאָגן. — עס וואָלט געווען דאָס אמתע פאַרגעניגן, אָבער אַרום מיטוואָך וואָלטן מיר אַלע אויסגעגאַנגען פון בענקשאַפט צום קומענדיק זונטיק.

— אַזוי לאַנג ווי מ׳קאָן פאַרגעסן דעם קערפּער, פילט מען זיך נאָך ווי עס איז גליקלעך, — האָט לֵיידי בענערליי געזאָגט. — אָבער קוים דערמאַנען מיר זיך אינם קערפּער אונזערן, ווערן מיר אומגליקלעך. וויל די ציוויליזאַציע באמת צונוצקומען, מוז זי אונז העלפן פאַרגעסן אונזער קערפּער. דעמאָלט וועט אונזער לעבן פליסן גליקלעך.

— העלפן פטור ווערן דעם קערפּער. — האָט זיך אויִנ־טערסלאָו אָנגערופן. — שוין צייט, כ׳לעבן, דער מענטש זאָל אַ

ביסל אָנהייבן פאַרריכטן זיין נאַטור, דער עיקר די פיזישע זייט אירע.

— שטעלט אייך פאָר, — מיר אַלע וואָלטן געשוועבט אינ־דערלופטן ווי פּאַפּיראָסן־רויך, — האָט קאָני באַמערקט.

— דאָס וועט נישט געשען, — האָט דוקעס געענטפערט — אונזער גאַנצע אַלטע בויד וועט באַנקראָטירן; די ציוויליזאַציע וועט חרוב ווערן. די גאַנצע וועלט אונזערע וועט פאַלן אין כּף־הקלע, אָבער די לעצטע בריק איבער דעם תּהום, מעגט איר מיר גלייבן, וועט זיין דער סעקס.

— אַך, הער גענעראַל, זייט־זשע נישט אַזוי אומדערטרעג־לעך! — האָט אָליוואַ אויסגערופן.

— איך בין אויך זיכער, אַז אונזער ציוויליזאַציע וועט זיך איינברעכן, — האָט די מומע עוואַ געזאָגט.

— און וואָס וועט זיין דערנאָך? — האָט זיך קליפאָרד גע־פרעגט.

— איך האָב די מינדסטע אַנונג נישט, איך גלייב אָבער, אַז גאָרנישט, — האָט די אַלטע געענטפערט.

— קאָני זאָגט, אַז מענטשן וועלן זיך טראָגן ווי פּאַפּיראָסן־רויך, אָליוואַ פאַרזיכערט, אַז פרויען וועלן סטעריליזירט ווערן און קינדער וועלן וואַקסן אין סלאָיען, דוקעס וויל אונז איינרעדן, אַז דער סעקס וועט זיין די בריק צו דער צוקונפט. איך וואָלט אָבער געוואָלט וויסן, וואָס וועט טאַקע אינדעראמתן זיין אַמאָל, האָט קליפאָרד געזאָגט.

— אפשר וועלן אין דער צוקונפט עקזיסטירן אפילו עכטע מאַנספערשוינען, — האָט טאָממי דוקעס באַמערקט. — עכטע, אינ־טעליגענטע, געזונטע מענער און געזונטע, שיינע פרויען. דאָס וואָלט דען נישט געווען קיין איבעראַנדערשונג? אַ קאָלאָסאַלע ענ־דערונג אין פאַרגלייך מיט אונזער היינט! מיר זענען קיין מאַנס־פערשוינען נישט, די פרויען זענען קיין פרויען נישט. מיר זענען בלויז מוח־אַרבעטער, קליגלדיקע פיגוראַנטן, אינטעלעקטועלע, מעכאַנישע עקספּערימענטן. אפשר וועט נאָך אונז קומען אַ ציווי־

ליזאַציע פֿון עכטע מענער און עכטע פֿרויען, אָט דאָס וואָלט געווען אַ גרעסערער וווּנדער ווי מענטשן פֿון פּאַפּיראָסן-רויך און קינדער אין סלאָיִקעס.

— אָ, ווען די מענטשן הייבן אָן רעדן וועגן עכטע פֿרויען, מוז איך אָפּטרעטן, — האָט אָליוואַ אויסגערופֿן.

— גערעכט, אויסער אונזערע געסט האָבן מיר פּאַקטיש מער גאָרנישט קיין וויכטיקס, — האָט אויִנטערסלאָו געזאָגט.

— אַזוי מיינסטו? און פֿאַר מיר איז וויכטיקער דער גוף, דער קערפּער! — האָט זיך ווידער דוקעס צערעדט. — נאָר עס וועט קומען די צייט און מענטשן וועלן דעם אבן-נגף פֿונם מוח עטוואָס אָוועקרוקן, זיי וועלן אויך אַוועקרוקן פֿון זיך דאָס געלט און אַלדאָס איבעריקע, ערשט דעמאָלט וועלן מיר דערלעבן צו דער דעמאָקראַטיע פֿון מענטשלעכן קאָנטאַקט, אָנשטאָט אונזער קעשענע-קאָנטאַקט.

אַ ווידערקול האָט זיך אָנגערופֿן אינעווייניק אין קאָנין: „ווו איז זי, די דעמאָקראַטיע פֿון קאָנטאַקט, ווו איז זי, די ווידערגעבורט פֿונם קערפּער!" זי האָט נישט קלאָר באַגריפֿן דעם מהות פֿון דעם אַלעם, אָבער אַ טרייסט האָט זי געפֿונען אין דעם, ווי מ׳טרייסט זיך אַמאָל מיט אַן אומבאַקאַנטער זאַך.

יעדנפֿאַלס איז דאָס אַלץ געווען אַזוי אומבאַגרייפֿלעך, אַזוי פֿאַרוויקלט און זי האָט אַזוי נישט געקאָנט הערן די אַלע לייט: קליפֿאָרדן, די מומע עוואַ, דזשעקן, אָליוואַן, אויִנטערסלאָון, אפֿילו דוקעסן. מ׳רעדט, און מ׳רעדט, און מ׳רעדט! ממש אַ גיהנום איז פֿאַר איר געווען דאָס כּסדרדיקע פּלוידערן!

ווען די אַלע לייט זענען זיך שפּעטער פֿונאַנדערגעפֿאָרן, איז אָבער נישט בעסער געוואָרן. קאָני האָט זיך אַזוי ווייטער אַרומגעשלעפּט, אָבער די איבערגעזעטיקטקייט און די צערייצטקייט האָבן איר קערפּער פֿולשטענדיק באַהערשט. זי האָט פֿון זיי נישט געקאָנט אַנטרונען ווערן. די טעג האָבן זיך עפּעס אַזוי שרעקלעך צעצויגן און געשען איז גאָרנישט. זי איז אפֿילו אָפּגעפֿאַלן פֿון פּנים. די הויז-פֿאַרוואַלטערין האָט דאָס אפֿילו באַמערקט

און זי געפרעגט אויפן געזונט. אפילו טאָממי דוקעס האָט גע־האַלטן, אַז עס איז איר עפּעס, כאָטש זי האָט פאַרזיכערט, אַז עס פעלט איר גאָרנישט. זי האָט זיך בלויז אָנגעהויבן שרעקן פאַר די ווײַסע מצבות, וועלכע האָבן אין זײער אויסטערליש־העס־לעכער ווײַסקײט, ווי עקלהאַפטע אַרײַנגעשטעלטע צײן, זיך צע־וואַקסן איבערן בערגל בײם טיוועדסהאַלער קלויסטער און האָבן זיך אַזוי שוידערלעך בולט אָנגעזעצן פון פּאַרק. די אומבאַװעגלע־כע, שפּיציקע, אַרײַנגעשטעלטע צײן אויף דעם בערגל האָבן אין איר אויפגעוועקט דערשיטערונג און עקל. זי האָט געפילט, אַז נישט לאַנג וועט געדויערן און זי וועט אויך דאָרט ליגן צווישן דעם שרעקלעכן געזעמל מצבות און דענקמעלער פון דעם שוי־דערלעכן מיטל־ענגלאַנד.

זי האָט געדאַרפט הילף און זי האָט זיך דערפון אָפּגעגעבן אַ קלאָרן חשבון. זי האָט אָװעקגעשריבן צו איר שוועסטער הילדאַ אַ בריוו מיט אַ האַרציקן ווײ־געשרײ. „איך פיל מיך לעצטנס זײער נישט גוט און איך ווײס נישט, וואָס עס פעלט מיר".

הילדאַ איז געקומען פון שאָטלאַנד, וווּ זי האָט זיך באַ־זעצט. זי איז געקומען אין מערץ, אַלײן אָנפירנדיק אַ שײנעם צוויי־פּערזאָניקן אויטאָ. זי איז אַרײַנגעפאָרן מיטן הויפּט־וועג, אַ פּײַף געטון בײם בערגל, אַרומגעקרײזט דאָס אָוואַלע גראָז־לאָנ־קעלע, וווּ עס זענען געשטאַנען פאַרן הויז צוויי ווילדע בוקנ־בײמער.

קאָני איז אַרויסגעלאָפן אויף די טרעפּ. הילדאַ האָט פאַר־האַלטן דעם אויטאָ, אַרויסגעשטיגן און זיך צעקושט מיט דער שוועסטער.

— קאָני! — האָט זי אויסגעשריגן. — וואָס איז געשען?

— גאָרנישט! — האָט קאָני געענטפערט עטוואָס פאַרשעמט; זי האָט אָבער געוווּסט, וויפיל אומגליקלעכער זי איז פון הילדען. בײדע שוועסטערן האָבן געהאַט כמעט די זעלבע מאַט־גלאַנצנדיקע צערע, האָר ווײכע, ברוינע, און פון געבוירנשאַפט אַ שטאַרקע, היציקע סטרוקטור פון קערפּער. קאָני איז אָבער איצט געוווען מאָ־

גער, איר צערע איז געווען ערד־פאַרביק און דער דאַרער געלב־לעכער האַלז האָט אַרויסגעשטאַרצט פון דזשעמפּער.

— דו ביסט דאָך קראַנק, קינד מיינס! — האָט הילדאַ אַ פּאַר־סאַפּעטע אַרויסגערעדט מיט אַ מילדער שטימע.

הילדאַ איז געווען מיט קנאַפּע צוויי יאָר עלטער פון קאָנין.

— ניין, קראַנק בין איך נישט. איך בין גיכער פאַרמאַ־טערט, — האָט קאָני עטוואָס פּאַטעטיש געענטפערט.

הילדאַ איז געווען געשטימט קריגעריש, דאָס האָט מען אָנ־געזען אויף איר פּנים. נישט קוקנדיק אויף איר אויסערלעכער רוי־קייט און מילדקייט, איז זי געווען אַ טיפּ פון אַ פאַרצייטישע אַמאַזאָנקע, אַזאַ מין פרוי, וועלכע איז נישט באַשאַפן צו האַרמאָ־נירן מיט מאַנספערשוינען.

— אַן עקלהאַפטע געגנט דאָ! — האָט זי אויסגערופן, אָנ־קוקנדיק דעם רואינירטן פּאַלאַץ מיטן פּאַר׳ל׳אָזטן פּאַרק אַרום. זי אַליין האָט אויסגעזען ווי אַ ווייכע, זאַפטיקע באַרגע און געווען איז זי אַן עכטע אַמאַזאָנקע פון אַלטן שניט.

זי איז אַריינגעגאַנגען צו קליפאָרדן. ער האָט אַ טראַכט גע־טון, ווי שיין זי איז, אָבער אויך ער האָט עפּעס זיך געשראָקן פאַר איר. זיין ווייבס קרובים פאַרמאָגן נישט זיינע מאַניערן, נישט זיין האַלטונג. ער האָט זיי געהאַלטן פאַר שטיקלעך הויכ־שטאַפּלער.

ער איז געזעסן אין זיין פאָטעל אַ צוגעשמידטער און אַן אויס־געבכאַליעטער, מיט גלאַט־פאַרקעמטע בלאָנד׳ע האָר, מיט אַ פּנים אַ פרישס, מיט בלאַסע, עטוואָס אַרויסגעזעצטע אויגן, מיט אַן אומ־דורכדרינגלעכע, אָבער העפלעכע מינע. הילדאַ האָט געהאַלטן זיי מינע פאַר אַ נאַרישע, און ער האָט געשוויגן. עס האָט זיך גע־שפּירט אין זיין האַלטונג באַהאַלטענער פּאַטאָס, אָבער הילדאַ האָט זיך נישט געמאַכט דערפון. זי איז געווען גוט באַוואָפנט, ווען קלי־פאָרד זאָל זיין פּויפּסט אָדער קייסער, וואָלט עס זי אויך נישט אָנגעגאַנגען.

— קאָני זעט אויס זייער קראַנק, — האָט זי געזאָגט מיט איר ווייכער שטימע, קוקנדיק אויף אים דורכדרינגלעך מיט די שיינע, גרויע אויגן, וועלכע האָבן געהאַט אַ מאַטן גלאַנץ. זי האָט אויסגעזען ווי אַ מיידעלע, ווי אַ צאַרט מיידעלע, פּונקט ווי איר שוועסטער, ווי קאָני. קליפאָרד האָט אָבער געוווּסט, אַז אונטער דערדאָזיקער צאַרטקייט שטעקט אַ האַרטער שאָטלענדישער קיזלשטיין.

— זי איז עטוואָס מאָגער געוואָרן, — האָט ער געענטפערט.

— מ׳האָט דערצו גאָרנישט געטון?

— איז עס דען נייטיק? — האָט קליפאָרד געפרעגט מיט דער העפלעכסטער ענגלישער שטייפקייט, ווייל שטייפקייט און העפלעכקייט פאָרן זיך ביים ענגלישן דזשענטלמען.

הילדאַ האָט נישט אָפּגעענטפערט, זי האָט נאָר אַ קוק געטון אויף אים דראָענדיק. זי האָט נישט געקאָנט באַלד ענטפערן, דאָס איז געווען אַ געוווינהייט פון ביידע שוועסטערן, זיי האָבן געמוזט גוט באַטראַכטן זיך, איידער זיי האָבן געקאָנט אָפּענטפערן. זי האָט קליפאָרדן בלויז אָפּגעמאָסטן מיט איר דראָענדיקן בליק און ער האָט זיך געפילט ערגער, ווי זי וואָלט אים געזאָגט די ערגסטע זאַכן, ווי זי וואָלט אים אפילו אויסגעזידלט.

— איך וועל מיט איר גיין צו אַ דאָקטאָר, — האָט הילדאַ ענדלעך מודיע געווען. — אין אייער געגנט איז פאַרהאַן עפּעס אַ ליידלעכער דאָקטאָר?

— ליידער איז נישטאָ.

— אויב אַזוי, פאָר איך מיט איר קיין לאָנדאָן צו מיינס אַ באַקאַנטן דאָקטאָר, אַ גרויסן ספּעציאַליסט.

קליפאָרדס כּעס איז דערגאַנגען ביז צו דער העכסטער שטופע, ער האָט אָבער געשוויגן.

— געוויס קאָן איך דאָ בלייבן נעכטיקן, — האָט הילדאַ גע־

זאָגט, אָנטוענדיק די הענטשקעס. -- מאָרגן פאָר איך מיט איר אין שטאָט אַריין.

קליפאָרד איז נאָך מער געל געוואָרן פון כּעס, אַ גאַנצן טאָג זענען אפילו זיינע אויגן־ווייסלען געל געווען. די גאַל איז אין אים צעגאָסן געוואָרן. אָבער הילדאַ איז געווען אַלץ אַזאַ שטילע, אַלץ אַזאַ באַשיידענע.

— דו דאַרפסט האָבן אַ קראַנקן־פלעגערין, אָדער וועמען אַנדערש, וואָס זאָל אַרומגיין אַרום דיר. צום גלייכסטן וואָלט געווען אַ דינער -- אַ מאַנספערשוין, — האָט הילדאַ אַ זאָג געטון, ווען אַלע דריי זענען זיך רויִק געזעסן אין אָוונט ביי דער קאַווע. זי האָט גערעדט רויִק, כּלומרשט מילד, אָבער קליפאָרדן האָט זיך אויסגעוויזן, אַז זי זעצט אים מיט אַ דראָנג איבערן קאָפּ.

— אַזוי? — האָט ער טרוקן אַ פרעג געטון.

— אַזוי, אַזוי. דאָס מוז זיין. קוים נעמסטו נישט צו אַ מענטש צו דיר, נעם איך צו פונדאַנען קאָנין אויף עטלעכע חדשים. אַזוי קאָן עס מער נישט זיין.

— וואָס קאָן מער נישט זיין?

— האָסט דיך גאָרנישט צוגעקוקט צו קאָנין? — האָט הילדאַ געפרעגט, קוקנדיק קליפאָרדן גלייך אין פּנים אַריין.

ער איז אין דעם מאָמענט ענלעך געווען צו אַ ריזיקן אָפּגעקאָכטן ראַק, אַזוי רויט איז ער געווען.

— איך וועל וועגן דעם רעדן מיט קאָנין, — האָט ער געזאָגט.

— איך האָב שוין מיט איר אַלץ אָפּגערעדט, — האָט הילדאַ געענטפערט.

קליפאָרד האָט אַ לאַנגע צייט געהאַט צו זיין דינסט פלעגערינס. ער האָט זיי נישט געקאָנט פאַרטראָגן, זיי האָבן אים כּסדר באַאומרויִקט. אַ דינער וואָלט אָבער געווען נאָך ערגער!... ער האָט אפילו נישט געקאָנט פאַרטראָגן דעם געדאַנק, אַז אַ מאַנסביל

זאָל זיך פּאָרען מיט אים. זאָל כאָטש זיין אַ פרוי, אַבי נישט קיין מאַנסביל. אָבער פאַרוואָס־זשע נישט קאָני?

די שוועסטערן זענען באַלד אינדערפרי אַוועקגעפאָרן. קאָני האָט געהאַט אַ פּנים ווי אַן אומגליקלעך שעפעלע, ווען די אַמאַזאָנקע הילדאַ האָט גענומען אונטער אירע פליגל. דעם פאָטער האָבן זיי נישט געטראָפן אינדערהיים.

דער דאָקטאָר האָט זאָרגפעליק באַטראַכט קאָנין און זי אויסגעפרעגט וועגן אַלע פּרטים פון איר לעבן.

— איך האָב נישט איינמאָל געזען אייערע און סער קליפאָרדס פּאָרטרעטן אין די אילוסטרירטע בלעטער. אירביידע זענט דאָך כמעט באַרימט, אמת? אַזוי, אַזוי וואַקסן עס אויס פרויען פון יונגע מיידעלעך, כאָטש, אין תוך גענומען, זענט איר נאָך איצט אויך אַ מיידעלע, נישט קוקנדיק אויף אַלע אילוסטרירטע בלעטער. אָ, ניין! דער אָרגאַניזם איז אין דער בעסטער אָרדענונג, אָבער אַזוי קאָן ווייטער נישט זיין. זייט אַזוי גוט און זאָגט דעם הער קליפאָרד, אַז ער מוז מיט אייך אַרויספאָרן אין שטאָט אַריין, אָדער אַוועקפאָרן קיין אויסלאַנד, איר דאַרפט זיך צעשטרייען. איר מוזט האָבן צעשטרייאונג, איר מוזט! איר האָט אין זיך אַ שוואַכן לעבנסלוסט, רעזערוון פעלן, רעזערוון. די האַרץ־נערוון זענען נישט אין געהעריקער אָרדענונג, אַזוי, אַזוי! עס איז אַ שפּיל פון נערוון; איך וואָלט אייך געמאַכט פולשטענדיק געזונט, ווען איר פאַרברענגט איין חודש אין קאַן, אָדער ביאַריץ. צו דער איצטיקער לאַגע אייערער מוז אַ סוף נעמען, עס מוז אַ סוף נעמען, אַז נישט, ווער ווייסט, וואָס עס קאָן ווייטער זיין. איר פאַרשווענדט אייער לעבן און איר פרישט עס נישט אויף. איר מוזט האָבן צעשטרייאונג, עפּעס, געזונטע צעשטרייאונג. איר פאַרנוצט אייער לעבנס־ענערגיע און איר שאַפט אייך נישט צוריק קיין פרישע. אַזוי טאָר ווייטער נישט זיין, איר פאַרשטייט? די נידערגעשלאָגנקייט! איר מוזט זען אויסצומיידן נידערגעשלאָגנקייט!

הילדאַ האָט דערביי באַקומען אַ וויכטיקע, אַנטשלאָסענע מינע.

מיכאַעליס איז געוואָרן נעוואָרן, אַז קאָני געפינט זיך אין שטאָט און ער איז געקומען צו לויפן מיט אַ בוקעט רויזן.

— וואָס איז מיט דיר? — האָט ער אויסגערופן. — זעסט דאָך אויס ווי אַ שאָטן, אַזוי פאַרענדערט ביסטו! וואָס טוט זיך מיט דיר? פאַרוואָס האָסטו מיר גאָרנישט מודיע געווען? פאָר מיט מיר קיין ניצע! לאָמיר פאָרן קיין סיציליע! קום, לאָמיר תיכף פאָרן קיין סיציליע, איצט איז דאָרט וווּנדערלעך שיין. דו דאַרפסט האָבן אַ סך זון! אַ סך לעבן! דו גייסט דאָך איין צוזעענדיק! קום, לאָמיר אַוועקפאָרן! לאָמיר פאָרן קיין אַפריקע! כאַפּט אים דער טייוול, סער קליפאָרדן! וואַרף אים אַוועק און פאָר מיט מיר. איך האָב תיכף חתונה מיט דיר, אַזוי ווי קליפאָרד וועט דיך נאָר גטן. מאַך עס שנעלער! באַדענק דיך, הייב אָן אַ ניי לעבן! גאָט מיינער! דאָס שרעקלעכע גוט דאָרט וועט דיך אומברענגען. עס וואָלט יעדן איינעם אומגעברענגט אויף דיין אָרט! אַ שרעקלעך מקום! לאָמיר אַוועקפאָרן צו זון! דו דאַרפסט נאָר זון! נישט מער ווי זון און עטוואָס מער נאָרמאַל לעבן!

אָבער קאָניס האַרץ האָט אָנגעהויבן וויטיקן בלויז ביים געדאַנק צו פאַרלאָזן קליפאָרדן. זי האָט עס נישט געקאָנט פאַרטראָגן. אַזוינס וועט זי בשום־אופן נישט טון!... ניין... ניין! בשום־אופן. זי מוז זיך אומקערן אַהיים צו קליפאָרדן.

מיכאַעליס איז געווען אויפגעבראַכט. הילדאַ האָט מיכאַעליסן נישט ליב געהאַט, אָבער ער איז איר ליבער געווען ווי קליפאָרד. די שוועסטערן זענען צוריקגעפאָרן קיין מיטל־ענגלאַנד.

הילדאַ האָט זיך דורכגערעדט מיט קליפאָרדן; ער האָט נאָך אַלץ געהאַט געלע אויגן־ווייסלען. ער איז געווען זייער דענערווירט, אָבער ער האָט געמוזט אויסהערן אַלץ, וואָס הילדאַ האָט אים דערציילט, וואָס דער דאָקטאָר האָט געזאָגט, פאַרשווייגנדיק נאַטירלעך, וואָס מיכאַעליס האָט געזאָגט. זי האָט אים געשטעלט אַן אולטימאַטום און ער איז געווען שטום ווי אַ פיש.

— איך קאָן דיר אָנווײַזן אַ גוטן באַדינער, וועלכער איז געווען בײַ אַ קאַליקע. דער דאָקטאָר האָט מיר געגעבן זײַן אַד־רעס. די קאַליקע איז ערשט נישט לאַנג געשטאָרבן און דער די־נער איז פרײַ אָנצונעמען אַן אַנדערע שטעלע. דער דאָקטאָר פאַר־זיכערט, אַז דער דינער איז אַ געניטער אין אַזעלכע זאַכן, איך קאָן אים אַנגאַזשירן פאַר דיר.

— איך בין נישט קײן קאַליקע און איך וויל נישט קײן באַ־דינער, — האָט קליפאָרד געענטפערט מיט רעזיגנאַציע.

— ווילסט נישט קײן דינער, האָב איך אַדרעסן פון צוויי פרויען. מיט אײנער האָב איך שוין אפילו איבערגערעדט. זי איז מחויב צו זײַן אַ גוטע פלעגערין. אַ פרוי פון אַ יאָר פופציק. אַ שטילע, אַ געזונטע, אַ פײַנע, דאַכט זיך, און דערצו אַ געניטע אין דעם פאַך...

קליפאָרד האָט פאַרעקשנט און בײז גאָרנישט געענטפערט.

— ווי דו ווילסט, קליפאָרד. אויב מיר וועלן זיך ביז מאָרגן נישט צונויפרעדן, וועל איך טעלעגראַפירן צו מײַן פאָטער און מיר וועלן אַוועקנעמען קאָנין פונדאַנען.

— קאָני וועט נישט אַוועקפאָרן, — האָט קליפאָרד דער־ווידערט.

— זי וויל טאַקע נישט, זי וועט אָבער מוזן. זי ווייסט אַליין, אַז זי מוז. אונזער מוטער איז געשטאָרבן פון אַ קרעבס, זי האָט אים באַקומען פון צרות. מיר ווילן נישט ריזיקירן.

צומאָרגנס האָט קליפאָרד אַליין פאַרגעלייגט, מען זאָל ברענ־גען די פרוי באָלטאָן, אַ קראַנקן־פלעגערין פון טיווערסהאָלער גע־מיינדע־שפּיטאָל. די הויז־פאַרוואַלטערין האָט פאָרגעלייגט איר קאַנ־דידאַטור. פרוי באָלטאָן האָט בדעה געהאַט צו רעזיגנירן פון איר פּאָסטן אין שפּיטאָל און אָנצונעמען די שטעלע בײַ סער קליפאָרדן. ער ווידער האָט גיכער געוואָלט זי איידער אַן אַנדערע, ווײַל ער האָט זי געקענט פון לאַנג. זי האָט אים געפלעגט, ווען ער האָט אַמאָל געהאַט שקאַרלאַטינע.

ביידע שוועסטערן האָבן תּיכּף זיך געזען מיט דער פרוי

באַלטאָן, וועלכע האָט געוווינט אין אַ נײַ הויז אין טיווערסהאָל. זי איז געווען אַ שיינע פרוי פון אַ יאָר פערציק, אירע פלעגערין־מלבושים, דער איבערגעלייגטער ווייסער קאָלנער און דאָס ווייסע פאַרטוך האָבן נאָך מער אונטערגעשטראָכן איר שיינקייט; זי האָט געהאַלטן אינמיטן טיי־טרינקען, ווען די געסט זענען צו איר געקומען.

די פרוי באַלטאָן איז געווען אויסטערליש גערירט פון דער איינלאַדונג צו די טשאַטערלייס. זי האָט געמאַכט אויף אירע געסט אַ גוטן איינדרוק; איר אויסשפּראַך אפילו, דער לייכטער פּראָווינצער דיאַלעקט, וועלכער האָט לחלוטין נישט קאַליע געמאַכט איר פיינעם ענגליש, איז זיי אויך געפעלן. זי האָט לאַנגע יאָרן געהאַט צו טון מיט נידעריקערע פון זיך און דאָס האָט זי געמאַכט אַ ביסל גרויס בײַ זיך און איינגעבילדעט אין אירע אייגענע מעלות לגבי אַנדערע. מיט איין וואָרט, אַ פרוי, וועלכע איז געווען די העכסטע פּערזאָן אין איר סביבה און וועלכע דאָס דאָרף האָט שטאַרק געשעצט.

— יאָ, יאָ! די ליידי טשאַטערליי זעט אויס נישט צום בעסטן! זי איז דאָך שטענדיק געווען אַזאַ געזונטע, נישט אמת? דעם גאַנצן ווינטער האָט זי אויסגעזען וואָס אַמאָל ערגער. אָ, אַ שווער עסק, זייער אַ שווערס! דער אומגליקלעכער סער קליפאָרד! אוי, די מלחמה, די מלחמה! וויפיל צרות זי האָט אָנגעמאַכט!

און די פרוי באַלטאָן האָט תיכּף איינגעשטימט צו פאָרן, אויב דער דאָקטאָר זאָל זי נאָר באַפרייען פון איר אַמט. לויט די פאָרשריפטן מוז זי נאָך אָפּאַרבעטן צוויי וואָכן, דער דאָקטאָר קאָן זי אָבער באַפרייען פאַרן טערמין.

הילדאַ איז אַוועקגעגאַנגען צום דאָקטאָר. דעם צווייטן זונטיק איז פרוי באַלטאָן געקומען צו פאָרן מיט צוויי גרויסע קופערטס און זיך באַזעצט אין גוט. הילדאַ האָט זיך מיט איר צעשמועסט; די פרוי באַלטאָן איז שטענדיק געווען אויפגעלייגט צו כאַפּן אַ שמועס. זי האָט בכלל אויסגעזען זייער יונג, אירע באַק,

פלעגן זיך ביי דער מינדסטער געלעגנהייט באַדעקן מיט אַ יוגנט=
לעבער רויטקייט. אַלט איז זי געווען זיבנאונפערציק יאָר.

איר מאַן, טעדדי באָלטאָן, איז געשטאָרבן מיט צווייאון=
צוואַנציק יאָר צוריק (אויף ווייַנאַכט ווערט פונקט צווייאוןצוואַנ=
ציק יאָר). זי איז געבליבן מיט צוויי קינדער, דאָס קלענערע איז
נאָך געווען ביי דער ברוסט. דאָס עופהלע נעבעך האָט געהייסן
עדיטאַ, זי האָט ערשט נישט לאַנג חתונה געהאַט מיט אַ האַנדלס=
אָנגעשטעלטן פון שעפילד, די עלטערע איז אַ לערערין אין טשעס=
טערפילד. יעדן זונטיק קומט זי אַהיים צו דער מוטער, סיידן זי
איז ערגעץווו פאַרבעטן. די היינטיקע יוגנט ווילט זיך, נישט
ווי אין די פריערדיקע צייטן, ווען זי, איוויאַ באָלטאָן, איז נאָך
געווען יונג.

טעדדי באָלטאָן איז אַלט געווען אַכטאונצוואַנציק יאָר, ווען
ער איז אומגעקומען בשעת אַ קאַטאַסטראָפע אין גרובן. דער אוי=
בערשטיגאַר האָט אַ געשריי געטון, מען זאָל זיך לייגן אויף דער
ערד. אַלע זענען אַ פאַל געטון באַצייטנס, בלויז טעדדי האָט נישט
באַוויזן און ער איז געהרגעט געוואָרן. דערנאָך, בשעת דער אויס=
פאָרשונג, האָט דער אויבערשטיגאַר געזאָגט, אַז טעדדי איז אַליין
שולדיק אין זיין טויט, ער האָט מורא געקריגן און אָנשטאָט זיך
צו לייגן אויף דער ערד, האָט ער גאָר אָנגעהויבן אַנטלויפן. צו=
ליב דעם האָט מען איר צוגעפסקנט קוים דרייהונדערט פונט אַנט=
שעדיקונג, און דאָס געלט האָט מען איר געגעבן נישט אויס פליכט,
נאָר אויס רחמנות, ווייל איר מאַן איז כלומרשט אַליין שולדיק גע=
ווען אין זיין אומקום. מ׳האָט איר די סומע נישט באַצאָלט מיט=
אַמאָל: זי וואָלט זיך באַלד געעפנט אַ געוועלבל. מ׳האָט געטענהט,
אַז זי וועט נאָך דאָס געלט צעטרענצלען, אָדער גאָר פאַרשיכורן!
זי האָט געמוזט די סומע אָפּנעמען ביסלעכווייז, צו דרייסיק שי=
לינג אַ וואָך. יעדן מאָנטיק האָט זי געמוזט קומען אין קאַנטאָר
און אָפּשטיין אין דער רייע צוויי שעה צייט. יאָ, כמעט צוויי יאָר
איז זי געקומען יעדן מאָנטיק נאָך די דרייסיק שילינג. וואָס=זשע
דען האָט זי געקאָנט טון מיט צוויי פיצלעך קינדער. טעדדיס מו=

טער איז אָבער געווען גוט צו איר. ווען די קלענערע האָט נאָר אָנגעהויבן גיין, האָט זי די קינדער גענומען צו זיך אויף אַ גאַנצן טאָג, און זי, איוויאַ באַלטאַן, פלעגט פאָרן יעדן טאָג קיין שעפילד זיך לערנען זיין אַ קראַנקן־פלעגערין. נאָך פיר יאָר לערנען זיך האָט זי אפילו אַ גאַנץ יאָר באַזוכט אַ ספּעציעלן קורס און באַקומען אַ דיפּלאָם, זי איז געוואָרן זעלבשטענדיק און גענומען די קינדער צו זיך. אַ געוויסע צייט איז זי געווען געהילפס־פלעגערין אין אַ שפּיטאָל, אָבער ווען די טיווערסהאָלער גרובן־געזעלשאַפט האָט זי אַנגאַזשירט אויפן פּאָסטן, וועלכן זי האָט ביז איצט פאַרנומען, האָט זי זיך דערפילט אינגאַנצן אויסגעהיילט פון שרעקלעכן קלאַפּ, וואָס האָט זי געטראָפן מיט טעדדיס טויט. אַרבעט איז אָבער אין טיווערסהאָל געווען צופיל און זי פילט זיך שוין אָפּגעמאַטערט. זי וויל לייכטערע אַרבעט, דעריבער האָט זי טאַקע דאָ אָנגענומען די שטעלע.

— יאָ, די טיווערסהאָלער געזעלשאַפט האָט מיך זייער גוט באַהאַנדלט. איך האָב קיין שום טענה נישט. אָבער איך וועל זיי קיינמאָל נישט פאַרגעסן, וואָס זיי האָבן געזאָגט אויף מיין אומגעקומענעם מאַן, אַז ער איז געווען אַ פּחדן. באמת איז ער געווען אַ העלדישער שטיגער, זעלטן עס טרעפט זיך אַזאַ טיכטיקער גרובן־אַרבעטער, ווי ער איז געווען. און זיי האָבן געהאַט אַ האַרץ אים צו שטעמפּלען אַלס פּחדן, בפרט ווען ער האָט שוין נישט געלעבט און זיך נישט געקאָנט ריינוואַשן פון פאָרוואורף.

ווען דידאָזיקע פרוי האָט גערעדט, האָט זיך אין אירע רייד אויסגעדריקט אַ מאָדנע געמיש פון געפילן. זי האָט ליב געהאַט די אַרבעטס־מענטשן, מיט וועלכע זי האָט געהאַט צו טון אַלס קראַנקן־פלעגערין אַזוי פיל יאָרן, גלייכצייטיק האָט זי זיך געפילט העכער פון זיי. זי האָט זיך געפילט כמעט ווי אַן אָנגעהעריקע צו דער העכערער געזעלשאַפט. אין דער זעלבער צייט האָט אָבער געטליעט אין איר אַ כעס צו דעם הערשנדיקן קלאַס. פּריצים! אין די סיכסוכים צווישן די פּריצים און די אַרבעטער איז זי שטענדיק געווען אויף דער זייט פון די אַרבעטער. ווען

עס האָט זיך אָבער געהאַנדלט נישט אין קאַמף, האָט זי געגאַרט זיך אויסצוגלייכן מיט די פּריצים, זיין אַ מיטגלידערין פון דער העכערער געזעלשאַפט. די אַריסטאָקראַטיע האָט זי געצויגן ווי אַ מאַגנעס, זי האָט געזוכט אין איר די כאַראַקטעריסטישע לוסט פון די ענגלענדער צו שטיין אויף אַ העכערן שטאַפּל אויף דער געזעלשאַפטלעכער לייטער. עס האָט איר געשמייכלט דאָס ווינען אינם גוט, שמועסן אַמאָל מיט ליידי טשאַטערליי, וועלכע איז דאָך באמת געווען גאָר פון אַן אַנדערן סאָרט ווי די אַרבעטערס ווייבער. זי האָט וועגן דעם גערעדט גאַנץ עפנטלעך. אָבער אין אירע ווערטער איז עפּעס אין הינטערגרונט געלעגן אַ ווידערגעפיל צו די טשאַטערלייס, אַזאַ מין ווידערגעפיל, וואָס שטעקט אין האַרץ פון יעדן פאָלקסמענטש צו פּריצים.

— נאַטירלעך, נאַטירלעך, די ליידי וואָלט דאָך אונטערגע־גאַנגען! צום גליק האָט זי אַ געטרייע שוועסטער, וועלכע איז גע־קומען איר העלפן. מענער פאַרזאָרגן נישט יענעם — סיי די פּיינ־סטע, סיי די געמיינסטע — אַלע זענען זיי אַזעלכע. וואָס די פּרוי טוט נישט פאַר זיי, דאַכט זיך זיי, אַז עס קומט זיי. איך האָב נישט איינמאָל די מענער עס פאַרגעוואָרפן גאַנץ אָפנטלעך. פאַר סער קליפאָרדן איז עס אָבער אויך אַ גרויס אומגליק: אויפן גאַנצן לעבן פאַראַליזירט! די טשאַטערלייס זענען פון שטענדיק אָן אַ שטאָלצע משפחה, זיי האַלטן פון זיך שטאַרק און מיט רעכט. אַזאַ קלאַפּ! אַזאַ קלאַפּ! אַ שרעקלעכע זאַך פאַר דער ליידי טשאַטערליי, אפשר פאַר איר נאָך שרעקלעכער ווי פאַר אים. זי מוז אַ סך אויסשטיין! אַ קליינינקייט — אַזאַ מאַן! איך האָב געלעבט מיט מיין טעדי סך־הכל דריי יאָר. אָבער די דריי יאָר האָב איך געוווּסט, אַז איך האָב אַ מאַן מיטן פולן מויל, איך קאָן אים טאַקע נישט פאַרגעסן. אַ פריילעכער ווי אַ זונען־טאָג, איינער אויף טויזנטער. ווער וואָלט זיך געקאָנט ריכטן, אַז ער וועט אומקומען מיט אַזאַ טויט! עס גלייבט זיך מיר נישט ביזן היינטיקן טאָג, כ'האָב קיינמאָל רעכט נישט געגלייבט, כאָטש כ'האָב אים אַליין אויסגעריכט אין קבר אריין, מיט מיינע אייגענע הענט אים זיין רעכט געטון. פאַר מיר

איז ער אָבער קיינמאָל נישט געשטאָרבן, קיינמאָל נישט! איך קאָן נישט ביז היינט שלום מאַכן מיט דעם פאַקט.

דאָס איז געווען אַ פריש ווינטל אין דער טויטער אַטמאָספער, אין וועלכער קאָני האָט זיך אַרומגעדרייט. די רייד פון דער כּסדר־פּלאַפּלענדיקער מאַדאַם באָלטאָן האָבן אין קאָנין געוועקט אַלערליי געפילן.

דעם ערשטן חודש האָט זיך די פלעגערין אַרומגעדרייט נאָך ווי עס איז שטיל; זי האָט אָנגעווירן איר לוסט צו באַלעבאַטעווען, אַרויסצוגעבן באַפעלן, זי איז געווען עטוואָס דעפרימירט. אין קליפּאָרדס אָנוועזנהייט איז זי געווען ממש שרעקעוודיק, שווייגנדיק. דאָס איז אים געפעלן, און ער האָט זיך צוגעוווינט צו איר אַזוי, אַז ער האָט זיך געלאָזט באַדינען גלייכגילטיק, ווי ער וואָלט זי גאָרנישט באַמערקט.

— אַ נוצלעכער נול, — פלעגט ער זאָגן יועגן איר.

קאָני פלעגט באַוווּנדערן זיין קאַלטבלוטיקייט, אָבער געזאָגט האָט זי אים גאָרנישט.

ביסלעכווייז האָט אָבער קליפּאָרד אָנגעהויבן זיך באַציען צו דער פלעגערין גאַוווהדיק, לאָרדיש. זי האָט זיך פון זיין זייט געריכט דערויף. ווען זי פלעגט האָבן צו טון מיט קראַנקע גרובן־אַרבעטער, האָט זי זיך געפילט ממש ווי אַן אויבער־מענטש לגבי זיי; ווען זי האָט אָבער באַדינט קליפּאָרדן, האָט זי זיך געפילט אַזוי קליין, אַזוי נישטיק־קליין ווי אַ פּשוטע דינסט, אָבער דאָס האָט זי נישט געאַרט, זי האָט עס אָנגענומען ווי די נאַטירלעכסטע זאַך, זי האָט זיך בלויז צוגעפּאַסט צו דער העכערער געזעלשאַפט.

ווען זי האָט אים געדאַרפט באַדינען, פלעגט זי אַריינקומען שטיל, מיט אַ ליבער, באַשיידענער מינע אויפן שיינעם, לענגלעכדיקן פּנים און מיט אַראָפּגעלאָזטע אויגן. זי האָט גערעדט מיט אַ ציטערדיקער שטימע:

— וואָס דאַרף איך פאַר אייך טון, הער קליפּאָרד?

— וואַרט נאָר אַ רגע. איך וועל אייך באַלד זאָגן.

— ווי איר ווילט, סער קליפאָרד.

— קומט אַריין אין אַ האַלבער שעה אַרום. איך וועל אייך שפּעטער זאָגן.

— ווי איר ווילט, סער קליפאָרד.

— איר גייט? נעמט־זשע מיט די צייטונגען.

— ווי איר ווילט, סער קליפאָרד.

שטיל גייט זי אַרויס און אין אַ האַלבער שעה אַרום קומט זי צוריק אַריין אויך אַזוי שטיל. זי איז געווען פול מיט הכנעה און מורא, אָבער זי האָט עס אָנגענומען פאַר ליב, זי לעבט דאָך צווישן העכערע פּערזאָן! צו קליפאָרדן האָט זי געפילט נישט קיין סימ־פּאַטיע, נישט קיין אַנטיפּאַטיע. ער איז פאַר איר געווען אַ מין פענאָמען, אַ מוסטער פון דער הויכער געזעלשאַפט, וועלכע זי האָט ביז איצט נישט געקענט און מיט וועלכער זי שליסט איצט אָן אַ נייעם קאָנטאַקט. די ליידי טשאַטערליי האָט זי שוין גיכער פאַר־שטאַנען, איבעריקנס, איז זי דאָך אַ פרוי, און אַ פרוי, מעג זי זיין אפילו אַ ליידי, איז גאָר עפּעס אַנדערש.

די פרוי באָלטאָן האָט קליפאָרדן געהאָלפן ביים לייגן זיך שלאָפן, זי איז אויך געשלאָפן אין אַ צימער קעגנאיבער זיין שלאָפצימער; אויף יעדן קלונג פלעגט זי אויפשטיין פון בעט און קומען אויף זיין רוף. זי האָט אים אויך געהאָלפן אינדערפרי ביים אָנטון. זי האָט אים אפילו ראַזירט מיט איר ווייכער, ציטערדיקער פרויען־האַנט. זי איז געווען אַ געשיקטע, געניטע פלעגערין און נישט לאַנג וואָלט געדויערט, זי זאָל פאַקטיש הערשן איבער אים, ווי זי פלעגט הערשן איבער אירע פריערדיקע פּשוטע פּאַציענטן. איבעריקנס, בשעת זי פלעגט אים אָנזייפן און גאָלן די באָרד, האָט ער זיך נישט קיין סך אונטערשיידט פון די גרובן־אַרבעטער. דע־מאָלט האָט זי זיך ווייניק אינטערעסירט מיט זיין יחוס, מיט זיין גאווהדיקער האַלטונג, דאָס איז פאַר איר געווען אַ נייע דער־פאַרונג.

קליפאָרד האָט אָבער אינערלעך נישט געקאָנט מוחל זיין קאָנען, וואָס זי האָט זיך אָפּגעזאָגט אים צו באַדינען און עס

איבערגעגעבן אַ פּרעמדער, געדונגענער פּרוי. ער האָט געגלייבט, אַז דאָס האָט אָפּגעטויט די בליטן פון זייער אמתדיקער פאַרבינ־דונג. קאָני האָט עפּעס ענלעכס נישט געשפּירט. דידאַזיקע בליטן פון פאַרבינדונג זענען געווען ווי אַ גיפּטיקע אָרכידעע, ווי אַ פּאַ־ראַזיטישער אָנוווקס אויף איר לעבנס־בוים; לויט איר מיינונג האָט דאָס פּאַראַזיטירן אויף איר לעבן אַרויסגעגעבן זייער נישטיקע פּירות.

איצט, ווען זי האָט געהאַט מער צייט, פלעגט זי לענגער זיצן אַליין ביי זיך אין אייבערשטן צימער, שפּילן שטיל אויפן קלאַוויר און זינגען:

„שפּילט נישט מיט קיין פייער...
שווער צו רייסן ליבעס־קייטן“.

ווי לאַנג איז, אַז זי האָט נאָך נישט געוווּסט, ווי שווער עס איז צו צעררייסן די ליבעס־קייטן? אָבער צו דאַנקען גאָט — זי האָט זיי צעריסן! זי האָט זיך געקוויקט מיט דער איינזאַמקייט, מיט דעם, וואָס זי מוז שוין נישט שטענדיק זיין מיט אים, שטענדיק שמועסן מיט אים. ווען ער פלעגט בלייבן אַליין, פלעגט ער אומ־אויפהערלעך קלאַפּן אויף זיין שרייב־מאַשין, קוים פלעגט זי אָבער אַריינקומען, פלעגט זיך אָנהייבן דאָס שמועסן, דאָס רעדן, דאָס ענדלאָזע רעדן. זיין כסדרדיק אַנאַליזירן מעגטשן, מאָטיוון, גע־שעענישן, כאַראַקטערן, אינדיווידועלע אייגנשאַפטן — דאָסדאָזיקע אומאויפהערלעכע פּלוידערן איז איר שוין צוגעגעסן געוואָרן. יאָרנ־לאַנג האָט זי זיך געקוויקט מיט דעם, ליב געהאַט עס, אָבער גע־נוג, זי האָט עס שוין איבערגענוג, עס איז איר נישט דערווידער, אָבער זי האָט זיך שוין איבערגעגעסן מיט דעם מאכל. זי דאַנקט און וויל בעסער זיין אַליין מיט זיך.

דאָס האָט אויסגעזען, ווי מיליאָנען קליינע וואָרצעלעך און פעדעם פונם באַוווּסטזיין וואָלטן זיך ביי זיי ביידע צונויפגעוואַקסן און אַזוי צונויפגעפלאָנטערט, אַז זיי האָבן זיך שוין מער נישט גע־קאָנט שטיקן אינאיינעם און דאָס געוויקס האָט אָנגעהויבן אָפּדאַרן.

איצט האָט קאָני פאַמעלעך אָפּגעוויקלט דעם פּלאַנטער פון זייערביידנס באַוווסטזיין, אַוועקגעריסן פאָדעם נאָך פאָדעם און געדולדיק, אָבער גלייכצייטיק אומגעדולדיק געצילט צו פולשטענדיקער זעלבסט־באַפרייונג. אָבער די פעדעם זענען שטאַרק ווי קייטן! און די קייטן פון ליבע איז שווערער צו צערייסן ווי אַלע אַנדערע מינים קייטן; כאָטש די פרוי באַלטאָן האָט איר אַ סך געהאָלפן אין דעם.

קליפאָרד האָט אָבער נאָך אַלץ געגאַרט צו פאַרברענגען מיט קאָנין די אָוונטן אין אינטימע שמועסן און לייענען צוזאַמען. קאָני פלעגט הייסן די פרוי באַלטאָן אַריינקומען צען אַ זייגער און איבעררייסן. צען אַ זייגער איז זי ווידער געווען פריי ביי זיך אין צימער. קליפאָרד האָט זיך געפונען אין די הענט פון פרוי באַלטאָן.

די פלעגערין פלעגט עסן אינאיינעם מיט דער הויז־פאַרוואַלטערין פרוי בעטס, די ביידע פרויען האָבן זיך זייער ליב געהאַט. דערמיט איז די דינערשאַפט עטוואָס דערנענטערט געוואָרן צו די באַלעבאַטים, דער קאָנטאַקט פון די ביידע מינים וועלטן איז געווען די פרוי באַלטאָן. די פרוי בעטס פלעגט שעהנלאַנג זיצן ביי דער פלעגערין אין צימער און קאָני האָט, ווילנדיק־נישט־ווילנדיק, געהערט אָפּגעריסענע ווערטער פון זייערע שמועסן; זי האָט געפילט, ווי דער אויסטערלישער ריטם פון די אַרבעטס־מענטשן דרינגט אַריין אין דער איינזאַמקייט, וועלכע זי מיט קליפאָרדן האָבן געוועבט. אויף אַזוי ווייט האָט זיך געענדערט דאָס גוט, זינט עס איז אָנגעקומען די פרוי באַלטאָן.

און קאָני האָט זיך געפילט ווי באַפרייט, ווי זי וואָלט אַריין עפּעס אין אַנדערער וועלט, ווי זי וואָלט אפילו געאָטעמט אַנדערש ווי ביז איצט. זי האָט אָבער אַלץ נאָך מורא געהאַט, אַז צופיל פעדעם פון איר לעבן זענען צונויפגעוואַקסן מיט קליפאָרדס לעבן און אַז ס'איז זיי אוממעגלעך אַרויסצורייסן. פונדעסטוועגן האָט זי געאָטעמט פרייער, אין איר לעבן האָט זיך אָנגעהויבן אַ נייע תקופה.

קאַפּיטל VIII

פרוי באַלטאָן האָט מיט גרויס אויפמערקזאַמקייט נאָכגעקוקט דער ליידי, זי האָט געהאַט דאָס געפיל, ווי אויך איר וואָלט זי געדאַרפט אַכטונג טון, זי אויך פלעגן. זי פלעגט מאַטערן די ליידי, זי זאָל אַרומגיין שפּאַצירן, אָטעמען מיט פרישער לופט, דורכפאָרן זיך אין דאָרף אַריין, אָדער קיין שעפילד, ווייל קאָן האָט זיך ביסלעכווייז צוגעוווינט צו פאַרטראַכטן ביים קאַמין, אָדער מאַכן דעם אָנשטעל, אַז זי לייענט אָדער שטריקט און בכלל נישט אַרויסגעקומען גאַנצע טעג פון איר צימער.

איינמאָל, באַלד נאָכדעם ווי הילדאַ איז אַוועקגעפאָרן, האָט פרוי באַלטאָן אַ זאָג געטון:

— פאַרוואָס גייט נישט אייער דורכלויכט שפּאַצירן? עס וואָלט כדאי געווען צו מאַכן אַ שפּאַציר צום וואַלד־אויפזעערס שטיבל, דאָרט בליִען שוין די געלע וואַלד־נאַרציזן. דאָס שענסטע, וואָס איז כדאי אָנצוקוקן אין מערץ. עס וואָלט נישט שלעכט גע־ווען, ווען אייער דורכלויכט ברענגט זיך עטלעכע נאַרציזן אַהיים און שטעלט זיי אַוועק ביי זיך אין צימער. די ווילדע נאַרציזן מאַכן אַזאַ אויפהייטערנדיקע שטימונג, נישט אמת?

קאָני האָט דאָס אַלץ אויסגעהערט רויִק, מילד. ווילדע נאַר־ציזן! שליסלעך איז דאָך נישט מעגלעך שטענדיק צו זיצן און איבערקייען די אייגענע געדאַנקען. ווידער איז דער פרילינג געקומען...

„די יאָר־צייטן בייטן זיך,
זיי גייען און קומען ווידער,
פאַר מיר אָבער קומט דער טאָג —
ווי די נאַכט — אַ מידער..."

און דער וואַלד־אויפזעער! זיין שלאַנקער, ווייסער קערפּער

איז ווי אַן איינזאַם שטענגל פון אַ פאַרבאָרגענער בלום! זי האָט גאָר פאַרגעסן וועגן אים אין איר אויסטערלישער דערשלאָגנקייט. איצט האָט זיך עפּעס.געוועקט...

„בלאָס הינטער טיר און טויער...”

זי האָט נאָר געדאַרפט אַדורך די טיר און טויער.

זי האָט זיך געפילט געשטאַרקט, עס איז איר לייכט געווען דער גאַנג און דער ווינט וועט נישט אַזוי רייסן אין וואַלד, ווי ער פליקט און רייסט אין פאַרק. זי האָט געוואָלט פאַרגעסן, פאַר־געסן די וועלט, די אַלע האַלב־פאַרפעסטעטע מענטשן.

„איר דאַרפט ווערן אויפסנייי געבוירן!
כ׳גלייב — דער קערפּער לעבן זוכט!
ווערט דאָס קערנדל נישט פאַרלוירן,
מוז עס געבן נייע פרוכט.
קאָנען זאַפערן ווידער בליִען,
מוז איך אויך צו זון זיך ציִען”.

אויפן פרילינגס־ווינט פלעגן אַזעלכע פערזן איר אַליין אויפ־שווימען אין זכרון.

די קליינע ליכט־פלעקן האָבן זיך מאָדנע קונציק דורכגע־שאַרט צווישן די געדיכטע ניס־קושאַקעס און געטאַנצט אויף דעם געלן האָזן־שטשאַוו. דער וואַלד איז געשטאַנען שטיל, אויסטערליש־שטיל, אָבער דאָך דורכגעזאַפּט מיט לעבעדיקע זון־שטראַלן. די ערשטע מערץ־גלעקעלעך האָבן זיך שוין אַרויסגעטויכט און דער גאַנצער וואַלד האָט אויסגעזען בלייך פון די בלייכע הונדערטבלע־טערלעך, וועלכע האָבן באַדעקט די גאַנצע אויפגעוואַכטע, פרי־לינגדיקע ערד.

„די וועלט איז בלייך געוואָרן פון דיין אָטעם”.

אָבער דאָס איז געווען דער אָטעם פון דער געטין פּערסע־

פּאַנייאַ, וועלכע האָט זיך אין אַ שיינעם פרימאָרגן אַרויסגעגנבעט פון איר אונטערערדישן מלכות. דער קילער, אָטעם אירער האָט זיך געטראָגן אונטן, און אויבן האָט געבושעוועט דער כעס פונם שטורעם־ווינט, וועלכער האָט זיך פאַרפּלאָנטערט צווישן די צווייגן און זיך געריסן, געוואָלט באַפרייען זיך פון זיי, ווי אבשלום, דוד המלכס זון. ווי געפרוירענע קינדערלעך האָבן אויסגעזען די מערץ־גלעקעלעך, זיי האָבן געציטערט מיט די ברוינע־בלויע לייבעלעך. זיי האָבן אָבער אויסגעהאַלטן די קעלט, געציטערט — און געטון זייערס, געוואַקסן, זיך אַרויסגערוקט פון אונטער דער ערד. דאָס זעלבע איז אויך געווען מיט די עטלעכע פאַראיינזאַמטע גאָלדשליסעלעך ביים וועג איינמיטן וואַלד, זיי האָבן זיך נאָר־וואָס געהאַט אויסגעפּיקט.

אויבן האָט געפייפט, האָט געוואָיעט, אונטן איז דערגאַנגען בלויז אַ קילער ווינט־צוג. קאָני איז געגאַנגען אַזוי וווּנדערלעך האָפערדיק, דאָס בלוט האָט איר געשלאָגן אין פּנים אַריין, די אויגן האָבן געברענט ווי צוויי בלויע שטורקאַצן. זי איז געגאַנגען פאָראויס מיט וואַקלדיקע טריט און געריסן די גאָלדשליסעלעך, די ערשטע ברידערלעך, וואָס האָבן געשמעקט אַזוי קיל און אַזוי זיס, אַזוי זיס. און זי איז געגאַנגען, געגאַנגען, נישט וויסנדיק, ווו זי גייט.

ביז זי איז אָנגעקומען אויף אַ לאָנקעלע אין צווייטן עק וואַלד און דערזען פאַר זיך אַ ציגל־הייזל, באַצירט מיט גרינס, די ראָזקייט פון הייזל איז ענלעך געווען צום היטל פון אַ שוואָם אויף דער פאַרקערטער זייט; די ציגל פונם הייזל זענען צעצונדן געווען פון דער מערץ־זון. און ביי דער טיר האָט געשימערט דער פריער, געלער זשאַסמין — ביי דער פאַרמאַכטער טיר. קיין שאָרך האָט זיך אָבער נישט געהערט; פון קוימען איז קיין רויך נישט געגאַנגען; עס האָט זיך נישט דערטראָגן קיין ביל פון אַ הונט.

שטיל האָט זי אַרומגעקרייזט דאָס הויז, אַרויסגעקומען אויף דער הינטערשטער זייט, ווו דער באָדן איז געווען העכער. זי האָט געהאַט אַן אויסרייד — זי וויל באַקוקן די נאַרציזן.

זי האָט זיי דערזען, די בלומען אויף די הויכע שטענגעלעך. זיי האָבן געשורשעט, געפלאַטערט, געציטערט, אַזעלכע ליכטיקע, אַזעלכע לעבעדיקע, נישט געפינענדיק קיין אָרט, ווו צו באַהאַלטן די פּנימלעך פונם שאַרפן ווינט.

פאַרזאָרגט און פאַרצווייפלט האָבן זיי געשאָקלט מיט זייערע ליכטיקע פענדלעך. און אפשר האָבן זיי דערפון גאָר הנאה גע־האַט; אפשר איז עס זיי גאָר געפעלן, וואָס דער ווינט טרייסלט זיי אַזוי.

קאָנסטאַנציע האָט זיך אַנידערגעזעצט, אָנגעשפּאַרט די פּליי־צעס אָן אַ יונג נאָדל־ביימל, וואָס האָט זיך תיכּף אַ נייג גע־טון צו איר, פול מיט לעבן, אַן עלאַסטישס, אַ מעכטיקס. אַזאַ אויסגעגלייכט, לעבעדיק באַשעפעניש, מיטן קאָפּ אויפגעהויבן צו דער זון! זי האָט דערזען, ווי די נאַרציזן האָבן זיך פּלוצלינג אָנ־געטון אין גאָלדענע קליידלעך אונטער דער צעגליטער מאָרגן־זון, וועלכע האָט זיך אַוועקגעלייגט אַ וואַרעמע אויף אירע הענט, אויף איר שויס. זי האָט שוין אפילו דערשפּירט דעם שוואַכן זשיוויצע־ריח פון די בלומען. און אַזוי, זיצנדיק שטיל און צעחושט, האָט זיך איר אויסגעוויזן, אַז דאָ איז זי אַריין אינם אייגנטלעכן שטראָם פון אירווירקלעכן לעבן. עפּעס גלייך ווי זי וואָלט געווען ביז איצט צוגעבונדן אויף אַ שטריק, גלייך זי וואָלט זיך געריסן און געפּייניקט אויף אַ קייט; און איצט איז זי פריי און זי שווימט ווייט אין דער וועלט אַריין.

די זון איז פאַרשוווּנדן, ס'איז פּלוצלינג קיל געוואָרן; די נאַרציזן האָבן זיך מיט שאָטן באַדעקט און זיך שווייגנ־דיק געוויגט. אַזוי וועלן זיי זיך דאָ וויגן אַ גאַנצן טאָג און אַ גאַנ־צע נאַכט: אַזעלכע שטאַרקע, כאָטש עס דאַכט זיך, אַז זיי זענען אַזוי שלאַבעריק.

זי האָט זיך אויפגעשטעלט, אָפּגעריסן עטלעכע נאַרציזן און אַראָפּ פון בערגל. בלומען פּלעגט זי רייסן נישט גערן, אָבער זי האָט געוואָלט עטלעכע מיטנעמען אַהיים. זי האָט געמוזט אַהיים־גיין, צוריק זיך איינשליסן אין די דיקע מויערן, און איצט האָט

זי אַזוי פיינט באַקומען די היים, דער עיקר די דיקע מויערן. מויערן! שטענדיק די מויערן!

ווען זי איז אַהיימגעקומען, האָט זי קליפּאָרד געפרעגט.

— וווּ ביסטו געווען?

— כ'האָב שפּאַצירט איבערן וואַלד! טו נאָר אַ קוק, ווי שיין דידאָזיקע קליינע נאַרציזן זענען? אַזאַ קינסטלעך געוויקס גיט אַרויס די פּשוטע ערד!

— מיט דער הילף פון דער זון און דער לופט, — האָט קליפּאָרד באַמערקט.

— אָבער געפורעמט האָט עס די ערד, — האָט זי אָפּאָנירט מיט אַ מאָדנעם טאָן.

צומאָרגנס נאָכמיטאָג איז זי ווידער אַוועק אין וואַלד אַריין. זי איז געגאַנגען מיטן ברייטן וועג, וועלכער שלענגלט זיך באַרגאַרויף צווישן בוקן-ביימער אַזש ביזן קוואַל, וועלכער רופט זיך „יוני-קוואַל". דאָ איז געווען אויסטערליש קיל און אינם שאָטן פון די ביימער איז קיין איינציק בלימל נישט געוואַקסן. בלויז דאָס אייז-קאַלטע קוועלעכל האָט אַרויסגעשפּריצט פונם געלעגער זיינעם, פונם רויטלעך-ווייסן זשוויר. ווי אייז-קאַלט עס איז און ווי לויטער! ווי בלאַנקענדיק לויטער! דער נייער וואַלד-אויפזעער האָט מסתם דאָס געלעגער פונם קוועלעכל אויסגעשאָטן מיט זשוויר. זי האָט זיך צוגעהערט צום שטילן פּליעסקען פונם וואַסערל.

דאָסדאָזיקע אָרט איז געווען עטוואָס מרה-שחורהדיק, קיל און פייכט. דאָסדאָזיקע קוועלעכל האָט געוויס הונדערטער יאָרן געדינט אַלס טרינק-אָרט פאַר די וואַלד-חיות. איצט שוין נישט. דאָס לאָנקעלע אַרום איז געווען קיל, פייכט און פאַרלאָזט.

קאָני האָט זיך אויסגעדרייט אַהיימצוגיין. גייענדיק אַזוי, האָט זי דערהערט פון דער רעכטער זייט, ווי עס וואָלט עמעץ געקלאַפּט. זי איז שטיין געבליבן און זיך איינגעהאָרכט. אַ האַמער קלאַפּט, צי אַ פּיקפויגל? דאַכט זיך — אַ האַמער.

צוהאָרכנדיק זיך איז זי ווייטער געגאַנגען. דערנאָך האָט

זי צווישן די יונגע נאָדל־ביימער דערזען אַ שמאָל שטעגעלע. זי איז אַ נייגיריקע אַוועק מיט דעם שטעגעלע. באַלד האָבן זיך די נאָדל־ביימלעך געענדיקט, עס האָט זיך אָנגעהויבן אַן אַלטער דעמבן־וואַלד. דאָס שטעגל האָט זיך ווייטער געצויגן און דאָס קלאַפּן פונם האַמער האָט זיך געהערט אַלץ בולטער, אַלץ נענטער.

זי האָט דערזען אַן אָפּגעזונדערט קליין לאָנקעלע און אַ קליין שייערל דערויף. דאָס שייערל איז געווען צונויפגעשלאָגן פון רויע, אומגעטעסעטע בעלקעס, זי האָט נאָך קיינמאָל נישט באַזוכט דאָסדאָזיקע אָרט. זי האָט אַ טראַכט געטון, אַז מסתם ווערן עס דאָ געהאָדעוועט די יונגע פאַזאַנען; דער וואַלד־אויפּ־זעער האָט געקלאַפּט עפּעס מיט אַ האַמער, שטייענדיק אויף די קני אויסגעדרייט צו איר מיטן רוקן, אָן אַ רעקל. אַ הונט האָט זי באַגעגנט מיט אַ הויך, אָפּגעהאַקט בילן. דער אויפזעער האָט פּלוצלינג אויסגעדרייט דעם קאָפּ און זי דערזען. אין זיינע אויגן האָט אַ בלישטש געטון אַן אויסדרוק פון פאַרוווּנדערונג.

ער האָט זיך אויפגעשטעלט, זי באַגריסט און שווייגנדיק געקוקט, ווי זי דערנענטערט זיך צו אים מיט אָפּגעשוואַכטע גלי־דער. עס האָט אים פאַרדראָסן דער אומגעבעטענער גאַסט. ער האָט זייער ליב געהאַט זיין איינזאַמקייט — די איינציקע און ענדגילטיקע פרייהייט אינם לעבן.

— איך האָב מיך פאַראינטערעסירט, — ווער זאָל עס דאָ קלאַפּן? — האָט קאָני אַ זאָג געטון; בשעת ער האָט אַזוי געקוקט איר אין די אויגן אַריין, האָט זי זיך דערפילט אַזוי שוואַך, אַזוי אָן אָטעם, שיער נישט דערשראָקן.

— כ'מאַך אַ שטעלעכל, די פאַזאַנען זאָלן זעך אויסלעג־נען, — האָט ער געענטפערט מיט אַ שטאַרק־אַקצענטירטן פּויע־רישן דיאַלעקט.

קאָני האָט נישט געוווּסט, וואָס ווייטער צו זאָגן, זי האָט זיך דערפילט זייער שוואַך.

— איך וואָלט זיך געוואָלט צוזעצן, — האָט זי אַ זאָג געטון.

— זאָל די פּריצה אַריינקריכן אין שאַפע און זיך גיטיקס צוזעצן, — האָט דער אויפזעער געענטפערט. דערנאָך איז ער צו־געגאַנגען צום שייער, אַוועקגענומען דאָס אָנגעוואָרפענע האָלץ און אַוועקגעשטעלט פאַר איר אַ טאַבורעטקע פון ניסן־צווייגלעך.

— זאָל איך פאַר זיי פייער מאַכן ? — האָט ער אַ פרעג געטון אויף זיין מאָדנע נאַיִוו לשון.

— אָ, באַמיט זיך נישט, — האָט קאָני געענטפערט.

דער וואַלד־אויפזעער האָט אָבער אַ קוק געטון אויף אירע הענט, וועלכע זענען בלוי געווען פון קעלט. ער האָט פלינק אַ כאַפּ געטון עטלעכע טרוקענע צווייגעלעך, צוגעלייגט צו די טליענדיקע קוילן אינם אייוועלע, און אין איין מינוט אַרום האָט דאָס פייער זיך פריילעך צעקנאַקט. מעלאָרס האָט פאַר איר געמאַכט אַן אָרט ביים פייער.

— זאָלן זיי זיך צוזעצן צום פייער, וועט זיי וואַרעמער ווערן.

קאָני האָט אַזוי געטון. דער אויפזעער האָט פאַרמאַגט אַזאַ מין אויטאָריטאַטיווע קראַפט, אַז זי האָט אים געמוזט פאָלגן. זי איז געזעסן און געוואַרעמט ביים פייער די הענט, אונטערלייגנדיק אַלע מאָל אַ העלצל, אַ ביסל דאַרע צווייגעלעך, ער האָט דערווייל ווייטער געהאַקט מיטן האַמער אינדרויסן. זי האָט זיך ענדלעך אָפּגערוקט פון קיכל, צוגעגאַנגען צו דער טיר פון שייער און צוריק אויסדרייענדיק זיך, אַרומגעקוקט זיך.

דאָס שייערל איז געווען זייער פיין, פון אינעווייניק אויסגעשאָליעוועט מיט געהובלעוועטע ברעטער. אַ חוץ דעם טאַבורעט, אויף וועלכן זי איז געזעסן, איז געשטאַנען נאָך איינער, אַ גרעסערער, אַ דאָרפישער טיש, אַ לאַנגע באַנק, אַ קאַסטן, עס זענען געלעגן סטאָליער־כּלים, פרישע ברעטער, טשוועקעס, אויף איין וואַנט איז געהאָנגען אַ האַק, אַ קלענער העקל, נעצן אויף פייגל צו כאַפּן, פאַרשידענע מינים פּולאַפּקעס ; נעבנטער צום גליִענ־

דיקן קיכל איז געהאַנגען אַ מאַנסביליש רעקל. קיין פענסטער איז דאָ נישט געווען, ליכטיק איז געווען פון דער אָפענער טיר. בכלל האָט דאָס אַלץ אויסגעזען ווי אין אַ מישמאַש, נישט צום פונאַנ־דערקלויבן זיך, אָבער אין דעם איז עפּעס געווען פון אַ קליינעם קדשי־קדשים.

זי האָט זיך צוגעהאָרכט צום קלאַפּן פונם האַמער: ס׳האָט אויסגעזען, ווי די קלעפּ הילכן שוין נישט אַפּ אַזוי פריילעך. ער איז געווען צערודערט. אין זיין שטילער רו האָט זיך אַריינגע־ריסן אַ פרעמדער, דערצו נאָך אַ געפערלעכער פרעמדער. אַ פרוי! ער האָט שוין דערגרייכט יענעם פונקט אין זיין לעבן, ווו אַלע זיינע פאָדערונגען צו זיך און צום אַרום האָבן זיך קאָנצענטרירט אויף איין פונקט: איינזאַמקייט. און דאָ קאָן ער אפילו די קלייני־קייט נישט אויספועלן פאַר זיך! אַ געדונגענער מענטש, — און די באַלעבאַטים זיינע, די פריצים, שטערן אים, ווען זיי געפעלט.

דער עיקר האָט אים געערגערט די באַגעגעניש מיט אַ פרוי. ער האָט זיך פשוט געשראָקן פאַר דעם; ער איז שוין גענוג גע־פלאָגט געוואָרן ביי די פריערדיקע באַגעגענישן מיט זיי. ער האָט געפילט, אַז ער וועט אומקומען, אויב מ׳וועט אים נישט לאָזן אַליין, אויב מ׳וועט אים שטערן זיין איינזאַמקייט. ער איז אַנטלאָפן פון דער אויסערלעכער וועלט; זיין לעצטער אַנטרינונגס־פונקט איז געווען אָט דערדאָזיקער וואַלד: דאָ האָט ער זיך פאַר־באָרגן.

קאָנין איז שוין הייס געוואָרן אין שייער, אַזוי שטאַרק האָט געהיצט דאָס קיכל. זי האָט צוגערוקט איר טאַבורעט צו דער טיר און אַזוי זיצנדיק זיך צוגעקוקט צו מעלאָרס אַרבעט. עס האָט זיך געדאַכט, אַז ער באַמערקט זי נישט, ער האָט אָבער געשפּירט איר אָנוועזנהייט. פונדעסטוועגן האָט ער כסדר געאַרבעט, ווי ער וואָלט זיך בכיוון פאַרטיפט אין זיין באַשעפטיקונג. און זיין ברוין־האָריקער הונט איז געזעסן ביי אים און אויפמערקזאַם זיך אַרומ־געקוקט, ווי ער וואָלט קיינעם נישט געטרויט.

דער שלאַנקער, שווייגנדיק־געשיקטער מאַנספערשוין האָט

געענדיקט די אַרבעט איבער דעם שטייגל, וואָס ער האָט געמאַכט, אַ פּרווו געטון, צי דאָס טירעלע פּאַררוקט זיך, און אַוועקגעשטעלט דאָס שטייגל. דערנאָך האָט ער גענומען אין דער האַנט אַריין אַ צווייט שטיקל אַרבעט און צוגעגאַנגען דערמיט צום קלעצל, וואָס האָט אים געדינט פאַר אַ וואַרשטאַט. ער האָט אויסגעפּרוווט די פּרענטלעך ביים צווייטן שטייגל, טייל האָבן זיך איבערגעבראָכן; ער האָט אָנגעהויבן אַרויסשלעפּן די טשוועקעס. דערנאָך האָט ער דאָס שטייגל איבערגעקערט מיט דער דנאָ אַרויף און זיך פאַרטראַכט דעריבער. ס׳איז קיין סימן נישט געווען צו באַמערקן, צי ער געדענקט גאָר בכלל, אַז די פּריצה איז דאָ פאַרהאַן.

קאָני האָט אים נישט אַראָפּגעלאָזט פון אויג. די זעלבע איינזאַמקייט, וואָס זי האָט געזען אין אים דעמאָלט, בשעת ער איז געווען נאַקעט, האָט זי אין אים געזען אויך אַנגעטועגערהייט: איינזאַם, פאַרטון אין זיין איינזאַמקייט, ווי אַ חיה, וועלכע טוט עפּעס פאַר זיך, אָדער ווי אַ נשמה, וואָס רוקט זיך אַוועק, אַוועק פון יעדע באַרירונג מיט מענטשן. שווייגנדיק, געדולדיק האָט ער זיך אויך איצט אָפּגערוקט פון איר. דידאָזיקע רויִקייט, דידאָזיקע געדולדיקייט פונם אומגעדולדיקן מענטש האָט צום מיינסטן אויפגערודערט קאָניס נשמה. זי האָט דאָס אַלץ באַמערקט סיי אין זיין איינבייגן דעם קאָפּ, סיי אין די פלינקע, זיכערע באַוועגונגען פון זיינע הענט, סיי אין דעם אויסבויג פון זיינע שלאַנקע, איינדרוקספולע פיס: עפּעס אַזאַ אומגעדולדיקייט געמישט מיט סבלנות. זי האָט געפילט, אַז ער האָט אַ סך מער פון איר איבערגעלעבט, אַז זיינע איבערלעבונגען זענען אַ סך ברייטער און טיפער פון אירע. דאָס איז פאַר איר געווען עפּעס אַזוי ווי אַ דערלייכטערונג, עפּעס אַ מין סאַטיספאַקציע.

זי איז אַזוי געזעסן ביי דער טיר פונם שייער, אַ טרוימענדיקע, פאַרלירנדיק דאָס באַוווסטזיין פון צייט און אָרט. זי איז אַזוי פאַרנומען געווען מיט אירע געדאַנקען, אַז דער וואַלד־אויפזעער האָט האַסטיק אויפגעהויבן אויף איר דעם בליק און בא־

מערקט אויף איר פּנים אַן אויסדרוק פון שטילער דערוואַרטונג. אים האָט זיך פּלוצלינג אויסגעדאַכט, אַז דאָס דערוואַרט זי עפּעס פון אים. און אַ קליין, שמאָל פּלעמעלע האָט אומגעריכט אַ פּלאַ־קער אויף געטון אין זיינע לענדן, ביים וואָרצל פונם רוקן, אַזוי, אַז ער האָט אַזש אינערלעך אַ קרעכץ געטון. אים האָט ממש גע־שראָקן און געעקלט פון אַ נענטערן צוזאַמענקום מיט מענטשן. ער האָט דערפאַר געציטערט ווי פאַרן טויט. פאַר אַלעם האָט ער זיך געוווּנטשן דידאָזיקע פרוי ווי צום שנעלסטן פּטור צו ווערן פונדאַ־נען. ער האָט מורא געהאַט פאַר איר און מורא געהאַט פאַר זיך מער ווי פאַר איר. ער האָט מורא געהאַט, אַז ער וועט נישט קאָנעןביישטיין איר עקשנות. מער פון אַלעם האָט ער זיך געשראָקן פאַר איר קאַלטער אומפאַרשעמטקייט, וועלכע ער האָט גוט געקענט ביי פרויען פון די העכערע ספערן, ווען זיי ווילן עפּעס, ווען זיי גלוסט זיך עפּעס, ווען זיי האָבן צו עפּעס אַ תאווה. שליסלעך איז ער דאָך נישט מער ווי אַ געדונגענער מענטש. ער האָט נישט גע־קאָנט פאַרטראָגן איר אַנוועזנהייט דאָ.

קאָני איז פּלוצלינג געקומען צו זיך און זיך דערפילט עפּעס אַזוי ווי נישט מיט אַלעמען. זי האָט זיך אויפגעשטעלט. עס האָט שוין צוגערוקט דער אָוונט און זי האָט בשום אופן נישט געקאָנט אַוועקגיין. זי איז צוגעגאַנגען צום מאַנספערשוין, ער האָט זיך אויסגעגלייכט אין אַ דינסטפאַרטיקער פּאָזע ; זיין פּנים, מאָגער און צעאַקערט פון זאָרגן, איז געווען אומבאַוועגלעך און פּוסט, די אויגן — געווענדט אויף איר מיט פאַרזיכטיקער אָפּוואַרטונג.

— דאָ איז אַזוי שיין, אַזוי רויִק, — האָט זיך קאָני אָנגע־רופן. — כ׳בין נאָך קיינמאָל דאָ נישט געווען.

— ניין ?

— איך וועל פון היינט אָן קומען דאָ צייטנווייז זיצן אַ ביסל.

— אַזוי !

— איר פאַרשליסט דאָ דעם שייער, ווען איר גייט אַוועק פונדאַנען ?

— יאָ, אייער דורכלויכט.

— אפשר וואָלט איך געקאָנט באַקומען אַ שליסל, כ'זאָל דאָ קאָנען קומען זיצן אַ ביסל? איר האָט גאָר איין שליסל?

— כ'ווייס צומאָל נישט, מעגלעך — ס'זענען דאָ צוויי שליסלען.

ער האָט ווידער אָנגעהויבן רעדן פויעריש. קאָני האָט פאַרשטאַנען, — ער שטעלט איר אַ ווידערשטאַנד. דער שייער איז זיין פריוואַטער.

— אפשר וואָלטן מיר געקאָנט צומאַכן נאָך אַ שליסל? — האָט זי אַ פרעג געטון מיט אַ טאָן פון אַ פרוי, וואָס האָט באַשלאָסן אויסצופירן אירס.

— נאָך איינעם? — האָט ער נאָכגעזאָגט און געטון אַ בליק אויף איר פול מיט כעס און חוזק אינאיינעם.

— יאָ, נאָך איינעם, — האָט קאָני געזאָגט, רויט ווערנדיק.

— אפשר ווייסן זיי, דער פריץ מיין איך, — האָט ער געענטפערט.

— אפשר! — האָט קאָני אָפּגעענטפערט. — אפשר האָט ער נאָך אַ שליסל. קוים האָט ער נישט, קאָנען מיר באַשטעלן ביי אַ שלאָסער. אין אַ טאָג־צוויי וואָלט ער געמאַכט אַ צווייטן שליסל. איר וואָלט זיך געקאָנט באַגיין אַ טאָג־צוויי אָן אַ שליסל?

— אַ שלאָסער? כ'ווייס, כ'לעבן, נישט, צי ס'אי דאָ אַ שלאָסער.

קאָני האָט זיך מיטאַמאָל אָנגעצונדן פון כעס.

— נו, גוט! — האָט זי ארויסגערעדט. — איך וועל שוין זען.

— גוט, ליכטיקע פריצה, זאָלן זיי טון, ווי זיי ווילן.

זייערע בליקן האָבן זיך באַגעגנט. אין זיינע אויגן האָט זיך אָנגעזען אַ מיאוס געפיל פון ווידערווילן, פון שפּאָט, פון גלייכגילטיקייט צו אַלץ, וואָס עס זאָל נישט געשען. אירע אויגן האָבן געפלאַקערט פון עמפּערונג.

אָבער איר האַרץ איז פאַרציטערט געוואָרן, זי האָט דערזען,

ווי ער באַציט זיך צו איר מיט ווידערשטאַנד, ווי זיין גאַנץ וועזן דריקט אויס פאַרצווייפלונג.

— אַדיע!

— אַדיו, פריצה־לעבן!

ער האָט זיך פאַרנייגט און תיכף זיך אַוועקגעדרייט. עס האָבן זיך אויפגעוועקט אין איר די שוין לאַנג איינגעשלאָפענע הינט, די פאַרביסענע הינט פון צאָרן, פון כעס, פון אויפרעגונג קעגן דער איינגעשפּאַרטער „זי", דער פאַרעקשנטער נקבה. און ער אַליין איז אוממעכטיק, אוממעכטיק און הילפלאָז. ער האָט דאָס אויסגעצייכנט געוווּסט!

זי האָט אויך געפילט אַן אומאייגעהאַלטענעם צאָרן צום איינגעשפּאַרטן „ער", צום פאַרעקשנטן זכר. און ווער איז ער עס, מ'שטיינס־געזאָגט, אַ דינער, אַ „מענטש" ביי איר. זי איז אַהיים־געגאַנגען אַן אויפגערעגטע.

ביי די גרויסע בוקן־ביימער אויפן בערגל האָט זי דערזען די פרוי באָלטאָן, וועלכע האָט זי אויסגעקוקט.

— איך האָב מיר געטראַכט, אַז אייער דורכלויכט גייט שוין טאַקע, — האָט די פלעגערין געזאָגט.

— איך האָב דען פאַרשפּעטיקט? האָט זי קאָני געפרעגט.

— ניין! — סער קליפאָרד וואַרט נאָר אויף דער טיי... ער וואַרט אויף אייך, איר זאָלט די טיי דערלאַנגען.

— איר האָט דאָך געקאָנט דערלאַנגען?

— עס פּאַסט דאָך נישט... סער קליפאָרד וואָלט אומצופרידן געווען, אייער דורכלויכט...

— איך פאַרשטיי נישט פאַרוואָס, — האָט קאָני אַ קנייטש געטון מיט די אַקסלען.

זי איז אַריינגעגאַנגען אין קליפאָרדס קאַבינעט. אויפן טיש האָט געזאָטן דער אַלטער זילבערנער טיי־קאָכער.

— איך האָב מיך פאַרשפּעטיקט, קליפאָרד, — האָט זי אַ זאָג געטון, אַוועקגעלייגט די בלומען, און שטייענדיק אין הוט און אין וואַל, אַראָפּגענומען די טיי פונם קאַך־מאַשינדל. — איך באַ־

דויער עס זייער. פאַרוואָס האָסטו נישט געהייסן פרוי באָלטאָן, זי זאָל דיר דערלאַנגען די טיי?

— עס איז מיר נישט איינגעפאַלן, — האָט קליפאָרד געענטפערט מיט איראָניע. — עס איז מיר שווער זיך פאָרצושטעלן זי אַלס באַלעבאָסטע, וועלכע דערלאַנגט מיר טיי.

— אינם זילבערנעם טשייניק איז, לויט מיין מיינונג, נישטאָ קיין הייליקטום, — האָט קאָני אָפּגעענטפערט.

קליפאָרד האָט אויף איר אַ קוק געטון מיט פאַראינטערעסירונג.

— וואָס האָסטו געטון דאָרט ביז איצט!

— איך האָב שפּאַצירט, אַ ביסל געזעסן, געריסן בלומען. דו ווייסט: די יעזשינע וועט ווידער האָבן שיינע בערעלעך דאָס יאָר.

זי האָט פאַרשאַרצט דעם וואָל און זיך געזעצט אין הוט סערווירן די טיי. דער קעקס מוז שוין זיין האַרט ווי אַ לעדער. זי האָט ווידער אַרויפגעשטעלט דעם טשייניק אויף דער קאָך־מאַשינקע און געגאַנגען ברענגען אַ פלאַקאָן אויף די פיילכן. די אָרימע בלימעלעך האָבן נעבעך אַראָפּגעלאָזט די קעפּלעך.

— זיי וועלן זיך צוריק דערכאַפּן, — האָט זי אַ זאָג געטון, אַריינשטעלנדיק די פיילכן אין וואַסער און אונטערטראָגנדיק קליפאָרדן אַ שמעק צו טון.

— „זיסער ווי יונאָנאַס וויִעס״, — האָט קליפאָרד רעציטירט.

— דער מינדסטער פאַרגלייך איז נישט פאַרהאַן אין דעם פערזן מיט אמתדיקע פיילכן, — האָט קאָני באַמערקט. — די דיכטער פון עליזאַבעטישן פעריאָד זענען געווען צופיל אָנגעבלאָזן.

זי האָט אים אָנגעגאָסן טיי.

— אפשר ווייסטו, צי ס׳איז פאַרהאַן נאָך אַ שליסל צום שייער נישט ווייט פונם „יוני־קוואַל״, דאָרט וווּ מ׳האָדעוועט די פאַזאַנען? — האָט זי געפרעגט.

— אפשר. צוואָס דאַרפסטו?

— איך האָב היינט אַנטדעקט דאָס אָרט, כ׳בין נאָך ביז איצט דאָרט קיינמאָל נישט געווען. אויסטערליש הערלעך איז דאָרט.

ממש צויבערהאַפט. איך וואָלט דאָרט געקאָנט זיצן טיילמאָל, נישט אמת?

— מעלאָרס איז דאָרט געווען?

— יאָ. איך האָב טאַקע אַ דאַנק אים אַנטדעקט דעם שייער, ער האָט דאָרט געקלאַפּט מיט אַ האַמער. ער איז, ווייזט אויס, גאָרנישט צופרידן געווען, וואָס איך בין אַהינגעקומען. ער איז עפּעס אַזוי בייז געווען, ווען איך האָב אים געפרעגט וועגן נאָך אַ שליסל צום שייער.

— וואָס האָט ער געזאָגט?

— גאָרנישט. איך האָב עס בלויז באַמערקט אין זיין האַלטונג. ער האָט געזאָגט, אַז ער ווייסט נישט פון קיין צווייטן שליסל.

— אפשר איז דאָ נאָך אַ שליסל, בעטס מוז וויסן. איך וועל אים הייסן אַ קוק טון.

— איך בעט דיך זייער! — האָט קאָני געדאַנקט.

— אַזוי, זאָגסטו, אַז מעלאָרס איז געווען בייז?

— נאַרישקייטן! מיר דאַכט זיך, ער וואָלט זייער נישט צופרידן געווען, ווען איך קום אָפּט אין זיין באַהעלטעניש.

— מסתּמא.

— איך פאַרשטיי נישט, וואָס אים קאָן דאָס אַרן. ער וווינט דאָך נישט דאָרט? איך קאָן נישט פאַרשטיין. וואָס גייט עס אים אָן? איך האָב חשק צו זיצן דאָרט, וועל איך קומען. נישט אַזוי?

— געוויס! — האָט קליפאָרד געענטפערט. — מעלאָרס איז צו גרויס ביי זיך.

— מיר דאַכט זיך אויך אַזוי.

— אַזוי איז עס. עס דאַכט זיך אים אויס, אַז ער איז עפּעס. דו ווייסט, ער האָט געהאַט אַ ווייב, מיט איר האָט ער נישט גוט געלעבט. האָט ער אין יאָר 1915 זיך אָנגעגעבן אַלס פרייוויליקער אין מיליטער און מ׳האָט אים, דאַכט זיך, אָפּגעשיקט קיין אינדיע. ער איז נאָך געווען עפּעס אַ שטיקל צייט אַ שמיד ביי דער קאַוואַלעריע אין עגיפּטן, ער האָט שטענדיק זיך געפּאָרעט מיט פערד. ער טויג זיך צו פערד. דערנאָך איז עפּעס אַ פּולקאָווניק אין

אינדיע פאַרליבט געוואָרן אין אים און אים געמאַכט פאַר אַ פּאָרוטשניק. ער האָט אַזוי אַרום באַקומען דעם אָפיצירישן ראַנג, נאָך דאַכט זיך מיר, אַז שוין נאָך דער מלחמה איז ער צוזאַמען מיט זיין פּולקאָווניק ווידער געפאָרן קיין אינדיע. דאָרט איז ער קראַנק געוואָרן און איצט האָט ער עמעריטורע. פאַראַיאָרן ערשט איז ער אַוועק פון מיליטער־דינסט. איצט איז אים טאַקע שווער זיך צוריק אַריינצופּאַסן אין זיין אַמאָליקער סביבה. ער איז דערי־בער אויף שריט און טריט ווי נישט אין זיין הויט. פאַר מיר איז אָבער דאָס וויכטיקסטע, וואָס ער איז אַ טיכטיקער און געטרייער דינער. זיין אָפיצירן־ראַנג ערגערט מיך אַ ביסל, אָבער, איבע־ריקנס, וואָס אַרט עס מיך?

— ווי אַזוי האָט מען אים געקאָנט מאַכן פאַר אַן אָפיציר ער רעדט דאָך אַזוי אָרדינער, זיין דיאַלעקט איז דאָך ממש אומ־דערטרעגלעך!

— ער רעדט נישט אַזוי... טיילמאָל נאָר, אין אויסנאַמפאַלן. ער קאָן רעדן מיט דער פיינסטער אויסשפּראַך... אויף וויפיל אַזאַ שטייגער מענטש פאַרשטייט זיך בכלל אויף פיינקייט פון שפּראַך. איך גלייב, אַז זיין פּויערישער דיאַלעקט נעמט זיך דערפון, וואָס אים דאַכט זיך, אַז קוים איז ער צוריק אַריין אין דער סביבה פון פּשוטע מענטשן, מוז ער אויך רעדן ווי זיי.

— אינטערעסאַנט! פאַרוואָס האָסטו מיר ביז איצט גאָרנישט דערציילט וועגן אים?

— איך בין נישט קיין גרויסער ליבהאָבער פון די ראָמאַנ־טישע געשיכטעס. דידאָזיקע מעשיות מאַכן חרוב יעדן געזעלשאַפט־לעכן סדר. די גרעסטע צרה, וואָס די מלחמה האָט געבראַנגט מיט זיך, זענען אַזעלכע און ענלעכע פּאַסירונגען.

קאָני איז מסכּים געווען מיט אים. צוואָס טויגן זיי, די אומ־צופרידענע מענטשן, וואָס ברענגען נישט זיך און נישט קיינעם קיין נוצן.

ווען די טעג האָבן זיך געשטעלט נאָך שענערע, האָט קליי־פאָרד באַשלאָסן אויך צו מאַכן אַ שפּאַציר איבערן וואַלד. דער

ווינט איז נאָך געווען גאַנץ קאַלט, אָבער די זון האָט שוין נישקשה־דיק געבריט און אָנגעפּילט די וועלט מיט לעבן.

— מערקווירדיק, — האָט קאָני אַ זאָג געטון, — ווי דער מענטש פילט זיך גאָר אַנדערש אין אַ שיינעם, זוניקן טאָג, בפרט, ווען מ׳זעט אַרום קיין מענטשן נישט. אפילו די לופט איז אַזוי מחיהדיק אַנדערש אין אַ טאָג פול זון און אָן מענטשן. מענטשן טויטן אפילו די לופט.

— אַ מאָדנע מיינונג! — האָט קליפאָרד באַמערקט.

— איך בין פולשטענדיק איבערצייגט. די אויסדעמפונגען פון אַזוי פיל נודנעקייט, אומצופרידנקייט, רשעות מוזן פשוט אומ־ברענגען דעם לעבנס־כוח פון דער לופט. איך בין זיכער, אַז אַזוי איז עס.

— אפשר פאַרקערט? אפשר ווירקט גאָר דער שלעכטער צו־שטאַנד פון דער אַטמאָספער אויף די מענטשנס לעבנס־קראַפט.

— ניין, נאָר דער מענטש פאַרפעסטעט די גאַנצע וועלט, — האָט קאָני מיט פעסטקייט געזאָגט.

— שפייט אינם אייגענעם ברונעם אַריין...

דער באַוועגלעכער פאָטעל האָט זיך גערוקט פאָראויס. אין דער געדיכטעניש פון די ניסן־ביימער האָבן אַראָפּגעהאָנגען העל־גאָלדיקע קיזשעלעך, אויף די זוניקע ערטער האָבן די בלויגלע־קעלעך זיך ברייט צעעפנט, ווי עס וואָלט געשפּריצט פון זיי לעבנס־פרייד, פונקט ווי אין די אַמאָליקע צייטן, ווען מענטשן האָבן נאָך פאַרמאָגט די פעיִקייט זיך צו קוויקן מיט זיי. זיי האָבן געהאַט אַ ריח, ענלעך צו עפּל־בלִיעכץ. קאָני האָט פאַר קליפאָרדס וועגן אָפּ־געריסן עטלעכע בלימעלעך.

ער האָט זיי געהאַלטן אין דער האַנט און אויפמערקזאַם באַטראַכט.

— „אומבאַשמוצטע, שטילע געליבטע פון פרידן”, — האָט ער רעציטירט. — דערדאָזיקער זאַץ פּאַסט זיך אַזוי צו בלומען, ווי צו גריכישע וואַזעס.

— שמוץ, באַשמוצט, שמוצן — אַן עקלהאַפט וואָרט! — האָט זיך קאָני אָנגערופן. — בלויז מענטשן זענען פעיִק עפּעס צו באַשמוצן.

— שווער צו זאָגן... שלימאַקעס און נאָך אַזעלכע באַשעפעניש... — האָט קליפאָרד אָפּאָנירט.

— ניין, אפילו שלימאַקעס נישט, נאָר מענטשן...

ער האָט זי געערגערט דערמיט, וואָס אויף אַלץ האָט ער געהאַט אַ גרייטע ציטאַט. אַלץ איז ביי אים פאַרוואַנדלט געוואָרן אין ווערטער, אין הוילע ווערטער. פיילכן זענען ביי אים געווען יונאָנעס וויִעס, בלויגלעקעלעך — אומבאַשמוצטע געליבטע. אָך, האָט זי פיינט געהאַט די ווערטער! ווערטער! ווערטער! אומעטום שטופּן זיי זיך אַריין און פאַרשטעלן דאָס אמתדיקע לעבן! אָט ווער עס שמוצט, עס באַשמוצט אַלץ — די ווערטער! גרייטע, פאַרטיקע ווערטער, זאַצן גאַנצע, וועלכע זייגן אויס דעם זאַפט פון אַלעם, וואָס לעבט.

דער שפּאַציר זייערער האָט זיך נישט איינגעגעבן. צווישן קליפאָרדן און קאָנין האָט אָנגעהאַלטן אַ נערוועזע, אָנגעצויגענע שטימונג, און כאָטש ביידע האָבן זיי זיך געהאַלטן, ווי זיי וואָלטן גאָרנישט באַמערקט, איז דאָך די אָנגעצויגנקייט צווישן זיי נישט אַנטשפּאַנט געוואָרן. עפּעס גאָר פּלוצלינג האָט קאָני מיט איר פרויען-אינסטינקט אָנגעהויבן דערווייטערן, אָפּשטויסן פון זיך קליפאָרדן, אָפּשטופּן אים, אַרויסשטויסן אים מיטן האַרץ, מיט די געדאַנקען. זי האָט זיך מיט געוואָלט באַפרייען פון אים, צום מיינסטן לויז ווערן פון זיין באַוווסטזיין, פון זיינע ווערטער, פון זיין וואַנזיניקער פאַרנומענקייט מיטן אייגענעם „איך" זייַנעם, פון זיין משוגעת, וואָס בייט אַלצדינג אויס אויף קלינגענדיקע, פּוסטע ווערטער.

דאָס וועטער איז שלעכט געוואָרן, ס'האָט כסדר געטריפט פון הימל. נאָך עטלעכע אַזעלכע טעג האָט קאָני נישט אויסגעהאַלטן און אַוועק אין רעגן אין וואַלד אַריין. זייענדיק אין וואַלד

איז זי צוגעגאַנגען צום שייער. ס׳האָט גערעגנט, אָבער קאַלט איז נישט געווען, דער וואַלד האָט אויסגעזען אַזוי מאָדנע, אַזוי ווילד־פרעמד אין דער הילע פונם שפּריי־רעגנדל.

זי איז אַרויס אויפן לאָנקעלע. קיינער נישטאָ! דער שייער איז געווען געשלאָסן. זי האָט זיך אָבער אַנידערגעזעצט אונטערן אָפּדעכל אויף דער שוועל און זיך צונויפגעקוליעט, כדי זיך צו דערוואַרעמען. זי איז אַזוי געזעסן, קוקנדיק ווי דער רעגן האָט געזייעט און זיך צוגעהערט צום סודותפולן שאָרכן אין דער טיפעניש פונם וואַלד, צו די אומהיימלעכע זיפצן פון ווינט דאָרט אויבן צווישן די שפּיצן פון דיביימער. די דעמבעס אַרום זענען געשטאַנען גרויע, מעכטיקע, פאַרשוואַרצטע פון רעגן, אָבער זייער רונדיקייט, זייער בייכיקייט האָבן עדות געזאָגט, אַז זיי זענען איבערפולט מיט לעבן און זיי ציִען אַזוי אויס זאָרגלאָז די מעכטיקע גלידער זייערע, נישט מאָכנדיק קיין ווען פונם שלעכטן וועטער. דער גרונט איז דאָ געווען כמעט אינגאַנצן נישט באַוואַקסן, בלויז וווּ־נישט־וווּ האָט געשפּראָצט אַ בלויגלעקעלע, אָדער געשטאַרצט אַן איינזאַמער בערעלעך־קוסט. דאָ איז עס מסתם איינס פון יענע אומבאַשמוצטע ערטער אויף דער וועלט. אומבאַשמוצטע! ווען די גאַנצע איבעריקע וועלט איז טאַקע באַשמוצט!

אַ סך זאַכן איז גאָר אוממעגלעך צו באַשמוצן. ס׳איז אוממעגלעך למשל צו באַשמוצן אַ פּודעלע פון סאַרדינן. פּרויען זענען אויך פאַרהאַן אַ סך אַזעלכע. און מענער אויך. אָבער די ערד!...

דער רעגן האָט ביסלעכווייז אויפגעהערט. מ׳האָט אים שוין אָנגעזען נישט מער, ווי אַ דינינקן שלייער צווישן די דעמבעס. קאָני האָט שוין געוואָלט אַוועקגיין, זי איז אָבער ווייטער געבליבן זיצן. כאָטש ס׳איז איר קאַלט געווען, איז זי אַלץ נאָך געזעסן: איבער איר קערפּער איז געווען צעגאָסן אַן אויסטערלישע פוילקייט, זי איז געווען ווי פאַראַליזירט.

באַשמוצט! ווי קאָן מען ווערן באַשמוצט, אַז קיינער האָט דיך נאָך נישט אָנגערירט אפילו. באַשמוצט דורך ווערטער, דורך

מוזיקע ווערטער, דורך שמוזיקע אידעען, וועלכע זענען פאַר־אַנדלט געוואָרן אין משוגעת.

אַן אויסגעווייקטער, ברוינער הונט איז אַנגעלאָפן, נישט בילנדיק. אַ מאַנספּערשוין אין אַ נאַס, שוואַרץ, לעדערן רעקל איז נים נאָכגעקומען. דער וואַלד־אויפזעער האָט זי דערזען און זיך געוואָס פאַררויטלט. קאָני האָט באַמערקט, ווי ער האָט לייכט אויפגעציטערט. זי האָט זיך אויפגעשטעלט, ער איז צוגעקומען ענטער און זיך שטום פאַרנייגט. קאָני האָט זיך געלאָזט גיין אהיים.

— כ׳האָב נאָר־וואָס באַשלאָסן טאַקע אַוועקצוגיין, — האָט זי צוגעוואָרפן.

— זיי האָבן געוואַרט, פּריצה־, זיי האָבן געוואָלט אַריינ־גיין? — האָט ער געפרעגט, קוקנדיק נישט אויף איר, נאָר אויפן שייער.

— ניין, איך האָב מיך נאָר צוגעזעצט אויף עטלעכע מי־נוט אונטערן אָפּדעכל, — האָט קאָני רויק און מיט ווירדע גע־ענטפערט.

ער האָט אַ קוק געטון אויף איר. קאָני האָט אים אָפּגע־ענטפערט מיט אַ קאַלטן בליק.

— זיי האָבן טאַקע נישט געהאַט קיין שליסל, כ׳מיין די ליכטיקער פּריצה? — האָט מעלאָרס געפרעגט.

— ניין, אָבער עס שאַדט נישט. איך קאָן זיצן דאָ אונטערן אָפּדעכל, ס׳איז גאַנץ באַקוועם. אַ גוטן טאָג.

זי האָט נישט געקאָנט פאַרליידן קיין גייציקע מענטשן. זי האָט נישט געקאָנט ליידן זיין בכיוונדיק רעדן אויף דעם אויס־טערלישן פויערישן דיאַלעקט.

ווען זי איז שוין אָפּגעגאַנגען אַ שטיקל, האָט דער וואַלד־אויפזעער נישט אויפגעהערט איר נאָכצוקוקן. ערשט דערנאָך האָט ער אַריינגעשטעקט די האַנט אין דער הינטערשטער הויזן־קעשענע און אַרויסגענומען אַ שליסל.

— די ליכטיקע פריצה קאָנען זיך נעמען מיין שליסל, כ׳וועל מיר שאַפן אַן אַנדער שטיקל מקום פאַר די פאַזאַנען.

קאָני האָט זיך אומגעקוקט.

— וואָס מיינט איר דערמיט? — האָט זי געפרעגט.

— נו, פּראָסט־פּשוט, פריצה־לעבן, כ׳קאָן דאָך מיר אויפ־שטעלן ערגעץ־אַנדערש־ווו אַ שטעלעכל אויסצוֹלעגנגען די פאַזאַנדלעך. ווילן זיי קומען אַהער, ליכטיקע פריצה, קאָנען זיי זיך קומען, זייער זאַך, נישט מיינע!

קאָני האָט געוואָרפן אויף אים אַ בליק און דורכן קוואַטש פון זיין דיבור, האָט זי זיך משער געווען זיין כוונה.

— פאַרוואָס רעדט איר נישט פּשוט? — האָט זי אים גע־פרעגט.

— האָ? כ׳מיין — כ׳רעד פּראָסט־פּשוט.

קאָני האָט געשוויגן אַ ווײַלע, שטאַרק אין כעס.

— ווילן זיי דווקא אַ שליסל? וואָס דאַרפן זיי, מיין איך, אַן אַנדערן, קאָן דאָך זיין דער שליסל. בעסער מאָרגן, מאָרגן וועל איך די שמאָכטעס מיינע אַרויסנעמען, וועל איך מאָרגן זיי אָפּגעבן דעם שליסל. זיי באַשטיין דערויף, פריצה־לעבן?

קאָני איז אַריין אין אַ שטאַרקערן כעס.

— איך וויל נישט ביי אייך קיין שליסל, — האָט זי געענט־פערט האַסטיק, — איך פאַרלאַנג גאָרנישט. איר זאָלט פון דאָרט אַרויסנעמען אייערע זאַכן. איך האָב נישט דעם מינדסטן ווילן אייך אַרויסצוטרייבן פון אייער שייער. איך דאַנק אייך! איך האָב נאָר געוואָלט זיצן דאָ אַמאָל, ווען עס וועט מיר אויסקומען, אַ שטייגער, ווי היינט. איך וועל אָבער קאָנען גאַנץ באַקוועם זיצן אונטערן אָפּדעכל. איך דאַרף, אַלזאָ, קיין שליסל נישט.

מעלאָרס האָט ווידער אַ קוק געטון אויף איר מיט אַזעלכע בייזע, בלויע אויגן.

— נו, אָט... אָט... — האָט ער אָנגעהויבן מיט זיין זינגענ־דיק פויעריש לשון, — זיי האָבן דאָך אָבער רעכט צו אַלדינג

אַ־דאָ, צו דער־אָ שאַפּע און צו דעם־אָ שליסל און צו אַלצדינג, זיי זענען דאָך די פּריצה־לעבן... נאָר אין דער צייט בין איך פאַרפּאָרעט דאָ מיט אַרבעט, דאָ דאָס, דאָ יענץ, דאָ וויל דער פּריץ־לעבן אויסלעגנגען דאָ יונגע פּאַזאַנען... די פּריצה־לעבן פאַרשטייט, איך קאָן דאָך דאָ נישט האַלטן מיינע שמאָכטעס, אַרומפּאָרען זיך דאָ, אויב די ליכטיקע פּריצה וועלן דאָ זיצן...

קאָני האָט נישט פאַרשטאַנען.

— וואָס קאָן דען מיר שטערן אייער אַנוועזנהייט דאָ?

ער האָט זי אָנגעקוקט מיט אַ מאָדנע בליק.

— אַזוי, פאַר מיר איז עס נישט קיין עסק... אַזוי... — האָט ער קורץ און באַדייטנדיק געענטפערט.

— נו, זאָל זיין אַזוי, — האָט זי געזאָגט מיט פעסטקייט. — איך וועל אייך גאָרנישט שטערן. אדרבא, מיר וועט זייער אָנגענעם זיין צו זען, ווי איר וועט האָדעווען די יונגע פּאַזאַנען. דאָס אינטערעסירט מיך זייער. קוים אָבער ווילט איר נישט, וועל איך מער אַהער נישט קומען, איך וויל אייך בשום־אופן נישט שטערן. איבעריקנס, איר דינט נישט ביי מיר, נאָר ביי סער קליפאָרדן.

די לעצטע ווערטער זענען אפילו געווען נישט זייער פּאַסיק, אַזוי האָט זיך קאָנין אויסגעוויזן, אָבער זי האָט זיי נישט צוריקגעכאַפּט.

— אָבער וואָס רעדן זיי, ליכטיקע פּריצה! וואָס רעדן זיי! ס׳איז אַלצאיינס, דער ליכטיקער פּריץ, צי די ליכטיקע פּריצה, אַלצאיינס! ווי זיי ווילן, ווי זיי פאַרלאַנגען, ווי זיי באַפעלן גיטיקס. זיי קאָנען מיך אַרויסוואַרפן, ווען ס׳געפעלט זיי... מיר גייט נישט אין דעם...

— אין וואָס דען? — האָט קאָני אַ צערייצטע געפרעגט.

דער אויפזעער האָט זייער לעכערלעך זיך פאַררוקט דעם הוט אויפן נאַקן.

— ס׳גייט מיר, אַז מסתם וועלן זיי נישט וועלן, כ׳זאָל באַלעבאַטעווען אין שאַפּע, ווען זיי וועלן זיין...

— פאַרוואָס דען נישט? — האָט שוין קאָני נישט געקאָנט איינהאַלטן דעם כעס. — איר זענט דאָך, דאַכט זיך, אַ ציוויליזירטער מענטש! וואָס מיינט איר דערמיט? איך דאַרף מיך דען אָפּשרעקן פאַר אייך? וואָס קאָן עס מיך אַרן, צי איר זענט דאָ, צי נישט? וואָס דאַרף דאָס מיך אָנגיין?

מעלאָרס האָט זי אָנגעקוקט און זיין פּנים האָט זיך אויסגעקרומט פונם בייזן שמייכל.

— נישט דאָס, פּריצה, כ'לעבן, נישט דאָס.

— וואָס־זשע דען? — האָט קאָני געפרעגט.

— זאָל איך מיך באַמיִען צו שאַפן נאָך אַ שליסל, הע?

— ניין, אַ דאַנק. איך דאַרף נישט.

— כ'וועל מיך באַמיִען, יאָ, יאָ, כ'וועל שאַפן פאַר זיי אַ באַזונדערן שליסל, פּריצה־לעבן. ס'עט גלייכער זיין — יעדער זיין שליסל — איך אַ באַזונדערן און זיי אויך באַזונדערן.

— איר זענט אַ חוצפּהניק? — קאָני איז רויט געוואָרן ווי פייער, זי האָט קוים געקאָנט דעם אָטעם כאַפּן פון אויפרעגונג.

— וואָס רעדן זיי! אויף מיין ערלעך וואָרט? וואָס האָב איך דען געזאָגט? אסור, שלעכטס. כ'האָב, חלילה, נישט געמיינט קיין שלעכטס. כ'האָב נאָר געמיינט, טאָמער קומט אַהער די פּריצה, וועל איך מיך מוזן אָפּטראָגן, אָנמאַכן מיר אַ גרויסן הארמידער, אַ קלאָפּאָט, זוכן אַן אַנדער שטיקל מקום. אָבער אַזוי, אַז כ'וועל דער ליכטיקער פּריצה נישט שטערן, איז אדרבא... אדרבה... אַז כ'וועל נישט שטערן — נו, פאַרוואָס נישט? דער פּריץ איז דאָך איבער אַלץ באַלעבאָס און זיי זענען דאָ איבער אַלץ באַלעבאָסטע! ווי זיי ווילן, ווי זיי פאַרשטייען, ווי זיי באַפעלן...

קאָני איז אַוועקגעגאַנגען אין גרויס פאַרלעגנהייט: זי האָט נישט געוווסט, צי זי זאָל זיך פילן באַליידיקט, צי נישט. אפשר האָט דערדאָזיקער מענטש פאַקטיש נישט געהאַט עפּעס אַנדערש אין זין, אפשר האָט ער ערנסט געמיינט, אַז זי וועט פאַרלאַנגען, ער זאָל זיך אָפּטראָגן פון דעם אָרט, ווייל זי וויל עס פאַרנעמען?

אַ מאָדנער איינפאַל! עס וואָלט איר גאָר קיינמאָל אויפן זין נישט געקומען! וואָס פאַר אַ ראָל שפּילט פאַר איר אַזאַ מין מענטש, צי ער איז דאָ, צי ער איז נישטאָ? אַ נאַרישער איינפאַל פון אַ פּראָסטן מענטש!

בייז און צערודערט איז זי אַוועקגעגאַנגען. זי האָט אַליין רעכט נישט געוווּסט, וואָס זי טראַכט און וואָס זי פילט.

סוף פון ערשטן בוך

„יידישע אוניווערסאל־ביבליאטעק"

ליטעראַרישע לייטונג: שלמה שיינבערג

פ י נ פ ט ע ר י אָ ר ג א נ ג

וואַרשע 1939

לאָורענס

דער געליבטער
פֿון ליידי טשאַטערליי

ראָמאַן

יידיש: אברהם צימערמאַן

דאָס צווייטע בוך

יידישע אוניווערסאַל-ביבליאָטעק

1939 וואַרשע

Druk. „Grafia", Warszawa

קאַפּיטל IX

קאָני האָט נישט געקאָנט פאַרדייען איר פּלוצלינג אָנגעקומען ווידערגעפיל צו קליפאָרדן. נאָך מער, זי האָט ערשט רעכט באַגריפן, אַז אייגנטלעך האָט זי אים קיינמאָל נישט ליב געהאַט. נישט קיין שנאה האָט זי צו אים געפילט, איר ווידערגעפיל איז געווען נישט זייער טיף, נישט מער, אַ מין עקל, אַ פיזישן עקל האָט ער אין איר אַרויסגערופן. עס האָט איר אפילו אויסגעוויזן, אַז חתונה געהאַט האָט זי מיט אים אויך דעריבער, ווייל זי האָט אים פיזיש נישט פאַרטראָגן. אין דער ווירקלעכקייט האָט זי אָבער דערפאַר מיט אים חתונה געהאַט, ווייל ער האָט פאַר איר געהאַט אַ גייסטיקע צוציִונגס-קראַפט. ער האָט אין אירע אויגן אויסגעזען דעמאָלט, ווי אַ מענטש פון אַן אַנדערער, העכערער וועלט.

איצט איז די גייסטיקע צוציִונגס-קראַפט אויסגעוועפּט, איינגעבראָכן געוואָרן, און קאָני האָט בלויז געשפּירט דאָס פיזישע ווידערגעפיל. דאָסדאָזיקע ווידערגעפיל איז געלעגן טיף אין איר באַוווּסטזיין און איצט האָט עס אַרויסגעשטראָמט פון איר מיט אַן אומגעצוימטער קראַפט. זי האָט ערשט איצט פאַרשטאַנען, וויפיל שאָדן דאָסדאָזיקע געפיל האָט איר געבראַכט אין לעבן.

זי האָט געפילט איר שוואַכקייט, איר הילפלאָזיקייט און זי האָט זיך אומגעקוקט אַרום זיך, זוכנדיק אַן אָנשפּאַר פאַר זיך. קיין הילף האָט זי אָבער נישט געזען. נישטאָ קיין הילף פאַר איר אין דער אַרומיקער וועלט. די ציוויליזירטע געזעלשאַפט איז שרעקלעך, זי איז וואַנזיניק, משוגע. געלט און זנות — דאָס זענען אירע צוויי גרויסע משוגעתן, קודם-כּל — געלט. דער מענטש, דער איינציקער מענטש, דער יחיד האָט זיך געקאָנט דערהאַלטן אין

דעמדאָזיקן שוידערלעכן משוגעת נאָר דורך די צוויי זאַכן: געלט און ליבע, דאָס הייסט געלט און זנות. אַזאַ שטייגער מיכאַעליס: זיין לעבן, זיין טועכץ איז געווען איינפאַך משוגעת. די ליבע זיינע איז אויך אַ מין משוגעת.

מיט קליפאָרדן — אויך דאָס זעלבע: זיין באַרעדעוודיקייט! זיין סובטעל שרייבעריי! זיין פלאַפלעריי! זיינע ווילדע אָנשטרענגונגען און ראַנגלענישן, פדי אַרויסצוקריכן אויבנאָן! דאָס איז דען מער ווי משוגעת, איינפאַך משוגעת! און דאָסדאָזיקע משוגעת ווערט אַלע מאָל געפערלעכער. מאַניאַקישער.

קאָני האָט זיך איצט ווייניקער געשראָקן דערפאַר: קליפאָרדס משוגעת האָט זיך צוביסלעך פון איר אָפּגעקלעפט און זיך געגרייט צוצוקלעבן צו דער פרוי באָלטאָן. פאַר אים איז דאָס נאָך דערוויל אַ סוד. ווי ביי פיל משוגעים, האָט מען קליפאָרדס פסיכישן צושטאַנד געקאָנט דערקענען לויט דער צאָל לעבנסעניינים, וועלכע האָבן זיך נישט געקלעפט צו זיין באַוווּסטזיין, לויט די בלייזן אין זיין פסיכישער אויפנאַמס־פעיִקייט.

פרוי באָלטאָן איז אין אַ געוויסער מאָס געווען אַ ווונדערלעכע פרוי. זי האָט פאַרמאָגט יענעם מין מאַכט־גיריקייט, יענע אַרט דאָמינירנדיקע מאַכט־גייציקייט, וועלכע איז ביי היינטצייטיקע פרויען דער בולטסטער סימן פון משוגעת. זי האָט זיך איינגערעדט, אַז איר ווילן מוז אָן שום פאַרבאַהאַלט דערפילט ווערן און אַז דאָס איז די בעסטע פאָרם פון דערפילן די אויף זיך גענומענע פליכטן, דער בעסטער אופן פון דינען די מיטמענטשן, פון אָפּגעבן דאָס לעבן פאַר יענעם. קליפאָרד האָט זי אַריינגעבראַכט אין אָפּטער פאַרלעגנהייט, ווייל מיט זיין סובטעלערן ווילן האָט ער פאַראַליזירט אירע ווילנס־דערפילונגען. זיין ווילן איז געווען סובטעלער, געשיקטער פון אירן. אָבער דערין איז געלעגן זיין איינפלוס, זיין מאַכט איבער איר.

אפשר האָט דידאָזיקע אייגנשאַפט קליפאָרדס געווירקט אויף אויף קאָנין.

— אַ הערלעכער טאָג היינט, — האָט צום ביישפיל פרוי

באַלטאָן געזאָגט מיט אַ טאָן פון חניפהדיקער צורעדונג. — לויט מיין מיינונג וואָלט פאַר אייך זייער גוט געווען זיך דורכצושפּאַצירן אינם פּאַטעל; די זון איז ממש פּרעכטיק.

— אַזוי? דערלאַנגט מיר, זייט אַזוי גוט, דאָס ביכל, וואָס ליגט אָ־דאָרט, יענץ־אָ. דאָס געלע. מיר שיינט, אַז מ׳מעג שוין אַרויסוואַרפן די בלומען.

— וואָס רעדט איר? זעט נאָר, ווי פריש זיי זענען נאָך. זיי שמעקן דאָך וווּנדערלעך. — רעדט זי אַרויס, לייגנדיק דעם טראָפּ אויפן לעצטן זאַץ.

— אָ, טאַקע דעם ריח זייערן קאָן איך נישט פאַרטראָגן, ענטפערט קליפאָרד. — עפּעס ווי אַ לוויה־ריח.

— איר מיינט דאָס ערנסט? — פרעגט פרוי באַלטאָן צערודערט און עטוואָס באַליידיקט.

אָבער די בלומען פלעגט זי אַוועקנעמען פון צימער.

— זאָל איך אייך היינט ראַזירן, צי איר וועט אייך ראַזירן אַליין?

שטענדיק דער זעלבער חניפהדיקער, אונטערטעניקער, אָבער גלייכצייטיק באַפעלערישער טאָן.

— איך ווייס נישט. וואַרט נאָך צו אַ ווײַלע. איך וועל צ[illegible] אייך אָנקלינגען, ווען איך וועל זיין גרייט.

אָבער יעדער אָפּזאָג האָט אין איר אויפגעוועקט אַ ניי[illegible] ענערגיע־צופלוס.

— צו אייער דינסט, סער קליפאָרד, — פלעגט זי ענטפע[illegible] געהאָרכזאַם, אָבער אַזוי ווי דראָענדיק.

אין אַ ווײַלע אַרום פלעגט קליפאָרד קלינגען צו איר, ז[illegible] קומט תיכף אַריין.

— עס שיינט מיר, אַז עס וועט זיין גלייכער, איר זאָלט מיך היינט ראַזירן.

אַ לייכטער ציטער פון פרייד און סאַטיספאַקציע פאַרכאַפּט איר הארץ; זי ענטפערט מיט אַ פאַרגיטיקונגס־טאָן:

— צו אייער דינסט, סער קליפאָרד!

זי איז געווען זייער געשיקט, זי האָט געהאַט ווייכע, פלינקע הענט. אינאָנהייב האָט קליפאָרד נישט געקאָנט ליידן, ווען זי פלעגט לייכט באַרירן זיין פנים. איצט האָט ער עס ליב באַקומען, אַ תענוג פלעגט עס וועקן אין אים. כמעט יעדן פרימאָרגן פלעגט ער זיך הייסן אָפּראַזירן. דאָס פנים האָט זי געהאַלטן אַזוי נאָענט צו זייַנעם, און אירע אויגן האָט זיך אָנגעזען די פלייסיקייט און אויפמערקזאַמקייט. אין קורצן האָבן שוין אירע פינגער אויסגעצייכנט געקענט זיינע באַקן, די ליפּן, די גאָמבע, דעם האַלז. ער איז געווען גוט געפּלעגט, אויסגעזען פּרעכטיק, זיין פנים, זיין האַלז זענען געווען שיין, אַן אמתדיקער דזשענטלמען.

אויך זי איז געווען אַ שיינע, אַ בלאַסע, מיט אַ לענגלעכדיק געזיכט, גלאַנצעדיקע אויגן, רויק, פאַמעלעך, אויסטערליש מילד, כמעט מיט ליבשאַפט האָט זי באַרירט זיין באָרד, זיין האַלז, און ער האָט זיך איר מיט תענוג אונטערגעגעבן.

זי האָט איצט אַלץ פאַר אים געטון און ער האָט זיך פאַר איר ווייניקער זשעניִרט, ווי פאַר קאָניִן. פרוי באָלטאָן האָט איינמאָל אַ זאָג געטון צו קאָניִן:

— אַלע מענער זענען אייגנטלעך נישט מער ווי קינדער, ווען מ׳קוקט זיך צו זיי צו פון דער נאָענט. איך פלעג האָבן צו טון אַלס קראַנקן-פלעגערין מיט די גרעסטע ווילדע יונגען אין טיווערסהאָל, נאָר קוים טוט זיי עפּעס וויי, קוים דאַרף מען זיך נאָר מיט נעמען פון זיי פאַרנעמען ווי מיט אַ חולה, ווערט ער תיכף אַ יונג, ממש ווי אַ פּיצל קינד. זיי זענען אַלע אַזוי!

פריער האָט פרוי באָלטאָן געמיינט, אַז דזשענטלפלייט, עכטע דזשענטלפלייט, אַזעלכע ווי סער קליפאָרד, זענען אַנדערש. שפּעטער אָבער, ווען זי האָט אים גרינטלעך דערקענט, האָט זי זיך איבערצייגט, אַז ער איז דער זעלבער, וואָס אַנדערע מענער, אַז ער איז אַ קינד, אַ פּיצל קינד, וואָס איז נאָר אויסגעוואַקסן און זעט אויס ווי אַ דערוואַקסענער מאַנספּערשוין, אַ קינד מיט אַ מאָדנעם טעמפּעראַמענט און סובטעלע מאַניערן, מיט אַ כוח צו הערשן איבער זיך און מיט פאַרשידענע מאָדנע אייגנשאַפטן און קענטע-

נישן, וועלכע ברענגען זי ב טיילמאַל ביז הייגט אריין אין שוועק און פאַרלעגנהייט.

קאָני פלעגט טיילמאָל נישט קאָנען ביישטיין דעם נסיון, איר האָט זיך געוואָלט אים זאָגן:

— וואָס טוט זיך מיט דיר? גיב זיך נישט אַזוי פיל אונטער דעם איינפלוס פון דערדאָזיקער פרוי!

זי האָט זיך אָבער איבערצייגט, אַז קליפאָרד האָט ביי איר נישט אַזאַ ווערט ווי פריער און אַז עס איז גאַנץ איבעריק איר צו באַפרייען פון אונטער פרוי באָלטאָנס איינפלוס.

זי פלעגט נאָך אַלץ מיט אים פאַרברענגען יעדן אָוונט בי׳ צען אַ זייגער. זיי פלעגן שמועסן אָדער לייענען צוזאַמען, אָדער דורכקוקן מאַנוסקריפטן. דער אַמאָליקער אינטערעס איז אָבער שוי בייביידע פאַרשוווּנדן. קליפאָרדס מאַנוסקריפטן האָבן קאָנין גע־ לאַנגווייליקט, זי פלעגט זיי אָבער נאָך אַלץ איבערשרייבן אויף דער מאַשין. זי האָט אָבער צוגעגרייט די פרוי באָלטאָן צום אי־ בערנעמען אויך דידאָזיקע פונקציע. זי האָט די פלעגערין אָנגע־ הויבן לערנען שרייבן אויף דער מאַשין. פרוי באָלטאָן האָט זין מיט פלייס גענומען צום לערנען. אין קורצן פלעגט איר שוין קלי פאָרד טיילמאָל דיקטירן אַ בריוו, זי האָט געקלאַפּט אויף דער מאַשין לאַנגזאַם, אָבער גוט. קליפאָרד האָט אַרויסגעוויזן פיל גע־ דולד, ווען ער האָט איר געמוזט דיקטירן אות־ביי־אות די שווערע ווערטער, אָדער ווען ס׳פלעגט זיך טרעפן אַ פראַנצויזישער אויס־ דרוק. זי האָט אַרויסגעוויזן אַזוי פיל פלייס, אַז ס׳איז ממש גע־ ווען אַ נחת זי צו לערנען.

קאָני פלעגט כלומרשט קראַנק ווערן, כדי באַלד נאָכן נאַכט־ עסן אָוועקצוגיין צו זיך אין אייבערשטן צימער.

— אפשר זאָל פרוי באָלטאָן שפּילן מיט דיר אין קאָרטן? — פלעגט זי פאָרלייגן קליפאָרדן.

— האָב נישט קיין זאָרג וועגן מיר, טייערע. גיי, לייג זיך צו, וועט דיר בעסער ווערן.

אַזוי ווי זי פלעגט אָבער אַרויסגיין, קלינגט ער תיכף נאָך

פרוי באַלטאָן און שפּילט מיט איר אין קאָרטן אָדער אפילו אין שאַך. ער האָט זי אויסגעלערנט די אַלע שפּילן. קאָני האָט נישט געקאָנט באַהערשן דאָס געפיל פון עקל, ווען זי פלעגט זען דאָס פּאָרל שפּילן אין קאָרטן און פרוי באַלטאָן פלעגט ווי אַ מיידעלע רויט ווערן, ווען עס פלעגט איר אויסקומען איינצונעמען אַ לעז קליפאָרד פלעגט זי לערנען אַריסטאָקראַטישע קאָרטן־מאַניערן:

— פּאַס — זאָגט מען. פּאַס — נישט פּאַש.

פרוי באַלטאָן פלעגט אים אָנקוקן אַ פאַרוווּנדערטע מיט פינקלענדיקע אויגן און נאָכגעזאָגט געהאָרכזאַם און שרעקעוודיק

— כ׳פּאַס.

אַזוי האָט ער זי צוביסלעך אויסגעפיינערט. און עס האָט אים הנאה געטון, זי ווידער האָט זיך געפילט איבערגליקלעך מיט איר אַריסטאָקראַטישער דערציִונג. זי איז געווען אַנטציקט. ביסלעכווייז האָט זי זיך איינגעשאַפן די אַלע זאַכן, וועלכע זענען געווען דאָס אייגנטום פון דער עלעגאַנטער וועלט, וואָס האָט דעצידירט וועגן דער אָנגעהעריקייט צו דער העכערער געזעלשאַפט. געוויינלעך אַ חוץ געלט. זי איז ממש געווען אין זיבעטן הימל. גלייכצייטיק האָט עס אָפּגעווישט דעם מהלך צווישן איר און קליפאָרדן.

קאָני האָט געהאַט דעם איינדרוק, אַז ערשט איצט באַווייזט זיך פאַר איר קליפאָרד אין זיין גאַנצער בולטקייט: עטוואָס וווּלגאַר, עטוואָס וואָכעדיק און גשמיותדיק; פּשוט — אַ צו דיקער מאַנספּערשוין, אַ פּעטלייביקער. די קונצשטיקלעך פון פרוי באַלטאָן, די כלומרשטע הכנעהדיקייט און די זיכערקייט אין איר ממשלה איבערן אַריסטאָקראַט זענען שוין געווען צו בולט. אָבער קאָני איז איבערראַשט געווען, ווי די פּשוטע פרוי האָט אין קליפאָרדן אויפגעוועקט עכטע, נישט־געקינצלטע געפילן. פאַרליבט איז אים איז זי נישט געווען. זי איז געווען באַגייסטערט דערפון, וואָס זי געפינט זיך אין אַ נעגטערן קאָנטאַקט מיט אַ הער פון דער העכערער געזעלשאַפט, אַן אַריסטאָקראַט און אַ דזשענטלמען, אַ שריפטשטעלער, וועלכער שאַפט דערציילונגען און פּאָעזיעס, וועל־

מענס בילדער עס געפינען זיך אין די אילוסטרירטע צייטונגען. איר ענטוזיאַזם איז דערגאַנגען אַזש ביז פאַרליבטקייט אין זיך אַליין און אַ ביסל אין אים אויך. דאָס, וואָס ער איז איר דער־ציער, האָט אים אין אירע אויגן אַזוי אויפגעהויבן, אַזוי באַשיינט, אַז זי איז כמעט געווען ווי פאַרליבט אין אים. דער פאַקט אָבער, וואָס קיין עכטע ליבע־פּאַסירונג איז אין דעם פאַל נישט מעגלעך געווען, האָט דעם מאַן נאָך העכער דערהויבן אין אירע אויגן.

דידאַזיקע מאָדנע ליבע האָט אויף דער פרוי באָלטאָן גע־ווירקט צויבערדיק. זי האָט פון טאָג־צו־טאָג אויסגעזען שענער, יינגער, אירע גרויע אויגן זענען געווען טיילמאָל הערלעך. אין דער זעלבער צייט האָט געשלאָגן פון איר אַזאַ סאַטיספאַקציע־שטימונג, אַזאַ הייטערע זיכערקייט אין זיך, אַזאַ באַהאַלטענער זיג און זעלבסטצופרידנקייט. אָך, די זעלבסטצופרידנקייט, די באַהאַל־טענע זעלבסטצופרידנקייט! וויפיל עקל קאָני האָט צו איר געהאַט אין אַזעלכע מאָמענטן!

פונדעסטוועגן איז גאָר קיין וווּנדער נישט געווען, וואָס קלי־פאָרד האָט זיך אַזוי געלאָזט פענטען פון דערדאָזיקער פרוי. זי האָט אים ממש אַרומגעשפּינט מיט איר עקשנות און זיך איבערגע־געבן פולשטענדיק צו זיין דינסט, — זאָל ער זיך אַזוי פיל באַנוצן מיט איר, וויפיל ער וועט נאָר אַליין וועלן. זי האָט אים געגומען דורך דעם, וואָס זי האָט זיך אים איינגאַנצן אַוועקגעגעבן, גע־וויינלעך אויף אַזוי פיל, וויפיל ער האָט געקאָנט פון איר גע־ברויכן.

קאָני פלעגט זיך צוהערן צו זייערע לאַנגע שמועסן. גע־רעדט האָט צום מייגסטן פרוי באָלטאָן. זי פלעגט זיך צעלאָזן און גיסן, גיסן מיט מעשיות, רכילותלעך און וויציקע באַאָבאַכטונגען וועגן אירע באַקאַנטע אין דאָרף. ווען זי פלעגט זיך צעלאָזן, האָט זי דערציילט שענער און פאַרביקער ווי די מעשה־ביכלעך פאַר די פאָלקס־מאַסן. זי האָט אויסגעצייכנט געקענט דאָס פאָלקס־לעבן, זי האָט אַזוי פיל אינטערעס געהאַט פאַר אַלעם, וואָס דאָס פאָלק האָט איבערגעלעבט, אַז עס איז געווען צייטנווייז אַ דערגי־

דעריקונג זיך צוצוהערן צו אירע מעשיות. אינאַנהייב איז זי נישט געווען דרייסט צו דערציילן וועגן טיוועסהאַל. שפּעטער איז עס שוין ביי איר געגאַנגען ווי געשמירט. קליפאָרד האָט זיך באַמיט אויפצוכאַפּן מאַטעריאַל פאַר זיינע שרייבעכצן. קאָני האָט פאַרשטאַנען, אַז זיין טאַלאַנט איז טאַקע באַשטאַנען אינם אויפזאַפּן אַזעלכע מינים פּליאַטקעלעך. פרוי באָלטאָן האָט זיך געוויינלעך זייער געהיצט ביים דערציילן אירע דאָרפישע געשיכטעס. זי איז געווען באמת דורכגענומען מיט אירע דערציילונגען. עס איז געווען צו באַוואונדערן, וויפיל מעשיות זי האָט געוווסט און וויפיל פּרטים פון יעדער מעשה זי האָט געקאָנט איבערגעבן. זי וואָלט געקאָנט אָנרעדן, אָנפּלאַפּלען צענדליקער בענדער.

קאָני פלעגט זיך צוהערן מיט נייגיריקייט, אָבער שפּעטער האָט זי זיך פאַר זיך אַליין געשעמט. זי האָט זיך נישט געקאָנט שענקען איר נייגיריקייט ביים אויסהערן די פּליאַטקעס. זי וואָלט נאָך פאַרשטאַנען, ווען זי האָט כאָטש דעם מינדסטן מיטגעפיל צו די מענטשן, וועגן וועלכע זי האָט געהערט דערציילן. ווען זי האָט כאָטש אַ חוזק־באַציִונג, אַ באַציִונג פון גרינגשעצונג, אָבער זי האָט דאָ צו די לייט און זייערע פּאַסירונגען אין פרוי באָלטאָנס מעשיות קיין שום באַציִונג נישט געהאַט, אויסער נייגיר, פּוסטן נייגיר.

פרוי באָלטאָן פלעגט אין אירע דערציילונגען שטענדיק זיך שטעלן אויף דער זייט פון די אַזוי־גערופענע אידעאַלע מענטשן, פון די מלאכים אין מענטשן־געשטאַלט, וועלכע זענען די באַליבטע העלדן פון די אַלטפרענקישע מעשה־שרייבערס. „ער איז געווען אַזוי געמיין און זי איז געווען אַזוי איידל". אַזוי האָט פרוי באָלטאָן געוויינלעך באַצייכנט איר פערסאָנאַזש. קאָני האָט זיך פון די דערציילונגען אַליין געקאָנט איבערצייגן, אַז נישט זי איז געווען „אַזוי איידל" און נישט ער איז געווען „אַזוי געמיין". פרוי באָלטאָנס איבערגעטריבענע ערלעכקייט האָט זי אָבער געטריבן כמעט שטענדיק צו באַשענקען דעם מאַנספערשוין מיטן

עפּיטעט „געמיין" און איר באַרעדעוודיקייט ווידער האָט בײַ דער פרוי געמוזט צוגעבן דעם טיטול „איידל".

אירע פּליאָטקעס זענען אפשר דעריבער אַזוי דערנידעריקנ־דיק. צוליב דעם זעלבן טעם איז די אַזוי־גערופענע פּאָפּולערע לי־טעראַטור אויך דערנידעריקנדיק. דאָס לייענער־פּובליקום ענטפערט היינט בלויז אויפן רוף פון זיינע אייגענע חטאים.

דאָך האָט מען פון פרוי באָלטאָנס מעשיות געקאָנט באַקומען אַ פאָרשטעלונג וועגן טיווערסהאַל. דאָס דאָרף האָט אויסגעזען ווי אַ שרעקלעכע, פאַרוויקלטע קנויל פון עקלדיקייטן, אָבער נישט אַזוי פלאַך און אײַנטאָניק, ווי ס'האָט זיך אויסגעדאַכט פונם ערשטן בליק. קליפאָרד האָט משמעות טייל אַרבעטער פון דאָרף געקענט פערזענלעך. קאָני האָט ווייניק פון זיי געקענט. אָבער פון פרוי באָלטאָנס דערציילונגען האָט אַרויסגעבליקט נישט דאָס פאַר זיי באַקאַנטע מיטל־ענגלאַנד, נאָר די מיטל־אַפריקאַנישע דזשונגל.

פון אירע דערציילונגען האָט קליפאָרד ביסלעכווייז אָנגע־הויבן באַקומען אַ נייעם בליק אויף זיין דאָרף. עס האָט אים שטענ־דיק עטוואָס געשראָקן, אָבער איצט ? —

— ס'זענען עפּעס פאַרהאַן צווישן זיי אַ סך סאָציאַליסטן, באָלשעוויקעס ? — האָט ער געפרעגט.

— אָ ! — האָט זי געענטפערט, — עס זענען פאַרהאַן עט־לעכע שרייערס. צום מיינסטן זענען עס פרויען, וועלכע זענען אויף צרות און די חובות וואַקסן זיי איבערן קאָפּ אַריבער. די מע־נער האָבן ווייניק דערמיט צו טון. איך גלייב נישט, אַז אונזערס אַן אַרבעטער זאָל באמת קאָנען ווערן אַ קאָמוניסט. אונזערע אַר־בעטער זענען צו פיין, צו באַשיידן דערצו. די יוגנט בריקעוועט צוביסלעך. אָבער עס איז בײַ זיי צייטווײַליק און זייער נישט ערנסט. זיי נייטיקן זיך נאָר אין אַ ביסל געלט אין קעשענע, כדי עס דורכצולאָזן אין זייער פּאָלקס־הויז, אָדער אין שפּילד. דאָס איז עס — נישט מער. אַ ביסל געלט. בלויז דעמאָלט, ווען די קעשע־נע איז בײַ זיי אויסגעליידיקט, האַרכן זיי זיך עטוואָס צו צו די

רויטע איינרעדענישן. באמת גלייבן זיי אָבער דערין אויף דער מינדסטער האָר יישט.

— גלייבט איר, הייסט עס, אַז קיין געפאַר איז נישטאָ?

— אויסגעשלאָסן! כּל=זמן זיי פאַרדינען נאָך, איז געוויס נישטאָ די מינדסטע געפאַר. ווען עס זאָל אָבער אַ לענגערע צייט זיין שלעכט, קאָנען די יונגען ווערן אומפּאַרזיכטיק און דערמיט אפשר אויך געפערלעך. איך פאַרזיכער אייך, סער, — איינס=ביי=איינס אַן עגאָיסטישע, געלט=גייציקע באַנדע. איך גלייב אָבער, אַז זיי וועלן קיינמאָל נישט ריזיקירן אויף עפּעס אַ וויכטיקן שריט. פאַר זיי איז נישט פאַרהאַן קיין שום ערנסטע זאַך, אויסער אַרומפליִען אויף מאָטאָציקלען און פאַרברענגען אַ לוסטיקע מינוט אין „פּאַלע דע דאַנס" אין שעפילד. נישט מעגלעך זיי צוצורעדן צו עפּעס ערנסטס. די ערנסטע צווישן זיי פּראַנטעווען זיך אויס און גייען אַוועק אין טאַנץ=זאַל אַרומשמייען צווישן די מיידלעך און טאַנצן אַ נייעם טשאַרלעסטאָן. טיילמאָל זענען די אויטאָבוסן פול מיט בלויז אונזערע אַרבעטער, יונגע שנעקעס אין פראַקן, וועלכע פאָרן קיין שעפילד אויף אַ טענצל, אַ חוץ די עלעגאַנטן, וועלכע פאָרן צו דעם זעלבן צוועק אינאיינעם מיט זייערע מיידלעך אין אייגענעם אויטאָ אָדער אויפן אייגענעם מאָטאָציקל. זיי טראַכטן קיינמאָל נישט וועגן עפּעס אַנדערש אַ חוץ פערד=געיעגן. אַלע ווי איינער זענען אין די געיעגן בלוטיק פאַראינטערעסירט, און ס'איז נישט פאַרהאַן דער אַרבעטער, וועלכער זאָל נישט מאַכן קיין געוועטן ביי יעדן פערד=געיעג. און דערצו דער פוטבאָל! אָבער דער פוטבאָל איז שוין מער נישט פאַר זיי דאָס, וואָס ער איז געווען אַמאָל. זיי טענהן, אַז דער פוטבאָל איז אַ צו גרויסע אָנשטרענגונג. זיי האָבן מער חשק שבת נאָכמיטאָג צו קנאַקן אויפן מאָטאָציקל קיין שעפילד.

— און וואָס טוען זיי אין שעפילד?

— אָ, דאָרט שלענדערן זיי זיך אַרום... זיי טרינקען טיי אין וועלכער עלעגאַנטער קאָנדיטעריי, זיי גייען מיט זייערע מיידלעך אין „פּאַלע", אין „מיקאַדאָ", אין „פּיקטיר", אָדער אין „אַמפּיר". די

מיידלעך פירן זיך אויף פונקט אַזוי ווי די יונגען. זיי טוען, וואָס עס גלוסט זיך זיי נאָר.

— און ווי איז דער שטייגער, אַז זיי האָבן נישט אויף דעם אַלעם קיין געלט?

— ע, זיי באַקומען שוין געלט. זיי מוזן שוין ערגעץ באַקו־מען. דערנאָך הייבן זיי אָן זייער ניבול־פה. אָבער איך פאַרשטיי נישט, ווי קאָן דאָ אַנטשטיין באָלשעוויזם, אַז די בחורים ווילן דאָ גאָרנישט נאָר געלט אויף אַ לעב צו טון און די מיידלעך אויך דאָס זעלבע און דערצו אויף שיינע קליידער, און מער קיין שום זאַך אינטערעסירט זיי נישט. זיי האָבן צו ווייניק שכל אויף צו ווערן סאָציאַליסטן. זיי האָבן צו ווייניק ערנסטקייט אויף צו באַ־האַנדלען אַ זאַך, ווי ס'באַדאַרף צו זיין — שכל און ערנסט וועלן אונזער חברה קיינמאָל נישט פאַרמאָגן.

קאָני האָט זיך געטראַכט: ווי אויסטערליש ענלעך די נידע־ריקערע געזעלשאַפטלעכע שיכטן זענען צו די העכערע, משפּטנדיק לויט דעם, וואָס זי האָט דאָ געהערט. דאָס איז איינס און דאָס זעלבע, נאָר אין אַן אַנדערער פאָרם: דער מינדסטער אַרבעטער אין שאַכט, קליפאָרד, מיכאַעליס, איר פאָטער, צי זי אַליין. נישטאָ קיין קלאַסן־אונטערשידן ביים היינטיקן טאָג. איין איינציקער קלאַס: געלט־זוכער, געלט־באַדאַרפער, געלט־ליבהאָבער. מענער געלט־ליבהאָבער און פרויען געלט־ליבהאָבערינס. דער איינציקער חילוק איז נאָר אין דעם, וויפיל געלט מ'פאַרמאָגט און צו וויפיל געלט מ'שטרעבט.

אונטער פרוי באָלטאָנס השפעה האָט קליפאָרד זיך אָנגעהויבן אויפסניי אינטערעסירן מיט די אַרץ־גרובנס. ער האָט מיטאַמאָל דערשפּירט זיין שייכות מיט זיי. עס האָט זיך אין אים אַנטוויקלט אַ געוויסער מין זעלבסטזיכערקייט. שליסלעך איז ער דאָך געווען באַלעבאָס איבער טיווערסהאָל, איבער די אַרץ־גרובנס. אים האָט באַהערשט אַ נייער מין כוח, וועלכן ער האָט ביז איצט אויס־געמיטן.

די טיווערסהאָלער גרובנס האָבן וואָס אַמאָל ווייניקער פּראָ־

דוצירט. טעטיק זענען געווען נישט מער ווי צוויי שאַכטעס: „טיִ־ווערסהאָל“ און „ניי־לאַנדאָן“. „טיווערסהאָל“ איז אַמאָל געווען אַ באַרימטער גרובן און איינגעבערענגט היפשן ריווח. אָבער דאָס אַלץ איז געווען אַמאָל. „ניי־לאַנדאָן“ איז קיינמאָל נישט געווען רייך אין אַרץ און זיך שטענדיק קוים געהאַלטן. איצט אָבער זענען די צייטן געווען שלעכטע און „ניי־לאַנדאָן“ איז אינגאַנצן געשטאַנען.

בלויז אַ דאַנק פּרוי באַלטאַנס מעשיות האָט זיך אין קלי־פאָרדן אויפגעוועקט אַ פרישע ענערגיע. פּרוי באָלטאָן האָט אַזוי געקירעוועט אירע דערציילונגען, אַז קליפאָרד זאָל דערזען, אַז פון זיינע גרובנס קאָן מען נאָך ציען רווחים, אַז בכלל איז נאָך פאַר־האַן מיט זיי וואָס אויפצוטון. אים איז באמת נישט אַזוי פיל געגאַנ־גען אין די גרובנס, ווי אין דער טעטיקייט אַרום זיי.

ערשט איצט האָט ער אָנגעהויבן אונטערשיידן צווישן דער־פאָלג אויפן געביט פון פּאָפּולאַריטעט און דערפאָלג אויפן געביט פון אַרבעט צווישן מענטשן, וואָס אַרבעטן און געניסן פון זייער אַרבעט. ער האָט ביז איצט געליפערט זיין טעטיקייט, זיין ליטע־ראַרישע טעטיקייט פאַר דער געניסנדיקער טייל פון דער געזעל־שאַפט, אָבער נישט פאַר דער אַרבעטנדיקער. ער האָט דערביי נישקשהדיקע געשעפטן געמאַכט. אָבער אונטער דערדאָזיקער גע־ניסנדיקער שיכט געפינט זיך נישט די אַרבעטער־באַפעלקערונג, אַ ריזיקע מאַסע בייזע, איינגעריסטע, שרעקלעכע מענטשן. אויך זי האָט געדאַרפט האָבן אירע פאַרזאָרגער, און עס איז אַ סך ווייניקער אָנגענעם געווען צו פאַרזאָרגן די טייל באַפעלקערונג, וועלכע אַר־בעט, אַנגענעמער איז צו פאַרזאָרגן יענע, וועלכע זוכט גענוס, פאַרווייליונג. אין דער זעלבער צייט, וואָס ער האָט געשריבן זיין ליטעראַטור און „דערגרייכט צו עפּעס“, איז דערווייל טיווערסהאָל אַוועק אויף שלעכטע וועגן.

ער האָט ערשט איצט פאַרשטאַנען, אַז די הינטישע געטין פון דערפאָלג האָט אַפּעטיט צו צוויי זאַכן: צו חניפה, רום, שם, — דאָס גיבן איר קינסטלער און דיכטער, און צו פשוט פלייש און ביינער. און פלייש און ביינער שטעלט צו דער הינטישער געטין

אַן אַנדערער סאָרט מענטשן, מענטשן, וואָס מאַכן געלט, מענטשן, וואָס מאַכן געשעפט.

יאָ, צוויי מינים הינט יאָגן זיך נאָך דער הינטישער געטין: דער ערשטער מין שטעלט איר צו פאַרווײַלונגען, ליטעראַטור, פילמען, טעאַטער און אַנדערע קונסט; דער צווייטער מין גיט איר גשמיותדיקערע שפּײַז — געלט, געלט און נאָכאַמאָל געלט. די געצערטלטע לוקסוס־הינט, די קונסט־ליפעראַנטן קעמפן צווישן זיך, בײַלנדיק אײנס אויפס אַנדערע; אָבער דערדאָזיקער קאַמף איז אַ קינדער־שפּילעכל אין פאַרגלײַך מיט יענעם צווייטן מין קאַמף, וואָס עס פירן צווישן זיך די ליפעראַנטן פון פלייש און ביינער פאַר דער הינטישער געטין, זייער קאַמף איז אַ געראַנגל אויף לעבן און טויט.

אונטער דער השפּעה פון פרוי באָלטאָן האָט קליפאָרד געוואָלט אַ פּרווו טון אָנטיילנעמען אינם צווייטן קאַמף און באַקומען פאַר זיך די הינטישע געטין דורך די ברוטאַלע מיטלען פון אינדוסטריע־קאַמף. עס האָט אים ביסלעכווייז פאַרכאַפּט דערדאָזיקער קאַמף, פרוי באָלטאָן האָט באַוויזן אין איין פּרט צו מאַכן קליפאָרדן פאַר אַן עכטן מאַן; קאָני וואָלט דאָס קיינמאָל נישט געקאָנט באַווײַזן. קאָני האָט אים געהאַלטן אָפּגעזונדערט פון אַלעמען, זי האָט אים צוגעשטעלט אַזעלכע עמאָציעס, אַז ער זאָל האָבן דאָס באַוווסטזײַן פון זײַן אייגענעם „איך" און פון זײַן שטאַנד. פרוי באָלטאָן האָט אים איצט געמאַכט באַוווסטזיניק פאַר אויסערלעכע דערשײַנונגען. אינערלעך האָט ער אָנגעהויבן ווערן ווייך ווי אַ טייג, אָבער אויסערלעך האָט ער ביסלעכווייז אָנגענומען ענערגיע.

ער איז דערגאַנגען דערצו, אַז ער האָט איין מאָל באַזוכט דעם גרובן. דאָרט זײַענדיק, האָט ער זיך געהייסן אַראָפּלאָזן אין שאַכט און אַפילו געפאָרן איבער די קאָרידאָרן אין אַ וואַגאָנעטקע. דאָס, וואָס ער האָט שטודירט פאַר דער מלחמה און וואָס ער האָט שוין אינגאַנצן געהאַט פאַרגעסן, האָט ווידער אויפגעלעבט אין זײַן זכרון. ער, דער קריפּל, איז געזעסן אײַנגעקוליעט אינם

וואַגאָנדל און דער עלטסטער שטיגאַר האָט אים געוויזן די אַרי-
שיכטן, באַלייכטנדיק זיי מיט זיין לאַמטער. קליפאָרד האָט גע-
שוויגן די גאַנצע צייט, אָבער דער גייסט אין אים האָט אָנגעהויבן
רעדן ווערטער.

ער האָט אָנגעהויבן ווידער איבערקוקן זיינע טעכנישע ווערק
וועגן באַרג-וועזן, שטודירן די רעגירונגס-באַריכטן אויף דעם גע-
ביט, לייענען מיט התמדה די נייעסטע דייטשישע ווערק וועגן
דער פיזיק און כעמיע פון שטיינקוילן און שיפער. די וויכטיקסטע
דערפינדונגען זענען ווי געוויינלעך נישט געווען אָפּגעדרוקט אין
די ווערק, זיי האָלט מען פאַרבאָרגן בסוד-סודות. קליפאָרד האָט
ווידער דערזען, ווי גרויס די קראַפט פון מענטשלעכער פאָרשונג
איז, ווי טייוולִיש-מעכטיק עס איז די נבואהדיקשע פאָראויסזעאונגס-
קראַפט פונם ניי-צייטיקן טעכנישן גייסט, גלייך ווי דער טייוול
אַליין וואָלט די טעכנישע אינדוסטריע-וויסנשאַפטן געשאָנקען אַן
איבערנאַטירלעכן גיהנום-כוח. אָ, דאָס איז אינטערעסאַנטער, וויכ-
טיקער, גרעסער פון דער ליטעראַטור, פון דער קונסט. פיל מער
עמאָציאָנעל ווי די נישטיקע געפיל-מאַכערייקעס, די האַלב-אידיאָ-
טישע פלאַפּלערייען, וועלכע רופן זיך קונסט-לייסטונגען. אויפן
פעלד פון טעכנישער אינדוסטריע-קונסט זענען די מענטשן געווען
גלייך צו געטער, אָדער צו טייוולאָנים, זיי זענען געווען פול מיט
דערפינדונגס-גייסט. אויפן דאָזיקן געביט זענען די אויפטוען ווייט,
ווייט איבערגעשטיגן אַלע דערוואַרטונגען. קליפאָרד האָט אָבער
גלייכצייטיק געשפּירט נישט דעם ריח פון מענטשלעכן פּראָגרעס,
פון דערהייבונג פונם מענטשלעכן מין, נאָר דעם גערוך פון דער
הינטישער געטין.

אָבער זאָל זיין אַזוי. זאָל דער מענטש אויפן געביט פון
פילבאַרקייט, אויפן געביט פון מענטשלעכקייט זיך קייקלען צום
אָפּגרונט ־ון פולשטענדיקן אידיאָטיזם. דאָס איז קליפאָרדן לחלוטין
נישט אָנגעגאַנגען. ווער דאַרף די אַלע רוחניותדיקע שאַלעמויזן!
אים איז נאָר אָנגעגאַנגען איינס: די טעכניק פון היינטצייטיקן

אינדוסטריע-וועזן און דאָס אויפהייבן טיוּוערסהאָל צו אַ הויכער מדרגה פון פּראָדוקטיווקייט.

טאָג-ביי-טאָג פלעגט ער איצט קומען צו דער אַרבעט אין גרובן, שטודירט, קאָנפערירט מיטן הויפּט-דירעקטאָר, מיטן טעכנישן לייטער, מיטן אויבער-שטיגער, מיט די אינזשיניערן, וועלכע עס וואָלט זיך קיינמאָל אפילו נישט געחלומט, סער קליפאָרד זאָל זיך פלוצלינג פאַרנעמען מיט זיי. מאַכט! ער האָט דערשפּירט דעם כוח פון מאַכט! די מאַכט איבער די אַלע מענטשן, איבער די הונדערטער אַרבעטער. ער האָט זיך אָנגעהויבן אָריענטירן; ער האָט אָנגעהויבן אַריינגעמען אַלץ אין זיינע אייגענע הענט.

און געדאַכט האָט זיך, אַז ער איז באמת באַנייט געוואָרן. ערשט איצט איז ער געוואָרן באמת פול מיט לעבן! לעבנדיק מיט קאָנין, אין פּערזענלעכער איזאָלאַציע צוזאַמען מיט אַ הייפל קינסטלער, באַוווסטזיניקע דענקער און גריבלער, איז קליפאָרד בהדרגהדיק אָפּגעשטאָרבן. איצט האָט ער דאָס אַלץ געשיקט צום טייוול. ער האָט ממש געפילט, ווי פונם ערד-גרובן, פון די שטיינקוילן האָט אַריינגעשטראָמט אין אים אַ נייער, מעכטיקער לעבנסשטראָם. אפילו די ענגע לופט אין שאַכט איז אים ליבער געווען פון דער פרישער אַטמאָספער אין וואַלד. זי האָט אים געמאַכט פילן די באַדייטונג פון מאַכט, פון זיין מאַכט! ער האָט עפּעס אויפגעטון און ער האָט געצילט נאָך מער אויפצוטון. ער האָט געשטרעבט צו זיג, צו זיג: נישט ווי אין זיין פריערדיקן וועג, ווען מיט זיינע נאָוועלעס איז ער אויסן געווען נישט מער ווי פּאָפּולאַריטעט. איצט איז ער געגאַנגען מיטן וועג פון מענלעכקייט, פון מענלעכן קאַמף און נצחון.

אינאָנהייב האָט זיך אים אויסגעוויזן, אַז זיין וועג איז — עלעקטריציטעט: פאַרוואַנדלען די שטיינקוילן אין עלעקטרישער קראַפט. דערנאָך איז אים אונטערגעקומען אַן אַנדערער געדאַנק. דייטשלאַנד האָט דערפונדן אַ נייעם מין לאָקאָמאָטיוו, וועלכער האָט נישט געדאַרפט קיין הייצער און וועלכער ווערט געטריבן

דורך אַ נייעם מין באַהייצונג, וואָס גיט אַרויס אַן אומגעהייער־גרויסע היץ.

דידאָזיקע זאַך האָט קליפאָרדס אויפמערקזאַמקייט צוגעשמידט צו זיך. ער האָט באַשלאָסן צו פּרווון פּראָדוצירן פון זיינע שטיינקוילן אַזאַ מין ניי הייץ־מאַטעריאַל. ער האָט אָנגעהויבן דורכפירן עקספּערימענטן און צו דעם צוועק האָט ער אַראָפּגעבראַכט אַ דייטשישן טעכניקער, אַ ספּעציאַליסט אויף דעם געביט.

ער האָט פאַרגעפילט דעם זיג. ער האָט געפילט, אַז דאָ שטייגט ער זיך אַליין איבער. עס ווערט דערפילט דער הויפּטטרוים פון זיין לעבן — איבערשטייגן זיך אַליין. די קונסט, מיט וועלכער ער האָט זיך ביז איצט פאַרנומען, האָט אים דאָס נישט געגעבן, נישט געקאָנט געבן. אָבער איצט, איצט!...

ער האָט אפילו קיין אַנונג נישט געהאַט, וויפיל פרוי באָלטאָן העלפט אים צו, ער האָט גאָרנישט געוווסט, אויף וויפיל ער איז אָפּהענגיק פון איר. נישט קוקנדיק דערויף, האָט ער זיך זייער שטאַרק לעצטנס דערנענטערט צו איר, אַזש ביז וווּלגאַרער אינטימקייט.

צו קאָני האָט ער זיך באַצויגן אינגאַנצן אַנדערש, עפּעס אַזוי ווי שטייף, אָנגעצויגן. ער האָט געפילט, וויפיל דאַנקבאַרקייט ער איז איר שולדיק, וויפיל זי האָט פאַר אים געטון און ער האָט פאַר איר אַרויסגעוויזן גרויס אַכטונג, ממש רעספּעקט, ווי לאַנג זי האָט אים לפּחות אויסערלעך רעספּעקטירט. עס איז אָבער קלאָר געווען צו באַמערקן, אַז אין געהיים שרעקט ער זיך פאַר איר. דער נייער אַכילעס, וועלכער איז אין אים געבוירן געוואָרן, האָט זיך געהאַט זיין אַכילעס־פּיענטע. און אין דערדאָזיקער אָנגעווייטיקטער פּיענטע האָט אים קיינער נישט געקענט אַזוי ווייטיקדיק אַריינטרעפן, ווי דווקא דידאָזיקע פרוי, דידאָזיקע קאָני, די פרוי זיינע. ער האָט געלעבט לגבי איר אין אַזאַ מין פאַטאַלער מורא, אַזאַ מין פאַרבאַהאַלטענער, אונטערטעניקער שרעק, וועלכע האָט אים געצוווּנגען אומגעוויינלעך־צאַרט, אויסטערליש־העפלעך און איידל זיך צו באַציִען צו איר. אָבער ער פלעגט האָבן אַן אָנגע־

שטרענגסטע, אַ געצווונגענע שטימע, ווען ער האָט גערעדט צו איר. ביסלעכווייז האָט ער אָנגעהויבן פּשוט שווייגן אין איר אָנ־ וועזנהייט.

אָבער ווען ער איז געווען אַליין מיט פרוי באָלטאָן, האָט ער זיך ערשט געפילט אַלס העלד, אַלס אויפטוער, און בשעת זיי האָבן גערעדט צווישן זיך, האָט זיין שטימע אָפּגעקלונגען אַזוי פריי, אַזוי זיכער, אַזוי פעסט. זי האָט אים געראַזירט, געצוואָגן, געבאָדן, געוואַשן אים דאָס גאַנצע לייב מיט אַ שוואָם, ווי ער וואָלט געווען אַ קליין קינד, טאַקע פונקט ווי ער וואָלט געווען אַ קליין קינד.

קאַפּיטל X

קאָני האָט לעצטנס פאַרבראַכט די צייט אין איינזאַמקייט. ווייניקער געסט פלעגן קומען צו זיי. קליפאָרד האָט זיי איצט נישט געדאַרפט. די „חברימלעך" זיינע זענען אויך ביסלעכווייז אַנטרו־ נען געוואָרן. ער האָט ליב באַקומען ראַדיאָ און זיך איינסטאַלירט זייער אַ טייערן אַפּאַראַט. ער האָט פאַרבראַכט די צייט אין הערן מאַדריד, פראַנקפורט, אָדער בעלגראַד. שעהנלאַנג פלעגט ער אַזוי אָפּזיצן און הערן דאָס גרילצן פונם הילכער. קאָני האָט די נייע מאַניע זיינע נישט געקאָנט פאַרשטיין. ער פלעגט זיצן גאַנצע טעג מיט אַן אומבאַוועגלעך, הילצערן פּנים, ווי אַ חסר־דעה, און אויס־ הערן די שטותים, אַלנפאַלס האָט זיך געדאַכט, אַז ער הערט דאָס אַלץ אויס.

צי ער האָט פּאַקטיש געהערט, צי דאָס איז מער נישט גע־ ווען, ווי נאָר אַזאַ מין באַטויבונגס־מיטל, וועלכעס ער האָט איינגענו־ מען, כּדי צו קאָנען זיין טעטיק אויף אַן אַנדער געביט? קאָני האָט זיך דאָס נישט געקאָנט דערקלערן. זי האָט זיך פאַרשפאַרט אין איר צימער, אָדער אַנטלאָפן אין וואַלד אַריין. עס פלעגט זי אַרומכאַפּן טיילמאָל אַ פּחד, אַן אימה פאַר דער גאַנצער ציוויל־

זירטער וועלט, אַז אַט־אָט און זי ווערט אינגאַנצן משוגע, די וואַ
זיניקע וועלט.

זי האָט געזען, ווי קליפאָרד ווערט אַלץ מער אַריינגעצויג
אין דער אומהיימלעכער אינדוסטריע־טעטיקייט, ווי ער ווערט אַל
מער פאַרוואַנדלט אין אַ באַשעפעניש מיט אַ האַרטן פאַנצער א
אַ קלעפּיקן קערפּער, לויטן מוסטער פון די הייַנטצייטיקע שלימ
קעס פון דער אינדוסטריעלער און פינאַנציעלער וועלט, שלימ
קעס אָן אַ רוקנביין, מיט אַ שטאָלערנעם פאַנצער ווי אַ מאַשי
און מיט אַ גוף פון ווייכן, גליטשיקן שליים; — קאָני איז אינ
גאַנצן פאַרווירט געוואָרן.

אָבער באַפרייט פון אים איז זי נישט געוואָרן, ער האָט ז
נאָך אַלץ געמוזט האָבן לעבן זיך. ער האָט זיך משמעות אינעו
לעך געשראָקן, זי זאָל אים נישט פאַרלאָזן אינגאַנצן. זיין קלעפּ
זע, שליימיקע טייל אונטער דעם האַרטן פאַנצער, זיין עמאָצי
עלע, מענטשלעך־אינדיווידועלע טייל איז פול געווען מיט שרע
גאַר איר, מיט קינדישער, כמעט אידיאָטישער שרעק פאַר איר.
האָט געמוזט דאָ זיין, זיך געפינען דאָ ביי אים, אַלס די לייד
ושאַטערליי, אַלס די פרוי פון סער קליפאָרד, אַלס זיין פרוי
נדערש וואָלט ער ווי אַן אידיאָט דערטרונקען געוואָרן אינב
לעבנס־זומפּ.

קאָני האָט געשפּירט דידאָזיקע אָפּהענגיקייט זיינע פון איר
און דאָס האָט זי ממש געשראָקן. זי האָט געהערט ווי קליפאָר
שמועסט מיט זיינע דירעקטאָרן, מיט די מיטאַרבעטער, מיט די
יונגע וויסנשאַפטלער און זי האָט באַוואונדערט זיין טיפן שכל, זיין
באַנעמע אַ זאַך, זיין איבערגעוויכט איבער די פאַכלייט, וועלכע
האָבן זיי רע ציין אויפגעגעסן ביי דער אינדוסטריע. דאָס זענע
געווען מענטשן פון טאַט. קליפאָרד אַליין איז געוואָרן אַ
פון טאַט, פון מעשים, פון טאָג־טעגלעכער טאַט. ער אי
פּיקחותדיק, ווייטזעעודיק, ממש דורכגעטריבן. קאָני האָט גע
אַז דאָס האָט ער צו פאַרדאַנקען דער השפּעה פון פרוי באָלטאָ

וועלכע איז אים אונטערגעקומען אין אַ דעצידירנדיקן מאָמענט פון זיין לעבן.

אָבער זייענדיק געשיקט, פּראַקטיש, פּאַראויסזעענדיק אין די געשעפטן, איז ער גלייכצייטיק געווען כמעט אַן אידיאָט, ווען עס האָט זיך געהאַנדלט אין געפילן, אין אינערלעכע נשמה־עמאָציעס. ער האָט ממש פאַרגעטערט קאָנין, זי איז געווען זיין פרוי, אַ העכער וועזן, ער האָט זי פאַרהערלעכט עפּעס אַזוי פּחדנותדיק, עצנדינעריש, ווי אַ ווילדער מענטש; דאָסדאָזיקע געפיל זיינס צו זיר האָט זיך גענומען פון זיין פּחד, אָדער גאָר פון זיין שנאה צו דעם אָפּגאָט זיינעם. דער איינציקער פאַרלאַנג זיינער איז געוועזן, אַז קאָני זאָל אים געבן די הייליקסטע שבועה, אַז זי וועט אים קיינמאָל נישט פאַרלאָזן, אַז זי וועט אים נישט איבערלאָזן אויף גאָטס באַראָט.

— קליפאָרד, — האָט זי צו אים איינמאָל געזאָגט (געווען איז דאָס נאָכדעם, ווי זי האָט שוין געהאַט ביי זיך דעם שליסל פון וואַלד־שייער), — זאָג מיר, וואָלסט באמת צופרידן געווען, ווען איך זאָל האָבן אַ קינד?

קליפאָרד האָט זי אָנגעקוקט מיטן בולטן אומרו אין זיינע בלאַסע אויגן.

— איך וואָלט גאָרנישט געהאַט קעגן דעם, ווען אונזערע באַציִונגען זאָלן ווייטער בלייבן ווי געווען, — האָט ער געענטפערט.

— וואָס הייסט: די באַציִונגען זאָלן בלייבן ווי געווען? — האָט קאָני געפרעגט.

— איך מיין אונזערע קעגנזייטיקע באַציִונגען, אונזער קעגנזייטיקע ליבע זאָל בלייבן. ווען אונזער ליבע זאָל דערפון דערפון ליידן, וואָלט איך געווען אַנטשלאָסן קעגן דעם. עס איז איך נאָך מעגלעך, אַז פון מיר זאָלסטו קאָנען אַ קינד האָבן.

קאָני האָט אים אָנגעקוקט מיט פאַרוווּנדערונג.

— דאָס הייסט, אַז די פעיִקייט צו געשלעכטלעכער באַציִונג איך צוריק באַקומען.

זי האָט אים נאָך אַלץ אַזוי שטאַר און דערשטוינט אָנגע־קוקט. קליפאָרד האָט זיך פאַרלוירן.

— הייסט עס, ווילסטו נישט, איך זאָל האָבן אַ קינד? — האָט קאָני ווידער געפרעגט.

— איך זאָג דאָך דיר, — האָט איר קליפאָרד איילִיק גע־ענטפערט מיט אַ מינע פון אַ געפּלאָגטן הונט, — איך פאַרזיכער דיך, אַז איך וואָלט גאָרנישט געהאַט קעגן דעם. אדרבא, איך בין פולשטענדיק מסכים דערויף, אויב עס זאָל נאָר נישט אָנרירן אונ־זערע באַציִונגען, אונזער ליבע. קוים דאַרף דאָס שטערן אונזער ליבע, בין איך דורכאויס קעגן דעם.

קאָני האָט געשוויגן, דערויף האָט זי בלויז געקאָנט שווייגן אין קאַלטער אַנגסט און מיט אַ געפיל פון איבלדיקייט. דאָס זע־נען געווען רייד פון אַ פּאַקטישן אידיאָט.

— זיי זיכער, דאָס וועט מיינע געפילן צו דיר נישט ענ־דערן, — האָט זי געענטפערט מיט איינגעהאַלטענעם שפּאָט.

— דאָס איז עפּעס אַנדערש! — האָט קליפאָרד זיך צע־היצט. — אַזוי איז עפּעס אַנדערש! אַזוי — בין איך פולשטענדיק מסכים. מיר שיינט, אַז עס וואָלט געווען זייער, זייער ליב, ווען עס זאָל דאָ אַרומלויפן ביי אונז אַ קינד און מיר זאָלן פילן, אַז אַלץ, וואָס מיר טוען אויף, טוען מיר פאַר דעם קינדס וועגן. אָ, עמאָלט וואָלט איך געהאַט דעם אייגנטלעכן ציל פאַר מיינע באַ־מיִונגען, איך וואָלט געוווסט, אַז דער ציל — דאָס איז דיין קינד. אמת אַזוי, טייערע? און עס וואָלט געווען מיין קינד, גלייך ווי מיינס. אמת? מיר גייט דאָך בלויז אין דיר, טייערע? דו ווייסט עס דאָך אַליין, דו פילסט עס דאָך. אמת? איך בין דאָך דאָ גאָר־נישט, איך שפּיל דאָך דאָ קיין שום ראָל נישט, איך גיי דאָך נישט אַריין אין חשבון. אויב מ׳רעדט וועגן פאַרזעצן דאָס לעבן, ווי קאָן איך־זשע גאָר גענומען ווערן אין חשבון אַריין. דאָס הייסט — איך אַלס איך, איך אָן דיר בין דאָך אַ פולשטענדיקער נול, אַ

זערע. איך לעב דאָך בלויז פאַר דיר און פאַר דיין צוקונפט. פאַר זיך אַליין בין איך דאָך ממש גאָרנישט.

קאָני האָט דאָס אַלץ אויסגעהערט מיט טיפן ווידערגעפיל און עקל. אין די רייד האָט געשטעקט איינער פון יענע האַלבע אמתן, וועלכע האָבן אָפּגעסמט דאָס מענטשלעכע לעבן. וועלכער מאַנספּערשוין מיט נאָרמאַלע געהירן וואָלט אַזעלכעס דערקלערט פאַר זיין ווייב! ווו נעמט מען אָבער דעם מאַנספּערשוין מיט נאָרמאַלע געהירן? וועלכער מאַנספּערשוין מיט אַ ברעקל אַכטונג צו זיך וואָלט אָנגעוואָרפן אַ פרוי אַזאַ אומגעהייערן עול אויף די פּלייצעס און דערנאָך זי איבערגעלאָזט אַליין זיך ראַנגלען מיטן לעבן?

אין אַן איינציקער האַלבער שעה אַרום האָט קאָני געהערט, ווי קליפאָרד האָט מיט אַ הייזעריקלעך קול זיך אויסגעשמועסט מיט פרוי באָלטאָן, און זיין שמועס, דער טאָן פונם שמועס איז געווען אַזאַ אינטימער, ווי די פרוי וואָלט געווען זיין האַלב־געליבטע, האַלב־ניאַנקע. די פרוי באָלטן האָט אים אָנגעטון דעם פראַק — אין הויז זענען געווען געסט.

אין יענער צייט פלעגט קאָני האָבן אַזאַ מין געפיל, ווי זי וואָלט בקרוב געדאַרפט שטאַרבן. זי האָט געפילט, אַז די אַטמאָספער פון אויסטערלישן שקר און ברוטאַלן עגאָיזם וועט זי בקרוב אַריינטרייבן אין קבר. דער ווונדערלעכער אינטערעס, וועלכן קליפאָרד האָט פּלוצלינג אַרויסגעוויזן צו אינדוסטריע־ענינים, האָט זי אָנגעפילט מיט אַן אומבאַשטימטער מורא פאַר עפּעס, זיין עפנטלעכע דערקלערונג פון דער ליבע צו איר האָט אין איר אויפגעוועקט אַ געפיל פון אומהיימלעכן פּחד. עס איז דאָך צווישן זיי מער קיין פיצל געמיינזאַמקייט נישט געווען. זי האָט מער מיט אים אפילו קיין איין באַרירונגס־פונקט נישט געהאַט. איבערגעריסן דער קאָנטאַקט. ער האָט לעצטנס אפילו איר האַנט נישט גענומען אין זיינער, נישט געווענדט זיך צו איר מיט האַרציקייט, ווי פריער. טאַקע דעריבער האָט זי אַזוי געערגערט זיין ליבעס־דערקלערונג. זי האָט עס אויסגעטייטשט ווי אַן אכזריות פון אַ

פֿולשטענדיקן אימפּאָטענט. קאָני האָט געהאַט אַן איינדרוק, אַז לענגער ווי זי עס נישט אויסהאַלטן, זי וועט שטאַרבן, אָדער צראָפּ ס ין.

יף וויפֿיל עס איז מעגלעך געווען, פֿלעגט זי אַנטלויפֿן אין אַלד אַריין. איינמאָל נאָכמיטאָג איז זי אַזוי געזעסן און גע־ט אַכט ביי דעם יוני־קוועלעכל, באַווייזט זיך פֿון וואַלד אַרויס דער וואַלד־אויפֿזעער.

ער איז צוגעקומען, אַרויסגעמורמלט די באַגריסונג און דער־לאַנגט איר אַ שליסל.

— איך האָב געלאָזט מאַכן אַ צווייטן שליסל פֿאַר אייער דורכלויכט.

— איך דאַנק אייך זייער, — האָט קאָני אַ זאָג געטון, אויפֿ־וואַכנדיק פֿון אירע געדאַנקען.

— דער שייער איז נישט אין אָרדענונג, אָבער איך פֿאַר־האָף, אַז אייער דורכלויכט וועט נישט פֿאַראיבל האָבן, — האָט ער געזאָגט. — איך האָב דאָרט צוגערוימט, וויפֿיל ס'איז מעגלעך געווען.

— צוליב וואָס האָט איר זיך באַמיט? כ'האָב דאָך אייך געזאָגט, אַז עס איז נישט נייטיק.

— אַ קלייניקייט. עס מאַכט נישט. אין אַ וואָך אַרום וועל איך שוין איבערזעצן די פֿאַזאַן־הינער, איר זאָלט זיך פֿאַר זיי נישט איבערשרעקן. איך וועל אַריינבליקן צו די פֿאַזאַ־הינער נאָר צוויי מאָל אין טאָג, פֿאַרטאָג און פֿאַרנאַכט, איך גלייב, אַז איך וועל אייך נישט שטערן

— איר וועט גאָרנישט שטערן, פֿאַרקערט! — האָט קאָני אויסגערופֿן. — אויב איר וועט אייך אין עפּעס שטערן, וועל איך דעם שליסל נישט אויסנוצן און נישט קומען אין שייער.

דער וואַלד־אויפֿזעער האָט אויף איר געוואָרפֿן אַ שאַרפֿן בליק. ער האָט געמאַכט אַן איינדרוק פֿון אַ שוואַכן מענטש, זיין פּנים איז געווען אָפּגעצערט און אינגאַנצן איז ער געווען אַזאַ מאָ־גערער. ער האָט געהוסט.

— איר הוסט? — האָט קאָני באַמערקט.

— נאַרישקייטן, ס'איז גאָרנישט — געכאַפּט אַ פּאַרקילונג. בכלל הוסט איך אָפּט, דאָס איז מיר איבערגעבליבן פון אַ לונגען־אָנטצינדונג.

ער איז געשטאַנען דערווייטערט פון איר

די ווייטערדיקע טעג פלעגט זי אָפּט קומען צום שייער, אָבער קיין איין מאָל אים נישט געטראָפן דאָרט. ווייזט אויס, ער האָט זיך באַמיט זי אויסצומיידן. ער האָט געוואָלט ווי ביז איצט בלייבן דערווייטערט פון מענטשן.

דער שייער איז געווען צוגערוימט. אַ קליין טישל מיט אַ שטול זענען געשטאַנען פאַר אירעטוועגן ביים אייוועלע, עס איז געווען צוגעגרייט אַ ביסל שפּענער און אַ פּאָר העלצער צום אונ־טערהייצן. זיינע נעצן, דאָס געצייג און אַנדערע זאַכן זיינע האָט ער פאַררוקט אין די ווינקלען, ווי ער וואָלט געוואָלט יעדן שפּור נאָך זיך פאַרווישן. ביי דעם שייער פונדרויסן האָט ער איינגע־אָרדנט אַן אָפּדעכל, אונטער וועלכן עס זענען געווען פינף שטייגן פאַר די קוואָקעס. איינמאָל איז קאָני געקומען פאַרמיטאָג און דער־זען צוויי קוואָקעס אונטערן אָפּדעכל. זיי זענען געזעסן צעפּעדערט און אָנגעבלאָזן. זיי זענען געזעסן אויף פאַזאַן־אייער, מ'האָט תיכף געקאָנט באַמערקן אין זיי דעם שטאָלץ און די אייפעריקייט, מיט וועלכע עס אונטערשיידן זיך קוואָקעס ביים אויסזיצן אייער. קאָנין האָט דער אָנבליק פון די אייפעריקע הינער־מוטערס גערירט ביים האַרץ. זי אַליין, זי גופא איז אַזאַ אומטויגלעכע, אַזאַ אומנוצלעכע, אַזאַ נישט־פרוילעכע ממש, אַ הילצערנע, אַ טויטע.

אין קורצן זענען שוין אויף אַלע פינף ערטער געזעסן די קוואָקעס: דריי ברוינע הינער, איינע אַ געפלעקטע, אַ העלע און נאָך איינע אַ שוואַרצע. אַלע זענען זיי געזעסן אויף די אייער גלייך, מיט אָנגעבלאָזענע פעדערן, אָבער דעליקאַט, לייכט, מיט מוטערלעכער ווירדיקייט. מיט גלאַנצעדיקע אייגלעך האָבן זיי נאָכגעקוקט קאָנין, ווען זי האָט זיך אַראָפּגעזעצט טשיפּקע און זיי

נעגטער באַטראַכט. זיי האָבן אַרויסגעלאָזט פון די העלזלעך אויפ־
געדעגטע, בייזע קלאַנגען.

קאָני האָט אויסגעזוכט אַ קעסטעלע מיט פּראָסע און דער־
לאַנגט די הינער אויף דער האַנט. זיי האָבן נישט געגעסן. איי־
נע, די שוואַרצע, האָט איר אַ שטאַרקן פּיק געטון אין דער
האַנט, קאָני האָט זיך אַזש איבערגעשראָקן. עס האָט זי אָבער גע־
צויגן עפּעס צו דערלאַנגען די קוואָקעס, דידאָזיקע מוטער־הינער,
וועלכע האָבן אַזוי אייפעריק אָפּגעהיטן זייער מוטערשאַפט אומגע־
געסן און אומגעטרונקען. זי האָט זיי צוגעטראָגן וואַסער אין אַ
בלעכן טעפּעלע, און איר גליק איז געווען גרויס, ווען איין הון
האָט עטוואָס אָפּגעטרונקען פונם טעפּעלע.

יעדן טאָג איז זי געקומען צו די קוואָקעס, איר האַרץ
פלעגט זיך שמעלצן פון פרייד, בשעת זי האָט געקוקט אויף זיי.
איר קאַלטקייט אין די באַציִונגען צו קליפאָרדן, צו פרוי באָל־
טאָן, צו די געסט, וואָס פלעגן גראָד קומען צו זיי, איז גע־
שטיגן פון טאָג־צו־טאָג. פון מיכאַעליסן איז אָנגעקומען אַ בריוו.
זי האָט דעם בריוו אויך אויפגענומען זייער קאַלט. זי האָט גע־
פילט, אַז טאָמער געדויערט דערדאָזיקער צושטאַנד לענגער, וועט
זי געוויס שטאַרבן.

ס'איז אָבער געווען פרילינג, די ווילדע היאַצינטן האָבן זיך
צעבליט אין וואַלד, אויף די ניסן־ביימלעך האָבן געפּלאַצט די
קנאָספּן און אַ גרינער רעגן האָט באַשפּרענקלט די ערד. אַ שרעק!
דאָ קומט אָן דער פרילינג און ביי קאָנין אין האַרץ איז אַזוי קאַלט,
אַזוי קאַלט! נאָר די קוואָקעס אויף די אייער זענען אַזוי צעפּע־
דערט, אַזוי צעפּאַטלט, אַזוי הייס, אַזוי הייס זייערע לייבער, וועל־
כע בריִען אויס די קינדערלעך. קאָני האָט געפילט, אַז איר לעבן
געפינט זיך אויפן ראַנד פון טויט־חלשות.

און שפּעטער, שפּעטער אַ ביסל, אין אַ הערלעכן, זוניקן
טאָג, אונטער די ניסן־ביימלעך שפּראָצן גאַנצע מחנות גאָלדשלי־
סעלעך, ביי די ראַנדן פון די וואַלד־שטעגן טוליען זיך זיס־
שמעקנדיקע פיילכן, איז זי געקומען נאָכמיטאָג צום שייער און

דערזען אַ קליין, חוצפּהדיק עופהלע אַרומשפּרינגען, אַרומהיפּן נישט ווייט פונם אַפּדעכל, און די מאַמע־קוואָקע האָט דערשראָקן ארויסגעשטעקט דעם קאָפּ צו איר אַנטרונען עופהלע און מוראדיק געקוואָקעט. דאָס עופהלע איז געווען ברוין־און־בלוי, אַ געפּלעקט גופל; קאָני האָט אין דעם ניי־געבוירענעם נפשל געזען דאָס גרעסטע וואונדער אין דער וועלט, דעם נס פון יצירה, פון באַשאַפונג. אַזאַ פּיצלס, אַזאַ באַשעפענישל און ס'איז שוין אַזוי פולקאָם און אַזוי דרייסט, אַזוי אומדערשראָקן. ווען עס איז היפּנדיק און פאַלנדיק, אויפשטייענדיק און ווידער פאַלנדיק צוריק צוגעפאַלן צו דער מוטער און אַרונטערגעקראָכן אונטער אירע פליגל, האָט עס אויך נישט אַרויסגעוויזן די מינדסטע שרעק; דאָס אַלץ: דער מוטערס יעלות, דעם גאַנצן אַרום, די אייגענע דרייסקייט, די באַשיצערישע פליגל פון דער קוואָקע האָט עס באַטראַכט ווי אַזאַ מין שפּיל, אַ לעבנס־שפּיל. אין איין רגע אַרום האָט דאָס ברוינע קעפּעלע שוין ווידער אַפּגעקוקט פון אונטער דער קוואָקעס גאָלדיק־ברוינע פעדערן און מיט נייגיריקייט זיך אַרומגעקוקט אויף דעם קאָסמאָס.

קאָני איז געשטאַנען אַ פאַרבישופטע. דערביי האָט זי אויסטערליש געשפּירט איר אייגענע פרויִלעכע אומטויגלעכקייט. זי האָט דאָס געפיל ממש נישט געקאָנט איבערטראָגן.

פון דעמאָלט אָן האָט זי באַהערשט איינאיינציקער דראַנג: גיין אין וואַלד אַריין צום שייער. מער האָט פאַר איר נישט עקזיסטירט. אָפטמאָל פלעגט זי אָבער מוזן איבערבלייבן אינדערהיים. אין אַזעלכע טעג האָט זי געהאַט אַן אַנווג, אַז זי און אַלץ אַרום איר איז אַזוי אויסגעליידיקט פון יעדן תוכן, אַז נישט זי האָט וואָס צו טון אין דער פוסטער, אינהאַלטסלאָזער וועלט, נישט די וועלט קאָן עפּעס אויפטון מיט דער פוסטער, אינהאַלטסלאָזער קאָני.

איינמאָל אינאָוונט האָט זי נאָך דער טיי זיך אַרויסגעגנבעט אין וואַלד אַריין, כאָטש עס זענען ביי זיי געווען געסט. עס איז שוין געווען גאַנץ שפּעט, און קאָני איז געלאָפן דורכן פּאַרק, ווי מ'וואָלט זי נאָכגעיאָגט. ווען זי איז אַריין אין וואַלד, האָט זיך שוין

די זון געזעצט רויט, זי האָט ווייטער געאײַלט. אויפֿן בערגל איז נאָך געווען גאַנץ ליכטיק. אַ דערשוויצטע, אַ שווער־אָטעמענדיקע איז זי אָנגעקומען צום לאָנקעלע. דער וואַלד־אויפֿזעער איז געשטאַנען אין די בלויזע העמד־אַרבל און אויף בײַנאַכט באַוואָרנט דאָס שייערל, אין וועלכן די קוואָקעס זענען געזעסן.

— עס האָט מיך אַזוי געצויגן אַהער! — האָט קאָני פֿאַרסאָפּעט אַרויסגערעדט. — איך האָב נאָך הײַנט נישט געזען די עופֿהלעך. ס'איז עפּעס הײַנט צוגעקומען? — האָט זי אַ פֿרעג געטון, קוקנדיק זײַטיק אויפֿן וואַלד־אויפֿזעער.

— סך־הכּל האָבן מיר שוין זעקסאונדרײַסיק, גאַנץ נישקשהדיק, — האָט ער געענטפֿערט.

אויך ער האָט זיך מיט פֿאַרגעניגן צוגעקוקט צו די עופֿהלעך.

קאָני האָט זיך אַראָפּגעזעצט פֿאַר דער לעצטער קוואָקע. די פֿאַזאַנדלעך האָבן זיך שוין אַלע געפֿונען אונטער די באַשיצערישע מוטער־פֿליגל, אָבער פֿון צײַט־צו־צײַט האָבן נאָך לעבנסלוסטיקע קעפּלעך אַפּערגעבליקט פֿון אונטער דער מאַמעס פֿוך, צוריק זיך באַהאַלטן, און ווידער באַוויזט זיך אַ קעפּעלע מיט פּערלמוטערנע אייגעלעך פֿון אונטערן ריזיקן גוף פֿון דער קוואָקע.

— איך וואָלט זיי געוואָלט אָנרירן, אָנטאַפּן איינס, — האָט קאָני נישט דרייסט אַרויסגערעדט און דורכגעשטעקט אַ פֿינגער דורך די פּרענטלעך פֿון דער שטייג.

די קוואָקע האָט אַ פּיק געגעבן מיטן שנאָבל אין דער ריכטונג פֿון איר דורכגעשטעקטער האַנט און קאָני האָט האַסטיק מיט מורא אַרויסגעכאַפּט דעם פֿינגער.

— זעט נאָר, ווי זי פּיקט מיך! זי האָט מיך פֿײַנט! — האָט זי מיט פֿאַרוווּנדערונג געזאָגט ווי צו זיך אַליין. — איך וויל דאָך איר קיין שלעכטס נישט טון.

דער אויפֿזעער האָט זיך צוגעזעצט לעבן איר טשיפּקע און מיט זיכערקייט אַרײַנגעשטעקט די האַנט אין שטייג. די קוואָקע האָט אויך אין זײַן זײַט אַ פּיק געטון, אָבער נישט מיט אַזאַ האַסטיקייט. ער האָט רויִק, מיט געניטע פֿינגער אַ טאַפּ געטון צווישן

די פעדערן פון דער מוטער און אַרויסגענומען אַ פּישטשענדיק עופהלע.

— ביטע, — האָט ער איר אונטערגערוקט זיין האַנט מיטן ציטערנדיקן באַשעפעניש.

קאָני האָט איןביידע הענט גענומען דאָס געל־ברוינלעכע נפשל; עס האָט זיך געהאַלטן אויף אויסטערליש פיצעלעך פיסע־לעך, ווי שוועבעלעך, די נשמה פונם קליינינקן לייבעלע האָט גע־פלאַטערט אין קאָניס הענט. אָבער דאָס באַשעפענישל האָט מוטיק אויפגעהויבן דאָס שיינע קעפּעלע, זיך אויפמערקזאַם אַרומגעקוקט און אַרויסגעלאָזט אַ שטילן פּישטש.

— ווי זיס דאָס איז! ווי מוטיק עס איז! — האָט קאָני שטיל געפּליסטערט.

דער אויפזעער, וועלכער איז געזעסן טשיפּקע ביי איר זייט, האָט זיך אויך צוגעקוקט צום עופהלע מיט נחת, מיט באַשיינפּער־לעכער פרייד. פּלוצלינג האָט ער דערזען, ווי אויף איר האַנט איז אַראָפּגעפאַלן אַ טרער.

ער האָט זיך תּיכף אויפגעשטעלט, אַוועקגעגאַנגען אין אַ זייט צו דער צווייטער שטייג. ער האָט מיטאַמאָל דערשפּירט דעם אַמאָליקן ברי אין די לענדן און ווי פון די שטייף־געוואָרענע לענדן האָט זיך אויפגעהויבן העכער דער ברי, יענער ברי, וועלכן ער האָט געהאַלטן שוין פאַר אַן איינגעשטילטן אויף אייביק. ער האָט דאָס געוואָלט בייקומען, ער האָט זיך אָפּגערוקט פון דער פרוי. אָבער דער ברי איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ פלאַם און ער האָט זיך גערוקט נידעריקער, פאַרנעמענדיק אויך די קני.

ער האָט זיך ווידער אויסגעדרייט אין איר זייט און אַ קוק געטון. זי איז געשטאַנען אויף די קני, אויסגעצויגן פאָראויס ביי־דע הענט מיטן עופהלע, געוואָלט צוריקגעבן עס דער מוטער. און אַזוי פיל הילפלאָזיקייט, אַזוי פיל שטומע באַרמהאַרציקייט איז גע־ווען אויף איר אויסגעגאָסן, אַז אין זיינע גערערים האָט אויפגע־פלאַקערט אויסטערלישע רחמנות, געוואַלטיקע מיטלייד.

נישט טראַכטנדיק פון גאָרנישט, איז ער שנעל צוגעגאַנגען

צו איר, זיך ווידער אראפגעזעצט ביי איר זייט, צוגענומען ביי איר פון די הענט ארויס דאס עופהלע, ווייל קאני האט זיך גע־שראקן פאר דער קוואקע, און עס צוריק אריינגעלייגט אין שטייג. אין די לענדן זיינע האט דער פלאם זיך נאך שטארקער צע־גליט.

ער האט א קוק געטון אויף איר מיט חשד. זי איז אזוי געזעסן מיטן פנים אוועקגעדרייט פון אים און געוויינט אן אפ־האלט מיט אזוי פיל מוראדיקער פיין, מיט אזוי פיל הילפלאזיקייט. זיין הארץ איז מיט איין מאל צעגאנגען געווארן ווי א טראפן וואסער אין פייער, ער האט אויסגעשטרעקט די האנט און געלייגט די פינגער אויף איר קני.

— וויינט נישט, — האט ער ווייך ארויסגערעדט.

זי אבער האט פלוצלינג פארדעקט דאס פנים מיט די הענט און דערשפירט די גאנצע צעבראכנקייט פון איר הארץ, אז עס איז איר שוין טאקע אלצאיינס, אלצאיינס.

מעלארס האט אנגערירט איר אקסל, דערנאך האט די האנט זיינע זיך אנגעהויבן רוקן פאמעלעך און מילד־גלעטנדיק צו דעם אויסבייג פון אירע לענדן, דערנאך בלינד־טאפנדיק ביז צו די היפטן, וווּ זיי זענען געבויגן אונטער די קני. און צארט, צארט האבן זיינע פינגער געגלעט אירע היפטן אין בלינדער, אינסטינק־טיווער מיטלײדנדיקער ליידנשאפטלעכקייט.

זי האט ענדלעך אפגעזוכט דאס נאז־טיכעלע און זיך אומגע־לומפערט אנגעהויבן אויסווישן דאס פנים.

— אפשר ווילט איר אריינגיין אין שייער? — האט ער גע־פרעגט מיט א רויקער, אנפארביקער שטימע.

און לייכט אננעמענדיק זי אונטערן ארעם, האט ער זי אויפ־געשטעלט און פאמעלעך אריינגעפירט אין שייער, נישט אפלאזנ־דיק איר ארעם, ביז זיי האבן זיך געפונען אינעווייניק. דערנאך האט ער אוועקגעשטעלט דאס טישל מיט דער שטול, ארויסגענומען פון א קאסטן א מיליטערישן קאץ און אים לאנגזאם אויסגעשפרייט

אויף דער פּאָדלאָגע. קאָני האָט אים געקוקט אין פּנים אַריין, שטייענדיק אומבאַוועגלעך אויפן אָרט.

זיין פּנים איז געווען בלייך, אָן אַן אויסדרוק, ווי איינער, וואָס גיט זיך אונטער זיין גורל.

— — — — — — — —

קאָני האָט דערזען די לבנה, וואָס האָט זייער העל געגלאַנצט איבער דער ראָזער שקיעה הינטער די שפּיצן פון די דעמבעס. זי האָט זיך שנעל אויפגעהויבן, אויסגעגלייכט דאָס קלייד; צוריק אין אָרדענונג. דערנאָך איז זי צוגעגאַנגען צו דער טיר פון שייער.

אונטן איז דער וואַלד געלעגן אין נאַכטיקן שאָטן, אָבער דער הימל איז נאָך געווען קרישטאָליק־העל.

דער מאַנספּערשוין האָט זיך דערנענטערט צו איר פון צווישן די שאָטנס. זיין פּנים האָט געלויכטן ווי אַ בלאַסער פלעק אין דער אַרומיקער פינסטערניש.

— מיר גייען שוין? — האָט ער געפרעגט.

— וווהין?

— איך וועל אייך צופירן ביזן טויער.

ער האָט דערליידיקט אַלץ, צוגעשלאָסן דעם שייער און צוגעגאַנגען צו איר.

— איר האָט נישט קיין חרטה, אמת? — האָט ער זי געפרעגט, גייענדיק לעבן איר.

— ניין, ניין! און איר?

— איך? ניין! — האָט ער רויִק געענטפערט, און באַלד צוגעגעבן:

— און אַ חוץ דעם...

— וואָס אַ חוץ דעם? — האָט קאָני געפרעגט.

— סער קליפאָרד, מענטשן. די אַלע קאָמפּליקאַציעס...

— וועלכע קאָמפּליקאַציעס? — האָט קאָני געפרעגט אַזוי ווי מיט אַנטוישונג.

— עס וועלן שוין זײַן. פֿאַר אײַך, פֿאַר מיר. שטענדיק מוזן שוין זײַן קאָמפּליקאַציעס. אַזוי איז שוין.

ער איז געגאַנגען בײַ איר זײַט אַ פֿאַרטראַכטער.

— און עס טוט אײַך באַנג? — האָט קאָני ווידער געפֿרעגט.

— אין אײן הינזיכט טוט עס מיר באַנג, — האָט מעלאָרס געענטפֿערט, קוקנדיק צום הימל. — מיר האָט זיך געדאַכט, אַז איך בין שוין דאָס אַלץ פּטור. איצט הייבט זיך עס ווידער אָן בײַ מיר.

— וואָס הייבט זיך אָן בײַ אײַך?

— דאָס לעבן.

— דאָס לעבן! — האָט קאָני נאָכגעזאָגט מיט אַ שווידער איבערן גאַנצן לײַב.

— יאָ, דאָס לעבן, — האָט מעלאָרס איבערגעחזרט, — אוממעגלעך צו אַנטלויפֿן פֿונם לעבן. אַז מ'הייבט אָן צו אַנטלויפֿן פֿונם לעבן, איז גלײַכער שוין תּיכף צו שטאַרבן. מוז איך אָנהייבן אויפֿסנײַ, איז פֿאַרפֿאַלן, מוז מען.

קאָני האָט דערויף געקוקט עטוואָס אַנדערש, פֿונדעסטוועגן...

— דאָס איז דאָך ליבע, גאַנץ פּשוט — ליבע, — האָט זי מוטיק אַרויסגערעדט.

— זאָל זײַן ליבע, אָבער פּשוט איז עס נישט, — האָט ער געענטפֿערט.

זיי זענען ווײַטער געגאַנגען דורכן וואַלד, דורכן פֿינסטערן וואַלד ביזן טירל פֿון פּאַרק.

— אָבער איר האַסט מיך נישט? — האָט קאָני אַ פֿאַרטראַכטע געפֿרעגט.

— ניין, ניין, — האָט ער געענטפֿערט און מיט איינמאָל זי צוגעדריקט צום האַרץ מיט דער פֿריערדיקער לײַדנשאַפֿט. — אָ, ניין, פֿאַר מיר איז דאָס זייער גוט, זייער גוט, און פֿאַר אײַך?

— אָ, פֿאַר מיר אויך, — האָט קאָני געענטפֿערט נישט אינ-

גאַנצן אויפריכטיק, זי האָט זיך נאָך דעמאָלט נישט אָפּגעגעבן קיין קלאָרן חשבון פון דעם אַלעם.

ער האָט זי געקושט מילד, צערטלעך, מיט ווייכע, וואַרע־מע קושן.

— ווען אויף דער וועלט זאָלן זיך נישט געפונען אַזוי פיל מענטשן, — האָט ער מרה־שחורהדיק געזאָגט.

זי האָט אַרויסגעלאַכט. זיי זענען געשטאַנען ביים פּאַרק. דאָס טירל האָט מעלאָרס געעפנט פאַר איר.

— איך גיי נישט ווייטער, — האָט ער געזאָגט.

— גייט נישט!

זי האָט אויסגעצויגן די האַנט צו אים. ער האָט זי אַ כאַפּ געטון אין זיינעביידע הענט אַריין.

— זאָל איך ווידער אַמאָל קומען? — האָט קאָני מיט בענק־שאַפט געפרעגט.

— יאָ, יאָ!

זי האָט זיך אויסגעדרייט און אַוועק פון אים.

מעלאָרס האָט זיך אָפּגערוקט פון טירל און זיך צוגעקוקט, ווי זי דערווייטערט זיך אין דער טונקלקייט. נישטאָ מער! ער האָט געקוקט אין דער פינסטערניש מיט אַ פאַרביטערט האַרץ. ער איז ווידער אַ געבונדענער, ער, וועלכער האָט געוואָלט זיין פריי, אַליין. זי האָט אים געבונדן. זי האָט ביי אים צוגענומען יענע איינזאַמקייטס־ביטערניש, וועלכע איז כאַראַקטעריסטיש פאַר יעדן מאַנספערשוין, וואָס וויל מ׳זאָל אים ענדלעך איבערלאָזן אַליין.

ער איז צוריק אַוועק אין דער פינסטערניש פון וואַלד. אַלץ אַרום איז געשטאַנען אין שטילקייט. די לבנה איז פאַרגאַנגען. אָבער צו זיין געהער איז דערגאַנגען דאָס גערויש פון דער נאַכט: די מאַשינען אין טיווערסהאָל האָבן געאַרבעט מעשים און אויפן שאָסיי האָבן זיך געהערט אויטאָמאָביל־סיגנאַלן און אַ גערויש פון רעדער. מעלאָרס איז פּאַמעלעך אַרויס אויפן נאַקעטן בערגל. די אַנצעגעגנט איז געלעגן פאַר אים: דאָרט לייכטן די גרויסע עלעקטרישע לאַמטערן פונם גרובן, נענטער ווינקען די שטיבער

פון די אַרבעטער מיט זייער געלער ליכט, ווייטער ביים האַרי־זאָנט לויערן די ריזיקע פייערן פון שעפילד. פון אַלע זייטן — פייער, פייער! דאָס נאָענטע בליצן פון די בייזע, שטענדיקע עלעקטרישע לאָמפּן! וויפיל בייזקייט, וויפיל רשעות עס שטעקט אין יעדן פון זיי! און דאָס גאַנצע מיטל־ענגלאַנד, ווי בייז עס שטערט די ביי־נאַכטיקע רו. ער האָט געהערט ווי די ווינדעס גרילצן מיט די פּאַרזשאַווערטע קייטן. די צווייטע שיכט אַרבעטער האָט פּונקט איצט זיבן אַ זייגער געטוישט די ערשטע שיכט ביי דער אַרבעט. מ'האָט געאַרבעט אין דריי שיכטן.

ער איז לאַנגזאַם אַראָפּגעגאַנגען פון באַרג און ווידער אַריין אין חשכות און איינזאַמקייט פון וואַלד. ער האָט אָבער געוווּסט, אַז די איינזאַמקייט פון וואַלד איז אַן אילוזיע; דאָס גערודער פון דער אינדוסטריע צעשטערט דידאָזיקע איינזאַמקייט, די בייזע, שטענדיקע פייערן, כאָטש מ'זעט זיי דאָ נישט, חוזקן אָפּ פון איר. אַ מענטש קאָן דאָ נישט לעבן אין איינזאַמקייט, אַליין, פאַר זיך אַליין. דידאָזיקע וועלט פאַרטראָגט נישט קיין איינזאַמקייט. און איצט האָט ער גענומען דידאָזיקע פרוי און זיך אַליין אויסגעשטעלט אויף די קלעפּ פונם גורל. ער האָט גוט געוווּסט פון דער פּראַקטיק, אַז אַזוי איז עס.

נישט דידאָזיקע פרוי איז דאָ שולדיק געווען, אפילו נישט די ליבע, נישט דער געשלעכטס־דראַנג. שולדיק איז דאָ געווען יענץ בייזע ליכט דאָס עלעקטרישע, דער גיהנומדיקער מאַשינען־געקראַך. דאָרט, אין דערדאָזיקער וועלט פון לײַדנשאַפטלעכער מעכאַניזירונג און מעכאַניזירטער לײַדנשאַפט, וועלכע בליצט מיט אירע טויזנט אויגן, וועלכע שפּייט מיט צעהיצטן מעטאַל און אַרץ, וועלכע וואַיעט מיט אירע קאָמוניקאַציע־מיטלען, דאָרט, דאָרט, אין דערדאָזיקער וועלט האָט זיך געפונען די עקלדיקע, אומגעה־הײַערע רשעות, וואָס איז להוט אַלץ צו פאַרניכטן, אויב עס פּאַסט זיך נאָר נישט און וויל זיך נישט צופּאַסן צו איר. אין קורצן וועט דידאָזיקע אומגעהײַערע וועלט־רשעות פאַרניכטן אויך דעמדאָזיקן וואַלד און קיין היאַצינטן וועלן שוין אויך דאָ מער נישט בליען.

אַלע, אַלע הערלעכע זאַכן מוזן פאַרשווינדן ווערן אונטער די רע־
דער, אונטערן משוגענעם געגרילץ פון אייזן.

מיט אויסטערלישער האַרציקייט האָט ער געטראַכט וועגן
דערדאָזיקער פרוי. דאָס אומגליקלעכע, פאַרבלאָנזשעטע באַשעפע־
ניש האָט גאָרנישט געוווּסט ווי ליב זי איז און אויף וויפיל צו גוט
זי איז פאַר דער גראָבהויטיקער כאַליאַסטרע, צווישן וועלכער זי
לעבט. דאָס אָרימע באַשעפעניש, דידאָזיקע ליבע, גוטע פרוי האָט
אויך אין זיך עפּעס פאַרמאָגט פון די וואַלד־היאַצינטן, זי איז נישט
באַשטאַנען פון בלויז קאַוטשוק־אויסאַרבעטונגען און פּלאַטין, ווי
די היינטיקע פרויליינס. זי וועט אָבער אומקומען צווישן זיי! עס
אונטערליגט נישט קיין שום ספק, זיי וועלן זי אומבּרענגען, פּונקט
ווי זיי ברענגען אום אַלץ, וואָס איז פיין, איידל, דעליקאַט פון
דער נאַטור. דעליקאַט! דידאָזיקע פרוי איז אַזוי דעליקאַט, ווי עס
זענען דעליקאַט די וואַלד־היאַצינטן, אַזאַ דעליקאַטקייט פאַרמאָגן
נישט די היינטיקע פרויען פון צעלולאָזע. ער וועט זי אָבער באַ־
שיצן, באַשיצן מיט זיין האַרץ. ווען אפילו אויף נישט לאַנג. זאָל
זיין אויף אַ קורצן אויגנבליק; ער וועט באַשיצן אַזוי לאַנג, ווי
לאַנג עס וועט מעגלעך זיין, דערנאָך זאָלן זיי ביידע אינאיינעם
פאַלן אונטער דער אייזן־קאַלטער וועלט פון דער מעכאַניזירטער
גיריקייט. זאָל ער פאַלן צוזאַמען מיט איר.

ער איז אַהיימגעגאַנגען צו זיך אין זיין וואַלד־שטיבל מיט
דער ביקס און מיטן הונט. ער האָט אָנגעצונדן דעם לאָמפּ, אונ־
טערגעהייצט דאָס קיכל, אָפּגעגעסן נאַכטעסן: ברויט, קעז, ציבע־
לע און פאַרטרונקען מיט דערוואַרעמט ביר. ער איז געווען אַליין,
פולשטענדיק אַליין אין דער שטילער רו, וועלכע ער האָט אַזוי
ליב געהאַט. זיין ווינונג איז געווען גאַנץ פיין און ריין, נאָר
כמעט ליידיק. אָבער דער לאָמפּ האָט העל באַלויכטן די צעראַטע
אויפן טיש. ער האָט אויפגעמישט אַ ביכל וועגן אַ רייזע איבער
אינדיע, נאָר לייענען האָט ער אינם היינטיקן אָוונט נישט געקאָנט.
ער איז געזעסן ביים ברענענדיקן קיכל אָן אַ רעקל, מיטן גלאָז ביר
ביי דער האַנט, און געטראַכט וועגן קאָני.

ווען מ׳זאָל זיך גוט באַטראַכטן, האָט ער צרות פֿון דעם, וואָס איז פֿאָרגעקומען צווישן זיי, נישט צוליב זיך האָט ער צרות, נאָר צוליב איר. עס האָט זיך אים אויסגעוויזן, אַז דאָס קאָן זיך גוט נישט ענדיקן. דאָס האַרץ האָט אים פֿאָראויסגעזאָגט שלעכטס. ניין, ער האָט זיך אין גאָרנישט באַשולדיקט, קיין חרטה האָט ער נישט געפֿילט, קיין עוולה האָט ער נישט געטון, ניין, ער האָט קיין געוויסנסביסן נישט געהאַט. ער האָט געוווּסט — געוויסן איז קודם־כּל די מורא פֿאַר מענטשן, אָדער פֿאַר זיך אַליין. ער האָט אין דעם פֿאַל פֿאַר זיך אַליין נישט געהאַט וואָס מורא צו האָבן. אָבער פֿאַר מענטשן — יאָ, פֿאַר מענטשן, פֿאַר דער מענטשלעכער געזעלשאַפֿט, וועלכע ער האָט געקענט, וועלכע ער האָט אינסטינק־טיוו אָפּגעשאַצט אַלס משוגענע חיה־רעה.

דידאָזיקע פֿרוי! אַך, ווען זי וואָלט געקאָנט דאָ זיין מיט אים, עס זאָל מער קיינער אויף דער וועלט נישט זיין! די ליידנ־שאַפֿטלעכקייט האָט זיך ווידער געוועקט. און גלייכצייטיק איז אויף מעלאָרס פּלייצעס געלעגן אַזאַ מין לאַסט. אַזאַ מין שרעק, טאָ־מער ווערן זיי ביידע, ער און זי, אַ רויב פֿאַר דער אויסערלע־כער וועלט, פֿאַר דער וועלט, וועלכע בליצט אַזוי אויסגעלאָסן מיט אירע עלעקטרישע אויגן. זי, די ליבע יונגע פֿרוי, איז געווען פֿאַר אים איינפֿאַך אַ ליבע יונגע פֿרוי, אָבער יענע ליבע יונגע פֿרוי, וועלכע איז געווען זיינע און וועלכע ער האָט ווידער געוואָלט האָבן דאָ אויפֿן געלעגער.

ער האָט זיך אויסגעצויגן מיט אַ מאָדנעם ליידנשאַפֿטלעכן געגעץ; שוין פֿיר יאָר צייט איז ער אַזוי איינזאַם, אָן קאָנטאַקט מיט אַ פֿרוי, צי מיט אַ מאַן. דערנאָך האָט ער זיך אויפֿגע־שטעלט, אָנגעטון דאָס רעקל, גענומען די ביקס, אַריינגעדרייט דעם לאָמפּ און אַרויסגעגאַנגען מיטן הונט צו דער אויסגעשטערנ־טער נאַכט. צוויי געפֿילן האָבן זיך געראַנגלט אין אים — דער ליידנשאַפֿטלעכער באַגער און די מורא פֿאַר דער אויסערלעכער וועלט; און ער איז אַזוי פֿאַמעלעך און שטיל געגאַנגען איבערן וואַלד. ער האָט ליב געהאַט די פֿינסטערניש, זי האָט אים פֿאַר

וויקלט אין זיך. די טינסטערניש האָט זיך אַזוי געפּאַסט צו זיין אויפגעבראַכטער ליידנשאַפט, וועלכע איז, נישט קוקנדיק אויף אַלעם, געווען פאַר אים אַ גרויסער אוצר; די פינסטערניש האָט זיך אַזוי געפּאַסט צום שטייגנדיקן אומרו פון זיין מענערשאַפט, צום שטייגנדיקן פלאַם אין זיינע לענדן! ווי גוט וואָלט געווען, ווען עס זאָלן עקזיסטירן אויף דער וועלט אַ סך אמתדיקע מאַנס־פערשוינען, מיט וועלכע מען זאָל קאָנען אינאיינעם באַקעמפן די וועלט פון די עלעקטרישע חיות־אויגן און פאַרהיטן פון אונטער־גאַנג דאָס אמתדיקע, איידעלע לעבן! די איידלקייט פון דער גמתער פרוי און די נאַטירלעכע אוצרות פון מענלעכער און ווייב־לעכער גלוסטונג. ווי גוט וואָלט געווען, ווען עס זאָלן זיין אַזעל־כע מענער, מיט וועלכע מ׳זאָל קאָנען קעמפן אינאיינעם! אָבער אַלע מאַנספערשוינען געפינען זיך אויף דער קעגנערישער זייט, ווי שטאָלצירן מיט זייער וועלט, זיי רייטן אויף אַנדערע, אָדער לאָזן יענעם אויף זיך רייטן, אָבער אַ״ך מיטן דעוויז פון דער מעכאַניזירטער ליידנשאַפט אָדער ליידנשאַפטלעכער מעכאַניזירונג.

דערווייל איז קאָנסטאַנציע געלאָפן אָן געדאַנקען דורכן פּאַרק אַהיים. זי האָט נישט געטראַכט וועגן קיין אויסרייד. זי וועט נאָך קומען באַצייטנס צום נאַכטעסן. אָבער צו איר גרויסער אויפרע־גונג האָט זי געטראָפן די טיר געשלאָסן, זי האָט געמוזט אָנקלינ־גען. געעפנט איר האָט פרוי באָלטאָן.

— אייער דורכלויכט? ענדלעך, ענדלעך זענט איר דאָ! איך האָב שוין געמיינט, אַז איר האָט פאַרבלאָנזשעט, — האָט זי שפּאַסיק אַרויסגערעדט. — סער קליפאָרד ווייסט גאָרנישט, ער זיצט מיטן הער לינליי, זיי רעדן וועגן געשעפט. דער הער וועט מסתם בלייבן אויף נאַכטעסן, ווי מיינט איר, אייער דורכלויכט?

— איך מיין אויך אַזוי, — האָט קאָני געענטפערט.

— דערלאַנגען צום טיש שפּעטער מיט אַ פערטל שעה? איר וואָלט אייך געקאָנט רויִקער איבערטון.

— יאָ, אַזוי וועט בעסער זיין.

הער לינליי איז געווען הויפט־דירעקטאָר פון טיוועדסהאַ־

לער גרובן. דאָס איז געווען אַן עלטערער מאַן, געשטאַמט האָט ער פון צפון־ענגלאַנד; דער מאַנגל אין ענערגיע האָט אים געמאַכט שלאַבעריקער, ווי ער איז געווען אין דער ווירקלעכקייט. ער איז נישט דערוואַקסן צו די היינטצייטיקע אידעאַלן פון דער בערג־עקספּלואַטאַציע, ער האָט נישט געקאָנט דעריאָגן דעם היינטצייטיקן אינדוסטריע־לאָזונג: „כאַפּ אַריין וויפיל דו קאָנסט!" קאָני האָט דעם הער גערן אויפגענומען, אָבער זיין צעקראָכן ווייב האָט זי נישט געקאָנט אָנקוקן.

דער הער לינליי איז געבליבן אויף נאַכטעסן, קאָני האָט געשפּילט די ראָל פון אַ טיכטיקער באַלעבאָסטע, אַזאַ ראָל, וועלכע געפעלט יעדן מאַנספּערשוין. זי האָט מכבד געווען מיט אויפמערקזאַמקייט, באַשיידנקייט און מיט אַ ליבן שמייכל אויפן שיינעם געזיכט. אירע גרויסע, מילדע אויגן האָבן געפינקלט מיט היימישער לייטזעליקייט און גוט מאַסקירט דאָס, וואָס קאָני האָט בשעת־מעשה געטראַכט. קאָני האָט אָפט געשפּילט אַזאַ ראָל און די די מאַסקע פון אַ ליבנסווירדיקער באַלעבאָסטע האָט זיך אַזוי צוגעקלעפּט צו איר, ווי זי וואָלט געווען איר נאַטירלעכע הויט. עס איז ממש געווען צו באַוווּנדערן, ווי איבערגעאַנדערשט זי פלעגט ווערן, ווען זי האָט געשפּילט דידאָזיקע ראָל.

זי האָט געדולדיק אָפּגעוואַרט, ווען זי וועט ענדלעך קאָנען אַרויף צו זיך און צוריק ווערן דאָס, וואָס זי איז אין דער ווירקלעכקייט. דערווייל איז זי געווען לפּחות אויסערלעך אַ ליבע באַלעבאָסטעשקע, ווי עס ווינטשן זיך די מענער.

ווען זי איז אַרויפגעקומען צו זיך אין צימער, האָט זי זיך מיטאַמאָל דערשפּירט אַזוי פאַרווירט, אַזוי צעשרויפט. וואָס הייבט מען איצט אָן צו טראַכטן? וואָס פאַר אַ מענטש איז ער, מעלאָרס? ווי איז זיין באַציִונג צו איר? צי האָט ער זי טאַקע ליב? זי האָט געפילט, אַז נישט זייער. ער פאַרמאָגט עפּעס אין זיך אַזאַ מין וואַרעמקייט, אַ מין נאַיִווע גוטסקייט. דידאָזיקע גוטסקייט זיינע באַנעמט אַזוי יענעם, דידאָזיקע וואַרעמקייט זיינע האָט זי ממש געצווּנגען צו עפענען איר לייב פאַר אים. קאָני האָט אָבער גע־

האָט דעם איינדרוק, אַז פּאַר יעדע פרוי וואָלט ער געווען אַזוי גוט ווי פאַר איר. אָבער דאָס האָט זי עפּעס לחלוטין נישט גע־אַרט, אדרבא, ס'האָט זי גאָר באַרויִקט. אַזאַ ליידנשאַפטלעכער מאַנספערשוין, אַ מאַנספערשוין מיט אַ געזונטן סעקסואַליזם. אפשר נישט זייער אינדיווידועל, אפשר וואָלט ער אַזעלכער געווען צו יעדע פרוי, נישט בלויז צו איר. קיין באַזונדער אינדיווידועל געפיל צו איר האָט זי אין אים נישט געשפּירט. זי איז, ווייזט אויס, פאַר אים נישט מער ווי אַ פרוי, אַ פרוי, וועלכע ער האָט געוואָלט באַשלאָפן און ער האָט זיינס אויסגעפירט.

און אפשר איז גלייכער אַזוי. שליסלעך האָט ער געהאַט צו איר אַ ליבע, אָנגענעמע באַציִונג, ווי וועלכער ס'איז נאָרמאַלער מאַן צו וועלכער ס'איז נאָרמאַלער פרוי, דאָס איז אַזאַ מין געפיל, וואָס זי האָט אַזעלכעס נאָך ביי קיין שום מאַנספערשוין נישט באַגעגנט. מענער זענען ליב, מילד, צערטלעך נאָר צו דער פּערזאָן, אָבער ווען די פּערזאָן ווערט פאַר זיי פאַרוואַנדלט אין אַ נקבה, אַ נקבה צום באַהעפטן זיך מיט איר, ווערן זיי ברוטאַל, אכזריות־דיק, די פּערזאָן אין דער נקבה זענען זיי נאָך פעיִק צו אַכטן, אָבער די נקבה, די בלויזע, נאַקעטע נקבה באַהאַנדלען זיי מיט גרינגשעצונג, זיי איגנאָרירן זי. די מענער פלעגן שטאַרק שעצן קאָנסטאַנציע רעיד, אָדער ליידי טשאַטערליי, אָבער נישט איר טראַכט, נישט איר נאַקעטן, זיך באַהעפטנדיקן גוף. ער ווידער, דערדאָזיקער דורכאויס־סעקסועלער מאַנספערשוין, — אים איז לחלוטין נישט אָנגעגאַנגען דאָס, וואָס זי איז די ליידי, צי עמעץ אַנדערש; ער האָט פּשוט געגלעט, געפּיעשטשעט, אירע ברוסטן, אירע היפּטן.

דעם צווייטן טאָג איז זי אַוועק אין וואָלד אריין. עס איז געווען נאָכמיטאָג. דער טאָג איז געווען אַ גרויער, אַ שטילער; דער טונקל־גרינער פּאַפּראָט האָט געחלומט אונטער די ביימער, די ניס־קוסטעס האָבן זיך באַשיינפּערלעך אָנגעשטרענגט צו עפע־נען די נאָך פאַרמאַכטע קנאָספּן זייערע. זי האָט היינט ממשותדיק געפילט מיטן גאַנצן קערפּער, ווי די זאַפטן פון די ביימער דאָ

אַרום שטופּן זיך, רייסן זיך מיט אַן אומגעהייערער קראַפט אַרויף, אַרויף צו די שפּיצן, כּדי די קנאָספּן זאָלן פּלאַצן און אַרויס־שפּראָצן מיט קליינינקע, רויטלעך־ברוינע בלעטעלעך, וועלכע זעען אויס ווי פאַרבלוטיקט. דאָס האָט אויסגעזען ווי אַ מעכטיקער שטראָם, וואָס הייבט זיך אויף פון די ערדישע טיפענישן, פלייצט אַרויף אין דער ווייטער הייך און צעגיסט זיך ביז איבערן גאַנצן הימל.

זי איז צוגעקומען צום לאָנקעלע, ער איז דאָרט נישט געווען. זי האָט זיך נישט שטאַרק געריכט אויף אים. די פּאַזאַנעך־עופּהלעך זענען אויף זייערע שטעקעלע־פיסלעך אַרומגעלאָפן ביי די שטייגן און די קוואָקעס האבן שרעקעוודיק געקוואָקעט. קאָני האָט זיך אַנידערגעזעצט און זיך צוגעקוקט צו זיי. זי האָט געוואַרט, בלויז געוואַרט. די עופּהלעך, אויף וועלכע זי האָט געקוקט, האָט זי כמעט נישט באַמערקט, זיי זענען איר נישט געלעגן אין זין. זי האָט געוואַרט.

די צייט איז געקראָכן אַזוי שלעפעריק און ער איז נאָך נישטאָ. זי האָט זיך כּמעט נישט געריכט, אַז ער זאָל קומען. נאָכמיטאָג פלעגט ער קיינמאָל נישט אַהערקומען. און זי האָט געמוזט זיין אינדערהיים. זי האָט זיך ממש געמוזט אָנטון אַ כּוח, זיך צווינגען אַוועקצוגיין פונדאַנען.

ווען זי איז געגאַנגען אַהיים האָט געטריפט אַ דראָבנע רעגנדל.

— עס רעגנט ווידער? — האָט קליפאָרד געפרעגט, זעענדיק ווי קאָני שאָקלט אָפּ דעם הוט.

— עס טריפט קוים.

שווייגנדיק האָט זי אָנגעגאָסן די טיי, אירע געדאַנקען האָבן זי אויף קיין איין מינוט נישט פאַרלאָזט. זי האָט ביי זיך אָפּגעמאַכט, אַז נאָך היינט מוז זי זיך זען מיטן וואַלד־אויפזעער, זי מוז זיך ממשותדיק איבערצייגן, צי דאָס, וואָס איז נעכטן פאָרגעקומען, איז נישט אַמאָל געווען אַ חלום, נאָר אַווירקלעכקייט.

— זאָל איך דיר עפּעס פאַרלייענען? — האָט זי קליפאָרד אַ פרעג געטון.

קאָני האָט געוואָרפן אויף אים אַ בליק: צי האָט ער נישט עפּעס באַמערקט אויף איר.

— איך בין אַזוי מיד, מסתם ווירקט אַזוי דער פרילינג אויף מיר. איך וועל מיך עטוואָס צולייגן.

— ווי דו ווילסט. און אפשר פילסטו זיך נישט געזונט?

— ניין! איך בין נאָר זייער אָפּגעמאַטערט — מסתם צוליבן פרילינג. ווילסט אפשר, פרוי באָלטאָן זאָל מיט דיר שפּילן אין עפּעס?

— ניין! איך וועל גלייכער הערן ראַדיאָ.

זי האָט אַרויסגעשפּירט פון זיין טאָן, ווי ער וואָלט איר דערמיט געטון אַ טובה. זי איז אַריין צו זיך אין שלאָפצימער. פון דאָרט האָט זי געהערט, ווי דער הילכער האָט אָנגעהויבן גרעבצן מיט אַן אידיאָטיש קול וועגן ענטוזיאַסטישע אויסרופן פון המון אויף די גאַסן פון עפּעס אַ שטאָט. קאָני האָט זיך איינגעהילט אין אַן אַלט פיאָלעט רעגנמאַנטל און דורך דער הינטער־טיר איז זי אַנטלאָפן פונדערהיים.

דאָס דראָבנע רעגנדל האָט אויסגעזען ווי אַ גרוילעכער שלייער, וועלכער איז אַרויפגעוואָרפן געוואָרן אויף דער געהיים־נישפּולער וועלט. עס האָט זי אַרומגעכאַפּט אַ קאַלט ווינטל. אָפּ־לויפנדיק אַזוי האַסטיק איבערן פּאַרק ביז צום טירל אין וואַלד אַריין, האָט זי דערשפּירט אַזאַ וואַרעמקייט אין אַלע גלידער, אַז זי האָט אינסטינקטיוו צעקנעפּלט דאָס מאַנטל.

דער וואַלד האָט געשוויגן שטיל און סודותדיק אינם דורכ־זייענדיקן שלייער פונם רעגנדל. דער וואַלד האָט געאָטעמט מיט סודות פון פייגל־מוטערס, וואָס זיצן אויף אייער, פון קנאָספּן, וואָס האַלטן אין צעפּיקן זיך, פון בלומען, וואָס ווילן צעבליען. אין דער דעמערונג האָבן דאָ דיביימער אויסגעזען ווי נאַקעטע, ווי זיי וואָלטן געווען אַנטבלויזט פון זייערע אינעווייניקסטע סודות, דאָס

גרינס אונטן אויף דער ערד — ווי אַן אויסגעשפּרייט רובין־געלע־גער פּאַר דער מעוברתער מאַמע־ערד.

אויפן לאַנקעלע איז נאָך אַלץ קיינער נישט געווען. כמעט אַלע עופּהלעך זענען געזעסן פאַרבאַרגן אונטער די קוואָקעס פליגלען, בלויז עטלעכע אַוואַנטוריסטישע באַשעפענישלעך האָבן געפּיקט דאָס טרוקענע זאַמד אונטערן שטרויענעם אָפּדעכל.

אַזוי! איז ער, הייסט עס, נאָך נישט געווען. אפשר מיידט ער מיך אויס בכיוון, אָדער ס'איז עפּעס געשען מיט אים. אפשר צוגיין צום וואַלד־שטיבל און געוווּיר ווערן.

זי האָט אָבער געקאָנט וואַרטן, זי איז געווען אויסטערליש געדולדיק. געעפנט דעם שייער, איז זי אַריין אינעווייניק. אַלץ איז שוין געווען אין אָרדענונג: די פּראָסע אינעם קעסטל, די קאָלדרעס זענען געלעגן אויף זייער אָרט אויף דער באַנק, דאָס שטרוי איז געווען צוגעקערט אין ווינקל אַריין. די לאַמטער איז געהאַנגען אויפן טשוואָק. דאָס טישל מיטן בענקל זענען צוריק געשטאַנען דאָרט, וווּ זיי ביידע זענען געלעגן.

זי האָט זיך אַוועקגעזעצט אויף דער שטול ביי דער אָפענער טיר. ווי שטיל! דאָס מילדע רעגנדל האָט געשפּרייעט, דורכזיכטיק ווי אַ טיול, קיין שאָרך האָט זיך נישט געהערט. די ביימער האָבן אויסגעזען ווי לעבעדיקע, שווייגנדיקע באַשעפענישן, וואָס די איבערנאַטירלעכע קראַפט שטאַרט אַרויס פון זיי. שווייגנדיק לעבן! שווייגנדיקע לעבנס־קראַפט!

די נאַכט פאַלט פּאַמעלעך צו; מען מוז צוריק אַהיימגיין. ער מיידט זי אויס.

פלוצלינג אָבער איז ער אָנגעקומען אין זיין שוואַרץ לעדערן רעקל, ווי אַ שאָפער, דער רעגן האָט אַראָפּגעגלאַנצט פון אים. ער האָט אַ האַסטיקן בליק געטון צום שייער, זיך פאַרנייגט, דערנאָך זיך אויסגעדרייט און צוגעגאַנגען צו די שטייגן. ער האָט דאָרט אַלץ זאָרגפעליק באַטראַכט, צוגעמאַכט די שטייגן און פאַרשלאָסן די קוואָקעס מיט די עופּהלעך אויף איבער נאַכט.

ענדלעך איז ער מיט פּאַמעלעכע טריט צוגעגאַנגען צו

איר. זי איז געזעסן שטיל אויף איר אָרט. ער האָט זיך אָפּגע־שטעלט לעבן איר.

— די פּריצה איז ווידער געקומען, — האָט ער געזאָגט אין פויערישן דיאַלעקט.

— יאָ, — האָט קאָני געענטפערט, אויפהייבנדיק דעם בליק צו אים, — איר קומט דאָ אַהער אַזוי שפּעט.

— אַהאַ, — האָט ער אַרויסגעמורמלט און געקוקט אַרויס צום וואַלד.

קאָני האָט זיך לאַנגזאַם אויפגעהויבן און אָפּגערוקט די שטול.

— איר דאַרפט אַריינגיין? — האָט זי אים געפרעגט.

ער האָט אויף איר געוואָרפן אַ כיטרע בליק.

— און וואָס וועלן לייט זאָגן, אַז איר וועט צו מיר קומען אַלע אָוונט?

— וואָס וועט מען זאָגן? — האָט זי אים אָנגעקוקט אַ פּאַר־ווונדערטע. — איך האָב דאָך געזאָגט, אַז איך וועל קומען. קיי־נער ווייסט דאָך נישט.

— אָבער מ'עט שוין וויסן, — האָט ער געענטפערט. — און וואָס עט דעמאָלט זיין?

קאָני איז געשטאַנען אָן לשון.

— פאַרוואָס זאָל מען וויסן? — פונוואַנען וועט מען וויסן? — האָט זי ענדלעך געפרעגט.

— לייט ווייסן אַלצדינג, מ'עט שוין וויסן, — האָט ער גע־ענטפערט.

— אירע ליפּן האָבן לייכט געציטערט.

— איך קאָן דערצו גאָרנישט העלפן, — האָט זי קוים אַרויס־געמורמלט.

— נאָ, — האָט ער געזאָגט, — די פּריצה קאָנען דאָ יאָ העלפן, זיי האָבן אַ ברירה נישט צו קומען — און שוין, — ס'הייסט, ווי די פּריצה וויל, — האָט ער צוגעגעבן שטילער.

— איך וויל אָבער יאָ, — האָט קאָני אַרויסגערעדט.

ער האָט ווידער אַרויסגעקוקט צום וואַלד און געשוויגן.

— און וואָס עט זיין, אַז לייט וועלן דערשנאַפּן? — האָט ער ענדלעך אַ פרעג געטון. — זאָל נאָר די פּריצה איינזען, זאָלן זיי נאָר באַרעכענען, ווי מיאוס ס'עט זיין פאַר זיי — מיטן פּאַראַבעק שלעפּן זיי זעך אַרום, האַ?

קאָני האָט לאַנג געקוקט אויף זיין פּראָפיל.

— הייסט עס, — האָט זי אַרויסגעדריקט פון האַלז, — הייסט עס, אַז איר ווילט מיך נישט?

— טראַכטן זיי נאָר איבער אַ ביסל, — האָט ער אַלץ געקוקט צום וואַלד. — נו, אדרבה, זאָלן זיי אַ ביסל באַקלערן, וואָס עט זיין, לייט וועלן זיך דערוויסן, דער פּריץ עט זיך דערוויסן... נו, און די רייד, וואָס מ'עט רעדן, האַ?

— איך קאָן אַוועק פונדאַנען.

— וווּהין?

— ווו נישט איז. איך האָב מיין אייגנס געגוג געלט. און מיין מוטער האָט מיר איבערגעלאָזט אַ ירושה, איבער וועלכער מיין מאַן האָט נישט צו שאַפן. איך וועל קאָנען אַוועק פונדאַנען.

— מיר דאַכט זיך, די פּריצה וועט נישט וועלן אַוועק פונדאַנען.

— פאַרוואָס? אדרבא. איך וועל יאָ אַוועק. וואָס האָב איך דען אָנצוווערן?

— ניין, פּריצה, דאָס איז נישט מער ווי גערעדט. עס דאַכט זיך נאָר אַזוי. אָבער שפּעטער וועלן זיי אַנדערש רעדן, אַלע זענען זיי אַזעלכענע. פאַרגעסן זיי נישט, אַז די ליכטיקע פּריצה האָבן פּער מיט אַ פּראָסטן וואַלד־אויפזעער, נישט מיט אירס גלייכן, אַ פיינעם פּריץ. אָהאָ, זיי וועלן זיך באַטראַכטן, וועלן זיי רעדן אַנדערע דיבורים. יאָ, אויפן גאַנצן זיכער.

— ניין. איך מאַך מיר גאָרנישט פון דער „דורכלויכט" מיינער. איך האָס זי בלויז. מיר דאַכט זיך, אַז מענטשן לאַכן פון מיר, ווען זיי רופן מיך אַזוי. אַזוי איז עס טאַקע. עס איז געוויס

אַזוי. איר אויך. ווען איר זאָגט מיר „פּריצה״, לאַכט איר דען נישט פון מיר?

— איך?

ער האָט ערשט איצט אויף איר אַ קוק געטון, אַ קוק געטון גלייך אין די אויגן אַריין.

— איך האָב קיינמאָל אפילו נישט געטראַכט פון אייך צו שפּאַסן, — איז ער פלוצלינג מיט אַ טאָן פון ערנסט אַריבער אויף אַ ריינעם ענגליש.

און ווען ער האָט איר אַזוי געקוקט אין די אויגן אַריין, האָט זי דערזען, ווי זיינע אויגן ווערן טונקעלער, טונקעלער און די שוואַרצאַפּלען ווערן גרעסער.

— אַזוי, — האָט ער אויסגעצויגן מיט אַ דומפּיקער שטימע, — איר מאַכט אייך פון דעם אַלעם גאָרנישט? איר מוזט אייך אָבער באַרעכענען... די קאָנסעקווענצן פאַר אייך... איר מוזט זיך גוט באַדענקען, ווייל עס איז נאָך נישט שפּעט.

אַ מאָדנע, בעטנדיקע וואָרנונג האָט געקלונגען אין זיינע רייד.

— איך האָב נישט וואָס אָנצווווערן, — האָט קאָני אומגעדולדיק אָפּגעענטפערט. — ווען איר זאָלט באַגרייפן, וואָס פאַר אַ ווערט מיין לעבן האָט, וואָלט איר ערשט פאַרשטאַנען, ווי גליקלעך איך וואָלט געווען, ווען איך ווער עס פּטור. נאָר אפשר האָט איר גאָר מורא נישט פאַר מיר, נאָר פאַר זיך אַליין?

— נו, אַזוי איז עס טאַקע. — האָט ער קורץ געענטפערט. — כ׳האָב מורא. כ׳האָב טאַקע מורא.

— פאַר וואָס האָט איר מורא?

— ער האָט עפּעס מאָדנע פאַרוואָרפן דעם קאָפּ אַרונטער, מיט דערדאָזיקער באַוועגונג האָט ער געמיינט די גאַנצע וועלט אַרום.

— פאַר אַלץ. פאַר אַלעמען. פאַר יעדן. פאַר אַלע.

פלוצלינג האָט ער זיך צוגעבויגן צו איר און אַ קוש געטון דאָס אומגליקלעכע פּנים אירס.

— אָבער ס׳איז מיר אַלצאיינס. כ׳מאַך זיך נישט דערפון. אַבי מ׳נעמט זיך נאָר אַליין פעסט אין די הענט אַריין, מעג דאָס איבעריקע דער טייוול נעמען. נאָר דו זאָלסט באַלד קיין חרטה נישט האָבן...

— שטויס מיך נישט אָפּ, — האָט קאָני געבעטן.

ער האָט איר אַ גלעט געטון איבער דער באַק און געשווינד ווידער אַ קוש געטון.

— נו, לאָמיר־זשע אַריינגיין, — האָט ער אַ זאָג געטון. — און טו־זשע שוין אויס דאָס מאַנטל.

ער האָט אויפגעהאָנגען די ביקס, אַראָפּגעוואָרפן פון זיך דאָס נאַסע לעדערנע רעקל און זיך גענומען אויסשפרייטן די וואָלענע קאָלדרעס.

— כ׳האָב נאָך אַ קאָלדרע געבּרענגט, — האָט ער געזאָגט. — ווען מיר זיך קאָנען צודעקן, אַז ס׳וועט זיך אונז גלוסטן.

— לאַנג קאָן איך נישט פאַרבלייבן, — האָט קאָני געזאָגט. — האַלב אַכט מוז איך זיין אין שטוב צום נאַכטעסן.

ער האָט שנעל אַ קוק געטון אויף איר און דערנאָך געוואָרפן אַ בליק אויפן האַנט־זייגערל.

— נו, שוין פאַרטיק, — האָט ער געזאָגט.

ער האָט צוגעשלאָסן די טיר, אָנגעצונדן די לאָמטער אויף דער וואַנט און טיף אַריינגעדרייט די קנויט, איבערלאָזנדיק אַ קליינעם בלישטש.

— — — — — — — —

זי איז געלעגן אומבאַוועגלעך און פאַרטראַכטערהייט געקוקט אויף אים. אַ פרעמדער! אַ ווילד־פרעמדער! זי האָט צו אים געפילט עפּעס אַזוינס ווי פיינטשאַפט אפילו.

ער האָט אָנגעטון דאָס לעדערנע רעקל און אָפּגעזוכט דעם

הוט, ער איז געלעגן אויף דער פּאָדלאָגע. דערנאָך האָט ער אויפ־געהאָנגען די ביקס אויפן אַקסל.

— דו קאָנסט שוין גיין, — האָט ער פּאַמעלעך אַרויסגע־רעדט, קוקנדיק אויף איר מיט זיינע רויִקע, הייסע אויגן.

קאָני האָט זיך לאַנגזאַם אויפגעהויבן. עס האָט זיך איר נישט געוואָלט אַוועקגיין, גלייכצייטיק האָט זי בשום אופן מער נישט געוואָלט דאָ פאַרבלייבן. מעלאָרס האָט איר געהאָלפן אָנטון דאָס רעגנמאַנטל, אויסגלייכנדיק עס און אָפּווישנדיק דערפון די צוגעקלעפּטע שטרויעלעך.

דערנאָך האָט ער אויפגעשלאָסן די טיר. אינדרויסן איז גע־ווען שטאָק־פינסטער. דער הונט האָט מיט פרייד זיך אויפגעריסן פון זיין אָרט אונטערן דאַך און אַ קורצן, צופרידענעם האַווקע געטון. דאָס רעגנדל האָט נאָך אַלץ געטריפט.

— איך וועל מיטנעמען די לאַמטער, — האָט מעלאָרס אַ זאָג געטון. — מ'וועט דאָ קיינעם נישט באַגעגענען.

ער איז געגאַנגען פאַראויס פאַר איר מיטן שמאָלן שטעגל, די לאַמטער האָט ער געהאַלטן נידעריק, באַלייכטנדיק דאָס נאַסע גראָז און די שוואַרצע ביימער־וואָרצלען, וועלכע זענען ענלעך גע־ווען צו מוראדיקע, שלאָפנדיקע שלאַנגען. ווייטער איז אַלץ גע־ווען פאַרהילט אינם גרויען רעגן־שלייער און אין דער שטאָק־פינסטערניש.

— דו מוזסט אַמאָל קומען צו מיר אין מיין שטיבל! — האָט מעלאָרס געזאָגט. — גוט? וועסט קומען?

עס איז פאַר איר געווען אַ רעטעניש די גיריקייט זיינע, די אומפאַרלעשבאַרע ליידנשאַפט, מיט וועלכער ער האָט זי ווידער געווען צו זיך. זי האָט אים אָבער נישט געקאָנט מוחל זיין דעם בכיוונדיקן שלעכטן ענגליש זיינעם און די פּויערישע ווענדונג צו איר: „מוזסט אַמאָל קומען". ער רעדט צו איר ווי צו אַ פּויער־טע. זי האָט לויט די בלימלעך ביי די זייטן פונם שטעגל דער־קענט, וווּ זיי געפינען זיך. זי האָט גענומען מאַכן ברייטערע שפּרייזן.

— עס איז אַ פּערטל אויף אַכט, — האָט מעלאָרס באַמערקט. — איר וועט באַווייזן צו קומען צו דער צייט.

ער האָט געענדערט די אויסשפּראַך און דעם וווּלגאַרן טאָן, משמעות דערפילנדיק קאָניס געדאַנקען. ווען זיי זענען צוגעקומען צום ניסן־ווּעלדל און עס האָט זיך דערזען פונדערווייטנס דאָס טירל פונם פּאַרק, האָט ער אויסגעלאָשן די לאַמטער.

— דאָ איז שוין ליכטיקער, — האָט ער געזאָגט און זי אָנגענומען פאַרזיכטיק אונטערן אָרעם.

עס איז שווער געווען צו גיין, עס האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז מ׳גייט אויף אַ נישט זיכערן באָדן, אָדער ביי אַן אָפּגרונט, אין וועלכן מ׳קאָן צו יעדער מינוט אַריינפאַלן. ביים פּאַרק־טירל האָט ער איר דערלאַנגט זיין עלעקטריש טאַשן־לעמפּל.

— אין פּאַרק איז עטוואָס ליכטיקער, — האָט ער געזאָגט. — דאָס לאַמטערל נעמט אָבער מיט, איר קאָנט זיך נאָך אָנשלאָגן אָן אַ בוים.

קאָני האָט זיך אָוועקגעדרייט, אָבער תּיכּף צוריקגעווענדט צו אים דאָס פּנים:

— טו מיר אַ קוש.

ער האָט זיך צוגעבויגן צו איר אין דער פינסטערניש, זיין קוש האָט איר געטראָפן אין לינקן אויג. זי האָט אים אונטערגעשטעלט די ליפּן, ער האָט איר לייכט אַ קוש געטון און זיך תּיכּף אָפּגערוקט. ער האָט נישט פאַרטראָגן קיין קוש אין די ליפּן.

— מאָרגן וועל איך ווידער קומען, — האָט קאָני אַרויסגעזאָגט פון דער פינסטערניש. — אויב איך וועל קאָנען, — האָט זי צוגעגעבן, דערווייטערנדיק זיך.

— גוט, קום, אָבער נישט אַזוי גיך, — האָט מעלאָרס אָפּגעענטפערט פון דער חשכות.

זי האָט אים שוין איבגאַנצן נישט אָנגעזען.

— אַ גוטע נאַכט, — האָט זי נאָך אַהינגעשיקט די געזעגענונג.

— אַ גוטע נאַכט, אייער דורכלויכט, — האָט פייערלעך גע־קלונגען זיין ענטפער.

קאָני האָט זיך אָפּגעשטעלט און צוריק אַ קוק געטון אין דער פייכטער פינסטערניש אַריין. זי האָט אומדייטלעך אונטער־שיידט זיין סילועט.

— פאַרוואָס האָסטו מיך אַזוי אָנגערופן!

— נו, ס'אי דען? כ'זאָג דאָך — אַ גוטע נאַכט, — האָט מעלאָרס פלוצלינג איר געענטפערט מיטן פויערישן לשון. — נו, מאַך שוין פיס, גיכער!

זי איז שנעל אַוועק אין דער ריכטונג פון איר הויז. די הינ־טערשטע טיר איז געווען אָפן. זי האָט אַריינגעשלייכט און אומבאַמערקט אַרויף צו זיך. אַזוי ווי זי האָט נאָר אַריבערגעטרעטן די שוועל פון איר צימער, האָט זיך דערהערט דאָס קלינגען פון גלאָק צום נאַכטעסן. זי האָט זיך נאָך אומבאַדינגט געוואָלט אויס־באָדן — זי האָט זיך געמוזט אָפּוואַשן.

— איך וועל מיך מער נישט פאַרשפעטיקן, — האָט זי גע־טראַכט, — אַזאַ אומאָנגענעמלעכקייט.

צומאָרגנס איז זי נישט געווען אין וואַלד. זי איז אַרויסגע־פאָרן מיט קליפאָרדן אין שטאָט אַריין. ער פלעגט לעצטנס אָפט אַרויספאָרן מיט זיין אויטאָ. צו דעם צוועק האָט ער צוגענומען אַ יונגן, געזונטן שאָפער, וועלכער פלעגט אים אַריינזעצן און אַרויסטראָגן פון אויטאָ. קליפאָרד האָט זיך אינאייניקעס געזען מיט זיין טויפפאָטער סער ווינטער, וועלכער האָט געהאַט זיין גוט נישט ווייט פון דער שטאָט. סער ווינטער איז געווען אַן אַל־טער קאַוואַליער, אַ שטיינרייכער, אַן אייגנטימער פון די רייכסטע קוילן־גרובנס. קעניג עדוואַרד פלעגט אים אָפט באַזוכן, דער קעניג האָט ליב געהאַט די דאָרטיקע יאַגד־ערטער. סער ווינטערס פּאַ־לאַץ איז געווען איינער פון די עלעגאַנטסטע פּאַלאַצן אין מיטל־ענגלאַנד; דער אַלטער קאַוואַליער האָט שטאָלצירט מיט זיין פּרעכ־טיקער רעזידענץ. קליפאָרדן, זיין טויפזון, האָט ער זייער ליב געהאַט, אים איז אָבער נישט געפעלן זיין פּאַטשקען זיך מיט לי־

טעראַטור און דאָס, וואָס זיינע בילדער ווערן געדרוקט אין די בלעטער. דער אַלטער סער איז געווען אַ דזשענטלמען פון קעניג עדוואַרדס צייטן, — ער האָט געהאַלטן, אַז אַריסטאָקראַטיע דאַרף זיין אַריסטאָקראַטיע און נישט מישן זיך מיט די ביכער־און צייטונג־שמירער. צו קאָנין איז דער אַלטער דזשענטלמען געווען זייער איידל און האַרציק, ער האָט זי געהאַלטן פאַר אַ פיין, ליב מיידל, וועלכע ברענגט זיך אום פאַר קליפאָרדן. ער האָט זיך זייער געקימערט, וואָס זי קאָן נישט ברענגען אויף דער וועלט קיין טשאַטערליי־יורש. ער אַליין איז געבליבן אָן אַ יורש.

קאָני האָט זיך אין האַרץ געפרעגט: וואָס וואָלט דער אַלטער געזאָגט, ווען ער זאָל וויסן, אַז זי איז ערשט נעכטן געשלאָפן מיט איר מאַנס וועכטער, וועלכער האָט צו איר געזאָגט „דו מוזסט אַמאָל קומען צו מיר אין שטיבל אַריין". עס וואָלט אים געעקלט פאַר איר, וויל סער ווינטער האָט געהאַסט די נייע שטרעבונגען פון די נידעריקע פאָלקס־שיכטן צו דערהייבן זיך אויף אַ העכערן שטאַפל. ווען זי וואָלט געשלאָפן מיט וועמען עס איז פון די אַריסטאָקראַטישע לייט, וואָלט ער עס איר לחלוטין פאַר אומגוט נישט גענומען, עס איז אַ נאַטירלעכע זאַך. ער וואָלט עס נאָך אפשר פאַר גוט גענומען, אדרבא, דער מאַן איז אימפּאָטענט, זאָל זי אָפּנעמען אירס, אַבי פיין, אַבי ריין, אַבי באַשיידן, און דער עיקר — דערהאַלטן די בלוט־קרובהשאַפט. קאָני האָט בכלל געהאַט מזל צום אַלטן, ער האָט זי אַנדערש נישט גערופן ווי „מיין קינד". ער פלעגט אין איר שטענדיק וועקן סימפּאַטישע, הייטערע געפילן, זי פלעגט אים טראַקטירן ווי אַ ליבן אַלטן פעטער.

איצט אָבער זענען קאָניס געדאַנקען פאַרנומען געווען מיט דעם וואַלד־אויפזעער. אָט דער הער ווינטער האָט זיך צו איר באַצויגן, ווי צו אַ שטאַרק אינדיווידועלער, באַזונדערס אויסגעצייכנטער פּערזאָן, ער האָט זי נישט אויסגעמישט אין איין זאַק מיט אַלע אַנדערע פּערזאָנען פון דער אים באַקאַנטער פרויען־וועלט.

דעמדאָזיקן טאָג איז זי נישט געגאַנגען אין וואַלד אַריין, צו־מאָרגנס אויך נישט, איבערמאָרגן אויך נישט. זי איז אַזוי לאַנג נישט אַהינגעגאַנגען, ווי לאַנג זי האָט געפילט, אָדער זיך איינגע־רעדט, אַז דער מאַנספערשוין דאָרט וואַרט אויף איר, לעכצט נאָך איר. אָבער דעם פערטן טאָג האָט זי אַרומגעכאַפּט אַ שרעקלעכע אומרויִקייט, וועלכע האָט ביי איר אָוועקגענומען די גלייכגעוויכט. זי האָט אָבער בשום־אופן נישט געקאָנט פועלן ביי זיך צו גיין אַהין אין וואַלד אַריין און צעשפּרייטן די פיס פאַר יענעם מאַן. זי האָט געטראַכט און זיך באַמיט צו טראַכטן פון זייטיקע ענינים — דורכפאָרן זיך קיין שעפילד, מאַכן וויזיטן, — אָבער עס האָט נישט געהאָלפן: איר גלייכגעוויכט איז צעשטערט געווען. צום סוף איז זי אַרויס אויף אַ שפּאַציר, אָבער נישט אין וואַלד אַריין, נאָר אין דער פאַרקערטער ריכטונג. זי איז אַוועק קיין מאַרהיי דורך דעם אייזערנעם טירל, וואָס האָט זיך געפונען אין דער קעגנאיי־בערדיקער זייט פון פּאַרק.

עס איז געשטאַנען אַ שיינער פרילינג. דער פרימאָרגן איז געווען דורכזיכטיק, מילד. זי איז געגאַנגען פאַרטיפט אין אומבאַ־שטימטע רעיונות. פלוצלינג האָט זי אויפגעוועקט דאָס בילן פון אַ הונט. זי איז שוין געווען אין דער פאַרם. די לאָנקעס פון דער פאַרם האָבן זיך געפונען אין נאָענטער שכנות מיטן פּאַרק. קאָני איז ביים אַרענדאַר שוין לאַנג נישט געווען.

— בעלאַ! בעלאַ! — האָט זי גערופן דעם גרויסן ווייסן בולדאָג, וואָס איז זי באַפאַלן, — דערקענסט מיך נישט, בעלאַ?

זי האָט מורא געהאַט פאַר הינט. בעלאַ איז געבליבן שטיין האַרט לעבן איר מיט אַ פאַרריסענער מאָרדע און נישט אויפגע־הערט צו בילן. קאָני האָט מורא געהאַט צו מאַכן אַ טריט ווייטער. די פרוי פלינט, די באַלעבאָסטע, האָט זיך באַוויזן אין דער טיר. זי איז געווען אין דער זעלבער עלטער, וואָס קאָנסטאַנציע, ווי איז אַמאָל געווען דאָרפס־לערערין. קאָני האָט זי געהאַלטן פאַר אַ פאַלשער פרוי.

— אַך, ליידי טשאַטערליי! אַך! — די פרוי פלינט האָט זיך

פאַרדרויסלט ווי אַ מיידעלע, אירע אויגן האָבן אויפגעגלאַנצט. — בעלאַ! בעלאַ! בילסט אויף דער לײדי? אַוועק, בעלאַ! העלף אויף צו בילן! שטילער זאָל זיין!

זי איז צו צום הינט און אים אַוועקגעטריבן מיטן טיכל, וואָס זי האָט גראָד געהאַט אין דער האַנט.

— דער הונט דערקענט מיך נישט, — האָט קאָני געזאָגט, דערלאַנגענדיק דער באַלעבאָסטע די האַנט.

דער הער פלינט האָט אַרענדירט די פאַרם ביי קליפאָרדן.

— אַך, ער דערקענט אייער דורכלויכט, ווי דען! אָבער אַזאַ הונטישע טבע, נאָר געהאַוקעט! — זי האָט אַ קוק געטון אויף דער לײדי מיט פאַרשעמטע אויגן, — איר זענט שוין אַזוי לאַנג דאָ נישט געווען. איך האָף, אַז איר פילט אייך גוט.

— אַ דאַנק, איך פיל מיך זייער גוט.

— אַ גאַנצן ווינטער כמעט זענט איר דאָ נישט געווען. קומט אפשר אַריין אינעווייניק, וועט איר אָנקוקן מיין פיצלס.

— מיט פאַרגעניגן! — האָט קאָני געענטפערט. — אָבער נישט אויף לאַנג.

פרוי פלינט איז פאַראויס אַריינגעלאָפן צורוימען, קאָני איז נאָך איר אַריינגעגאַנגען פּאַמעלעך און צוגעוואַרט אין דער טונקעלער קיך, וווּ אַ קעסל וואַסער האָט געזאָטן אויף דער פּליטע. פרוי פלינט איז באַלד אַרויסגעקומען.

— זייט מוחל, אייער דורכלויכט, אפשר וועט איר אַריינגיין?

זיי זענען אַריין אין צימער, ווו אויף אַ סאָפע איז געזעסן אַ קינד, און אויפן טיש איז געווען געדעקט כיבוד: אַ פּשוטער, דאָרפישער טיי־סערוויז. אַ יונג דינסט־מיידל האָט זיך שעמעוודיק און אומגעלומפּערט אַרויסגערוקט פון צימער.

דאָס קינד איז געווען אַ הערלעך־שיין באַשעפעניש פון אַ צען חדשים מיט געלע האָר ווי ביים פאָטער און מיט העל־בלויע אויגן, אַ מיידעלע. עס האָט זיך לחלוטין נישט געשראָקן פאַרן

גאַסט. עס איז געזעסן אַרומגערינגלט מיט קישעלעך און מיט אַן אַ שיעור ליאַלקעס און אַנדערע שפּילעכלעך.

— ווי שיין, ווי הערלעך זי איז! — האָט קאָני געזאָגט. — ווי גרויס זי איז געוואָרן! אַ גרויסע מויד!

ווען דאָס קינד איז געבוירן געוואָרן, האָט זי עס געשענקט אַ מתּנה אַ וואָלענעם שאַל, אויף ווייַנאַכט האָט זי עס געשיקט אַ סטאַדע צעלולאָזענע קאַטשקעס.

— זע נאָר, זע, יוליאַ, זע נאָר, ווער ס'איז געקומען צו דיר? ווער איז דאָס, יוליאַ? ליידי טשאַטערליי — קענסט דאָך די ליידי טשאַטערליי.

דאָס קליינע באַשעפענישל האָט מיט וווּנדערלעכן ערנסט געקוקט אויף קאָנין. פאַר איר איז אַ ליידי, צי אַן אַנדערע פרוי געווען משמעות אַלצאיינס.

— קום צו מיר, קום! וועסט גיין צו מיר? — האָט זיך קאָני געווענדט צום קינד.

די קליינע האָט אויך די איינלאַדונג אויפגענומען מיט מערקווירדיקער קאַלטבלוטיקייט, קאָני האָט זי גענומען צו זיך אויף די קני. ווי גוט עס איז צו האַלטן דאָס וואַרעמע קינדער-קערפּערל בײַ זיך אויף דער שויס, די קליינע, ווייכע הענטעלעך, די מוטיקע, דיקלעכע פיסעלעך.

— איך האָב נאַר-וואָס אויסגעטרונקען אַ גלאָז טיי, דער מאַן מײַנער איז אויפן יריד, טרינק איך אַליין. אפשר באַווייליקט איר טיי, ליידי טשאַטערליי? געוויס זענט איר געוווינט צו אַנדערער טיי, איר וועט מיר אָבער צוליב טון...

קאָני האָט באַוויליקט, כאָטש זי האָט פיינט געהאַט, ווען מ'האָט איר געזאָגט, צו וואָס זי איז אַלץ געוווינט. דער טיש איז אויפסניי סערווירט געוואָרן, מ'האָט אַרייַנגעטראָגן די שענסטע טעלער און שאָלן.

— באַמיט אייך נישט אַזוי פיל, — האָט זיך קאָני געווענדט צו דער ווירטין.

ווען פרוי פלינט זאָל זיך נישט פּאָרען, וואָס-זשע פאַר אַ

נחת וואָלט זי אָבער געהאַט ? קאָני האָט געהאַלטן דאָס קינד און זיך געשפּילט מיטן קליינעם, אומדערשראָקענעם ווייבעלע : די ווייכע יונגע וואַרעמקייט פון קערפּערל האָט זי דורכגענומען. אַזאַ יונגס ! און אַזאַ דרייסטס ! אַזאַ אומדערשראָקנס און אַזאַ פּיצלס ! אַלע, אַלע דערוואַקסענע לעבן אין כּסדרדיקער שרעק און דאָס פּיצלס איז אַזוי מוטיק, אַזוי האָפערדיק !

זי האָט אויסגעטרונקען אַ שאָל גאַנץ שטאַרקע טיי און צוגעביסן מיט אַ שטיקל אויסגעצייכנט ברויט מיט פּוטער און קאָנפיטור. די פרוי פלינט האָט זיך אָן אויפהער גערויטלט, געקוקט אויפן גאַסט מיט גלאַנצעדיקע אויגן פון אויפהייטערונג, נישט געקאָנט איינזיצן אויפן אָרט. זיי האָבן טאַקע געפּלאַפּלט, ווי דער שטייגער איז ביי פרויען, וועגן דעם און וועגן יענעם, אָבער קאָני האָט געפילט די געוואַלטיקע מחיצה, וואָס טיילט זיי ביידע אָפּ.

— אמת, נישט קיין געהויבענע טיי ? — האָט פרוי פלינט פאַרשעמט געפרעגט.

— אָ, אַ סך בעסערע ווי ביי מיר אין דער היים, — האָט קאָני פאַרזיכערט, וואָס איז אגב געווען פולשטענדיק אמת.

— אָך, וואָס רעדט אייער דורכלויכט ! — האָט די ווירטין אויסגערופן, נישט גלייבנדיק געווייַנלעך.

אין אַ ווייַלע אַרום איז קאָני אויפגעשטאַנען.

— איך דאַרף שוין גיין, — האָט זי געזאָגט, — מיין מאַן ווייסט גאָרנישט, וווּ איך בין אַהינגעקומען. ער וועט נאָך איבערקלערן גאָט ווייסט וואָס.

— עס וועט אים נישט אייַנפאַלן, אַז איר געפינט זיך דאָ, — האָט די פרוי פלינט זיך אָנגערופן אָן אויפגעהייטערטע. — עס וועט אים גאָרנישט אייַנפאַלן.

— פאַ, פאַ, יוליאַ, — האָט קאָני זיך געזעגנט מיטן קינד, אַ קוש טוענדיק און גלעטנדיק עס איבער די געקרייזלטע געלע הערעלעך.

פרוי פלינט האָט פייערלעך געעפנט די פאַרשלאָסענע און

פֿאַרריגלטע פֿאַראַדנע טיר. קאָני איז אַרויסגעגאַנגען אינם קליינעם גערטנדל מיט די קיילעכדיקע בלומען־בייטן. רעכטס און לינקס האָבן זיך געצויגן שטעגלעך, אַרומגערעמט מיט פֿאַרשידנפֿאַרביקע סאַמעטענע ברידערלעך.

— ווי שיין די בלומען זענען דאָ, — האָט קאָני געזאָגט.

— נעמט אייך מיט עטלעכע בלימעלעך, — האָט די פֿרוי געבעטן.

זי האָט תּיכּף געגומען צונויפֿשטעלן פֿאַרן הויכן גאַסטס וועגן אַ בוקעט.

— גענוג! גענוג! — האָט קאָני נישט געלאָזט מער אָנרייסן.

זיי זענען צו צום טירעלע אין פּלויט.

— דורך וועלכן וועג ווילט איר גיין? — האָט פֿרוי פֿלינט אַ פֿרעג געטון.

— דורכן וועלדל.

— וואַרט־זשע צו אַ ווײַלע. די בהמות זענען נאָך דאָ אויף דער לאָנקע. דאָס טויער איז נאָך געשלאָסן. איר וועט מוזן אַריבערקריכן איבערן פּלויט און דאָס איז דאָך אוממעגלעך!

— איך האָב דאָס ליב, זאָרגט אייך נישט, איך קאָן עס באַווייזן.

— איך וועל אייך צופֿירן.

זיי זענען געגאַנגען דורך אַ מאָגער שטיקל לאָנקע; קרוליקעס זענען געשפּרונגען; פֿייגעלעך האָבן אויסגעפּיפּן זייער אָוונטליד; אַ פּאַסטוך האָט ערגעץ ווייט צונויפֿגערופֿן די בהמות.

— מ׳טרײַבט היינט שפּעט אַריין די בהמות, — האָט די פֿרוי פֿלינט אַרויסגערעדט שטרענג. — מיין מאַן וועט ערשט צוריקקומען בײַנאַכט, טוען זיי נישט קיין האַנט אין קאַלטן וואַסער.

זיי זענען צוגעקומען צום פּלויט, פֿון יענער זייט האָט זיך נעזען דאָס יונגע נאָדל־וועלדל. דאָס טויער איז טאַקע נאָך גע

ווען פאַרמאַכט. פון דער זייט טויער איז געשטאַנען אויפן גראָז
אַ ליידיק פלעשל.

— דער וואַלד־אויפזעער לאָזט דאָ איבער זיין פלאַש אויף
מילך, — האָט די פרוי פלינט באַמערקט. — יעדן טאָג גיסט מען
אים אָן מילך אין דער פלאַש, ער נעמט זי פונדאַנען שפּע־
טער צו.

— ווען? — האָט קאָני אַ פרעג געטון נישט־ווילנדיק.

— ווען ער געפינט זיך גראָד דאָ. צום מייסטן צומאָרגנס
אינדערפרי. נו, זייט געזעגנט, ליידי טשאַטערליי. זייט נישט קיין
גאַסט, אייער דורכלויכט, קומט נאָכאַמאָל אריין. איר פאַרשאַפט
מיר אַזוי פיל פרייד, אַזוי פיל כבוד!

קאָני איז אַריבערגעשפּרונגען איבערן פלויט און אַרויס אויפן
שמאָלן שטעגל צווישן די ענגע, געדיכטע, יונגע כאַיִנעס. די פרוי
פלינט איז צוריק אַהיימגעלאָפן איבער דער לאָנקע. קאָנסטאַנציע
האָט נישט ליב געהאַט דאָסדאָזיקע ווערדל. עס האָט אויסגעזען
אַזוי אַרים, אַזוי שפּלדיק. זי איז געגאַנגען פאַרויס מיט אַן אַראָפּ־
געלאָזטן קאָפּ און כסדר געזען פאַר די אויגן דער פרוי פלינטס
מיידעלע מיט די רויטע קרייזעלעך. אַ זיס באַשעפעניש!, עס וועט
אָבער האָבן עטוואָס קרומע פיסלעך, ווי דער פאָטער. מ׳דערקענט
עס שוין אַצינד. אפשר וועט עס נאָך אויסוואַקסן דערפון. וואָס
פאַר אַ גרויסע פרייד עס איז צו האָבן אַ קינד, ווי גליקלעך די־
דאָזיקע פרוי פילט זיך! יעדנפאַלס פאַרמאָגט דידאָזיקע פרוי אַזעל־
כעס, וואָס זי, קאָני, וועט קיינמאָל מסתּם נישט פאַרמאָגן. די פרוי
פלינט איז אַזוי שטאָלץ מיט איר מוטערשאַפט. און זי, קאָני, איז
זי אַ ביסעלע, אַ קליין ביסעלע מקנא. זי האָט עס געמוזט אין
זיך מודה זיין.

זי האָט זיך אויפגעכאַפּט פון די געדאַנקען און אַרויסגעלאָזט
אַ קורצן געשריי פון שרעק. האַרט פאַר איר איז געשטאַנען אַ
מאַנספּערשוין.

דאָס איז געווען מעלאָרס. ער איז געשטאַנען אינמיטן

שטעגל, גלייך ווי פארצייטנס בלעמס אייזל, און איר פארשטעלט דעם וועג.

— וואס זאל דאס באדייטן? — האט ער א פרעג געטון מיט פארוואונדערונג.

— פונוואנען קומט איר דא אהער? — האט קאני ארויסגעפליסטערט.

— און איר פונוואנען? איר זענט געווען ביים שייער?

— ניין! נישט געווען. איך בין דא געווען אין דער פארם.

ער האט זי פארשנדיק אנגעקוקט. זי האט פארשולדיקט אראפגעלאזט דעם קאפ.

— איר האט אפשר איצט געזאלט גיין צום שייער? — האט ער געפרעגט הארט.

— ניין! אצינד קאן איך נישט. איך האב מיך פארזוימט אויף דער פארם. קיינער אין דער היים ווייסט נישט, ווו איך געפין זיך. כ׳האב מיך פארשפעטיקט. כ׳האב איצט נישט קיין צייט.

— אפשר ווילסטו שוין פון מיר פטור ווערן? — האט זיך מעלארס אנגערופן מיט אן איראנישן חוזק-טאן.

— ניין, ניין. אבער...

— אזוי? נו וואס-זשע דען? — איז ער צו איר הארט צוגעגאנגען און זי ארומגענומען. זי האט מוראדיק נאענט און לעבעדיק דערשפירט זיין לייב.

— ניין, ניין, נישט אצינד, נישט אצינד! — האט זי אויסגעשריגן און זיך באמיט אים אפצושטופן פון זיך.

— פארוואס נישט? עס איז ערשט זעקס א זייגער. האסט נאך צייט א האלבע שעה.

— ניין! ניין! כ׳וויל נישט!

ער האט זי פעסט ארומגעהאלטן, זי האט געשפירט זיין ליידנשאפטלעכן אטעם. אין איר האט זיך אויפגעוועקט איר אמאליקער דראנג צו קעמפן פאר איר זעלבסטשטענדיקייט. אבער איר

קערפּער איז געווען אויסטערליש פֿויל, אויסטערליש שווער. זײַן קערפּער האָט אַזוי צודרינגלעך זיך געקלעבט צו אירן, זי האָט נישט געהאַט קיין האַרץ מער צו קעמפֿן.

ער האָט זיך אַרומגעקוקט אַרום־און־אַרום.

— קום, אַהער קום! אָט דאָ! דאָ! — האָט ער אַרויסגערעדט, אָנווײַזנדיק מיטן בליק אויף דער געדיכטעניש צווישן די יונגע כאָינעס, וועלכע זענען געשטאַנען צונויפֿגעקנאָדערט און פֿאַרחידושט.

ער האָט זי אָנגעקוקט. זײַנע אויגן, האָט זי באַמערקט, זענען געווען הייסע, ווילדע, פֿיבערנדיקע, אָבער נישט קיין פֿאַרליבטע. נאָר די כּוחות האָבן זי שוין אינגאַנצן געהאַט פֿאַרלאָזט. די גלידער זענען איר אַזוי ווי געליימט געוואָרן. און זי האָט זיך אונטערגעגעבן.

— — — — — — — —

זי האָט געקוקט אויף זײַן פּנים און די ליידנשאַפֿט צו אים האָט זיך געוועקט אין איר אײַנגעווייד. זי האָט זיך לאַנג געראַנגלט מיט דעמדאָזיקן געפֿיל, זי האָט געפֿילט, אַז קוים וועקט עס זיך אויף אינגאַנצן, וועט איר „איך" בטל, פֿאַרלירן פֿאַרן געפֿיל פֿון צוגעהעריקייט צו דעמדאָזיקן ליידנשאַפֿטלעך־ליבנדיקן מאַן.

מעלאָרס האָט צוריק אָנגעטון דאָס וועסטל און דאָס רעקל, און צענעמענדיק די שטעכיקע צווייג', געמאַכט פֿאַר ביידן אַ וועג צוריק צום שטעגל. די לעצטע, האָריזאָנטאַלע שטראַלן פֿון דער זון האָבן געשלייכט איבערן וואַלד.

— איך וועל דיך נישט באַגלייטן, — האָט מעלאָרס געזאָגט, — לאָמיר זיך גלײַכער פֿונאַנדערגיין.

זי האָט אים לאַנג און פֿאַרקלערט אָנגעקוקט, דערנאָך האָט זי זיך אויסגעדרייט און אַוועק. זײַן הונט האָט געבילט אַזוי שרעקעוודיק און ער אַליין איז געשטאַנען אָן אַ וואָרט צו זאָגן. ער איז געשטאַנען און איר נאָכגעקוקט. מער גאָרנישט. ז

און קאָני האָט, גייענדיק אַהיים, אויפֿגענומען מיטן גאַנצ

באַוווּסטזיין דאָס נייע געפיל, וואָס איז אין איר געבוירן געוואָרן. עפּעס איז אין איר געבוירן געוואָרן אַ נייער „איך". דערדאָזיקער נייער „איך" האָט געפּלאָנטערט טיף אין אירע געדערים און אָט דערדאָזיקער נייער „איך" אירער האָט דעמדאָזיקן וווּנדערלעכן מאַנספּערשוין פאַרגעטערט. יאָ — פאַרגעטערט! — אירע קני האָבן אינמיטן גאַנג אַזש אָנגעהויבן ציטערן. אירע געדערים זענען עפּעס אַזוי ווי צעגאַנגען געוואָרן, צעשמאָלצן געוואָרן אונטער דער אײַנערלעכער היץ, און ווי לעבעדיק, ווי פּילבאַר, ווי גליקלעך און גליכצייטיק ווי הילפלאָז זי האָט זיך דערפילט מיט איר נייעם „איך", מיט דעם נייעם געפיל פון פאַרגעטערונג!

— מיר ווייזט זיך אויס, אַ קינד פיל איך אין מיר, — האָט זי געפּליסטערט, — אַ קינד פיל איך.

און דאָס איז עס געווען טאַקע. גלייך ווי איר מוטער־לייב, וואָס איז געווען פעסט פאַרשלאָסן, וואָלט זיך צעעפנט און אָנגעפולט מיט אַ ניי לעבן, מיט אַ שווערער אָבער גליקזעליקער משא.

„זאָל איך טאַקע האָבן אַ קינד", האָט זי געטראַכט. „זאָל איך טאַקע האָבן פון אים אַ קינד".

און אַלע גלידער זענען איר ווי צעשמאָלצן געוואָרן ביי דעם געדאַנק. זי האָט ערשט איצט אונטערשיידט די צוויי באַגריפן „האָבן אַ קינד" און „האָבן אַ קינד פון אים" — געהייסן האָט עס, אַז עפּעס אַנדערש איז באַשענקען זיך אַליין מיט אַ קינד און גאָר עפּעס אַנדערש — געבוירן אַ קינד פון יענעם מאַן, וועלכן דו פאַרגעטערסט, צו וועלכן עס בענקט דיין מוטער־לייב. דאָס ערשטע איז אַ נאָרמאַלע זאַך. אָבער געבוירן אַ קינד פון דעם און פאַר דעם מאַנס וועגן, וועלכן דיין נשמה און דיינע געדערים פאַרגעטערן, דאָס איז אַזאַ מין געפיל, וואָס שמעלצט איבער דעם ביז־איצטיקן מענטש אין אַן אַנדער וועזן, וואָס דרינגט דורך טיף, טיף ביזן סאַמע מיטלפּונקט פון דער פרוילעכקייט, ביזן אַקט פון יצירה, פון נייער וועלט־באַשאַפונג.

נישט די ליידנשאַפט איז פאַר איר געווען אַ נייעס, נאָר די

נאָגנדיקע בענקשאַפט. זי האָט קיינמאָל נישט געוואָלט, זי האָט שטענדיק געטריבן פון זיך דאָסדאָזיקע געפיל, זי האָט געוווסט, אַז דאָסדאָזיקע געפיל מאַכט הילפלאָז, אָפהענטיק און דער עיקר אָפהענגיק פון דעם, צו וועמען דאָס געפיל איז געווענדט; די אייגענע פערזענלעכקייט ווערט אָפגעמעקט, פאַרשוווּנדן, אויסגע־לאָשן; זי האָט נישט געוואָלט אויסגעלאָשן ווערן, זי האָט נישט געוואָלט ווערן קיין שקלאַפין. זי טאָר נישט ווערן קיין שקלאַפין. זי האָט זיך אַלזאָ פאַר דעם פאַרגעטערונגס־געפיל געשראָקן, אָבער קעמפן דערמיט האָט זי אויך קיין חשק נישט געהאַט. זי האָט גע־ווּסט, אַז זי וואָלט דאָסדאָזיקע געפיל באַזיגט. זי האָט פאַרמאָגט אין זיך אַ טייוולשע עקשנות, וועלכע וואָלט געקאָנט מנצח זיין די אומבאַגרענעצטע, אויפגעבראַזטע פאַרגעטערונג. געקאָנט די פאַר־געטערונג דערשטיקן; עס האָט זיך איר געדאַכט, אַז זי וואָלט עס געקאָנט טון אפילו שוין איצט. זי האָט אָבער אויך געקאָנט אָפּ־לאָזן די לייצן און לאָזן דאָס מעכטיקע געפיל צעשפּילן זיך אומ־באַצוווּנגען אין אירע גדערים.

אָ, הערן לײדנשאַפטלעך־וואַנזיניק ווי אַ באַקכאַנטין, ווי אַ מענאַדע אַרומשטיפן אין די וועלדער, אַרויסרופן צו זיך דעם מענ־לעכן געשלעכטס־גאָט, דעם הערלעכן פאַלוס, דעם אור־גאָט פונם מענלעכן געשלעכטס־אבר, אײנבײסן זיך אין אים, צעטרייבערן אים אויף שטיקער פון לוּסט, פון וואַנזין. אָ, דער פאַלוס, דאָס הער־לעכע געשלעכטס־אבר פון אייביקער מענלעכקייט, דער אומפער־זענלעכער דינער, דער צושטעלער פון לוסט און געניס פאַר דער פרוי! דער אינדיווידואום, דער מאַנספערשוין — וואָס פאַר אַ רעכט האָט ער זיך אין דעם תּאווה־טאַנץ אַריינצומישן! ער, דער אינדי־ווידועלער מאַנספערשוין, וואָס איז ער דען מער, ווי דער באַדי־נער ביים היכל, דער טרעגער און היטער פונם געטלעכן פאַלוס, דעם אומפערזענלעכן, הערלעכן געשלעכטס־אבר, וועלכער איז דאָס אייגנטום פון איר, פון דער פרוי.

אָזוי אַרום האָט אינם צעברויז פון איר נייער דערוואַכונג געפלאַקערט דאָס מעכטיקסטע סעקסועלע געפיל פון אַלע צייטן,

די אומגעצוימטע נקבה, די אוראַלטע, אייביקע נקבה, ביי וועל־כער דער מאַן איז נישט מער ווי אַ צופעליק, זייטיק, באַדינע־ריש באַשעפעניש, דער טרעגער פונם אבר, פונם פאַלוס, אַ באַשע־פעניש, וועלכעס מ׳צערייסט אויף שטיקער, ווען עס האָט זיין חוב, זיין דינסט אָפּגעטון. זי האָט געפילט אין יעדן אבר, אין גאַנצן לייב די מאַכט, די קראַפט פון אַ באַקכאַנטין, פון אַן אור־אַלטער נקבה, וועלכע איז ווי אַ בליץ, וואָס דערהרגעט דעם מאַן. פילנדיק אַזוי, איז איר אָבער שווער געוועזן אויפן האַרץ. דאָס האָט זי נישט געוואָלט, דאָס איז איר צו גוט באַקאַנט געווען, דאָס איז די פרוכטלאָזיקייט, די קינדערלאָזיקייט; און די פאַרגעטערונג, וואָס האָט געבראָכן אין איר, איז דאָך איר אוצר. דערדאָזיקער נייער אוצר איז אַזוי זיס, אַזוי טיף, אַזוי נחתדיק! ניין, ניין! זי באַשטייט שוין ליבערשט זיך אָפּצוזאָגן פון איר קלאָרער, שטרענ־גער פרויען־קראַפט; זי האָט זיך שוין מיט דערדאָזיקער קראַפט איבערגעזעטיקט, איבערגעגעסן, איצט וויל זי זיך אונטערטוקן אין דעמדאָזיקן נייעם לעבנס־קוואַל, וועלכער פּליעסקעט טיף אין איר מוטער־לייב, אין אירע געדערים, וועלכער זינגט דאָס ליד פון פאַרגעטערונג. נאָך צו פרי פאַר איר צו שרעקן זיך פאַרן מאַן, דעם טרעגער פון פאַלוס.

— איך בין געווען אין מערהיי און כ׳האָב טיי געטרונ־קען ביי פרוי פלינט, — האָט זי דערציילט קליפאָרדן. — איך האָב דאָרט געזען דאָס קינד אירס. אַ הערלעך באַשעפענישל מיט הערלעך ווי רויט שפינוועבס. אַ זיס קינד! דער מאַן אירער איז ווּיפן יריד, האָבן מיר אין דרייען געטרונקען טיי, איך, זי און דאָס קינד. דו האָסט זיך מסתם געוווּנדערט, וואָס מ׳זעט מיך נישט אַזוי לאַנג.

— ס׳איז מיר טאַטע אויפפאַלנד געווען, כ׳האָב מיך אָבער משער געווען, אַז דו ביסט מסתם ערגעץ געבליבן אויף טיי, — האָט קליפאָרד געענטפערט מיט אַ טאָן פון אייפערזיכטיקייט.

ער האָט פּלוצלינג דערשפירט אין איר עפּעס נייעס, עפּעס פולשטענדיק אומפאַרשטענדלעכס פאַר אים, ער האָט עס זיך אויס־

געטייטשט, ווי אײַפערזוכט צו דער פרוי פלינט. ער האָט גע־מיינט, אַז קאָני לײַדט אינערלעך צוליב דעם, וואָס זי האָט קיין קינד נישט, וואָס זי קאָן זיך נישט מאַכן קיין קינד אויטאָמאַטיש. דאָס און נישט מער האָט ער אַרויסגעשפּירט פון איר נײַער שטימונג.

— איך האָב געזען אײַער דורכלויכט, איר זענט געגאַנגען פון דער פאַרם, — האָט זיך פרוי באָלטאָן אָנגערופן, — איך האָב באַלד פאַשטאַנען, ווו איר זענט געוועזן.

— איך האָב זייער הנאה געהאַט פונם שפּאַציר, — האָט קאָני געענטפערט.

די אויגן פון ביידע פרויען האָבן זיך באַגעגנט: פרוי באָלטאָנס אויגן — גרויע, גלאַנצנדיקע, פאָרשנדיקע; קאָניס אויגן — בלויע, פאַרנעפּלטע און וואונדערלעך־שיינע. פרוי באָלטאָן איז גע־ווען כמעט זיכער, אַז קאָני האָט אַ געליבטן. אָבער ווו און ווער? ווו האָט זי דאָ אַזאַ מאַנספּערשוין?

— דאָס איז זייער גוט פאַר אײַך, וואָס איר צעשטרייט אײַך צײַטנווײַז, אײַער דורכלויכט, וואָס איר גייט שפּאַצירן, וואָס איר זעט אײַך מיט מענטשן, — האָט פרוי באָלטאָן געזאָגט. — איך האָב נאָר־וואָס געזאָגט צו סער קליפאָרדן, אַז אײַער דורכלויכט נייטיקט זיך אין געזעלשאַפט, אַז איר וואָלט געדאַרפט אָפטער קו־מען צווישן מענטשן.

— איך בין באמת צופרידן, וואָס איך האָב באַזוכט די פאַרם. אַזאַ זיס, אַזאַ דרייסט קינד. הערעלעך האָט עס פונקט ווי שפּינ־וועבס, ווי רויטער שפּינוועבס און אַזעלכע ליכטיקע, דרייסטע, בלאָס־בלויע, פאַרצעלייענע אויגן. אַ מיידעלע איז עס. בכלל איז יעדעס מיידעלע דרייסטער ווי אַ ייִנגעלע.

— איר האָט רעכט, אײַער דורכלויכט. אַזוי איז עס בכלל, — האָט פרוי באָלטאָן באַמערקט.

— וואָלסט עס געדאַרפט זען, קליפאָרד; וואָס וועט עס דיך אַרן? איך האָב די פרוי פלינט אײַנגעלאַדן אויף טיי, וועסטו קאָ־נען זען איר קינד.

— ווען? — האָט קליפאָרד געפרעגט.

— נו, די פרוי פלינט מיט איר קינד, זי וועט דאָ זיין מאָנטיק.

— וועסט זי קאָנען אויפנעמען אויבן ביי זיך. — האָט קליפאָרד געזאָגט.

— ווילסט נישט זען דאָס קינד ? — האָט קאָני געפרעגט.

— אדרבה, איך וויל עס יאָ זען, איך וויל אָבער נישט זיצן און געגעצן מיט זיי ביי איין טיש, — האָט קליפאָרד געענטפערט.

— אַהאַ-אַ ! — האָט קאָני אויסגעצויגן און אַ קוק געטון אויף אים מיט ברייט-געעפנטע, פאַרנעפּלטע אויגן.

זי האָט אים פאַקטיש נישט געזען, ער האָט איר אויסגעזען גאָר אַן אַנדערער.

— אייער דורכלויכט, איר קאָנט ביי זיך אין צימער איינאָרדענען אַ פיינע טיי-אויפנאַמע. די פרוי פלינט וועט זיך דאָרט פילן באַקוועמער, ווי אין דער אַנוועזנהייט פון סער קליפאָרד, — האָט מאַדאַם באָלטאָן צוגעגעבן.

זי איז זיכער געווען, אַז קאָני האָט אַ געליבטן און עפּעס אַ שטימע האָט אין איר אינערלעך געיובלט. אָבער ווער איז ער ? אפשר וועט איר פרוי פלינט עפּעס אויפקלערן.

דעם אָוונט האָט קאָני נישט געהאַט קיין חשק זיך אויסצובאָדן. דער גערוך פון זיין לייב, פון זיין שוויס אפילו איז איר געווען טייער, כמעט הייליק.

קליפאָרד האָט זיך געפילט עפּעס מאָדנע אומרויק. ער האָט געוואָלט, זי זאָל בלייבן מיט אים נאָכן נאַכטעסן, זי האָט אָבער שטאַרק חשק געהאַט צו בלייבן אַליין מיט איר ניי געפיל. זי האָט אויף אים געוואָרפן אַ בליק, אָבער געבליבן מיט אים, זיך אונטערגעוואָרפן זיין ווילן.

— לאָמיר שפּילן אין עפּעס, און אפשר דיר עפּעס פאָרלייענען, אָדער לאָמיר עפּעס אַנדערש טון ? — האָט קליפאָרד מיט אַ וואַקלדיקער שטימע געפרעגט.

— לייען עפּעס, — האָט קאָני געזאָגט.

— וואָס זאָל איך דיר פאָרלייענען? פּאָעזיע? פּראָזע? דראַמע?

— לייען ראַסינס עפּעס.

דאָס פאָרלייענען ראַסינען אין עכטן פראַנצויזישן סטיל איז געווען זיין ליבלינג. ער האָט רעציטירט די אָנגעבלאָזענע פערזן מיט פּאָמפּאָסטישער מייסטערשאַפט. איצט האָט ער זיך געקרעקט, געפילט משמעות אַ ביסל נישט אין דער בחינה, ער וואָלט פאַר ליבער געגומען אין איצטיקן מאָמענט דעם ראַדיאָ-הילכער. קאָני האָט געשטריקט, זי האָט געשטריקט אַ קליידעלע פון פיאָלעטער וואָל פאַר דער פרוי פלינטס קינד. זי האָט געאַרבעט מיט אַן אומגעוויינלעכן נחת און בשעת מעשה זיך צוגעהערט צו זיין לייענען.

אין דער טיפעניש פון איר וועזן האָט זי געהערט דעם גע-רודער פון די ליידנשאַפטן, אַזוי ווי אַ מין גלאָקן-געקלאַנג.

ער האָט איר עפּעס דערקלערט וועגן ראַסינס ווערק, זי האָט דעם תוך פון זיינע ווערטער קוים אויפגעכאַפּט.

— אוודאי, אוודאי, — האָט זי מאַשינעל צוגעשאָקלט מיט קאָפּ. — עס איז אויסגעצייכנט שיין.

ער האָט ווידער דערשפּירט עפּעס אַ שרעק פאַר דעם טיפן בלויען פלעמל אין אירע אויגן, פאַר דער מילדער רו, מיט וועלכער זי איז געזעסן אַריבערגעבויגן איבער איר אַרבעט. זי איז נאָך קיינמאָל נישט געווען אַזוי אַבסאָלוט רויק, אַזוי אַבסאָלוט מילד. ער איז עפּעס געוואָרן אַזוי צעדרודערט, אַזוי אַפּהענגיק פון איר אָנוועזנהייט דאָ איצט לעבן אים. ער האָט אַזוי ווייטער אָנ-הענטיק געלייענט און די האַלז-טענער פון זיין פראַנצויזישער אויס-שפּראַך האָבן איר אויסגעזען ווי דער ווינט, וואָס רוישט אין קוימען. קיין וואָרט פון ראַסינען האָט זי נישט געהערט.

זי איז געווען פאַרזונקען אין איר אויפגעברויזטער נשמה-ווירונג, אַזוי ווי אַ וואַלד, וועלכער נעמט ביים ערשטן הויך פון פרילינג אַרויסלאָזן זיס-קרעכצנדיק די ערשטע קנאָספּן זיינע. זי

האָט געפילט, אַז אין איר װעלט געפינט זיך יענער מאַן, יענער נאָמענלאָזער מאַן, װעלכער שפּאַנט אױף זײנע פּרעכטיקע פיס אין דער הערלעכקײט פון זײן מעכטיקן פּעניס. און אין זיך, אין גאַנצן לײב האָט זי געשפּירט זײן אָנװעזנהײט, די אָנװעזנהײט פון זײן קינד. דאָס קינד זײנס האָט זי געפילט אין יעדן אָדער פונם לײב, װי עפּעס אַזאַ מילדן זון־אונטערגאַנג.

— „און זי האָט נישט — נישט קײן הענט, נישט קײן אױגן, נישט קײן פיס, נישט קײן גאָלדענעם אוצר פון לאָקן...״ — האָט זיך דערטראָגן צו איר קליפאָרדס רעציטאַציע.

קאָני האָט זיך געפילט װי אַ װאַלד, װי די פינסטערע געדיכטעניש פון די דעמבן־צװײַגן, װעלכע זשומען טויב מיט מיליאָרדן אױפגעדראָלענע קנאָספּן. דאָס האָבן די קנאָספּן פון גלוסטונג געדרימלט אין דער פאַרפלאָנטערטער געדיכטעניש פון די צװײַגן אין איר אײגן לײב.

אָבער קליפאָרדס שטימע האָט אָן אױפהער געשלײדערט מיט אומבאַגרײפלעכע װערטער און קלאַנגען. װי מאָדנע דאָס איז! װי מאָדנע ער איז, דער קליפאָרד, אײנגאַנצן אַריבערגעבױגן איבערן בוך, אַזאַ אױסטערלישער, אַזאַ קולטורעלער, אַזאַ װיסנדורשטיקער, אַזאַ גײַסטיקער, אַזאַ ברײטפּלײציקער און אַזאַ אַנפּיסיקער! אַ מאָדנע באַשעפעניש מיט אַ שטרענג, קאַלט פּנים. װי אַן ענערגישער רױב־פױגל. אָן אַ פונק װאַרעמקײט! אָן דעם מינדסטן פונק! עפּעס אַזאַ מין צוקונפטס־באַשעפעניש אָן אַ נשמה, נאָר מיט בלױז װילן, בלױז קאַלטן װילן. זי האָט זיך כמעט געשראָקן פאַר אים. אָבער איר אינערלעך לעבנס־פײַער, איר פאַרבאָרגענער, הײליקער פלאַם איז געװען שטאַרקער פון אים.

ער האָט אױפגעהערט לײענען. קאָני האָט אַ ציטער געטון. זי האָט אױפגעהױבן די אױגן און זיך נאָך מער דערשראָקן, דערזעענדיק, װי קליפאָרד אָבסערװירט זי מיט עפּעס אַ מין האַס אין די בלאַסע, אױסטערלישע אױגן.

— איך דאַנק דיר זײער! דו לײענסט ראַסינען באמת מײַסטערהאַפט, אױסגעצײכנט. — האָט זי שטיל אַרױסגערעדט.

— איך לייען כמעט אַזוי גוט, ווי דו הערסט גוט, — האָט קליפאָרד האַרט געענטפערט.

— איך מאַך דאָך אַ קליינדעלע פאַר פרוי פלינטס קינד!

קליפאָרד האָט אָפּגעווענדט פון איר די אויגן מיט פאַרדרוס. קינד! קינד! זי איז משוגע געוואָרן אויף דעם פונקט. אַלץ האָט ביי איר צו טון מיט „קינד"!

— שליסלעך, — האָט ער אַ זאָג געטון מיט אַ דעקלאַמאַ-טאָרישן טאָן, — קאָן מען ביי ראַסינען שעפּן אַלץ, וואָס אַ מענטש געברויכט פאַר זיין נשמה. געפילן אויסגעסדרטע און קאָאָרדיניר-טע האָבן אַ גרעסערן ווערט, ווי כאַאָטישע געפילן און שטימונגען.

קאָני האָט אים אָנגעקוקט מיט ברייט-געעפנטע אויגן און געטראַכט אירס.

— יאָ, יאָ. איך בין אויך ביי דער זעלבער מיינונג, — האָט זי געמורמלט.

— די מאָדערנע געזעלשאַפט האָט די געפילן געמאַכט וואָל-גאַר, זיי אָפּגעלאָזט פונם שטריק, זיי זאָלן אַרומלויפן פראַנק-און-פריי. אונז פעלט דער עיקר די קלאַסישע קאָנטראָל איבער די געפילן.

— ביסט גערעכט, — האָט זי צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ און זיך דערמאַנט, מיט וואָס פאַר אַן אידיאָטיש פּנים ער הערט זיך צו צום ראַדיאָ. — ביסט גערעכט, — האָט זי איבערגעחזרט, — טייל מענטשן מאַכן דעם אָנשטעל, אַז זיי פילן עפּעס, ווען באמת פילן זיי גאָרנישט. דאַכט זיך, מ'רופט דאָס אָן מיטן נאָמען — ראָ-מאַנטיזם.

— אַזוי איז עס! — האָט קליפאָרד צוגעשטימט.

ער איז געווען מיד. דאָס לייענען און דער אָוונט האָבן אים אָפּגעמאַטערט. ער וואָלט צופרידענער געווען צו פאַרברענגען דעם אָוונט מיט די אינזשיניערן זיינע, אָדער הערן ראַדיאָ.

פרוי באָלטאָן איז אַריינגעקומען, טראָגנדיק צוויי גלעזער היימישן פּאָרטער. פאַר קליפאָרדן איז עס געווען אַ שלאָף-מיטל,

פאַר קאָני — אַ סגולה דיקער צו ווערן. דאָס איז געווען זייער רעגולער געטראַנק פאַרן שלאָף, וואָס פרוי באָלטאָן האָט גע־האַט איינגעפירט.

קאָני האָט געדאַנקט גאָט, וואָס זי קאָן שוין נאָכן אויסטרינ־קען דעם פאָרטער אַרויף צו זיך און פאַרשפאַרט קליפאָרדן צוצו־העלפן אויסטון זיך. זי האָט ביידע אויסגעליידיקטע גלעזער אַרויפ־געשטעלט צוריק אויף דער טאַץ, גענומען די טאַץ און זיך אויס־געדרייט צו דער טיר.

— אַ גוטע נאַכט, קליפאָרד! איך האָף, אַז דו וועסט רויק שלאָפן, ראַסין איז דאָס בעסטע מיטל צום אַנטשלאָפן ווערן. אַ גו־טע נאַכט!

זי איז אַרויסגעגאַנגען אָן דעם געוווינטן קוש צום געזעגע־נען. קליפאָרד האָט איר נאָכגעקוקט מיט אַ קאַלטן, אויפמערקזאַ־מען בליק. אַזוי! נישט קיין קוש געטון אפילו צום געזעגענען, און ער האָט איר דעם גאַנצן אָוונט אָוועקגעגעבן, געלייענט פאַר איר! הייסט עס, אַזוי דאַנקבאַר איז זי! דער קוש איז אַ נאַרישקייט, אַזאַ פאָרמאַליטעט, נישט מער, דאָס גאַנצע לעבן באַשטייט אָבער פון אַזעלכע פאָרמאַליטעטן. אַ באָלשעוויסטישע נשמה ביי איר! באמת — אַ באָלשעוויסטישע! געפילן האָט זי אויך באָלשעוויסטי־שע! ער האָט פאַרביסן און קאַלט געקוקט צו דער טיר, דורך וועלכער זי איז נאָר־וואָס אַרויסגעגאַנגען. ער איז געווען אין כעס.

עס האָט ווידער זיך דערוועקט אין אים אַזאַ קינדערישע שרעק פאַר דער נאַכט. ווען ער פלעגט זיין שלעכט געשטימט, ווען די נערוון פלעגן זיך ביי אים צעשפּילן, האָט ער נישט געקאָנט נישט אַרבעטן, נישט הערן דעם ראַדיאָ, עס פלעגט אים אין אַזעל־כע מאָמענטן אַרומכאַפּן אַ שרעק פאַר דער נאַכט, פאַר דער איינ־זאַמקייט, פאַרן ליידיקן חלל אַרום אים, ווי אויף אים וואָלט אַ פאַרבאָרגענע געפאַר געלויערט. אָבער ווען קאָני זאָל נאָר וועלן, האָט זי אים פון דעם אַלעם געקאָנט אויסהיטן. עס איז אָבער קלאָר: זי וויל נישט, זי וויל נישט. זי איז גלייכגילטיק צו אים,

זי פילט נישט, וואָס ער טוט פאַר איר. ער גיט איר דאָס גאַנצע לעבן אַוועק און זי האָט צו אים דאָס מינדסטע געפיל נישט. זי ווייסט נאָר פון זיך אַליין, זי קען נאָר זיך, זי פילט נאָר זיך אַליין.

אַצינד האָט זי אַ קינד־משוגעת באַקומען. זי וויל האָבן אַ קינד, אַן אייגן קינד, עס זאָל זיין נאָר אירס אַליין, נישט זיינס!

שליסלעך, איז ער, קליפאַרד, דאָך פולשטענדיק געזונט. ווי גוט ער פילט זיך, ווי שיין ער זעט אויס, ווי מעכטיק זיינע פּלייצעס זענען, ווי מאַסיוו דער ברוסט־קאַסטן, ער איז אפילו דיקער געוואָרן. אָבער וואָס שרעקט ער זיך אַזוי פאַרן טויט? עס דאַכט זיך אים כסדר, אַז עס לויערט אויף אים אַזאַ מוראַדיקער אָפּגרונט, אַ פּוסטער חלל, אין דעמדאָזיקן חלל מוז זיך זיין לעבנס־ענערגיע ברעכן. אָן ענערגיע — דאָס האָט ער טיילמאָל געשפּירט — וואָס איז ער? — אַ מת, אַ פולשטענדיקער בר־מינן.

זיינע אַרויסגעזעצטע, בלאַסע אויגן האָבן דעריבער צייטנווייז געוואָרפן אַזעלכע מאָדנע אומצוטרויעלעכע בליקן, אַזעלכע פאַרשנדיקע, קאַלטע, כמעט גזלנישע און עפּעס אַזוי ווי חוצפּהדיקע, אַרויספאָדערנדיקע בליקן. אַזוי מאָדנע האָט אויסגעזען די אַרויספאָדערונג פון זיינס אַ בליק, ווי ער וואָלט צו־להכעיס דעם לעבן טריאומפירט איבערן לעבן. „ווער עס ווייסט דעם סוד פון ווילן, דער קאָן אפילו מלאכים באַזיגן"...

צום מיינסטן אָבער האָט ער זיך געשראָקן פאַר די נעכט, ווען ער האָט נישט געקאָנט איינשלאָפן. עס האָט אים אָנגעפילט מיט אימה די חשכות פון פוסטן חלל, די וויזיע פון פאַרניכטונג. עס האָט אים אַרומגעכאַפּט די פּיינלעכע שרעק פאַר דער עקזיסטענץ אָן לעבן. די לעבנסלאָזע עקזיסטענץ זיינע איז אים שוידערלעך ׳ צפּויער געקומען אין דער שטילקייט פון דער שלאָפלאָזער נאַכט.

איצט אָבער קאָן ער אָנקלינגען צו פרוי באָלטאָן. זי וועט תיכּף קומען. דאָס איז אַ גרויסע טרייסט. זי וועט אַריינקומען אין

שלאָפּראָק, די האָר פאַרפלאָכטן אין אַ צאָפּ, אַזאַ ווי אַ מיידל נאָך, ווי אַ יונג מיידל, כאָטש די קאַשטאַנפאַרביקע האָר אירע האָבן אין זיך אַ שפּאָר ביסל גרויע. אַ ווונדערלעכע אייגנשאַפט האָט זי, דידאַזיקע פרוי: ווען זי איז שוין אפילו דרייפּערטל שלעפּע־ריק, קאָן זי נאָך אַזוי אויסגעהאַלטן שפּילן אין שאַך, אַז ס'זאָל זיך לוינען ביי איר צו געווינען. זיי זיצן טיילמאָל אַזוי אין דער שווייגנדיקער נאָענטקייט פון דער נאַכט, אָדער זי זיצט און ער ליגט אין בעט, דאָס נאַכט־לעמפּל וואַרפט אַן איינזאַמע שיין אויף איר פאַרשלאָפן פּנים און אויף אים, וועלכער איז אַזוי איינגאַנצן אַרומגעכאַפּט פון שרעק, און זיי שפּילן, שפּילן ביידע — דערנאָך טרינקען זיי אויס צו שעלעכלעך קאַווע, פאַרבייסנדיק מיט קעקס. זיי רעדן צווישן זיך נישט אויס קיין וואָרט, אָבער עס דאַכט זיך, ווי איינער וואָלט אָפּגעהיטן דעם צווייטן.

די היינטיקע נאַכט איז פרוי באָלטאָן אויך אַזוי געזעסן. זי האָט געטראַכט וועגן דעם, ווער עס קאָן זיין דער געליבטער פון לײדי טשאַטערלײ. זי האָט אויך געטראַכט וועגן איר פאַרשטאָר־בענעם מאַן, וועלכער לעבט שוין אַזוי לאַנג נישט, אָבער פאַר איר האָט ער גאָר קיינמאָל נישט אויפגעהערט צו לעבן. און בשעת זי האָט אַזוי געטראַכט, האָט זיך אין איר אויפגעוועקט די אַלטע שנאה צו דער גאַנצער וועלט, איבערהויפּט צו די פּריצים, ווייל זיי האָבן דאָך אומגעבראַכט איר טעדן. זיי האָבן אים נישט דער־הרגעט ממש, אָבער לויט איר איינזען, זענען זיי זיינע מערדער געווען, און אין אַ באַזונדער געהיים ווינקעלע פון איר נשמה איז זי טאַקע דעריבער געווען אַ ניהיליסטקע, אַן אמתדיקע אַנאַרכיסטקע.

אין האַלב־דרימל האָבן זיך ביי איר אין געדאַנק אויסגע־מישט איר פאַרשטאָרבענער טעד מיט דער לײדי טשאַטערלײס אומבאַקאַנטן געליבטן און זי האָט אין אונטערבאַוווסטזיין גע־טיילט דעם זעלבן גורל, וואָס די לײדי טשאַטערלײ, און צוגלייך מיט איר געהאַסט דעם פּאַר איר זיצנדיקן סער קליפאָרד צוזאַמען מיט דעם אַלעם, וואָס ער שטעלט מיט זיך פאָר. גלייכצייטיק

אָבער האָט זי מיט אים געשפּילט אין קאָרטן צו זעקס פּענס אַ קאָן. און עס איז פאַר איר געווען נישט בלויז אַ סאַטיספאַקציע, נאָר אויך אַ גרויס פאַרגעניגן און געוואַלטיקער כּבוד, וואָס זי שפּילט מיט אַ לאָרד אין קאָרטן און אפילו דאָס, וואָס זי פאַרשפּילט ביי אים געלט.

זיי האָבן שטענדיק געשפּילט אין געלט. קליפאָרד האָט זיך צוליב דעם לייכטער געקאָנט פאַרגעסן. ער פלעגט שטענדיק געווינען. די נאַכט האָט ער אויך געהאַלטן אין איין געווינען. ער האָט אַזויאַרום זיך אָפּגעהאַלטן פון שלאָפן, ביז די זון איז אויפגעגאַנגען. צום גליק גייט אויף די זון שוין האַלב פינף.

קאָני איז געלעגן אין בעט און געשמאַק געשלאָפן. אָבער דער וואַלד-אויפזעער האָט לאַנג נישט געקאָנט צומאַכן קיין אויג. ער האָט פאַרשלאָסן די הינער-שטייגן, דורכרעווידירט דעם גאַנצן וואַלד, געקומען אַהיים, אָפּגע[illegible]ן נאַכטעסן. ער האָט זיך אָבער נאָך נישט געלייגט. ער איז געזעסן ביים ברענענדיקן איוועלע און געטראַכט.

ער האָט געטראַכט פון זיינע יינגלערישע יאָרן אין טיווערסהאַל און וועגן די פינף-זעקס יאָר פון זיין פאַרהייראַט לעבן. ער האָט געטראַכט וועגן דעם ווייב, וועגן איר האָט ער שטענדיק געטראַכט מיט ביטערקייט אין האַרץ. ער האָט פון איר אַ סך זיך אָנגעליטן. ער האָט זי שוין נישט געזען פון יאָר 1915 אָן, זינט ער איז אַוועק צום מיליטער. זי וווינט דאָך אינגאַנצן דריי מייל פונדאַנען. ער וועט זי שוין מסתּם קיינמאָל נישט זען.

ער האָט געטראַכט וועגן זיינע יאָרן ביים מיליטער. אינדיע, עגיפּטן, ווידער אינדיע; אַזאַ בלינד, זינלאָז לעבן מיט פערד; וועגן פּולקאָווניק, וועלכן ער האָט ליב געהאַט און וועלכער האָט אים ליב געהאַט; וועגן די יאָרן, ווען ער איז געווען אָפיציר מיט גוטע אויסזיכטן צו אַוואַנסירן; וועגן טויט פון זיין פּולקאָווניק; וועגן דעם, ווי ער אַליין איז באַלד דערנאָך קראַנק געוואָרן אויף לונגען-אַנטצינדונג און שיער נישט געשטאָרבן; וועגן זיין אָפּגעשוואַכטן געזונט-צושטאַנד ביז היינט; וועגן זיינע ספקות אין אַלץ

און אַלעמען; וועגן זיין אַוועקגיין פון מיליטער־דינסט און וועגן זיין צוריקקומען אַהיים, ווי ער האָט באַשלאָסן צוריק צו ווערן אַ פּשוטער אַרבעטער.

ער האָט איצט וועגעטירט, געמיינט, אַז דאָ אין דעם וואַלד וועט ער זיין לפּחות באַוואָרנט פון אויפטרייסלונגען. ער האָט געוואָלט אַזוי שטיל, רויִק און איינזאַם אויסלעבן זיך. ער האָט געהאַדעוועט פאַזאַנען. אָבער קיין הארמאָטן־פליייש האָט ער מער נישט געוואָלט האָדעווען. געגנוג. ער וויל אַזוי לעבן אַליין, דער־ווייטערט פון מענטשן. מער האָט ער נישט פאַרלאַנגט. ער וויל אַזוי אָפּלעבן דאָ, ווו ער איז געבוירן געוואָרן, ווו זיין מוטער לעבט נאָך ביז איצט. אמת, די מוטער האָט אַ קנאַפּע ראָל גע־שפּילט אין זיין לעבן. ער וואָלט אַזוי אָן איר, אָן אַלץ און אַלע־מען געקאָנט אָפּלעבן אַ לעבן. קיין אינהאַלט אינם לעבן איז נישטאָ.

נישטאָ קיין אינהאַלט. ער איז שוין געווען עטלעכע יאָר אָפיציר, ער האָט פאַרקערט אין די קרייזן פון אָפיצירן און באַאַמ־טע, ער ווייסט דעם ווערט פון זייער „געזעלשאַפט", ער האָט מער קיין אַמביציעס נישט, ער וויל עס מער נישט. ער האָט דער־קענט דעם מיטלשטאַנד, די אַריסטאָקראַטיע: זיי פאַרמאָג' אין זיך עפּעס אַזאַ שטייפקייט, אַזאַ מין אומבויגזאַמקייט, וועלכע מאַכט זיי אַזוי אייז־קאַלט, אַזוי פרעמד.

ער האָט דעריבער זיך אומגעקערט צום אייגענעם קלאַס זיינעם, כּדי אינם אַרבעטער־קלאַס צו געפינען דאָס, וואָס ער האָט דאַרט, אין יענע קלאַסן, בחינם געזוכט. ער האָט אָבער דאָ אויך געפונען נישט מער ווי קליינלעכקייט און שלעכטע זיטן, וועלכע האָבן אים אויך דאַרט אויסגעזען אַזוי עקלדיק. ער האָט פאַרשטאַנען, אַז דעם קלאַס זיינעם פעלט דערציִונג. ער האָט פאַרשטאַנען, אַז דער מענטש דאַרף לפּחות מאַכן אָן אָנשטעל, אַז ער מאַכט זיך גאָרנישט פון געלט און פון די איבעריקע נאַריש־קייטן, מיט וועלכע דאָס לעבן איז אָנגעפולט. ער האָט אָבער גלייכצייטיק געוווסט, אַז צי חזיר־פעטס איז טייערער אָדער בי־

ליקער געוואָרן מיט אַ גראָשן, שפּילט ביי מענטשן אַ גרעסערע ראָל, ווי אַ שינוי אין דער עוואָגעליע, און ער האָט עס נישט געקאָנט פאַרטראָגן.

און דערצו נאָך די אייביקע לוין־קאַמפּן. ער האָט דאָך אַזאַ צייט געלעבט צווישן די באַזיצנדיקע קלאַסן, האָט ער זייער גוט געוווסט, ווי האָפענונגסלאָז עס איז יעדער פּרווו צו לעזן די אַר־בעטער־פראַגע. די איינציקע לעזונג איז נאָר דער טויט. די איינ־ציקע לעבנס־חכמה איז זיך נישט אומצוקוקן אויף די זאַכן, לאָזן זיי לויפן, נישט אָנטייל נעמען אין די אַלע קאַמפּן.

ווען מ׳איז אָבער אַ קבצן, אַ נויטבאַדערפטיקער, מוז מען אָבער אין די אַלע זאַכן יאָ אָנטיילנעמען. און פּאַקטיש איז דאָס געביט געבליבן דאָס איינציקע, ביי וועלכן מ׳טוט נאָך עפּעס. די געלט־און לוין־זאָרג איז היינט דער קרעבס, וואָס פרעסט אויף די מענטשהייט. ער האָט זיך געשטאַרקט נישט צו מאַכן זיך גאָר־נישט פון דער געלט־פראַגע.

וואָס־זשע בלייבט אויסער דעם? וואָס־זשע גיט דאָס לעבן אַ חוץ די זאָרג וועגן געלט? גאָרנישט.

יעדנפאַלס האָט ער געקאָנט לעבן אַליין און האָבן די קנאַ־פּע באַפרידיקונג פון זיין איינזאַמקייט; ער האָט געקאָנט האָדע־ווען פאַזאַנען, כדי די אָנגעפרעסענע פּריצים זאָלן האָבן, וואָס צו דערשיסן. אַלץ איז געווען צייללאָז, צייללאָז אָן אַ ברעג.

עס לוינט אָבער נישט צו האָבן צרות דערפון. ער נעמט עס זיך טאַקע זייער ווייניק צום האַרץ. איצט אָבער האָט די פרוי זיך ווידער אַריינגעריסן אין זיין לעבן. דידאָזיקע פרוי איז געוויס מיט צען יאָר יינגער פון אים. בנוגע זיין לעבנס־דערפאַ־רונג איז ער אָבער טויזנט מאָל פון איר עלטער, ווייל ער האָט אָנגעהויבן דאָס לעבן פון די אונטערשטע שיכטן. ער פאַרבינדט זיך מיט איר, ווייזט אויס, נישט אויף קאַטאָוועס. ער פילט שוין פאַראויס דעם טאָג, ווען ער וועט מוזן אָנהייבן מיט איר אַ בשותפותדיק לעבן. „ווי שווער עס איז צו צערייסן די קייטן פון דער ליבע?“

און וואָס וועט דעמאָלט זײַן? וואָס וועט זײַן? ווידער אָנ־הײבן פון אָנהײב? אַרײַנצײַען אין דעם די פרוי? פירן אַ מוראדיקן קאַמף מיט איר מאַן? פירן נישט קײן קלענערן קאַמף מיט זײַן אײגן װײַב, װעלכע איז אים ערגער פון אַ שונא? עס גרוילט ממש! עס גרוילט און עס עקלט! ער איז דאָך שוין נישט קײן יונגערמאַן!

ווען זײ זאָלן שוין אפילו זיך באַפרײַען פון הער קליפאָרד און אויך פון זײַן משוגענער בערטע, וואָס וואָלט ווײַטער געװען? וואָס זאָל ער ווײַטער טון? מען מוז דאָך עפּעס טון אויף דער וועלט! ער קאָן דאָך נישט לעבן ווי אַן אומזיסטער פרעסער, לעבן פון איר געלט און פון זײַן קלײנער עמעריטורע.

ער האָט נישט געקאָנט לעזן די אויפגאַבע. קײן אַנדערע ברירה וועט נישט זײַן, נאָר צו אַנטלויפן קײן אַמעריקע, פּטור ווערן פון אַלעמען און פאַרזוכן דאָרט אַן אַנדער לעבן. אפשר וועט דאָרט נישט זײַן אַזוי אומעטיק, אַזוי האָפנונגסלאָז־אומעטיק ווי דאָ. קײן גרויסע האָפענונגען האָט ער אויך אויף אַמעריקע נישט געלייגט. דאָס דאָלאַר־לאַנד האָט אים ווײניק אימפּאָנירט פונדערווייטנס. נאָר אפשר איז דאָרט פאַרהאַן נאָך עפּעס אַ חוץ דאָלאַרן.

ער האָט נישט געקאָנט פועלן בײַ זיך צו גײן שלאָפן. ער איז אַזוי אָפּגעזעסן בײַם אויסגעגאַנגענעם אײוועלע ביז אין דער שפּעטער נאַכט אַרײַן. פּלוצלינג האָט ער זיך אויפגעשטעלט, געכאַפּט אויף זיך דאָס רעקל מיט דער ביקס.

— קום, אַלטע, — האָט ער אַ רוף געטון די צויג. — מיר בײדע פילן זיך צום בעסטן אין וואַלד.

דער הימל איז געווען אויסגעשטערנט. מעלאָרס איז פּאַמעלעך דורכגעגאַנגען דעם וואַלד. זײַנע נערוון האָבן זיך עטוואָס אײַנגעשטילט, ער האָט זיך באַמיט צו טראַכטן וועגן זײַטיקע זאַכן און עס איז אים געלונגען.

ווען ער איז דורכגעגאַנגען ביזן סוף פון וואַלד, האָט ער דערשפּירט אַ מידקײט אין אַלע אברים. ער איז אַרויף אויפן הוילן

בערגל און זיך אַרומגעקוקט. קיין איינציקער שאָרך איז נישט דערגאַנגען צו זיין געהער, אויסער דעם געוויינלעכן אונטערערדישן זשומעריי פון קוילן־גרובן, וועלכער איז געווען טעטיק ביי־טאָג און ביינאַכט אָן איבעררייס. קיין שום שיין אויסער די ווייטע עלעקטרישע לאָמפּן איז נישט געווען צו זען. די וועלט איז געלעגן און געשלאָפן, זי האָט שווער געאָטעמט פון שלאָף. עס איז געווען האַלב דריי אַ זייגער. אויך שלאָפנדיק איז די דאָזיקע וועלט געווען אומרויִק, בייז, וואָרטשענדיק. אויטאָס זענען דורכגעפלויגן העט־ווייט, אַ צוג האָט געמאַכט אַ געקלומפּער, דער ריזיקער הוטע־אויוון האָט אַהערגעשיקט דעם געמורמל פון זיין העלישן אויג. דאָס איז געווען די וועלט פון אייזן און שטיינקוילן, פון דעם אייזן־געגרילץ און פון קוילן־געשטאַנק און פון אומענדלעכער, אומבאַגרענעצטער גיריקייט, וועלכע איז געווען די נשמה פון דעם אַלעם. אַזאַ שרעקלעכע, אומהיימלעכע גיריקייט, וועלכע וואַרפט זיך אין שלאָף.

אַ קאַלט ווינטל האָט געבלאָזן, דער וואַלד־אויפזעער האָט געהוסט. ער האָט געהוסט און געטראַכט וועגן יענער פרוי. ער וואָלט אין דער מינוט אַוועקגעגעבן אַלץ, וואָס ער פאַרמאָגט און וואָס עס שטייט אים פאָר צו פאַרמאָגן, אַבי זי צו האַלטן דאָ פעסט אין זיינע אָרעמס, זי צו האָבן לעבן זיך, איינצוּוויקלען זיך מיט איר אינאיינעם אונטער איין קאָלדרע, נאַקעט לייב ביי נאַקעט לייב. אַלע טרוימען אויף דער צוקונפט, אַלע דערגרייכונגען פון דער פאַרגאַנגענהייט וואָלט ער אַוועקגעגעבן, אַבי זי צו האָבן איצט אויף זיין געלעגער און טוען מיט איר וואָס זיין האַרץ גלוסט.

ער איז אַוועקגעגאַנגען צום שייער, אים אויפגעשלאָסן, אַרויסגענומען די קאָלדרע, מיט וועלכער זיי האָבן זיך ביידע געהאַט צוגעדעקט, ווען זיי זענען דאָ געלעגן. ער האָט זיך אויסגעשפּרייט די קאָלדרע אויף דעם זעלבן אָרט און זיך געלייגט אויף דער ערד שלאָפן. ער האָט אָבער נישט געקאָנט איינשלאָפן, עס איז אים געווען קאַלט. ער איז עפּעס אינגאַנצן געווען בעדרייט.

ער האָט גאָר פּלוצלינג דערפילט זיין איינזאַמקייט אויף דער גאַנ־צער רוישיקער וועלט. זי, זי זאָל נאָר דאָ זיין מיט אים, ווי פול זיין לעבן וואָלט געוואָרן, ווי שטאַרק ער וואָלט זי צוגעדריקט צו זיך און געשלאָפן, געשלאָפן מיט איר.

ער האָט זיך אויפגעהויבן פון דער ערד און אַוועק צום פּאַרק. עס איז שוין געווען באַלד פיר אַ זייגער. עס איז נאָך אַלץ געווען פינסטער און קאַלט. נאָך ווייט צו זון־אויפגאַנג. ער איז געגאַנגען.

דער גרויסער, מגושמדיקער פּאַלאַץ האָט אים לאַנגזאַם גע־צויגן צו זיך ווי אַ מאַגנעט. עס האָט אים געצויגן, געצויגן צו איר. נישט די גלוסטונג צו איר לייב, ניין, עפּעס אַנדערש. דאָס איז געווען דאָס געפיל פון איינזאַמקייט, וועלכעס האָט געגאַרט צו האָבן נאָענט לעבן זיך דידאָזיקע פרוי. ווו זאָל ער זי זוכן? אפשר זאָל ער זי אַ רוף טון? אפשר זוכן דעם אַריינגאַנג צו איר? ער קאָן עס מער נישט איבערהאַלטן.

שטיל האָט ער זיך צוגעשלייכט צום הויז. ער זעט שוין די צוויי ריזיקע בוקן־ביימער ביים אַריינגאַנג. אָט איז ער שוין ביים טויער. אין איינאיינציקן פענסטער לייכט זיך נאָך — דאָס איז פון סער קליפאָרדס צימער. אָבער אין וועלכן צימער געפינט זיך זי, דידאָזיקע, וועלכע האַלט אין איר האַנט דעם צווייטן עק פון פאָ־דעם, וועלכער שלעפּט אים אַזוי, וועלכער ציט אים אַזוי אומ־רחמנותדיק?

ער איז נאָך נענטער צוגעגאַנגען מיט דער ביקס אין דער האַנט און געבליבן אַזוי שטיין מיטן שטאַרן בליק געווענדט צום הויז. אפשר פּרוּוון עפענען אַ טיר? אפשר וועט ער פאָרט קאָנען צוקומען צו איר? אַ מינוט איז ער אַזוי געשטאַנען און איבער־געלייגט אין געדאַנק, וואָס צו טון. הינטער אים האָט אומבאַמערקט אָנגעהויבן צו טאָגן. ער האָט באַמערקט, ווי די שיין אין איינ־ציקן באַלויכטענעם פענסטער איז פאַרלאָשן געוואָרן, ער האָט אָבער נישט באַמערקט, ווי צו דעם זעלבן פענסטער איז צוגעקו־מען פרוי באָלטאָן, צערוקט די פאָרהאַנגען פון בלויען זייד און

אַרויסגעקוקט צום טאָגן אינדרויסן, דעם סיגנאַל פאַר סער קלי־פאָרדן צום איינשלאָפן, דעם מאָמענט פאַר דער פרוי באָלטאָן זיך צו באַפרייען פון געצוווּנגענעם קאָרטן־שפּיל. קליפאָרד פלעגט גע־וויינלעך תּיכּף איינשלאָפן, ווען ער האָט נאָר דערזען, אַז עס הייבט אָן צו טאָגן.

פרוי באָלטאָן האָט שיער נישט אַ געשריי געטון פון שרעק און אומדערוואַרטקייט. אונטן, פאַרן הויז, האָט זי דערזען אַ גע־שטאַלט פון אַ מענטש. זי איז אָבער תּיכּף צו זיך געקומען, אויך די שלעפעריקייט איז מאָמענטאַל אָפּגעטרעטן פון איר. זי האָט זיך שטיל און פאָרזיכטיק אָפּגערוקט ווייטער פון פענסטער, נישט וועלנ־דיק איבערוועקן סער קליפאָרדן און נישט ווערן באַמערקט דורך דעם מענטש, וואָס שטייט ביים טויער.

דאָס שוואַכע פרימאָרגן־ליכט האָט פאַר איר אַנטפּלעקט צום ערשט די ביקס, דערנאָך די לעדערנע, גלאַנציקע קורטקע — אַזוי! איז דאָס גאָר דער וואַלד־וועכטער אַליוער מעלאָרס. זי האָט שוין געזען גאַנץ בולט דאָס פּנים זיינס און אַפילו דעם הונט זיינעם.

אָבער וואָס טוט ער דאָ איצט? וואָס וויל ער דאָ? וואָס שטייט ער ווי אַ צוגעקאָוועטער אויף איין אָרט און קוקט צו די פענסטער, ווי אַ פאַרליבטער הונט פאַר אַ שטוב, וווּ עס געפינט זיך אַ צויג?

גאָט מיין איינציקער! ווי אַ בליץ וואָלט פּלוצלינג דורכגע־שניטן פרוי באָלטאָנס געהירן. דאָס איז ער דאָך! דאָס איז ער דאָך, דער געליבטער פון דער ליידי טשאַטערליי! ער! ער!

ווער וואָלט זיך גערעכנט! אָבער זי, איוואַ באָלטאָן, איז דאָך אַליין געווען אַמאָל נישט גלייכגילטיק צו אים! זי איז דעמאָלט אַלט געווען אַ יאָר זעקסאונצוואַנציק און ער סך־הכּל זעכצן! זי האָט זיך דעמאָלט געגרייט צום עקזאַמען אַלס קראַנקן־פּלעגערין. ער האָט איר צוגעהאָלפן אין אַנאַטאָמיע, אין אַנדערע לימודים. ער איז געווען אַזאַ ווילער, אַזאַ קלוגער יונג, ער האָט באַקומען אַ סטיפּענדיע אין שעפילדער גימנאַזיע, זיך געלערנט פראַנצויזיש

און נאָך אַנדערע זאַכן. אמת, שפּעטער איז ער געוואָרן אַ פּשוטער שמיד, ווי זיין פאָטער.

ער איז אָבער געווען אַ שיינער בחור און אַ לייטישער; ער האָט איר אַ סך געהאָלפן אין לערנען. ער איז אפשר נישט ווייניקער געלערנט ווי סער קליפאָרד אפילו און צו פרויען האָט ער פון שטענדיק אָן מזל. מענער ליידן אים נישט, אָבער זייערע פרויען האַלטן פון מעלאָרסן זייער שטאַרק.

אַזוי איז עס! נישט אַנדערש! אַזוי! די ליכטיקע פּריצה, הייסט עס, האָט זיך אויף אים פאַרקוקט! אַהאַ! זי איז נישט די ערשטע פּריצה, מיט וועלכער ער האָט צו טון. נו, נו! אַזאַ זאַך! אַ יונג, געבוירן אין דאָרף, אין טיוועווערסהאָל, דאָ דערצויגן — און זי, די ליכטיקע פּריצה, די ליידי, ליידי טשאַטערליי! נו, נו! אויף מיין ערנוואָרט, דאָס הייסט, אַ פּאַטש די פּריצים, דאָס הייסט, אַ פּאַטש די ליכטיקע טשאַטערלייס גלייך אין פּנים אַריין!

דער וואַלד־אויפזעער האָט באַמערקט, אַז עס טאָגט און זיך אָפּגעשאָקלט פון זיין פאַרגאַפּונג. בחינם דאָס שטיין דאָ, בחינם דאָס וואַרטן אויפן נעכטיקן טאָג! בחינם זיינע באַמיִונגען זיך אויסצו־לייזן פון איינזאַמקייט. דאָס גאַנצע לעבן זיינס וועט ער שוין אַזוי בלייבן. טיילמאָל נאָר, טיילמאָל בליצט אויף אַ שפּאַרונקעלע פון האָפענונג אויף דערלייכטערונג. טיילמאָל נאָר. אָבער אויף אַזעלכע שפּאַרונקעלעך מוז מען לאַנג וואַרטן און זיי קומען און פאַרגייען אויגנבליקלעך. אויף אַזעלכע זעלטענע מאָמענטן וואַרט ער דאָס גאַנצע גרויע לעבן, ער וואַרט און זיי בליצן אויף, ער וואַרט גע־דולדיק, ביז אַזאַ שפּאַרונקעלע וועט ווידער אויפבליצן. אַזעלכע ווי ער קאָנען דאָס גליק נישט צווינגען צו קומען צו זיך, עס העלפט נישט קיין זוכן, מען מוז זיין געדולדיק און וואַרטן, ביז עס וועט קומען אַליין.

אין איין אויגנבליק איז די נאָגנדיקע גלוסטונג, וועלכע האָט אים געצויגן אַהער, אויסגערונען געוואָרן. ער האָט זי דערשטיקט אין זיך.ביידע מוזן גלוסטן, ער און זי. זי וועט נישט קומען

צו אים, וועט ער איר מער נישט נאָכלויפן. ער טאָר נישט. ער מוז וואַרטן, ביז זי וועט קומען צו אים.

ער האָט זיך אויסגעדרייט אַ טיף פּאַרטראַכטער, די איינזאַמקייט האָט אים ווידער איינגעזאַפּט אין זיך. אַזוי איז גלייכער! אַזוי מוז זיין גלייכער! זי מוז קומען צו אים. איר נאָכלויפן איז אומזיניק און צוועקלאָז. צוועקלאָז און אומזיניק!

פרוי באַלטאַן האָט געזען, ווי מעלאָרס גייט אַוועק און ווי דער הונט לויפט אים נאָך.

— יאָ, יאָ! — האָט זי געזאָגט צו זיך. — דאָס איז דער איינציקער מאַנספּערשוין, וועלכער איז מעגלעך אין דעם פאַל און וועלכער איז איר בשום־אופן נישט איינגעפאַלן. ער איז שטענדיק געווען אַ לייטישער, פיינער יונג. אוודאי! נישט אַנדערש! זי האָט אַ געשמאַק, די ליידי טשאַטערליי! אָבער וואָס וואָלט ער דערצו געזאָגט, ווען ער זאָל געוווּיר ווערן?

דערביי האָט זי געוואָרפן אַ ריאומפירנדיקן בליק אויף קליפאָרדן, וועלכער איז שוין געשלאָפן, און זי איז שטיל אַרויסגעגאַנגען פון צימער.

קאַפּיטל XI

קאָני האָט געמאַכט אָרדענונג אין אַ ווינקלדיק צימער פון הויז. אַזעלכע צימערן זענען געווען אין הויז עטלעכע; אומעטום איז געווען אָן אַ שיעור אַלטע גראַטעס, די טשאַטערלייס האָבן קיינמאָל קיין זאַך נישט פאַרקויפט. קליפאָרדס זיידע האָט געזאַמלט אַנטיקע בילדער, די באָבע איז געווען אַ ליידנשאַפטלעכע זאַמלערין פון פאַרצייטישע מעבל־שטיקער. דער פאָטער קליפאָרדס איז ווידער געווען אַ זאַמלער פון קינסטלעך־אויסגעאַרבעטע קופערטס. אַזוי האָט זיך געפירט ביי זיי פון דורות אָן. קליפאָרד אַליין האָט זיך איינגעקויפט אַ קאָלעקציע מאָדערנע בילדער צו זייער ביליקע פרייזן.

אין דעמדאָזיקן ווינקל־צימער האָבן זיך אַלזאָ געפונען סײ פּאָרטאַטשנע בילדער פון אומבאַקאַנטע קינסטלער, סײ שמירעכצן פון סתם פּאָרטאַטשעס, סײ אומגעלונגענע נאָכאַמונגען פון גרויסע מײסטערווערק און אַנדערע מינים אַקאַדעמישע פּאַטשקערײען. בכלל האָבן דידאָזיקע בילדער געמאַכט אַ דערשיטערנדיקן אײַנדרוק אויף קאָנין, דער טאָכטער פון אַ מיטגליד פון דער קעניגלעכער קונסט־אַקאַדעמיע. זי האָט זיך אונטערגענומען אײנמאָל פאַר אַלעמאָל דאָס אַלץ דורכצוסאָרטירן און אַ סך אַרויסוואַרפן. אײן זאַך האָט זי יאָ אינטערעסירט — דאָס זענען די גראָטעסקע מעבל־שטיקער.

געשטאַנען איז דאָרט אין דעם ווינקל־צימער צווישן אַנדערע חפצים אויך אַן אַלט משפחה־וויגל פון דער פאַמיליע טשאַטערלײ. דאָס וויגל איז געווען פון רויזן־האָלץ, עס איז געווען גוט פאַרפּאַקט און באַוואָרנט. קאָני האָט עס אויפגעפּאַקט, זי האָט עס געוואָלט אָנקוקן. דאָסדאָזיקע מעבל־שטיק האָט געהאַט אין זיך עפּעס אַ באַזונדערן חן, זי האָט לאַנג עס באַטראַכט פון אַלע זײַטן.

— אַ גרויסער שאָד, וואָס דאָסדאָזיקע וויגל וועט שוין מער קײנמאָל נישט צונוץ קומען, — האָט די פרוי באָלטאָן אַ זיפץ געטון. זי איז געווען דערבײַ און געהאָלפן קאָנין אויפפּאַקן דאָס וויגל.

— כאָטש וויגלעך ווערן שוין הײַנט נישט באַנוצט, — האָט זי צוגעגעבן, — נאָר איך האַלט בכלל...

— אפשר וועט עס נאָך צונוץ קומען, — האָט איר קאָני איבערגעריסן, — אפשר וועל איך נאָך האָבן אַ קינד.

זי האָט דאָס געזאָגט מיט אַזאַ פשוטן טאָן, ווי זי וואָלט דערציילט, אַז זי האַלט זיך בײַ קויפן אַ נײַעם הוט.

— איר גלייבט, אַז סער קליפאָרד קאָן נאָך געהײלט ווערן? — האָט פרוי באָלטאָן אַרויסגעמורמלט.

— איך גלײב נישט, נאָר איך זאָג, דאָס וואָס איז. סער קליפאָרד איז נאָר פּאַראַליזירט טײלווײַז, נאָר טײל מוסקולן זענען

באהערשט פונם פאראליז, אבער ווייטער גארנישט, — האט קאני געענטפערט גלייכגילטיק, ווי זי וואלט געזאגט פולשטענדיק אמת.

קליפארד האט איר דעמדאזיקן געדאנק אריינגעשלאגן אין קאפ. ער האט איר איינמאל אזוי געזאגט:

— נאטירלעך, עס קאן נאך געשען, אז איך זאל קאנען קינדער האבן. מיין סעקסועלע פאטענץ איז נאך מעגלעך צו היילן, ווייל ביי מיר זענען בלויז די מוסקולן פון די פיס באשעדיקט.

בשעת זיינע ענערגישע פעריאדן, בשעת ער איז באשעפטיקט געווען מיט דער קוילן־פראדוקציע פון טיוועראסהאלער גרובן, פלעגט זיך אים טיילמאל באמת אויסווייזן, אז זיין סעקסועלע פאטענץ קערט זיך אום. קאני פלעגט אין אזעלכע מאמענטן קוקן אויף אים א דערשראקענע. זי האט אבער פארשטאנען, ווי אזוי זיינע געדאנקען אויסצונוצן פאר אירע אייגענע צילן. זי האט געוואלט האבן א קינד, אבער נישט פון אים.

פרוי באלטאן האט, דערהערנדיק קאניס ווערטער, פארלוירן דאס לשון, ווי א דונער וואלט זי געטראפן. זי האט זיך ניש געקאנט צוגלייבן. אוממעגלעך. דאקטוירים טוען דאך אבער אויך נסים די לעצטע צייטן. אפשר קאן מען שוין היינט מאכן קינסטלעכע באפרוכפערונג.

— אזוי! נו, זאל טאקע גאט געבן מיט מזל און מיט גליק. אייער דורכלויכט. אך, וואלט דאס געווען א פרייד פארן גאנצ הויז! באמת! א קינד, א קינד! א יורש פון דער טשאטערליי־משפחה! אך, ווי אלץ וואלט זיך דא געענדערט!

— באמת? — האט קאני א זאג געטון.

זי האט אויסגעקליבן דריי אקאדעמישע קיטשן, אפגעשאצט זייער עלטער אויף אן ערך זעכציק יאר און באשלאסן די בילדער אריינצושיקן דער פירשטין שארטלעגד אויפן קינפטיקן ווילטעטי־קייטס־באזאר. מ׳האט זי גערופן „באזאר־פירשטין“, ווייל זי פלעגט כסדר בעטן ביי אלע גוטבאזיצער פון דער געגנט, מען זאל איר

עפּעס מנדב זײַן צום פּאַרקויפן אויף ווילטעטיקע צוועקן. זי וועט זיך באַגייסטערן פון די בילדלעך. אפשר וועט זי אפילו צוליב דעם אָפּשטאַטן דאָ אַ וויזיט. ווי אויפגערעגט פלעגט קליפאָרד ווערן שטענדיק, ווען זי קומט דאָ אַהער מיט אַ וויזיט!

„אַזוי, טײַערע ליידי!" — האָט זיך אין האַרץ די פרוי באָל־טאָן געטראַכט: „ווילסטו, הייסט עס, צוגרייטן אַ געזעצלעכן וועג פאַר אָליווער מעלאָרס' קינד? גאָט געטרייער, דאָס איז באמת אַן ענין, אַן אינטערעסאַנטער ענין! אַ קינד פון אַ טיווערסהאָלער פויער אין לאָרדן־וויגל! באמת, אינטערעסאַנט!"

צווישן אַנדערע העסלעכקייטן איז אין דעמדאָזיקן ווינקל־צימער געשטאַנען אויך אַ גאַנץ גרויס קעסטל פון יאַפּאַנישן לאַק, אַ חפץ פון פאַר זעכציק אָדער זיבעציק יאָר, אויסטערליש־קינציק און פּרעציז אויסגעאַרבעט. די אייבערשטע טייל איז געווען אַ טוי־אַלעט־אָפּטיילונג: דאָרט האָבן זיך געפונען בערשטלעך, פלאַקאָ־נען, אַ שפּיגל, קאַמען, פּודער־שאַכטלעך, אפילו דריי אויסטערליש־קליינע גאָל־מעסערלעך אין שיידלעך, אַ זייף־שיסעלע און נאָך און נאָך. אונטער דער פאַך האָט זיך געפונען אַ פאַך פון שרייב־גע־צייג: קלעקערס, פענעס, האַלטערס, טינטערס, פּאַפּיר, קאָנווערטן, נאָטעסן. אונטער דערדאָזיקער פאַך ווידער איז געווען ניי־געצייג: דריי פּאָר שערלעך פון פאַרשידענער גרייס, פינגערהוטן, נאָדלען, זייד צום נייען, פּאָדעם, שידעלקעס, שפּיזלעך, אַלץ אין דער בעס־טער אָרדענונג און אַלץ פון בעסטער קוואַליטעט און פיינסטער אויסאַרבעטונג. צום סוף איז געווען אַ פאַך פאַר מעדיקאַ־מענטן: פלעשלעך, שאַכטלעך און סלאָיִקלעך מיט פאַרשידענע אויפשריפטן — אַלע ליידיקע.

אַלץ איז געווען פולשטענדיק ניי, פאַרמאַכטערהייט האָט עס אויסגעזען ווי אַ קליין דיק וואַליזקעלע. צוגעמאַכט האָט עס זיך אַזוי קינציק, אַז מ'האָט געדאַרפט וויסן דעם סוד פון די שליסע־לעך און זאַוויעסעס. פון די פלעשעלעך האָט קיין טראָפּן זיך נישט געקאָנט אויסגיסן, ווייל ס'איז קיין אָרט נישט געווען ווו.

דאָס גאַנצע קעסטעלע איז געווען וווּנדערלעך אויסגעאַר־

בעט, בכלל אַ וווּנדערלעכער אויפּטו. דאָס איז געווען אַ קונצשטיק פון וויקטאָריאַנישן סטיל. אָבער אין אַלגעמיין איז עס געווען עפּעס אַזוי אָפּשטויסנדיק־מאָנסטרועל. מ׳האָט זיך דערפון געוויס אָפּגעגעבן רעכענונג אויך אין די פריערדיקע דורות. דער בעסטער סימן איז געווען, וואָס דאָס קעסטעלע איז קיינמאָל נישט באַנוצט געוואָרן. עפּעס אַ מאָנסטרועלע קעלט, אַ נשמהלאָזע פּוסטקייט האָט געוויִעט דערפון.

פרוי באָלטאָן איז אָבער אַנטציקט געווען.

— זעט נאָר, זעט, די וווּנדערבאַרע בערשטעלעך! אַך, ווי פּרעכטיק דאָס איז! אפילו בערשטעלעך צום ראַזירן, דריי וווּנדערבאַרע פּענזעלעך! אַך! זעט נאָר די מעסערלעך! אַזעלכעס איז נישט פאַרהאַן מער אויף דער גאַנצער וועלט! זעט נאָר, ווי אויסטערליש שיין! ווי וווּנדערלעך שיין!

— אַזוי? — האָט קאָני אַ זאָג געטון. — טאָ נעמט עס אייך.

— אַך! ניין! וואָס רעדט איר, אייער דורכלויכט?

— באמת, נעמט עס אייך. דאָ וועט עס אַזוי ליגן ביז משיח וועט קומען. ווילט איר נישט, שיק איך עס דער פירשטין צוזאַמען מיט די בילדער. זי איז אָבער נישט ווערט, מען זאָל איר געבן אַזוי פיל מיטאַמאָל. נעמט עס גלייכער איר!

— אַך, אייער דורכלויכט! איך קאָן אייך נישט גענוג אָפּדאַנקען.

— צוואָס דאַרפט איר מיר גאָר דאַנקען, — האָט זיך קאָני צעלאַכט.

פרוי באָלטאָן איז מיט גרויס פרייד אַרויסגעלאָפן, האַלטנדיק אויף די הענט דאָס גרויסע שוואַרצע קעסטל, אַליין איז זי געווען רויט פון שמחה.

זי האָט זיך תיכף פאַרנומען מיט דער מציאה קיין טיוועסהאָל, וווּ זי האָט געהאַט איר אייגן הייזל. דאָרט האָבן זיך פאַרזאַמלט אירע פריינדינס: דעם אַפּטייקערס פרוי, די לערערין, פרוי ווידאָון, די קאַסירערין. אַלע האָבן געהאַלטן דאָס קעסטעלע פאַר

אַ װוּנדערלעכער זאַך. דערנאָך האָט זיך אָנגעהויבן דאָס שושקען װעגן לײדי טשאַטערלײס קינד.

— עס געשען נאָך נסים אויף דער װעלט! — האָט פרוי װידאָון אַ זאָג געטון.

פרוי באָלטאָן האָט אָבער אַרויסגעזאָגט איר פּעסטע איבערצײגונג, אַז דאָס קינד, אויב עס װעט געבוירן װערן, װעט עס זײן פון סער קליפאָרדן. אָן ספק!

אין אַ קורצער צײט אַרום האָט דער פּריסטער געפרעגט קליפאָרדן:

— צי קאָן מען זיך באמת ריכטן אויף אַ יורש פון דער טשאַטערלײ־גזע? דאָס װאָלט פאַקטיש געװען אַ געטלעכער חסד!

— לאָמיר האָפן, — האָט קליפאָרד געענטפערט מיט לײכ־טער איראָניע, אָבער גלײכצײטיק מיט אַ שטיקל איבערצײגונג אין טאָן. ער האָט שוין אַלײן אויך אָנגעהויבן גלײבן, אַז עס װעט נאָך געבוירן װערן זײנס אַ קינד.

שפּעטער איז געקומען צו פאָרן סער װינטער, אַ דאַרער הער, װי אַ שפּענדל, אַן אַלטער מאַן פון אַ יאָר זיבעציק, אַ דזשענטלמען פון אויבן ביז אַראָפּ, װי פרוי באָלטאָן פלעגט זאָגן װעגן אים. באמת, אַ דזשענטלמען מיט אַלע פּיטשעװקעס! צוליב זײן אַלטפרענקישער נאָז־אויסשפּראַך האָט ער איר אויסגעװיזן נאָך מער דזשענטלמעניש, װי צוליב זײן פאַרמבולדיקן פּאַרוק מיטן צע־פּעלע. די צײט װאַרפט פון זיך אָפּ אין איר לויף אַזעלכע אַלטע אַריסטאָקראַטיש־פּראַכטפולע פעדערן.

ער האָט געשמועסט מיט קליפאָרדן װעגן דער קוילן־פּראָ־דוקציע. קליפאָרדס אידעע איז באַשטאַנען אין דעם, װאָס ער האָט געהאַלטן, אַז זײנע שטײנקוילן, אפילו פון געמײנסטן סאָרט, װאָלטן געקאָנט איבערגעאַרבעט װערן אויף האַרט, קאָנצענטרירט ברען־מאַטעריאַל, װעלכעס זאָל אַרויסגעבן אַ גרויסן קװאַנטום הײץ־שטאָף, װען מ׳זאָל אַרײנפּאָמפּעװען אין די קוילן־שאַכטן אַ גרויסן סכום פײכטע לופט, דורכגעזאַפּט מיט זויער־שטאָף. ס׳איז שוין פון

לאַנג באַמערקט געוואָרן, אַז ביי אַ שטאַרקן, פייכטן ווינט פּלאָ־קערן די האַלדעס באַזונדערס שטאַרק און רויכערן כּמעט איינגאַנצן נישט, דערביי בלייבט נאָכן אויסברענען אַ נישטיק־קליינער סכום אָפּפאַל.

— ווו וועסטו אָבער נעמען אַזעלכע פאַבריקן, ווו דו זאָלסט קאָנען אויסנוצן דיין ברען־מאַטעריאַל? — האָט ווינטער גע־פרעגט.

— איך אַליין וועל בויען. איך וועל מיר אַליין מיין ברען־מאַטעריאַל אויסנוצן. איך וועל פּראָדוצירן עלעקטרישע קראַפט. דאָס וועט זיך מיר געוויס איינגעבן.

— ווען עס זאָל דיר געלינגען, וואָלט עס געווען אַן אויס־געצייכנטער אויפטו, יינגל מיינס! הם! אויסגעצייכנט וואָלט עס געווען! איך וואָלט העכסט גליקלעך געווען דיר צו העלפן אין דעם. איך האָב נאָר מורא, צי בין איך שוין נישט צו אַלט, צו אַלטפרענקיש, איך און מיינע קוילן־גרובנס. אָבער ווער קאָן וויסן, אפשר, ווען איך וועל שוין נישט זיין אויף דער וועלט, וועלן אַלע, אַלע זיין אַזעלכע ווי דו, מיין יינגל? אַן אויסגעצייכנטער אויפטו! דאָס וועט געבן מענטשן ברויט, אַרבעט, מ׳וואָלט מער נישט געווען געצוווּנגען צו זוכן קונים אויף די קוילן. אַן אויס־געצייכנטער אויפטו! איך בין זיכער, אַז ער וועט געלינגען. ווען איך זאָל האָבן אַ זון, וואָלט אים מסתּם אויך איינגעפאַלן עפּעס אַ היינטוועלטיקע המצאה, געוויס! אגב, מיין טייער יינגל, צי זענען טאַקע באַגרינדעט די קלאַנגען, אַז מיר קאָנען זיך ריכטן אויף אַ יורש פון טשאַטערליי־הויז?

— קלאַנגען? עס זענען פאַרהאַן אַזעלכע קלאַנגען? — האָט קליפאָרד געפרעגט.

— צרהאַן, פאַרהאַן, יינגל מיינס! שוין עטלעכע מענטשן האָבן געפרעגט ביי מיר. זעלבסטפאַרשטענדלעך, וועל איך די קלאַנגען נישט פאַרשפּרייטן ווייטער, אויב זיי זענען גרונדלאָז.

— יאָ, — האָט קליפאָרד געענטפערט מיט אַן אומהיימלעך

געפיל, די אויגן האָבן אָבער מאָדנע געגלאַנצט ביי אים. — אַ האָפענונג איז פאַרהאַן. יאָ, פאַרהאַן אַ האָפענונג.

ווינטער האָט זיך צוגעגענט צו קליפאָרדן און אים גע־דריקט די האַנט.

— טייער יינגל, ליב יינגל! דו קאָנסט דיר גאָרנישט פאָר־שטעלן, וואָס דיינע ווערטער באַדייטן פאַר מיר! ביי דיין אַר־בעט, ביי דיינע באַמיִונגען צו האָבן די האָפענונג אויף אַ יורש, אַ זון! דו ווייסט דען, וואָס דאָס באַדייט פאַר מיר? און דערצו דיין אויפטו, די מעגלעכקייט ווידער צו געבן באַשעפטיקונג אַלע אַרבעטער פון טיווערסהאָל! אַך, יינגל מיינס! אויפהאַלטן, פאַר־זעצן דעם שטאַם און האָבן די מעגלעכקייט צו באַשעפטיקן יעדן, ווער עס וויל אַרבעטן!...

דער אַלטער הער איז געווען אויפריכטיק גערירט.

צומאָרגנס האָט קאָני אַריינגעשטעלט די געלע טוליפאַנען אין גלעזערנעם וואַזאָן ביי קליפאָרדן אין צימער.

— קאָני, — האָט ער אַ פרעג געטון, — האָסט געהערט, אַז עס גייען אַרום קלאַנגען וועגן אַ זון, אַ יורש, וועלכן דו זאָלסט האָבן?

קאָנין האָט זיך אַזש דער קאָפּ פאַרדרייט פון איבעראַשונג. זי איז [illegible] געבליבן שטיין אויסערלעך רויִק מיט די בלומען אי[illegible]

— ניין! — האָט זי געענטפערט. — וואָס איז עס — אַ וויץ? אַ שטאָך?

קליפאָרד האָט נישט באַלד געענטפערט.

— איך גלייב, אַז נישט קיין וויץ און נישט קיין שטאָך. דאָס איז, גלייב איך, אַ נבואה.

קאָני האָט זיך ווידער גענומען פאָרען מיט די בלומען.

— איך האָב היינט באַקומען אַ בריוו פון מיין פאָטער, — האָט זי זיך אָנגערופן אין אַ ווײַלע אַרום. — ער פרעגט מיך אָן, צי איך געדענק נאָך, אַז ער האָט אין מיין נאָמען אָנגענומען די

איינלאַדונג פון סער אַלעקסאַנדער קופּער צו אים אין דער ווילע עסמעראַלדי אין ווענעציע אויף יולי און אויגוסט.

— אויף יולי און אויגוסט? — האָט קליפאָרד איבערגע־פרעגט.

— איך קלער נישט צו בלייבן דאָרט אַזוי לאַנג. אפשר פאָרסטו אויך מיט?

— איך וויל נישט אַרויספאָרן קיין אויסלאַנד, — האָט קלי־פאָרד אייליק געענטפערט.

קאָני האָט צוועקגעשטעלט די בלומען אויפן פענסטער.

— אפשר ביסטו קעגן מיין אַרויספאָר? — האָט זי גע־פרעגט. — ווייסט דאָך, די זאַך איז דאָך אויף דעם זומער אָפּגע־רעדט געוואָרן.

— אויף ווי לאַנג ווילסטו פאָרן?

— אפשר אויף דריי וואָכן.

אַ ווײַלע האָבן ביידע געשוויגן.

— גוט, — האָט קליפאָרד געזאָגט מיט וואַקלעניש און עטוואָס טרויעריק, — איך האַלט, אַז דריי וואָכן וואָלט איך אויס־געהאַלטן, ווען איך זאָל האָבן די אַבסאָלוטע זיכערקייט, אַז דו וועסט צוריקקומען.

— איך וועל זיכער צוריקקומען, — האָט קאָני געענטפערט מיט אַ פּשוטער רויִקייט און מיט פולער ענדיקער איבערצייגונג. זי האָט געטראַכט וועגן יענעם מאַנספּערשוין.

קליפאָרד האָט אַרויסגעשפּירט די איבערצייגונג פון אירע ווערטער און זיך בארויִקט. ער איז געווען זיכער, אַז דאָס האָט אַ שייכות צו אים. עס איז אים גרינג געוואָרן אויפן האַרץ און ער האָט תיכּף באַקומען אַ הייטערע שטימונג.

— אויב אַזוי, — האָט ער אַ זאָג געטון, — וואָלט אַלץ געווען אין אָרדענונג. אמת?

— איך מיין אויך אַזוי, — האָט קאָני געענטפערט.

— די ענדערונג וועט דיר פאַרשאַפן פאַרגעניגן?

קאָני האָט אים אָנגעקוקט מיט אַ מאָדנע בליק.

— איך וואָלט זייער געוואָלט ווידער אָנקוקן ווענעציע, — האָט זי געזאָגט, — באָדן זיך אין דער לאַגונע. דו ווייסט דאָך, איך קאָן נישט אָנקוקן די לידאָ! איך גלייב נישט, אַז סער אַלעקסאַנדער קופּער און ליידי קופּער זאָלן אויף מיר מאַכן אַ סימפּאַטישן איינדרוק. הילדאַ, די שוועסטער מיינע, וועט אָבער אויך דאָרט זיין, מיר וועלן האָבן אַן אייגענע גאָנדאָלע און עס וועט מיר געוויס זיין אָנגענעם. וואָס אַרט עס דיך — פאָר אויך מיט.

זי האָט עס געמיינט אויפריכטיק. זי האָט אים אויך געוואָלט פאַרשאַפן פרייד.

— אָבער איך שטעל מיר פאָר, וואָס פאַר אַ פּנים איך וועל האָבן אויף גאַר־די־נאָר אָדער ביים האַפן אין קאַלע.

— וואָס איז דען? מ׳זעט דאָך גענוג מאַנספערשוינען, פאַרוואונדעטע אין קריג, אויף טראָג־בעטלעך אפילו. איבעריקנס, מיר וועלן די רייזע דורכמאַכן אין אייגענעם אויטאָ.

— מיר וואָלטן געמוזט מיטנעמען צוויי דינערס.

— צוואָס? איך מיטן שאָפער וואָלטן מיר זיך אַן עצה געגעבן, נאָך אַ מענטש וואָלט מען געדונגען דאָרט אויפן אָרט.

קליפאָרד האָט נישט איינגעשטימט.

— ניין! ניין, מיין טייערע, נישט דאָס הייַנטיקע יאָר. איבעראַיאָר וועל איך אפשר פּרובירן.

קאָני איז אַרויסגעגאַנגען. ער איז געבליבן זיצן אין אַ מרה־שחורהדיקער שטימונג. איבעראַיאָר! ווער ווייסט, וואָס איבעראַיאָר וועט זיין? זי האָט אַליין, דאַכט זיך, נישט קיין חשק צו פאָרן.

זי האָט טאַקע נישט געהאַט קיין איבעריקן חשק דערצו: בפרט איצט, איצט, ווען זי האָט יענעם מאַנספערשוין. זי האָט זיך אָבער איינגעשפּאַרט, זי מוז זיך דיסציפּלינירן אין אַ געוויסער מאָס; אויסער דעם האָט זי געוואָלט מאַכן די רייזע, כּדי קליפאָרד זאָל מיינען, אַז זי האָט געהאַט אין ווענעציע אַ געליבטן, טאָמער האָט זי אַ קינד.

עס איז געווען מאַי. אין יוני האָט זי געוואָלט אַרויספאָרן.

דאָס גאַנצע לעבן איז אַזוי איינגעטיילט אויף חלקים! אַזוי ווי דער מענטש וואָלט געטריבן געוואָרן אָן זיין ווילן דורך עפּעס אַ געהיימנישפולער מאַשין.

דעם חודש מאַי איז נאָך געווען גאַנץ קיל און פייכט. אַ קילער, פייכטער מאַי, גינסטיק פאַר דער תבואה, פאַרן היי. תבואה און היי! צוויי זאַכן זייער וויכטיקע. קאָני איז צוגעפאָרן אין נאָענטסטן שטעטל אַריין עפּעס דערליידיקן. זי איז געפאָרן אין איי־גענעם אויטאָ.

כאָטש ס'איז געווען מאַי און דאָס גראָז האָט געגלאַנצט מיט פרישער גרינקייט, האָט די געגנט אויסגעזען מרה־שחורהדיק. עס איז געווען פראָסטיק און דער רעגן איז דורכגעזאַפּט געווען מיט רויך. מ'האָט געמוזט איבערדויערן, לעבן מיט אויסדויער. עס איז דעריבער קיין וווּנדער נישט, וואָס די היגע מענטשן זענען אַזוי מיאוס און אַזוי האַרט.

דער אויטאָ האָט זיך געגליטשט באַרג־אַרויף דורך דער לאַנג־אויסגעצויגענער גאַס פון טיווערסהאַל, לענגאויס די פאַרשוואַרצטע געמויערטע הייזלעך מיט די שוואַרצע שיפער־דעכער, וועלכע האָבן געגלאַנצט פונם רעגן. די בלאָטע אויפן שאָסיי איז געווען שוואַרץ פון קוילן־שטויב, די טראָטואַרן — נאַס און שוואַרץ. אַלץ איז געווען ווי דורכגעזאַפּט מיט מרה־שחורה. ס'האָט ממש געשווידערט פונם מאַנגל אין נאַטירלעכער שיינקייט, ס'האָט זיך געדאַכט, אַז דאָ איז אַלץ דורכגענומען מיט דער פאַרלייקענונג פון מענטשלעכער לעבנס־פרייד, מיט דער פאַרלייקענונג פון וויטאַלער שיינקייט, וועלכע איז אייגנשאַפטלעך פאַר יעדן עוף, פאַר יעדער חיה, עפּעס אַזוי ווי דאָ וואָלט דער טויט געלייגט זיין חותם אויף יעדער אינטואיטיווער מענטשלעכער פעיִקייט. די זייפטורעמלעך אין די קראָמען, רומבאַרבאַרום און ציטרינען אין די שפּייז־געוועלבלעך! שרעקלעך־מיאוסע דאַמען־היטן אין די פענסטער ביי די מאָדיסטקעס! דאָס אַלץ האָט פאַרביידעפילירט פאַר די אויגן, אַלץ העסלעך, העסלעך, העסלעך, אין דער אומגעבונג פון די שווידערלעך־מיאוסע גיפּסענע קינאָ־פּראָנטאָנען, באַקלעבט

מיט נאַסע אַפּישן: „דאָס פאַרליבטע ווייבעלע״, און בילד דער־
לעבן אַ הויכע קירך פון רויטע אומגעטונקטע ציגל מיט
גרינלעכע און בלוילעכע שייבעלעך אין די פענסטער. ווייטער —
נאָך אַ קירך פון אָפּגעשוואַרצטע רויע ציגל הינטער אייזערנע
שטאַכעטן און פאַרשוואַרצטע קוסטעס. נישט ווייט — די נייע שול־
בנינים, לוקסוס־געביידעס, אַרומגערינגלט מיט בריוחדיקע שפּיל־
פּלעצער, אונטער אייזערנע קראַטן, אַלץ זייער פּאָרנעם און ענ־
לעך צו אַ קאָמבינאַציע פון אַ קלויסטער מיט אַ תּפיסה פאַראיי־
ניקט אינאיינעם. די שילערינס פון פינפטן קלאַס האָבן געהאַט אַ
לעקציע געזאַנג, זיי האָבן נאָר־וואָס פאַרענדיקט די גאַמעס־איבונ־
גען און אויפגעזוונגען „דאָס לידל פון אַרטיקן קינד״. עס איז
אוממעגלעך געווען זיך פאָרצושטעלן עטוואָס ווייניקער ענלעכס צו
געזאַנג; דאָסדאָזיקע זינגען האָט דערמאַנט עפּעס אַן אויסטערליש
קוויטשענדיק וואָיען, וואָס איז אַריינגעקוועטשט געוואָרן אין קאָנ־
טורן פון אַ מעלאָדיע. נישט ווי ביי חיות אפילו: חיות, ווען זיי
וואָיען, האָבן זיי אויך עפּעס אין זין. נישט ווי ביי ווילדע
מענטשן, דאָס געזאַנג פון ווילדע האָט אַ געוויסן סובטעלן ריטם.
דאָסדאָזיקע איז געווען עפּעס אויסטערלישס, נישט ענלעך צו
גאָרנישט, און געהייסן האָט עס געזאַנג. קאָני איז געזעסן און גע־
הערט, דאָס האַרץ האָט זיך איר אַראָפּגעלאָזט ביז צו די קנעכ־
לעך, בשעת דער שאָפער האָט צוגעגאָסן בענזין אין מאָטאָר
אַריין. וואָס קאָן דען אַרויסקומען פון אַזאַ פאָלק, פון אַזאַ פאָלק,
ביי וועלכן די לעבעדיקע אינטואיטיווע פעיקייטן זענען טויט ווי
די טשוועקעס, ביי וועלכן ס׳איז מער גאָרנישט פאַרהאַן, אַ חוץ
אַ מעכאַניש וואָיען און אומהיימלעכע ענערגיע?

אַ וואָגן קוילן איז אַראָפּגעפאָרן פון באַרג, רוישנדיק אונ־
טערן רעגן. קאָני׳ס אויטאָ האָט געריירט, פאַרבייגעפאָרן שמוצי־
קע סחורות־לאַגערן און מלבושים־סקלאַדעס, דערנאָך די פּאָסט־
געביידע און דעם מאַרק־פּלאַץ, וווּ סעם בלעק אַליין האָט אַרויס־
געקוקט פון דער טיר פון זיין האָטעל „די זון״, וועלכער איז אין
דערווירקלעכקייט געווען אַ פינסטערע אכסניה, ווו עס פלעגן

איינשטיין האַנדלס־אַגענטן. סעם האָט זיך טיף געבוקט פאַרן אויטאָ פון דער ליידי טשאַטערליי.

עטוואָס לינקס האָט זיך ווייטער געפונען אַ קירך, אַרומגע־שטעלט מיט שוואַרצעביימער. דער אויטאָ איז ווידער אַראָפּגע־פאָרן באַרג־אַראָפּ פאַרביי דעם „אַרבעטער־ווינקל“ — אַזאַ מין פאַרוויילונגס־לאָקאַל. פריער האָט דער אויטאָ שוין געהאַט אויס־געמיטן „וועלינגטאָן“, „נעלסאָן“, „דריי פעסלעך“, „די זון“, איצט ווידער „דאָס אַרבעטער־ווינקל“ און באַלד דערנאָך „דאָס מעכאַני־קער איינפאָר־הויז“ און דאָס נייע, רוישיקע „קוילנגרעבער־הויז“. אויסמיידנדיק נאָך עטלעכע אַזעלכע געזעלשאַפטלעכע געביידעס, איז דער אויטאָ אַריינגעפאָרן אין אַן אַלעע פון צוויי רייען טונ־קעלע קושאַקעס. די אַלעע האָט געפירט צום שאָסיי אין נאָענט שטעטל אַריין, וווהין קאָני איז אייגנטלעך געפאָרן.

טיוועַרסהאָל! דאָס איז טיוועַרסהאָל! דאָס „פריילעכע ענג־לאַנד“! דאָס ענגלאַנד פון שעקספּירן! ניין, דאָס איז דאָס היינטי־קע ענגלאַנד, קאָני האָט זיך דערפון אָפּגעגעבן אַ קלאָרן חשבון, פון זינט זי האָט זיך דאָ באַזעצט, פון זינט זי וווינט אין דערדאָ־קער געגנט. דאָסדאָזיקע נייע ענגלאַנד האָט אַרויסגעגעבן אויף דער וועלט אַ נייע ראַסע מענטשן, אַ העכסט־באַוווסטזיניקע אין געלט־ענינים, אין געזעלשאַפטלעכע ענינים, אין פּאָליטישע ענינים, — אָבער דאָרט, וווּ עס האָט זיך געהאַנדלט אין ספּאָנטאַ־נע, אין אינטואיטיווע ענינים, איז דידאָזיקע ראַסע געווען טויט. זיי אַלע דאָ זענען כמעט מתים, האַלבע מתים, זיי האָבן געהאַט אַ גרויליקן, אַן עקשנותדיקן באַוווסטזיין פאַר זייער צווייטער העלפט. אין דעם אַלעם האָט געשטעקט עפּעס אַזאַ מין אומהיימלעכקייט, אַן אונטערערדישקייט. עס איז אוממעגלעך געווען צו פאַרשטיין זייערע מעשים, זייערע כוונות. גיי, ווייס, וואָס אַ האַלב־טויטער האָט אין זין?

בשעת קאָני האָט דערזען די ריזיקע לאַסט־אויטאָס, אָנגע־פולטע מיט אַרבעטער פון די שעפילדער גיסערייען, די אומהיימ־

לעכע, דראַבנע באַשעפענישלעך, ענלעכע צו מאַנספערשוינען, — איז איר כמעט נישט גוט געוואָרן ביים געדאַנק:

„אַך, גאָט מיינער, וויפיל שלעכטס איין מענטש טוט דעם אַנדערן! וויפיל בייז די פירער פון דער מענטשהייט האָבן אָנגעטון זייערע נאָענטע? זיי האָבן די מענטשהייט דערפירט צו דער מדרגה פון באַשעפענישן, וואָס שטייען נידעריקער, ווי מיט טויזנטער יאָרן צוריק! נישטאָ מער קיין בשותּפותדיק מענטשהייטס־געפיל! די וועלט לעבט דאָך אין אַ קאָשמאַר!"

זי האָט בולט געפילט די גאַנצע גרויזאַמע נישטיקייט, די גרויקייט, די זאַמדיקייט, די האָפנונגסלאָזיקייט פונם לעבן. אויב די אַרבעטער־מאַסן באַשטייען פון בלויז אַזעלכע נישטיקע ברואים און די העכערע קלאַסן זענען דורכאויס אַזעלכע, ווי זי קען זיי, איז נישטאָ מער קיין האָפענונג, אוממעגלעך יעדע האָפענונג! און דאָ וויל זי אַ קינד האָבן, אַ יורש פאַר קליפאָרדן! בררר!... זי האָט אויפגעשוידערט אינגאַנצן.

אָבער מעלאָרס שטאַמט דאָך פון דעמדאָזיקן לעבן! — יאָ, אָבער ער שטייט דאָך אויך אַזוי ווי זי אין אַ זייט פון לעבן. ער האָט דאָך אויך נישט קיין געפיל פון געמיינזאַמקייט מיט דער סביבה. ער לעבט דאָך ווי זי בלויז מיט זיין איינזאַמקייט, מיט זיין האָפנונגסלאָזער באַציִונג צו דער אַזוי געראָפענער געזעלשאַפט. אַנדערש זענען אָבער די ריזיקע ענגלישע מאַסן, דאָס היינטיקע ענגלאַנד; קאָני האָט דאָס אַלץ געטראַכט, פאָרנדיק אין אויטאָ אין מיטן האַרץ פונם אינדוסטריעלן ענגלאַנד.

דער רעגן האָט אויפגעהערט. די לופט איז אָנגעזאַפּט געוואָרן מיט אַזאַ מין דורכזיכטיקייט. נאָך עטלעכע מינוט — און דער אויטאָ האָט זיך אָנגעהויבן דערנענטערן צו דער שטאָט. פונדערווייטנס האָט זי אויסגעזען ווי אַ ריזיקער הערלעכער האָטעל, וועלכער טינקט זיך אין פורפור און גאָלד. נענטער אַ ביסל האָט מען ערשט געקאָנט באַמערקן די באַזונדערע רייען פּרעכטיקע, מאָדערן־געבויטע געביידעס, וועלכע זענען אויסגעשטעלט געוועזן ווי די דאָמינאָ־ביינדלעך, יעדע געביידע באַזונדער אַרומגערינגלט

מיט איר גערטנדל; אויסגעזען האָט עס ווי אַ ריזיקע דאָמינאָ־פּאַרטיע, אויסגעשפּילט דורך עפּעס געהיימנישפולע „הערן" אויף דער דערשראָקענער ערד־אויבערפלאַך. אָבער הינטער דידאָזיקע שפּילעוודיקע הייזער האָבן זיך געשוואַרצט שרעקלעכע, וווּנדער־לעכע, ריזנהאַפטע קאָנסטרוקציעס פון עכט־מאָדערנע גרובנס, פאַבריקן פון כעמיקאַליען און לאַנגע גאַלערייען, עפּעס אַזעלכע אויס־טערלישע, אימהדיקע, אומבאַקאַנטע דעם מענטשלעכן אויג. די הייב־טורעמס, די גרובן־האַלדעס האָבן אין פאַרגלייך מיט דידאָזיקע ריזן אויסגעזען ווי קאַרליקלעך. און פאַראַויס, ווי פאַרשטעלנדיק דאָס אַלץ, איז געשטאַנען די אומגעהייערע דאָמינאָ־פּאַרטיע, וועל־כע די געהיימנישפולע „הערן" האָבן איבערגעריסן אינמיטן שפּיל, די דאָמינאָ־ביינדלעך האָבן ווי דערשראָקענע געקוקט צוריק הינ־טער זיך, ווי זיי וואָלטן געוואַרט, מ׳זאָל דעם איבערגעריסענעם שפּיל באַנייען.

דאָס איז געווען די נייעסטע אַרכיטעקטור־קונסט פון נאָך דער מלחמה. באמת איז אָבער געשטאַנען אַ האַלבן קילאָמעטער פונדאַנען, כאָטש קאָני האָט דערפון נישט געוווּסט, דאָס אַלטע שטעטל מיט דעם קליינעם פאַרעלטערטן קוילן־גרובן, מיט די אַלטע פאַרשוואַרצטע שטיבעלעך, מיט די עטלעכע קלויסטער־לעך און די עטלעכע געוועלבעלעך און מיט איינער אָדער צוויי קרעטשמעס.

דאָסדאָזיקע שטעטל איז שוין אָבער נישט געקומען אין חשבון. די שרעקלעכע וואָלקנס רויך און דאַמף האָבן זיך אויפ־געהויבן פון די נייע פאַבריקן און פאַרטרונקען דאָס אַלטע שטעטל. די נייע דאָמינאָ־פּאַלאַצן, זיי האָבן איצט געהערשט אָן קלויס־טערן, אָן קרעטשמעס, אפילו אָן קראָמען, בלויז מיט זייערע אולטראַ־מאָדערנע „אונטערנעמונגען", וועלכע זענען דער היינט־צייטיקער אַלײַב מיט זיינע טעמפּלען פאַר אַלע געטער, די מוס־טערהאַפטע אַרבעטער־קאָלאָניעס און די פּרעכטיקע האָטעל־גע־ביידעס.

דערווייל איז קאָניס אויטאָ געפאָרן באַרג־אַרויף. אַרום האָט

זיך אויסגעשפּרייט דאָס גאַנצע גראַפנטום. אַמאָל איז דאָס געווען אַ שטאָלץ, אַ הערלעך גראַפנטום. עס האָט זיך נאָך אויפן שפּיץ פון העכסטן באַרג דערהויבן איבער דער גאַנצער געגנט דער פּעל־זיקער גרויזאַמער שלאָס מיט זיינע פּרעכטיקע גאָטיק־פענסטער, איינער פון די הערלעכסטע שלעסער פון די עליזאַבעטישע צייטן. די ערגייציקע ריזן־נעסט איז געשטאַנען איינזאַם אינם אוראַלטן, פּאַרצייטישן פּאַרק. אַלץ איז דאָ געבליבן ווי פאַרגליווערט פון דורות, קאָנסערווירט ווי אַ זכר אויף דור־דורות: „זעט, ווי מאַגנאַ־טיש אונזערע אורעלטערן האָבן געלעבט!“

דאָס איז געווען די פאַרגאַנגענהייט. די קעגנוואַרט איז גע־לעגן דאָרט אונטן. אָבער ווו די צוקונפט וועט זיך געפינען, ווייסט איין גאָט. דער אויטאָ האָט זיך שוין איצט געגליטשט צווישן קליי־נע, פאַרשוואַרצטע אַרבעטער־הייזלעך. דאָס איז געווען דאָס שטעטל אוטוואַיט. דאָס שטעטל האָט טאָג און נאַכט געדעמפּט צום הימל מיט כמאַרעס רויך און דאַמף, אַזאַ מין קטורת צו עפּעס אומבאַ־קאַנטע געטער. שטענדיק פלעגט אוטוואַיט מאַכן אויף קאָנין אַן אומהיימלעכן איינדרוק מיט די שטאָלערנע רעלסן־פעדים, מיט וועלכע עס איז צוגעבונדן געווען צו שעפילד, מיט די אייזן־און קוילן־הוטעס, וועלכע האָבן דורך זייערע לאַנגע רערן־העלזער פאַר־שפּרייט אַרום זיך רויך און היץ, דער עיקר מיטן האַלב־איינגעפאַ־לענעם קלויסטער־טורעמל, וואָס האָט ווי אין טויט־אַנגסטן אויס־זיכטלאָז געקעמפּט מיט דער נייער וועלט פון נעפּל און אומעט. אַן אַלט שטעטל איז דאָס געווען, דער האַנדלס־צענטער פון דער סביבה. די גרעסטע קרעטשמע אין שטעטל האָט געטראָגן דעם נאָמען „טשאַטערליי־איינפאָר־הויז“. דאָ האָט מען די פּריצים טשאַטערליי געקענט אַלס טשאַטערלייס, אַלס אמתע לאָרדן, אַלס אַמאָליקע מאַגנאַטן.

די אַרבעטער־הייזלעך זענען געשטאַנען לענגאויס די טראָ־טואַרן, פאַרסאַזשעטע, מרה־שחורהדיקע, ווי מיט הונדערט יאָר צו־ריק. דאָ האָט זיך דער מענטש געפונען אינמיטן קנויל פון באַן־

שינעס, רויך־קנוילן, אומענדלעכער ריי מויערן און מויערן, אייזןגעגרילץ, סיגנאַלן־געליאַרם, באַטויבנדיקער געקלימפּער.

אָבער ווייטער, באַרג־אַראָפּ, פאָרנדיק אינם סאַמע האַרץ פון שטעטל, אינם לאַבירינט פון די געסעלעך אויף יענער זייט קלויסטער, האָט מען זיך ווידער געפונען אין אַ וועלט פון מיט צוויי הונדערט יאָר צוריק. דאָרט, אין אַ צעהויקערט געסעלע, איז טאַקע געשטאַנען דאָס „טשאַטערליי־איינפאָר־הויז", נאָענט ביי דעם איינפאָר־הויז — די אַלטע אַפּטייק. ווייטער האָט דער וועג געפירט צו דער ווילדער, פאַרוואַקסענער, אַלטערטימלעכער וועלט פון שלעסער און פאַרצייטישע מאַגנאַטישע רעזידענצן.

אָבער אין ראָג איז פונדעסטוועגן געשטאַנען דער פּאָליסמען מיט אַן אויפגעהויבענער האַנט, דורכלאָזנדיק די מעכטיקע לאַסט־אויטאָס, אָנגעלאָדענע מיט אייזנוואַרג. בשעת די שווערע אויטאָס זענען דורכגעפאָרן, האָט דאָס בידנע קלויסטערל געציטערט אינגאַנצן. דער פּאָליסמען האָט פריער נישט געקאָנט צולייגן די האַנט צום דאַשעק, כדי צו באַגריסן איר דורכלויכט, די ליידי, ביז די לאַסט־אויטאָס זענען נישט אַוועק זייער וועג.

אַזאַ פּנים האָט עס געהאַט: אויף די אַלטע, קרומע געסלעך זענען געשטאַנען צונויפגעשטויסן קופּעס אַלטפרענקישע, פאַרחושכטע אַרבעטער־הייזלעך. נאָך זיי, אין טאָל, האָבן זיך שוין אָנגעהויבן ציען די רייען רויטע און ווייס מאָדערנע ווילייעס — די הייזער פון דער נייער, אויפגעקומענער אַרבעטער־ראַסע. הינטער זיי ווידער האָבן זיך אויף גאַנצע מיילן געצויגן כמאַרעס רויך און דאַמף. אינמיטן דידאָזיקע נייע איינריכטונגען זענען נאָך ערגעץ ווו פאַרבליבן נעבעכדיקע רעשטלעך פון פאַרצייטישן ענגלאַנד, דעם ענגלאַנד פון פּאָסט־וואָגנס און פּויערישע כאַטעס, דעם ענגלאַנד פון ראָבין הוד — דאָרט פלעגן די באַרג־אַרבעטער נישט רויִק איינזיצן ביי דער אַרבעט און פון צייט־צו־צייט זיך אַוועקלאָזן אויף אומלעגאַלער יאַגד נאָך פריצישן געווילד אין די פריצישע פּאַרקן, בפרט, ווען זיי האָבן קיין אַרבעט נישט געהאַט.

ענגלאַנד! ענגלאַנד מיינס! אָבער וועלכעס איז דאָס מ יי ן

ענגלאַנד ? די פּרעכטיקע בנינים פון ענגלאַנד מאַכן אַ פיינעם איינ־דרוק אויף די פאָטאָגראַפיעס, זיי שאַפן אַ בלומרשטן קאָנטאַקט מיט דער צייט פון עליזאַבעט, מיט דער צייט פון דער קעניגין אַננאַ. אָבער אויף דערדאָזיקער אידיליע האָט זיך טאָג־טעגלעך אָפּגע־זעצט אַלץ מער סאַזשע, פאַרשוואַרצנדיק די שטוקאַטור, אָפּמעקנ־דיק די פאַרגילדעטקייט פון די קאַרניזן. פאַרוואַרלאָזט, אומבאַ־ווינט, פאַרגעסן שטייען זיי אַזוי און וואַרטן, מ׳זאָל זייער פאַר־וואַרלאָזטע אַלטקייט באַוווּנדערן און אָפּפאָטאָגראַפירן. איצט הייבט מען זיי שוין ביסלעכווייז אָן צו צעלייגן.

מ׳צעלייגט די פּרעכטיקע שלעסער, די פּאַלאַצן, די הויפן פונם דזשאָרדזש־פּעריאָד. זיי פאַרשווינדן פון דער ערד־פּלאַך. פּריטשליי, אַ מוסטער־פּאַלאַץ פון אַלט־דזשאָרדזשישן פּעריאָד, האָט מען פּונקט דעמאָלט צעלייגט, בשעת קאָני איז פאַרבייגעפאָרן אין איר אויטאָ. דער הויף האָט זיך געפונען אין מוסטערהאַפטן צו־שטאַנד : ביזן אויסברוך פון דער מלחמה איז ער נאָך געווען באַ־ווינט. איצט אָבער האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז ער איז צו האַמעט־נע, צו גרויס, און זיין אויפהאַלטן קאָסט אַפּ צופיל געלט. אוי־סער דעם איז די געגנט געוואָרן אַזוי פרעמד, אַזוי נישט היימיש. די מאַגנאַטן האָבן זיך אָנגעהויבן אַרויסציִען אין היימלעכערע מקומות, אַלנפאַלס אַהין, וווּ מ׳קאָן אויסגעבן געלט, נישט אומקוקנ־דיק זיך דערויף, ווי אַזוי מ׳פאַרדינט עס.

אַזוי האָט אויסגעזען דער לויף פון דער געשיכטע. איין מין ענגלאַנד פאַרניכטעט דאָס צווייטן מין. די גרובנס באַרייכערן די פּאַלאַצן. איצט האָבן די זעלבע גרובנס פאַרניכטעט די פּאַלאַצן, פּונקט ווי זיי האָבן פריער פאַרניכטעט די דאָרפישע שטיבלעך. איין וועלט־אָנשויאונג שטויסט אַרויס די צווייטע. דאָס אינדוס־טריעלע ענגלאַנד צעשטויבט דאָס אַגראַרע ענגלאַנד, דאָס נייע ענגלאַנד פאַרנעמט דאָס אָרט פונם אַלטן. און דערדאָזיקער פּראָ־צעס איז פון דער נאַטור זיינער נישט קיין אָרגאַנישער, נאָר אַ מעכאַנישער.

קאָני, געהערנדיק צום באַזיצנדיקן קלאַס, האָט זיך געקלאָ־

מערט אָן די רעשטלעך פונם אַלטן ענגלאַנד. עס האָבן געמוזט דורכגיין יאָרן, ביז זי האָט ענדלעך איינגעזען, אַז דאָס אַלטע ענגלאַנד גייט אין דער ווירקלעכקייט אונטער אַ דאַנק די טויט-קלעפּ פונם נייעם ענגלאַנד, אַז דער אינדוסטריע-שטייגער באַגראָבט אונטער זיך דעם אַגראַר-שטייגער. איין וועלט-אָנשויאונג פאַרניכטעט די צווייטע. און דאָסדאָזיקע פאַרניכטונגס-ווערק וועט דערפירט ווערן ביזן סוף. פריטשליי איז אונטערגעגאַנגען, עסטוויד איז אונטערגעגאַנגען, איצט קומט די ריי אויף שיפליי, טער ווינטערס שיפליי.

קאָני האָט אָפּגעטרעטן ביי סער ווינטער. דאָס הינטערשטע טויער פונם פאַרק האָט זיך געעפנט האַרט ביי די שינעס פון דער קליין-באַן, וועלכע האָט געפירט צום קוילן-גרובן; דער גרובן האָט זיך געפונען צוויי טריט פונם פאַרק. דאָס טויער איז שטענדיק געווען אָפן, ווייל די אַרבעטער פלעגן גיין צו דער אַרבעט דורכן פאַרק. איבערן פאַרק האָבן זיך אַרומגעשלענדערט פאַרשידענע פרעמדע מענטשן.

קאָניס אויטאָ האָט זיך פאַרבייגעגליטשט צווישן די סאָזשלקעס, אין וואָסער זענען אַרומגעשווומען שטיקלעך ציימונגס-פּאַפּיר, מונדשטוקן פון פּאַפּיראָסן און סתם מיסט, וואָס דורכגייער פלעגן דאָרט אַריינוואַרפן. דאָס הויז איז געשטאַנען אויף אַ בערג. עטוואָס זייטיק; געווען איז דאָס זייער אַ שיינע געביידע, באַצירט מיט שטוקאַטעריע, אין סטיל פון אַכצענטן יאָרהונדערט. צום הויז האָט געפירט אַ הערלעכע בוקן-אַלעע. דאָס הויז אַליין האָט געמאַכט אַן איינדרוק פון אַ הייטער-באַווינטער מאַגנאַטן-נעסט. עס האָט אַנטקעגנגעגלאַנצט מיט די דזשאָרדזשיאַנישע פענסטער-שויבן. הינטערן הויז האָט זיך אויסגעשפּרייט אַ באמת פרעכטיקער גאָרטן.

אינעווייניק איז דאָ קאָנין אַלץ מער געפעלן געווען ווי ביי איר אין דער היים. עס איז געווען ליכטיקער, לעבעדיקער, גראַציעזער און עלעגאַנטער. די צימערן זענען געווען טאַפּעטירט מיט לאַקירטע, קרעם-פאַרביקע באַאַזוריען, די סופיטן לייכט באַ-

גילדט, אַלץ אין מוסטערהאַפטער אָרדענונג, פֿולשטענדיקער קאָמפֿאָרט אין יעדער קלייניקייט, נישט געקוקט אויף די גרויסע אויסגאַבן, וואָס זענען דערמיט געווען פֿאַרבונדן. אפֿילו די קאָרידאָרן זענען געווען שיין און ברייוחדיק, די אַלקערלעך חנעוודיק און לעבנספֿול.

אָבער דער אַלטער ווינטער איז געווען עפּעס אַזוי איינזאַם, אַזוי פֿאַרוואָרלאָזט. ער האָט זיין פֿאַמיליען־נעסט ליב געהאַט, ממש פֿאַרגעטערט, אָבער זיין פּאַרק איז פֿון דריי זייטן אַרומגערינגלט געווען מיט זיינע קוילן־גרובנס. סער ווינטער איז געווען אַ מענטש מיט אַלטפֿרענקיש־ליבעראַלע איבערצייגונגען, אַ פֿאַרצייטישער ליבלעכער דעמאָקראַט. מיט פֿרייד כמעט פֿלעגט ער זען ביי זיך אין פּאַרק די קוילנגרעבער. פֿון די קוילנגרעבער איז ער דאָך רייך געוואָרן! זיי האָט ער דאָך זיין ווילשטאַנד צו פֿאַרדאַנקען! ער פֿלעגט גערן זען די אַרבעטער ביי זיך אין פּאַרק, אַרומשלענדערן ביי די סאַזשלקעס, ווייטער נישט — ווייטער איז געווען די גרענעץ. ער פֿלעגט בלויז זאָגן:

— נו, יאָ, אַרבעטער זענען נישט אַזאַ צירונג פֿאַרן פּאַרק ווי געווילד, זיי זענען אָבער נוצלעכער.

דאָס איז נאָך געווען אין יענע גאָלדענע צייטן, אין דער צווייטער העלפֿט פֿון דער וויקטאָריאַנישער תקופֿה. קוילנגרעבער זענען דעמאָלט אָנגעגאַנגען פֿאַר „גוטע אַרבעטער“.

סער ווינטער האָט דידאָזיקע מיינונג אַרויסגעזאָגט אַמאָל אַלס אַ שטיקל זעלבסטבאַרעכטיקונג פֿאַרן פּרינץ פֿון וועלס. דער פּרינץ האָט געענטפֿערט אויף זיין האַלז־אויסשפּראַך:

— איר זענט פֿולשטענדיק גערעכט. ווען אין קעניגלעכן פּאַרק זאָלן זיך געפֿינען שטיינקוילן אונטער דער ערד, וואָלט איך אַליין געהייסן פֿאַרניכטן דעם פּאַרק לטובֿת אַ קוילן־גרובן. געווינלעך, וואָלט איך דאָס געווילד פֿון פּאַרק אויסגעביטן אויף קוילנגרעבער. איך האָב געהערט, אַז ביי אייך זענען פֿאַרהאַן בלויז גוטע אַרבעטער.

דער פּרינץ האָט אָבער געהאַט אַ צו גרויסע מיינונג וועגן

דעם רוח־הקודש, וואָס שטעקט אין געלט, און וועגן די ברכות, ואָס עס דאַרף ברענגען אויפן לאַנד די אינדוסטריע. אַלנפאַלס, ער פרינץ איז געוואָרן קעניג, יענער קעניג איז געשטאָרבן, און איצט איז געווען אַ נייער קעניג, וועמענס הויפּט־באַשעפטיקונג איז געווען — עפּענען גאָרקיכן פאַר די נויטבאַדערפטיקע.

און די גוטע אַרבעטער האָבן אָנגעהויבן אַראָפּזועצן, צודריקן דעם פריצישן באַזיץ. די נייע אַרבעטער־ישובים האָבן אָנגעגריפן אויפן פאַרק און דער פריץ האָט באַקומען דעם איינדרוק, אַז דאָס איז עפּעס אַ פרעמד־ראַסיק פאָלק. ער האָט זיך נאָך אַלץ געפילט, באמת נאָך אַלץ גוטמוטיק, אָבער אויף אַ באַזונדערן גרויס־פריצישן שטייגער, אַלס באַלעבאָס נישט בלויז איבער זיינע ערד־שטחים, נאָר אויך איבער זיינע מענטשן, די קוילנגרעבער. און דאָ קומט אָן אַ גאַנץ נייע אַטמאָספער, וועלכע שטויסט אים אומבאַמערק־לעך, אָבער דעצידירט אַרויס פונדאַנען. אוממעגלעך געווען נישט צו באַמערקן עס, אפילו זיך נישט וויסנדיק צו מאַכן. די קוילן־רובנס, די אינדוסטריע, אַלץ אַרום האָט געהאַט זיין אייגענעם וילן, און דערדאָזיקער ווילן איז געווענדט געווען קעגן דעם פאַר־עמען מאַגנאַט. אין דעמדאָזיקן דעצידירטן ווילן פון די נייע איינריכטונגען האָבן אָנטיילגענומען די קוילנגרעבער: שווער גע־וען זיך קעגנצושטעלן דעמדאָזיקן ווילן. דערדאָזיקער ווילן האָט פירוש אַרויסגעשטויסן פון דעם פאַרנומענעם אָרט אינם לעבן, פשר גאָר פונם לעבן בכלל.

דער אַלטער סער ווינטער האָט ווי אַ זעלנער געקעמפט עגן דעם. ער האָט אָבער שוין מער נישט געהאַט קיין חשק אָכן מיטאָג זיך דורכצושפּאַצירן איבערן פאַרק. ער איז כמעט ישט אַרויסגעקומען פון זיינע צימערן. איינמאָל איז ער מיט קאָ־ין אַרויסגעגאַנגען אין בלויזן קאָפּ, אין די לאַקירטע שיך און לויע שקאַרפּעטן אַזש ביזן טויער פונם פאַרק. ער האָט גע־מועסט מיט איר אויף זיין אייגנאַרטיקן אַריסטאָקראַטישן נאָז־נגליש. ווען זיי האָבן אָבער אויסגעמיטן אַ גרופּע אַרבעטער, וועלכע האָבן געקוקט אויף זיי, נישט באַגריסנדיק זיי, האָט קאָני

באמערקט, ווי דער אלטער מאגנאט האט אויפגעציטערט אינגאנצן, פונקט ווי א ווילדע אנטילאפע ציטערט אויף אין איר שטייג אונ־טער די צודרינגלעכע, ברוטאלע בליקן פונם נייגיריקן המון. די קוילנגרעבער זענען חלילה נישט געווען זיינע פ ע ר ז ע נ ל ע כ ע שונאים. בלויז די אטמאספער, דער גייסט, מיט וועלכן זיי זענען געווען דורכגעזאפט, איז געווען פראסטיק, ער האט ממש ארויס־געשטויסן פונדאנען. טיף אין זייערע נשמות האט געטליעט א פונק פון קנאה. זיי „ארבעטן אויף אים". זיי, אין זייער איינגעריסטקייט, האבן אים נישט פארגונען זיין עלעגאנץ, זיין איידעלע, אויסגעצ־כאליעטע, אויסגעראפינירטע עקזיסטענץ. „ווער איז ער דען?" אט פאר דעמדאזיקן ח י ל ו ק צווישן זיי און אים האבן זיי אויף אים פאראיבל געהאט.

דער אלטער דזשענטלמען האט געהאט אין זיך א סך פון זיינע אמאליקע מיליטער־אייגנשאפטן און ערגעץ אין א פארבארגן ווינקעלע פון זיין עכט־ענגליש הארץ האט ער בארעכטיקט די ארבעטער, וואס זיי האבן פאראיבל אויף דעמדאזיקן חילוק. ער האט געפילט, אז באמת איז טאקע נישט רעכט אזוי, וואס די גאנ־צע איבערגעוויכט ליגט אויף זיין זייט. ער רעפרעזענטירט אבער א באשטימטן געזעלשאפטלעכן סדר און ער וויל זיך נישט לאזן ארויסשטויסן.

סיידן דורכן טויט. באלד נאך קאניס וויזיט האט אים טא־קע דער טויט גאנץ אומגעריכט געפאקט. אין דער צוואה האט ער נישט אויסגעמיטן קליפארדן, אדרבא, ער האט אים ברייט־הארציק באשאנקען.

די יורשים זענען תיכף ומיד צוגעטרעטן צום שלאס און אים פונאנדערגענומען. דאס אויפהאלטן די אלטע רעזידענץ וואלט אריינגעטריבן אין גרויסע הוצאות. ווער דארף זי? קיינער האט נישט בדעה געהאט זיך צו באזעצן דא. די געביידע איז צע־שטערט געווארן, די בוקן־אלעע אויסגעהאקט. דער פארק איז פארצעלירט געווארן אויף חלקים צום בויען ווינונגס־בלאקן פאר די ארבעטער. אויפן ארט פון דער איינזאמער מאגנאטן־נעסט

זענען אנטשטאנען גלייך-אויסגעווירעטע, פּרעכטיקע געסלעך, שורות קאמפּאַרטפּולע אַרבעטער-הייזער. די גאַרטן-שטאָט שיפּליי!

דאָס אַלץ איז פאָרגעקומען במשך איין איינציק יאָר נאָך קאַניס לעצטן וויזיט. איצט שטייט פאַר איר די גאָרטן-שטאָט מיט די ריזיקע וווינונגס-בלאָקן און די גערטנדלעך אַרום זיי. ווער וואָלט גאָר איינגעפאַלן, אַז מיט צוועלף חדשים צוריק האָט זיך אויף דעם זעלבן אָרט געפונען אַ פּאַרצייטישער שלאָס מיט שטוקאַטוריע?

איין ענגלאַנד שטופּט אַרויס דאָס צווייטע. דאָס ענגלאַנד פון סער ווינטער און סער קליפאָרד שטאַרבט אָפּ, גייט אַוועק. דער אַרויסשטויסונגס-פּראָצעס דויערט נאָך, ער וועט אָבער אין קורצן פאַרענדיקט ווערן.

אָבער וואָס קומט נאָכדעם? קאָני האָט זיך עס נישט גע-קאָנט פאָרשטעלן. זי האָט בלויז געזען, ווי נייע הייזער-בלאָקן רוקן זיך אַרויס אויף די פעלדער, ווי נייע אונטערנעמונגען וואַקסן אויס לעבן די אַלטע גרובנס, ווי נייע מיידלעך אין זיידענע זאָקן גייען פאַרברענגען מיט נייע ייִנגלעך אין „פּאַלעי" אָדער אין „פּאַלקס-הויז". דאָס נייע דור ווייסט שוין גאָרנישט וועג אַלטן ענגלאַנד. אַזאַ מין הפסקה, אַן איבעררייס אינם געשיכט-לעכן באַוווסטזיין. אַזאַ מין אַמעריקאַניזם. אָבער וואָס וועט ווייטער זיין?

קאָני האָט געהאַט אַזאַ מין אינערלעכע איבערצייגונג, אַז נאָכדעם וועט שוין גאָרנישט קומען. זי וואָלט גערן אַריינגערוקט דעם קאָפּ אין זאַמד, אָדער נאָך בעסער, אַוועקגעלייגט אים אויף דער ברוסט פון אַן אמתדיק-לעבעדיקן מאַנסביל.

די וועלט איז אַזוי פאַרפּלאָנטערט, אַזוי אומהיימלעך, אַזוי שרעקלעך! די מאַסן זענען אַזוי שרעקלעך און אַזוי פּיל-צאָליק! אַזוי האָט זי געטראַכט, פאָרנדיק אַהיים: זי האָט געזען אַרבע-טער, גייענדיקע פון דער אַרבעט, אַזעלכע גרוי-שוואַרצע, אויסגע-מוטשעטע, איין אַקסל העכער פונם אַנדערן, שלייכנדיקע מיט די שווערע אונטערגעקאָוועטע שיך איבערן אַספאַלט. איינגעפאַלענע,

גרויע פּנימער, פון וועלכע עס גלאַנצן אַרויס די ווייסלעך פון די
אויגן, איינגעבויגענע רוקנס פון שטענדיקן געפינען זיך אין די נײַ
דעריקע קאָרידאָרן פון די קוילן-גרובנס, אויסגעדרייטע אָרעמס.
מאַנספּערשוינען! דאָס זענען מאַנספּערשוינען! אין דעם פּרט פון
אויסדויער, פון געדולד, פון האַרטן לעבן זענען זיי אפשר ענ'
לעך צו מאַנספּערשוינען, אָבער אין אַנדערע פּרטים זענען זיי ווייט
פון מאַנספּערשוינען. עפּעס אַזעלכעס, וואָס יעדער מאַנספּערשוין
מוז האָבן, פעלט זיי לגמרי. פונדעסטוועגן זענען זיי דאָך
ּאַנספּערשוינען. זיי פּרוכפּערן זיך, האָבן קינדער, לעבן מיט
רויען. אַן אויסטערלישער, אַן עקלדיקער געדאַנק! — זיי זענען
ּעפלעך, גוט. אָבער דאָס נאָר מיט איין העלפט פון זייער וועזן,
ּיט דער גרויער העלפט. זיי זענען „גוט“ אויף דערווייל. אָבער
ּאָס וועט זיין, ווען זייער צווייטע אָפּגעטויטע העלפט וועט זיך
פּרוּוון אויפכאַפּן צום לעבן? אַ שרעק צו טראַכטן גאָר וועגן דעם.
קאָני האָט זיך אויסטערליש געשראָקן פאַר די אינדוסטריעלע מאַסן.
יי האָבן אויסגעזען אין אירע אויגן ווי עפּעס אונטערערדישע.
ייער גאַנץ לעבן איז עפּעס אַזאַ פאַרבלאָזס, אַזאַ געפּילאָז, אַן אַ
ברעקל אינטואיציע.

און אַזעלכע מענער האָבן קינדער! און די וועלט ווערט פול
מיט קינדער פון אַזעלכע מענער! אָ! גאָט מיינער!

מעלאָרס שטאַמט אָבער אויך פון אַזאַ פאָטער. נישט איני
ּאַנצן! דאָס איז געשען מיט פערציק יאָר צוריק, אָט וואָס דער
ּזילוק איז! מיט פערציק יאָר צוריק זענען זיי געווען מענלעכער.
ּאייזן-רודע, שטיינקוילן האָבן זיך טיף איינגעגעסן און דורכגעזשאַ
ווערט די גופים און נשמות פון די מענער.

עקל, מיאוסקייט, העסלעכקייט! און מ'לעבט אַזוי! און מען
ּרוכפּערט זיך! וואָס וועט מיט זיי ווייטער זיין? אפשר וועלן
יי פאַרשווינדן פון דער ערד-פלאַך צוזאַמען מיטן לעצטן ביסל
ּדע אין די ערדישע געדערים! זיי האָבן זיך פלוצלינג באַוויזן,
ּוי ווי די שטיינקוילן האָבן זיי אַ רוף געטון און זיי וועלן אפשר
ּויך אַזוי פלוצלינג פאַרשווינדן, ווען דערדאָזיקער טימטום-מין

וועט מער נישט נייטיק זיין ? דאָס זענען באַשעפעניש פון אַן אַנ־
־ערער דימענסיע, אַזעלכע עלעמענטאַרע באַשעפענישן, וועלכע
־ינגען דעם שטיינקוילן־עלעמענט, אָדער דעם אייזן־רודע־עלעמענט.
זעלכע מאַנספערשוינען, וואָס זענען נישט קיין מאַנספערשוינען,
אָר קוילן־חיות, אייזן־חיות, ליים־חיות. די פאַונע פון די קוילן־
אייזן־קוואַרץ־עלעמענטן : עלעמענטאַרע באַשעפענישן. זיי פאַר־
זאָגן אין זיך עטוואָס פון דער אומהיימלעכער, נישט־מענטשלע־
כער שיינקייט פון די מינעראַלן, עפּעס פונם קוילן־גלאַנץ, פון
דער אייזן־האַרטקייט, פון דער קוואַרץ־דורכזיכטקייט. עלעמענ־
טאַרע וועזנס, וואָס געהערן צו קוילן, אייזן און ליים, פונקט ווי
פיש געהערן צו וואַסער און ווי ווערעם געהערן צו פאַרפוילט
האָלץ. אַזעלכע אויסדעמפונגען פון מינעראַלן־פוילעכץ !

קאָני האָט געדאַנקט גאָט, וואָס זי געפינט זיך שוין אין
דער היים, וואָס זי קאָן צוריק אַריינרוקן דעם קאָפּ אין זאַמד.
זי האָט אפילו הנאה געהאַט פונם שמועס מיט קליפאָרדן. די שרעק
פאַר דער וויזיע פונם חושכדיקן מיטל־ענגלאַנד האָט זי אַזוי דורכ־
געגומען ווי אַ גריפּע.

— איך האָב געמוזט טיי טרינקען ביי פריילין בענטליי, —
האָט זי אַ זאָג געטון.

— וואָס דו זאָגסט ! ווינטער האָט דיך נישט פאַרהאַלטן
אויף טיי ?

— איך האָב אָבער נישט געקאָנט אָפּזאָגן דער פריילין
בענטליי.

פריילין בענטליי איז געווען אַן אַלטע, פאַרזעסענע בתולה
מיט אַ קעז־פאַרביק פּנים, מיט אַן אומגעהייער־לאַנגער נאָז און
אַ ראָמאַנטיש־געשטימטע ; זי פלעגט יעדן מכבד זיין מיט טיי אויף
אַזאַ אופן, ווי זי וואָלט געטון אַ הייליקע עבודה.

— זי האָט זיך מסתם געפרעגט וועגן מיר, — האָט קלי־
פאָרד באַמערקט.

— נאַטירלעך ! „איך דערוועג מיך צו פרעגן, ווי

ס׳פילט זיך סער קליפאַרד?" מיר שײנט, אַז זי האַלט פון דיר מער װי פון גאָט.

— דו האָסט איר מסתם געזאָגט, אַז איך פיל מיך זײער גוט.

— געװײנלעך! און זי איז געװען אַזױ אַנטציקט, װי איך װאָלט איר צו װיסן געגעבן, אַז דער הימל האָט זיך געעפנט פאַר איר. איך האָב איר געזאָגט, אַז זי מעג אונז אַמאָל באַזוכן.

— צװאָס? װער דאַרף זי דאָ?

— װאָס אַרט עס דיך, קליפאַרד? זי מוז דאָך כאָטש אַ קוק טון אין פּנים אַרײַן פון איר אידעאַל! דער הײליקער געאָרג פון קאַפּאַדאָקיע איז אין אירע אױגן געװען אַ גאָרנישט קעגן דיר!

— זי װעט טאַקע קומען?

— כ׳װײס? זי איז רױט געװאָרן װי אַ פּיװאָניע און זי האָט דערבײַ באַקומען דעם זיבעטן חן! פאַרװאָס קלױבן זיך מע־נער נישט אױס פאַר װײַבער בלױז אַזעלכע פרױען, װעלכע פאַר־הערלעכן זײ?

— פרױען האָבן אַ טבע צו שפּעט אָנצוהײבן צו פאַר־הערלעכן. זי האָט באמת געזאָגט, אַז זי װעט קומען צו אונז?

— אָך! — קאָני האָט אָנגעהױבן נאָכמאַכן, װי די פרײַלין בענטלי רעדט מיט איר פאַרדומפּן קול, װי זי װאָלט געװען פאַר־סאַפּעט: — „אָך! אײַער דורכלױכט! אָך! װאָלט איך געװאָלט האָבן דעם כּבֿוד אײַך צו באַזוכן!"

— אַן עכטע קאָמעדיע! — האָט קליפאַרד אױסגערופן, לאַכנדיק: — איך האָף אָבער, אַז זי װעט נישט װאַגן זיך אָנ־צוטון דעמדאָזיקן כּבֿוד! און װי האָט דיר געשמעקט די טײ אירע?

— שטאַרקע, װאָס שטאַרק הײסט! אָבער דו װײסט גאָר־נישט, קליפאַרד, װי זי פאַרגעטערט דיך! נישט בלױז זי, נאָר אַ סך אַזעלכע אַלטע פרײַלינס, זײ פירן דאָך מיט דיר „אַ פּלאַטאָ־נישן ראָמאַן" פונדערװײַטנס!

— איך האָב אפילו די מינדסטע הנאה נישט דערפון.

— זיי באַהאַלטן יעדעס בילד דיינס פון די אילוסטרירטע צייטונגען ווי אַן אוצר, און יעדן אָוונט, פאַרן שלאָפן גיין, דאַ־ווענען זיי מסתּם צו דיר ווי צו אַ גאָט.

זי איז אַרויפגעגאַנגען צו זיך, כּדי זיך איבערצוטון.

אין אָוונט האָט קליפאָרד צו איר אַ זאָג געטון:

— ווי מיינסטו, קאָני, אין דער הייראַט איז פאַרהאַן עפּעס אייביקס?

קאָני האָט אַ קוק געטון אויפן מאַן.

— עפּעס רעדסטו אַזוי, ווי די אייביקייט וואָלט געווען אַזאַ מיר שטאַרץ, וואָס דעקט צו מיט זיך דעם מענטש, אָדער אַזאַ אומענדלעך לאַנגע קייט, וואָס שלעפּט זיך נאָך, ווּהין מען זאָל נישט גיין.

קליפאָרד האָט איר צוגעוואָרפן אַ בייזן בליק.

— איך טראַכט נאָר, — האָט ער געענטפערט, — אַז דיין אַרויספאָרן קיין ווענעדיק באַהאַנדלסטו אפשר ווי אַ געלעגנהייט צו אַ גרויסער ליבע־פאַסירונג, וועלכע וואָלט דיך ערנסט אַב־סאָרבירט.

— אַ גרויסע ליבע־פאַסירונג אין ווענעדיק, וועלכע וואָלט מיך ערנסט אַבסאָרבירט? ניין! איך פאַרזיכער דיך! איך וואָלט אַ ליבע־פאַסירונג אין ווענעדיק טראַקטירט זייער נישט ערנסט.

זי האָט דאָס אַרויסגערעדט מיט אַ גריגגשעצנדיקן טאָן. קליפאָרד האָט געקוקט אויף איר מיט צוזאַמענגעצויגענע ברעמען.

אינדערפרי, ווען זי איז אַראָפּגעקומען פון איר צימער, האָט זי ד רזען אויפן קאָרידאָר הינטער קליפאָרדס טיר דעם וואַלד־ז זעערס צויג.

— פלאָסי! — האָט זי אַ רוף געטון. — וואָס טוסטו דאָ?

זי האָט שטיל געעפנט די טיר. קליפאָרד איז געזעסן אויפן בעט, די שרייב־מאַשין איז געווען אָפּגערוקט אין אַ זייט, דער וואַלד־אויפזעער איז געשטאַנען צופוסנס פון בעט אין אַ דינסט־פּאַרטיקער פּאָזע. די צויג איז אַריינגעלאָפן דורך דער געעפנטע

טיר. מעלאָרס האָט קוים אַ װוּנק געטון און דער הונט איז תּיכּף פאַרשװוּנדן הינטער דער טיר.

— גוט־מאָרגן, קליפאָרד, — האָט קאָני געזאָגט, — איך האָב נישט געװוּסט, אַז דו ביסט פאַרנומען.

דערנאָך האָט זי זיך אומגעקוקט צו מעלאָרסן און אים באַגריסט. ער האָט אַרויסגעמורמלט אַן ענטפער אויף דער באַגריסונג, קוקנדיק אויף איר פון אונטער די װיִעס אָפּער מיט האַלב־פאַרמאַכטע אויגן. קאָני האָט דערפילט אַ צושטראָם פון לײדנשאַפטלעכן באַגער, װעלכער האָט אַ װײַע געטון אויף איר פון דעמדאָזיקן בליק מעלאָרס.

— איך האָב דיר אפשר געשטערט, קליפאָרד? עס טוט מיר זײער לײד.

— אַ קלײניקײט. עס שאַדט נישט.

קאָני איז אַרויסגעגאַנגען פון שטוב און אַרויפגעלאָפן אין בלויען סאַלאָן אויפן ערשטן שטאָק. זי איז געזעסן דאָרט בײַם פענסטער און געזען, װי מעלאָרס איז אַרויסגעגאַנגען פון הויז. ער איז געגאַנגען מיט אַזאַ פּאַרטײיִטן, שלײכנדיקן גאַנג, װי ער װאָלט זיך אַרויסגעגנבעט פונדאַנען. אָט איז ער — דער געדונגענער מענטש קליפאָרדס, אײנער פון זײַנע משרתים.

צי פילט ער זיך אין איצטיקן מאָמענט װי אַ משרת? צי איז ער טאַקע אַ משרת? און װאָס איז ז י, קאָני, אין זײַנע אויגן?

דער טאָג איז אַ שײנער, אַ זוניקער, קאָני האָט אַרומגעשוירן די רויזן־קוסטעס, פרוי באָלטאָן האָט איר געהאָלפן. זײ האָבן אַזוי בײדע אַ לאַנגע צײַט געאַרבעט צוזאַמען אין גאָרטן. בכלל האָבן זיך די צװײ פרויען לעצטנס דערנענטערט צװישן זיך. באַלד האָבן זײ אָנגעהויבן טון אַן אַנדערע אַרבעט, װעלכע זײ בײדע האָבן ליב געהאַט: פאַרזעצן ברידערלעך און נעגעלעך אין די בלומען־בײטן. קאָני האָט געפילט אַ גרויס פאַרגעניגן בײַם אַרײַנזעצן די װײכע, צאַרטע װאָרצעלעך אין דער פולכיקער, שװאַרצער ערד. זיצנדיק אַזוי טשיפּקע, האָט זי פּלוצלינג דער־

שפּירט אַ ציטער אינעווייניק אין די גערערים, ווי די זון־שטראַלן וואָלטן אויפגעשיינט נישט אינדרויסן, נאָר אינעווייניק, אין איר מוטער־לייב, און זי האָט זיך מיטאַמאָל דערפילט אַזוי גליקלעך, אַזוי גליקלעך!

— וויפל יאָר איז שוין, זינט איר האָט אייער מאַן אָנגע־ווירן? — האָט זי אַ פרעג געטון די פרוי באָלטאָן.

— דרייאונצוואַנציק יאָר! — האָט יענע מיט אַ זיפץ גע־ענטפערט. — דרייאונצוואַנציק יאָר זינט מ'האָט אים מיר אריינגע־ברענגט אין שטוב אַ טויטן.

קאָני האָט דערשפּירט אַ שטאָך אין האַרץ, דערהערנדיק די סאַקראַמענטאַלע ווערטער: „מ'האָט אים מיר אריינגעברענגט אין שטוב".

— ווי מיינט איר, פאַרוואָס איז אים פּונקט באַשערט געווען דער טויט? — האָט זי אַ פרעג געטון. — האָט איר גע־האַט אַ גליקלעך צוזאַמענלעבן?

די לעצטע פראַגע איז געשטעלט געוואָרן מיט אַן אינטי־מען טאָן, ווי איין פרוי ווענדט זיך אין אַזעלכע פאַלן צו דער צווייטער. פרוי באָלטאָן האָט אַוועקגעשאַרט אַ פּאַסמע האָר פון שטערן.

— וואָס זאָל איך אייך זאָגן? ער איז געווען זייער גייציק, ער האָט נישט געקאָנט בייגן זיך פאַר קיינעם. אַ צו שטאָלצער און עלבשטענדיקער, אויף אַזאַ מענטש לויערט דער טויט אין יעדן ווינקל. ער האָט זייער פיינט געהאַט דאָס קוילנגרעבער־פאַך, אָבער נאָך יינגלווייז האָט אים דער פאָטער געצוווּנגען צו דער אַרבעט. שפּעטער, אַז מ'ווערט עלטער, איז שוין פאַרפאַלן.

— ער פלעגט זיך קלאָגן פאַר אייך?

— אָ, ניין! קיינמאָל! נישט! ער פלעגט זיך נאָר אַזוי קאָמיש פאַרקרומען. ער פלעגט זיך מאַכן כּלומרשט נישט ווייסנדיק, אַוועקמאַכן מיט דער האַנט. אַזוי ווי אין די ערשטע טעג פון דער מלחמה: ווער ס'האָט מיט אַ פרייליכער מינע אַרויסגערירט אין פעלד אריין מיט כּלומרשטער זאָרגלאָזיקייט,

יענעם פלעגט פאַקן די ערשטע קויל. איך פלעג אָפטמאָל טענהן צו אים: „דיך אינטערעסירט קײנער נישט, קײן שום זאַך גײט דיך נישט אָן". ווירקלעך איז אים אַלץ אָנגעגאַנגען און מיט מיר, זײַן ווײַב, האָט ער זיך זײער און זײער אינטערעסירט, כאָטש ער האָט געגרן געמאַכט אַן אָנשטעל פון גלײַכגילטיקײט. איך געדענק זײער גוט, ווי ער פלעגט קוקן אויף מיר, בשעת איך בין געזעסן מיטן קינד אויף דער האַנט. איך געדענק נאָך בעסער זײַן רעזיגנירטן בליק בשעת גסיסה. און דעמאָלט, ווען איך בין געלעגן געוואָרן מיטן ערשטן קינד, געדענק איך, ווי ער האָט מיט צער געקוקט אויף מיר. איך האָב אים געמוזט טרײסטן, כאָטש מיר אַלײן איז געווען זײער שווער. „ס'איז שוין אַלץ גוט, אַלץ גוט", האָב איך אַרויסגערעדט מיט אַ געצוווּנגענעם שמײכל. ער האָט דאַן געוואָרפן אויף מיר אַזאַ בליק, אַזאַ בליק, וואָס איך וועל אים קײנמאָל נישט פאַרגעסן. אָבער רעדן, טענהן, באַקלאָגן זיך פלעגט ער קײנמאָל נישט. איך פלעג אים שטענדיק זאָגן: „זאָרג דיך נישט, ײנגל מײַנס". ער פלעגט דערויף בלויז ענטפערן מיט זײַן געווײנלעכן שמײכל. נאָכדעם ווי איך האָב געהאַט דאָס ערשטע קינד, פלעגט ער מײַן בעט ווײַכן, נישט קוקנדיק דערויף, וואָס איך האָב אים שטענדיק צוגעגעבן מוט צו זײַן מיט מיר. געוויס איז זײַן מוטער געווען שולדיק אין דעם. זי האָט דערלויבט דערויף, ער זאָל בלײַבן אין שטוב, בשעת איך בין געלעגן געוואָרן. ער איז צו מיר אָפּגעקילט געוואָרן, נישט צו מיר, נאָר צו מײַנע צערטלעכקײטן, צו מײַן לײַב.

— אַזוי האָט אים דורכגענומען דער פּראָצעס פון געלעגן ווערן? — האָט קאָני געפרעגט.

— אַזוי. ער האָט שטאַרק געליטן, גלײַך ווי ער אַלײן וואָלט געהאַט די ווײען. דאָס האָט אים, ווײַזט אויס, אויף אײביק פאַרסמט דאָס פאַרגעניגן פונם ווײַבס געלעגער. איך פלעג טענהן צו אים: „זעסט דאָך, מיך אַרט עס נישט, וואָס־זשע מאַכסטו דערפון אַזאַ ווען?" ער פלעגט נישט ענטפערן און בסדר אויסמײַדן מײַן געלעגער.

— ער איז מסתּם געווען אַ נערוועזער, — האָט קאָני באַ־מערקט.

— מסתּם. אַלע מענער זענען אַ ביסל צופּיל נערוועז. אָבער אַזאַ שיינער איז ער געווען, אַזאַ שיינער! אפילו טויטערהייט האָט ער זיין שיינקייט נישט אָנגעווירן. דאָס האַרץ האָט מיר שיִער נישט געפּלאַצט, קוקנדיק אויף אים.

זי האָט זיך צעוויינט. קאָני האָט אויך דערפילט טרערן אין די אויגן. דער טאָג איז געשטאַנען אַ ליכטיקער, אַ וואַרע־מער, אַ פרילינגדיקער. עס האָט געשמעקט מיט רוי־ערד, מיט געלע פעלד־בלומען און מיטן סמאַלע־ריח פון די פלאַצנדיקע קנאָספּן; דער גאַנצער גאָרטן איז געווען ממש אָנגעטרונקען מיט זון.

— איר האָט איבערגעלעבט שרעקלעכס! — האָט זיך קאָני אָנגערופן.

— אַך, אייער דורכלויכט! אינאָנהייב בין איך געווען צע־מישט. איך האָב כּסדר געיאָמערט: „יינגל מיינס, פאַרוואָס האָסטו מיך פאַרלאָזט?״ מער קיין איין וואָרט האָב איך נישט געקאָנט אַרויסבאַקומען פון דער קעל. נאָר ערגעץ טיף אין דער נשמה האָט געטליִעט אַ וואַנזיניקע האָפענונג, אַז עס איז בלויז אַ חלום, אַ וויסטער קאָשמאַר.

— און ווי האָט איר זיך שפּעטער געפילט?

— ערגער, אַ סך ערגער ווי אין ערשטן מאָמענט. צום מיינסטן ביינאַכט. איך האָב אינערלעך געגלייבט, פולשטענדיק געגלייבט, אַז ער וועט זיך נאָך אומקערן צו מיר. אַ גאַנצע נאַכט פלעג איך אָפּליגן מיט אָפן־געפּראַלטע אויגן און גערעדט צו זיך אַליין אין וואַנזיניקער פאַרחידושטקייט: „ער איז נאָך נישטאָ? וואָס זעט מען אים נאָך נישט? וואָס קאָן דאָס זיין, וואָס ער איז נאָך נישטאָ?״ איך בין געווען איבערצייגט, אַז ער מוז צוריקקו־מען, ליגן דאָ לעבן מיר, איך זאָל אים פילן, איך זאָל אים אָנ־רירן און ער זאָל מיך אָנרירן. וויפיל פּיין האָב איך דורכגע־לעבט, ביז איך האָב ענדלעך קלאָר באַגריפן, אַז ער וועט שוין

קיינמאָל נישט צוריקקומען, אַז נישט ער מיך און נישט איך אים וועל שוין קיינמאָל נישט אָנרירן.

— אַזוי האָט איר געבענקט נאָך זײַנס אַ באַרירונג?

— דער עיקר דאָס! דער עיקר זײַן הייסע באַרירונג, דער ליידנשאַפטלעכער ציטער פון זײַנע נערוועזע פינגער. ביזן היינטיקן טאָג גייט מיר נאָך דורך דער שוידער איבערן לײַב. און אויב עס עקזיסטירט אַ יענע וועלט, וועל איך דאָרט אויך ליגן מיט אים צוזאַמען און שוידערן אונטער דער באַרירונג פון זײַן הייסער האַנט.

קאָני האָט זײַטיק אַ קוק געטון אויף איר שיין, פאַרוואָלקנט פּנים. נאָדיר נאָך אַ ליידנשאַפטלעכן עקזעמפּליאַר פון צווישן די פאָלקס־מאַסן! דאָרט, אין דער טיפעניש פון די נידעריקע שיכטן, לעבט נאָך, ווייזט אויס, דער נאַטירלעכער מענטש! זי לעכצט נאָך אַלץ נאָך די ליבעס־נעכט מיטן פאַרשטאָרבענעם מאַן! אירע ליבעס־קיים איז אוממעגלעך פונאַנדערצורייסן!

— שרעקלעך איז, ווען אונזער בלוט ווערט דורך־און־דורך באַהערשט פון אַ מאַן! — האָט זי אַרויסגערעדט.

— אָ, שרעקלעך! — האָט פרוי באָלטאָן צוגעשטימט. — די וועלט, די האַרטע, די גרויזאַמע וועלט, די האַרטע, די גרויזאַמע מענטשן האָבן אונז צעשיידט. די קוילן־גרובן זענען די גרעסטע שונאים פון מאַן־און־ווייב, וואָס זענען ענג צונויפגעבונדן.

— וואָס זייערע קערפּערס זענען ענג צונויפגעבונדן, — האָט קאָני צוגעגעבן.

— אמת, אמת, אײַער דורכלויכט! די וועלט איז פול מיט גרויזאַמע, האַרטהערציקע מענטשן. יעדן טאָג, ווען ער פלעגט אויפשטיין און אַוועקגיין אין קוילן־גרובן, האָט מײַן האַרץ געיאָכצט צוליב דער אומרעכט, וואָס ווערט טאָג־טעגלעך קעגן אונז באַגאַנגען. אָבער ס׳איז קיין ברירה נישט געווען. וואָס פאַר אַ ברירה האָט ער געהאַט?

אירע אויגן האָבן זיך צעפלאַקערט מיט האַס.

— אַזוי שטאַרק שפּירט איר נאָך זיינע באַרירונגען? — האָט קאָני פלוצלינג געשטעלט אַ פראַגע.

— אָך, אייער דורכלויכט! די באַרירונגען — דאָס איז דאָס אייביקע, דאָס שטאַנדהאַפטיקע צווישן מאַן־און־ווייב. קינדער וואַקסן אויף און רוקן זיך אַוועק, גייען ביסלעכווייז אַוועק אינגאַנצן. אַ מאַן אָבער! אַ מאַן!... די שלעכטע וועלט וויל אָבער דאָס אויך, די באַרירונג, דעם זכר פון די באַרירונגען אָפּטויטן אינם מענטש. די אייגענע קינדער אפילו ווילן עס. עס קאָן זיין, אַז מיר וואָלטן זיך אפשר פונאַנדערגעגאַנגען, ווער קאָן וויסן? אָבער דאָס איז גאָר עפּעס אַנדערש. אפשר איז גלייכער, מ׳זאָל זיך מיט קיין שום זאַך נישט איבערנעמען. ווען איך זע אָבער, ווי טייל פרויען ווערן קיינמאָל נישט אָנגעצונדן פונם אמתן ליבע־פונק, קומט מיר אָן אַ רחמנות אויף זיי. אַזעלכע נישטיקע, אַזעלכע נעבעכ־דיקע! מעגן זיי זיך ווי עלעגאַנט אויספּוצן און אויסצירן, מעגן זיי מאַכן די שטאָלצסטע, די פאַררייסנסטע מינעס! ניין, איך וויל ליבערשט בלייבן ביי מיין גורל, ביי מיין אייביקער בענקשאַפט.

קאַפּיטל XII

קאָני איז באַלד נאָכמיטאָג אַוועקגעגאַנגען אין וואַלד אַריין. דער טאָג איז געווען באמת הערלעך, די ערשטע פעלד־בלימלעך האָבן אויסגעזען ווי קליינע זונען, די ערשטע הונדערטבלעטלעך האָבן זיך געוויזן אין גראָז. די געדיכטעניש פון די ניסן־צווייגן האָט געלאָקט מיט אירע האַלב־צעוויקלטע בלעטער און מיט די אַראָפּגעהאָנגענע קיזשעלעך. די גאָלדשליסעלעך זענען פול גע־ווען מיט פרייד פונם איבערפלוס זון און פרילינגס־לופט. דאָס זאַפטיקע, טונקעלע גרינס פון די וואַלד־היאַצינטן האָט אויסגע־זען ווי אַ ים, אין וועלכן עס האָבן זיך געטוקט די פּיאָלעטע קריינדלעך פון די נישט־פאַרגעס־מיך־בלימעלעך. אונטער איין קוסט זענען געלעגן שטיקלעך אייער־שאָלעכץ: מסתם אַרויסגע־

פאַלן פון אַ נעסט, ווו ס׳האָט זיך אויסגעפּיקט אַן עופהלע. אוי־מעטום זענען אָנגעשוואָלן די קנאָספּן, אומעטום האָט געשפּראָצט מיט לעבן.

דער וואַלד־אויפזעער איז נישט געווען אין שייער. אַרום האָט געהערשט אַ הייטערקייט, די ברוינע פאַזאַנדלעך האָבן ארומ־געהיפּט אויפן גראָז. קאָני איז ווייטער געגאַנגען, זיך אומקוקנ־דיק אויף אַלע זייטן, זי האָט געזוכט דעם וועכטער.

דאָס וואַלד־שטיבל איז געשטאַנען אַרומגענומען פון די זון־שטראַלן. אין קליינעם גערטל האָט געווימלט מיט נאַרציזן, צוויי רייען ווייסע ליליען האָבן זיך געצויגן ביז צום איינגאַנג אין הייזל.

די טיר איז געווען ברייט געעפנט. ער איז משמעות גע־ווען אין דער היים. די זון־שטראַלן זענען געפאַלן אויף דער רוי־טער ציגל־פאָדלאָגע. זי איז אַריין אין גערטל און דערזען אים זיצן ביים פענסטער אַן אַ מאַרינאַרקע, ער האָט געגעסן. דער הונט האָט אָנגעהויבן צו וואָרטשען, פאָכענדיק מיטן ווייַדל.

דער וואַלד־אויפזעער איז אויפגעשטאַנען און צוגעגאַנגען צו דער טיר; ער האָט אָפּגעווישט דאָס מויל מיט אַ רויט טיכל, נאָך אַלץ קייענדיק.

— מ׳קאָן אַריינגיין? — האָט קאָני געפרעגט.

— קום אַריין!

די זון האָט באַלויכטן דאָס כמעט־ליידיקע צימער, אין וועלכן עס האָט זיך נאָך אַלץ געשפּירט דער גערוך פון שעפּסע־נעם קאָטלעט. די פּאַטעלניע, אין וועלכער דער קאָטלעט איז געפּרעגלט געווען, איז געשטאַנען אַרויסגערוקט אויף דער קיך, אַ שוואַרצער טאָפּ פון קאַרטאָפלעס איז געשטאַנען אַ ביסל ווייטער. דאָס פייער האָט נאָך קוים געטליעט און דער טשייניק האָט גע־סיקעט. אויפן טיש איז געשטאַנען אַ טעלער מיט קאַרטאָפלעס און מיט רעשטלעך פון קאָטלעט. אַ קיישעלע מיט אָנגעשניטן ברויט, אַ זאַלץ־מעסטל מיט זאַלץ און אַ בלויער קופל ביר. אויפן טיש איז נישט געווען קיין טישטוך, נאָר אַ ווייסע צעראַטע.

דער וואַלד-אויפזעער איז געשטאַנען אין שאָטן.

— דו עסט שפּעט מיטאָג, — האָט קאָני זיך אָנגערופן. — פאַרענדיק דאָס עסן, שטער דיר נישט.

זי האָט זיך צוגערוקט אַ טאַבורעטקע צו דער טיר און זיך אַוועקגעזעצט.

— איך האָב געמוזט זיין אין שטאָט, — האָט דער אויפזעער געזאָגט און זיך צוריקגעזעצט צום טיש, אָבער געגעסן האָט ער נישט.

— נו, עס-זשע, — האָט ווידער קאָני אַ זאָג געטון.

ער האָט אָבער נישט אָנגערירט דאָס עסן.

— אפשר וועסטו אויך עפּעס פאַרזוכן? — האָט ער ג׳ פרעגט. — ווילסט אפשר טיי, דאָס וואַסער האָט שוין אויפג קאָכט.

ער האָט זיך צוריק אויפגעשטעלט.

— איך וועל אַליין פאַרבריִען די טיי, — האָט קאָני ז אָנגערופן, אויך אויפשטעלנדיק זיך פון איר אָרט.

מעלאָרס האָט אויסגעזען זייער טרויעריק, קאָני האָט ג פילט, אַז איר אָנוועזנהייט דאָ איז אים נישט אָנגענעם.

— דאָרט-אָ שטייט אַ טשייניקל צום פאַרבריִען. — ער האָ אָנגעוויזן אויפן שענקעלע מיטן געשיר אין ווינקל שטוב. — דאָר שטייען שעלעכלעך אויך. טרוקענע טיי האָסטו דאָרט אונטער דע האַנט.

קאָני האָט אַרויסגענומען פון שענקעלע אַ שוואַרץ טשיי ניקל, פון קוימען האָט זי אַראָפּגענומען אַ פּושקע מיט טרוקענער טיי. אויסגעשווענקט דאָס טשייניקל מיט הייס וואַסער, איז ז׳ שטיין געבליבן אומאַנטשלאָסן, וווהין דאָס וואַסער אויסצו גיסן.

— גיס אַרויס אינדרויסן, — האָט ער אַ זאָג געטון, דער זעענדיק איר אומאַנטשלאָסנקייט, — ס׳איז דאָך ריין וואַסער.

קאָני איז צוגעגאַנגען צו דער טיר און אַרויסגעגאָסן דאַ וואַסער אין גערטל. אַרום איז געווען אַזוי שטיל, אַזוי פּייערל׳

שטיל, אַזוי וואַלדיק. די דעמבעס האָבן זיך איינגעהילט אין גרינ־גאָלדיקן בלעטערוואַרג. די רויטלעכע מאַי־גלעקעלעך אויף די בייטן אין גערטל האָבן אויסגעזען ווי פּליושענע קנעפּעלעך. זי האָט געוואָרפן אַ בליק אויף דער שטיינערנער שוועל, אויף וועל־כער עס פלעגט זעלטן־ווען אַ מענטשלעכער פוס טרעטן.

— ווי הערלעך דאָ איז, — האָט זי געזאָגט, — ווי שטיל, ווי אויסטערליש שטיל און ווי פול מיט לעבן!

מעלאָרס האָט געענדיקט זיין מיטאָג, ער האָט געגעסן גע־לאַסן און ס'האָט אויסגעזען, ווי ער וואָלט זיך זשענירט פאַר איר. זי האָט שווייגנדיק געמאַכט טיי און אוועקגעשטעלט דאָס טשיי־ניקל צום אָנציִען זיך אויף דער קאַפּע, ווי זי פלעגט זען ביי די דאָרפסלייט. מעלאָרס האָט אָפּגערוקט פון זיך דעם טעלער און אַריינגעגאַנגען אין צווייטן צימערל. זי האָט דערהערט אַ סקריפּ פון אַ געעפנט טירל, באַלד איז ער צוריק אַריינגעקומען מיט אַ טעלער, אין וועלכן עס איז געלעגן אַ שטיק קעז און פוטער.

קאָני האָט אוועקגעשטעלט צוויי שעלעכלעך צום טיש.

— ווילסט טיי? — האָט זי געפרעגט.

— ביטע. ווילסט זיין אַזוי גוט, גיס מיר אָן. צוקער שטייט אָ־דאָרט, אין דער פושקע, מילך האָסטו דאָרט אין דעם טעפּל.

— מעג איך צונעמען דעם טעלער? — האָט קאָני גע־פרעגט.

— פאַרוואָס נישט? דו ווילסט — שטעל אים אוועק אויף דער קיך.

ער האָט גענומען אַ שטיקל ברויט פון קיישעלע, זיך אָנ־געשמירט מיט פוטער, אַרויפגעלייגט אַ פעניצל קעז און גענו־מען עסן.

— ווו נעמסטו מילך? — האָט זי אים געפרעגט, צוגייענדיק מיטן מילך־טעפּל צום טיש.

— ביי פרוי פלינט. זיי שטעלן אַליין אוועק פאַר מיינעט־

וועגן יעדן טאָג אַ פלעשל מילך דאָרט, ווו עס הייבט זיך אָן דאָס ניסן-וועלדל. דו ווייסט דאָך, דאָרט, ווו מיר האָבן זיך אַנומלט באַגעגנט.

ער איז נאָך אַלץ געווען אין אַ געדריקטער שטימונג. קאָני האָט אים אָנגעגאָסן טיי. זי האָט אָנגענומען דאָס מילך-טעפל ביים אויער.

— ווילסט מיט מילך?

— ניין, אָן מילך, — האָט ער געענטפערט.

פלוצלינג האָט ער זיך האַסטיק אויסגעדרייט אין דער זייט פון דער טיר, עס האָט זיך דערהערט אַ שאָרך.

— אפשר איז גלייכער צוצומאַכן די טיר? — האָט ער אַ פרעג געטון.

— אַ שאָד די זון, — האָט קאָני געזאָגט, — ווער וועט דען אַהערקומען?

— פונדעסטוועגן. איך ווייס?

— וואָס קאָן דאָס אַרן? זאָל מען קומען! איך טרינק דאָך נאָר טיי. ווו זענען דאָ לעפעלעך?

מעלאָרס האָט אַרויסגענומען צוויי טיי-לעפעלעך פון טיש. קאָני האָט געטרונקען טיי, זיצנדיק ביי דער טיר אויף דער זון.

— פלאָסי! — האָט מעלאָרס אַ רוף געטון דעם הונט. — אַרויס! אַרויס! גיב אַכטונג! גיב אַכטונג!

ער האָט ביים וואָרט „גיב-אַכטונג“ אויפגעהויבן אַ פינגער אין דער הייך און שטיל אַ פייף געטון. דער הונט איז תיכף אַרויס אינדרויסן.

— וואָס ביסטו היינט אַזוי טרויעריק? — האָט זי ענדלעך אַרויסגערעדט.

ער האָט זי דורכדרינגלעך אָנגעקוקט, זיינע בלויע אויגן האָבן באַקומען אַ מאָדנע גלעזערנעם אויסדרוק.

— טרויעריק? — אוודאי בין איך טרויעריק! ניין, איך בין מער בייז ווי טרויעריק. איך האָב היינט געמאַכט צוויי פראָ-

טאָקאָלן פאַר גנבה אין וואַלד. נו, איז דאָס גוט? איך מוז אָבער! דאָס איז עס מיין טרויעריקייט, מיין בייזקייט, — פאַרשטייסט?

— דו האָסט נישט ליב דיין פאַך, — האָט זי געפרעגט מיט אַ טאָן פון באַשטעטיקונג.

— נו, אַוודאי! איך האָב עס פיינט, דאָס פאַך. איך וואָלט עס ליב געהאַט, ווען מ'לאָזט מיך צורו. איך מוז אָבער כסדר האָבן צוטון מיט דער זשאַנדאַרמעריע, מיט געריכטן, מיט מענטשן — און מענטשן האָב איך זייער נישט ליב... — ער האָט אַ שמייכל געטון בלויז מיט די ווינקלען פון מויל.

— דו וואָלסט נישט געקאָנט אַוועקוואַרפן דעם פּאָסטן?

— כ'וואָלט אפשר יאָ געקאָנט. כ'האָב דאָך אַ שטיקל עמעריטורע. איך מוז אָבער האָבן אַ באַשעפטיקונג, איך מוז אַרבעטן, אַז נישט וועל איך אינגאַנצן אָפּגעלאָזט ווערן. פאַר זיך קאָן איך נישט אַרבעטן, איך טויג נישט דערצו. איך מוז אַרבעטן ביי יענעם, פאַר יענעם, אַז נישט וואָלט איך געמוזט יעדן חודש זיך נעמען צו אַן אַנדערער אַרבעט, אַזאַ כאַראַקטער האָב איך. דאָ וואָלט איך מיך געפילט נישט שלעכט, בפרט לעצטנס, אַ דאַנק דיר...

ער האָט אויף איר געוואָרפן אַ הייטערן בליק, פול מיט אָנערקענונג.

— אויב אַזוי, פאַרוואָס־זשע ביסטו אַזוי שלעכט געשטימט? — האָט קאָני ווידער געפרעגט. — צי ביסטו שטענדיק אין אַזאַ שטימונג?

— כמעט, — האָט מעלאָרס געענטפערט מיט אַ געלעכטער, — די גאַל בראָיעט אין מיר.

— די גאַל?

— די גאַל! — האָט ער געענטפערט זייער ערנסט.

קאָני האָט מער נישט גערעדט. ער האָט אויך געשוויגן.

— איך פאָר אַרויס אין אַ מאָנאַט אַרום, — האָט זי זיך אָנגערופן.

— וווהין? אויף ווי לאַנג?

— אויף אַ פּאָר וואָכן, קיין וועגעדיק.

— קיין וועגעדיק? מיט סער קליפּאָרדן?

— ניין, קליפּאָרד פּאָרט נישט.

— ער בלייבט?

— ער בלייבט. ער האָט אַליין נישט געוואָלט מיטפאָרן.

אַ לאַנגע ווײַלע זענען ביידע געזעסן און געשוויגן.

— וועסט מיך נישט פאַרגעסן במשך דער צייט? — האָט קאָני איבערגעריסן דאָס שטילשווייגן.

— פאַרגעסן? — האָט ער ווי אַן עכאָ נאָכגעזאָגט. — קאָן מען דען פאַרגעסן? ווער פאַרגעסט דען אַזעלכע זאַכן?

קאָני האָט נאָך עפּעס געוואָלט פרעגן, נאָר זי האָט זיך איינגעהאַלטן. אָנשטאָט דער פראַגע, וואָס האָט זיך איר געבעטן אויף דער צונג, האָט זי אַרויסגערעדט מיט אַ דומפּ קול:

— איך האָב געזאָגט קליפּאָרדן, אַז איך וועל אפשר האָבן אַ קינד.

ערשט איצט האָט ער אויפגעהויבן אויף איר דעם בליק און זי אויפמערקזאַם, פאָרשנדיק אָנגעקוקט.

— האָסט עס אים געזאָגט? — האָט ער געפרעגט. — און וואָס האָט ער געזאָגט?

— ער האָט גאָרנישט קעגן דעם. ער וואָלט אפילו זייער צופרידן געווען, ווען דאָס קינד זאָל אָנגיין פאַר זיינס.

זי האָט אים נישט געקוקט אין די אויגן אַריין.

מעלאָרס האָט אַ ווײַלע געשוויגן, דערנאָך זי ווידער אויפמערקזאַם אָנגעקוקט.

— געוויס האָסטו וועגן מיר נישט דערמאַנט? — האָט ער אַ פרעג געטון.

— ניין. דיך האָב איך נישט דערמאַנט, — האָט קאָני שטיל געענטפערט.

— זעלבסטפאַרשטענדלעך, ווי קום איך צו זיין סער קליפאָרדס שטעלפאַרטרעטער! אָבער ווי אַזוי וועט צו דיר קומען אַ קינד?

— איך קאָן דאָך האָבן באַציִונגען מיט וועמען אין ווענעדיק.

— דו קאָנסט דאָך!... — האָט ער ווי אַ ווידערקול אַרויס־גערעדט. — הייסט עס, צוליב דעם פאָרסטו טאַקע!

— ניין! נישט צוליב דעם! איך פאָר נישט האָבן קיין באַ־ציִונגען, — האָט אים קאָני איבערגעריסן און אַ קוק געטון אויף אים מיט אַ רחמנות־בליק.

— נאָר כדי צו האָבן אַן אויסרייד, — האָט מעלאָרס פאַר־ענדיקט.

ווידער האָבן ביידע געשוויגן. מעלאָרס איז געזעסן און אַרויסגעקוקט דורכן פענסטער, אויף זיינע ליפּן האָט געשוועבט אַ שמייכל פון שפּאָט און ביטערקייט צוזאַמען. דערדאָזיקער שמייכל האָט זי געפּייניקט.

— האָסטו נישט אָנגענומען קיין מיטלען, עס זאָל קיין קינד נישט געבוירן ווערן? — האָט ער פּלוצלינג געשטעלט אַ פראַ־גע. — איך האָב אויך גאָרנישט געטון, כדי צו פאַרהיטן דיך פון שוואַנגערשאַפט.

— ניין, איך האָב אַזעלכעס נישט געטון, איך וויל נישט און קאָן נישט. איך פאַרטראָג נישט דידאָזיקע מיטלען, — האָט זי ליידנשאַפטלעך אַרויסגערעדט.

מעלאָרס האָט איר צוגעוואָרפן אַ בליק און באַלד אים צו־ריק געווענדט צום פענסטער מיט דעם זעלבן שמייכל.

פּלוצלינג האָט ער זיך האַסטיק אויסגעדרייט צו איר און אַ זאָג געטון מיט חוזק:

— דעריבער, הייסט עס, האָסטו מיט מיר זיך אָפּגעגעבן? כדי צו האָבן אַ קינד?

קאָני האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ.

— ניין. באמת ניין.

— פאַרוואָס־זשע דען? באמת? — האָט ער בייסיק געפרעגט.

זי האָט אויף אים אַ קוק געטון מיט פאָרוואורף און אַרויסגע־שעפּטשעט:

— איך ווייס נישט.

מעלאָרס האָט זיך ווילד צעלאַכט.

— ווער דען ווייסט? איך? איך ווייס געוויס נישט!

די פּויזע האָט זיך געצויגן לאַנג, אומדערטרעגלעך לאַנג. ביידע האָבן נישט געקוקט צו זיך.

— נו, — האָט זיך מעלאָרס ענדלעך אָנגערופן, — ווי איר ווילט, אייער דורכלויכט. ווערסטו האָבן אַ קינד, זאָל עס געהערן צו סער קליפאָרדן. איך האָב דאָ גאָרנישט דערלייגט. אדרבא, איך האָב געהאַט אַ פיינע איבערלעבונג. כ'לעבן, אַ הערלעכע איבער־לעבונג! — ער האָט זיך אויסגעצויגן מיט אַ האַלב־איינגעהאַלטע־נעם געגעניץ. — האָסטו מיך טאַקע אויסגעניצט, — האָט ער צוגע־געבן, — איז עס אויך פון די קלייניקייטן: נישט דאָס ערשטע מאָל נוצט מען מיך אויס. דאָס איצטיקע אויסנוצן מיך איז פאַר מיר לפּחות געווען זייער, זייער אָנגענעם. כאָטש קיין כבוד פאַר־שאַפט עס מיר דאָס איצטיקע מאָל אויך נישט.

ער האָט זיך ווידער אויסגעצויגן און ווידער איינגעהאַלטן דעם געגעניץ.

— איך האָב דאָך דיך נישט אויסגענוצט, — האָט קאָני מיט אַ בעטנדיקער שטימע אַרויסגעמורמלט.

— איך בין ווייטער גרייט צו דינסט, אייער דורכלויכט, — האָט ער האַרט געענטפערט.

— אָבער ניין, — האָט קאָני געבעטן. — איך ליב דיין קערפּער.

— באמת? — האָט ער געענטפערט מיט אַ געלעכטער. — אויב אַזוי, זענען מיר קוויט — איך האָב דיין קערפּער אויך ליב.

ער האָט אויף איר אַ קוק געטון מיט טונקל־געוואָרענע אויגן.

— אפשר ווילסטו איצט אַרויפגיין מיט מיר? — האָט ער אַ פרעג געטון מיט אַ פאַרשטיקטער שטימע.

— ניין, ניין, נישט דאָ. נישט אַצינד. — האָט קאָני געזאָגט, כאָטש ווען ער וואָלט די מינדסטע אָנשטרענגונג אָנגעווענדט, וואָלט זי זיכער אַרויפגעגאַנגען מיט אים אין בוידעמשטיבל, זי וואָלט נישט געהאַט קיין כּוח זיך קעגנצושטעלן זיין ווילן.

מעלאָרס האָט ווידער אָוועקגעדרייט פון איר דאָס פּנים, עס האָט זיך געקאָנט דאַכטן, אַז ער האָט אינגאַנצן פאַרגעסן אין איר.

— איך וויל דיך אָנרירן אַזוי, ווי דו רירסט מיך אָן, — האָט קאָני אַרויסגערעדט. — איך האָב נאָך דיין לייב נישט אָנגערירט.

ער האָט אַ קוק געטון אויף איר און זיך צעשמייכלט.

— דאָ, איצט? — האָט ער זי געפרעגט.

— ניין, נישט דאָ! אין שייער? דו ווילסט?

— ווי אַזוי ריר איך דיך דען אָן? — האָט ער געפרעגט.

— ווען דו גלעטסט מיין לייב.

ער האָט זי אָנגעקוקט און זיך צונויפגעטראָפן מיט אירע צעטומלטע, דערשראָקענע אויגן.

— דו האָסט ליב, ווען איך גלעט דיך אַזוי? — האָט ער געפרעגט, נאָך אַלץ שמייכלענדיק.

— יאָ. און דו? — האָט זי געפרעגט.

— איך? — פּלוצלינג איז זיין טאָן הארציקער געוואָרן. — אָ, איך האָב זייער ליב! דו ווייסט נישט אַליין?

זי האָט עס טאַקע אַליין געוווּסט.

קאָני האָט זיך אויפגעשטעלט און גענומען דעם הוט.

— איך מוז שוין גיין, — האָט זי געזאָגט.

— דו גייסט אַוועק? — האָט ער געפרעגט מילד און מיט פאַרוווּנדערונג.

זי האָט געוואַרט, ער זאָל זי אַרומנעמען, אָנרירן איר לייב.

זאָגן עפּעס. ער האָט אָבער בלויז געוואַרט מיט העפלעכקייט, מיט מילדער, אָבער אַנטשלאָסענער העפלעכקייט.

— אַ דאַנק פאַר דער טיי, — האָט זיך קאָני אָנגערופן.

— איך בין שולדיק דעם דאַנק אייער דורכלויכט, וואָס איר האָט אָנגעטון דעם כבוד מיין טשייניק, — האָט מעלאָרס גע־ענטפערט.

קאָני איז געגאַנגען מיטן שטעגל. ער איז אַזוי געשטאַנען ביי דער טיר און קוים־באַמערקלעך געשמייכלט. די צויג איז צו־געלאָפן צו אים מיט אַ פאַרריסענעם עק. און קאָני האָט געמוזט שווייגנדיק אַריינגיין אין וואַלד, וויסנדיק, אַז ער שטייט אַזוי פאַר זיין טיר און קוקט איר נאָך מיט דעם מאָדנעם שמייכל אויף די ליפּן.

זי איז צוריקגעקומען אַהיים זייער צעבראָכן און דערדריקט. זיין טענה, אַז זי האָט אים אויסגענוצט, האָט זי שטאַרק פאַרפּי־טערט, ווייל די טענה זיינע איז געווען טיילווייז גערעכט. ער האָט דאָס אָבער נישט געדאַרפט זאָגן. צווייערליי געפילן האָבן זיך גע־ראַנגלט אין איר: דער כעס אויף אים און דער באַגער זיך איי־בערצובעטן מיט אים.

זי האָט פאַרבראַכט אַן אומאָנגענעמע שעה מיט קליפאָרדן ביי דער טיי, באַלד איז זי אַרויפגעגאַנגען צו זיך. עס איז איר אָבער אַלץ נישט בעסער געוואָרן אויפן געמיט. זי האָט זיך קיין אָרט נישט געקאָנט געפינען. זי האָט געפילט, אַז אַזוי קאָן עס נישט פאַרבלייבן. זי טאָר נישט זיצן מיט פאַרלייגטע הענט, זי מוז עפּעס טון. זי מוז נאָך היינט זיין ביים שייער אין וואַלד — וועט ער דאָרט זיין, צי נישט, — אַלצאיינס.

שטילערהייט איז זי אַרויס דורך דער הינטער־טיר און מיט אַ ביטער האַרץ אַוועק צום שייער. ווען זי איז צוגעקומען צום אָרט, האָט זי אין זיך דערפילט אַ געוואַלטיקע אומרויִקייט. מע־לאָרס איז געזעסן אין די בלויזע העמד־אַרבל ביי די הינער־שטייגן און זיך געפּאָרעט מיט די פאַזאַן־עופהלעך.

קאָני האָט זיך אַנטשלאָסן געלאָזט גיין צו אים.

— אָט בין איך געקומען! — האָט זי פּשוט אַ זאָג געטון.

— איך זע דאָך! — האָט ער געענטפערט און אַ קוק געטון אויף איר מיט אַ פרייִלעכן בליק פון אונטן אַרויף.

— דו לאָזסט שוין אַרויס די קוואָקעס? — האָט קאָני געפרעגט.

— זיי זענען זיך אָנגעזעסן פאַר אַלע צייטן, - האָט מעלאָרס געענטפערט. — זאָלן זיי אַרומלויפן, נעמען אויף זיך אַ ביסל לייב. אַז זיי זיצן אויף די אייער, ווערן זיי אויסגעדאַרט, זיי עסן כמעט גאָרנישט, שפּעטער האָבן זיי אויך מער אין זין די עופהלעך ווי זיך.

אָרימע הינער-מוטערס! אַזאַ איבערגעגעבנקייט! אַזאַ בלינדע איבערגעגעבנקייט צו די קינדער, וועלכע געהערן גאָרנישט צו זיי! קאָני האָט געקוקט אויף די עופות, אַ גערירטע כמעט ביז טרערן. אַ מאָדנע שטילקייט האָט געהערשט צווישן דעם מאַנספערשוין און דער פרוי.

— נו, גייען מיר אין שייער אַריין? — האָט זיך מעלאָרס שטיל אָנגערופן.

— — — — — — — —

— וועסט מיך קיינמאָל נישט פאַרלאָזן? — האָט זי געפרעגט.

— פרעג נישט אַזעלכע זאַכן.

— דו גלייבסט מיר, אַז איך ליב דיך?

— אין דער איינער מינוט ביסטו מיר טייערער געוואָרן, ווי במשך דער גאַנצער צייט. אָבער וואָס וועט ווייטער זיין, ווען דו וועסט אין אַ צייט אַרום באַטראַכטן די לאַגע.

— ניין, זאָג דאָס נישט! און דו וואַרפסט מיר שוין נישט פאָר, אַז איך האָב דיך געוואָלט אויסנוצן?

— וואָס מיינסטו דערמיט?

— אויסנוצן צו האָבן אַ קינד?...

— פאַרמיינעטוועגן, באַשטיי איך אויף אַלץ ; וואָס אַרט עס מיך ?

— הער אויף אַזוי צו רעדן ! דו מיינסט עס דאָך נישט ערנסט.

ער האָט זיך אויפגעזעצט און אָנגעהויבן פאַרשפּיליען די לעדערנע געטרעס.

זי איז געבליבן ליגן. מעלאַרס איז צוגעגאַנגען צו דער טיר און זי געעפנט. דער הימל איז געווען לויטער־בלוי, בלויז אין די ראַנדן — טונקעלער. ער האָט אַריבערגעטרעטן די שוועל און אַרויס צו די עופהלעך זיינע. קאָני איז נאָך אַלץ געלעגן און געטראַכט, באַוווּנדערנדיק דאָס לעבן און דעם גאַנג פון דעם מזל אירן.

ווען ער איז צוריק אַריינגעקומען, איז זי נאָך אַלץ אַזוי געלעגן, צעפלאַמט, ווי אַ ציגיינערין. ער האָט זיך אַנידערגעזעצט לעבן איר.

— דו מוזסט קומען צו מיר אַזוי אויף אַ גאַנצער נאַכט, איידער דו פאָרסט אַוועק. וועסט קומען ? — האָט ער אַ פרעג געטון און אויפגעהויבן די ברעמען, אָנקוקנדיק זי.

— וועסט קומען ? — האָט זי אים נאָכגעשפּעט.

ער האָט זיך צעשמייכלט.

— אמת ? וועסט קומען ?

— אמת, וועסט קומען ! — האָט זי אים ווידער קינדעריש נאָכגעשפּעט.

— אויף זיכער ?

— אויף זיכער, — האָט זי נאָכגעזאָגט.

ער האָט זיך ווידער צעשמייכלט.

— און וועסט שלאָפן מיט מיר אַ גאַנצע נאַכט ? אמת ?

— אמת, — האָט זי זיך געדרייצט מיט אים.

— אפשר קומסטו זונטיק ?

— זונטיק, — האָט זי איבערגעחזרט.

ער האָט גענומען איר פּנים אין זיינע ביידע הענט און צערטלעך אַ גלעט געטון קאָניס ביידע באַקן.

— האָסט מיך באמת ליב? — האָט זי אים געפרעגט מיט גלאַנץ אין די אויגן.

ער האָט זי געקושט אין ביידע באַקן און נישט געענטפערט קיין וואָרט.

— נו, גיי שוין, גיי, — האָט ער זיך ווידער צעשמייכלט, — שוין צייט, זאָלסט אַהיימגיין!

— שוין טאַקע צייט, — האָט זי זיך פלינק אויפגעהויבן פון געלעגער און זיך שנעל אָנגעהויבן אָנטון.

— קום, וועל איך דיך אָפּריידיקן, דו ביסט פאַרשטויבט געוואָרן, און אָט האָסטו אויפן קלייד שטרוי פונם פריערישן געלעגער.

ער האָט אָנגעהויבן זי אָפּשטויבן און אַראָפּנעמען שטרויע־לעך פון איר קלייד. דערביי האָט זיך זיין האַנט גערוקט איבער די פאַררונדיקטע ערטער פון איר קערפּער. אָן ליידנשאַפטלעכ־קייט, נאָר מיט אַזאַ האַרציקער נאָענטקייט, מיט אינטימער היי־מישקייט.

ווען זי איז אין דער טונקלקייט פונם אָנקומענדיקן אָוונט געלאָפן אַהיים, האָט אין אירע אויגן די אַרומיקע וועלט אויסגעזע־זען ווי אַ חלום; די ביימער אין פּאַרק האָבן געהאַט אַ פּנים, ווי זיי וואָלטן געווען פאַראַנקערט אין אַ שיטערן זומפּ, זיי האָבן זיך לייכט געוויגט מיט די שפּיצן, געצויגן זיך אַרויף צום טונקעלן הימל־בלוי, און דער באַרג־אַרויף צום שלאָס־צו איז אַזוי ווי פול געווען מיט לעבעדיקע שאָטנס.

קאַפּיטל XIII

זונטיק איז עס געווען. קליפאָרד האָט חשק געהאַט אַרויס־צופאָרן אין וואַלד אַריין. דער טאָג איז געווען אַ חערלעכער, די ווײַנשל־און פלוימען־ביימער האָבן זיך פּלוצלינג באַדעקט מיט אַ ים בליִעכץ.

קליפאָרד האָט זיך שטענדיק געפילט זייער שלעכט, ווען די גאַנצע וועלט אַרום האָט געבליט און געשפּראָצט, און ער קאָן זיך נישט אָן פרעמדער הילף רירן פון אָרט. הײַנט איז זײַן שטימונג געווען נישט אַזוי געבראָכן, ווי געוויינלעך אין אַזעלכע שיינע פרילינגס־טעג. קאָני האָט מיט דעם שטענדיקן פּײַנלעכן געפיל אָנגענומען אים בײַ די טויטע, אומבאַוועגלעכע פיס און זיי אַריבערגעטראָגן אין מאָטאָר־וועגעלע.

באַלד איז אַרויסגעקומען פרוי באָלטאָן מיט אַ דערע אין דער האַנט, קליפאָרדן אַרומצודעקן. קאָני איז דערווײַל צוגעגאַנגען צום עק פון בוקן־וועלדל. קליפאָרד האָט געלאָזט דעם מאָטאָר פון זײַן וועגעלע און אָנגעהויבן צופאָרן צו קאָנין. ווען ער האָט זי דעריאָגט, האָט ער איר צוגעוואָרפן מיט הייטערקייט:

— אָט פאָרט סער קליפאָרד אויף זײַן פײַערדיק פערד!

— אויף זײַן סאָפּענדיק פערד! — האָט אים קאָני אויסגע־בעסערט מיט געלעכטער.

קליפאָרד האָט אײַנגעהאַלטן דעם פּאָטעל און געוואָרפן אַ בליק הינטער זיך אויף דעם לאַנגן, גרויען, אַלטפרענקישן בנין.

— מײַן ירושה־שלאָס נעמט זיך גאָרנישט איבער מיט זײַן באַלעבאָס, וואָס רײַט אויף זײַן פײַערדיקן סוס!

זי האָט אים אָפּגעענטפערט מיט אַ שמייכל און זיך שווייגנ־דיק אָנגעהויבן אַרומקוקן איבערן צערוישטן, צעגרינטן, אויפגע־לעבטן וואַלד. און פּלוצלינג האָט זי דערשפּירט אַן ענגע קרובה־

שאַפט צווישן זיך און דעם פּרעכטיקן פרילינג אַרום. אירע אויפ־געררודערטע געפילן, איר אַנגעקוואָלן מוטער־לייב, דאָס לעבן, וואָס רייפט אין אירע געדערים - אָט דאָס איז דאָך דאָס עכטע, אומגעפעלשטע לעבן, נאָך וועלכן זי לעכצט אַזוי. דאָס איז דאָס אמתדיקע לעבן, גלייך ווי די אַנגעדראָלענע זאַפטיקע בלעטער און בליטן פונם פרילינגדיקן אַרום. און זי האָט נישט ווילנדיק גע־וואָרפן אַ בליק אויף קליפאָרדן, וועלכער האָט זיך געררוקט עטלע־כע טריט פאָראויס פאַר איר אין זיין וועגעלע. זי האָט דערשפּירט אַ הויך פון טויט, וואָס ווייעט פון אים, זי האָט דערפילט דעם שרייענדיקן קאָנטראַסט צווישן דעם טויטן מאַשינדל, וואָס הייסט סער קליפאָרד, און דעם בליענדיקן אַרום, וואָס הייסט — לעבעדי־קע וועלט. זיין וועגעלע אפילו האָט ווי דער טויט פאַרשניטן לעבנס, די רעדער האָבן זיך איינגעשניטן אין די צאַרטע העלז־לעך פון די גאָלדיקע מאַי־גלעקעלעך, פון די ליכטיק־ווייסע הונ־דערטבלעטערלעך.

ער, ווי ער וואָלט אַרויסגעפילט אירע טראַכטענישן, האָט אויסגעדרייט צו איר דאָס פּנים און אַ זאָג געטון:

— די ביימער זען אויס דערשראָקן פון מיין קנאַקנדיקער מאַשין.

— איך גלייב, אַז זיי שרעקן זיך טאַקע. דער גייסט פון די הייניטיקע מענטשן און פון זייערע מאַשינען איז לחלוטין נישט צו־געפּאַסט צום וואַלד־לעבן.

— גלייב מיר, — האָט קליפאָרד צוגעוואָרפן, — אַז עס איז נישט אַזוי טראַגיש, ווי דו נעמסט עס.

— אוודאי, — האָט קאָני געענטפערט, — ווען פלאַטאָן זאָל הייגט לעבן, וואָלט ער זיינע נשמות געלאָזט אַרויפפאָרן אויפן הימל נישט אין קיין רייטוואָגנס מיט דריי־געשפּאַנען, נאָר אין „פאָרדן".

— בעסער געזאָגט, אין „ראָל־ראָיסן", פלאַטאָן איז געווען אַן אַריסטאָקראַט!

— ריכטיק! נישטאָ מער קיין שוואַרצע פערד צום שמייסן

און פייניקן. פלאטאָנען איז געוויס נישט איינגעפאַלן, אַז מיר וועלן זיך באַגיין אָן זיינע ווייסע און שוואַרצע פערד, אַז מיר וועלן זיך בכלל באַגיין אָן פערד, אַז פאַר אונז וועלן געגוגן מאַשינען!

— מאַשינען און גאַזן! — האָט קליפאָרד צוגעגעבן.

אין אַ ווײַלע אַרום האָט ער זיך ווידער אויסגעדרייט מיטן פּנים צום שלאָס און דערקלערט:

— איבעראַיאָר וועל איך מיך נעמען רעמאָנטירן דאָס הויז. דער רעמאָנט וועט מיך געוויס דאַרפן אָפּקאָסטן גענוג געלט, אַר־בעטס־קראַפט איז לעצטנס זייער טייער געוואָרן.

— עס זאָל נאָר ווידער נישט זיין קיין שטרייק, — האָט קאָני באַמערקט.

— אַ נייער שטרייק? דאָס וואָלט פּשוט געווען אַ קאַטאַ־סטראָפע פאַר דער אינדוסטריע, פאַר די שיריים פון דער אינ־דוסטריע. מיר גייען אַזוי אויך צו גרונט! אַ בלינדער קאָן עס שוין זען!

— זיי שטרייקן דען, כדי צו באַגראָבן די אינדוסטריע? — האָט קאָני אַ פרעג געטון מיט געמאַכטער נאַיִוויטעט.

— רעד שוין נישט אַזוי לעכערלעך! דו באַהאַנדלסט עס אויפן ווייבערישן שטייגער. די אינדוסטריע שטאָפּט זיי אָן דעם מאָגן, זי קאָן זיי נאָר נישט אָנשטאָפּן די טייסטערס, — האָט קלי־פאָרד געענטפערט מיטן סאַרקאַסטישן טאָן און מיט וווּלגאַרע פאַרגלייכן פון פרוי באָלטאָנס שניט.

— דו האָסט גאָר, דאַכט זיך, אַנומלט פאַרזיכערט, אַז דו ביסט אַ קאָנסערוואַטיווער אַנאַרכיסט? — האָט זי אים איבערגע־ריסן אינמיטן.

— וואָס האָסטו דערמיט פאַרשטאַנען? — האָט קליפאָרד צוריקגעענטפערט. — איך פאַרשטיי אונטער קאָנסערוואַטיוון אַנאַר־כיזם, אַז יעדער מענטש קאָן זיך זיין, וואָס ער וויל, יעדער מענטש קאָן זיך טראַכטן, פילן, אפילו טון, וואָס ער וויל, — אָבער בלויז פּריוואַט; קיינער טאָר אָבער נישט וואַגן אָנצורירן די פּ אָ ר־

מ ע ן פונם לעבן, דעם געזעלשאַפטלעכן אַפּאַראַט אַלס גאַנצן.

קאָני איז אָפּגעגאַנגען עטלעכע טריט שווייגנדיק. דערנאָך האָט זי אַרויסגערעדט מיט עקשנות:

— דיין אַרויסגעזאָגטע אָנשויאונג האָט פונקט אַזאַ פּנים, ווי איינער וואָלט געזאָגט: זאָל זיך דאָס איי פוילן אינעווייניק, אַבי די שאָלעכץ זאָל בלייבן גאַנץ. עס איז אָבער אַ טעות: פוילע אייער פּלאַצן אַליין פון זיך.

— איך האַלט אָבער, אַז מענטשן זענען קיין אייער נישט, מיין טייערע מאָראַל-פּרעדיקערין! — האָט קליפאָרד אָפּגעענטפערט מיט אַ שמייכל.

ער האָט ביסלעכווייז באַקומען אַן אויסגעצייכנטע שטימונג. דער הערלעכער טאָג האָט געווירקט ממש צויבערלעך. שפּערלען האָבן געפּישטשעט אין כאָר מיט געטרייסטע קעפּעלעך, פּאַררייסן צום לויטערן הימל; דער קוימען פונם גרובן האָט אָן אַ שאָרך אַרויסגעוואָרפן פונדערווייטנס ווייסע רויך-קנוילן. אַלץ האָט אויסגעזען כמעט אַזוי אידיליש, ווי אין די פאַרמלחמה-צייטן. קאָני איז געווען אַנטשלאָסן נישט אָנצוהייבן מיט קליפאָרדן קיין קריג. זי האָט אָבער אויך בשום-אופן נישט געוואָלט גיין מיט אים אין וואַלד אַריין. זי איז דעריבער געגאַנגען עטוואָס דערווייטערט פון זיין פאָטעל מיט אַ באַזונדער מין פאַרעקשנטקייט.

— ניין, — האָט זיך קליפאָרד אָנגערופן, — עס וועט נישט קומען צו קיין שטרייק, אויב מ'זאָל דעם ענין נעמען פעסט אין די הענט אַריין.

— פאַרוואָס?

— מ'וועט מאַכן אוממעגלעך דאָס שטרייקן.

— אָבער די אַרבעטער, זיי וועלן דען באַשטיין? — האָט קאָני געפרעגט.

— מ'וועט ביי זיי נישט פרעגן. מיר וועלן עס דורכפירן אָן זייער דעה, פאַר זייער טובה, כדי צו ראַטעווען די אינדוסטריע.

— און אויך פאַר אייער טובה! — האָט קאָני באַ־שטעטיקט.

— נאַטירלעך, פאַר אַלעמענס טובה. אָבער זיי וועט דער־פון אַרויסקומען אַ פיל גרעסערע טובה ווי פאַר מיר. ווייל קוים שטעלן זיך די גרובנס, וועלן זיי אויסגיין פון הונגער. איך אָבער האָב נאָך אַנדערע פאַרדינסט־מיטלען.

פאַר זייער בליק האָט זיך אויסגעשפרייט דער ריזיקער טאָל פון גרובן און הינטער אים, עטוואָס העכער, די שוואַרצע דע־כער פון די הייזער אין טיווערסהאָל. דער גלאָק אויפן אַלטן, ברוינעם קלויסטער האָט זיך צעקלונגען מיט חגא־קלאַנגען.

— די אַרבעטער וועלן זיך דען לאָזן אָנוואַרפן אייערע באַדינגונגען? — האָט קאָני ווידער געפרעגט.

— מיין טייערע! זיי וועלן מוזן באַשטיין דערויף, מיר דאַרפן זיך נאָר דערצו נעמען מיט ישוב־הדעת.

— און אַ פאַרשטענדיקונג צווישןביידע צדדים איז דען נישט מעגלעך?

— אוודאי איז מעגלעך, ווען זיי זאָלן נאָר קענען פאַר־שטיין, אַז די אינדוסטריע אַלס גאַנצע שטייט העכער איבער יעדן יחיד באַזונדער.

— אָבער צי מוזסטו דען זיין אַן אינדוסטריעלער?

— ניין, איך מוז נישט! איך בין אָבער אַ פּריוואַט־באַזי־צער און מיין פּריוואַט־אייגנטום איז מיך מתחייב צו זיין דאָס, וואָס איך בין. פּריוואַט־אייגנטום איז אין היינטיקע ציטן ווידער גע־וואָרן אַ גלויבנס־ענין, אַ קולט־פּראַגע, גלייך ווי אין די ציטן פון קריסטוסן און פון הייליקן פראַנציסק. בלויז דער דעוויז האָט זיך געביטן. אַמאָל האָט מען געזאָגט: נעם אַלץ, וואָס דו באַזיצסט און צעטייל די אָרימע, און היינט זאָגט מען: נעם אויס אַלץ, וואָס דו באַזיצסט פאַרן ווילשטאַנד פון דער אינדוסטריע און גיב די אָרימע אַרבעט! דאָס איז היינט דער איינציקער וועג אַנצוזעטן אַלע הונגעריקע און צו באַקליידן אַלע נאַקעטע. פונאַנדערטייל אַלץ צווישן די אָרימעלייט — הייסט ביי היינטיקן טאָג — הונ

גער־טויט פאַר אונז און פאַר זיי. אַזאַ מין ציל שמעקט, דאַכט זיך, קיינעם נישט. אפילו אַלגעמיינע אָרימקייט איז נישט קיין ווירדיקער ציל פאַר דער מענטשהייט. אָרימקייט איז העסלעך.

— אָבער די גזעלשאַפטלעכע אונטערשיידן!

— פאַרפאַלן! דאָס איז אַ מזל־זאַך, אַ גורל־זאַך. פאַרוואָס איז דער יופּיטער גרעסער פונם נעפּטון? אַזעלכע זאַכן קאָן מען נישט איבעראַנדערשן!

— אָבער קנאה, שנאה האָבן דאָך זייער ווירקונג! — האָט קאָני באַמערקט.

— מוז מען זיי אונטערדריקן מיט אַלע כוחות. עמעץ מוז דאָך זיין באַלעבאָס.

— אָבער ווער איז באַלעבאָס?

— די מענטשן, צו וועלכע די אינדוסטריע געהערט און וועלכע געוועלטיקן איבער איר.

אַ ווײַלע האָט קאָני געקוקט שווייגנדיק צום ווייטן גרובן.

— מיר שיינט, אַז זיי זענען זייער שלעכטע באַלעבאַטים, — האָט זי ענדלעך אַרויסגערעדט.

— נו, טאָ גיב־זשע דו אַן עצה, ווי אַזוי בעסער צו באַלעבאַטעווען.

— זיי זענען ווייניק ערנסטע באַלעבאַטים, זיי באַהאַנדלען זייער לאַגע צו לייכטזיניק.

— זיי באַהאַנדלען זי ערנסטער ווי דו — דיין אַדעליקייט.

— די אַדעליקייט איז נישט מיינע, מ'האָט זי מיר אָנגעוואָרפן קעגן מיין ווילן, — האָט קאָני בייז געענטפערט.

קליפאָרד האָט אָפּגעשטעלט זיין וועגעלע און אַ קוק געטון אויף איר.

— נו, ווער־זשע אַנטלויפט פאַר דער פאַראַנטוואָרטלעכקייט? — האָט ער אַ פרעג געטון. — ווער מיידט אויס די אחריות פון זיין שטאַנד, פון זיין הערשער־שטאַנד, דו צי מיר?

— איך וויל בכלל נישט הערשן, — האָט קאָני אָפּאָנירט.

— אָ, דאָס איז אַ פאַלשער אויסרייד! דו האָסט באַקומען מאַכט צו הערשן, ביסט אַ ליידי — און פאַרפאַלן, דיין גורל מאַכט דיך הערשן, מוזסטו זיך צום גורל צופּאַסן. ווער האָט די אַרבעטער געגעבן דאָס אַלץ, וואָס זיי פאַרמאָגן און מיט וואָס זיי שטאָלצירן אַזוי: זייער גאַנצע פּאָליטישע פרייהייט, זייער גאַנצע בילדונג, זייערע סאַניטאַרע איינריכטונגען, זייער געזונדהייטסצושטאַנד, זייערע ביכלעך, מוזיק, קולטור־פאַרווייַלונגען — מיט איין וואָרט, אַלץ? ווער האָט זיי דאָס געשענקט, ווער? די אַרבעטער האָבן זיך עס דען אַליין געשאַפן? זיי האָבן דען גאָר געהאַט די מינדסטע פאַרשטענדעניש פאַר דעם אַלעם? מיר! מיר, די גוטבאַזיצער, די באַלעבאַטים, די אַדעליקע פון גאַנץ ענגלאַנד האָבן זיי דאָס געגעבן און מיר מוזן זיי עס ווייטער געבן. אָט אין דעם באַשטייט אונזער פאַראַנטוואָרטלעכקייט.

קאָני איז פּלוצלינג רויט געוואָרן ווי פייער.

— איך וואָלט זיי אויך גערן געשענקט עפּעס, — האָט זי מיט היץ אַרויסגערעדט. — נאָר ווי קאָן מען היינט געבן! היינט ווערט אַלץ געקויפט און פאַרקויפט. און וועגן די אַלע גוטע זאַכן, וואָס דו האָסט דאָ אויסגערעכנט, איז אויך קלאָר פאַר מיר, אַז זיי ווערן נישט מער ווי פאַרקויפט די אַרבעטער דורך אייך, די באַלעבאַטים און אַדעליקע, מיט גאַנץ פעטע רווחים. אַלץ איז אַ האַנדל. דו שענקסט גאָרנישט, קיין איינציקן פונק פון אמתער סימפּאַטיע שענקסטו נישט, אַלץ ווערט פאַרקויפט. חוץ דעם, ווער האָט צוגערויבט ביים פאָלק זיין נאַטור־לעבן, זיין עכטע מענטשלעכקייט און עס אויסגעביטן אים אויף דערדאָזיקער אינדוסטריעלער עקלדיקייט? ווער האָט דידאָזיקע הימלשרייענדע עוולה געטון דעם פאָלק?

— טאָ וואָס־זשע, לויט דיין מיינונג, זאָל איך טון? — האָט קליפאָרד אַרויסגעזיגן פון צווישן די פאַרקוועטשטע ציין. — זאָ

איך זײ אפשר אַלײן פאַרבעטן צו מיר, זײ זאָלן מיך באַרויבן פון מײן האָב.

— פאַרוואָס? — האָט קאָני זיך װײטער געהיצט, — פאַרוואָס איז טיוועטרסהאָל אַזוי העסלעך־מיאוס? פאַרוואָס איז אַזוי פיל אומעט, אַזוי פיל האָפנונגסלאָזע מרה־שחורה פאַרהאַן אין זײער לעבנס־שטײגער?

— דאָס דאַרף זײערס האָבן זײ זיך אַלײן געבױט. דאָס איז אויך אײנע פון די דערשײנונגען, װעלכע איז אַ פּועל־יוצא פון דער פרײהײט זײערער. זײער העסלעך לעבן האָבן זײ זיך אַלײן צו פאַרדאַנקען. זײ קאָנען נישט אַנדערש לעבן! איך װעל פאַר זײ נישט לעבן. יעדער װאָרעם לעבט זיך אויף זײן שטײגער.

— זײער לעבן איז דײן אַרבעט. דו הײסט זײ אַרבעטן אויף דיר. זײ לעבן אַזוי, װי דו האָסט זײ אײנגעאָרדנט דאָס לעבן.

— עס הײבט זיך נישט אָן. יעדער װאָרעם זוכט זיך װײנס, איבעריקנס, װער הײסט זײ אַרבעטן אויף מיר, די ברירה איז בײ זײ.

— די אינדוסטריע דײנע האָט זײער לעבן פאַרחושכט, זײער לעבן און צוגלײך אויך אונזער לעבן! — האָט קאָני אויס־געשריגן.

— איך זע עס נישט אַזוי שרעקלעך. דײנע רײד זענען נישט מער װי פראַזן, װי ראָמאַנטישע פראַזן, רעשטלעך פון די אַלטע ראָמאַנטישע טרוימען. דו קוקסט מיר גאָרנישט אויס אַזוי מרה־שחורהדיק, װי דו װילסט מיר אײנרעדן, מײן טײערע קאָני.

דאָס איז געװען אמת. אירע טונקל־בלויע אויגן האָבן גע־בליצט מיט פײער, די באַקן זענען געװען דערפלאַמט, עס האָט געבלאָזן פון איר אינגאַנצן מיט בונטאַרישקײט, נישט געװען אין איר קײן סימן פון מרה־שחורה און האָפנונגסלאָזיקײט. זי האָט באַמערקט אין גראָז עטלעכע פריש־אַרויסגעשפּראָצטע, פוכיקע „לײבנצײנדלעך”, און אין כעס אויף זיך אַלײן, האָט זי זיך אין

האָרץ געשטעלט די פראַגע: פאַרוואָס פילט זי, ווי קליפאָרד איז אומגערעכט און פאַרוואָס קאָן זי אים נישט אויפווייזן זיין אומ־גערעכטיקייט?

— איך פאַרשטיי ערשט, פאַרוואָס מ'האָט דיך אַזוי פיינט, — האָט זי אַ זאָג געטון.

— ווער? ווער האָט מיך פיינט? — זיי? זיי האָבן מיך פיינט? זיי קאָנען דען פיינט האָבן? פיינט האָבן קאָנען נאָר מענטשן! און זיי זענען דען מענטשן? חיות זענען זיי! זיי זע־נען חיות און דו וועסט זיי קיינמאָל נישט פאַרשטיין, דו קאָנסט זיי נישט פאַרשטיין. שרייב זיי נישט צו דאָס, וואָס זיי פאַרמאָגן נישט! דו מיט דיינע טרוימען ווילסט פון זיי מענטשן מאַכן. די מאַסן זענען שטענדיק געווען די זעלבע, און זיי וועלן אַזוי בלייבן די זעלבע. די קנעכט פון נעראָנס צייטן האָבן זיך מיט גאָרנישט אונטערגעשיידט פון אונזערע קוילנגרעבער, אָדער פון די אַרבע־טער אין פאָרדס פאַבריקן. איך מיין דאָ נעראָנס מינען־גרעבער, זיינע גאַלערן־שיפער. די מאַסן וועלן אייביק בלייבן אומפאַרענ־דערט. פון דער מאַסע קאָן זיך אַרויסהייבן אַ יחיד, אָבער דער כלל זייערער איז שטענדיק דער זעלבער. עס איז גאָר אוממעג־ליך די מאַסע איבערצואַנדערשן. אָט דאָס איז איינער פון די דיקטיקסטע פאַקטן אין דער סאָציאָלאָגיע! ברויט און פאַרוויי־לונגען! בלויז איין חילוק איז פאַראַן, וואָס די היינטיקע ביל־דונג זייערע, די מאַסן־קולטור איז אַן אומטויגלעכער ערזאַץ, דער רוימישער צירק האָט בעסער דערפילט זיין אויפגאַבע. מיר האָבן שטאַרק געגרייזט, וואָס מיר האָבן פאַרוואָרפן דעם צירק און אַנשטאָט דעם פאַרסמט אונזערע מאַסן מיטן קאַפּיטשקעלע בילדונג.

ווען קליפאָרד פלעגט אַריינפאַלן אין פאַטאָס־שטימונג, רעדנ־דיק וועגן זיין באַציונג צום המון, פלעגט קאָנין אַרומכאַפּן אַ שרעק. אין דידאַקטיקע רייד זיינע איז געלעגן אַ סך אמת, צע־שטערנדיקער אמת. דאָס איז געווען אַזאַ מין אמת, וואָס ברענגט מיט זיך טויט, פאַרניכטונג.

קליפאַרד האָט געזען, ווי קאָני שטייט אַזוי בלאַס און שטום, האָט ער ווייטער געלאָזט אין גאַנג דעם מאָטאָר. דאָס װעגעלע האָט גערירט און קאָני איז אַוועק ווייטער נאָכן וועגעלע. ביידע, זי און קליפאַרד, האָבן נישט אויסגערעדט קיין וואָרט ביזן טירל פון וואַלד. קאָני האָט געעפנט. קליפאַרד האָט אַ זאָג געטון, אַריינפאָרנדיק אין וואַלד:

— היינט איז די צייט צו רעגירן מיט דער בייטש, נישט מיט דער שווערד. פון אייביקע צייטן האַלט מען די מאַסן אין דער צוים און מ׳וועט זיי אַזוי מוזן האַלטן עד סוף כל הדורות. יענע, וועלכע רעדן אײן די מאַסן, אַז זיי וועלן קענען אַליין מיט זיך רעגירן, זענען אָדער שווינדלער, אָדער חוזק־מאַכער.

— און דו קאָנסט איבער זיי רעגירן? — האָט קאָני געשטעלט אַ פראַגע.

— איך? געוויס! מיינע געהירן, מיינע אינטעלעקטועלע פעיקייטן און ענערגיע זענען פולשטענדיק געזונט, די פיס זענען מיר נישט נייטיק צום רעגירן. איך בין אימשטאַנד צו טון אַלץ, וואָס עס ליגט אין מיין קאָמפּעטענץ. שענק מיר אַ זון, וועסטו זען, אַז אויך ער וועט טון דאָס, וואָס זיין רעגירער־שטאַנד וועט אים באַפולמעכטיקן צו טון.

— ער וועט דאָך אָבער נישט זיין ד יי ן זון, אפשר אויך נישט פון דיין רעגירער־קלאַס, — האָט קאָני אַרויסגעפּליסטערט...

— דאָס גייט מיך נישט אָן. וואָס קימערט מיך, ווער עס וועט זיין דער פאָטער פון מיין זון, אַבי דאָס זאָל נאָר זיין אַ מענטש אַ געזונטער מיט אַ דורכשניטלעך־נאָרמאַלער אינטעליגענץ. גיב מיר אַ זון פון וועלכן־עס־איז געזונטן, נאָרמאַלן, אינטעליגענטן מאַנספּערשוין, מאַך איך דיר פון אים דעם טיכטיקסטן לאָרד טשאַטערליי. עס האַנדלט זיך לחלוטין נישט אין דעם, ווער עס האָט אונז געפּרוכפּערט, נאָר ווו, אויף וועלכן אָרט דער גורל האָט אונז אַוועקגעשטעלט. שטעל אַוועק וועלכעס קינד דו ווילסט אויפן שטאַפּל פון רעגירנדיקן קלאַס, וועט עס אין זיין געביט

אויסוואקסן אלס מיטגליד פון דעם רעגירנדן קלאס. נעם א קינד פון א פירשט, פון א קעניג און שטעל עס אוועק אין המון, וועט דערפון אויסוואקסן א פלעבעער, א פראדוקט פון דער מאסע.

— אויב אזוי, זענען דאך די מאסן־מענטשן נישט קיין ראסע פאר־זיך, פארמאגט דאך נישט די אריסטאקראטיע קיין באזונדער בלוי בלוט? — האט קאני באמערקט.

— אוודאי נישט, קינד מיינס! דאס איז נישט מער ווי טרויעריקייט, ראמאנטישע פלאפלעריי. אריסטאקראטיזם איז א פונקציע, א גורל־באשטימונג. מאסע איז ווידער אן אנדער מין פונקציע, אן אנדער מין גורל־באשטימונג. דער איינצל־עקזעמפליאר, דער אדער יענער מענטשלעכער יחיד שפילט דא קיין ראל נישט, עס האנדלט זיך בלויז אין דעם, צו וואס איינער איז באשאפן און דערצויגן געווארן. נישט דער יחיד אפט דעם באגריף אריסטאקראטיע, עס גייט דא אינם פונקציאנירן פון דעם קלאס אלס גאנצעס.

— הייסט עס, לויט דיין מיינונג, איז נישט פארהאן צווישן אונז אלעמען קיין שום געמיינזאמקייט, נישטא, הייסט עס, דער אלגעמיינער באגריף — מענטשהייט?

— וואס ווילסטו דערמיט באווייזן? אלע מוזן מיר אויף דעם זעלבן אופן אנפילן אונזערע מאגנס! וואס־זשע איז דערפון געדרונגען? ווען עס האנדלט זיך אבער אינם וויכטיקסטן, אין די מאסגעבנדע, דעצידירנדיקע פונקציעס, איז פארהאן א דעלאזער אפגרונט צווישן דעם רעגירנדיקן קלאס און דער אונטערטעניקער מאסע, דער אפגרונט וועט אייביק זיין און ער מוז זיין. די פונקציעס פון דיביידע קלאסן זענען פארשידן קעגנגעזעצט צווישן זיך, און דאס כאראקטעריסטישסטע פארן יחיד אפילו איז די פונקציע, וועלכע ער דערפילט.

קאני האט געקוקט אויף אים צערודערט.

— פארוואס פארסטו נישט ווייטער? — האט זי געפרעגט.

קליפארד האט געלאזט דעם מאטאר. ער האט געזאגט אלץ.

וואָס ער האָט געהאַט צו זאָגן. איצט איז ער באַהערשט געוואָרן פון זײַן כאַראַקטעריסטישער גלײַכגילטיקײט, אַ שטימונג, וועלכע קאָני האָט נישט געקאָנט פאַרטראָגן. יעדנפאַלס האָט זי פעסט באַשלאָסן דאָ אין וואַלד קײן דיסקוסיע מער נישט צו פירן.

די קעמפעס היאַצינטן האָבן אויסגעזען ווי בלויע קאַלוזשעס שטײענדיק וואַסער. די קיזשעלעך פון די ניסן־קוסטעס האָבן אויסגעזען ווי פראַנזן פון אַ טײַער טישטוך. וואָס איז דאָ פאַרשפּרײט געוואָרן צום סערווירן דערויף מנוחה און נחת־רוח.

— עס איז דאָ באמת שײן, — האָט קליפאָרד זיך אָנגערופן. — באמת, וווּנדערלעך־שײן. נישטאָ קײן שענערס אין דער וועלט, ווי דער ענגלישער פרילינג.

קאָני האָט אַ טראַכט געטון, אַז זײַן באַוווּנדערונג זעט אויס, ווי דער שײנער פרילינג דאָ אַרום וואָלט זיך צעבליט אויפן סמך פון אַ פּאַרלאַמענט־באַשלוס. ענגלישער פרילינג! פאַרוואָס עפּעס דווקא ענגלישער? פאַרוואָס נישט אירלענדישער, אָדער ייִדישער פרילינג? דער פאָטעל האָט זיך לאַנגזאַם געריקט פאָראויס די היאַצינטן־קעמפעס. ווען זײ זענען אַרויס אויף דעם שטח, וווּ דער וואַלד איז געווען אויסגעהאַקט, האָט זיך די טאָג־ליכט אַרײַנגעריסן צושנײַדיק און מיטאַמאָל, די בלויקײט פון די היאַצינטן האָט באַקומען אַ פיאָלעטן אָפּגלאַנץ. די פּאַפּראָט־בלעטער האָבן אַ יפגעהויבן זײערע ברוינע, געלאָקטע קעפּלעך, ווי מיליאָנען קלײנע שלענגלעך, וואָס זענען גרײט אײַנצורוימען דער מוטער חוה אַ נײַעם סוד אין אויער.

קליפאָרד האָט נישט פאַרהאַלטן דעם מאָטאָר, ביז זײ זענען אַרויף אויפן שפּיץ בערגל. קאָני איז פּאַמעלעך געגאַנגען פון הינטן. די דעמבעס האָבן זיך דאָ געצירט אין ווײכע, ברוינע קנאָספּן. אַלץ, אַלץ האָט זיך געפּוצט און באַנײַט לכּבֿוד דעם פרילינגס־יום־טובֿ. בלויז די מענטשן זענען געבליבן גרוי, אַלטעגלעך. פאַרוואָס זאָלן זיך די מענטשן נישט באַנײַען, נישט באַווײַזן אין אַ פרישן געשטאַלט צום יום־טובֿ פון דער גאַנצער נאַטור? אומגליקלעכע מענטשן!

קליפאָרד האָט אָפּגעשטעלט דאָס וועגעלע זיינס און אַראָפּגעקוקט צו דער צווייטער זייט וואַלד. די בלויקייט פון די היאַצינטן האָט אַרומגעכאַפּט דעם גאַנצן וואַלד ווי מיט אויסטערלישע פייער־צונגען.

— דידאָזיקע פאַרב איז זייער שיין אין דער נאַטור, — האָט קליפאָרד אַ זאָג געטון, — אָבער קינסטלעך לאָזט זיך נישט שאַפן די זעלבע בלויע פייער־קאָליר.

— יאָ, — האָט קאָני גלייכגילטיק צוגעשטימט.

— איך וויל ריזיקירן אַראָפּצופאָרן פונדאַנען ביזן קוואַל, — האָט קליפאָרד מודיע געווען.

— אָבער צי וועט דער פאָטעל קאָנען צוריק אַרויפפאָרן?

— איך וועל פּרוּוון, ווער עס ריזיקירט נישט, געווינט נישט.

און דער פאָטעל האָט זיך אָנגעהויבן פּאַמעלעך רוקן פאָרויס איבערן ברייטן וואַלד־שליאַך, וועלכער איז געדיכט פאַרוואַקסן געווען מיט היאַצינטן. אָ, דו לעצטע שיף אויף די בלויע אָפּגרונטן! אָ, דו שיף אויף די לעצטע ווילדע וואַסערן, דו, וואָס מאַכסט די לעצטע רייזע פון אונזער ציוויליזאַציע! וווהין, אויסטערלישע שיף, וווהין פירט דיין וועג? רויק, צופרידן מיט זיך איז קליפאָרד געזעסן מיטן רודער אין האַנט, אין זיין שוואַרצן ברייטן הוט, אין דעם שעוויאָטענעם אָנצוג. העי, קאַפּיטאַן! קאַפּיטאַן! דיין הערלעכע רייזע דערנענטערט זיך צו איר סוף! נאָכנישט, זאָגסטו? אַלץ נאָכנישט? דו ווילסט אַלץ נאָכנישט אָפּגעבן דעם רודער? אונטער דיין שיף פלאַטערט דאָס קלייד פונם ווייב, דאָס קלייד פון קאָנין, דאָס ווייב פילט דעם נאַטירלעכן פרילינג אין איר לייב, דיין שיף גייט אונטער צוזאַמען מיט איר פרילינגסגעפיל.

זיי האָבן אויסגעמיטן דאָס שטעגל, וואָס פירט צום וואַלדשייער. דאָס שטעגל איז צום גליק שמאָל און דער פאָטעל קאָן דאָרט נישט אַריינפאָרן. דאָס וועגעלע האָט געמאַכט אַ קרייז און פאַרשווונדן פון קאָניס אויגן. זי האָט הינטער זיך דערהערט אַ קורצן

פייף און זיך האסטיק אויסגעדרייט. דער וואלד־אויפזועער האט זיך אראפגעלאזט פון בערגל און זיך דערנענטערט צו איר; דער הונט איז אים נאכגעלאפן.

— סער קליפארד וויל פארן צום שייער? — האט ער געפרעגט, קוקנדיק איר אין די אויגן אריין.

— ניין, נישט מער ווי צום קוואל.

— אויסגעצייכנט! וועל איך פארשפארן זיך צו ווייזן פאר אים. אבער דיך וועל איך נאך זען היינט אינאוונט, נישט אמת? כ'וועל דיך אפווארטן ביים טירל פון פארק ארום צען א זייגער, גוט?

ער האט איר ווידער דורכדרינגלעך אריינגעקוקט אין די אויגן.

— גוט, — האט קאני ארויסגעשעפטשעט.

עס האט זיך דערהערט א פייף, דאס האט קליפארד מיטן פייפער ביים מאטאר געגעבן א סיגנאל קאנין. זי האט אפגעענטפערט, אז זי גייט. דער וואלד־אויפזועער האט קוים־באמערקלעך א שמייכל געטון און דורכגעפירט די פיבערנדיקע האנט איבער דער בולטקייט פון איר בוזעם. זי האט אים אנגעקוקט דערשראקן און תיכף אוועקגעלאפן צום ארט, פונוואנען דער סיגנאל האט זיך נאכאמאל דערהערט. מעלארס האט איר נאכגעקוקט, דערנאך זיך פאמעלעך אויסגעדרייט מיט א פארטייעטן שמייכל אויף די ליפן און אוועק אין דער טיפעניש פון וואלד.

קאני האט דעריאגט קליפארדן, ווען זיין מאשין האט זיך שוין געהאט אראפגעלאזט אין טאל.

— די מאשין האט זיך פיין אויסגעצייכנט, — האט ער מיט צופרידנקייט באמערקט.

קאני האט געווארפן א בליק אויף די גרויסע גרויע בלעטער, וועלכע זענען דא געוואקסן לרוב צווישן דיביימער. די דארפסלייט האבן דאסדאזיקע געוויקס גערופן „ראבין הודס רומבארבארום". שטיל און טרויעריק ארום. נאר דאס לעבעדיקע קוועלעכל זומט און ברומט מיט אזוי פיל לעבן, די קלארקייט פונם

וואַסערל איז אַזוי קריסטאַליק, אַזוי מחיהדיק. אַרום דעם קוואַ־לעכל שפּראָצן העל־בלויע פאַרגעס־מיך־נישט־בלימלעך. אָט דאָרט רירט זיך מיטאַמאָל אויף די ערד. אַ מוילוואָרף! ער איז אַרויס פון אונטערן אויפגעשאָטענעם געלן בערגל ליים, די ראָזע לאַפּ־קעלעך זיינע צעשאַרן נאָך די רעשטלעך ערד, וואָס פאַרשטעלן אים דעם וועג, זיין שפּיציק פּיסקל מיט די בלינדע אייגלעך שנאַפּט מיט גיריקייט די לופט.

— עס זעט אויס, ווי ער וואָלט געקוקט מיטן נעזל, — האָט קאָני געזאָגט.

— בעסער ווי מיט די אויגן, — האָט קליפאָרד געענט־פערט. — ווילסט אפשר אַ טרונק?

קאָני האָט געטון אַ שלוק פונם טעפעלע קוואַל־וואַסער.

— אייז־קאַלט, — האָט זי געזאָגט, צונעמענדיק דאָס טעפּע־לע פונם מויל.

— מחיהדיק וואַסער, אמת, דו ביסט מסתם נישט דורשטיק?

— און דו?

— אַ ביסל.

אַ פּיקפויגל האָט אָנגעהויבן קלאַפּן ערגעץ נישט ווייט. קאָני האָט אויפגעהויבן דעם בליק אינדערהייך. ווייסע וואָלקנדלעך האָבן שפּאַצירט איבערן הימל־בלוי.

— זעסט, — האָט זי אַ זאָג געטון, — וואָלקנס זענען אָנ־געקומען.

— עס שאַדט נישט, — האָט קליפאָרד געענטפערט, — די ווייסע שעפּסעלעך דראָען נישט מיט קיין רעגן.

דער מוילוואָרף איז נאָך אַלץ געזעסן אונטער זיין בערגעלע און געשנאַפּט די לופט.

— אַ מיאוס חיהלע, לאָמיר עס דערהרגענען, — האָט קלי־פאָרד אַ זאָג געטון.

— טו אַ קוק, צי זעט עס נישט אויס, ווי אַ גלח אויפן באַ־לעמער? — האָט קאָני באַמערקט.

זי האָט צונויפגעקליבן אַ בוקעטל בלימלעך און עס אים דערלאַנגט.

— די בלימלעך שמעקן ווי ראָמאַנטישע דאַמען פון פאַריקן יאָרהונדערט, — האָט קליפאָרד געזאָגט.

קאָני האָט ווידער אויפגעהויבן דעם קאָפּ צו די ווייסע וואָלקנדלעך:

— דאַכט זיך, עס וועט רעגענען.

— רעגענען? ווי? דו וואָלסט געוואָלט, עס זאָל רעגע־נען? — האָט זיך קליפאָרד געווענדט צו איר מיט אַ פאַרוווּנדער־טער מינע.

זיי האָבן זיך פאַרנומען צוריק אַהיים. קליפאָרד האָט גע־לאָזט די מאַשין.

— נו, ברודערל, — האָט ער זיך געווענדט צום פאָטעל, — נעם זיך צו דער אַרבעט.

דער באַרג־אַרויף איז אָנגעקומען אַ ביסל שווער. די מאַ־שין האָט געציטערט, זיך געוויגט און פּאַמעלעך, ווי מיט ווייניק ווּשק געפאָרן אַרויף. אַזוי לאַנג, ביז דער פאָטעל איז ענדלעך צו־געקומען צו די שווערערע, משופּעדיקע ערטער, וועלכע זענען געווען געדיכט באַוואַקסן מיט היאַצינטן. דאָרט האָט ער זיך אָפּ־געשטעלט און נישט געוואָלט מער רירן פון אָרט.

— לאָמיר געבן אַ סיגנאַל, אפשר וועט דער וואַלד־אויפזעער דערהערן, — האָט קאָני געזאָגט. — ער וואָלט אונטערגעשטופּט דעם פאָטעל. איבעריקנס, איך וועל אַליין אויך עפּעס קאָנען אויפטון.

— לאָמיך נאָר אַ רגעלע אָפּסאָפּען, — האָט קליפאָרד זיך געווישט דעם שווייס, — זיי אַזוי גוט, קאָני, לייג דאָרט אונטער אַ שטיין אונטערן ראָד.

קאָני האָט אַזוי געטון. אין אַ ווײַלע אַרום האָט קליפאָרד ווידער געלאָזט דעם מאָטאָר. דער פאָטעל האָט גערירט פון אָרט. ער האָט זיך אָבער געוויגט, און געוואַקלט, און געקרעכצט, ווי אַ חולה.

— לאָמיך, וועל איך אים אונטערשטופּן, — האָט קאָני, גייענדיק פון הינטן, אַ זאָג געטון.

— חלילה! טשעפּע נישט! אַליין זאָל ער גיין! — האָט קליפאָרד אין כּעס אויסגעשריגן. — צו וועלכע גוטע יאָר טויג ער, דער מאָטאָר, אויב מ׳דאַרף אים אונטערשטופּן! לייג ווידער אונטער אַ שטיין!

אין אַ ווײַלע אַרום האָט קליפאָרד ווידער געלאָזט די מאַשין, אָבער מיט נאָך ווייניקער דערפאָלג.

— דו זעסט דאָך, — מען מוז אים אונטערשטופּן, — האָט קאָני זיך ווידער אָנגערופן. — אפשר רופן דעם וואַלד־אויפזעער צוהילף?

— וואַרט נאָר צו.

קאָני האָט געוואַרט און קליפאָרד האָט ווידער געמאַכט אַ פּרווו צו פאַרריכטן די מאַשין, עס האָט אָבער גאָר ווייניק געהאָלפן.

— גיב שוין אַ סיגנאַל, וועט דער אויפזעער צוקומען, אויב דו ווילסט בשום־אופן נישט, איך זאָל דיר העלפן, — האָט קאָני געזאָגט.

— צום טייוול! זײַ־זשע שטיל אַ רגע!

קאָני האָט געשוויגן, קליפאָרד האָט געמאַכט פאַרצווייפלטע אָנשטרענגונגען צו פאַרריכטן די מאַשין.

— וועסט אַ תּל מאַכן פונם מאָטאָר, קליפאָרד, — האָט קאָני זיך נאָכאַמאָל אָנגערופן, — און אויסער דעם איז אַ שאָד דײַנע נערוון.

— אָ, ווען איך זאָל נאָר קאָנען אַרויסקריכן פונם פאָטעל און באַטראַכטן דעם פאַרשאָלטענעם מאָטאָר! — האָט קליפאָרד אויסגערופן און האַסטיק אָנגעהויבן פייפן. — אפשר וועט מעלאָרס קאָנען עפּעס אויפטון.

זיי האָבן אַזוי געוואַרט, אַרומגערינגלט מיט אַ ים תּיאַצינטן. דער הימל האָט זיך ביסלעכווייז פאַרצויגן מיט כמאַרעס.

שטיל אַלץ אַרום, בלויז פון צײט-צו-צײט לאָזט זיך הערן דאָס װאָרקען פון אַ װילדער טויב. קליפאָרדס מאָטאָר האָט זיך היי-זעריק צעפּייפט און געצװונגען די װילדע טויב אַנטשװיגן צו װערן.

עטװאָס שפּעטער האָט זיך באַװיזן פון צװישן די ביימער דער װאַלד-אויפזעער. ער האָט זיך אַרומגעקוקט און אַראָפּגענומען דעם הוט צום באַגריסן די הערשאַפט.

— איר האָט עפּעס אַן אַנונג אין מאָטאָרן? — האָט אים קליפאָרד האַרט געפרעגט.

— לײדער! װאָס איז געשען?

— דער טײװל װײסט עס! — האָט קליפאָרד בײז אָפּגע-קט.

מעלאָרס האָט זיך צוגעזעצט טשיפּקע ביים פאָדערשטן ראָד ון עס אויפמערקזאַם באַטראַכט.

— לײדער בין איך נישט געניט אין די אַלע טעכנישע ינים, סער קליפאָרד, — האָט ער רויק געזאָגט, — עס פעלט שר בענזין, אָדער אייל?...

— טוט בעסער אַ קוק אַרונטער, אפשר איז דאָרט עפּעס עבראָכן, — האָט אים קליפאָרד איבערגעשלאָגן די רייד.

מעלאָרס האָט אָנגעלענט די ביקס אָן אַ בוים, אויסגעטון י מאַרינאַרקע און זי אַ װאָרף געטון אויפן גראָז. דער הונט אָט זיך אַװעקגעזעצט אויף די הינטערשטע לאַפּעס. דער װאַלד-ויפזעער האָט זיך װידער צוגעזעצט טשיפּקע און אָנגעהויבן רומטאַפּן מיט די פינגער די מאַשין. עס האָבן אים געערגערט י פעטע אייל-פלעקן, װאָס האָבן אים איינגעריכט די מאַנקעט ון אויבערהעמד.

— דאַכט זיך, אַז ס׳איז אין ערגעץ נישט באַשעדיקט, — האָט ער זיך אָנגערופן.

ער האָט זיך צוריק אויפגעשטעלט, אַרויפגערוקט דעם הוט אויף דער פּאַטילניצע, אָפּגעװישט דעם שװייס פון שטערן און זיך פאַרטראַכט.

— באַקוקט בעסער די שטאַנגען דאָרט אונטן, — האָט קליפאָרד הארט אַ זאָג געטון. — זעט, צי זיי זענען אין אָרדענונג!

דער אויפזועער האָט זיך אַוועקגעלייגט אויפן בויך, אויסגעדרייט דעם קאָפּ און אַרונטערגעקראָכן אונטערן וועגעלע. קאָני האָט בשעת מעשה אַ טראַכט געטון, וואָס פאַר אַ נעבעכדיק, שוואַך באַשעפעניש אַ מאַנספּערשוין איז, ווען ער ליגט אַזוי אויסגעצויגן אויף דער ערד מיטן פּנים אַראָפּ.

— אויף וויפיל עס שיינט מיר, איז אַלץ אין אָרדענונג, — האָט זיך דערהערט זיין פאַרשטיקטע שטימע פון אונטערן וואָגן.

— איר וועט, זע איך, דאָ גאָרנישט אויפטון, — האָט קליפאָרד געזאָגט.

— איך דענק אויך דאָס זעלבע, — האָט מעלאָרס געענטפערט, אַפּערקריכנדיק פון אונטער דער מאַשין. — איך זע גאָרנישט, אַלץ איז, דאַכט זיך, גאַנץ.

קליפאָרד האָט בייז אַ כאַפּ געטון דאָס הענטל פון מאָטאָר און געפרוווט אים לאָזן אין גאַנג, דאָס וועגעלע האָט אָבער נישט גערירט פון אָרט.

— סער, איר האָט אים צופיל געטרייט, דעם מאָטאָר! — האָט דער וואַלד-אויפזועער באַמערקט.

קליפאָרד איז אויפגערעגט געוואָרן פון דערדאָזיקער באַמערקונג; דער מאָטאָר אָבער האָט כּסדר געהאַלטן אין איין זשומען, סאָפּען, כראַקען, כריפּען, ענדלעך האָט זיך געדאַכט, אַז ער רירט שוין מיט מזל.

— עס ווייזט אויס, אַז ער וועט רירן פונם אָרט, — האָט מעלאָרס באַמערקט.

קליפאָרד האָט געמאַכט אַ געוואַלטיקע אָנשטרענגונג. דער פאַטעל האָט געטון אַ האַסטיקן שפּרונג אין אַ זייט און מיט גרויס מי זיך אָנגעהויבן רוקן פאָראויס.

— לאָזט, סער, וועל איך אים עטוואָס אונטערשטופּן, וועט ער שוין ווייטער גיין אַליין.

— גייט אַוועק! — האָט קליפאָרד אַ געשריי געטון. — איך וועל מיר אַליין אַן עצה געבן.

— דו ווייסט דאָך, קליפאָרד, — האָט זיך קאָני אַריינגעמישט, — אַז עס אוממעגלעך אַנדערש. פאַרוואָס ביסטו אַזוי איינגעשפּאַרט?

קליפאָרד איז בלאַס געוועזן פון כעס. ער האָט אַ ריס געטון די הייב-שטאַנג, דער פאָטעל האָט אַ האַסטיקן שפּרונג געטון און געבליבן שטעקן אינמיטן דער געדיכטעניש פון די וואַלד־היאַצינטן.

— קאַפּוט! — האָט מעלאָרס אויסגערופן. — די מאַשינקע האָט שוין מער קיין כוח נישט.

— די מאַשין האָט נאָך גענוג כוח! — האָט קליפאָרד בייז אָפּגעענטפערט.

— איך צווייפל, — האָט מעלאָרס אַרויסגעמורמלט.

קליפאָרד האָט גאָרנישט געענטפערט. ער האָט זיך גענומען פאָרען ביים הענטל פון מאָטאָר, געדרייט אַהין, אַהער, ווי ער וואָלט געפּרוווט אָנטרעפן אויפן חסרון פון דער מאַשין. דער וואַלד איז פול געוועזן מיט די אויסטערלישסטע קולות, וואָס דער כאָרכלענדיקער מאָטאָר האָט פון זיך בשעת־מעשה אַרויסגעגעבן.

— איר וועט אים די געדערים אונטעררייסן! — האָט מעלאָרס אַ ברום געטון.

דער פאָטעל האָט פּלוצלינג געמאַכט אַ ווילדן שפּרונג אין דער זייט פון באַרג־שיפּוע.

— וואָס טוסטו, קליפאָרד? — האָט קאָני אויסגעשריגן אַ דערשראָקענע.

מעלאָרס האָט אָנגעכאַפּט דעם פאָטעל ביים אָנלען. דערווייל האָט קליפאָרד מיט אַ געוואַלטיקער אָנשטרענגונג באַוויזן

אויסצוקערעווען דאָס וועגעלע צום וועג. מיט אויסטערלישער כאַרכלעניש האָט עס גערירט און זיך פּאַמעלעך געריקט פאַראויס. מעלאָרס האָט עס אונטערגעשטופּט מיט אַ מינע אַ גלייכגילטיקע, אָבער אַ באַליידיקטע.

— נו, זעט איר שוין, איך גיב מיר נאָך אַן עצה אַליין! — האָט קליפאָרד צוגעוואָרפן די נאָכגייענדיקע מיט שטאָלץ און אויסגעדרייט דאָס פּנים צו זיי. ער האָט האַרט לעבן זיך דערזען דעם וואַלד-אויפזעער.

— וואָס? איר שטופּט גאָר אונטער?

— אַנדערש וועט איר זיך קיין עצה נישט געבן.

— לאָזט אָפּ, זאָג איך אייך!

— איר וועט אַליין גאָרנישט אויפטון.

— איך וויל אַליין, אַליין וויל איך! — האָט קליפאָרד מיט כּעס אַרויסגעצישעט צווישן די ציין.

מעלאָרס האָט אָפּגעלאָזט דעם פאָטעל, זיך האַסטיק אויסגעדרייט און צוגעגאַנגען נאָך דער מאַרינאַרקע און דער ביקס.

די מאַשין האָט תּיכּף אָנגעוווירן דאָס חיות און זיך אָפּגעשטעלט ווי געליימט. קליפאָרד האָט, זיצנדיק אינם פאָטעל, אויסגעזען ווי אַן אַרעסטאַנט; ער איז אַזש גרין געוואָרן פון כּעס. מיט די הענט האָט ער געשלעפּט די מאַשין דאָ ביים הענטל, דאָ ביי אַ ראָד. אומזיסט! די קולות פון דער מאַשין האָבן איצט אויסגעזען ווי די הילפסרופן פון אַ גוסס. מיט כּעס האָט קליפאָרד געריסן די מאַשין, די קולות אירע זענען געגאַנגען ביז צום הימל, אָבער אַלץ בחינם, זי האָט נישט גערירט פון אָרט. קיין טריט נישט, קיין שפּאַן! ענדלעך האָט קליפאָרד אָפּגעלאָזט דעם מאָטאָר און געבליבן זיצן אין פאָטעל אָן באַוועגונג.

קאָנסטאַנציע איז געזעסן ביים ראַנד פון וועג און געקוקט אויף די צעקנייטשטע, צעטרעטענע בלומען. „נישטאָ קיין שענערס פונם ענגלישן פרילינג". „איך בין בכּוח אויפצוטון דאָס,

וואָס איך דאַרף טון". „איצט איז די צייט צו נעמען אין דער האַנט אַ בייטש אָנשטאָט אַ שווערד". „מיר — דער הערשנדער קלאַס".

מעלאָרס האָט זיך אומגעקערט מיט דער ביקס, אין דער מאַרינאַרקע. דער הונט איז אים נאָכגעגאַנגען האַרט ביי די טריט. קליפאָרד האָט ווידער באַפוילן מעלאָרסן, ער זאָל עפּעס טון ביים מאָטאָר. קאָני איז געדולדיק געזעסן אויף איר אָרט, גלייך זי וואָלט געווען נישט קיין לעבעדיקער מענטש, נאָר אַ מאַנעקען. דער וואַלד-אויפזעער איז שוין ווידער געלעגן אויפן בויך. דער רעגירנדיקער קלאַס און דער באַדינענדיקער קלאַס.

ער האָט זיך אויפגעהויבן פון דער ערד און געדולדיק אַרויסגערעדט:

— פּרוווט, אפשר וועט עס איצט גיין.

ער האָט געזאָגט די ווערטער מיט אַזאַ טאָן, ווי מ'באַרויִקט אַ קינד.

קליפאָרד האָט געפּרוווט און מעלאָרס האָט זיך תיכף געשטעלט פון הינטן און אָנגעהויבן אונטערשטופּן. דער פּאָטעל איז אַוועק: דער מאָטאָר האָט געטון אַ חלק, דאָס איבעריקע — דער מענטש.

קליפאָרד האָט זיך אומגעקוקט, געל פון צאָרן.

— איר גייט אַוועק, צי ניין?

דער וואַלד-אויפזעער האָט זיך תיכף אָפּגערוקט און קליפאָרד האָט צוגעגעבן ווי מיט פאַרענטפערונג:

— איך מוז דאָך סוף-כל-סוף וויסן, צי די מאַשין טויג נאָך צו עפּעס.

מעלאָרס האָט אַוועקגעשטעלט די ביקס און גענומען אַרויפציִען אויף זיך די מאַרינאַרקע.

פּלוצלינג האָט דער פּאָטעל מיט קליפאָרדן זיך אָנגעהויבן שנעל רוקן אויף צוריק.

— האַלט איין! — האָט קאָני אַ דערשראָקענע אויסגעשריגן. — האַלט איין! דריק אָן דעם טאָרמאָז!

קליפאָרד האָט זיך אָבער מיטן טאָרמאָז קיין עצה נישט גע־געבן, דאָס וועגעלע איז געפלויגן צוריק באַרג־אַראָפּ. ביידע — קאָני און מעלאָרס — זענען אונטערגעלאָפן צוהילף, דערביי האָבן זיי זיך לייכט צונויפגעשטויסן. דאָס וועגעלע איז פאַרהאַלטן געוואָרן. עס איז אַנטשטאַנען אַ טויט־שטילקייט.

— עס איז קלאָר, איך בין הילפלאָז ווי אַ פּיצל קינד, וואָס מוז אָנקומען נאָך הילף צו יעדן איינעם, — האָט קליפאָרד כמעט מיט טרערן אַרויסגערעדט.

קיינער האָט גאָרנישט געענטפערט דערויף. מעלאָרס האָט אַריבערגעהאַנגען די ביקס איבערן אַקסל, זיין פּנים איז געווען פאַרבלאָזן, מיט אַן אויסדרוק פון אויסטערלישער סבלנות. די צווייגזיינע איז געשטאַנען הארט לעבן אים ווי אַן אַנגעצויגענע סטרונע, זי האָט געוואַכט איבער איר באַלעבאָס. זי האָט בלויז געוואָרפן בליקן פול מיט חשד און אומצוטרוי צו דער מאַשין און צו דעם מענטש, וואָס זיצט אין איר. דער טויטער וואָגן מיטן טויטן רייטער האָבן אַזוי אומבאַוועגלעך געשטעקט צווישן די צעטרעטענע בלומען און קיינער האָט נישט אַרויסגערעדט קיין וואָרט.

— איך גלייב, אַז מ'וועט מיך מוזן אַ ביסל אונטער־שטופּן, — האָט קליפאָרד ענדלעך אַרויסגערעדט מיט געמאַכטער קאַלטבלוטיקייט.

קיינער האָט זיך נישט אונגערופן. מעלאָרס' פּנים האָט אויס־געזען אַזוי גלייכגילטיק, ווי ער וואָלט גאָרנישט געהערט. קאָני האָט אים צוגעוואָרפן אַ דערשראָקענעם בליק. קליפאָרד האָט זיך אויך אומגעקוקט צו אים.

— איר וועט אפשר אונטערשטופּן דעם פּאַטעל ביז אַהיים, — האָט ער אַ זאָג געטון מיט אַ מאַיעסטעטישן טאָן. — איך גלייב, אַז איך האָב דאָ גאָרנישט געזאָגט אַזעלכעס, וואָס האָט אייך געקאָנט באַליידיקן, — האָט ער צוגעגעבן מיט ערגערניש.

— ניין, סער קליפאָרד, גאָרנישט. איר פאַרלאַנגט, איך זאָל אונטערשטופּן דעם פאָטעל?

— איך בעט אײַך זייער.

מעלאָרס איז צוגעגאַנגען, אָבער זיין אונטערשטופּן האָט דאָס מאָל קיין פּעולה נישט געהאַט. דער טאָרמאָז האָט זיך פאַרהאַקט. ביידע, ער און קאָני, האָבן געשטופּט אַהין און צוריק, געריסן דעם פאָטעל אַהין און אַהער, געשאָקלט אים פון ביידע זייטן, ביז מעלאָרס האָט ענדלעך ווידער אָוועקגעלייגט די ביקס און אויסגעטון די מאַרינאַרקע. קליפאָרד איז געזעסן שטום ווי אַ פיש. מעלאָרס האָט אַ כאַפּ געטון דאָס ווענעלע פון הינטן, עס אויפגעהויבן אינדערלופטן און אַ קאָפּע געטון מיטן פוס אין די רעדער אַריין. דער טאָרמאָז האָט נישט נאָכגעלאָזט, דער פאָטעל האָט ווי אַ פלאָך אַ זעץ געטון אין דער ערד. די גאַנצע צייט איז קליפאָרד געזעסן איינגעקורטשעט און מיט פיבערדיקע פינגער זיך געקלאַמערט ביי דעם אָנלען. מעלאָרס האָט געסאָפּעט פון אָנשטרענגונג.

— טוט נישט אַזוי! — האָט קאָני געשריגן צו מעלאָרסן.

— זייט אַזוי גוט און טוט אַ ציִ ביי דעם ראָד, אָט אַזוי, — האָט ער איר געוויזן, ווי אַזוי זי זאָל ציִען.

— ניין! ניין! הייבט אים נישט אויף! איר וועט זיך איבעררייסן! וואָס איז דאָס פאַר אַן אַרבעט! — האָט קאָני געשריגן, רויט ווערנדיק פון אויפרעגונג.

ער האָט איר אָבער אַ קוק געטון אין די אויגן אַריין און אַ שאָקל געטון מיטן קאָפּ. זי איז תיכּף געהאָרכזאַם צוגעגאַנגען און אָנגענומען דאָס ראָד. ער האָט אויפגעהויבן דאָס ווענעלע, זי האָט אַ ציִ געטון ביים ראָד און דער גאַנצער פאָטעל האָט זיך אַ טרייסל געטון.

— גאָט מיינער! — האָט קליפאָרד מיט שרעק אויסגערופן.

ס'איז אָבער קיין שלעכטס נישט געשען, דער טאָרמאָז

האָט נאָכגעלאָזט. מעלאָרס האָט אונטערגעלייגט אַ שטיין אונטערן ראָד און זיך אַוועקגעזעצט אָפּרוען. דאָס האַרץ האָט ביי אים האַסטיק געקלאַפּט, דאָס פּנים איז געווען בלייך און דער שטערן פאַרשוויצט. קאָני האָט, באַמערקנדיק דאָס אַלץ, שיער נישט צע־שריגן זיך פון צאָרן. אַ טויט־שטילקייט האָט באַהערשט אַלע דריי. זי האָט באַמערקט, ווי די הענט זיינע האָבן, ליגנדיק אויף די קני, געציטערט.

— איר האָט אייך אפשר עפּעס געטון? — האָט זי אַ פרעג געטון, צוגייענדיק צו אים.

— ניין, ניין!

ער האָט אַוועקגעדרייט דאָס פּנים פון איר.

ווידער איז געוואָרן אַבסאָלוט שטיל. קליפאָרד איז געזעסן אויסגעדרייט מיטן רוקן ווי אַ מומיע. אפילו די צויג האָט אויס־געזען ווי אַ פאַרגליווערטע. דער הימל האָט זיך פאַרצויגן מיט אַ גרויער כמאַרע.

מעלאָרס האָט אָפּגעסאַפּעט און אַרויסגעמורמלט:

— איך בין נאָך אַלץ אָפּגעשוואַכט פון דער לונגען־אַנט־צינדונג.

קיינער האָט זיך נישט אָנגערופן. קאָני האָט געחשבונט אין געדאַנק: זי האָט באַרעכנט. וויפיל כוח עס האָט געקאָסט דאָס אויפהייבן אין דער לופטן די מאַשין צוזאַמען מיטן פעטלייביקן קליפאָרד. דידאָזיקע אָנשטרענגונג זאָל מעלאָרסן נאָר נישט פאַר־שאַדטן צום געזונט!

יענער האָט זיך דערווייל אויפגעשטעלט, גענומען די מאַ־רינאַרקע אויף זיך און אַריבערגעהאָנגען די ביקס איבערן אָנלען פונם פאָטעל.

— סער קליפאָרד. איר זענט גרייט?

— אויב איר זענט גרייט, ביטע!

מעלאָרס האָט אַפּערגענומען דעם שטיין פון אונטערן ראָד און זיך אָנגעשפּאַרט מיטן גאַנצן קערפּער אינם וועגעלע. ער איז

געווען אַזוי בלייך ווי נאָך קיינמאָל נישט. קאָני האָט געקוקט מיט פּחד. דער שלאָפער מעלאָרס דאַרף שטופן דעם פעטן קליפאָרד באַרג־אַרויף. זי איז צוגעגאַנגען און געשטעלט זיך ביי מעלאָרס׳ זייט.

— איך וועל צוהעלפן שטופן.

זי האָט מיטן גאַנצן כּוח זיך אָנגעשפּאַרט אינם וועגעלע, עס האָט זיך אָנגעהויבן שנעלער באַוועגן. קליפאָרד האָט זיך אומגעקוקט:

— צוואָס טוסטו דאָס?

— איך וויל אַזוי! דער הער מעלאָרס וועט אַליין נישט באַוויייזן! ער איז פאַרמאַטערט!...

זי האָט נישט פאַרענדיקט דעם זאַץ, עס האָט איר פאַרפעלט אָטעם פון אויפרעגונג און אָנשטרענגונג ביים אונטערשטופן.

— שטרענגט אייך נישט אַזוי אָן! — האָט מעלאָרס איר צוגעוואָרפן מיט אַ לייכטן שמייכל.

— איר האָט אייך זיכער גאָרנישט געטון? — האָט קאָני אים אַ פרעג געטון אָנשטאָט אַן ענטפער.

ער האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ אויף ניין. זי האָט געוואָרפן אַ בליק אויף דער קליינער, דעליקאַטער, קוים־אָפּגעברענטער האַנט, וועלכע האָט צוגעהאַלטן דעם אַנלען, די זעלבע האַנט האָט געצערטלט איר לייב. זי האָט קיינמאָל אַזוי אויף דערדאָזיקער האַנט נישט געקוקט. זי, דידאָזיקע שטילע מענער־האַנט, האָט אויסגעזען אין אירע אויגן ווי אַ האַנט פון אַן אַנדערער שלווהדיקער וועלט, און עס האָט זיך אין קאָנין דערוועקט אַ לוסט אַ כאַפּ צו טון דידאָזיקע מענער־האַנט און זי צוצודריקן צו אירע הייסע ליפּן. און איר גאַנץ וועזן האָט זיך אַזוי געריסן צו אים, צו דעם שלווהדיקן, שטילן, אומדערגרייכלעכן מאַנספּערשוין. אויך ער האָט פלוצלינג דערפילט אַ לעבעדיקן ציטער, וועלכער איז דורכגעפלויגן איבער אַלע אויסגעמאַטערטע גלידער זיינע און זיי באַ־

נייט. אונטערשטופנדיק דאָס וועגעלע מיט דער לינקער האַנט, האָט ער די רעכטע אַרויפגעלייגט אויף איר דעליקאַטער, ווייסער האַנט און זי פּיעשטשענדיק אַ גלעט געטון. אַ פלאַקער האָט פּלוצלינג אויסגעבראָכן אין זיינע לענדן און זיך אויפגעהויבן ביזן האַרץ. קאָני האָט זיך שנעל איינגעבויגן און אַ קוש געטון די פּיעשטשענדיקע מענער־האַנט. קליפאָרדס רוקן האָט זיך געפונען אין דעם מאָמענט איין צאָל פון זיי.

געקומען אַרויף אויפן באַרג, האָבן זיי זיך אָפּגערוט. קאָני האָט פרייער אָפּגעאָטעמט נאָכן שווערן שטיקל אַרבעט. אין גע־דאַנק ביי איר האָבן זיך געוועבט רעיונות וועגן אַן אידילישער פריינטשאַפט צווישן די צוויי מענער: איינער — דער מאַן אי־רער; דער צווייטער — דער פאָטער פון איר קינד. אוממעג־לעך! אוממעגלעך! האָט איר נשמה געשריגן אין איר. אַ תהום, אַ וויסטער תהום ליגט צווישן זיי! צוויי פיינטלעכע עלעמענטן! פייער מיט וואַסער! איינער שליסט אויס דעם אַנדערן. און דאָס ערשטע מאָל אין איר לעבן האָט זי פאַרשטאַנען, וואָס פאַר אַן אויסטערליש, סובטעל געפיל עס איז האַס. דאָס ערשטע מאָל האָט זי ערשט איצט באַוווסטזיניק און אַנטשיידן געהאַסט קלי־פאָרדן, געהאַסט מיט דער גאַנצער נשמה אירער; זי האָט גע־פילט עפּעס אַזעלכעס, ווי דער דאָזיקער קליפאָרד וואָלט געמוזט צראָפּגערוימט ווערן פון דער ערד־אַיבערפלאַך. און אַ וואונדער־לעכע דערלייכטערונג, אַ מעכטיקע לעבנס־פרייד און לעבנס־קראַפט האָט אַריינגעבלאָזן אין איר נשמה דער דאָזיקער באַוווסט־זיין פון האַס.

„איצט, ווען מיין האַס צו אים האָט זיך אויפגעוועקט אין מיר, וועל איך מער נישט קאָנען בלייבן לעבן מיט אים", איז איר דורכגעפלויגן אין געדאַנק.

דער וועג איז געגאַנגען גלייך און גלאַט, איצט איז גענוג געווען בלויז מעלאָרס' הילף. קליפאָרד האָט כסדר געשמועסט מיט קאָנין אין אַ לייכטן טאָן, ווי ער וואָלט געוואָלט באַווייזן,

אַז ער איז געבליבן גלייכגילטיק צו אַלעם, וואָס ס'איז דאָ נאָר־וואָס מיט אים פאָרגעקומען. ער האָט געשמועסט וועגן דער מו־מע עוואַ, וועלכע האָט זיך איצט געפינען ביים ים אויף קור, וועגן קאָניס פאָטער, וועלכער האָט אין לעצטן בריוו אָנגעפרעגט, צי קאָני וויל פאָרן קיין ווענעדיק מיט אים אין זיין לימוזינע, צי מיט הילדען אין צוג.

— איך וויל ליבערשט פאָרן מיט דער באַן, — האָט קאָני געזאָגט. — איך לייד נישט קיין ווייטע רייזעס אין אויטאָ. איבעריקנס, איך וואַרט אויף אַ בריוו פון הילדען.

— הילדאַ וועט געוויס אויך פאָרן נישט מיט דער באַן, נאָר מיט איר אויטאָ, — האָט קליפאָרד באַמערקט.

— אפשר!... אַ־דאָ מוז איך ווידער צוהעלפן שטופן, דער וועג גייט דאָ ווידער באַרג־אַרויף. דו ווייסט גאָרנישט, ווי שווער דערדאָזיקער פאָטעל איז.

זי האָט זיך געשטעלט הינטערן וועגעלע און, אונטערשטופנ־דיק עס, געגאַנגען ביי מעלאָרס' זייט. נישט ווייט איז שוין גע־ווען די היים. זי איז געווען גלייכגילטיק צו דעם, ווי מענטשן וועלן קוקן אויף איר אין איצטיקן צושטאַנד.

— קאָני! — האָט זיך קליפאָרד אָנגערופן. — לאָז אָפּ און רוף אַהער אַ צווייטן באַדינער.

— עס לוינט שוין נישט, — האָט זי געענטפערט מיט שאַדנ־פרייד, כאָטש פון גרויס אָשטרענגונג האָבן ביידע, זי און מעלאָרס, שווער געאָטעמט און זיך באַגאָסן מיט שווייס.

ענדלעך זענען זיי אָנגעקומען צום הויז. אַ וווּנדערלעך גע־פיל האָט קאָנין באַהערשט: עס איז פאַר איר געווען קלאָר, אַז די בשותפותדיקע האָרעוואַניע האָט זיי אַ סך מער דערנענטערט צו זיך, ווי זיי זענען געווען ביז איצט.

— איך דאַנק אייך זייער, מעלאָרס, — האָט קליפאָרד גע־זאָגט, ווען זיי האָבן זיך שוין געפונען פאַרן הויז. — איך מוז

מיר איינשאפן אן אנדערע מאשין, וואס זאל זיין טויגלעכער. גייט אריין אין קיך, וועט מען אייך דארט געבן צו עסן. עס איז שוין, דאכט זיך, מיטאג־צייט.

— א דאנק, סער קליפארד. איך גיי טאקע צו מיין מוטער אויף מיטאג.

— ווי איר ווילט.

מעלארס האט ארויפגעצויגן אויף זיך דאס רעקל, געווארפן א בליק אויף קאנין, זיך פארנייגט און נעלם געווארן. קאני איז אין צארן אוועק צו זיך אין צימער.

בשעתן מיטאג האט זי זיך אבער נישט געקאנט באהערשן:

— פארוואס האסטו אזא עקלדיקע האלטונג צו מענטשן?

— צו וועמען?

— צום וואלד־אויפזעער, א שטייגער! אויב דאס הייסט ביי דיר הערשנדיקער קלאס, דארף מען דיך פשוט באדויערן.

— פארוואס?

— א מענטש איז דורכגעקומען א שווערע קרענק, ער האט נאך קיין כוח נישט! אויף מיין ערנווארט! ווען איך געהער אזוי צום באדינענדיקן קלאס, וואלט איך דיר געגעבן צו שמעקן! וואלסט לאנג געדארט ווארטן, איך זאל אזא איינעם ווי דו באדינען!

— איך גלייב עס דיר.

— ווען ער זאל זיצן אזוי אין וועגעלע מיט פאראליזירטע פיס, ווען ער זאל דערביי אזוי האלטן זיך ווי דו, ווי אזוי וואלסט דו געהאנדלט קעגן אים?

— ליבע עוואנגעליסטין, דאס פארטוישן די יוצרות זאגט עדות, אז דיין געשמאק איז פארדארבן.

— א! דו מיט דיין עקלדיקער, פוסטער באציונג צו אל־

געמיין־מענטשלעכע געפילן, דו ווייסט, וואָס עס הייסט גע־שמאַק! אַ חרפה צו געהערן צו דיינע איידל־לייט, צו דיין הער־שער־קלאַס!

— וואָס איז די חרפה? איך בין מחויב צו האָבן באַזונ־דערס־איידעלע געפילן צו מיין וואַלד־וועכטער? איך דאַנק דיר דערפאַר. דידאַזיקע געפילן לאָז איך איבער פאַר דיר, מיין ליבע וואַנגעליסטין.

— דו רעדסט אַזוי, גלייך ווי ער וואָלט נישט געווען קיין מענטש, ווי דו!

— ער איז אַ חוץ דעם אָבער מיין וואַלד־וועכטער, וועמען איך צאָל צוויי פונט וועכנטלעך און גיב אים אַן אומזיסטע דירה.

— דו צאָלסט אים! ווי מיינסטו, פאַרוואָס גיסטו אים די צוויי פונט און די אומזיסטע דירה?

— פאַר זיין דינסט.

— אַזוי! און איך, זעסטו, וואָלט אַזאַ ווי דו מוחל געווען אי די צוויי פונט, אי די אומזיסטע דירה.

— איך גלייב דיר, ער וואָלט אפשר אויך אַזוי געהאַנדלט, ער קאָן זיך אָבער נישט דערלויבן אַזאַ לוקסוס!

— כאַ־כאַ! אַ הערשער! זעט נאָר דעם הערשער! — האָט קאָני אויסגערופן. — אַן איינרעדעניש — ער הערשט! דו פאַר־מאָגסט עטוואָס מער געלט, ווי דו דאַרפסט האָבן, צווינגסטו יע־נעם צו אַרבעטן אויף דיר פאַר צוויי פונט אַ וואָך, אַז נישט — דראָסטו זיי מיט הונגער. הערשער! וואָס פאַר אַ הערשער ביסטו? איינגעקוואַרט ביסטו און אויסגעטרוקנט ווי אַ מומיע! דו פראָ־וועסט טיראַנישע שטיק דורך דיין געלט, ווי דער ערשטער בעס־טער פראָצענטניק!

— זייער עלעגאַנט דריקט איר זיך אויס, ליידי טשאַ־טערליי!

— איך קאָן דיר פאַרזיכערן, אַז דו האָסט זיך זייער עלע־גאַנט געהאַלטן דאָרט אין וואַלד די גאַנצע צייט. אַ חרפּה איז מיר געוועזן פאַר דיר. מיין פאָטער האָט צענפאַכיק מער מענטש־לעכע האַלטונג ווי דו, ד ז ש ע נ ט ל מ ע ן!

קליפאָרד האָט אויסגעשטרעקט די האַנט און אָנגעקלונגען צו פּרוי באָלטאָן. אינגאַנצן איז ער בשעת מעשה געוואָרן געל.

קאָני איז אַרויף צו זיך אין צימער אַ צערייצטע. זי האָט געטראַכט:

„אויך אַ הערשער! אַ מענטשנקויפער! אַהאַ! מיך האָט ער אָבער נישט געקויפט, איך האָב נישט דעם מינדסטן גרונד דאָ מער צו פאַרבלייבן. אַ געפּגרטער פיש! אַ דזשענטלמען מיט אַ נשמה פון צעלולאָזע! אַך, ווי זיי קאָנען עס פאַנגען דעם מענטש מיט זייערע מאַניערן, מיט זייער צביעותדיקער אויסגעהאַלטנקייט, מיט זייער געמאַכטער גוטסקייט! זייערע געפילן זענען אויך פון צעלולאָזע".

זי האָט זיך אויסגעשטעלט אַ פּלאַן פון אירע ווייטערדיקע האַנדלונגען און באַשלאָסן זיך אַרויסצושלאָגן קליפאָרדן פון די געדאַנקען. זי וויל אים נישט זיין קיין שונא. אפילו קיין שונא נישט! קיין שום געפיל טאָר זי מיט אים נישט בינדן. זאָל ער וועגן איר גאָרנישט וויסן, קיין זאַך, בפרט וועגן אירע גע־פילן צו דעם וואַלד־אויפזעער. אַזעלכע קריגערייען צווישן זיי זענען קיין נייעס נישט געווען: קליפאָרד האָט געהאַלטן, אַז קאָני איז צו היימיש מיט דער דינערשאַפט, זי ווי־דער פלעגט אים פאָרוואַרפן טעמפּע, געפיללאָזע באַציִונג צו מענטשן.

צום אָוונט־עסן איז זי אַראָפּגעקומען פולשטענדיק רויִק, ווי עס וואָלט גאָרנישט געשען. קליפאָרד איז נאָך אַלץ געווען געל ווי פּריער. ער וועט געוויס באַקומען אַ גאַל־אַטאַק, ווי שטענדיק, ווען זיינע נערוון צעשפּילן זיך.

ער האָט געלייענט אַ פראַנצויזיש בוך.

— דו האָסט געלייענט פרוסטן? — האָט ער אַ פרעג געטון.

— כ'האָב שוין געפרוווט אַמאָל, ער לאַנגווײליקט מיך אָבער.

— זיינע ווערק זענען וווּנדערבאַר.

— גאַנץ מעגלעך, נאָר מיך נודען זיי. צופיל חכמה, צופיל סאָפיסטישער פילפול. ער האָט קיין געפיל נישט, בלויז אַ ים מיט רייד וועגן געפילן. איך קאָן נישט פאַרטראָגן די איבערגעטריבע־נע חכמות!

— וואָס דען געפעלט דיר? די בהמישע פונקציעס, וועלכע מ'נעמט צו ערנסט?

— מעגלעך. בכלל וואָלט מען געדאַרפט אויסגעפינען דעם סינטעז צווישן ליטעראַטור און ווירקלעכקייט.

— ביי פרוסטן געפעלט מיר דער עיקר די סובטעלקייט און דער אַריסטאָקראַטישער אַנאַרכיזם.

— ביידע מעלות, וועלכע טויטן אָפּ דעם ווירקלעכן, נאַ־טירלעכן מענטש.

— דאָס רעדט שוין ווידעראַמאָל פון דיר אַרויס די עוואַנ־געליסטין.

זיי זענען ווידער אַרויף אויף די שטרייט־פראַגן. זי האָט זיך אָבער נישט געקאָנט אָפּהאַלט פון קעמפן מיט אים. ער האָט אויסגעזען אין אירע אויגן ווי אַ מת, וועלכער שטראַלט אויס פון זיך אַזאַ אומהיימלעך־קאַלטע, שוידערלעכע, בית־עולמדיקע ווילנס־קראַפט, מיט וועלכער ער וויל זי אַרומנעמען און באַצוווינ־גען. ווי דערדאָזיקער פאַרפוילטער בר־מינן וואָלט זי אַרומגעשפּו־נען מיט קלעבעדיקע, עקלדיקע טויטן־פעדעם. זי האָט זיך צו־ביסלעך געשראָקן פאַר דער ווירקונג, וואָס ער האָט געהאַט אויף איר.

זי האָט זיך מיט כּוח אַוועקגעריסן פון דער דיסקוסיע מיט אים און שנעל אַוועק אַרויף צו זיך. זי האָט זיך אויסגעטון און געלייגט אין בעט אַריין. אָבער אַרום האַלב צען האָט זי זיך אויפגעהויבן, אַרויסגעגאַנגען שטיל אויפן קאָרידאָר און זיך גענומען צוהאָרכן. שטיל אַלץ, עס דערגרייכט נישט צו איר געהער דעם מינדסטער שאָרך. זי האָט אַרויפגעוואָרפן אויף זיך דעם שלאָפראָק און שנעל אַראָפּגעלאָפן פון די טרעפּ. קליפאָרד און פרוי באָלטאָן האָבן נאָך אַלץ געשפּילט אין קאָרטן. זיי וועלן מסתּם אַזוי אָפּשפּילן ביז האַלבער נאַכט.

קאָני איז צוריק אַרויף צו זיך אין צימער אַריין, אַראָפּגעוואָרפן די פּיזשאַמע, אָנגעטון אַ דין נאַכט־העמד, אויפן העמד אַ וואָלן קליידל, אויף די פיס טעניס־לאַטשן מיט גומענע זוילן און אַרויפגעוואָרפן אויף זיך אַ לייכט מאַנטל. זי איז געווען גרייט אַוועקצוגיין. ווען עס זאָל איר ווער אַקעגנקומען אין וועג, גייט זי אַרויס אויף אַ מינוטקעלע פאַר דער טיר. און טאָמער באַגעגנט זי ווער אינדערפרי, ווען זי ווערט צוריקגיין פון וואַלד, וועט זי האָבן אַן אויסרייד, אַז זי מאַכט אַ קליינעם פרימאָרגן־שפּאַציר פאַרן פרישטיק. איין געפאַר איז נאָר פאַרהאַן, אַז עמעץ וואָלט געקאָנט ביינאַכט אַריינגיין אין איר צימער און זען, אַז זי איז נישטאָ. דידאָזיקע וואַרשיינלעכקייט איז אָבער כּמעט אוממעגלעך.

דער טויער־היטער האָט נאָך דאָס טויער נישט צוגעשלאָסן, — צען אָוונט שליסט ער עס צו, זיבן אינדערפרי מאַכט ער עס אויף. זי האָט זיך אַרויסגעשלייכט שטיל, אומבאַמערקט. די האַלבע לבנה האָט גענוג העל געלויכטן, כּדי צו זען, וווּ מען גייט, אָבער ווייניק העל, כּדי צו לאָזן זי מערקן פון פרעמדע אויגן, בפרט אינעם טונקל־גרויען מאַנטל, אין וועלכן זי איז געווען איינגעהילט.

זי איז שנעל געגאַנגען דורכן פאַרק, אַן אויפגערודערטע,

נישט אַזוי פון דער פאַרשטייענדיקער באַגעגעניש מיטן גע־
ליבטן, ווי פון דער ביטערקייט, פונם בונט, פון דער רעוואָלט,
וועלכע האָבן צעשפּאַרט איר האַרץ. נישט אַזוי פילט מען
זיך, בשעת מען גייט אויף אַ ליבעס־צוזאַמענקום. דאָס איז
געווען גיכער דאָס גיין אויף אַ שלאַכט, דאָס גיין אויף מלחמה.

סוף פון צווייטן בוך

„יידישע אוניווערסאל־ביבליאטעק"

ליטעראַרישע לייטונג: שלמה שיינבערג

פ י נ פ ט ע ר י אָ ר ג א נ ג

וואַרשע 1939

לאָורענס

דער געליבטער פון ליידי טשאַטערליי

ראָמאַן

יידיש: אברהם צימערמאַן

דאָס דריטע בוך

יידישע אוניווערסאַל-ביבליאָטעק

1939 וואַרשע

Druk. „Grafia", Warszawa

קאַפּיטל XIV

ווען זי איז צוגעקומען צום טירל פון פּאַרק, האָט זי דער־הערט אַ סקריפּ פונם שלאָס. ער איז דאָרט דאָ, ער זעט זי!

— ביסט געקומען פרי, — האָט זיך דערהערט זיין קול פון דער פינסטערניש. — ווי איז עס דורכגעגאַנגען דיין פּליטה?

— אין דער בעסטער אָרדענונג.

ער האָט שטיל צוגעמאַכט הינטער איר דאָס טירל און באַ־לויכטן מיטן טאַשן־לעמפּל דעם וואַלדיקן וועג. ביים ליכט פון דעם לאַמטערל האָט מען געקאָנט באַמערקן קעמפּעס גרויסע ווייסע בלומען, וועלכע האָבן די בעכערלעך נאָך נישט פאַרמאַכט, כאָטש ס'איז שוין געווען נאַכט. זיי זענען געגאַנגען אָפּגעזונדערט און געשוויגן.

— ווי פילסטו דיך? האָסט דיר טאַקע גאָרנישט געטון מיטן שלעפּן דאָס וועגעלע? — האָט קאָני געפרעגט.

— גאָרנישט! גאָרנישט!

— די לונגען־אָנטצינדונג האָט דיך שטאַרק רואינירט?

— ע! נאַרישקייטן! אַ ביסל איז מיר איבערגעבליבן אַ שוואַנק אויפן האַרץ, אָבער אויף די לונגען בין איך פולקאָם געזונט.

— דו טאָרסט נישט נעמען אויף זיך קיין שווערע אַרבעט.

— אוודאי.

זי איז געגאַנגען ווייטער אין בייז געשוויגן.

— דו האָסט דאָך קליפּאָרדן, אמת? — האָט זי ענדלעך אַרויסגערעדט.

— האָסן? אָך, ניין! איך קען אַ סך אַזעלכע ווי ער. איך האָס זיי נישט, איך קאָן זיי נאָר נישט פאַרטראָגן, די נעבעכלעך!

— קליפאָרדן האָלטסטו פאַר אַ נעבעכל?

— ער איז אַ בייזוויליק נעבעכל! זיי אַלע, די אַלע הויכ־געשעצטע לייט, זיי זענען מערסטנטיילס נעבעכלעך, נאָר בייזוויליקע דערצו.

זי האָט פונדערווייטנס באַמערקט אַ פייערל און זיך אָפּגעשטעלט:

— וואָס איז דאָס? ווער איז ביי דיר דאָ אינדערהיים?

— קיינער נישט. איך לאָז שטענדיק איבער אינדערהיים אַ ברענענדיקן לאָמפּ.

זי איז ווייטער געגאַנגען, נישט דערנענטערנדיק זיך צו אים, בכלל האָט זי עפּעס איצט נאָכגעטראַכט, וואָס זי טוט דאָ איצט מיט דעם מענטש אין וואַלד!

זיי זענען אָנגעקומען צו זיין וווינונג, ער האָט אויפגעשלאָסן די טיר און זי אַריינגעלאָזט פאַראויס אין שטוב. ווי אין אַ תפיסה, איז קאָנין דורכגעפלויגן אַ געדאַנק. דער טשייניק אויף דער קיך האָט געסיקעט, אויפן טיש זענען געשטאַנען שאָלן און ס'איז געווען געגרייט צו טיי.

זי האָט זיך צוגעזעצט אויף אַ שטול ביים אויוון. אין שטוב איז געווען אַ ליבע וואַרעמקייט.

— איך וועל אויסטון די לאַטשן, זיי זענען דורכגענעצט אינגאַנצן, — האָט זי אַ זאָג געטון ווי צו זיך אַליין.

די פיס אין די בלויזע זאָקן האָט זי אָנגעשפּאַרט אין דער אויוון־רושטע. ער איז דערווייל אַריינגעגאַנגען אין קעמערל און געברענגט ברויט, פּוטער און געראויכערטן לעקער. זי האָט זיך אויפגעשטעלט, אויסגעטון דעם מאַנטל און אים אויפגעהאָנגען אויף דער טיר. עס איז איר געוואָרן הייס.

— וואָס ווילסטו, טיי, קאַקאַאָ, צי קאַווע? — האָט מעלאָרס געפרעגט.

— פּאַקטיש וויל איך גאָרנישט, — האָט קאָני געענטפערט, קוקנדיק אויפן טיש. — דו שטער דיר אָבער נישט, עס.

— איך בין נישט הונגעריק. דעם הונט, זעסטו, וועל אי יאָ אָנקאָרמען.

ער האָט געמאַכט עסן פאַרן הונט און עס אַוועקגעשטעל אויף דער פּאָדלאָגע אין אַ לײמענער שיסל. דער הונט האָט זי נישט צוגערירט צום עסן און געקוקט אויפן באַלעבאָס מיט אַ פּאַו ווירטן אויסדרוק.

— נאַ, נאַ, דיין ווערטשערע! וואָס מאַכסטו אַזאַ תמעוואַטע מינע? עס! עס! — האָט ער אונטערגעשטופּט דעם הונט צו דער שיסל.

מעלאָרס האָט זיך אַוועקגעזעצט אויף אַ שטול און גענו מען אַראָפּציִען די שטיוול פון די פיס. דער הונט האָט אַוועקגע־ דרייט די מאָרדע פון דער שיסל און צוגעגאַנגען צום באַלע־ באָס, אַוועקזעצנדיק זיך לעבן אים און קוקנדיק אויף אים אומ־ רויִק.

— וואָס איז מיט דיר? עס אַרט דיך דער גאַסט? און אפשר ביסטו אייפערזיכטיק? האַ? גיי, פרעס, פרעס דיין ווע־ טשערע!

ער האָט אַרויפגעלייגט די האַנט אויפן הונטס קאָפּ. דער הונט איז פּאַמעלעך צוריקגעגאַנגען און אַריינגעשטעקט די מאָרדע אין דער שיסל.

— ווי איך זע, האָסטו ליב הינט, — האָט קאָני באַ־ מערקט.

— נישט זייער. אַ באַשעפעניש אַ צו הכנעהדיקס און אַ צו געטרייעס.

ער האָט אָנגעהויבן אויסטון די שטיוול. קאָני האָט זיך אַרומגעקוקט איבער דער שטוב. ווי פּוסט דאָ איז און ווי טרויע־ ריק! איבערן טישל איז געהאַנגען אויף דער וואַנט אַ העסלעך־ פאַרגרעסערטע פאָטאָגראַפיע פון אַ יונג פּאָרפאָלק. דער מאַן אויפן בילד האָט געכאַפּט דאָס אָנבליק פון מעלאָרסן, די פרוי האָט געקוקט מיט צוויי פרעכע אויגן אין דער ראָם פּונם שיי־

נעם אָבער אויסגעלאָסן־אָפּשטויסנדיקן פּנים, — מסתּם איז זי דאָס ווייב זיינס.

— דאָס איז מסתּם דיין בילד? — האָט קאָני אָנגעוויזן אויף דער פאָטאָגראַפיע.

ער האָט אויסגעדרייט דעם קאָפּ און אַ קוק געטון צום בילד אויף דער וואַנט.

— נו, יאָ. די פאָטאָגראַפיע איז פון מיין חתונה, איך בין דעמאָלט אַלט געווען איינאונצוואַנציק יאָר.

און ווען ער האָט נישט אויפגעהערט צו קוקן, האָט זי אַ פרעג געטון:

— האָסט ליב די פאָטאָגראַפיע?

— וואָס? ליב? צו אַלדי שוואַרצע רוחות, איך קאָן זי נישט ליידן! דאָס האָט זי עס אַזוי אָנגעדרייט, אַז מיר זאָלן זיך מאַכן דידאָזיקע פאָטאָגראַפיע, — דאָס איז אירס אַ קונץ.

ער האָט זיך ווידער גענומען צו די שטיוול.

— האָסט נישט ליב די פאָטאָגראַפיע, צוואָס־זשע הענגט זי ביי דיר? אפשר וויל זי גאָר דיין ווייב האָבן ביי זיך?

ער האָט זי אָנגעקוקט און זיך צעשמייכלט:

— זי האָט מיר פאַרנומען פון שטוב אַלץ, וואָס האָט כאָטש אַ פּיצל ווערט, נאָר דאָסדאָזיקע חפץ האָט זי מיר איבערגעלאָזט.

— טאָ צוואָס־זשע האַלטסטו עס ביי דיר?

— איך ווייס? כ׳האָב גאָר פאַרגעסן, אַז עס הענגט דאָ. ווער קוקט דערויף? עס הענגט און הענגט, ווער האָט עס אין זינען?

ער האָט זיך ווידער אויסגעדרייט צום בילד. עס האָט געהאַט אַ ברוינע, פאַרגילדטע ראַם, אַ העסלעכע. דאָס בילד האָט פאַרגעשטעלט אַ גלאָט־אָרומגעראָזירטן, שיינעם מאַנספּערשוין, נאָך זייער אַ יונגן, און אַן עטוואָס דיקלעכע פרוי מיט פרעכע אויגן, געלאָקטע האָר און אַ טונקל־זיידענער בלוזקע.

— אַ פֿיין חפֿצל ? האַ ? איר אויפֿטו ! — האָט מעלאָרס אַ זאָג געטון.

ער האָט שוין געהאַט אויסגעטון די שטיוול און אַריין מיט די פֿיס אין שטעק־לאַטשן. ער האָט זיך געשטעלט אויף אַ שטול, אַראָפּגענומען די פֿאָטאָגראַפֿיע. אויף דער וואַנט איז געבליבן אַ העלערער, פּירקאַנטיקער פֿלעק.

— נישט כּדאַי אפֿילו אָפּצושטויבן, — האָט ער געזאָגט, אַוועקשטעלנדיק דאָס בילד ביי דער וואַנט אויף דער ערד.

ער איז אַוועק אין קעמערל און אַרויסגעקומען באַלד פֿון דאָרט מיט אַ העמערל און אַ צווענגל. ער האָט זיך צוריק אַוועקגעזעצט אויף דער שטול, ווו ער האָט נאָר־וואָס אויסגעטון די שטיוול, אַ נעם געטון די פֿאָטאָגראַפֿיע און אָנגעהויבן אַרויסשלעפּן מיטן צווענגל און העמערל די טשוועקלעך, וועלכע האָבן אויף דער צווייטער זייט פֿונעם בילד צוגעהאַלטן דעם טאָוול הינטער דער פֿאָטאָגראַפֿיע. ער האָט עס געטון מיט זיין געוויינלעכער שווייגעוודיקער עקשנות.

ווען די טשוועקלעך זענען אַרויסגענומען געוואָרן, האָט ער אַרויסגעדלובעט דעם טאָוול זייער ערנסט און געדולדיק, דערנאָך אַרויסגענומען די פֿאָטאָגראַפֿיע גופֿא, וועלכע איז געווען באַזונדער איינגעפּאַסט אין אַ שטאַרקן, ווייסן פּאַספּאַרטו. דאָ האָט ער אַ קוק געטון אויפֿן בילד מיט אַ קאָמישער ·רימאַסע :

— דאָסדאָזיקע בילד שטעלט פֿינקטלעך פֿאָר, וואָס איך בין ·עמאָלט געווען : אַ יונגער ראָצער, און זי — אויך, וואָס זי איז ·עווען : אַ מויד מיט פּאַמפּושקעס.

— לאָמיך אַ קוק טון, — האָט קאָני געבעטן.

ער האָט באמת אויסגעזען שיין אויפֿן בילד, גלאַטיק אויסגעראַזירט, בכלל האָט ער געמאַכט אויף דער פֿאָטאָגראַפֿיע זייער אַ גלאַטיקן איינדרוק, אַן עכטער טיפּ פֿון אַ פֿיינעם יונגנמאַן, נאָר אָן לעבן, אָן רייץ. די אויגן זיינע זענען אָבער אויך דאָ געווען דרייסטע, אומדערשראָקענע. אויך זי האָט נישט אויסגעזען אַזוי

וואלגאר, ווי ער האָט זי געשילדערט, כאָטש זי האָט געהאַט צו מגושמדיקע באַקנביינער. אַ געוויסע צוציִונגס־קראַפט האָט געשטעקט אין איר פרעכן בליק.

— אַזעלכע זאַכן דאַרף מען נישט האַלטן ביי זיך, — האָט קאָני באַמערקט.

— טאַקע ניין, ביסט גערעכט, מ׳דאַרף טאַקע נישט! מע דאַרף אַזעלכע מינים זאַכן בכלל אויף כפרות!

ער האָט אויף דער קני צעריסן די פאָטאָגראַפיע אינאיינעם מיטן פאַספאַרטו אויף פיץ־פיצלעך און אַריינגעוואָרפן אין פייער.

— עס וועט מיר דאָס פייער פאַראומרייניקן, — האָט ער זאָג געטון.

די שויב און דעם טאָוול האָט ער פאָרזיכטיק אַרויסגעטראָגן. די ראַם האָט ער צעהאַקט מיטן העמערל, דער גיפס איז זין שטיקלעכווייז צעפלויגן. ווען אַלץ איז געוואָרן צוגערוימט, האָט ער זיך צוריקגעזעצט צום טיש.

— דו האָסט אַמאָל ליב געהאַט די פרוי דיינע? — האָט אים קאָני געשטעלט אַ פראַגע.

— וואָס? צי כ׳האָב זי געליבט? און דו האָסט דעם פריינדנעם, קליפאָרדן, געליבט?

זי האָט זיך אָבער נישט געלאָזט אָפּפטרן מיט גאָר נישט.

— אָבער ליב געהאַט האָסטו זי?

— אַ פראַגע דאָס איז? — האָט ער זיך צעלאַכט.

— און אפשר האָסטו זי נאָך איצט ליב?

— איך? — ער האָט ברייט געעפנט די אויגן. — ניין ניין! אפילו דער געדאַנק וועגן איר איז מיר דערווידער! — האָט ער רויִק געענטפערט.

— פאַרוואָס?

ער האָט אומגעדולדיק אַוועקגעמאַכט מיט דער האַנט.

— פאַרוואָס־זשע גסטסו דיך נישט מיט איר? זי קאָן דאָך אַמאָל צוריקקומען צו דיר, — האָט קאָני געענטפערט.

ער האָט אויף איר געוואָרפן אַ דורכדרינגלעכן בליק.

— זי וועט זיך נישט דערנענטערן צו מיר אויף אַ מהלך פון אַ ביקסן־שאָס. זי האָט מיך נאָך מער פיינט, ווי איך זי.

— וועסט זען, זי וועט נאָך צוריקקומען.

— נאַרישקייטן, זי — נישט! אויסגעשלאָסן! צווישן אונז איז אַלץ געענדיקט. ס'שווידערט מיך אַזש, ווען ס'שטעלט זיך מיר פאָר, ווי זי קומט דאָ אַהער צו מיר!

— פונדעסטוועגן, זייט נישט אַזוי זיכער, — נישטאָ קיין זיכערע זאַכן! דו האָסט אפילו נישט באמת זיך געריכטלעך וועגן אַ גט?

— ניין!

— זעסטו שוין! אויב אַזוי וועט זי געוויס קומען צו דיר און דו וועסט קיין ברירה נישט האָבן, וועסט מוזן מיט איר ווינען צוזאַמען.

מעלאָרס האָט ווידער געוואָרפן זיין שאַרפן בליק אויף קאָנין.

— און אפשר ביסטו גערעכט. כ'האָט געטון אַ שטות, וואָס איך בין צוריקגעקומען אַהער. איך בין אָבער געווען צעבראָכן און געגאַרט נאָך רו, ווו דעם מידן קאָפּ אָנצושפּאַרן. אַ מאַנס־פּערשוין איז אַזאַ מין אומגליקלעך באַשעפעניש, וואָס יעדעס ווינטל האָט איבער אים שליטה און טרייבט אים, וווהין עס וויל. האָסט רעכט. איך וועל מיך באַמיִען זי אָפּצוגטן. באמת, בין איך אַ דם־שונא די אַלע זאַכן מיט די פאַרעניש און לאָדענישן, די באַאַמטע, קאָנצעלאַריעס, געריכטן. כ'וועל מיר אָבער אָנטון אַ כוח, כ'מוז פון איר פּטור ווערן אויף שטענדיק. מאָרגן גיב איך איין אַ ביטע וועגן אַ גט.

קאָני איז אינערלעך צופרידן געווען פון זיין פעסטן באַשלוס; פאַרוואָס זי איז אַזוי צופרידן געווען, האָט זי אַליין נישט געוווּסט.

— עס גלוסט זיך מיר טיי טרינקען, — האָט זי מודיע געווען.

מעלאָרס האָט זיך אויפגעהויבן פון אָרט צו דערלאַנגען טיי. זיין פּנים איז געבליבן אומדורכדרינגלעך.

ווען זיי האָבן זיך ביידע געזעצט צום טיש, האָט קאָני געפרעגט:

— פאַרוואָס האָסטו מיט איר חתונה געהאַט? זי איז דאָך געשטאַנען נידעריקער פון דיר. פרוי באָלטאָן האָט מיר דערציילט וועגן איר. זי, די פרוי באָלטאָן, קאָן נאָך ביז היינט נישט באַגרייפן, װאָס מיט דיר האָט זיך געטון, פאַרוואָס דו האָסט מיט איר חתונה געהאַט.

מעלאָרס האָט אַ ווײַלע געטראַכט און ענדלעך אַרויסגערעדט:

— כ'וועל מיך באַמיען דיר אַלץ איבערצוגעבן. איך בין אַלט געווען אַ יאָר זעכצן, ווען איך האָב געהאַט צו טון מיטן ערשטן מיידל. זי איז געווען אַ לערערס אַ טאָכטער, אַ שיין מיידל אַפילו. איך האָב געהאַט אַ שם פון אַ לייטישן בחור נאָך פון דער דער שעפילדער גימנאַזיע. איך האָב געקאָנט צוביסלעך פראַנצויזישע און דייטש, די נאָז האָב איך אַלנפאַלס פאַררייסן זייער הויך. זי, דאָס מיידל מיינס, איז געווען ראָמאַנטיש געשטימט, זי האָט פיינט געהאַט וואולגאַריטעט. זי האָט דערוועקט אין מיר די תשוקה צו פּאָעזיע און בכלל צו ליטעראַטור. אונטער איר השפּעה בין איך אוי געוואָרן אַ שטיקל מאַנספּערשוין. איך האָב געלייענט, געטראַכט, געטרוימט מיט איר און פאַר איר. אין קורצן האָב איך באַקומען אַ פּאָסטן אַלס ביוראַליסט. איך בין צו יענער צייט געווען אַן אויסגעבלייכט, אויסגעמאָגערט בחור מיט אַ קאָפּ פול מיט ביכער. מיר ביידע, איך און זי, פלעג שמועסן וועגן אַלץ, ממש וועגן אַלץ. אין אַזעלכע שמועסן פלעגן מיר פאַרפאָרן קיין פּערספּאָליס, קיין טימבוקטו. איך גלייב, אַז קיין ליטעראַריש מער געשטימטע פּאָר ווי מיר ביידע איז אוממעגלעך געווען צו געפינען אין גאַנץ ענגלאַנד. איך האָב געלעבט אין פסדרדיקן עקסטאַז.

איך בין פּשוט געווען אין זיבעטן הימל פון מיין מיידל. זי האָט מיך אויך פאַרגעטערט. אָבער דער נחש הקדמוני — די געשלעכט־לעכע תאווה — האָט געלויערט אויף מיר. דאָס אומגליק איז גע־ווען, וואָס מיין געליבטע האָט אינגאַנצן קיין סעקסועלע תשוקה נישט פאַרמאָגט, יעדנפאַלס — נישט דאָרט, ווו אַזאַ תשוקה דאַרף זיך געפינען. איך בין געוואָרן וואָס אַמאָל אויסגעדאַרטער, וואָס אַמאָל צעחושטער. איינמאָל האָב איך איר דערקלערט, אַז אַ סוף — לאָמיר לעבן ווי מאַן און ווייב. קוים מיט צרות איז מיר גע־לונגען זי איבערצורעדן. זי איז איינגעגאַנגען דערויף. איך האָב געפיבערט, געברענט, געפלאַקערט — ווי געווײנלעך אַ יונגערמאַן מיט בלוט — זי אָבער האָט עס פּשוט נישט געדאַרפט. זי האָט נישט פאַרשטאַנען, צוואָס מ'דאַרף דאָס, נישט געפילט אין דעם קיין שום טעם. זי האָט מיך געליבט, פאַרגעטערט, זי האָט ליב געהאַט צו זיצן מיט מיר, שפּאַצירן מיט מיר, שמועסן מיט מיר, קושן זיך מיט מיר. אויף אַזאַ אַרט האָט זי זיך געוואָלט ליבן מיט מיר — מער נישט. יענץ איז איבעריק. לחלוטין איבעריק און אומ־פאַרשטענדלעך. דערדאָזיקער צולאָג צו דער ליבע האָט זי שאָ־קירט און געבראַכט יעדעסמאָל אין געוואַלטיקער פאַרלעגנהייט. לאַך נישט, אַזעלכע פרויען זענען פאַראַן אַ סך, זייער אַ סך. איך בין אָבער געווען פּונקט דער היפּוך פון איר, יענץ איז ביי מיר געווען דער עיקר, — אָן דעמדאָזיקן האָב איך קיין ליבע נישט פאַרשטאַנען. דערדאָזיקער פּרט האָט ענדלעך צעשטערט אונ־זער ליבע. איך האָב ענדגילטיק איבערגעריסן מיט איר און אָנ־געקנופּט באַציִונגען מיט אַ צווייטער, אַ לערערין פון אַ פאָלקסשול. דיאָזיקע לערערין האָט נאָך פריער נעהאַט אַרויסגערופן אַן עפנט־לעכן סקאַנדאַל, זי האָט געלעבט מיט אַ פאַרהייראַטן מאַן, אַ טאַטן פון קליינע קינדער, און אים דערפירט כמעט ביז משוגעת. זי איז געווען אַ ווייבע, מיט אַ מילך־ווייסער הויט, בכלל אַ טיפּ פון אַ ווייכער פרוי, זי איז געווען עלטער פון מיר און געשפּילט פידל. אויסער דעם אַלעם איז זי געווען אַ טייוול. אין דער ליבע האָט זי ליב געהאַט אַלץ, אַ חוץ דעם עיקר, די געשלעכטס־באַציִונגען.

אַ צוגעלאָזענע, אַ צערטלענדיקע, האָט זי דעם מאַנספּערשוין זיך באַמיט צופרידנצושטעלן אויף אַלע אופנים. אָבער ווען זי פלעגט געצווינגען ווערן צום געשלעכטלעכן אַקט, האָט זי ממש געקריצט מיט די ציין און געשפּיגן מיט שנאה. איך האָב זי באַצוואונגען און זי האָט מיך פּשוט פאַרשרפהט מיט איר האַס. ווידער האָב איך זיך אַנטוישט. נמאס איז מיר דאָס אַלץ געוואָרן. איך האָב געגאַרט נאָך אַזאַ פרוי, וואָס זאָל פילן אַ טעם אין געשלעכטס־אַקט און אים אַליין פאַרלאַנגען.

— נאָכדעם איז געקומען די ריי אויף בערטאַ קוטס, אַזוי הייסט דאָס ווייב מיינס. אונזערע עלטערן האָבן געוווינט בשכנות, איך האָב זי דעריבער געקענט פון קינדוווייז אָן. אַ קינד פון פּשוטע פאָלקס־מענטשן. בערטאַ איז צו יענער צייט געווען ערגעץ אַן אָנגעשטעלטע אין בירמינגאַם. זי האָט געזאָגט, אַז זי דינט אַלס גובערנאַנטקע ביי קינדער, מענטשנס מיילער האָבן אָבער געוווסט צו דערציילן, אַז זי איז דאָרט אַ קעלנערין אין אַ האָ־טעל, אָדער נאָך עפּעס ערגערס. אַזוי צי אַזוי, ווען כ׳האָב שוין יענעם מין פרויען געהאַט איבערגענוג, איז פּונקט צו יענער צייט מיר אונטערגעקומען בערטאַ מיט אירע גרויסשטאָטישע מאַניערן און פאָרנעמער האַלטונג, מיט איר עלעגאַנטער גאַרדעראָבע, פייער־שפּריצנדיקע אייגעלעך, אָנצוהערענישן און אָנדייטונגען, מיטן הויך פון עכטער, קערפּערלעכער ליידנשאַפטלעכקייט, וועלכע האָט זיך געטראָגן פון איר אויף אַ מייל. איך בין דעמאָלט געווען זייער מרה־שחורהדיק געשטימט. איך האָב אַזש אַוועקגעוואָרפן דאָס ביו־ראַליסטן־פאַך און זיך צוריק באַזעצט אין טיווערסהאָל. מיין פאָ־טער איז געווען אַ שמיד — בין איך אויך אַ שמיד געוואָרן. איך פלעג מיין פאָטער העלפן אין דער אַרבעט און געקענט די מלאכה. ליב געהאַט דאָס פאַך האָב איך, מיין טרוים איז געווען שטענדיק צו זיין פאַרנומען מיט פערד — איך האָב זייער ליב דאָסדאָזיקע איידעלע באַשעפעניש — אַ שמיד האָט כמעט שטענדיק צו טון מיט פערד. איך האָב אויפגעהערט צו רעדן ליטעראַריש און אָנגעהויבן ווי אַלע פּשוטע דאָרפסלייט רעדן אויף אַ פויערישן דיאַלעקט. איני־

דערהײם פלעג איך לײענען, אַ סך לײענען, אָבער מײן באַשעפטי־קונג האָט אויף מיר געלײגט איר חותם. איך בין געוואָרן אַ שמיד װי אַלע שמידן. מײן פאָטער האָט מיר איבערגעלאָזט בירושה אַן אײנגעאָרדנטן װאַרשטאַט און דרײהונדערט פונט באַרעס געלט. אַלזאָ, האָב איך מיך פאַרבונדן מיט בערטען און איך בין פון איר צופרידן געװען, דער עיקר — פון איר װולגאַרקײט. איך בין, נאָך יענע צװײ געליבטע, להוט געװען נאָך אַזאַ מין פּראָסטער פרױ. איך האָב זיך אַלײן באַמיט צו זײן אַזױ װולגאַר װי זי. איך האָב מיט איר חתונה געהאַט און זי איז געװען אַ נישקשהדיק װײב פאַר מיר. יענע פרױען זענען געװען צו „אײדל", צו „אידעאַל". זײ האָבן מיך שיער נישט געמאַכט פאַר אױס מאַנספּערשױן. אין דערדאָזיקער הינזיכט איז בערטען נישט געװען גאָרנישט פאַרצו־װאַרפן. זי האָט געגאַרט נאָר צום בעט, זי האָט נאָר פאַרלאַנגט יענץ און דערצו פּראָסט־פּשוט, אָן צערעמאָניעס. איך װידער האָב מיך געפרײט, װי מיט עפּעס אַזױנס, װאָס איך האָב ביז איצט נישט באַגעגנט. איך האָב דאָך צו דעם געשטרעבט: אַ פרױ, װעל־כע איז אומגעזעטיקט סעקסועל און װעלכע װײסט נישט פון קײן שום אַנדערער ליבע, אױסער בעט־ליבע. און איך האָב זי אין אַ געװנוגנדיקער מאָס צופרידנגעשטעלט. דאַכט זיך, אַז צוביסלעך האָט זי מיך דערפאַר גרינגגעשעצט, װאָס איך האָב אַזאַ הנאה פון דעמ־דאָזיקן און װאָס איך פלעג איר צײטנװײז אפילו דערלאַנגען דאָס פרישטיק אין בעט אַרײַן. זי האָט ביסלעכװײז אָנגעהױבן פאַרנאַכ־לעסיקן די שטוב, נישט צוגרײטן אפילו קײן עסן. װען איך פלעג קומען אַהײם פון דער אַרבעט, און אַז איך האָב איר געװאָלט מאַכן אַ פאָרװורף, פלעגט זי זײער אָפט אַרױספאָרן אויף מיר מיטן פּיסק. נו, האָב איך אױך איר אָנגעהױבן אָפּענטפערן מיט גע־שרײען און קללות. זי װאַרפט מיר אַ טעלער אין קאָפּ אַרײַן, כאַפּ איך זי אָן ביים קאַרק, אַז זי פלעגט שיער נישט דערשטיקט װערן. אַזעלכע מעשיות האָבן זיך בײ אונז אָנגעהױבן! זי האָט מיך גע־נומען באַהאַנדלען װאָס אַמאָל פּרעכער און העזהדיקער, ס'איז דערגאַנגען אַזױ װײט, אַז װען איך האָב געװאָלט שלאָפן מיט איר,

האָט זי נישט געוואָלט, קיינמאָל נישט! זי פלעגט מיך כסדר אָפּ־שטויסן פון זיך אַזוי ברוטאַל, אַז דו קאָנסט עס דיר גאָרנישט פאָר־שטעלן. און ווען איך האָב ענדלעך אַ שפּיי געטון און זי געלאָזט צורו, פלעגט זי אָנהייבן זיך חנדלען צו מיר און מאַכן זיסע מי־נעלעך, און דערמיט האָט זי מיך געצוימען, נישט ווען איך האָב געוואָלט, נאָר ווען איר פלעגט איינפאַלן. איך בין געוואָרן איר שפּילעכל, איר הינטל. ווען זי האָט נאָר אַ פייף געטון, פלעג איך קומען צו לויפן מיט אַן אַרויסגעשטעקטער צונג אויף אירע סעק־סועלע באַפעלן. ענדלעך האָב איך מיך אַרומגעזען: עס איז שוין נישט מעגלעך איבערצוהאַלטן דעמדאָזיקן צושטאַנד. מיר האָבן אָפּגעזונדערט אונזערע בעטן און געשלאָפן באַזונדער. אָנגעהויבן האָט זי דעמדאָזיקן רוגז, זי האָט די ערשטע געפאָדערט אַ באַ־זונדער שלאָף־חדר. עס איז אָבער געקומען אַ צייט, ווען זי איז צו מיר געקראָכן אין בעט אַריין און איך האָב זי אַרויסגעטריבן. אַן עק זאָל עס נעמען, האָב איך זיך געטראַכט.

— איך האָב זי אָנגעהויבן צו האַסן, אָבער נאָך מער ווי איך זי, האָט זי מיך פיינט געהאַט. ממש אַ דם־שונא איז זי מיר געווען, ביז זי האָט געבוירן דאָס קינד. מיר שיינט, אַז צו־להכעיס מיר, אויס שנאה צו מיר האָט זי דאָס קינד געבוירן. אַלנפאַלס, פון זינט דאָס קינד איז געבוירן געוואָרן, האָב איך זי אָפּגעלאָזט. באַלד דערנאָך איז אויסגעבראָכן די מלחמה און איך האָב זיך אָנגעגעבן אַלס פרייוויליקער. צוריקגעקומען אַהיים בין איך ערשט דעמאָלט, ווען איך בין געוויר געוואָרן, אַז זי לעבט מיט אַ צווייטן.

ער איז אַנטשוויגן געוואָרן. זיין פּנים איז געווען בלייך ווי די וואַנט.

— ווער איז ער, דיין ווייבס געליבטער? — האָט קאָני געפרעגט.

— אַ געזונטער, הויכער יאָלד מיט אַ קינדערישן מוח. אַ שטיק אידיאָט. בערטאַ פּירט אים ביים שטריקל. ביידע מאַכן די פּוסה, דאָס איז אַלץ.

— אָ, איך פאַרשטיי שוין, וואָס פאַר אַן אומגליק עס וואָלט געווען, ווען זי טשעפּעט זיך צוריק אָן אין דיר!

— אוודאי אַן אומגליק, — האָט מעלאָרס מעלאַנכאָליש געענטפערט. — איך וואָלט געמוזט עוקר זיין פונדאַנען.

עס איז אַנטשטאַנען אַ פיינלעכע פויזע. פון דער פאָטאָגראַפיע איז געבליבן אין אויוון אַ ביסל גרוי אַש.

— הייסט עס, ווען דו האָסט שוין ענדלעך געפּאַקט אַ פרוי לויט דיין געשמאַק, — האָט קאָני זיך אָנגערופן, — האָסטו זיך צופיל איבערגעגעסן מיט דעם מאכל?

— עס ווייזט אַזוי אויס. נאָר גלייב מיר, אַז זי איז שוין גלייכער ווי יענער סאָרט פרויען, אַזוי ווי מיין ערשטע ווייסע ליליע און די אַנדערע, די פאַרסמטע מילך־רויז, וואָס האָבן ביידע נישט צוגעלאָזט צו זיך, אָדער ווי אַ סך אַנדערע.

— וועלכע אַנדערע? דערציילט מיר עפּעס וועגן די אַנדערע! — האָט קאָני געבעטן.

— אַנדערע? איך האָב מער קיין אַנדערע נישט געהאַט! נאָר סתם אַזוי, לויט מיין מיינונג, זענען ס'רוב פרויען אַזעלכע: זיי ווילן, זיי גאַרן צום מאַנספּערשוין, אָבער קיין געשלעכטלעכע באַציִונגען דאַרפן זיי נישט, ווילן זיי נישט. פאַר זיי איז גענוג אַ ריר, אַ גלעט, אַ קוש, העכטנס אַ טאַפּ אויף אַ נישט־אָנשטענדיק אָרט, ווי זיי רופן דאָס. די פּשוטערע פרויען פון דעמדאָזיקן מין ליגן צעלייגט ווי די קלעצער און זאָל זיך דער מאַנספּערשוין טון מיט זיי, וואָס ער וויל. זיי האָבן צו אים דערפאַר קיין טענות נישט, אדרבא, זיי זענען נאָכדעם נאָך מער פאַרליבט אין אים. אָבער דאָס געשעפט גופא אינטערעסירט זיי לגמרי נישט, עס עקלט זיי אפילו צוביסלעך. דו ווייסט, עס זענען פאַראַן אַ סך מענער, וואָס האָבן אַזעלכע אפילו ליב. איך קאָן עס אָבער נישט פאַרטראָגן. דורכגעטריבענע נקבות זענען פאַראַן, וועלכע קאָנען מאַכן דעם אָנשטעל, זיי גופא זענען קאַלט ווי אייז, אָבער ס'קאָן זיך דאַכטן, אַז זיי ברענען ווי פייער. דאָס איז אָבער נישט מער ווי פוסטער אָנשטעל, עס עקלט מיך פון אים נאָך מער. איך בין

אַ מבין אויף די געגנאַרטע קונצשטיקלעך. יאָ, ס׳איז פֿאַרהאַן נאָך אַ סאָרט פֿרויען, וועלכע האָבן אַלץ ליב, דעם אָנהייב, דעם שפּיל, די תּאווה, דעם אַקט און דעם פֿינאַל פֿון אַקט, אַלץ האָבן זיי ליב, אָבער נישט דאָס נאַטירלעכע, נאָר דאָס געקינצלטע. זיי האָבן ליב געמאַכטע אויפֿרייצונג, געמאַכטע תּאווה, געמאַכטן אָרגאַזם, קוים קומט ער אָבער פּשוט, אויפֿן נאַטירלעכן וועג — באַפֿרידיקט ער זיי נישט. וואָס זאָל איך דיר זאָגן, — איך קען מיך אויף די אַלע זאַכן און איך האָב אָפּגעמאַכט ביי מיר, אַז אַן עק, מער וויל איך מיט פֿרויען נישט האָבן צו טון.

ווידער האָבן ביידע אָפּגעשוויגן אַ שטיקל צייט.

— און ווען איך בין געקומען, ביסטו געווען שטאַרק אומ־צופֿרידן? יאָ? — האָט קאָני ענדלעך געפֿרעגט.

— אוודאי בין איך געווען אומצופֿרידן, אָבער גלייכצייטיק האָב איך הנאה געהאַט.

— און איצט?

— איצט פֿיל איך מיך דערשלאָגן. איך פֿיל שוין פֿאַר־אויס, וואָס פֿאַר אַן אומאָנגענעמלעכקייטן, רכילות, מיאוסע ריי־דעלעך, קאָמפּליקאַציעס, קאָפּ־דרייעניש און האַרץ־ווייטיק עס וועט דערפֿון אַרויסקומען. ווען איך רעכן זיך איבער, אַז דאָס מוז קומען, ווערט מיר זייער פּאַסקודנע אויפֿן האַרץ. אָבער דאָס בלוט צעקאָכט זיך ביי מיר, דעמאָלט, מוז איך דיר זאָגן דעם אמת, בין איך ממש גליקלעך. איך פֿיל מיך אפֿילו שטאָלץ. איך בין שוין כּמעט פֿאַרשימלט געוואָרן, כ׳האָב זיך שוין כּמעט מיאש געווען פֿון דער וועלט. כ׳האָב געגלייבט — נישטאָ מער קיין אמתער סעקסואַליזם, נישטאָ מער קיין פֿרוי, וואָס זאָל אויף אַ נאַטירלעכן אופֿן איבערלעבן דאָסדאָזיקע מיט אַ מאַנספּער־שוין, — אויסער די שוואַרצע פֿרויען. אָבער מיר זענען דאָך שליסלעך ווייסע מענער און זיי זענען דאָך עטוואָס עגלעך צו קויט.

— און איצט? איצט ביסטו צופֿרידן מיט מיר?

— יאָ! ווען איך פֿאַרגעס מיך לעבן דיר, ווען איך פֿאַר־

געס דאָס איבעריקע. ווען איך דערמאַן מיך אָבער אַלץ, וואָס אונז דערוואַרט, בין איך גרייט זיך צו באַהאַלטן אונטערן טיש און אפילו דאָרט שטאַרבן.

— פאַרוואָס גראָד אונטערן טיש?

— פאַרוואָס? — האָט ער זיך צעלאַכט. — באַהאַלטן זיך ווי אַ קליין קינד.

— דו האָסט, ווייזט אויס, ווייניק גליק געזאָגט מיט דיינע פרויען! — האָט קאָני באַמערקט.

— זעסטו, מיין אומגליק איז, וואָס איך קאָן מיך אַליין נישט נאַרן. ס׳רוב מענער נאַרן זיך אַליין און זענען ווי נישט איז צופרידן. זיי זענען צופרידן פונם שקר, וואָס זיי באַשאַפן פאַר זיך אַליין. איך קאָן נישט לעבן אין דער אַטמאָספער פון שקר. איך האָב קלאָר געוווסט, וואָס מיך דערוואַרט פונם צוזאַמענלעבן מיט אַ פרוי און כ׳האָב זיך קיינמאָל נישט געקאָנט איינרעדן, אַז איך האָב דעם ציל דערגרייכט, אויב עס איז אַזוי נישט געווען.

— און איצט האָסטו דערגרייכט?

— דאַכט זיך, אַז יאָ.

— פאַרוואָס־זשע ביסטו אַזוי בלייך, מרה־שחורהדיק?

— איך בין אָנגעשוואָלן מיט דערינערונג פון מיין פּראַקטיק, און אפשר איז דאָס די מורא פאַר זיך אַליין.

קאָני איז געזעסן שווייגנדיק. עס איז געוואָרן שפּעט.

— וואָס מאַכסטו פון דעם אַזאַ ווען? אַזאַ וויכטיקע זאַך איז ביי דיר דער מאַן־און־ווייב־שפּיל? — האָט זי אים ענדלעך געפרעגט.

— פאַר מיר — יאָ. פאַר מיר איז די באַציִונג צווישן מאַן און פרוי דער הויט־השדרה פונם לעבן. אַז די דאָזיקע באַציִונג איז עכט, נישט געפעלשט — איז דאָס גאַנצע לעבן אַ וויכטיקס און ווירדיקס.

— און אויב דו וועסט דאָס נישט דערגרייכן?

— פאַרפאַלן, וועל איך נאָכן איצטיקן מאָל רעזיגנירן אינ־גאַנצן.

קאָני האָט זיך גוט איבערגעלייגט, איידער זי האָט גע־שטעלט די פראַגע:

— און אפשר ביסטו אַליין אויך שולדיק?

— מעגלעך. אפשר בין איך אויך שולדיק. פון מיין ווייב האָב איך געמאַכט אַזעלכע, ווי זי איז איצט: אפשר בין איך גאָר דער עיקר שולדיק. איך האָב זי צופיל צעבאַלעוועט. חוץ דעם, בין איך שטענדיק פול מיט חשד. דערויף מוזסטו אויך זיין צוגעגרייט. איך דאַרף צופיל ליבן, כדי צופיל צו געטרויען.

קאָני האָט געוואָרפן אויף אים אַ זייטיקן בליק.

— קערפערלעך ביסטו גאָרנישט אַזוי אומצוטרוילעך, — האָט זי אַ זאָג געטון. ווען עס צעשפּילט זיך אין דיר די תאווה, ביס־טו פול מיט צוטרוי.

— אַזוי איז עס, צום באַדויערן! צוליב דעם זענען טאַקע געקומען אויף מיר די אַלע צרות. קערפערלעך בין איך שוין צו־פיל צוטרוילעך, דערפאַר בין איך גייסטיק פול מיט חשדים.

— זאָל זיין אַזוי, וואָס אַרט ער דיך.

דער הונט האָט אַרויסגעלאָזט אַ זיפץ, ליגנדיק אויסגע־צויגן אויפן דיוואַנדל. אַ גרוי אַש האָט פאַרצויגן די קוילן אינם אויוון.

—ביידע זענען מיר אַ וועטעראַנען־פאָר, — האָט קאָני באַמערקט.

— אַזוי, ביסטו אויך אַ וועטעראַן! — האָט זיך מעלאָרס צעלאַכט. — און איצט טרעטן מיר ווידער אַריין אין שלאַכט.

— אַזוי איז עס. און אַ ביסל מורא האָב איך אויך.

— זעסטו שוין!

ער האָט זיך אויפגעשטעלט, אַנידערגעשטעלט אירע לאַטשן ביים אויוון צום אויסטרוקענען. זיינע שטיוול האָט ער אָפגעווישט און אַוועקגעשטעלט לעבן אירע פאַנטאָפל. דערנאָך האָט ער

מיטן שאַר-אייזן אַוועקגעשאַרט דאָס אַש פון דער פאַרברענטער פאָטאָגראַפיע.

— די שיריים פון דער מיאוסער פאָטאָגראַפיע זענען נאָך אַלץ עקלהאַפט, — האָט ער מיט טיפן ערנסט אַרויסגערעדט.

ער האָט גענומען צעשפּאַלטן דינע, טרוקענע קינדלעך אויף מאָרגן צום דערברענען. דערנאָך איז ער אויף אַ ווײַלע אַרויס פון שטוב צוזאַמען מיטן הונט.

ווען ער איז צוריק אַרײַנגעקומען, האָט קאָני זיך אָנ-גערופן:

— איך וויל אויך אויף אַ מינוט אַרויסגיין אויף דער לופט.

זי איז אַרויס אין דער חשכות פון דער נאַכט. די שטערן האָבן שטיל געטראַכט. זי האָט דערשפּירט דעם שאַרפן בײַנאַכטיקן ריח פון וואַלד און געפילט, ווי די לאַטשן אירע זענען שוין פיטש-נאַס. זי האָט אָבער חשק געהאַט צו גיין אַזוי און גיין אַוועק פון אים און פון אַלעמען.

אַ שאַרפער צפון-ווינט האָט אויפגעשווידערט אירע גלידער. די קעלט האָט זי צוריקגעבראַכט צו דער ווירקלעכקייט. זי איז צוריק אַרײַן אין שטוב. מעלאָרס איז געזעסן בײַם אויסגעלאָשע-נעם אויוון.

— אוף! קאַלט! — האָט קאָני זיך אויפגעטרייסלט.

מעלאָרס האָט צוגעוואָרפן טרוקענע צווייגלעך, ביסלעכווייז האָט זיך דאָס פייער דערכאַפּט. באַלד האָט עס פריילעך געהו-דזשעט. די געלע פייער-צינגלעך האָבן אויסגעלייטערט ביידנס געמיטער. זיי זענען געוואָרן פריילעכער, האַרציקער.

— נעם דיך נישט צופיל איבער, — האָט קאָני אַ זאָג גע-טון, צוגייענדיק צו אים און אָננעמענדיק אים בײַ דער האַנט. — ווי עס גייט, גייט עס.

— נו, זאָל זיין אַזוי, — האָט ער געשמייכלט.

קאָני האָט זיך צו אים צוגערוקט און זיך אײַנגעטוליעט אין אים. ביידע זענען באַלויכטן געווען פון די לוסטיקע פייער-צינגלעך.

— פֿאַרגעס יענץ, — האָט זי אים איינגערוימט, — פֿאַרגעס.

ער האָט זי פֿעסט צוגעדריקט צו זיך. זיין אינערלעכער זעלבסטגעפֿיל איז אין דעם מאָמענט געווען די פֿאַרגעסונג אַליין. דערצו איר ווייכער, הייסער, צייטיקער קערפּער! באַלד האָט זיין בלוט אָנגעהויבן האַסטיקער קלאַפּן, שנעלער קרייזן אין די אָדערן.

— אפֿשר האָבן די פּרויען, מיט וועלכע דו האָסט פֿאַר־קערט, דיך באמת געוואָלט ליב האָבן, נאָר זיי האָבן נישט גע־ווּסט ווי אַזוי? אפֿשר איז זייער שולד נישט אַזוי גרויס, ווי דו מיינסט?

— געוויס ביסטו אויך גערעכט. דו מיינסט, איך ווייס נישט? דו מיינסט, אַז איך ווייס נישט, וואָס פֿאַר אַ נאַריש קאַלב מיט אַ צעשמעטערטן חוט־השדרה איך בין געווען?

זי האָט זיך פּלוצלינג נאָך פֿעסטער צוגעטוליעט צו אים. זי האָט גערן געוואָלט מער נישט רעדן וועגן דעם, אָבער אַ שטיקל האָט זי עפּעס געשטופּט ווי צו־להכעיס זיך אַליין יאָ צו רעדן.

— אָבער איצט ביסטו מער נישט אַזעלכער, ביסט שוין מער נישט, ווי דו זאָגסט עס, אַ נאַריש קאַלב מיט אַ צעשמע־טערטן חוט־השדרה!

— כ׳ווייס אַליין נישט, וואָס איך בין. איך ווייס נאָר, אַז ס׳וועלן אָנקומען שווערע טעג.

— ניין! — האָט זיך קאָני געוווּנדערט. — פֿאַרוואָס עפּעס שווערע טעג? פֿאַרוואָס?

— שווערע טעג קומען אויף אונז און בכלל אויף אַלע־מען, — האָט ער אַרויסגערעדט מיט אַ טאָן פֿון נבֿואה.

— עד נישט אַזוי! רעד נישט!

ער איז אַנטשוויגן געוואָרן. קאָני האָט געשפּירט אינערלעך זיין אָנגעצויגענעם נשמה־צושטאַנד. דאָס איז געווען אַזאַ שטימונג פֿון אינערלעכער אויסגעליידיקטקייט, אַ צושטאַנד פֿון פּוסטקייט, לערקייט פֿון האַרץ און פֿון געפֿילן; די פּוסטקייט, וועלכע לויערט

אין יעדן מאַן, ווי אַ הייל אַן אַן עק, אין וועלכער עס ווערט פאַר־
ווירט די נשמה זיינע.

— דיינע רייד וועגן געשלעכטס־פראַגן זענען אַזוי קאַלט, —
האָט קאָני אַרויסגעזאָגט אירע געפילן. — דו רעדסט אַזוי, ווי דו
וואָלסט נאָר געוואָלט זיך זעלבסט באַפרידיקן, דיר אַליין פאַרגע־
ניגן צו פאַרשאַפן.

איר גאַנץ וועזן האָט זיך געבונטעוועט קעגן אים.

— ניין, נישט אַזוי, — האָט ער דערווידערט. — איך וויל
געניסן באַפרידיקונג, פאַרגעניגן, אמת, אָבער איך האָב דאָס קיינ־
מאָל נישט געגאָסן, דווקא דערפאַר, ווייל מיין באַפרידיקונג, מיין
פאַרגעניגן קאָן איך נישט געניסן, אויב די פרוי האָט אויך נישט
איר באַפרידיקונג, איר פאַרגעניגן. דאָס איז מיר קיינמאָל נישט
געלונגען. דערצו האָב איך קיינמאָל קיין גליק נישט געהאַט.

— אָבער דו האָסט קיינמאָל קיין צוטרוי נישט געהאַט צו
די פרויען דיינע. דו האָסט צו מיר אויך קיין פולשטענדיקן צוטרוי
נישט, — האָט קאָני באַמערקט.

— איך פאַרשטיי נישט, וואָס עס הייסט געטרויען אַ פרוי.

— אָט אין דעם גייט עס טאַקע!

זי איז נאָך אַלץ געזעסן צוגעטוליעט צו אים. זיין פנים האָט
אָבער עדות געזאָגט, אַז ער פילט זי נישט לעבן זיך, אַז ער איז
נאָך אַלץ ווייט פון איר. וואָס מער זי האָט גערעדט צו אים, אַלץ
ווייטער איז ער געוואָרן פון איר.

— אָבער צו וואָס האָסטו יאָ צוטרוי? אין וואָס גלייב־
סטו יאָ?

— איך ווייס אַליין נישט.

— מסתם גלייבסטו, גלייך ווי אַלע מענער, וועלכע איך
אין מיין לעבן באַגעגנט, אין גאָרנישט.

ביידע האָבן געשוויגן. פלוצלינג האָט ער ווי אויפגעוואַכט
און אַרויסגערעדט:

— יאָ! איך גלייב יאָ אין עפּעס! איך גלייב אין אַ ליבנ־
דיק האַרץ, אַ וואַרעמס. איך גלייב אין הייסער ליבע צווישן מאַן

און פרוי, צום מיינסטן ביים געשלעכטס־אקט. איך גלייב, אז ווען אלע מאנספערשוינען זאלן האבן ביים געשלעכטס־אקט הייס־ליבנ־דיקע הערצער און ווען אלע פרויען זאלן ביים אויפנעמען דעם אקט אויך האבן אזעלכע הייס־ליבנדיקע הערצער, וואלט זיכער גוט געווען צו לעבן אויף דער וועלט. דאס האבן געשלעכטלע־כע באציִונגען מיט א קאלט הארץ — אט דאס איז דאס גאנצע אומגליק, דאס ערגסטע משוגעת פון אונזער וועלט.

— אבער ווען דו שלאפסט מיט מיר, האסטו נישט קיין קאלט הארץ, — האט קאני באמערקט.

—גלייב מיר, איך האב מיט דיר אויך קיין חשק נישט צו שלאפן. בכלל איז מיין הארץ געווארן קאלט, ווי איבערגע־שטאנענע קארטאפל.

— נו! — האט קאני אויסגערופן און אים א קוש גע־טון. — לאמיר־זשע דיינע איבערגעשטאנענע קארטאפל אנ־ווארעמען.

מעלארס האט א שמייכל געטון און זיך אויסגעגלייכט.

— דאס איז מיין גלויבן, — האט ער ערנסט א זאג גע־טון. — נאר מיט אווארעם הארץ! נאר מיט הארץ! פרויען האבן אבער דאס נישט ליב. אויך דו ביסט אייגנטלעך נישט קיין ליב־האבערין דערפון. דו דארפסט נאר אייגס: א גוטן, שארפן, פעסטן געשלעכטס־אקט מיט א קאלט אויסגעחשבונט הארץ, דערנאך ווילסטו דיר איינרעדן, אז עס איז געווען זיס ווי צוקער. אבער ווו זענען דיינע געפילן צו מיר? דו האסט אויף אזוי פיל חשד צו צו מיר ווי א קאץ צו א הונט. מ׳דארף פילן יענעמס הייסע גע־פילן, ווען נישט קאן מען אין זיך אליין קיין ווארעם געפיל נישט אויפוועקן. מיין שלאפן מיט דיר, אט דאס געפעלט דיר, נישט מער. דו ווילסט עס פארשענערן, פארהערלעכן בלויז מחמת דעם, וואס דיין איידעלע דערציִונג פארלאנגט דאס. דער ארעאל, מיט וועלכן דו ווילסט דעם רויען אקט ארומשלייערן, ארומהילן, איז פאר דיר הונדערט מאל וויכטיקער ווי דער אקט גופא, ווי אנגענעם ער זאל פאר דיר נישט זיין.

— דאָס זעלבע װאָלט איך געקאָנט זאָגן אויך װעגן דיר. די באַדײַטונג פון דײַן אײגענער פּערזאָן איז בײַ דיר װיכטיקער פון אַלעם.

— אַזוי זאָגסטו? נו, גוט! — האָט מעלאָרס געמאַכט אַ באַװעגונג, װי ער װאָלט זיך געװאָלט אױפּשטעלן פון אָרט. — לאָמיר־זשע זיך פון הײַנט אָן דערװײַטערן אײנס פון אַנדערן. האָבן באַציִונגען מיט אַ קאַלט האַרץ, בפרט געשלעכטס־באַציִונגען, איז פאַר מיר ערגער װי דער טויט.

קאָני האָט זיך האַסטיק אָפּגערוקט פון אים און אַ פרעג געטון שאַרף:

— און דו מײנסט, אַז דאָס װיל איך?

— איך װײס, אפשר יאָ און אפשר נישט. יעדנפאַלס, דו לײג דיך אין בעט אַרײַן און איך װעל שלאָפן אויף דער פּאָדלאָגע.

זי האָט אויף אים אַ קוק געטון: ער איז געװען בלאַס, דער אױסדרוק פון פּנים אַ פאַרביטערטער. אַזאַ װײַטער האָט ער איר אױסגעזען אין איצטיקן מאָמענט. אַלע מענער זענען אין תוך געװען די זעלבע.

— אַהײם קאָן איך איצט נישט גײן. ערשט אינדערפרי װעל איך קאָנען אַהײמגײן.

— טאָ לײג־זשע דיך אין בעט אַרײַן. ס'איז דרײַ פערטל אויף אײנס.

— דאָס װעל איך נישט טון.

מעלאָרס איז צוגעגאַנגען צום פײַער און גענומען פון װינקל די שטיװל.

— אויב אַזוי, גײ איך אַרױס, — האָט ער אַ זאָג געטון.

ער האָט אָנגעהויבן אַרױפציִען די שטיװל. קאָני האָט נישט אַראָפּגעלאָזט פון אים קײן אויג.

— װאַרט נאָר, — האָט זי אַרױסגעמורמלט. — װאַרט נאָר! װאָס איז דאָ געשען צװישן אונז?

מעלאָרס איז געזעסן אַריבערגעבויגן איבערן שטיוול, וועלכ
ער האָט געהאַלטן אינמיטן אַרויפציען אויפן פוס. ער האָט נישט
געענטפערט. די שטילקייט האָט זיך געצויגן. זי איז באַהערשט
געוואָרן פון אַ געפיל ענלעך צום צושטאַנד פון חלשות. איר באַ
ווּסטזיין איז ווי פאַרלאָשן געוואָרן. זי איז געשטאַנען מיט ברייט־
צעעפנטע אויגן, געקוקט ערגעץ ווייט און בכלל זיך נישט אָפּגע־
געבן קיין חשבון פון גאָרנישט.

אונטערן איינדרוק פונם בליק אירן האָט מעלאָרס אויפגע־
הויבן צו איר די אויגן. ער האָט דערזען, ווי זי שטייט מיט די
צעפראַלטע אויגן ווי אין וואַנזין. און ווי פון אַ שטורעם־ווינט גע־
טריבן, האָט ער זיך אַ לאָז געטון צו איר מיט איין פוס אַ באַ־
שטיוולטן, דעם צווייטן אין בלויזן זאָק, און זי אַ כאַפּ געטון אי
די אָרעמס, צוגעדריקט צו זיך. דאָס איז געווען אַ באַוועגונג פו
ווייטיק און צאַרטקייט צוזאַמען. און אַזוי האָט ער זי געהאַלט
און אַזוי איז זי געבליבן הענגען אין זיינע אָרעמס.

— — — — — — — —

זי האָט נישט געהערט דאָס פייפן פונם פאַבריקס־קוימע
שטיל איז זי געלעגן. איר נשמה איז געווען דורכזיכטי
קלאָר.

— שוין צייט פאַר דיר, — האָט זי דערהערט זיין קו
לעבן זיך.

— ווי שפּעט איז? — האָט זי געפרעגט.

— ס׳האָט געשלאָגן זיבן.

— כ׳מוז שוין טאַקע אויפשטיין.

מעלאָרס האָט זיך אויפגעזעצט אין בעט און אַרויסגעק
דורכן פענ..טער.

— הער נאַר, אמת, אַז דו האָסט מיך ליב? — האָט קאָ
פלוצלינג געפרעגט.

ער האָט זי אָנגעקוקט.

— צוואָס פרעגסטו? — האָט ער גלייכגילטיק צוריקגע־פרעגט.

— סתם. קוים האָסטו מיך באמת ליב, דערלויב מיר אוועקצו־גיין פון דיר נאָר צייטווייליק.

— וואָס הייסט צייטווייליק?

— אין קורצן וויל איך קומען צו דיר אויף שטענדיק.

ער איז געזעסן אַ נאַקעטער אין בעט, דעם קאָפּ אַראָפּגע־האָנגען, און געטראַכט אָן געדאַנקען.

— ווילסטו נישט?

— איך וויל, — האָט ער שטיל אַרויסגערעדט.

באַלד האָט ער אויפגעהויבן דעם קאָפּ, זי אָנגעקוקט מיט אַ פאַרנעפּלטן בליק און אַרויסגערעדט, ציילנדיק די ווערטער:

— אַצינד פרעג מיך גאָרנישט, גאָרנישט.

— ס'איז האַלב אַכט, — האָט ער צוגעגעבן.

קאָני האָט אָפּגעזיפצט און אַרויס פון בעט. די שטוב האָט איצט אויסגעזען נאָך ליידיקער און נאָך קלענער ווי ביינאַכט. דאָ איז געשטאַנען נישט מער ווי אַ שמאָלע קאָמאָדע און אַ באַשיידן בעט. די פּאָדלאָגע איז געווען ריין אויסגעשייערט. אין ווינקל ביים פענסטער איז געשטאַנען אַ סערוואַנטקע מיט ביכלעך, עטלעכע פון זיי האָבן געשטאַמט פון אַ ליי־ביבליאָטעק. זי האָט אַ קוק געטון די ביכער. טייל זענען געווען וועגן באָלשעוויזם, טייל — רייזע־באַשרייבונגען, איין ווערק וועגן אַטאָמען און עלעקטראָנען, איינס — וועגן געאָלאָגיע און ערד־ציטערנישן, חוץ דעם — עט־לעכע בעלעטריסטישע ווערק און דריי ביכלעך וועגן אינדיע. נו, הייסט עס, ער לייענט אפילו ביכלעך אויך!

דורכן נידעריקן פענסטער האָט אַריינגעקוקט די זון און באַ־לויכטן דאָס שטיבל. פאַר דער שטוב האָט אַרומגעבלאָנקעט דער הונט. די ניסן־ביימלעך האָבן זיך טונקל געגרינט פונדערווייטנס. דער טאָג איז געשטאַנען אַ שיינער, אַ לויטערער, די פייגל האָבן געזונגען מיט אויפגעהויבענע קעפּלעך צום בלויען הימל. אַך, ווען זי זאָל דאָ קאָנען פאַרבלייבן, פאַרבלייבן אויף שטענדיק! מער

נישט זען די וועלט פון רויך און ערץ, די שוידערלעכע וועלט פון די קוילנגרובנס! איר וועלט זאָל בלויז דורך א י ם געשאַפן און געשטאַלטיקט ווערן!

זי איז אַראָפּגעגאַנגען דורך די משופּעדיקע, הילצערנע טרעפּלעך. אַך, ווי צופרידן זי וואָלט געווען צו לעבן אָט־דאָ אין דעמדאָזיקן שטיבעלע, ווען די וועלט אַרום איר זאָל געשאַפן ווערן בלויז דורך זיי ביידע — דורך איר מיט אים.

מעלאָרס איז שוין געזעסן אָן אָפּגעוואַשענער, אַ דערפרישטער. אין קוימען האָט שוין געקנאַקט דאָס פייערל.

— אפשר וועסטו נאָך עפּעס עסן? — האָט ער געפרעגט.

— ניין. ווו האָסטו דאָ אַ קאַם צו די האָר?

זי איז מיט אים אַריינגעגאַנגען אין קיך און זיך דאָרט צוגעקעמט פאַר אַ שמאָל שפּיגעלע, וואָס איז געהאָנגען ביי דער טיר. זי איז גרייט געווען צום אַוועקגיין.

געבליבן שטיין אין קליינעם געוּטנדל פאַר דער שטוב, האָט זי געקוקט אויף די מיט טוי־באַדעקטע בלומען, אויף דער מאַט־זילבערנער נעגעלעך־בייט, וועלכע האָט שוין אָנגעהויבן בליִען.

— איך ווינטש מיר, אַז די וועלט, אַ חוץ דעם־אָ ווינקל, זאָל אונטערגיין, — האָט זי אַ זאָג געטון, — און נאָך ווינטש איך מיר, אַז אין דעמדאָזיקן ווינקל זאָלן אַלס אדם און חוה בלייבן איך און דו.

— זי וועט אָבער נישט אונטערגיין, די וועלט, — האָט מעלאָרס מעלאַנכאָליש געענטפערט.

זיי האָבן מער קיין איינציק וואָרט נישט אויסגערעדט, שפּאַנענדיק אַזוי אינאיינעם איבערן מיט טוי באַפייכטן, פאַרכישופטן וואַלד. זיי האָבן אָבער שטאַרק געפילט איינס דאָס אַנדערע און ביידע צוזאַמען האָבן געשפּירט די אָפּגעזונדערטקייט זייערע פון דער דרויסנדיקער וועלט.

קאָני האָט זיך געפילט באמת גליקלעך, אָבער דאָס גליק

איז איר געווען פאַרסמט דורך דער ביטערקייט, וואָס זי גייט איצט און מוז איצט גיין אַהיים צו קליפאָרדן.

— אוי, וואָלט איך געוואָלט שוין איינמאָל אָן עק מאַכן, קו־מען אַהער אויף שטענדיק און לעבן מיט דיר אינאיינעם, — האָט זי געזאָגט ביים געזעגענען זיך.

ער האָט אַ שמייכל געטון און גאָרנישט געענטפערט.

שטיל און אומבאַמערקט פון קיינעם האָט זי זיך אַריינגע־שלייכט אין הויז און אַרויף צו זיך אין צימער.

קאַפּיטל XV

ביים פרישטיק איז אויף איר טיש געלעגן אַ בריוו פון הילדען:

„דער טאַטע פאָרט די וואָך קיין לאָנדאָן. איך וועל אָפּ־טרעטן נאָך דיר איבעראַכטאָג דאָנערשטיק, דעם 17־טן יוני. זאָלסט זיין גרייט, מיר וועלן תּיכּף מוזן אָפּפאָרן. איך וויל נישט פאַרזוימען ביי דיר. דו ווייסט דאָך, ווי פיינט איך האָב די מקומות דיינע. איך וועל נאָך וואָרשיינלעך אָפּטרעטן אין רעט־פאָרד וועגן אַ געוויסן ענין, אָבער אויף דאָנערשטיק מעגסטו מיך זיכער דערוואַרטן ביי זיך אויף מיטאָג. אָוונט־צייט וועלן מיר קאָ־נען אַרויספאָרן, איבערנעכטיקן וועלן מיר ערגעץ אין וועג. איך וויל נישט בלייבן נעכטיקן ביי קליפאָרדן. דיין אָפּפאָר קרענקט אים, וועט מסתּם דאָס אויך אים פאַרשאַפן עגמת־נפש. זיי גרייט. דיינע א. אַ. וו.“

קליפאָרדן האָט טאַקע געקרענקט איר אַרויספאָר, אָבער בלויז דעריבער, ווייל אין קאָניס אָפּוועזנהייט האָט ער זיך גע־פילט זייער אומבאַהאָלפן. צוליב נישט אויסגעפאָרשטע סיבות האָט איר אָנוועזנהייט געווירקט אויף אים דערמונטערנדיק און געגעבן אים די פעסטקייט אין באַשלוסן און האַנדלונגען. גאַנצע טעג פלעגט ער פאַרברענגען אין די גרובנס און זיך געראַנגלט מיט די

כמעט האָפּנונגסלאָזע פּראָבלעמען, ווי אַזוי פון זיינע קוילן אַרויס־צובאַקומען עקאָנאָמישערן הייץ־מאַטעריאַל און ווי אַזוי דאָסדאָזיקע פּראָבלעמאַטישע הייץ־מאַטעריאַל גינסטיקער און מיט מער ריווח צו פאַרקויפן. ער האָט געוווסט, אַז ער מוז געפינען אַן אופן, ווי אַזוי די קוילן איבערצואַרבעטן און אויסנוצן, אַז ער טאָר דעם געמייגעם סאָרט קוילן נישט פאַרקויפּ רויערהייט און דערצו נאָך מיט היזק, אָדער מיט נישטיקן ריווח. ער מוז פּראָדוצירן עלעקטרישע קראַפט! נאָר ווי אַזוי מאַכט מע דאָס? וווּ וועט ער דידאָזיקע קראַפט פאַרנוצן? איבעראַרבעט ווידער די קוילן אויף פליסיקן ברען־שטאָף וואָלט זייער גוט גע ווען, די פּראָדוקציע אָבער דערפון וואָלט אים אַריינגעטריבן אי אומגעהייער גרויסע אויסגאַבן, וועלכע וואָלטן זיך אפשר ניש אויסגעשלאָגן. וואָס מער ער טראַכט זיך אַריין אין דער זאַן אַלץ אומדערגרייכלעכער זעט זי אים אויס. צום דערהאַלטן ז עקזיסטירנדיקע אינדוסטריע, מוז מען זי קאָמפּליצירן מי אַלץ נייע און נייע אינדוסטריע־אונטערנעמונגען — ממש משוג צו ווערן!

און ס'איז טאַקע געווען אַ משוגעת, וועלכעס האָט געקאָנ דורכגעפירט ווערן נאָר דורך אַ משוגענעם. זאָל זיין — צי איז ע דען אַליין נישט אין דער בחינה פון אַ משוגענעם? אַזוי האָט ק ני געטראַכט. זיין ענטוזיאַזם, זיין אייפעריקייט און איבערגעטריב קייט אויפן געביט פון דער קוילן־פּראָדוקציע האָט געשמעקט מי ריין משוגעת. אפילו די המצאות זיינע, די פּלענער — האָבן אויס געזען ווי פּלענער פון אַ משוגענעם.

ער פלעגט איר אויסדערציילן אַלע וויכטיקסטע פּלענער זיי נע, און קאָני פלעגט אים אויסהערן מיט אַזוי פיל ספּעציפישער באַוווּנדערונג, נישט איבערשלאָגנדיק אים די רייד מיט קיין איינ ציקער באַמערקונג. באַלד דערנאָך פלעגט זיך אויסשעפּן דער קוואַל פון רייד ביי קליפאָרדן און ער פלעגט אָנשטעלן דעם ראַ דיאָ, אַריינפאַלנדיק ממשותדיק אין עפּעס אַ גייסטיקן אָפּגרונט.

אין וועלכן די פאַנטאַסטישע אינדוסטריע־פּלענער זענען אים נאָך אַלץ פאַרבייגעשוווּמען פאַרן באַוווּסזיין, ווי אַ קאָשמאַר.

אויך האָט ער יעדן אָוונט געשפּילט מיט פרוי באָלטאָן אין זעלנערישן שפּיל „פאַנטאָן“ צו זעקס פּענס אַ קאָן. בשעתן שפּיל איז ער דורכגענומען געווען פון דעם אומהיימלעכן געפיל פון קאָש־מאַרהאַפטיקייט און געדאַנקענלאָזיקייט. קאָנין האָט געעקלט פון אים, זי האָט דעמדאָזיקן צושטאַנד זיינעם ממש נישט געקאָנט פאַרטראָגן. אָבער ווען זי פלעגט אַוועק צו זיך אין צימער און זיך לייגן שלאָפן, זענען זיי נאָך אַלץ געזעסן און געשפּילט מיט האַזאַרד ביז צוויי און דריי אַ זייגער ביינאַכט. פרוי באָלטאָן האָט זיך מיטן געפיל פון האַזאַרד אָנגעשטעקט פון קליפאָרדן, זי האָט ביים שפּילן אַרויסגעוויזן נישט ווינציקער ברען פון קליפאָרדן, בפרט, אַז זי פלעגט כסדר פאַרשפּילן.

— נעכטן האָב איך ביי סער קליפאָרדן פאַרשפּילט דרייאון־צוואַנציק שילינג.

— און ער האָט ביי אייך גענומען דאָס געלט? — האָט קאָני מיט שרעק און עקל געפרעגט.

— זעלבסטפאַרשטענדלעך, אייער דורכלויכט! עס איז דאָך אַן ערן־חוב.

קאָני האָט זיי ביידע געמאַכט עפנטלעכע פאָרוואורפן צוליב דעם און זיך מיט ביידע צעקריגט. געענדיקט האָט עס זיך דער־מיט, וואָס קליפאָרד האָט געהעכערט פרוי באָלטאָן איר יערלעכע פּענסיע מיט הונדערט פונט, זי זאָל קאָנען פאַרשפּילן ביי אים. דערווייל האָט קאָני געהאַט דעם איינדרוק, אַז קליפאָרד שטאַרבט ביסלעכווייז אָפּ.

ענדלעך האָט זי מודיע געווען, אַז זי פאָרט אין קורצן אַרויס, נישט שפּעטער ווי דעם פופצעהנטן.

— דעם פופצעהנטן! — האָט קליפאָרד אויסגערופן. — און ווען וועסטו צוריקקומען?

— נישט שפּעטער ווי דעם צוואַנציקסטן יולי.

— אַזוי! דעם צוואַנציקסטן יולי!

ער האָט זי אָנגעקוקט מיט זיין אומהיימלעכן, פוסטן בליק. דער אויסדרוק פון זיינע אויגן איז געווען גלייכצייטיק פון אַ זייג־קינד און פון אַן איבערצייטיקן, געעלטערטן מענטש.

— וועסט מיך איצט נישט פאַרלאָזן? אמת? — האָט ער געפרעגט.

— וואָס הייסט?

— דו פאָרסט דאָך אַוועק? נו, פרעג איך דיך, צי דו וועסט טאַקע צוריקקומען.

— איך בין פעסט איבערצייגט, אַז איך וועל צוריק־קומען.

— אַזוי! נו, גוט. הייסט עס — דעם צוואַנציקסטן יולי?

ער האָט זי ווידער מאָדנע אָנגעקוקט.

פונדעסטוועגן האָט ער געוואָלט, זי זאָל אַרויספאָרן. ער האָט בפירוש חשק געהאַט, זי זאָל אַרויספאָרן אויף אַ שטיקל צייט. ער האָט עס געוואָלט דערפאַר, כדי איר צו געבן די מעגלעכקייט דורכ־צולעבן איר ליבעס־פּאַסירונג, זי זאָל שוין צוריקקומען אַ שוואַנ־גערנדיקע און אַזוי ווייטער. גלייכצייטיק האָט ער זיך געשראָקן פאַר איר אַרויספאָר.

קאָני האָט געפיבערט פון אומגעדולדיקייט, זי האָט געגאַרט נאָך אַ געלעגנהייט פטור צו ווערן פון אים, זי האָט אָפּגעוואַרט דעם מאָמענט, ווען סיי ער, סיי זי וועלן צו דער צעשיידונג רייף ווערן.

דעם זעלבן טאָג איז זי געזעסן ביי מעלאָרסן און געשמועסט מיט אים וועגן איר רייזע.

— שפעטער, ווען איך וועל צוריקקומען, וועל איך איינ־מאָל פאַר אַלעמאָל דערקלערן קליפאָרדן, אַז איך מוז אים פאַר־לאָזן. דערנאָך וועלן מיר ביידע, איך און דו, אַוועקפאָרן ערגעץ, אפשר קיין אויסלאַנד. קיין אַפריקע, אָדער קיין אויסטראַליע. גוט?

זי איז געװען פול מיט ענטוזיאַזם.

— דו ביסט קײנמאָל אין די קאָלאָניעס נישט געװען ? — האָט מעלאָרס זי געפרעגט.

— נײן ! און דו ?

— איך בין געװען אין אינדיע, אין דרום־אַפריקע, אין עגיפטן.

— לאָמיר אפשר פאָרן קײן דרום־אַפריקע ?

— מ׳קאָן, — האָט מעלאָרס רויִק דערקלערט.

— אפשר ערגעץ אַנדערש ? װי מײנסטו ?

— מיר איז קײן נפקא־מינה נישט, מיר איז אַלצאײנס

— דו פילסט נישט קײן גליק אין דעם ? פאַרװאָס איז דיר אַלצאײנס ? מיר װעלן פון קײן נויט נישט װיסן. איך האָב אַ נישקשהדיקן קאַפּיטאַל : זעקס הונדערט פונט יערלעכע הכנסה. ס׳איז נישט פיל, אָבער גענוג אויף צום לעבן אָן נויט.

— פאַר מיר איז עס אַ גאַנצער אוצר.

— אָ, װי גוט אונז װעט זײן אינאײנעם !

— איך מוז זיך אָבער פריער גטן. דו מוזסט עס אויך דורכ־קומען, כּדי אויסצומײדן קאָמפּליקאַציעס.

זײ האָבן זיך בײדע פאַרטראַכט.

מיט עטלעכע טעג שפּעטער איז זי מיט אים געזעסן אין װאַלד־שײער און געשמועסט װעגן זײן פאַרגאַנגענהײט.

— זאָג מיר, האָסטו זיך געפילט גליקלעך אַלס פּאַרוטשניק, אַלס אָפיציר, אַלס דזשענטלמען ?

— גליקלעך ? װי אַמאָל. איך האָב זײער ליב געהאַט דעם פּולקאָװניק מײנעם.

— דו האָסט אים ליב געהאַט ?

— יאָ.

— און ער — דיך ?

— אויך. ער האָט מיך אויך ליב געהאַט.

— דערצײל מיר װעגן אים.

— װאָס זאָל איך דיר דערצײלן ? ער איז געװאָרן פּולקאָװ־

ניק ביסלעכווייז, צום ערשט איז ער געווען אַ פּשוטער זעלנער. ער האָט ליב געהאַט די מיליטער־דינסט. קיין באַווייבטער איז ער נישט געווען. פון מיר איז ער עלטער געווען מיט צוואַנציק יאָר. ווייער אַן אינטעליגענטער מענטש און אַן איינזאַמער. וואָס נאָך וואָל איך דיר זאָגן וועגן אים? איך האָב זיך געפונען אונטער זיין השפעה און האָב אים ממש פאַרהערלעכט. ער איז געווען זייער אַ טיכטיקער און ליבער מענטש און איך האָב אים דערלויבט צו קירעווען מיט מיר. קיינמאָל האָב איך קעגן אים נישט ווידער־שפעניקט, און אַז איך פלעג האַנדלען לויט זיינע אָנווייזונגען, איז עס שטענדיק אַרויסגעקומען אַ טובה פאַר מיר.

— און ווי אַזוי האָסטו אויפגענומען זיין טויט?

— ווי אַזוי, פרעגסטו? איך בין שיער אַליין פון צרות נישט געשטאָרבן. איך בין טאַקע געפערלעך קראַנק געוואָרן, און ווען איך בין געזונט געוואָרן, האָב איך דעם טויט פון מיין פּאָל־קאָווניק באַטראַכט, ווי דאָס גרעסטע אומגליק, וואָס האָט מיך ווען עס איז געטראָפן. דער טויט האָט ביי מיר צוגערויבט דעם איינציקן פריינט און וועג־ווייזער אינם לעבן.

קאָני איז געזעסן פאַרטראַכט, זיין דערציילונג האָט אויף איר געמאַכט אַ טיפן איינדרוק. פונדרויסן האָט זיך דערהערט אַ קנאַל פון אַ דונער. זיי זענען דאָ ביידע געזעסן ווי אין דער תיבה, בשעת אינדרויסן בושעוועט דער מבול.

— דו האָסט אַ סך איבערגעלעבט, — האָט קאָני זיך אָנגערופן.

— אַ סך, זייער אַ סך, — האָט ער אויסגעצויגן, — מיר דאַכט זיך טיילמאָל, אַז איך לעב שוין נישט דאָס ערשטע מאָל, עפּעס אַזוי ווי איך וואָלט שוין אַ צוויי־דריי מאָל געהאַט גע־שטאָרבן און איצט לעב איך אין דריטן, אָדער פערטן גילגול.

קאָני האָט מיט אַ האַלב אויער געהערט זיינע רייד, איר גאַנצע אויפמערקזאַמקייט האָט געצויגן אויף זיך דער שטורעם אינדרויסן.

— און נאָך דיין פּאָלקאָווניקס טויט? ווי האָסטו דיך ווײַטער געפילט?

— נמאס איז מיר געוואָרן מיין אָפיצירן־שטאַנד, די באַנדע דזשענטלליים, — ער האָט זיך פלוצלינג צעלאַכט. — דער פּאָלקאָווניק פלעגט טענהן צו מיר: יינגל מיינס, דער ענגלישער מיטלשטאַנד מוז יעדן ביסן דריי מאָל איבערקייען, ווייל זיינע קישקעס זענען זייער שמאָל. פון אַ ביסן אַזוי גרויס ווי אַן אַרבעס, קאָן ער חלילה דערשטיקט ווערן. דאָס איז די נבזהדיקסטע באַנדע נבלות, וועלכע איז ווען עס איז געווען אויף דער וועלט. זייער גייציקייט איז אין לשער, אָבער קוים בינדט זיך זיי אויף אַ שוך־בענדל פון שוך, ווערן זיי איבערגעשראָקן אויף טויט, חוץ דעם שטינקט פון זיי אויף אַ מייל, אַזאַ פאַרלעגענע סחורה איז דאָס. פונדעסטוועגן האַלטן זיי זיך פאַר שטענדיק געדעכט. איך קאָן נישט פאַרטראָגן זייער געזעלשאַפט! זיי הערן נישט אויף צו בוקן זיך און צו לעקן דעם אחור און זענען שטענדיק מיט זיך אין אָרדענונג. גייציקע נבלות. נבלות! אַ דור פון צעבאַבעטע נבלות און אויף יעדן פון זיי פאַלט אויס פונקט אַ האַלב איי.

קאָני האָט זיך צעלאַכט. אינדרויסן האָט געגאָסן ווי מיט צעבערס.

— דיין פּאָלקאָווניק האָט זיי אמתדיק געהאַסט!

— ניין! נישט געהאַסט האָט ער זיי! — האָט איר מעלאָרס געענטפערט. — ער האָט זיי פּשוט איגנאָרירט. ער האָט זיי נאָר נישט געקאָנט פאַרטראָגן. ער פלעגט האָבן תרעומות צו די פּשוטע זעלנער אפילו, אַז זיי ווערן אויך אַזעלכע נבלות, האַלבע מאַנספערשוינען, זולל־וסובהניקעס מיט ענגע קישקעס און אַז דאָס איז דער גורל און די צוקונפט פון דער גאַנצער מענטשהייט.

— פּשוטע פאָלקס־מענטשן אויך? און די אַרבעטער?

— אַלע! אַלע! געשטאָרבן אין זיי די התלהבות צו עפּעס. די אויטאָס, קינאָס און אַעראָפּלאַנען זייגן אויס פון זיי די רעשטלעך לעבנס־ווילן. איך פאַרזיכער דיך, אַז מיט יעדן דור ווייטער

ווערט געבוירן אַ מער נישטיק, מער נבלהדיק דור, אַ דור מיט
גומי-רערעלעך אָנשטאָט געדערעם, מיט צעלולאָזענע פיס און בלע-
כערנע פנימער. בלעכערנע מענטשן! דאָס אַלץ איז אַזאַ מין איינ-
געעקשנטער באָלשעוויזם, וואָס טויט אָפּ אַלדאָס מענטשלעכע און
פאַרהערלעכט, פאַרגעטערט דאָס מעכאַניזירטע. געלט, געלט און
ווידעראַמאָל געלט! די גאַנצע כּנופיה שעפּט איר חיות פון דעם,
וואָס זי טויט אָפּ אינעם מענטש יעדעס מענטשלעכע געפיל און צע-
האַקט אויף פּיצלעך די אוראַלטע אדם וחוה. און אַלע, אַלע זע-
נען די זעלבע. די גאַנצע וועלט איז געהאַרכזאַם צו איינאַונאיינ-
ציקן לאָזונג: טויטן די מענטשלעכע נאַטור, אַ גאָלדשטיקל פאַר
יעדער ערלה, צוויי גאָלדשטיקלעך פאַר יעדער פּאָר מענלעכע זוי-
מען-דריזן! צוואָס נוצט צו האָבן אַ ווייבלעכן געשלעכטס-אָרגאַן,
אויב דער געשלעכטס-אַקט קומט פאָר ווי אַ מעכאַנישע פונקציע?
גיב זיי נאָר געווגנוג געלט און זיי וועלן דער גאַנצער וועלט דאָס
געשלעכטס-אבר אָפּהאַקן! גיב זיי נאָר געלט, און זיי וועלן די
מענטשהייט אָפּשינדן ווי אַ נבלה, צונעמען ביי איר דעם גאַנצן
נאַטירלעכן לעבנס-דראַנג און ענערגיע, בלייבן וועלן בלויז פּיצינ-
קעלעך נבזהדיקע צענטריפוגע-מאַשינקעס אָנשטאָט מענטשן, אָנ-
שטאָט עכטע, נאַטירלעכע, געזונטע מענטשן!

ער איז געזעסן אינעם שייער מיט אַ פּנים אָן אויסגעקרומטס
פון בייסנדיקער איראָניע. בשעת-מעשה אָבער האָט ער מיט איין
אויער אויפגעכאַפּט דעם שטורעם, וואָס האָט געבושעוועט איבערן
וואַלד.

— און דערדאָזיקער צושטאַנד וועט זיך שוין קיינמאָל נישט
ענדיקן? — האָט קאָני געפרעגט.

— נאַטירלעך, אַז יאָ. אינעם אומגליק ליגט שוין דער זאָמען
פונעם צוקונפטיקן אויפשטייג, פון דער מענטשלעכער ווידערגע-
בורט. ווען אינעם לעצטן מענטש וועט דער מענטש דערמאָרדעט
ווערן, ווען אַלע, אַלע וועלן שוין ווערן נידערגעשלאָגן, הכנעה-
דיק: די ווייסע, די שוואַרצע, די געלע — אַ הכנעהדיקע, ני-
דערגעשלאָגענע מענטשהייט פון אַלע פאַרבן: אָ, דעמאָלט וועלן

לע, אלע אראפ פון זין, משוגע ווערן. ווייל די וואַ־צלען פונם
עזונטן מענטשלעכן פארשטאנד שטעקן אין די געשלעכטס־דריזן.
און ערשט דעמאלט וועט די גאנצע וועלט משוגע ווערן, זי וועט
ייינאָרדענען איר גרויסן, גרויסן אויטאָדאפע. דו ווייסט דאָך, אוי־
זאָדאפע — איז דער טייטש — גלויבנס־אקט. אזוי טאקע, א גרויסן
לויבנס־אקט וועט זיך איינאָרדענען די וועלט. איינער וועט דעם
צווייטן אלס קרבן ברענגען.

— ווילסט דערמיט זאָגן, אז איינער וועט דעם צווייטן דער־
הרגענען?

— אזוי איז עס, טייערע! אויב מיר וועלן אין אזא שנעלן
טעמפא גיין אזוי ווייטער, וועלן אויף דעמדאָזיקן גרויסבריטאנישן
אינזל אין הונדערט יאָר ארום נישט געפינען זיך קיין צען טויזנט
מענטשן. אפשר וועלן זיך שוין נישט געפינען קיין צען מענטשן
אפילו. פון גרויס ליבע איינער צום צווייטן וועלן זיי זיך איינס
דאָס אנדערע אויסראָטן.

א שרעקלעכער קנאל פונם דונער האָט אויפגעטרייסלט דעם
טייער.

— ווי הערלעך דאָס איז! — האָט קאָני אויסגעצרופן

— אומגעהייער הערלעך! א טראַכט טון וועגן דער אויס־
ראָטונג פונם נישטיקן מענטשלעכן מין און וועגן דעם לאנגן איבער־
רייס, וועלכער וועט נאָכדעם קומען, איידער עס וועט אויפקומען
א נייער מין פארשטענדלעכע באשעפענישן, — בלויז דערדאָזי־
קער געדאנק איז שוין מסוגל צו דערפרישן און באַרויִקן דאָס
געמיט. און אויב ס'וועט אזוי ווייטער גיין, אויב אלע — אינטע־
ליגענטן, קינסטלער, רעגירונגען, אינדוסטריעלער, ארבעטער —
מיט איין וואָרט — אלע וועלן אין זייער וואנזיניקייט טויטן דאָס
גאָלדענע רעשטל מענטשלעכע געפיל, דאָס געבליבענע רעשטל
אינטואיציע, דאָס לעצטע פיצל געזונטן אינסטיקט — אויב דאָס,
וואָס קומט איצט פאָר, וועט שטייגן מיט אלגעבראישער גראַ־
דאַציע: מעגן מיר זיכער זיין — זיי געזעגנט, מענטשלעכער
מין! ביסט קאפוט, מענטשלעכע גענעראציע! די שלאנג שלינגט־

איין זיך אַליין און לאָזט איבער נאָך זיך אַ ליידיק אָרט, כאָטש אַ פאַרעיפּושט, אַ פאַראומריייניקט אָרט — אָבער עס בלייבט די האָפענונג. אַ הערלעכע האָפענונג! אויפן פּלאַץ פון די לאָרדישע שלעסער — וואַיען ווילדע הינט, אויפן פּלאַץ פון די קוילן־גרובנס — בריקעווען אַרום ווילדע שפּראַצלינגער פון די אונטעריאָכטע פאַבריקס־פערדלעך! אַן עק מיט די קאַפּיטעס!

קאָני האָט אַרויסגעלאַכט, אָבער איר געלעכטער האָט אָפּגעקלונגען מיט טרויעריקייט.

— אַזוי! דאַרפסטו דאָך צופרידן זיין, וואָס זיי זענען, ווי דו זאָגסט, באָלשעוויקעס, — האָט זי באַמערקט. — דו דאַרפסט דאָך דיך פרייען דערמיט, וואָס זיי איילן צו זייער אייגענעם סוף!

— איך פריי מיך טאַקע. איך האַלט זיי דען איין? איך לאָז זיי דען נישט לויפן צום אונטערגאַנג? איבעריקנס, ווען איך זאָל אפילו וועלן דאָס טון, קאָן איך דען?

— וואָס־זשע דען ביסטו אַזוי פאַרביטערט?

— איך בין עס נישט. ווען מיין האָן זאָל שוין אפילו דאָס לעצטע מאָל קרייען — פאַר מיר איז עס אַלצאיינס.

— אָבער ווען דו זאָלסט האָבן אַ קינד?

מעלאָרס האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ.

— מיר דאַכט זיך טאַקע, — האָט ער ענדלעך אַרויסגערעדט, — אַז עס איז זייער אַ שלעכטע און אַ ביטערע זאַך צו ברענגען אַ קינד אויף דערדאָזיקער וועלט.

— ניין! רעד נישט אַזוי! זאָג דאָס נישט! — האָט זיך אַזוי קאָני געבעטן ביי אים. — אָט וועל איך, דאַכט זיך, האָבן אַ קינד. זאָג, זאָג מיר, אַז דאָס וועט דיר פאַרשאַפן פרייד

זי האָט געלייגט איר האַנט אויף זיינער.

— דיין פרייד איז אויך מיין פרייד, — האָט ער איינגעהאַלטן אַרויסגערעדט. — אין מיינע אויגן זעט עס אָבער אויס, ווי אַ מיאוסע בגידה קעגן אַ נאָך נישט געבוירן באַשעפעניש.

— זאָג עס נישט! זאָג דאָס נישט! — האָט קאָני אויסגע־

רופן מיט שרעק. — אויב אזוי, קאנסטו נישט באמת גלוסטן ? מיר ! דו קאנסט נישט גלוסטן צו מיר, אויב דו טראגסט דיך ארום מיט אזעלכע שרעקלעכע געפילן.

מעלארס האט אלץ געשוויגן. זיין פנים איז געווען פאר־וואלקנט. פונדרויסן האט זיך דערטראגן דאס אומאויפהערלעכע שטראמען פונם רעגן.

— נישט אמת, נישט אמת, — האט קאני כסדר געפליס־טערט. — דאס איז לגמרי נישט אמת ! עס איז פארהאן אויך א גאנץ אנדערער אמת.

זי האט געפילט, אז ער איז איצט פארביטערט דעריבער, ווייל זי פארלאזט אים, ווייל זי פארט קיין ווענעדיק. זיין פארבי־טערונג האט זי געערגערט, אבער גלייכצייטיק אנגעפילט מיט שטאל־צער פרייד.

— זאג מיר, זאג, אז דו ווילסט א קינד פון מיר, אז דו פארלאנגסט פון מיר דיין קינד ! — האט זי געשעפטשעט, איינטו־ליענדיק זיך מיטן פנים אויף זיין ברוסט. — זאג, אז דו ווילסט עס !

— איך ווייס אליין נישט, — האט ער ענדלעך ארויסגע־רעדט, און קאני האט דערפילט א מאדנעם ציטער אין זיין שטי־מע, א ציטער פון הארציקער ווייכקייט, ווי די אייז־קריע, וואס האט פארשמידט ביז איצט זיין הארץ, וואלט געפלאצט אונטער הויך פון איר ווייבלעכערווארעמקייט. — איך ווייס אליין נישט ! טיילמאל פלעג איך מיר טראכטן : לאמיך א פרווו טון דא צוויש די קוילנגרעבער. זיי ארבעטן שווער, פארדינען קנאפ. ווען מ'זאל צו זיי א זאג טון : — דא איז ער אריבער אויפן פויערישן דיא־לעקט — ווען מ'זאל צו זיי אזוי זאגן : וואס זארגט איר אזוי פיל וועגן פרנסה ? וויפיל, מ'שטיינס געזאגט, דארפט איר סך־הכל האבן ! און נאך אלעמען, צי לעבט מען דען בלויז פארן שטיקל פרנסה ?... צו דעמדאזיקן וויסטן לעבן אונזערן צווינגט מען דאך אונז. מיר זענען דאך געצוווונגען צו ארבעטן און פארדינען א קא־פיטשקעלע פאר זיך און זייער א סך פאר די פריצים. אבער צו

דעם מוז איינמאָל פאַר אַלעמאָל אַ סוף נעמען. פּאַמעלעכינקע, ביסלעכווייז לאָמיר פאַרענדיקן דערמיט. לאָמיר ביסלעכווייז פאַרשמייסן דאָסדאָזיקע איינגעריסטע, פאַרחושכטע לעבן און — אַוועק אויף צוריק! צוריק צום אַלטן! צוביסלעך וועט קלעקן פאַר יעדן, פאַר מיר, פאַר דיר, פאַר די פּריצים, פאַר די הערן און אפילו פאַרן קעניג אויך. צוביסלעך וועט פאַר יעדן קלעקן. באַטראַכט דיך גוט און נעם דיך דערצו, וועסטו זען, ווי לייכט וועסט פּטור ווערן פון דערדאָזיקער גאַנצער קאָמעדיע.

ער האָט אָפּגעהאַקט, געשוויגן אַ ווײַלע און דערנאָך ווייטער געצויגן זײַנע געדאַנקען, ווי אַזוי מען דאַרף מיטן פּויער שמועסן:

— און איך וואָלט זיי נאָך געזאָגט: קוקט אײַך אַליין אָן, וואָס פאַר אַ פּנים איר האָט! קוקט אײַך צו צו אײַך אַליין: איין אַקסל העכער, דער אַנדערער נידעריקער, די פּלייצע אויסגעקרומט, די פיס צעדרייט און שלאַבעריק! וואָס האָט איר אַליין געמאַכט פון זיך דורך דער פאַרשאָלטענער אַרבעט? איר האָט דאָך שוין קיין פּנים פון קיין מענטשן נישט! צי מיינט איר טאַקע, אַז איר מוזט אַזוי פיל אַרבעטן אויפן נישטיקן שטיקל פּרנסה, וויפיל מ'צווינגט אײַך? טוט אויס אײַערע שמאַטעס און קוקט אָן די נאַקעטע לײַבער אײַער! מענטשן דאַרפן זײַן לעבעדיק, פלינק, און איר זענט בלויז גולמס און פּגרים. — אָט אַזוי וויל איך רעדן צו זיי. און איך וואָלט געצוווּנגען די לײַט אָנצוטון אַנדערע מינים מלבושים, אפשר גאָר אַזעלכע, ווי מ'האָט אַמאָל געטראָגן — קורצע הייזלעך מיט גרינע שנורן באַנייט און קורצע רעקלעך מיט גרינע לאַצן. און ווען די לײַט וועלן באַקומען חשק צו האָבן שלאַנקע, געזונטע פיס און גלײַכע רוקנס, וועט זיך די וויסטע אינדוסטריע־קאָמעדיע אין איין חודש ענדיקן. אָ, דעמאָלט וועלן זיי ווערן מענער, אמתדיקע מענער! און די ווײַבער וועלן זיך אַ ברירה האָבן צו קליידן, ווי זייער האַרץ וועט גלוסטן. ווײַל ווען די מאַנספּערשוינען וועלן אָנהייבן פּאַראַדירן אין קורצע הייזלעך מיט עלעגאַנטע הינטנס, וועלכע וועלן אָפּערשטאַרן פון

הינטער די קורצע רעקלעך, דעמאָלט וועלן די ווייבער מוזן זיין אמתדיקע פרויען. דאָס אומגליק באַשטייט דאָך אין דעם, וואָס די מענער זענען קיין מענער נישט, מוזן די ווייבער ווערן מענער. און אויך וואָלט איך די דערפלעך אונזערע אָפּגערוימט און וואָלט אָנשטאָט זיי אויפגעשטעלט וווינונגען באַקוועמע און ליכטיקע פאַר אַלעמען. און נאָך וואָלט איך זיי געבעטן, די לייט מיינע, נישט צו האָבן אַזוי פיל קינדערלעך, ווייל די וועלט איז שוין אַזוי אויך אָנגעפּאַקט מיט מענטשן.

— קיין מוסר־דרשות וואָלט איך זיי אָבער נישט געהאַלטן. איך וואָלט נאָר פון זיי אַראָפּגעצויגן די בגדים און זיי געהייסן זיך איינקוקן אין זייערע אייגענע גופים. קוקט אייך אָן! איר זעט אויס העסלעך בלויז דעריבער, ווייל איר האָרעוועט פאַר געלט, פאַר געצאָלטס, פאַר פּרנסה! קוקט אָן אייער טיוועראָסהאָל, ווי שרעקלעך מיאוס עס איז אייער ווינ־אָרט! עס זעט אַזוי אויס, ווייל איר אַרבעט פאַר געלט. קוקט אָן אייערע ווייבער! נישט זיי צו אייך, נישט איר צו זיי פּילט עכטע, מענטשלעכע ליבשאַפט. אייער גאַנץ לעבן האָרעוועט איר פאַר געלט און נאָר איבם געצאָלטס פאַר אייער מיאוסער אַרבעט גייט אייך. איר קאָנט צוליב דעם נישט רעדן לייטיש, נישט גיין, נישט שטיין לייטיש, נישט לעבן לייטיש, איר קאָנט אויך נישט לייטיש באַשלאָפן אַ ווייב. איר לעבט נישט! טויטע, מתים זענט איר! קוקט אדרבא אויף זיך אַליין!

אָן אַבסאָלוטע שטילקייט האָט געהערשט אַרום.

. . . .

— ווען איך פיל, אַז דער גורל פון דער מענטשהייט איז אַ געחתמעטער, אַז געחתמעט האָט אים די מענטשהייט אַליין מיט איר עקלדיקער אויפפירונג, — וואָלט איך אַנטלאָפן אין עק וועלט. אינדיע, אויסטראַליע, דרום־אַפריקע זענען צו נאָענט פאַר מיר. אויף דער לבנה וואָלט איך אַנטרינען, אָבער אויך די לבנה, דאַכט זיך מיר, איז צו נאָענט. פון דער לבנה קאָן מען זיך אויך אומקוקן אויף צוריק און דערזען די ערד, די שמוציקסטע, די עקל־

דיקסטע, די נבזהדיקסטע פון אַלע פּלאַנעטן און שטערן, די פּאַר־אומרייניקטע דורך מענטשן. מיר ווייזט זיך דעמאָלט אויס, אַז איך האָב מיין אייגענע גאַל איינגעשלונגען, און אַז זי צעפרעסט מיר די גערערים, און אַז ס'איז אויף דער אַלוועלט נישט פאַרהאַן אַ גענוג ווייט אָרט, וווהין פון דעם אַלעם צו אַנטרינען. ווען מיין שטימונג בייט זיך אָבער, פאַרגעס איך באַלד דאָס אַלץ. דאָך פיל איך כסדר, ווי שענדלעך עס איז דאָס, וואָס עס איז אָפּגעטון גע־וואָרן מיט דער מענטשהייט במשך די לעצטע הונדערט יאָר. מען האָט ביי די מענער צוגערויבט זייער מענלעכקייט, זייער ווירקלעך לעבן און זיי פאַרוואַנדלט אין אַרבעטס־ווערעם. איך שטרעב צו דעם, אַז עס זאָלן אויסגעראָטן ווערן פון דער וועלט די מאַשינען און עס זאָל איינמאָל פאַר אַלעמאָל אַ סוף נעמען צו דער אינדו־סטריע־עפּאָכע, וועלכע איז אַ קאָשמאַרהאַפטער טויט־פעלער אין אונזער אַנטוויקלונגס־וועג. איך קאָן עס אָבער נישט אויספירן און קיינער וועט דאָס נישט קאָנען אויפטון, וויל איך ליבערשט שטיל זיך אויסלעבן אין מיין אייגן ווינקעלע, לעבן מיט מיין אייגן לעבן, אויב ס'איז נאָך פאַרהאַן צוליב וואָס צו לעבן, אין וועלכן איך צווייפל זייער שטאַרק.

דאָס דונערן האָט אויפגעהערט, בלויז דער רעגן, וועלכער האָט נאָכגעלאָזט פון זיין אימפעט, האָט ווידער אָנגעהויבן גיסן מיט אַ געוואַלטיקער פאַרביסנקייט, די לעצטע, דערווייטערטע בליצן האָבן נאָך צייטווייז באַלויכטן דעם הימל איבער די ביימער און דער שטורעם האָט זיך גענומען אַוועקרוקן ערגעץ אויף מזרח. קאָני איז געזעסן אָן אומרויקע. אַזוי לאַנג, אַזוי לאַנג האָבן זיך געצויגן זיינע רייד. פּאַקטיש האָט ער דאָך גערעדט צו זיך אַליין, נישט צו איר. עס האָט זיך איר אויסגעוויזן, ווי דער יאוש וואָלט אים אַרומגענומען אינגאַנצן, זי אָבער פילט זיך גליקלעך, טאַקע גליקלעך און יעדעס געפיל פון יאוש איז איר העסלעך און פיינט־לעך. זי האָט געוווסט, אַז דידאָזיקע יאוש־שטימונג האָט אויף אים אָנגעווייעט איר אָפּפאַר, איר פאַרלאָזן אים, — און זי האָט אפילו צוביסלעך טריאומפירט.

זי האָט ברייט אויפגעפּראַלט די טירן פונם שייער און אַרויס־געקוקט צו די וואַסער־יריעות, וועלכע האָבן זיך ווערטיקאַל אַראָפּ־געגאָסן פונם הימל. זי האָט זיך דערפילט אָפּגעטיילט פון דער אי־בעריקער וועלט דורך דידאַזיקע וואַסער־פּאָרהאַנגען. און פּלוצלינג האָט זי דערשפּירט אין זיך אַן אומגעצוימטע לוסט אַרויסצולויפן אויפן גאָס־רעגן און אַנטלויפן, אַנטלויפן. זי האָט זיך אויפגע־שטעלט און אַנגעהויבן שנעל אַראָפּציען פון זיך די זאָקן, דערנאָך דאָס קלייד און די וועש, ער איז געזעסן און זיך צוגעקוקט מיט אַן איינגעהאַלטענעם אָטעם. אירע שפּיציקע חיהשדיקע ברוסטן האָבן געציטערט און געפלאַטערט ביי יעדער באַוועגונג אירער. אין דער גרינלעכער שיין האָט איר נאַקעט לייב באַקומען דעם קאָליר פון העלפאַנטביין. זי האָט אַריינגעשטעקט די פיס אין די לאַטשן און מיט אַ ווילד, אָפּגעהאַקט געלעכטער אַרויסגעלאָפן פון שייער, אינטערשטעלנדיק די ברוסטן אונטערן שווערן גאָס־רעגן. מיט פונאַנדערגעשפּרייטע אָרעמס איז זי אַזוי געלאָפן, קוים אָנ־געזען צווישן די וואַסער־יריעות, און געלאָפן איז זי מיט ריטמי־שע באַוועגונגען, ווי אויפירנדיק אַ מיסטעריעזן טאַנץ, וועלכן זי האָט זיך אַמאָל געהאַט אויסגעלערנט, נאָך זייענדיק אין דרעזדען. איר וווּנדערלעכער, בלאַסער סילועט האָט זיך אויסגעצויגן און ווי־דער איינגעקורטשעט, איינגעבויגן און ווידער אויסגעגלייכט, און דער רעגן האָט געשמיסן און באַוואַשן אירע פולע לענדן און גע־גלאַנצט אויף זיי; דאָ האָט זי זיך ווידער אויסגעגלייכט אינגאַנצן און געצוואַלעוועט אונטערן שלאַקס־רעגן מיט אַן אַרויסגערוקטן בויך, און ווידער זיך איינגעבויגן אַזוי, אַז בלויז די רונדיקע היפטן און דער בולטער הינטן זענען אַרויסגעשטעלט געווען געשוווּנקט צו ווערן דורך די וואַסער־כוואַליעס, ווי זי וואָלט זיך פאַר אַ קרבן געבראַכט צו דער נאַטור, ווי זי וואָלט מיט דעם קרבן אויס־געדרוקט דעם ווילדן ענטוזיאַזם און די פאַרערונג אירע פאַר דער נאַטור.

מעלאָרס האָט אַ קרומען שמייכל געטון און אויך אָנגעהויבן אַראָפּוואַרפן פון זיך די מלבושים און די וועש. אַ שוידער איז אים

דורכגעלאָפן איבערן ווייסן, נאַקעטן לייב, ווען ער איז אַרויסגעלאָפן אויפן שלאַקס־רעגן. דער הונט האָט זיך געלאָזט לויפן נאָך אים מיט אַ הייזעריק, אָפּגעהאַקט בילן. קאָניס האָר זענען שוין געווען אינגאַנצן דורכגעשווענקט און זיי האָבן זיך איר געקלעפּט צום לייב ; זי האָט אויסגעדרייט דאָס דערהיצטע פּנים און דערזען הינטער זיך מעלאָרסן. אירע בלויע אויגן־אַפּלען האָבן אויפגעפלאַקערט און זי האָט זיך נאָך שנעלער אין מיסטעריעזן טאַנץ געלאָזט אַוועק, אַוועק צווישן דער געדיכטעניש פון די נאַסע צווייגן, וועלכע האָבן געשמיסן איר נאַקעט לייב. זי איז געלאָפן פאָראויס, ווי אַ מענאַדע געיאָגט פון אַ פאַון, און ער האָט פאַר זיך גאָרנישט מער געזען, נאָר דעם קיילעכדיקן אָפּגעשווענקן קאָפּ, די נאַסע, אויסגעבויגענע פּלייצעס און דעם פאַררונדיקטן, גלאַנצעדיקן הינטן, — די וואונדערלעכע פרויען־געשטאַלט, די נאַקעטע מוטער חוה, וועלכע האָט פון צווישן דעם מבולדיקן וואַסער־געפּלייץ זיך באַוויזן פאַר אים אַן אַנטלויפנדיקע און אַ לאַקנדיקע, אַ רייצנדיקע מיט איר אוראַלטער נאַקעטער טראַכט.

— — — — — — — —

ווען ער איז געקומען צו זיך, האָט ער אָפּגעשאָרט די נאַסע האָר, וועלכע האָבן אים פאַרשטעלט די אויגן.

— קום ! — האָט ער זי אַ רוף געטון און זי האָט אָנגעהויבן לויפן צום שייער צו. ער איז איר נאָכגעלאָפן, זי האָט פאַרקלענערט די טריט און אינמיטן לויפן אָנגעהויבן אָפּרייסן וואַלד־בלימלעך, און ווייטער געלאָפן עטלעכע טריט, און ווייטער געריסן וואַלד־בלימלעך, און זיך אומגעקוקט אַלע מאָל צוריק צו אים.

ווען זי איז אַ פאַרסאָפּעטע אָנגעקומען צום שייער מיט די נאַסע בלומען אין דער האַנט, איז ער שוין דאָרט געזעסן און אונטערגעלייגט טרוקענע צווייגלעך אונטערן פלאַקערנדיקן פייער. אירע שפּיציקע בריסטן האָבן זיך געהויבן און די האָר האָבן אַרומגעקלעפּט דאָס גלאַנצעדיקע לייב, דאָס פּנים אירס האָט געפלאַמט,

דאָס װאַסער האָט געררונען פון איר װי פון אַ קװאַל. מיט די
שטאָר־צעעפנטע אויגן, מיטן קײלעכדיקן נאַסן קאָפּ, מיט די פו־
לע, גראַציעזע, פון װאַסער גלאַנצנדיקע לענדן האָט זי אויסגע־
זען װי אַן אויסטערליש באַשעפעניש, אַן אומבאַקאַנטנס אויף אונ־
זער װעלט.

מעלאָרס האָט גענומען אַ לײלעך און זי אָנגעהויבן אָפּ־
װישן, זי איז דערבײַ געשטאַנען שטיל און אומבאַװעגלעך װי אַ
קלײן קינד. דערנאָך האָט ער מיטן זעלבן לײלעך אָפּגעװישט זיך
אַלײן און פאַרמאַכט די טיר פון שײער. די צװײַגלעך אין אויװן
האָבן זיך העל צעפלאַקערט. קאָני האָט זיך אַרומגעװיקלט דעם
נאַסן קאָפּ מיט אַ בריג פונם לײלעך און זיך אויסגעװישט די
נאַסע האָר.

— מיר װישן זיך בײדע מיט אײן האַנטוך, — האָט מע־
לאָרס באַמערקט, — אַ סימן, אַז מיר װעלן זיך צעקריגן.

קאָני האָט אים אָנגעקוקט מיט ברײט־געעפנטע אויגן.

— עס הײבט זיך נישט אָן, — האָט זי צוגעװאָרפן, — דאָס
איז דאָך נישט קײן האַנטוך, נאָר אַ לײלעך.

זי האָט זיך װידער גענומען שטאַרק רײַבן דעם קאָפּ, כּדי
גוט אויסצוּװישן די האָר. ער האָט זיך געטרוקנט דעם קאָפּ בײַם
פײַער.

אינקורצן זענען זײ שוין בײדע געזעסן אײַנגעהילט אין מי־
ליטערישע קאָלדרעס פאַרן ברענענדיקן אײַװועלע. דער האַריקער
קאָץ אויפן נאַקעטן לײַב איז פאַר קאָנין געװען נישט אָנגענעם,
אָבער דאָס לײלעך איז שוין געװען פולשטענדיק נאַס.

— ביסט נאָך אַלץ בײז, װאָס איך פאַר אַװעק? — האָט זי
אים אַ פרעג געטון אין אַ װײַלע אַרום.

זי האָט אָנגעקוקט זײַן פּנים. דער מינדסטער שטריך דער־
פון האָט נישט פאַרראַטן, װאָס פאַר אַ געפילן עס נורטעװען אי־
נעװײניק אין מעלאָרס' האַרץ.

— טו, װי דו פאַרשטײסט, — האָט ער שטיל געענט־
פערט.

— קוים ווילסטו נישט, פאַר איך נישט, — האָט קאָני אַרויס-גערעדט, צוטוליענדיק זיך צו אים.

ביידע האָבן געשוויגן אַ לאַנגע ווײַלע. ער האָט זיך צוגע-בויגן צום פייער און צוגעוואָרפן טרוקענע צווייגלעך. די פלאַמע האָבן זיך געמיניעט אויף זיין פנים, וועלכעס האָט אויסגעזען ווי אַן אומבאַוועגלעכע שטיינערנע מאַסקע. קאָני האָט געוואַרט, ער האָט גאָרנישט געזאָגט.

— מיט דערדאָזיקער רייזע מיינער, — האָט זי ווידער אָנ-געהויבן, — בין איך אויסן צו באַקומען אַ פּאַסיקן אויסרייד פּטור צו ווערן פון קליפאָרדן. איך וויל דאָך אַ קינד האָבן און איך וועל עס דאָך האָבן. און אָט וואָלט איך געהאַט אַ געלעגנהייט...

— צונויפצוזשטוקעווען אַ ליגנערישע מעשה פאַר מענטשנס מיילער וועגן, — האָט איר מעלאָרס אויסגעכאַפּט דעם סוף פון איר וואַקלדיקער דערקלערונג.

— טאַקע דאָס אויך. אָבער נישט בלויז דאָס מיין איך. אָבער צי ווילסטו דען, אַז מענטשן זאָלן וויסן דעם ריכטיקן אמת?

— מיך אַרט נישט, וואָס יענער טראַכט וועגן מיר.

— מיך אויך נישט! אָבער ווי לאַנג איך בין נאָך דאָרט מיט קליפאָרדן, וואָלט איך געוואָלט אויסמיידן מענטשנס מיילער. ווען איך וועל אַוועק פון דאָרט, מעגן זיי דעמאָלט רעדן און טראַכטן, וואָס זייער האַרץ גלוסט.

מעלאָרס האָט גאָרנישט דערווידערט. דערנאָך האָט ער אַ פרעג געטון:

— און סער קליפאָרד איז נישט חושד, אַז דו וועסט זיך מער צו אים נישט אומקערן?

— פונוואַנען זאָל ער חושד זיין? און צוריקגעשמועסט, מוז איך דאָך צוריקקומען!

ווידער זענען ביידע געזעסן שווייגנדיק.

— און דאָס קינד ווילסטו האָבן טאַקע דאָרט, אין טשאַ-טערליי-פּאַלאַץ?

זי האָט אַרומגעוויקלט זײַן האַלז מיט די אַנטבלויזטע אָרעמס.

— קום נעמסטו מיך נישט צו באַצײַטנס, וועל איך דאָרט מוזן האָבן דאָס קינד, — האָט זי אַרויסגעפּליסטערט.

— וואוהין דיך צונעמען?

— וואוהין דו ווילסט! אַבי אַוועק פון דאָרט! אַבי וואָס ווײַטער פון דאָרט!

— ווען?

— פאַרשטייט זיך, ווען איך וועל צוריקקומען.

— צוואָס־זשע דאַרפסטו גאָר אינגאַנצן דאָס צוריקקומען צו אים? דײַן איצטיקער אָפּפאָר קאָן דאָך שוין זײַן דער ענדגילטי־ער, דער לעצטער?

— איך מוז צוריקקומען. איך האָב עס אים צוגעזאָגט! איך װיל האַלטן וואָרט. איבעריקנס, צוריקקומען וועל איך דאָך פּאַקי־יש צו דיר, נישט צו אים!

— צו דײַן מאַנס וואַלד־וועכטער?

— וואָס איז דען די נפקא־מינה?

— אַזוי? — האָט ער זי איבערגעפרעגט. — און ווען האָסטו בדעה אינגאַנצן אַוועקצופאָרן? ענדגילטיק?

— דאָס ווייס איך נישט! פון ווענעדיק וועל איך אַלנפאַלס צוריקקומען. דערנאָך ערשט וועלן מיר ביידע צוזאַמען אָפּרעדן צווישן זיך אַלץ.

— ווי אַזוי, גלייבסטו, וועלן מיר עס קאָנען אײַנאָר־דענען?

— איך וועל אים דאַן אַלץ אויסזאָגן. דאָס, גלייב איך, מוז איך טון.

— וועסט אים דערציילן אַלץ?...

ער האָט אָפּגעהאַקט און אַנטשוויגן געוואָרן. זי האָט האַס־טיק אַרויפגעוואָרפן ביידע נאַקעטע הענט אויף זײַן האַלז און געפּליסטערט, קוקנדיק אים מיט געבעט אין די אויגן אַריין:

— מאַך מיר נישט קיין שוועריקייטן!

— וואָס פאַר אַ שוועריקייטן?

— לאָמיך פאָרן און לאָמיך זיך צוגרייטן אַלץ.

אַ שאָטן פון אַ קוים באַמערקלעכן ביטערן שמייכל האָט זיך דורכגעשלייכט דורך זיין פנים.

— איך שטער דיר נישט, — האָט ער אַרויסגערעדט. — איך וויל בלויז פאַרשטיין, וואָס דו ווילסט באַצוועקן דערמיט. איך גלייב, אַז פאַקטיש ווילסטו זיך אַליין אויספּרוּוון. דו ווילסט גע־ווינען מיט דער רייזע אַ הפסקה פון אַ שטיקל צייט און זיך אַרומ־זען, ווו דו ביסט אין דער וועלט. אדרבה, איך האַלט עס נישט פאַר קיין עוולה פון דיין זייט. איך האַלט, אַז דו טוסט קלוג און מיט ישוב־הדעת. דו ווילסט דיך באַקלערן, אפשר לוינט זיך נישט, אפשר איז גאָר גלייכער צו בלייבן ליידי טשאַטערליי. גלייב מיר, אַז איך האַלט עס לחלוטין פאַר קיין עוולה נישט און איך מאַך דיר נישט קיין פאָרוווּרפן. דו ווייסט, אַז איך בין איך און לאָרד טשאַ־טערליי איז לאָרד טשאַטערליי. און איך האַלט, אַז דיין ישוב־הדעת אין אַזאַ אַנטשיידענעם מאָמענט איז פולשטענדיק באַרעכטיקט. איך בין מיט דיר דורכאויס מסכים. און נאָך איין זאַך גלייב מיר, אַז עס שמייכלט מיר גאַנץ ווייניק די פּערספּעקטיוו צו זיין ביי דיר אַ קעסט־קינד, צו לעבן אויף דיין חשבון. איך מוז אויך זיך באַטראַכטן יעדנפאַלס פון דעמדאָזיקן שטאַנדפּונקט.

קאָני האָט אַרויסגעפילט פון זיינע רייד, אַז ער צאָלט איר אָפּ מיט דער זעלבער מטבע, וואָס זי צאָלט אים.

— אָבער דו באַשטייסט דערויף? דו ווילסט מיך? — האָט זי געפרעגט.

— און דו? דו ווילסט?

— דו ווייסט דאָך אַליין! פרעג מיך נישט אַזוי!

— נו, גוט. און ווען, ווען ווילסטו מיך?

— דו זעסט דאָך, אַז איינאָרדענען דאָס אַלץ וועט מען ערשט קאָנען, ווען איך וועל צוריקקומען פון דער רייזע. מיט דיינע ווערטער האָסטו מיך אָבער צעמישט, איך מוז צונויפנע־מען די געדאַנקען.

— נאַטירלעך! באַרויק דיך און נעם צונויף די געדאַנקען.
קאָני האָט זיך געפילט עטוואָס באַליידיקט פון זיין טאָן.
— אָבער צוטרוי האָסטו צו מיר? — האָט זי אים גע־פרעגט.
— יאָ, — האָט ער געענטפערט, — פולשטענדיקן צוטרוי.
אין זיין ענטפער האָט זי דערשפירט איראָניע.
— טאָ זאָג־זשע מיר, — האָט זי אָנגעהויבן מיט אַ פאַר־שטיקטער שטימע, — צי איז לויט דיין מיינונג גלייכער, איך זאָל קיין ווענעדיק נישט פאָרן?
— איך בין איבערצייגט, אַז ס׳איז גלייכער, זאָלסט יאָ פאָרן קיין ווענעדיק, — האָט מעלאָרס געענטפערט מיט אַ קאַלטן, עט־וואָס אָפּשפּעטנדיקן טאָן.
— איך פאָר דעם צווייטן דאָנערשטיק, — האָט זי זיך גע־מאַכט, ווי זי וואָלט זיין טאָן נישט באַמערקט.
— נו?
זי האָט זיך פאַרטראַכט און דערנאָך געזאָגט מיט איינגע־האַלטנקייט:
— ווען איך וועל צוריקקומען, וועלן מירביידע וויסן בע־סער ווי איצט, וואָס ווייטער צו טון.
— געוויס! געוויס! — האָט ער אונטערגעכאַפּט.
אַ שטילקייט האָט ווידער באַהערשטביידע. ענדלעך האָט ער מיט אַ געצוווּנגענעם טאָן מודיע געווען:
— איך בין שוין געווען ביי אַן אַדוואָקאַט וועגן דעם גט מיינעם.
קאָני האָט אַ לייכטן ציטער געטון.
— ביסט טאַקע געווען? און וואָס האָט דער אַדוואָקאַט גע־זאָגט?
— ער האָט געזאָגט, אַז גלייכער וואָלט געווען מיט אַ צייט צוריק אָנצוהייבן דעם פּראָצעס. איצט קאָנען זיך שאַפן שוועריג־קייטן. נאָר צוליב דעם, וואָס איך האָב במשך דער צייט געדינט

אין מיליטער, גלייבט ער, וועט אים געלינגען אַלץ דורכצופירן גלאַטיק. זי זאָל זיך נאָר נישט מיישב זיין און צוריקקומען צו מיר.

— זי דאַרף דען וויסן וועגן דעם?

— אוודאי! זי וועט אין קורצן געוויר ווערן, זי וועט באַקומען צוגעשיקט אַ מעלדונג פון געריכט.

— אַן עקלהאַפטע פּראָצעדור דאָס גטן זיך! מיר וועט אויך אויסקומען דאָס זעלבע גיהנום.

ווידער אַ ווײַלע שטיל.

— אוודאי וועסטו עס אויך מוזן פאַרזוכן, אויב וועסט זיך גטן. נאָר אָט וועל איך איצט מוזן לעבן ווי אַ נזיר ווייניקסטנס אַ האַלב יאָר צייט, ביז איך וועל זיך גטן. איצט, אין דער צייט, וואָס דו וועסט דאָ נישט זיין, וועל איך אַלנפאַלס פּטור ווערן דעם יצר־הרע.

— בין איך, הייסט עס, דער יצר־הרע! — האָט קאָני געזאָגט, גלעטנדיק אים דאָס פּנים. — איך בין אַזוי גליקלעך צו זיין דיין יצר־הרע! לאָמיר גלייכער מער נישט טראַכטן וועגן די זאַכן. בכלל שרעק איך מיך פאַר דיר, ווען דו הייבסט אָן צופיל צו טראַכטן. איך פיל מיך דעמאָלט עפּעס אַזוי דערשלאָגן! לאָמיר־זשע מער נישט טראַכטן. ס'וועט קלעקן צייט אויף צו טראַכטן, ווען מיר וועלן זיין צעשיידט. לאָמיר בעסער צונויפשמועסן זיך, ווען איך קום נאָכאַמאָל צו דיר אויף אַ גאַנצער נאַכט, איידער איך פאָר אַוועק. איך מוז נאָכאַמאָל שלאָפן ביי דיר אין דיין היים, אינם וואַלד־שטיבל. אפשר קומען דאָנערשטיק?

— דיין שוועסטער וועט דאָך שוין דאָ זיין דאָנערשטיק?

— טאָ וואָס איז? זי וועט טאַקע קומען דאָנערשטיק. נאָכמיטאָג פאָרן מיר ביידע אָפּ. זי אָבער וועט איבערנעכטיקן אין שטאָט און איך וועל די נאַכט פאַרברענגען ביי דיר.

— און זי? וואָס וועט זי זאָגן דערויף?

— זי ווייסט שוין צוביסלעך אַלץ. איך וועל זיך דורכ־

שמועסן מיט הילדען. זי וועט מיר אפילו בייהילפיק זיין, דו ווייסט גאַרנישט, וואָס פאַר אַ הערלעכער מענטש זי איז!

ער האָט זיך פאַרטראַכט.

— ווערסט פאָרן דאָנערשטיק נאָכמיטאָג פּלומרשט קיין לאָנ־דאָן? און באמת וועט דיך דיין שוועסטער ברענגען צו מיר דורך אַ הינטער־וועגל? אַ ריזיקאַלישער פּלאַן!

— נאַרישקייטן! קיין שום ריזיקע! איך וועל טראָגן אַן אַנדערן מאַנטל און ברילן.

— נו, טו ווי דו פאַרשטייסט, מיר איז אַלצאיינס, — האָט ער באַמערקט קאַלטבלוטיק, — איך פאַרלאָז מיך אויף דיר.

— און דו וואָס זאָגסט? — האָט זי געפרעגט.

— איך? וואָס זאָל איך זאָגן? וואָס אַרט עס מיך? איך וועל האָבן פאַרגעניגן, — האָט מעלאָרס אומגערן געענטפערט. — איך וועל דאָ גאַרנישט אָנווערן.

ער האָט זיך צעלאַכט, דערנאָך זיך אויפגעשטעלט, צוגע־גאַנגען צו דער טיר פון שייער און זי געעפנט. דער הונט, וועל־כער איז געלעגן אונטערן אָפדעכל, האָט זיך אויפגעשטעלט און אים אָנגעקוקט.

— איך, איך בין עס! — האָט מעלאָרס זיך אָנגערופן צום הונט.

דער רעגן האָט אויפגעהערט צו גיסן. אַרום איז געווען שטיל, נאַס און דעמפּיק. עס איז צוגעפאַלן דער אָוונט.

ער איז אַרויסגעגאַנגען פאַרן שייער און אַוועק מיטן שמאָלן שטעגל קווער דעם ברייטן וואַלדיקן וועג. קאָני האָט אָבסער־ווירט זיין דינע, ווייסע פיגור: ער האָט איר אויסגעזען ווי אַ גייסט, ווי אַ געשפּענסט, וואָס דערווייטערט זיך פון איר. ווען ער איז פאַרשוווּנדן געוואָרן פון איר בליק, האָט איר האַרץ אויפגע־ציטערט פון מורא. זי איז געשטאַנען ביי דער טיר פון שייער, איינגעהילט אין דער קאָלדרע און אַריינגעקוקט אין דער פאַרנאַכ־טיקער פייכטער שטילקייט פון וואַלד.

אָבער ער איז צוריקגעקומען, לויפנדיק עפּעס אַזוי מאָדנע,

ווי אונטערשפּרינגענדיק, איןביידע הענט האָט ער געטראָגן אָנגעריסענע בלומען. קאָני האָט ווידער דערפילט צו אים עפּעס ענלעכס צו שרעק, ער האָט אויסגעזען אין אירע אויגן נישט ענלעך צו אַ מענטש, עפּעס געשפּענסטיקס איז געווען אין אים אין דעם מאָמענט. ווען ער איז האַרט צוגעקומען צו איר, האָבן זיינע אויגן רעטזלהאַפט אַריינגעקוקט אין אירע. זי האָט זיין בליק נישט געקאָנט פאַרשטיין.

געבראַכט האָט ער אַ גאַנצן הויפן ווילדע נעגעלעך, פייערגלעקלעך, מאַרונע און יונגע דעמב־בליטן און קלעטער־בלימלעך מיט אַ סובטעלן צימרינג־גערוך.

ער האָט קאָנין אָנגעהויבן באַצירן מיט די געבראַכטע בלומען, איינגעפלאָכטן אין אירע האָר אָן אַ שיעור קלעטער־פלאַנצן. קאָני האָט פריילעך זיך צוגעקוקט און נישט געשטערט אים צו טון מיט איר, וואָס ער וויל. זי האָט אים נאָר אַריינגעשטעקט אַ פייערגלעקעלע אונטער די וואָנסעס, דאָס בלימל האָט זיך די גאַנצע צייט געהוידעט ביי אים אונטער דער נאָז.

— זאָלן מיר איצט זיין דאָס מיט בלומען־באַפּוצטע חתן־כּלה־פּאָר, וואָס ווערט אַזוי שיין באַזונגען אין אונזערע פאָלקס־לעגענדעס, אפשר...

ער האָט ברייט פונאַנדערגעשפּרייט די אָרעמס, ווי ער וואָלט פון שמחה געוואָלט אַרומכאַפּן די גאַנצע וועלט. דערנאָך האָט ער אַראָפּגעבלאָזן דאָס בלימל פון אונטער דער נאָז.

— וואָס „אפשר“? — האָט אים קאָני איבערגעפרעגט וועגן דעם נישט־פאַרענדיקטן זאַץ זיינעם,

ער האָט זי אָנגעקוקט מיט פאַרווונדערונג.

— האַ?

— האָסט דאָך עפּעס געזאָגט „אפשר“? זאָג־זשע, וואָס דו האָסט געוואָלט זאָגן, — האָט קאָני צודרינגלעך פאַרלאַנגט פון אים, ער זאָל פאַרענדיקן זיין געדאַנק.

— יאָ? טאָ וואָס־זשע טאַקע האָב איך געוואָלט זאָגן?

ער האָט פאַרגעסן. קאָניִן האָט דאָס זייער געקרענקט. זי איז זיכער געווען, אַז ער האָט איר געוואָלט זאָגן עפּעס וויכטיקס.

אַ לעצטער, געלער זון־שטראַל האָט זיך דורכגעשלייכט צווישן די ביימער.

— זעסט! — האָט מעלאָרס אויסגעשריגן, — די זון געזעגנט זיך שוין! צייט צו אַנטלויפן פונדאַנען, ליכטיקע פּריצה! שוין צייט, אייער דורכלויכט! טרעף אַ רעטעניש, פּריצה־לעבן: וואָס פליט אָן פליגל? — די צייט, פּריצה־לעבן, די צייט!

ער האָט גענומען אַרויפציִען אויף זיך דאָס העמד.

— ווינטש דעם באַשערטן דיינעם אַ גוטע נאַכט! — האָט ער געזאָגט צו איר און זיך טיף פאַרנייגט. — ווינטש אים, ער זאָל שטענדיק רוען אויף דער שויס פון זיין געטרייער פירשטין.

און ער האָט אַריבערגעצויגן דאָס העמד איבערן קאָפּ.

— דער געפערלעכסטער מאָמענט פאַר אַ מאַנספּערשוין איז, — האָט ער צוגעגעבן, אַרויסשטעקנדיק דעם קאָפּ פונם אַריבערגע־צויגענעם העמד, — ווען ער טוט אָן אַ העמד. דער קאָפּ בלייבט אים אין דעם מאָמענט שטעקן ווי אין אַ זאַק. איך האָב דעריבער ליבער אַמעריקאַנער העמדער, ווייל מ׳טוט זיי אָן ווי אַ מאַרינאַרקע.

קאָני איז נאָך אַלץ געשטאַנען און אים באַטראַכט. מעלאָרס האָט אַרויפגעצויגן אויף די פיס קורצע גאַטקעס און זיי צוגעקנעפּלט.

— און איצט לאָמיך זיך אָנשפּיגלען אין מיין באַשערטער פירשטין, ווי זי זעט אויס אינם בלומען־פּוץ! — האָט ער אַ זאָג געטון. — ווער ווייסט דיך איבעראַיאָר מיט בלומען באַפּוצן, פּיר־שטין מיינע? איך, צי אַן אַנדערער? „זייט געזעגנט, בלימעלעך מיינע, בלייבט געזעגנט!“ איך האָס דאָסדאָזיקע לידל, עס שטאַמט פון די ערשטע מלחמה־יאָרן.

קאָני פלעגט קיינמאָל נישט וויסן, וואָס אים צו זאָגן, ווען ער פלעגט זיין אין אַזאַ שטימונג ווי איצט. זי האָט זיך אָנגעטון און געגרייט צום גיין צוריק אין איר פאַרהאַסטער היים.

ער האָט זי באַגלייט, כאָטש זי האָט אים געבעטן, זי צו לאָזן אַליין.

ווען זיי זענען אַרויס אויפֿן ברייטן וועג, האָבן זיי דער-
זען, ווי פֿרוי באַלטאַן לויפֿט זיי אַנטקעגן.

— אָ, אייער דורכלויכט! — איז זי זיי אַקעגנגעלאָפֿן מיט
אַ בלאַס געזיכט. — מיר האָבן איבערגעקלערט, געמיינט, אַז
ס׳איז געשען עפּעס שלעכטס!

— ס׳איז גאָרנישט געשען!

פֿרוי באַלטאַן האָט געוואָרפֿן אַ בליק אויף מעלאָרס׳ פּנים
וועלכעס האָט אויסגעזען פֿאַרייִנגערט און פֿאַרשענערט פֿון דער
ליבע. זי האָט זיך באַגעגנט מיט זייַן צעשמייכלטן, עטוואָס אָפּ-
חוצפּהדיקן בליק.

— גוטן-אָוונט, מאַדאַם באַלטאַן! די פּריצה אייַערע געפֿינט
זיך איצט אין גוטע הענט, איך קאָן זי שוין איצט אָפּלאָזן!
גוטע נאַכט, אייער דורכלויכט! אַ גוטע נאַכט, מאַדאַם באַלטאַן!

ער האָט זיך טיף פֿאַרנייגט און צוריק אַוועק אין וואַלד
אַרייַן.

קאַפּיטל XVI

נאָכדעם ווי קאָני איז אַהיימגעקומען, האָט זי געמוזט דורכ-
גיין אַ פֿייַער-פּראָבע פֿון קרייז-פֿראַגן. קליפֿאָרד איז אַרויסגעפֿאָ[ר]ן
צום גרובן און געקומען צוריק פֿאַרן אָנהייב פֿון שטורעם. ו[וו]
איז-זשע געווען קאָני? ווו איז די פּריצה? קיינער האָט או[ף]
דער דאָזיקער פֿראַגע נישט געקאָנט ענטפֿערן. פֿרוי באַלטאַן האָ[ט]
נאָר אויסגעדריקט איר השערה, אַז איר דורכלויכט איז מסתּ[מא]
געגאַנגען אויף אַ שפּאַציר אין וואַלד אַרייַן. אין וואַלד אַרייַן
אין אַזאַ וועטער! — קליפֿאָרד איז שיער נישט משוגע געוואָר[ן]
פֿון אויפֿרעגונג. ביי יעדן בליץ האָט ער זיך אַזש אויפֿגעטרייסלט
פֿון שרעק, ביי יעדן דונער — באַהאַלטן דאָס פּנים אין די
הענט. ער האָט מיט גלעזערנע אויגן פֿול פּחד געקוקט אויפֿן
גאָס-רעגן הינטערן פֿאַרמאַכטן פֿענסטער, ווי די וועלט וואָלט גע-

האַלטן ביים אונטערגיין. פון מינוט-צו-מינוט איז זיין פאַרצווייפ-לונג געשטיגן.

פרוי באָלטאָן האָט זיך געפּלייסט אים צו באַרויִקן:

— זי האָט זיך געוויס באַהאַלטן אינם שייער און וואַרט, דאָס געוויטער זאָל פאַרבייגיין. זאָרגט אייך נישט, אייער דורכ-לויכט, זייער דורכלויכט איז אויסער יעדע געפאַר.

— וואָס טוט זי אין וואַלד, ווען אינדרויסן קערט זיך די וועלט? וואָס טוט זי דאָרט אין וואַלד בכלל? וואָס קאָן דאָס זיין? זי איז דאָך שוין צוויי שעה פונדערהיים? ווען איז זי אַרויס-געגאַנגען?

— מיט עטלעכע מינוט איידער איר זענט אַהיימגעקומען.

— איך האָב זי אין פּאַרק נישט באַגעגנט! גאָט ווייסט, וו זי איז איצט, וואָס מיט איר איז געשען!

— ס'איז גאָרנישט געשען. איר וועט זען, אָט קומט זי פון וואַלד אָן, זאָל נאָר אויפהערן רעגענען. מסתם האָט זי דער רעגן פאַרהאַלטן.

דער רעגן האָט אויפגעהערט, אָבער איר דורכלויכט איז נאָך אַלץ נישט געקומען. די זון האָט אַרויסגעקוקט פון צווישן די כמאַרעס, די צייט לויפט, די געלע שטראַלן געזעגענען די אָפּגע-וועקטע, אויסגעווייקטע וועלט, און קאָני איז אַלץ נאָך נישטאָ. די זון איז פאַרגאַנגען. דער בין-השמשות איז צוגעפאַלן, דער גלאָק האָט שוין צום נאַכטעסן געקלונגען.

— וואָס טוט מען! וואָס טוט מען! איך קאָן מער נישט וואַרטן! — האָט קליפאָרד געשריגן אין וואַנזיניקן אומרו. — זאָלן גיכער מיט בעטסן אַרויס אין וואַלד זי אָפּזוכן.

— מ'דאַרף נישט! — האָט פרוי באָלטאָן געבעטן. — טוט דאָס נישט! מ'קאָן נאָך מיינען, מי יודע וואָס! מענטשן קאָנען מיינען דאָס ערגסטע! אָט וועל איך גלייכער אַ לויף טון אין וואַלד אַריין, צום שייער, אַ קוק טון, צי איז מחויב דאָרט צו זיין. איר וועט זען, איך מוז זי אויפזוכן.

קליפאָרד האָט איר געגעבן די דערלויבעניש.

אַט אַזוי איז געקומען צו דער באַגעגעניש, ווען קאָני האָט היימגייענדיק באַגעגנט די צערודערטע, בלאַסע פרוי באָלטאָן ויפן וואַלדיקן שטעג.

— נעמט מיר נישט פאַר אומגוט, אייער דורכלויכט, וואָס איך בין אייך געקומען זוכן! סער קליפאָרד איז אַזוי דענערווירט, אין אַזאַ צושטאַנד, אַז ס'איז אַ שרעק! ער האָט שוין געגלייבט, אַז דער אַ דונער האָט אייך געטראָפן, אָדער אַ בוים איז אויף אייך אַרויפגעפאַלן און דערהרגעט. ער איז שוין גרייט געווען אַרויסצושיקן פילדן און בעטסן זוכן אייער קערפּער. איך האָב נישט דערלאָזט דערצו.

זי האָט גערעדט נערוועז. אויף קאָניס פּנים האָט זי נאָך דערקענט דעם אויסדרוק פון די איבערגעלעבטע ליידנשאַפטלעכע מינוטן, זי האָט פאַרשטאַנען, ווי די אַנוועזנהייט פון אַ פרעמדן ווירקט אויף קאָנין אויפרעגנדיק.

— נאַטירלעך! — האָט קאָני געענטפערט. מער קיין וואָרט האָט זי נישט געקאָנט אַרויסרעדן.

די צוויי פרויען האָבן געדרעפּטשעט שווייגנדיק איבערן נאַסן וועג, בשעת גרויסע טראָפּנס זענען מיט אַ הילכיקן אָפּקלאַנג אַראָפּגעפאַלן פון די אַרומיקעביימער. ווען זיי זענען אַריינגעקומען אין פּאַרק, האָט קאָני אָנגעהויבן גיין פאָראויס, פרוי באָלטאָן האָט איר קוים באַוויזן נאָכצואיילן, אָטעמענדיק שווער. זי האָט לעצטנס אָנגעהויבן דיקער ווערן.

— אַזאַ נאַרישקייט פון קליפאָרדס זייט! אַזוי פיל גערודער אָנצומאַכן פון גאָרנישט! — האָט קאָני אין כּעס גערעדט ווי צו זיך אַליין.

— איר ווייסט דאָך, אייער דורכלויכט, וואָס די מאַנספּערשוינען זענען. זיי ווערן שנעל אויפגערעגט. ער וועט זיך באַרויִקן גיך, ווי ער וועט נאָר אייך דערזען.

קאָני איז געווען געערגערט, וואָס פרוי באָלטאָן ווייסט איצט געוויס איר געהיימניש, זי איז זיכער געווען אין דעם.

מיטאַמאָל איז זי שטיין געבליבן אינמיטן וועג, זיך אויסגע-

דרייט צו דער פאַרסאַפּעטער פרוי באָלטאָן און מיט אַ בייזן בלישטש אין די אויגן אַרויסגערעדט:

— אַן אומדערהערטע זאַך, אַזוי מיך צו פאַרפאָלגן, מיר נאָכצושפּירן יעדן טריט!

— זאָגט דאָס נישט, אייער דורכלויכט, זאָגט דאָס נישט! ער וואָלט געוויס געשיקט די דינערשאַפט, מ׳וואָלט אייך געוויס געזוכט אין וואַלד-שייער. איך ווייס אפילו נישט, וווּ דער שייער געפינט זיך.

קאָניס באַקן זענען אַזש טונקל געוואָרן פון כעס, דערהערנדיק דידאָזיקע אַ־צוהערעניש. זי איז אָבער נאָך אַלץ געווען באַהערשט פון דער לײדנשאַפט און איר צונג האָט זיך נישט געקאָנט איבערדרייען אין איצטיקן מאָמענט צו זאָגן אַ ליגנט. זי האָט אפילו נישט געקאָנט מאַכן קיין אָנשטעל, אַז צווישן איר און דעם וואַלד-אויפזעער איז נישט פאַרהאַן קיין געמיינזאַמס. זי האָט בלויז אַ בליק געטון אויף דערדאָזיקער פרוי, וואָס איז געשטאַנען פאַר איר מיט אַ געבויגענעם קאָפּ, מיט אַ קלוגעטשקע, געשייטע מינע אויפן פּנים, אָבער געפילט האָט קאָני אין דערדאָזיקער פרוי אַ מיטפילערין, אַ מיטשיתופטע.

— אַן עסק — זעסטו! — האָט זי אויסגערופן. — זאָל זיין אַזוי! מיר איז אַלצאיינס!

— אָבער וואָס איז דען דאָ! — האָט זיך פרוי באָלטאָן שמעוודיק פאַרענטפערט. — אַלץ איז דאָך אין אָרדענונג! איר האָט זיך פּשוט באַהאַלטן פאַרן רעגן אין שייער! וואָס איז דען געשען שלעכטס!

זיי זענען געגאַנגען ווייטער ביז צום הויז. קאָני איז אַריין אין צימער צו קליפאָרדן אויפגערעגט, ביז צוליב זיין בלאַס פּנים, אויפגעבראַכטן אויסזען און אַרויסגעזעצטע אויגן.

— איך מוז דיר באַמערקן, אַז איך האַלט פאַר איבעריק דאָס נאָכשיקן נאָך מיר די דינערשאַפט, — האָט זי אַ זאָג געטון ביים אַריינקומען.

— גאָט מיינער! — האָט קליפאָרד אויסגעשריגן. — ווו

ביסטו דאָס געווען? ביסט פאַרפאַלן געוואָרן אויף שעהן, אויף גאַנצע שעהן אין אַזאַ וועטער! וואָס האָסטו, צום טייוול, געזוכט דאָרט אין דעם פאַרשאָלטענעם וואַלד? צוואָס איז דאָס אַרומשפּאַצירן בכלל? וואָס האָסטו דען דאָרט געטון? דער רעגן האָט דאָך שוין אויפגעהערט פון שיינע שעהן! דו ווייסט דען, ווי שפּעט עס איז איצט? דו קאָנסט דאָך אַ מענטש דערפירן צו משוגעת! וווּ ביסטו דאָס געווען? און וואָס האָסטו דאָרט, צו אַלדי רוחות, געטון?

— און אַז איך וועל דיר נישט ענטפערן דערויף, אַ שטייגער?

קאָני האָט בשעת־מעשה אַראָפּגענומען דעם הוט פון קאָפּ און אַ טרייסל געטון מיט די האָר.

קליפאָרד האָט זי אָנגעקוקט, די אויגן זענען אים אָנגעלאָפּ געוואָרן מיט בלוט, די ווייסלעך זענען געל געוואָרן. זייער שע׳לעך איז געווען פאַר אים זיך אַזוי שטאַרק אויפצורעגן. פרוי באָ׳זאָן פלעגט געוויינלעך נאָך אַזעלכע נערוון־אַטאַקן אים מוזן אוי׳טערגעוויינלעך זאָרגפעליק פלעגן. קאָני האָט זיך פלוצלינג דער׳פילט שולדיק קעגן דעם קראַנקן קריפּל, געוויסנביסן האָבן זיך אי׳איר דערוועקט.

— באמת! — האָט זי אויסגערופן ווייכער און מיט אַ געוו׳סער מאָס הייטערקייט. — מ׳קען טאַקע מיינען מי יודע וואָס! אַ האָב גאַנץ איינפאַך איבערגעוואַרט דעם שלאַקס־רעגן. זיצנדיק אי׳וואַלד־שייער, און האָב מיר דאָרט פייער געמאַכט און זיך געפ׳פון דעם פאַרפאַל באמת גליקלעך.

זי האָט דאָס אַל אַרויסגעזאָגט זייער פשוט און אומג׳וווּנגען, בוואָס זאָל זי נאָך דער קאַליקע פאַרשאַפן קרענקונג?

קליפאָרד האָט אויף איר אַ קוק געטון מיט חשד.

— זע נאָר, ווי דו זעסט אויס! — האָט ער אויסגערופן. ווי די האָר דיינע זען אויס!

— ס׳איז קיין וווּנדער נישט, — האָט קאָני קאַלטבלוט׳ געענטפערט — אין האָב מיך אויסגעטון נאַקעט און בין אַרו׳ געלאָפן אונטערן רעגן.

קליפארד איז פארשטיינערט געווארן פון דערדאזיקער נייעס און זי אנגעקוקט, ווי זי וואלט אראפ פון זין.

— ביסט, ווייזט אויס, משוגע געווארן! — האט ער אויס־געשריגן.

— וואס איז דען? איך האב הנאה געהאט פונם פרישקייט, — האט זי געענטפערט פשוט.

— און מיט וואס האסטו דיך אפגעווישט?

— עפעס אן אלט האנטוך איז דארט געלעגן אין שייער. אי־בעריקנס, ביים פייער בין איך שנעל טרוקן געווארן.

ער האט נישט אראפגעלאזט פון איר קיין אויג.

— און ווי וואלט געווען, ווען עמעץ קומט אן? — האט ער ענדלעך געפרעגט.

— ווער וועט קומען אין וואלד אריין, ווען ס'גיסט אזוי?

— ווער? א חילוק ווער! מעלארס א שטייגער! ער איז נישט אנגעקומען? ער מוז דאך קומען צום שייער עטלעכע מאל אין טאג!

ער איז טאקע געקומען, נאר א סך שפעטער, ווען עס האט זיך אויסגעלייטערט, ער האט אנגעקארמעט די פאזאנען.

זי האט גערעדט מיט אזא גלייכגילטיקייט, אז פרוי באל־טאן, וועלכע האט פונם שכנותדיקן צימער אונטערגעהערט, האט געשטוינט. זי האט בשום־אופן נישט געקאנט באגרייפן, ווי אזוי קאני קאן מיט אזא קאלטבלוטיקן טאן רעדן וועגן אזעלכע זאכן.

— שטעל דיר אבער פאר, וואס פאר אן איינדרוק דו וואלסט געמאכט אויף אים, ווען ער דערזעט דיך ארומלויפן א נאקעטע אויפן רעגן, ווי אן עכטע משוגענע!

— ער וואלט מסתם דערשראקן געווארן אויף טויט און געמאכט פליטה.

קליפארד האט זי אנגעקוקט מיט צוויי ארויסגעזעצטע, פארנעפלטע אויגן. וואס ער האט אין אונטערבאוווסטזיין געטראכט בשעת־מעשה, וואלט ער בשום־אופן נישט געקאנט דערקלערן. בכלל איז ער געווען צופיל צערודערט, זיין מוח זאל אין דעם

מאָמענט פעיִק זיין כאַטש אויף איין קלאָרן געדאַנק. קאָניס ענט־ פערן, אירע רייד האָט ער אויפגענומען נישט מער ווי מיטן גע־ הער, זיי זענען צו זיינע געהירן דערגאַנגען ווי אַ פּוסט ווידער־ קול. און גלייכצייטיק האָט ער זי באַוווּנדערט, ממש באַוווּנדערט. זי איז געווען אַזוי אויפגעהייטערט, זי האָט אויסגעזען אַזוי שיין, אַזוי סימפּאַטיש, אַזוי ליב, אַזוי לעבנדיק!

— אַלנפאַלס, וועסטו דאַרפן גאָט דאַנקען, אויב דו וועסט אָפּקומען אָן אַ שטאַרקער פאַרקילונג, אָדער אָן אַנדערער קרענק, — האָט ער נאָך אַ לאַנגער אָטעם־פּויזע אַרויסגערעדט.

— אָ, זאָרג דיך נישט, איך בין נישט פאַרקילט, — האָט קאָני געענטפערט.

אינאַוונט האָט קליפאָרד זיך באַמיט צו זיין העפלעכער צו איר. ער האָט געלייענט עפּעס אַ ניי בוך — אַ וויסנשאַפטלעך־ רעליגיעז ווערק. בכלל איז ער לעצטנס געוואָרן אויף אַן אייגנ־ אַרטיקן אופן צבועותדיק רעליגיעז, ער האָט זיך עגאָצענטריש גע־ זאָרגט וועגן השארת הנפש פאַר זיין אייגענעם „איך". לויט דעם איינגעשטעלטן מנהג צווישן קליפאָרדן און קאָנין, האָט ער גע־ מוזט אָפּט פירן מיט איר דיספּוטן איבער ביכער, דאָסדאָזיקע איז פאַר אים געוואָרן אַ נויטווענדיקייט, כמעט אַ כעמישע נויטווענ־ דיקייט. דערדאָזיקער קאָנטאַקט, דער מוח־קאָנטאַקט איז פאַרבליבן דאָס איינציקע, וואָס האָט זיי פאַראייניקט.

— ווי איז דיין מיינונג וועגן דעם? — האָט ער אָנגעהויבן, ווייזנדיק אויפן בוך, וועלכעס ער האָט געלייענט. — דו וואָלסט פאַרשפּאָרט זיך צו מאַכן קאַלטע פרישניצן אויפן צעהיצטן קאָפּ דיינעם, וואָלסט פאַרשפּאָרט ארומצולויפן אויפן רעגן, ווען דו זאָלסט זיך פאַרטיפן אין מהות פון דעמדאָזיקן בוך. צווישן אַנדערן ווערט דאָ אַזוי געזאָגט: „אויף דער וועלט קאָן מען קוקן פון צוויי שטאַנד־ פונקטן. פון ערשטן שטאַנדפּונקט, אַז מ'קוקט — דערנידעריקט זיך דער קערפּער, אָבער דער גייסט ווערט דערהויבן".

קאָני האָט געשוויגן, זי האָט געוואַרט אויף דער פאָרזעצונג

פון דער סענטענץ. קליפארד האט אפגעהאקט און זי האט אים אנ־געקוקט פארווונדערט:

— אז די וועלט דערהייבט זיך, וואס לאזט זי איבער אונ־טער זיך, דארט, ווו ס'האט זיך געפונען דער וועלטס ווינדל?

— זוי וווּלגאר דו דריקסט זיך אויס און ווי פשוט דו פאר־שטייסט עס! — האט קליפארד אויסגערופן עמפערט. — דו מוזסט פארשטיין די כוונה פונם מחבר — ד ע ר ה י י ב ו נ ג אלס קעגנזאץ צו י ר י ד ה.

— עס קומט אויס, ווי אזא מין גייסטיקע אויפבלאזונג!

— צי מיר שפאסן, צי מיר שמועסן ערנסט? ווי פארשטיי־סטו דאס בכלל, איך מיין דידאזיקע סענטענץ?

קאני האט אויף אים געווארפן א זייטיקן בליק.

— דו ווילסט הערן מיין מיינונג וועגן פיזישער ירידה? — האט זי מיט א שמייכל געפרעגט. — איך זע, דו ווערסט דיקער וואס א יאר מער, אויך איך בין נישט קיין פיזישער יורד. ווי מיינסטו, די זון איז קלענער געווארן, ווי זי איז געוועזן אמאל? מיר שיינט, אז נישט. איך האלט, אז דאס עפעלע, מיט וועלכן חוה האט מכבד געווען אדמען, איז מסתם נישט געווען פיל גרע־סער ווי א היינטיקער גאלדענער רענעט. ווי מיינסטו?

— הער־זשע, וואס ער שרייבט ווייטער: „דערדאזיקער פראצעס קומט פאר זייער פאמעלעך, מיט אזא לאנגזאמקייט, וואס לאזט זיך דורך אונזערע צייט־אויסמעסטונגען נישט קאנטראלירן. און אזוי ארום דערנענטערט זיך די וועלט צו א נייעם שאפונגס־צושטאנד, אין וועלכן די פיזישע זייט פון דער וועלט וועט מיט זיך פארשטעלן בלויז א שוואכינקן שטראם, וועלכן עס וועט כמעט אוממעגלעך זיין אונטערצושיידן פון רוחניות. דער פיזישער יש וועט כמעט אויסזען ווי אן אין".

קאני האט געהארכט מיט א כסדר וואקסנדיקער הייטער־קייט. עס האבן זיך איר געבעטן אויף דער צונג אומאנשטענדי־קע ביישפילן צו דעמדאזיקן פילאזאפישן מאמר. זי האט זיך אבער

איינגעהאַלטן און געזאָגט בלויז דאָס, וואָס איז מעגלעך געווען צו זאָגן קליפאָרדן:

— אַך, וואָס פאַר אַ מאַגישע קונצשטיקלעך! גלייך ווי דער נישטיקער, פאַרדיסטענער באַוווסטזיין וואָלט באמת געקאָנט עפּעס וויסן וועגן ענינים, וועלכע קומען פאַר מיט אַזאַ אויסטערלישער פּאַמעלעכקייט! פאַר מיר איז נאָר קלאָר איין זאַך, אַז דער מחבר אַליין מוז זיין אַ פאַרשווינדל אַ פּיזיש פאַרקריפּלטס. מסתם וויל ער טאַקע דעריבער צונעמען ביי דער גאַנצער וועלט איר פּי־זישן ווערט. אַן אומפאַרשעמטע חוצפּה!

— אָבער הער ווייטער! רייס נישט איבער די הויכע גע־דאַנקען פון דעמדאָזיקן באמת גרויסן מענטש! — „די עקזיסטירנ־דיקע וועלט־אָרדענונג האָט זיך אָנגעהויבן ביי אומשטענדן, וועל־כע עס איז זיך אוממעגלעך פאָרצושטעלן און זי וועט זיך ענ־דיקן אויך אין אַזעלכע אומשטענדן, וועלכע עס איז זיך אוממעג־לעך פאָרצושטעלן. דויערהאַפטיק, אייביק זענען בלויז די אַב־סטראַקטע פאָרמען און שאַפונגס־כוחות, זיי זענען עס די גרונט־יסודות, וועלכע זענען געשאַפן געוואָרן פון גאָט אַליין און בלויז פון זיין חכמה זענען אָפּהענגיק די פאָרמען פון דער וועלט־אָר־דענונג". דערמיט ענדיקט ער.

קאָני איז געזעסן און זיך צוגעהערט מיט ביטול.

— געענדיקט! — האָט זי אויסגערופן. — אָ, וואָס פאַר אַ גייסטיקע אָנגעבלאָזנקייט! אַ ים מיט שטותים! אומשטענדן אומ־מעגלעכע זיך פאָרצושטעלן, אָנהייב און סוף פון וועלט־אָרדענו־גען, אַבסטראַקטע פאָרמען און שאַפונגס־כוחות, און גאָט אַליין מיט זיין חכמה, דאָס אַלץ אויסגעמישט אין איין קאַשע! דאָס איז דאָך ריינער אידיאָטיזם!

— איך בין מודה, אַז עס איז נישט אַלץ קלאָר, אַז עס איז נישט אַזוי דורכזיכטיק דער געדאַנקען־גאַנג פונם מחבר, אַז דאָס איז אַזוי ווי אַ געמיש פון גאַזן, — האָט קליפאָרד מסכים גע־ווען. — דאָך זע איך דאָ איין זייער אַ טיפן געדאַנק, אַז די וועלט מוז קומען צו פיזישער ירידה און גייסטיקער דערהייבונג.

— אַזוי גליכטסטו ? מהיכא־תיתי, זאָל זי זיך הייבן און דער־הייבן, אַבי מיך זאָל זי איבערלאָזן מיט מיין פיזישקייט דאָ אין דער נידער !

— אַזוי איינגעליבט ביסטו אין דיין קערפערלעכקייט ? — האָט קליפאָרד געפרעגט.

— נישט איינגעליבט, נאָר פאַרליבט בין איך !

— דאָס איז באמת מערקווירדיק. עס איז דאָך אוממעגלעך צו לייקענען, אַז די קערפערלעכקייט אונזערע איז אַ גרויסע שטע־רונג פאַר אונזער גייסט. נאָר צוריקגעשמועסט, פרויען פילן נישט די העכסטע פרייד אין גייסטיקן לעבן.

— די העכסטע פרייד ? — האָט קאָני איבערגעפרעגט. — אָט דאָסדאָזיקע אידיאָטישע שרייבעריי, אָט דאָס זאָל זיין די העכסטע פרייד פון גייסטיקן לעבן ? איך בין זי מוחל — דידאָזיקע פרייד ! איך וויל ליבערשט דעם קערפער. לויט מיין פאַרשטאַנד איז דאָס לעבן פונם קערפער אַ סך מערווירקלעך, ווי דאָס לעבן פונם גייסט. פאַרשטייט זיך, אויב דער קערפער איז באמת אַ קערפער, וועלכער וויל לעבן, קאָן לעבן און האָט לוסט צום לעבן. עס זע־נען אָבער פאַרהאַן אַן אַ שיעור מענטשן, ווי אַ שטייגער דער באַ־רימטער אידיאָט דיינער, דער מחבר פון דעמדאָזיקן שטותים־ווערק, וועלכע פאַרמאָגן טאַקע נישט מער ווי אַ גייסטיקע צוטשעפעניש צו אַ פיזישן בר־מינן.

קליפאָרד האָט זי אָנגעקוקט דערשטוינט.

— דאָס לעבן פונם קערפער, — האָט ער באַמערקט, — איז דאָך פשוט דאָס לעבן פון דער חיה.

— אַ סך בעסער איז עס אָבער ווי דאָס לעבן פון אַ מת. גאָר עס איז גאָר איבעריק אַ וואָרט צו פאַרלירן איבער דעם בוך. עס איז נאַריש און לעכערלעך, און דער עיקר פאַלש : דער מענטש־לעכער קערפער הייבט ערשט לעצטנס אָן אויפצולעבן. ער שטייט ערשט אויף פונם קבר. ערשט איצט קומט פאַר דער תחית־המתים פונם קערפער. עס גייט אַ לעבן אַ נייעס, אַ הערלעכס, אַ הערלעך

לעבן אויף אַ הערלעכער וועלט – דאָס לעבן פונעם מענטשלעכן קערפּער.

– מיין טייערע, דו רעדסט, פונקט ווי דו וואָלסט געווען אַ נביא! אמת, דו פאַרסט טאַקע אַרויס אויף אַ לוסט־רייזע, אָבער דיין אַנטציקונג איז אפילו אַ ביסל נישט אָנשטענדיק. גלייב מיר, וואָס פאַר אַ גאָט עס זאָל נישט רעגירן איבער דער וועלט, אָבער זיין טועכץ איז זייער קלוג און דערהויבן, ער נעמט ביסלעכ־ווייז צו ביים מענטש דעם באַלאַסט פון די אינגעווייד־און פאַר־דייאונגס־אָרגאַנען און ער פירט צו דער אַנטוויקלונג פון אַ מער דערהויבן, מער גייסטיק באַשעפעניש, ווי דער איצטיקער מענטש איז.

– פאַרוואָס זאָל איך דיר גלייבן, קליפאָרד, ווען איך פיל גאָר, אַז וועלכער גאָט עס זאָל מיט דער וועלט נישט רעגירן, האָט ער אין מיר אויפגעוועקט דווקא דאָס, וואָס דו רופסט אָן אינגעווייד. פאַרוואָס־זשע זאָל איך דיר גלייבן, אַז איך פיל פונקט קאַפּויער, ווי דו זאָגסט?

– איך פאַרשטיי, איך פאַרשטיי! טאָ וואָס־זשע האָט אין דיר אויפגעוועקט דידאָזיקע אויסערגעוויינלעכע ענדערונג? צי דאָס אַרומלויפן נאַקעט אויפן רעגן און מאַכן פון זיך אַ באַקכאַנ־טין? אָדער אפשר גאָר די לוסט צו סענסאַציאָנעלע עמאָציעס, אָדער די פאַרשטייענדיקע לוסט־רייזע קיין ווענעדיק?

– אַלץ אינאיינעם. וואָס, איז אפשר אַ חטא. וואָס איך פריי מיך מיטן אַרויספאָר קיין ווענעדיק?

– אַ חטא איז עס נאָר אויף אַזוי פיל, אויף וויפיל דו ווייזסט אַרויס דיין שמחה צו עפנטלעך.

– נו, מילא, וועל איך מיך פון היינט אָן פרייען אין געהיים.

– באַמי זיך נישט, עס לוינט נישט און אפשר פאַלט מיר פון דיין שמחה אויך צו אַ קליין חלק. איך האָב כמעט דעם איינ־דרוק, ווי איך אַליין וואָלט אויך מיטגעפאָרן.

– טאָ פאָר טאַקע מיט.

– דאָס איז שוין אַ באַשלאָסענע זאַך. איך פאָר נישט. אי־

בעריקנס, איך פארשטיי דיין שמחה, דו ביסט צופרידן צו פאר־לאזן אלץ, אלץ, וואס געפינט זיך דא, אפילו מיך אויך. אויף א קורצער צייט, געוויינלעך. דיין ענטוזיאזם נעמט זיך פונם געדאנק, אז איינקורצן וועסטו דא אלץ און אלעמען זאגן: — זייט געזעגנט! דו טארסט אבער נישט פארגעסן, אז וועסט זיך אפרייסן פונדא־נען און זיך צובינדן ערגעץ אנדערש. וועסט אונז געזעגענען און מיט אנדערע וועסטו זיך באגעגענען. און נייע באגעגענישן זע־נען נייע קייטן.

— איך האב נישט בדעה אנצוטון ערגעץ־ווו נייע קייטן.

— בארים דיך נישט פאראויס און פרוו נישט זיין קיין נביא, דער גורל שטייט שטענדיק הינטער אונזערע פלייצעס און הערט אונטער.

קאני האט זיך פארטראכט און ארויסגערעדט הארט:

— ביסט גערעכט, מ׳טאר זיך נישט באריימען און פרוון פאראויסזען די צוקונפט.

פונדעסטוועגן האט די פרייד געשפרודלט פון איר, זי האט געיובלט ממש, וואס זי ווארפט אראפ פון זיך די אלטע קייטן. זי האט די שמחה נישט געקאנט האמעווען אין זיך.

קליפארד האט בשום־אופן נישט געקאנט איינשלאפן און די גאנצע נאכט געשפילט אין קארטן מיט פרוי באלטאן, וועלכע איז געזעסן און שיער נישט געעקט זיך פון אויסגעמאטערטקייט.

ענדלעך איז געקומען דער טאג, ווען הילדא האט געזאלט צונעמען פונדאנען קאנין. מיט מעלארסן איז אפגערעדט געווארן אזוי, טאמער וועט דער פלאן צו פארברענגען צוזאמען דידאזיקע לעצטע נאכט זיך לאזן דורכפירן, הענגט קאני ארויס ביי איר פענסטער א גרינעם שאל, טאמער נישט — א רויטן.

פרוי באלטאן האט געהאלפן קאנין איינפאקן די זאכן

— די ענדערונג וועט געוויס וירקן אויף אייער דורפלויכט בום גוטן, — האט זי געזאגט.

— איך דענק אויך דאס זעלבע. איר נעמט אייך געוויס

נישט צום האַרץ, וואָס סער קליפאָרד בלייבט דאָ בלויז אונטער אייער אויפזיכט, אמת?

— חלילה, עס אַרט מיך לחלוטין נישט דער עול. איך בין שוין געוווינט. מיר דאַכט זיך, אַז ער זעט אויס פיל בעסער ווי פריער.

— פיל בעסער. איר האָט אויף אים אַן אויסטערלישע ווירקונג.

— אַזוי מיינט איר? די מאַנספערשוינען זענען אַלע די זעלבע. ווי די קליינע קינדער. מען מוז זיי חנפענען און איינרעדן, דערנאָך מאַכן דעם אָנשטעל, ווי זיי דערפילן זייער אייגענעם ווילן, נישט אייערן. ווי איז אייער מיינונג וועגן דעם, אייער דורכלויכט?

— איך האָב מורא, אַז עס פעלט מיר דערפאַרונג צו אורטיילן וועגן דידאָזיקע פראַגן, — קאָני האָט אויפגעהערט איינצופאַקן די קופערטס. — און אייער מאַן? אים האָט איר אויך געמוזט איינרעדן און באַהאַנדלען ווי אַ קינד? — האָט זי געפרעגט, אַנקוקנדיק איר מיטשמועסערין.

פרוי באָלטאָן האָט אויך אויפגעהערט איינצופאַקן די זאַכן.

— הם! — האָט זי געצויגן מיט די אַקסלען. — אָפטמאָל פלעג איך אים מוזן איינרעדן, ער אָבער האָט שטענדיק געוווּסט, צו וואָס איך ציל. פונדעסטוועגן פלעגט ער מיר כמעט שטענדיק נאָכגעבן.

— ער האָט קיינמאָל נישט געשפילט די ראָל פון אַ הערשער איבער אייך?

— ניין! טיילמאָל אָבער פלעג איך אין זיינע אויגן באַמערקן אַזאַ מין אויסדרוק, אַז איך פלעג תיכף באַשליסן אָפּצוטרעטן. מערסטנטיילס פלעגט ער אָבער אָפּטרעטן. ניין, קיין הערשער איבער מיר איז ער נישט געווען. איך אָבער אויך נישט. איך האָב שטענדיק געוווּסט, ווי ווייט איך מעג מיך פאָראויסרוקן און פלעג שטענדיק באַצייטנס אָפּטרעטן, כאָטש דאָס פלעגט מיך קאָסטן גענוג געזונט.

— אָבער וואָס וואָלט געווען, ווען איר שטעלט זיך אים אַקעגן?

— איך ווייס נישט. קיינמאָל פלעג איך אַזוי נישט טון. אפילו ווען ער איז געווען אומגערעכט. קוים פלעגט ער זיך איינשפּאַרן, בין איך שטענדיק אָפּגעטרעטן. איר פאַרשטייט, אייער דורכלויכט, כ'האָב נישט געוואָלט צעשטערן דאָס, וואָס האָט אונז פאַראייניקט. איינס בין איך זיכער, אַז ווען אַ ווייב הייבט אָן סיכסוכים מיט אַ מאַן, איז אַן עק צום צוזאַמענלעבן. אויב מ'ליבט אַ מאַן ערנסט, מוז מען אים אָפּטרעטן, ווען ער האָט אָנגענומען אַן ערנסטן באַשלוס. צי ער האָט רעכט, צי נישט, אָפּטרעטן דאַרף מען אים. ווען נישט, קאָן מען אַלץ, אָדער דאָס וויכטיקסטע צעשטערן. איך מוז אָבער מודה זיין, אַז מיין מאַן פלעגט אויך אָפטמאָל אָפּטרעטן, ווען איך פלעג זיך טיילמאָל פאַרגעסן און ווען אויספירן מיינס.

— איר טוט אַזוי מיט אַלע מאַנספּערשוינען, פרוי באָלטאָן?

— חלילה! וואָס גייען מיך אָן אַנדערע מאַנספּערשוינען! מיט זיי האַנדל איך, ווי מיר פאַלט איין. אָבער מיט אַ מאַן, מיט אַ געליבטן איז גאַנץ אַנדערש. וואָס אינטערעסירן מיך פרעמדע מענער? איך גלייב בכלל, אַז אַ פרוי, וועלכע האָט ווען עס איז אמתדיק געליבט, אינטערעסירט זיך מער קיינמאָל נישט מיט אַנדערע מענער.

די לעצטע ווערטער האָבן אויף קאָני געמאַכט אַן איינדרוק.

— איר גלייבט, הייסט עס, אַז מער ווי איינמאָל קאָן מען נישט ליבן?

— אָדער איינמאָל אין לעבן, אָדער קיינמאָל נישט! ס'רוב פרויען ליבן קיינמאָל נישט, זיי ווייסן גאַרנישט, וואָס מען מיינט ליבן. ווען איך באַגעגן אָבער אין לעבן אַ פרוי, וועלכע לעבט אמתדיק, בין איך ממש אויס מענטש, דאָס האַרץ שטאַרבט אָפּ אין מיר פון בענקשאַפט.

— און ווי איז אייער מיינונג, צי אַלע מאַנספּערשוינען ווערן אַזוי לייכט אויפגערעגט? — האָט קאָני איבערגעהאַקט פרוי באָלטאָנס השתפכות הנפש.

— אַלע! אַלע! פּרוּווט נאָר אָנרירן זייער מענער־שטאָלץ. סך־הכּל איז דאָך מיט פרויען אויך דאָס זעלבע. דער חילוק איז נאָר אינעם מין: פרויען־שטאָלץ און מענער־שטאָלץ זענען צוויי גאַנץ באַזונדערע זאַכן.

קאָני האָט זיך ווידער פאַרטראַכט. איצט האָט זי אָנגעהויבן פילן געוויסנסביסן צוליב איר פלוכלינגדיקן אָפּפאָר פונדאַנען. סך־הכּל אַנטלויפט זי דאָך איצט אויך פונעם געליבטן! און ער, מע־לאָרס, פילט עס דאָך, ער ווייסט עס דאָך. דעריבער טאַקע איז זיין אויפפירונג געווען אַזוי אויסטערליש און זיינע רייד אַזוי סאַר־קאַסטיש.

עס איז קיין ספק נישט! די מענטשלעכע עקזיסטענץ איז אין דער גרעסטער טייל באַהערשט דורך דער מאַשין פון אויסערלעכע סיבות. זי געפינט זיך טאַקע איצט אין רשות פון דערדאָזיקער מאַשין. זי קאָן זיך נישט באַפרייען פון איר אָן געוואַלטיקע אָנ־שטרענגונגען. באמת, וויל זי זיך גאַרנישט באַפרייען פון איר.

הילדאַ איז אָנגעקומען דאָנערשטיק פאַרטאָג אין איר אייגע־נעם, צווייפּערזאָניקן אויטאָ. זי האָט אויסגעזען באַשיידן, קינדיש־צאַרט, ווי שטענדיק, אָבער פון איר גאַנצער באַשיידענער, צאַר־טער פיגור האָט זיך אַרויסגעפילט איר שטענדיקע עקשנות. זי האָט געהאַט אין זיך אַ טייוולישע עקשנות, וועלכע עס האָט תיכף דער־פילט אויף זיין אייגענער הויט דער מאַן אירער. זי האָט טאַקע איצט געהאַלטן ביי גטן זיך מיטן מאַן. זי האָט אים קיין שוועריג־קייטן ביים דורכפירן דעם גט נישט געמאַכט, כאָטש זי האָט קיין געליבטן נישט געהאַט. זי איז שוין איבערגעזעטיקט פון די מאַנס־פערשוינען. זי איז העכסט־גליקלעך, וואָס זי בלייבט איצט אַליין מיט זיך, אַ באַלעבאָסטע פאַר זיך און איבער זיך אַליין, און וואָס זי וועט קאָנען אירע צוויי קינדער געבן אַ „געהעריקע“ דערציִונג. וואָס זי מיינט מיטן אויסדרוק „געהעריקע דערציִונג“, איז קיין נפקא־מינה נישט.

הילדעס באַגאַזש איז באַשטאַנען פון איין האַנט־וואַליזקע. קאָנין האָט זי אויך מער נישט דערלויבט מיטצונעמען. דער פאָ־

טער זייערער פאָרט מיט דער באַן און ער פירט מיט זיך הילדעס אַ גרויסן קופערט מיט זאַכן, וועלכע וועלן קלעקן סיי פאַר איר, סיי פאַר קאָנין. מיט דער באַן פאָרט דער פאָטער דערפאַר, ווייל ער האַלט פאַר אַ שטות מיטצושלעפן קיין וועגעדיק אַן אויטאָ, בפרט אויף זומער, ווען די היצן זענען דאָרט צו גרויס און מען קאָן נישט מאַכן קיין אויטאָ־אויספלוגן. פאָרט ער טאַקע פון שאָט־לאַנד בהרחבהדיק מיטן צוג.

הילדאַ האָט באַלד אָנגעהויבן ווי אַן עכטער פעלדמאַרשאַל אַרויסגעבן פאַראָרדענונגען וועגן דער רייזע. אָט זיצט זי מיט קאָנין אין בודואַר און פירט דעם שמועס געשיקט און מיט אַ קאָ־טעגאָרישן טאָן.

— אָבער, הילדאַ, — בעט זיך קאָני עטוואָס שרעקעוו־דיק. — איך מוז דאָך בלייבן נעכטיקן דאָ. אייגנטלעך, נישט דאָ גופא, נאָר נישט ווייט פונדאַנען.

הילדאַ האָט באַטראַכט די שוועסטער מיט אירע גרויע, רעטזלהאַפטע אויגן. זי האָט אויסגעזען אַזוי רויק, אָבער אַ ליאַדע מינוט קאָן ביי איר אויסברעכן דער שטורעם.

— וווּ ?

— דו ווייסט דאָך, אַז איך האָב אַ געליבטן, נישט אמת ?

— איך האָב באַלד געטראַכט, אַז עפּעס ענלעכס מוז דאָ זיין.

— נו, אָט, ווױנט ער דאָ נישט ווייט. ווייל איך ביי אים פאַרברענגען די לעצטע נאַכט. איך מוז ! איך האָב געגעבן דאָס וואָרט.

קאָני האָט נישט געוואָלט אָפּטרעטן.

הילדאַ האָט שווייגנדיק אַראָפּגעבויגן דעם מינערוואַ־קאָפּ, דערנאָך געוואָרפן אַ בליק אויף דער שוועסטער.

— צי קאָנסטו מיר זאָגן, ווער דאָס איז ? — האָט זי אַ פרעג געטון.

— אונזער וואַלד־אויפזעער, — האָט קאָני אַרויסגעשטאַמלט און שטאַרק רויט געוואָרן, ווי אַ פאַרשעמט קינד.

— קאָני! — האָט הילדאַ אויסגעשריגן, פאַרציענדיק די נאָז פון עקל...

— איך ווייס. אָבער ער איז ווירקלעך אַנטציקנדיק. ער ווייסט באמת, וואָס עס הייסט ליבע.

הילדאַ האָט, ווי די ראָז-באַקיקע געטין אַטענע, ווידער אַראָפּגעבויגן דעם קאָפּ און זיך טיף פאַרקלערט.

זי האָט טאַקע קליפאָרדן נישט ליב געהאַט: עס האָט זי געערגערט זיין קאַלטע גאווה — אַ לאָרד! זי האָט געהאַלטן, אַז קאָניס צוזאַמענלעבן מיט קליפאָרדן איז מיאוס, עקלהאַפט מיאוס. זי וואָלט צופרידן געווען, קאָני זאָל פון אים אַוועק. געהערנדיק אָבער צום סאָלידן שאָטלענדישן מיטלשטאַנד, האָט זי געפילט אַן עמפּערונג צו יעדער אַרט פאַראומווירדיקן די פּערזאָן אָדער פאַמיליע. ענדלעך האָט זי אויפגעהויבן דעם בליק צו דער שוועסטער און אַרויסגערעדט:

— וועסט אַמאָל חרטה האָבן.

— ניין, איך וועל קיין חרטה נישט האָבן! — האָט קאָני אויסגערופן, שטאַרק רויט ווערנדיק. — ער איז אַ זעלטענער מענטש, אַן אויסנאַם פון אַלע. איך ליב אים ערנסט. ער איז אַ ווונדערלעכער געליבטער.

הילדאַ האָט נאָך אַלץ איבערגעלייגט אין געדאַנק די סיטואַציע.

— דאָס וועט זיך ביי דיר שנעל ענדיקן, — האָט זי געזאָגט, — דערנאָך וועסטו זיך מיט דער חרפה אַרומטראָגן דאָס גאַנצע לעבן.

— אויסגעשלאָסן, הילדאַ, אויסגעשלאָסן! איך ריכט מיך צו האָבן אַ קינד פון אים.

— קאָני! — האָט הילדאַ אַן אויפגעברויזטע אויסגעשריגן, ווי זי וואָלט מיט אַ האַמער אַ זעץ געטון, און איז בלאַס געוואָרן פון צאָרן.

— איך וויל עס! איך וויל עס אומבאַדינגט! איך וועל זיך פילן שטאָלץ צו האָבן מיט אים אַ קינד!

זייער מיינונגס-אויסטויש האָט אָנגעווירן יעדן זין. הילדאַ האָט ווידער געכאַפּט אַ ישוב.

— קליפאָרד ווייסט עפּעס? ער איז עפּעס חושד? — האָט זי אַ פרעג געטון.

— חלילה! פונוואַנען?

— איך בין איבערצייגט, אַז דו האָסט אים געגעבן גענוג געלעגנהייטן דיך חושד צו זיין, — האָט הילדאַ בייז אַרויסגערעדט.

— עס הייבט זיך נישט אָן.

— אַלנפאַלס, דיין אויפטו אויף דער היינטיקער נאַכט איז נישט מער ווי משוגעת. וווּ וווינט ער, דערדאָזיקער?

— אינם וואַלד-שטיבל, אין צווייטן עק וואַלד.

— ער איז אַ בחור?

— ניין. דאָס ווייב איז אַוועק פון אים.

— ווי אַלט איז ער?

— כ׳ווייס נישט. ער איז עלטער פאַר מיר.

נאָך יעדן ענטפער איז הילדאַ נאָך מער אין כעס געוואָרן, זי איז שוין באַלד געווען אַזוי אויפגערעגט, ווי איר מוטער פלעגט זיין, איידער עס פלעגט אויף איר אָנפאַלן די היסטעריע. זי האָט זיך אָבער איינגעהאַלטן מיט אייזערנע צוואַנגען.

— איך וואָלט דיר געראַטן אָפּצוזאָגן זיך פון דעמדאָזיקן ביינאַכטיקן באַגעגעניש, — האָט זי ווי ווייט מעגלעך רויִקער אַרויסגערעדט.

— איך קאָן נישט! איך מוז מיט אים פאַרברענגען די היינטיקע נאַכט, אויב נישט, קאָן איך בכלל נישט פאָרן קיין ווענעדיק. איך קאָן נישט.

הילדאַ האָט דערזען, אַז זי וועט מיט איר גאָרנישט מאַכן — דעם פאָטערס עקשנות — און זי האָט דיפּלאָמאַטיש אָפּגעטרעטן. זי האָט איינגעשטימט אָוונט-צייט אָפּצופאָרן מיט קאָני קיין מאַנספילד, ווען די נאַכט וועט צופאַלן זי צוריק אָפּפירן אין וואַלד אַריין, אַליין איבערנעכטיקן אין מאַנספילד, אַ האַלבע

שעה רייזע פון וואַלד, און צומאָרגנס פֿאַרטאָג קומען נאָך איר צו פאָרן און זי צונעמען פונם וואַלד־שטיבל. זי האָט אַלץ גע־נוי אָפּגערעדט, אָבער אין האַרץ האָט געזאָטן דער כּעס אויף קאָ־נין, ווייל זי האָט איר געמוזט נאָכגעבן און נאָך בייהילפיק זיין ביים דורכפירן דעם משוגענעם פּלאַן.

קאָני האָט תּיכּף אַרויסגעהאָנגען ביי איר פענסטער אַ גרי־נעם שאַל.

דער כּעס אויף דער שוועסטער האָט געווירקט אויף הילַ־דען אַזוי, אַז זי איז געווען ייער ליבלעך צו קליפאָרדן. שליס־לעך איז כאָטש קליפאָרד אַ מענטש פון גייסט. וואָס אַרט דאָס וועמען, וואָס ער איז געשלעכטלאָז? ווייניקער מיט איין מאַנס־פערשוין אויף דער וועלט!

קליפאָרד ווידער איז געקומען צום באַשלוס, אַז סוף־כּל־סוף איז הילדאַ פאַרט אַן אינטעליגענטע פרוי, אַז זי וואָלט געווען זייער אַ וויכטיק, אינטערעסאַנט און נוצלעך ווייב ביי אַ מאַן, וועלכער וואָלט זיך באַשעפטיקט מיט פּאָליטיק, דיפּלאָמאַטיע, אָדער ענלעכע געזעלשאַפטלעכע פּראָפעסיע.

די טיי איז פריער ווי שטענדיק סערווירט געווען אינם האָל, די טירן זענען געשטאַנען אויפגעפּראַלט, כּדי די זון זאָל אַריינשיינען. אַלע זענען געזעסן אַרום טיש אין אַ פייערלעך־אָנגע־צויגענער שטימונג.

— פאָר געזונט, קאָני, מיידעלע מיינס! קום צוריק צו מיר ווי אַמשנעלסטן.

— בלייב געזונט, קליפאָרד! איך וועל נישט לאַנג פאַרזוימען.

קאָני האָט זיך געפונען אין דער זעלבער פייערלעך־אָנגע־צויגענער שטימונג, וואָס אַלע.

— פאָר געזונט, הילדאַ! זע, טו אַכטונג אויף קאָנין.

— האָב קיין מורא נישט, — האָט הילדאַ געענטפערט, — איך וועל זי נישט לאָזן צופיל פאַרגאַלאָפּירן זיך.

— געדענק, וואָס דו זאָגסט מיר צו.

— צום ווידערזען, מאַדאַם באָלטאָן! איך בין זיכער, אַז איר וועט דאָ אַכטונג טון אויף סער קליפאָרדן.

— זאָרגט אייך נישט, אייער דורכלויכט, איך וועל נישט זשאַלעווען קיין מי.

— זשאַלעוועט נישט קיין בריוו, שרייבט אָפט.

— אָוודאי, אָוודאי, איך וועל אומבאַדינגט שרייבן אייער דורכלויכט. ווײַלט אייך דאָרט גוט! און קומט ווי צום שנעלסטן, מיר וועלן דאָ בענקען נאָך אייך.

אַלע האָבן געפאָכעט מיט די טאַשנטיכלעך. דער אויטאָ האָט גערירט פון אָרט. קאָני האָט אויסגעדרייט דעם קאָפּ און דערזען, ווי קליפאָרד זיצט אָנגעלענט אויף אַן עלענבויגן אין זיין פאָטעל. שליסלעך, איז ער דאָך איר מאַן. זיין היים איז דאָך אויך איר היים. זייערע גורלות זענען דאָך ווי־ניש־טאָיז צונויפגעבונדן.

די פרוי טשעמבערס האָט געעפנט דאָס טויער און געווונטשן דער פריצה אַ גליקלעכע רייזע. דער אויטאָ איז אַרויסגעפאָרן פון פאַרק און אַרויף אויפן שאָסיי, וועלכער האָט געפירט צום גרובן. אַרבעטער זענען געגאַנגען גרופּעסווייז און איינציקווייז אַהיים פון דער אַרבעט. הילדאַ האָט פאַרקירעוועט דעם אויטאָ קיין מאַנס־פילד און ווייטער געפאָרן לענגאויס דער באַן־ליניע; באַלד זענען זיי אַרויף אויף דער בריק און זיך געלאָזט ווייטער.

— דאָס איז דער וועג צום וואַלד־שטיבל, — האָט קאָני אָנגעוויזן דער שוועסטער.

הילדאַ האָט געוואָרפן אַן אומגעדולדיקן בליק אין דער זייט פון אָנגעוויזענעם וועג.

— אַ שאָד, וואָס מיר פאָרן נישט ווייטער, — האָט זי אַ זאָג געטון. — מיר וואָלטן נאָך היינט געזעכטיקט אין לאָנדאָן.

— עס טוט מיר זייער לייד די פאַרזוימונג און איך דריק דיר אויס מיין מיטגעפיל, — האָט קאָני געשמייכלט צו דער שוועסטער.

באַלד זענען זיי אָנגעקומען קיין מאַנס־פילד, אַ פּאַרצייטיש ראָמאַנטיש שטעטעלע, וואָס איז איצט געווען טרויעריק, וויסט און פאַרחושכט, ווי אַלע קוילנגרובן־שטעטלעך. הילדאַ האָט פאַרהאַלטן

דעם אויטאָ פאַרן האָטעל, וועלכער איז דערמאַנט געווען אין איר „בעדעקער", און געדונגען פאַר זיך אַ צימער. קאָני איז נאָך אַלץ געזעסן שטיל און געפילט זיך ווי פאַרשולדיקט קעגן דער שוועס-טער. הילדעס כעס האָט טאַקע נאָך אַלץ געזאָטן אין איר און זי האָט נישט געקוקט אין דער שוועסטערס זייט, שווייגנדיק פאַר-עקשנט. ביסלעכווייז האָט זי זיך אָבער אָבער אָפּגעקילט און גע-הייסן קאָנין עפּעס דערציילן איר וועגן איר געליבטן. קאָני האָט דערציילט איינגעהאַלטן און איבערגעלייגט יעדעס וואָרט אין געדאַנק.

— ער! ער! אַזוי רופסטו אים טאַקע? ווי אַזוי רעדסטו צו אים? דו רופסט אים כסדר ער! — האָט הילדאַ איר איבער-געריסן די רייד.

— איך האָב אים נאָך קיינמאָל נישט גערופן ביים נאָמען. ער מיך — אויך נישט. עס איז טאַקע מאָדנע, אָבער אַזוי איז עס. מיר רעדן שטענדיק צווישן זיך עפּעס אַזוי פאַרשטעלט. זיין נאָמען איז אָבער אָליווער מעלאָרס.

— און דו ווילסט גלייכער הייסן מאַדאַם מעלאָרס איידער ליידי טשאַטערליי?

— אוודאי! אוודאי! אָן שום ספק!

מיט קאָנין איז נישט געווען וואָס צו מאַכן. איבעריקנס, אויב דערדאָזיקער מענטש איז פיר-פינף יאָר געווען אָפיציר אין דער אינדישער אַרמיי, איז זיין געזעלשאַפט מחויב צו זיין דער-טרעגלעך. מסתּם איז ער אויך אַ מענטש מיט כאַראַקטער. הילדאַ האָט אָנגעהויבן ווייכער ווערן.

— גלייב מיר אָבער, אַז אין קורצן וועט ער דיר נמאס ווערן, — האָט זי באַמערקט. — וועסט דיר דערנאָך קיין אָרט נישט געפינען פון חרפּה. מ'טאָר נישט מישן זיך אויף אַזוי ווייט מיט די נידעריקע קלאַסן.

— הילדאַ, דו ביסט דאָך אַ סאָציאַליסטין. דו ביסט דאָך אַליין געשטאַנען שטענדיק אויף דער זייט פון אַרבעטער-קלאַס.

— ווען עס אַנטשטייט אַ פּאָליטישער קריזיס, בין איך

היינט אויך אויף דער זייט פונם אַרבעטער־קלאַס, אָבער דעריבער טאַקע, ווייל איך שטיי אויף זייער זייט, ווייס איך, ווי אוממעג־לעך עס איז דאָס לעבן אונזערס צונויפצובינדן מיט זייערן. עס עס האַנדלט זיך נישט אין גאווה, אָדער אין קלאַסן־שטאָלץ, זייער לעבנס־ריטם קאָן זיך נישט אַריינפּאַסן אין אונזערן.

הילדאַ האָט איר לעבן פאַרבראַכט צווישן דער פּאָליטיש־אַנגאַזשירטער אינטעליגענץ, ס׳איז שווער געווען מיט איר צו פירן געשפּרעכן אויף אַזעלכע טעמעס.

זיי זענען געזעסן אין האָטעל־צימער און זיך געלאַנגווייליקט. ענדלעך האָט מען דערלאַנגט דאָס זייער באַשיידענע אָונט־ברויט. דערנאָך האָט קאָני איינגעפּאַקט עטלעכע זאַכן אינם זיי־דענעם האַנט־בייטל און זיך צוגעגלעט די האָר פאַרן שפּיגל.

— דו ווייסט, הילדאַ, — האָט זי אַ זאָג געטון, — ליבע איז באמת אַ הערלעכע זאַך. אַז מ׳ליבט, פילט מען, אַז מען לעבט און אַז מ׳געפינט זיך, אַזוי צו זאָגן, אין סאַמע ברענפּונקט פון דער וועלט.

זי האָט דאָס אַלץ אַרויסגעזאָגט מיט היץ און האַרציקער פרייד.

— איך גלייב, אַז יעדע פליג פילט זיך אַזוי, — האָט הילדאַ געענטפערט.

— אַזוי? איז טאַקע זייער שיין פון דער פליגס זייט!

דער אָונט איז געווען וווּנדערלעך־לויטער, אפילו דאַ, אינם פאַרריסטן שטעטל. די נאַכט האָט אָנגעהויבן צופאַלן אויך אַזוי לוי־טער ווי דער אָוונט. הילדעס פּנים איז געווען אומבאַוועגלעך פון איינגעהאַלטענעם פאַרדרוס. ווען זי האָט זיך ווידער אַריינגעזעצט אין אויטאָ, זיי זענען צוריקגעפאָרן צום וואַלד, אָבער דורך אַן אַנ־דערן וועג.

קאָני איז געווען אָנגעטון אין שאָפערישע ברילן, אויפן קאָפּ האָט זי געטראָגן אַ פּילאָטן־העלם — עס איז זי נישט געווען צו דערקענען. זי האָט עקש.ותדיק געשוויגן דעם גאַנצן וועג. צוליב הילדעס ווידערשטאַנד, איז זי איצט מיט איר גאַנץ ווען געווען

אויפן צד פונם מאַנספערשוין, צו וועלכן זי פאָרט איצט אויף אַ גאַנצער נאַכט.

דורכפאָרנדיק גראַסהיל, האָבן זיי אָנגעצונדן די רעפלעקטאָרן, און דער קליינער באַלויכטענער צוג, וועלכער איז געשטאַנען אויפן באַן-טאָר און געסאָפּעט, האָט נאָך מער פאַרשטאַרקט דעם איינדרוק, אַז עס איז ווירקלעך שפּעטע נאַכט. ביי דער בריק האָט הילדאַ האַסטיק פאַרקירעוועט לינקס און אַריין אין וואַלדיקן וועג. דאָס בלענדנדיקע רעפלעקטאָרן-ליכט האָט באַלויכטן די ביימער-שטאַמען מיטן הויך-געוואַקסענעם גראָז צופוסנס פון זיי. קאָני האָט געוואָרפן אַ בליק אַרום זיך און דערזען אַ טונקעלן סילועט נישט ווייט פונם אויטאָ. זי האָט אָן עפן געטון דאָס טירל און אַרויסגעשעפטשעט:

— דאָ איז עס.

הילדאַ האָט מאָמענטאַל פאַרלאָשן דאָס ליכט און אָנגעהויבן מאַנעווּרירן מיטן אויטאָ, אים אויסצוקירעווען אויף צוריק.

— דאָ אַרום וועט מען קאָנען צוריקפאָרן? — האָט זי קורץ געפרעגט.

— יאָ! — האָט זיך דערהערט אַ קול פון אַ מאַנספערשוין. — איר קאָנט גאַנץ רויִק פאָרן.

זי האָט אויסגעדרייט דעם אויטאָ, דורכגעפאָרן עטלעכע מעטער און דערנאָך הינטערווייטלעכס זיך פאַרנומען צוריק צום שאָסיי, צוריקקומענדיק צום אָרט, וווּ קאָני איז אויסגעשטיגן. דער מאַנספערשוין האָט זיך באַוויזן ביים אויטאָ.

— האָסט לאַנג געוואַרט? — האָט קאָני געפרעגט.

— נישט זייער לאַנג, — האָט דער וואַלד-אויפזעער געענטפערט.

הילדאַ איז נישט אַרויסגעשטיגן פון אויטאָ. זי האָט צוריק צוגעקלאַפּט דאָס טירל און אַ נעם געטון אין האַנט אַריין דעם קירעווער.

— דאָס איז מיין שוועסטער הילדאַ. אפשר וואָלסטו, הילדאַ, אויסגעשטיגן אויף אַ ווײַלע. דאָס איז דער הער מעלאָרס.

דער וואַלד־אויפזעער האָט אויפגעהויבן דעם הוט. אָבער נישט צוגעקומען נענטער.

— קום מיט אונז מיט אין וואַלד־שטיבל אַריין, הילדאַ, — האָט זי קאָני געבעטן. — ס'איז נישט ווייט פונדאַנען.

— און דער אויטאָ?

— קאָנסט דרייסט אים לאָזן דאָ שטיין, פאַרשליס בלויז דאָס טירל.

הילדאַ האָט געשוויגן און זיך באַטראַכט אַ ווײַלע. דער־נאָך האָט זי זיך אַרומגעקוקט.

— אפשר איז מעגלעך צוצופאָרן הינטער דידאָזיקע קושאַ־קעס? — האָט זי געפרעגט.

— פאַרוואָס נישט? — האָט דער מאַנספערשוין געענטפערט.

זי איז איינגעשטיגן, אויסגעקירעוועט דעם אויטאָ הינטער די געדיכטע נוסן־ביימלעך, פאַרשלאָסן די מאַשין און צוריקגעקו־מען צו זיי. די נאַכט איז געווען אַ העלע, אַ לויטערע. די קושאַ־קעס אויף ביידע זייטן וועג האָבן אויסגעזען ווי אַ שפּאַלייער פון פון אַ געשפּענסטיק, פאַנטאַסטיש הייל. אינדערלופטן האָבן זיך געטראָגן פאַרשידענע זיסע ריחות. מעלאָרס האָט געשפּאַנט פאָר־אויס, קאָני נאָך אים, צום סוף הילדאַ; אַלע דריי האָבן געשוויגן. אויף טייל ערטער האָט מעלאָרס צוגעלויכטן מיטן טאַש־לעמפל. אַ סאָווע האָט איינזאַם געהוקעט ערגעץ נאָענט. דעם וואַלד־אויפ־זעערס הונט פלאָסי האָט, שנאַפּנדיק אין דער לופט, זיך געדרייט אַרום דער קליינער גרופּע שפּאַנענדיקע אין בייגאַכטיקן וואַלד. קיינער פון זיי האָט קיין וואָרט נישט אויסגערעדט.

ענדלעך האָט קאָני דערזען דאָס געלע ליכט פונם וואַלד־שטיבל, איר האַרץ האָט אָנגעהויבן האַסטיקער צו קלאַפּן. זי האָט געפילט עטוואָס מורא פאַר דער הייַנטיקער נאַכט. זיי זענען נאָך אַלץ געגאַנגען אַזוי ווי אינדיאַנער אויפן שפּור פון שונא, איינער הינטערן אַנדערן.

מעלאָרס האָט געעפנט די טיר און אַריין דער ערשטער אינם וואַרעמען, ליידיקן, קליינעם צימערל. דאָס פייער אין קוי־

מען האָט געפּלאַקערט רויט. אויפן טיש איז געדעקט געווען צום נאַכטעסן: צוויי טעלער, צוויי גלעזער, צוויי גאָפּל־מעסער. דאָס טישטוך איז געווען שניי־ווייס. הילדאַ האָט זיך אַרומגעקוקט אַי־בער דער פּוסטער, אומהיימלעכער ווינונג. באַלד האָט זי אָפּ־געשטעלט דעם בליק אויפן באַלעבאָס.

אַ מיטלווּקסיקער, אַ דאַרער, גענוג שלאַנק, האָט ער גע־מאַכט אויף איר אַ גאַנץ גוטן איינדרוק. ער האָט זיך געהאַלטן אָנשטענדיק דערווייטערט און נישט אַרויסגעוויזן דעם מינדסטן חשק צו פאַרפירן אַ שמועס.

— זעץ דיך, הילדאַ! — האָט זי קאָני פאַרבעטן.

— ביטע! — האָט מעלאָרס צוגעשטימט. — און אפשר מאַכן טיי, אָדער עפּעס אַנדערש? אפשר ווילט איר ביר? פאַר־האַן ביי מיר זייער גוט ביר.

— זאָל זיין ביר, — האָט קאָני געענטפערט.

— מיר אויך ביר, — האָט הילדאַ צוגעגעבן מיט געמאַכ־טער אומדרייסטקייט.

מעלאָרס האָט אויף איר געוואָרפן אַ פאַרביילויפנדיקן בליק און אַרויס אין שפּייז־קאַמער. ער איז באַלד צוריקגעקומען מיט אַ בלויער קרוג ביר. זיין פּנים האָט מיטאַמאָל באַקומען אַן אַנ־דערן אויסדרוק.

קאָני האָט זיך אַוועקגעזעצט ביי דער טיר, הילדאַ האָט פאַרנומען דעם איינציקן פאָטעל ביים קוימען.

— דאָס איז זיין פאָטעל, — האָט איר קאָני איינגערוימט אין אויער.

הילדאַ איז אויפגעשפּרונגען ווי אַן אָפּגעבריטע.

— זיצן זי, פריצהלעבן, זיצן זי! — האָט זיך מעלאָרס פּלוצלינג געוועגט צו איר מיט זיין פויערישער אויסשפּראַך. — זי קאָנען זיך זיצן, פריצהלעבן, ווו זי ווילן. כ'בין דאָך חלילה נישט אַזאַ שלעכטער!

ער האָט הילדען דערלאַנגט אַ גלאָז און אָנגעגאָסן פון דער בלויער קרוג.

— אָווא! כ'לעבן פאַרגעסן! קיין פאַפּיראָסן האָב איך נישט. אַרויס פון קאָפּ! נאָר זיי האָבן געוויס אייגענע. איך ריי־כער נישט. אפשר וועסטו עפּעס נעמען אין מויל אַריין? — האָט ער זיך געווענדט דירעקט צו קאָנין. — וועסט עסן עפּעס? נו?

ער האָט גערעדט אויף דעם פויערישן דיאַלעקט אַזוי פּשוט, אַזוי רויק, ווי ער וואָלט געווען אַן אייגנטימער פון אַ דאָרפס־קרעטשמע.

— וואָס איז פאַרהאַן צו עסן? — האָט קאָני געפרעגט, רויט ווערנדיק.

— געקאָכטע שינקע, קעז, געבראָטענע קאַשטאַנעס, וואָס נאָך? מער, דאַכט זיך, האָב איך נישט.

— זאָל זיין, — האָט קאָני געזאָגט. — אפשר ווילסטו אויך עפּעס, הילדאַ?

יענע האָט פונם וואַלד־אויפזעער קיין אויג נישט אַראָפּגע־לאָזן.

— פאַרוואָס רעדט איר פויעריש?

— וואָס אַרט עס אייך, פּריצהשי?

— ביז איצט האָט איר דאָך גערעדט פּשוט.

— באמת? און וואָס אַרט עס אייך, אַז איך רעד אַזוי? דערלויבן זי מיר, פּריצהלעבן, צו רעדן אַזויערנאָך, ווי מיר גע־פעלט. וואָס איז דען פאַר אַ חילוק?

— עס זעט אויס עפּעס אַזוי נישט נאַטירלעך, — האָט היל־דאַ געזאָגט.

— מעגלעך, זייער מעגלעך. אָבער ביי אונז אין טיוועדס־האָל וואָלט אייער לשון אויסגעזען נישט נאַטירלעך.

ער איז אַרויס פון צימער מיט שווערע טריט און זיך ווי־דער דאָרט אָנגעהויבן פאָרען ביים שפּייז־קעמערל וועגן עסן פאַר די געסט.

ביידע שוועסטערן זענען געזעסן און געשוויגן. דער וואַלד־אויפזעער האָט אַריינגעברענגט טיי־געשיר פאַר נאָך איין פערזאָן.

— כ׳בעט די פריצהלעבן מיר דערלויבן אויסטון דאָס רעקל, איך בין אַזוי געווינט.

נישט וואַרטנדיק אויף קיין ענטפער, האָט ער אויסגעטון די קורטקע, זי אויפגעהאָנגען אויף דער וואַנט און זיך צוגעזעצט צום טיש. דאָס העמד זיינס איז געווען אַ קרעמס, אַ פלאַנעלנס, אַ זויבערס.

— נעמטס עפּעס, — האָט ער פאַרבעטן, — עססט, פריצהס, עססט געזונטערהייט, לאָזט זיך נישט בעטן!

ער האָט אָנגעשניטן ברויט און געבליבן זיצן אומבאַוועגלעך. הילדאַ האָט, ווי קאָני אַמאָל, דערפילט די קראַפט פון זיין שווייגעוודיקייט. זי האָט באַמערקט זיין דעליקאַטע, באַוועגלעכע האַנט, וועלכע האָט אומגעצווונגען גערוט אויפן טישטוך. ניין, דאָס איז נישט קיין פשוטער אַרבעטער: ער שפּילט אַ קאָמעדיע אַזעלכע.

— פונדעסטוועגן, — האָט זי זיך אָנגערופן, אַראָפּנעמענדיק פון טעלער אַ בעניצל קעז, — פונדעסטוועגן וואָלט גלייכער געווען, איר זאָלט רעדן פשוט, ליטעראַריש, נישט ווי איר רעדט איצט, עס איז זייער נישט נאַטירלעך.

— באמת? — האָט ער אָנגעהויבן אין אַ ריינעם ענגליש. — איר האַלט, אַז עס איז נישט נאַטירלעך? איך בעט אייך, וואָס קאָן דען גערעדט ווערן צווישן אייך און מיר נאַטירלעך, אויסער איר זאָלט מיר תיכף דערקלערן אָפן, אַז איר ווינטשט זיך, איך זאָל גיין צו אַלדי רוחות און נישט האָבן קיין מחזקות מיט אייער שוועסטער און איך זאָל אייך דערויף ענטפערן מיט אַן ענלעכער העפלעכקייט. וואָס פאַר אַ מיינונגס־אויסטויש צווישן אונז ביידע קאָן דען זיין נאַטירלעך.

— ניין! — האָט הילדאַ דערווידערט. — גוטע מאַניערן זענען שטענדיק נאַטירלעך.

— נו, דאָס איז שוין אַ נאַטור־זאַך, נישט א י ך טויג דערצו, — האָט זיך מעלאָרס פלוצלינג צעלאַכט און ווידער אָנגעהויבן רעדן פויעריש: — אַך, לאָזט אָפּ, פריצהלעבן,

מיט די פיינע מאַניערן, זיי קריכן מיר שוין פון האַלז אַרויס!

הילדאַ איז געזעסן צערודערט און בייז. וואָס פאַר אַן אַראָ־גאַנץ! די קאָמעדיע, וואָס ער שפּילט! די גאַנצע האַלטונג זיינע! וואָס האָט די אומגליקלעכע קאָני דערזען אין דעם חוצפּהניק?

אַלע דריי האָבן געגעסן שווייגנדיק. הילדאַ האָט אומגערן זיך צוגעקוקט, ווי ער האַלט זיך ביים עסן. זי האָט אין האַרץ געמוזט מודה זיין, אַז אינסטינקטיוו ווייזט ער אַרויס מער סובטעל־קייט, מער דערציִונג פון איר אַפילו. זי איז עטוואָס האַמעטנע, שווערלעך אין די באַוועגונגען, ווי געוויינלעך אַ שאָטלענדערין, ער אָבער האָט זיך אויסגעצייכנט מיט דער פולשטענדיקער, רוי־קער, זעלבסטצופרידענער זיכערקייט פון אַן עכטן ענגלענדער. זייער שווער צו באַזיגן אַזאַ שטאַרקן טיפּ, — האָט הילדאַ אַ טראַכט געטון. זי וועט זיך אָבער אויך נישט לאָזן בייקומען.

— איך פרעג אייך, צו וואָס טויג עס אייך, אָט די גאַנצע איינשטעלונג? — האָט זי אים טרוקן אַ פרעג געטון.

— וועלכע איינשטעלונג?

— די פאַרבינדונג מיט מיין שוועסטער?

— הער אויף, הילדאַ! — האָט קאָני געזאָגט.

— וואָס זאָג איך דען? איך זאָג נאָר, אַז עס איז נישט רעכט אַזוי. עס מוז דאָך זיין אַן אויסזיכט אויף דער צוקונפט. ביסט מיר אַ שוועסטער און איך האָב רעכט צו זאָרגן פאַר דער סטאַבילקייט פון דיין לעבן!

עס איז אַנטשטאַנען אַ שטילשווייגן. ענדלעך האָט זיך מע־לאָרס אָנגערופן אינם פּויערישן דיאַלעקט.

— סטאַבילקייט! נו, נו, סטאַבילקייט! און ביי אייך, פריצה־לעבן, ווי האַלט עס מיט דער סטאַבילקייט? כ'האָב עפּעס גע־הערט, אַז איר זענט זיך צעגאַנגען מיטן מאַן. נו, ווו־זשע איז אייער סטאַבילקייט?

— מיט וואָס פאַר אַ רעכט רעדט איר צו מיר אַזוי?

— וואָס? רעכט? און איר, פריצהלעבן, פונוואַנען נעמט

זיך אייער רעכט איינצושפּאַנען יענעם אין אייערע סטאַבילקייטן? לאָזט צורו אַנדערע, וועט מען אויך אייך נישט פאַרטשעפּען.

— ליבער מענטש, — האָט זיך הילדאַ ווי ווייט מעגלעך באַהערשט, — מיר גייט דאָך צום ווייניקסטן אין אייך!

— אוודאי אין מיר! — האָט מעלאָרס האַרט געענטפערט. — אין מיר גייט אייך טאַקע! איך בין דאָך שוין כמעט אייער שוואָגער!

— איך בין זיכער, אַז דערצו איז נאָך זייער, זייער ווייט.

— נישט אַזוי ווייט, ווי איר מיינט, פריצהלעבן. איך בין דווקא אַ מענטש מיט סטאַבילקייט און מיין וואָרט מעגט איר גלייבן: נישט לאַנג וועט געדויערן, און איר וועט זיין מיין שוועגערין, כאָטש אייער געשמאַק קאָן מיך נישט פאַרדייען. עס גייט אָבער נישט אין אייער, נאָר אין אייער שוועסטערס געשמאַק. אויב זי קומט צו מיר אַליין, ווייסט זי מסתם, וואָס זי טוט.

אַ שטילשווייגן האָט געהערשט, און ז'ער וואַלד־אויפזעער האָט נאָך אַ קורצער ווילע ווידער אָנגעהויבן:

— איך פאַרשלאָף נישט. אַז עס פאַלט מיר צופעליק אַראָפּ ווי פונם הימל אַ לוסטיקע מינוט, דאַנק איך דעם אייבערשטן און כאַפּ אַריין, ווי לאַנג עס לאָזט זיך. נישט יעדע אָנגעבלאָזענע און פאַרריסענע פריצה קאָן אַ מאַנכפערשוין אַזוי פיל פאַרגעניגן פאַרשאַפן, ווי אייער שוועסטערל. איך גלייב, אַז איר אַליין, פריצהלעבן, וואָלט אויך געקאָנט זיין אַביישלעפערין פונם בעסטן מין, עס פעלט נאָר דער פאַסיקער ביישלעפער. איידער צו זיין אַ ווילדער, זויערער, כאָטש אַ שיינער עפּל אין וואַלד, וואָלט איר ליבערשט געוועזן אַ זיס, באַטעמט עפּעלע אין בעט, — אַזאַ יאָר אויף מיר!

ער האָט געוואָרפן אַ בליק אויף הילדען מיט אַ הייטער, פאַרפירעריש מייכעלע, וואָס האָט אויסגעדריקט אי אָנערקענונג פאַר איר ש קייט, אי אַ תשוקה צו דערדאָזיקער שיינער פרוי.

— אַזעלכע מענער ווי איר, — האָט הילדאַ שטרענג געענטפערט, — דאַרפן אָפּגעזונדערט ווערן פון דער געזעלשאַפט.

— פאַרוואָס ? פאַרוואָס, פריצהלעבן ? עס איז דאָך אַ ברכה פון גאָט, וואָס אויף אונזער אויסגעטרוקנטער וועלט געפינען זיך נאָך אַזעלכע יונגעען ווי איך. און איר, פריצהלעבן, זענט ווערט דעם שטעקן : צוליב אייער עקשנות וועט איר אייביק בלייבן פאַרוואַרלאָזט, אָן אמתדיקער פרייד !

הילדאַ האָט זיך אויפגעשטעלט און צוגעגאַנגען צו דער טיר. מעלאָרס האָט זיך אויך אויפגעהויבן פון זיין אָרט און אַראָפגענומען די קורטקע פון דער וואַנט.

— איך וועל אַליין דעם וועג געפינען, — האָט הילדאַ אַ זאָג געטון.

— איך צווייפל, — האָט מעלאָרס געענטפערט מיט הייטערקייט און אַרויפגעצויגן אויף זיך די קורטקע.

ווידער זענען זיי געגאַנגען אין דרייען איבערן וואַלד. די סאָווע האָט נאָך אַלץ געהוקעט. מעלאָרס האָט געטראַכט וועגן דעם, אַז ער מוז די סאָווע דערשיסן.

דער אויטאָ איז געשטאַנען אויף זיין אָרט, די פייכטקייט פונם טוי האָט געגלאַנצט אויף זיין דאַך. הילדאַ איז איינגעשטיגן און געלאָזט דעם מאָטאָר. קאָני און דער וואַלד־אויפזעער האָבן געוואַרט. שוין זיצנדיק אין איר פעסטונג, האָט זיך הילדאַ דאָס לעצטע מאָל אָנגערופן :

— איך לאָז מיר איבער די רעכט אייך צו וואָרענען פאַר דער געפאַר, מיט וועלכער איר ביידע שפּילט זיך. איך גלייב, אַז סוף־כל־סוף וועט איר ביידע אָנערקענען, אַז עס האָט נישט געלוינט די מי.

— וואָס פאַר איינעם איז מעדנים, איז פאַרן אַנדערן סם, — האָט מעלאָרס געענטפערט פון דער וואַלדיקער חשכות אַרויס. — פאַר מיר איז עס מעדנים.

די רעפלעקטאָרן האָבן אויפגעפלאַקערט.

— לאָמיך מאָרגן פרי נישט דאַרפן אויף דיר צו לאַנג וואַרטן ! דו הערסט, קאָני ?

— איך הער ! איך הער ! אַ גוטע נאַכט !

דער אויטאָ איז פּאַמעלעך אַרויפגעפאָרן אויפן שאָסיי און באַלד פאַרשוואונדן פון זייער בליק, איבערלאָזנדיק נאָך זיך נאַכט און אַבסאָלוטע שטילקייט.

קאָני האָט שמעוודיק אים גענומען אונטערן אָרעם און ביי־דע זענען אַוועק צוריק צום וואַלד־שטיבל. מעלאָרס האָט קיין וואָרט נישט אויסגערעדט. ענדלעך האָט זי אים געצוואונגען זיך אָפּצושטעלן.

— טו מיר אַ קוש! — האָט זי אים שטיל געזאָגט.

— וואַרט־צו אַ רגעלע! לאָמיך נאָר צו זיך קומען! — האָט ער געענטפערט.

זי האָט זיך נישט געקאָנט איינהאַלטן פון געלעכטער. נאָך פעסטער האָט זי אים אָנגענומעןביים אָרעם און ווייטער שווייגנ־דיק געגאַנגען מיט אים. די פרייד אירע איז געווען אַזוי גרויס, אַז די פיס האָבן זיך אונטער איר אַליין געהויבן. מעלאָרס איז גע־גאַנגען שווייגנדיק און זי האָט אים מער גיט קיין וואָרט נישט געשטערט אין די געדאַנקען זיינע.

ווען זיי זענען ענדלעך אָנגעקומען אין שטיבל אַריין, איז קאָניס הייטערקייט נאָך מער געשטיגן: זי האָט געדאַנקט גאָט, וואָס זי איז פּטור געוואָרן פון דער שוועסטער.

— וואָס האָסטו אָפּגעאַרבעט מיט דער שוועסטער מיי־נער? — האָט זי אַ זאָג געטון.

— זי איז דען נישט ווערט געווען די שמיץ?

— פאַרוואָס? זי איז דאָך אַזוי שיין!

ער האָט נישט געענטפערט דערויף, געפּאָרעט זיך, גע־דרייט זיך איבער דער שטוב און געגרייט אַלץ אויף דער נאַכט. ס'איז קלאָר געווען, אַז ער איז בייז, אָבער נישט אויף איר. קאָ־ני האָט דאָס באַשיימפּערלעך געפילט. דער כעס האָט אים גע־פאַסט צום פּנים, עס איז געווען אַזוי ווי באַלויכטן מיט אַן אי־נערלעך פייער.

ער האָט זיך נאָך אַלץ אַרומגעפּאָרעט און זי אַזוי ווי איגנ־גאַנצן נישט באַמערקט.

ענדלעך האָט ער זיך אַנידערגעזעצט און אָ:געהויבן אויפשנורעווען די שיך, דערביי האָט ער געוואָרפן אויף איר אַ בליק פון אונטער די ברעמען אַפער.

— ווילסט אַרויפגיין אינדערהייך? — אָ, דאָ האָסטו אַ ליכט, — מיטן קאָפּ האָט ער איר אָנגעוויזן אויפן ליכט, וועלכעס איז געשטאַנען און געברענט זיך אויפן טיש.

קאָני האָט געפאָלגט, גענומען דאָס ליכט און אַרויפגעגאַנגען אויף די טרעפּ. ער האָט בשעת־מעשה איר נאָכגעקוקט און אָנגעקוואָלן פון דער עלאַסטישקייט און פאַררונדיקטקייט פון איר קערפּער.

געווען איז דאָס אַ נאַכט פון וואַנזיניקער תאווה. קאָני האָט זיך אַזש געשראָקן און געפלאַמט פון בושה; אָבער גלייכצייטיק איז זי געווען צעברויזט ביזן טיפסטן תוך אירן דורך דעם ליידנשאַפטס־שטורעם, וועלכער האָט זיך אויף איר אַ וואָרף געטון ווי אַ לאַווע. כאָטש זי האָט זיך צוביסלעך געשראָקן און געפילט דעפּרימירט, האָט זי אים אַלץ נאָכגעגעבן, און זיין אומגעצוימטע, אָנבושהדיקע תאווה האָט זי צעשטורעמט ביז אין די טיפסטע טיפענישן פון איר וועזן, זי צענומען, צעגלידערט ביז פולשטענדיקער זעלבסטפאַרגעסונג, געמאַכט פון איר אינגאַנצן אַן אַנדערע, ווי זי איז געווען ביז היינט. נישט געווען איז דאָס קיין ליבע, אויך קיין סעקסועלער תענוג איז דאָס נישט געווען. דאָס איז געווען תאווה ברענענדיקע, בריענדיקע, שניידנדיקע, פלאַמענדיקע ווי פייער, תאווה, אין וועלכער די גאַנצע פריערדיקע נשמה איז אויף אַש פאַרברענט געוואָרן.

אין דערדאָזיקער תאווה איז פאַרברענט געוואָרן די גאַנצע בושה, יענע טיפסטע, אוראַלטע בושה פאַר די פאַרבאָרגנסטע קערפּער־טיילן. קאָני האָט זיך אָנגעטון אַ כוח, אים צו לאָזן טון מיט זיך, וואָס ער האָט געוואָלט. זי האָט געמוזט ווערן אַן אונטערטעניקע, אַ צוגעלאָזענע, אַ שקלאַפין, אַ פיזישע שקלאַפין פון דער תאווה. אָבער דער תענוג האָט זי זינלאָז געמאַכט, פאַרצערט איר ווילן, און ווען דער תאווה־פלאַקער האָט דורכגעדרונגען

אירע געדערים, אירע ברוסטן, האָט זי זיך געגרייט אַזש צו שטאַרבן, אָבער מיט אַ זיסן, תענוגדיקן, תאוהדיקן טויט.

זי האָט זיך נישט איינמאָל פאָרטראַכט, וואָס אָבער האָט געמיינט, זאָגנדיק, אַז בשעת זיין יאָר ליבע מיט עלאָיזען זענען זיי דורכגעגאַנגען אַלע מדרגות און ניואַנסן פון דער תאוה. אָט דאָס זעלבע איז דאָך פאָרגעקומען מיט טויזנט יאָר צוריק, דאָס זעלבע מיט צען טויזנט יאָר צוריק! דאָס זעלבע איז דאָך פאָרהאַן אויף די גריכישע וואָזע־געמעלן און אומעטום! די ניואַנסן פון דער תאוה, די מדרגות פון געשלעכטס־תענוג! דאָס נייטיקסטע, דאָס אימער און אייביק נייטיקסטע, כדי צו פאַרברענען די פאַלשע בושה און אויסשמעלצן דעם שווערסטן, דעם שטאַרקסטן אַרץ, דעם נאַטירלעכן קערפּער, דאָס ריינע מענטשן־לייב. דאָס איז עס — דאָס פייער פון עכסטער, ריינסטער, נישט־געפעלשטער ליידנשאַפט!

אין משך פון דעראָזיקער קורצער זומער־נאַכט האָט זי אַ סך געלערנט פונם לעבן. פריער וואָלט זי געגלייבט, אַז ביי אַזעלכע אומשטענדן דאַרף אַ פרוי שטאַרבן פון בושה. דידאָזיקע בושה איז פאַקטיש די מורא, די טיף־איינגעוואָרצלטע אָרגאַנישע בושה. דאָס איז באמת די אוראַלטע פיזישע שרעק, וועלכע שטעקט אין אונזערע וואָרצלען, אין די קערפּערלעכע וואָרצלען אונזערע, און וועלכע קאָן אַרויסגעטריבן, אַרויסגעשטויסן ווערן נאָר דורך דעם תאוה־פלאַם — אָט דידאָזיקע בושה איז ענדלעך פאַרניכטעט, פאַרטריבן געוואָרן דורך דער געשלעכטס־יאָגד פונם מאַן, און די פרוי האָט זיך דערגרונטעוועט ביז צום שורש, ביז צו דער דזשאָנגל פון איר אייגן הארץ. איצט ערשט האָט זי זיך דערפילט, אַז זי האָט דערגרייכט ב זן עכטן וועזן פון איר נאַטור און אין טיפסטן גרונט פון איר נשמה איז זי פטור געוואָרן די בושה, זי איז געוואָרן „זי" אַליין — אַ נאַקעטע, אַ פולשטענדיק־נאַקעטע קערפּערלעך, אָן אַ פגם פון בושה. און זי האָט טריאומפירט, און זי האָט געיובלט, און זי איז פול געווען מיט פריידיקן שטאָלץ. אָט דאָס איז עס! אָט דאָס איז דאָס לעבן! אָט דאָס איז די ווירקלעכע לעבנס־פרייד!

גישטאָ אינם מענטש אַזעלכעס, מיט וועלכן ער זאָל זיך דאַרפן שעמען, מיט וועלכן ער זאָל זיך דאַרפן באַהאַלטן! איר טיפסטע, איר אינטימסטע נאַקעטקייט טיילט זי מיט אַ מאַן, מיט אַ פרעמדן מענטש.

און ווי ריקזיכטלאָז, ווי טייוולייש דערדאָזיקער מאַן איז! אַן עכטער טייוול! וויפיל מוט, וויפיל כוח מוז מען פאַרמאָגן אום צו פאַרטראָגן אים. מען מוז אָבער, מען מוז, כדי צו דערגרונטעווען זיך ביזן גרונט פון דער פיזישער דזשאָנגל, ביז דער ווייטסטער, ביז דער טיפסטער באַהעלטעניש פון דער אָרגאַנישער בושה. בלויז די אָרגיע פונם מענלעכן געשלעכטס־אָרגאַן האָט פאַר איר די געהיימנישן געקאָנט עפענען און נאָך ווי אַזוי עפענען!

ווי געהאַסט האָט זי דאָס אין איר באַהאַלטענער שרעק! און ווי געגאַרט האָט זי דאָס אין איר באַהאַלטענער לוסט! איצט ערשט האָט זי עס באַגריפן. טיף, טיף אין דער פאַרבאָרגעניש פון איר נשמה, אויפן סאַמע דעק פון איר וועזן האָט זי געלעכצט צו דערדאָזיקער אָרגיע, צו דעמדאָזיקן כישוף־שפרונג פונם מענלעכן געשלעכטס־אָרגאַן, אין געהיים האָט זי שטענדיק געבענקט צו דעמדאָזיקן און געוועלקט פון האָפנונגסלאָזיקייט, געמיינט, אַז שוין קיינמאָל וועט דאָס איר נישט באַשערט זיין. און דאָ איז עס געקומען צו איר, — דער מאַן האָט געטיילט מיט איר די פולשטענדיקסטע, די אָנפניותדיקסטע נאַקעטקייט. זי האָט אַזאַ מאַן געפינען! אָט ליגט ער דאָ לעבן איר, ענלעך צו אַן איינגעשלאָפענער וואַלד־חיה. זי האָט זיך צוגעטוליעט צו אים, כדי צו פילן זיין נאָענטקייט.

ער האָט זיך אויפגעכאַפּט. זי האָט עס נישט באַלד באַמערקט. אָט זיצט ער אין בעט און קוקט אויף איר. ער קוקט און אין זיין בליק זעט זי איר אייגענע נאַקעטקייט. אַך, ווי גוט דאָס איז צו פאַרמאָגן הענט, און פיס, און ברוסטן, וואָס זאָלן זיך פילן אָפּגעשפיגלט אין די תאווהדיקע אויגן פון אַ תאווהדיקן מאַנספערשוין!

— אפשר איז שוין צייט אויפצושטיין? — האָט זי געפרעגט.
— עס איז האַלב זיבן.
אַכט אַ זייגער האָט זי געדאַרפט זיין אויף דער בריק. זי האָט געמוזט, געמוזט!
— און איך וועל דערווייל צוגרייטן פרישטיק און דיר דער־לאַנגען, — האָט ער געזאָגט.
— זאָל זיין.
אונטן האָט דער הונט שטיל געוואָיעט. אַראָפּגעוואָרפן פון זיך די פּיזשאַמע, האָט מעלאָרס איינמאַסאַזשירט זיך דעם קערפּער מיט אַ פייכט האַנטוך. ווען דער מענטש איז פול מיט מוט און לעבן, ווי שיין איז ער דעמאָלט! אַזוי האָט קאָני געטראַכט, קוקנ־דיק אויף אים.
— רוק אויף די פאָרהענגלעך, גוט?
די זון האָט געגלאַנצט אויפן פרישן בלעטערוואַרג, דער בלוילעכער, באַנייטער וואַלד האָט זי געגרוסט דורכן פענסטער. קאָני האָט זיך אויפגעזעצט אויפן געלעגער און ווי אַ חלום האָט איר אויסגעזען די פאַרכישופטע, גרינע וועלט אינדרויסן, ווו די פּיי־געלעך האָבן געפּישטשעט.
מעלאָרס האָט דערווייל אונטן געמאַכט פייער, זי האָט, זיצנ־דיק דאָ אין בעט, געהערט, ווי ער פּאָרעט זיך דאָרט ביי דער קיך. ביסלעכווייז איז צו איר נאָך דערגאַנגען אַ ריח פון געפּרעגלט חזיר־פעטס. באַלד דערנאָך האָט ער זיך באַוויזן אין דער טיר מיט אַ גרויסער שוואַרצער טאַץ, וועלכע האָט קוים געקאָנט אַריין דורך דער טיר. ער האָט אַנידערגעשטעלט די טאַץ אויפן בעט און אָנ־געגאָסן טיי, קאָני איז געזעסן און מיט אַפּעטיט געגעסן. ער איז געזעסן אויף אַ שטול און געהאַלטן זיין טעלער אויף די קני.
— ווי זיס! — האָט קאָני אויסגערופן. — ווי טייער דאָס איז צו עסן אינאיינעם פרישטיק?
מעלאָרס האָט געגעסן שווייגנדיק, זיינע געדאַנקען זענען געווען געווענדט אין אַן אַנדערער ריכטונג. קאָני האָט אַ זיפץ געטון פון תענוג:

— אָך, ווי פּרעכטיק עס וואָלט געווען שוין איצט צו פאַר־בלייבן דאָ, נאָר קליפאָרד זאָל ווינען פונדאַנען טויזנט מייל ווייט.

— אוהם, — האָט מעלאָרס אַרויסגעמורלט אָנשטאָט אַן ענטפער.

— דו זאָגסט מיר צו, אַז מיר וועלן זיין צוזאַמען, ווינען אינאיינעם, מיר ביידע, איך און דו? זאָגסט עס מיר צו?

— יאָ! אויב ס׳וועט מעגלעך זיין.

— אוודאי! עס מוז מעגלעך זיין!

זי האָט זיך צוגעבויגן צו אים און אים אָנגעכאַפּט ביי דער האַנט. די טיי האָט זיך איר אויסגעגאָסן.

— יאָ! נו, יאָ! — האָט ער געשמייכלט און איר אָנגעגאָסן אַנדערע טיי.

— נאָר ווי דען? — האָט זי געפרעגט מיט אַ בעטנדיקן טאָן. — ווי קאָנען מיר דען נישט לעבן צוזאַמען? איצט מוזן מיר שוין לעבן צוזאַמען!

ער האָט אויף איר געוואָרפן אַ זייטיקן, איראָנישן בליק און ווידער אַ שמייכל געטון.

— אוודאי, אוודאי, אָבער אין צוואָנציק מינוט אַרום מוזסטו שוין דאָ נישט זיין.

— איך מוז? — האָט זי אויסגערופן.

מיטאַמאָל איז מעלאָרס אויפגעשפרונגען און געגעבן אַ צייכן, זי זאָל שווייגן.

ער האָט גיך אַוועקגעשטעלט זיין טעלער און דאָס גלאָז טיי אויף דער טאַץ און אַראָפּ אונטן. קאָנסטאַנציע האָט געהערט, ווי ער גייט אויפן שטעגל אינם גאָרטן. צו איר געהער האָט זיך דער־טראָגן אַ קלונג פון אַ ראָווער־גלעקל. עמעץ איז מסתם געקומען צו פאָרן אויף אַ ראָווער.

— אַ גוטן מאָרגן, מעלאָרס! כ׳האָב פאַר אייך אַן עקס־פּרעס־בריוו.

— נו, גיט אַהער אַ בליישטיפט.

— אָט דאָ שרייבט אונטער.

אַ פּויזע.

— פֿון קאַנאַדע ?

— אוהם, — הערט זיך מעלאַרס שטימע. — פֿון אַ קאָלעגע. וואָס איז אים עפּעס איינגעפֿאַלן צו שרייבן אַן עקספּרעס־בריוו ?

— מסתּם שיקט ער אייך יענע אַפּותיקאַ.

— מסתּם פֿאַרקערט, ער דאַרף געוויס פֿון מיר עפּעס געלט.

אַ פּויזע.

— אַ שיינער טאָג שטעלט זיך.

— אוהם.

— אַ גוטן !

— צום ווידערזען !

אין אַ ווײַלע אַרום איז מעלאַרס צוריק אַרויפֿגעקומען און אַ שלעכטער שטימונג.

— דער בריווטרעגער, — האָט ער געמאָלדן.

— אַזוי פֿרי ? — האָט קאָני געפֿרעגט.

— ער האָט צו באַזאָרגן אַ גרויסן קרייז. ער קומט צו מיר שטענדיק מיט דער פּאָסט אין דער צײַט.

— וואָס שרײַבט דיר דער קאָלעגע ?

— נאַרישקייטן. עטלעכע צײַטונגס־אויסשניטן, עטלעכע פֿאָטאָגראַפֿיעס.

— אפֿשר פֿאָרן מיר קיין קאַנאַדע ?

— אפֿשר טאַקע.

— לאָמיר טאַקע פֿאָרן אַהין. וועסט זען, ווי פֿײַן מיר וועלן זיך דאָרט אײַנאָרדענען.

אים האָט אָבער אַלץ נישט געקאָנט אַרויס פֿון קאָפּ דער בריווטרעגער.

— די פֿאַרשאָלטענע ראָווער־פֿאָרערס ! וווען דו ריכסט זיך אויף זיי נישט, פֿאַלן זיי אַראָפּ ווי פֿון הימל. ער האָט מסתּם גאָרנישט באַמערקט. ווי מיינסטו ?

— וואָס האָט ער דען געקאָנט באַמערקן ?

— שטיי אויף, שוין צייט אין וועג אריין. איך גיי ארויס אויף א מינוט זיך ארומקוקן.

זי האט געזען פונדערהייך, ווי ער האט אויסגעשפירט דעם גאנצן וועג מיט דער ביקס אין האנט און מיטן הונט ביי דער זייט. זי איז דערווייל אראפגעגאנגען, זיך אפגעוואשן און ווען מעלארס איז צוריקגעקומען, האט זי שוין געהאט אירע קליינינקייטן איינגעפאקט אינם האנטבייטל און איז גרייט געווען אין וועג אריין.

מעלארס האט צוגעשלאסן די טיר און זיי זענען אוועק דורכן וואלד. ער האט ארויסגעוויזן די גאנצע צייט א גרויסע מאס פארזיכטיקייט.

— איך גלייב, אז לעבן לוינט זיך נאר צוליב אזעלכע מינוטן, ווי מיר האבן דורכגעלעבט די פארגאנגענע נאכט, — האט זי געשעפטשעט.

— אוודאי נישט אנדערש, מיר מוזן אבער אין זין האבן די אנדערע, ווייניקער אנגענעמע מינוטן פון לעבן אויך, — האט ער אויך אזוי שטיל גע ענטפערט.

זיי האבן ווייטער זיך גערוקט צווישן די ניסן־קוסטעס, ער — פאראויס, א שווייגנדיקער, זי הינטער אים.

— מיר וועלן זיך אבער צונויפקומען אויף שטענדיק און תמיד זיין צוזאמען, אמת ? — האט קאני געפליסטערט הינטער זיינע פלייצעס.

— יא, — האט ער שעפטשענדיק געענטפערט, — מסתמא וועלן מיר נאך דערלעבן. דערווייל פארסטו אוועק קיין ווענעדיק, אדער ווער ווייסט וואהין.

זי איז געגאנגען הינטער אים מיט אן אויפגערודערט הארץ. ווי שטארק זי האט איצט באדויערט, וואס זי פארט אפ פונדאנען !

מעלארס האט זיך פלוצלינג אפגעשטעלט:

— ווארט־צו, איך וועל פאראויס גיין א קוק טון.

זי האט זיך פלוצלינג אנגעהאנגען מיטביידע הענט אן זיין האלז און זיך צוגעדריקט צו זיין ברוסט:

— ווּעסט מיך אייביק ליב האָבן, אייביק געדענקען? —
האָט זי געשעפּטשעט. — געדענק, געדענק אונזער לעצטע נאַכט.
איך וועל זי שטענדיק געדענקען. פאַרגעס מיך נישט!

מעלאָרס האָט איר אַ קוש געטון און פעסט צוגעדריקט צום
האַרץ. דערנאָך האָט ער אַרויסגעזיפצט שווער און איר ווידער אַ
קוש געטון.

— איך מוז אַ קוק טון, צי דער אויטאָ איז שוין דאָ.

ער איז דורכגעקראָכן צווישן די געדיכטע ק.סטעס. אַ מי־
נוט־צוויי איז זי געשטאַנען און זיך צוגעהערט.

— נאָך נישט געקומען דער אויטאָ, — האָט ער שטיל גע־
מאָלדן, באַווייזנדיק זיך ענדלעך פון צווישן די קוסטעס, — אַ
פור פאַרט עפּעס, אַ בעקער מיט געבעקס, צי וואָס? גאַדיר אַ
ניי באַגעגעניש!

פלוצלינג האָבן זיך דערהערט דריי לעכע סיגנאַלן פון אַן
אַנקומענדיקן אויטאָ, וועלכער האָט זיך אָפּגעשטעלט אויף דער
בריק.

— דאָ אַרום! דאָ גיי דורך! נישט דאָ, — האָט זי מע־
לאָרס אַנגענומען ביי דער טאַליע און אַרויסגעשטופּט אויפן וועג
צווישן די צוויי רייען נאַדל־ביימלעך. — איך בלייב דאָ. גיי! גיי!

זי האָט אויף אים געוואָרפן אַ בליק מיט אומגעהייערן טרויער
און פאַרצווייפלונג. ער האָט זי שנעל אַרומגעכאַפּט, אַ קוש געטון
און אַרויסגעשטופּט אויפן מיטן וועג.

אַ דערשלאָגענע איז זי אַרויס אויפן וועג, אַריבערגעשפּרונ־
גען איבערן גרובן און אַרויס מיט שטרויכלענדיקע טריט אויפן
שאָסיי, ווו זי האָט דערזען הילדען אַרויסשטייגן פון אויטאָ, אַן
אויפגערעגטע.

— ביסט דאָ? — האָט הילדאַ אַ רוף געטון. — און ווו
איז ע ר?

— ער איז נישטאָ.

קאָניס פּנים איז באַוואַשן געווען מיט טרערן, ווען זי איז

איינגעשטיגן אין אויטאָ מיטן טאַרבעלע אין דער האַנט. הילדאַ האָט איר דערלאַנגט שאָפערן־ברילן און אַ פּילאָטן־היטל.

— נאַ, טו אָן.

קאָני האָט תּיכּף אָנגעטון די ברילן מיטן היטל, וועלכע האָבן זי פאַרענדערט נישט צום דערקענען, הילדאַ האָט אַרויפגעוואָרפן אויף אירע פּלייצעס אַ העל־גרוי שאָפער־מאַנטל, און אויסגעזען האָט איצט קאָני, זיצנדיק אומבאַוועגלעך, ווי אַ וואַקסענע פיגור, ווי אַ באַשעפעניש נישט קיין מענשלעכס. הילדאַ האָט געלאָזט דעם מאָטאָר.

פאַרבייפאָרנדיק דעם וועג צווישן די ניסן־קוסטעס, האָט קאָני געוואָרפן אַ בליק און שוין קיינעם דאָרט נישט געזען. אַוועק! אַוועק! זי האָט זיך געוואַשן אין ביטערע טרערן. די צעשיידונג איז געקומען אַזוי פּלוצלינג, אַזוי אומגעריכט, ווי דער טויט.

— דאַנקען גאָט, איצט וועסטו זיין אַ געוויסע צייט ווייט פון אים! — האָט הילדאַ אַ זאָג געטון, אַרויספאָרנדיק אויף אַ זייטיקן וועג, כּדי אויסצומיידן גראָסהיל.

קאַפּיטל XVII

— זעסטו, הילדאַ, — האָט קאָני זיך אָנגערופן, ווען זיי האָבן זיך שוין דערנענטערט צו לאָנדאָן, — דיר איז אינגאַנצן אומבאַקאַנט דאָס אמתדיקע געפיל פון ליבע און תּאווה. ווען דאָס געפיל זאָל דיר אָבער באַקאַנט זיין, וואָלסטו אַנדערש געקוקט אויף די זאַכן.

— גאָט מיין איינציקער! ווי זי האַלט זיך גרויס מיט אירע דערפ.רונגען אויף דעם געביט! — האָט הילדאַ אויסגערופן. — הער, קאָני, קיינמאָל האָב איך נאָך נישט באַגעגנט קיין מאַנספּערשוין, וואָס זאָל פעיִק זיין זיך אמתדיק צו פאַרליבן אין אַ פרוי, וואָס זאָל זיך איר אָפּגעבן אינגאַנצן. אַזעלכע מענער זענען נישט פאַרהאַן. איך בין אַ קנאַפּער בעלן אויף זייער עגאָ־

איסטישער ליבע און ליידנשאַפט. איך וויל נישט זיין קיין שפּילעכל פון וועלכנ'ס איז מאַנספּערשוין, איך וויל נישט זיין קיינעמס זאַך צום פאַרוויילן זיך, איך האָב אין מיין לעבן געזוכט אידעאַלע צונויפלעבונג און האָב זי נישט געפונען ביי קיינעם פון זיי. גענוג פאַר מיר.

קאָני האָט אירע רייד פאַרשטאַנען אַזוי: וואָס הייסט ביי איר אידעאַלע צונויפלעבונג? זי האָט זיך משער געווען, אַז דאָס דאַרף הייסן — ווען איינער גיט איבער דעם צווייטן אַלץ, דערציילט אים וועגן זיך אַלע איינצלהייטן. אָט דאָס מיינט מסתּם הילדאַ מיטן אידעאַלן צוזאַמענלעבן זיך. דידאָזיקע אַלע פּוסטע קעגנזייטיקע אינפאָרמאַציעס צווישן מאַן און פרוי — אין דעם גייט איר. אַך, ווי פּוסט, ווי נאַריש, ווי לעכערלעך! אויסגעדראָשענע קאָמעדיע!

— איך גלייב, אַז שטענדיק אין דיינע באַציִונגען מיט מענער האָסטו מסתּם דער עיקר אין זין געהאַט זיך אַליין, — האָט זי אַ זאָג געטון צו דער שוועסטער.

— געוויס! איך בין נישט מסוגל צו זיין אַ שקלאַפישע נאַטור, איך טויג נישט דערצו, — האָט הילדאַ בייז געענטפערט.

— דו ביסט אַ שקלאַפין פון דיין מיינונג וועגן זיך זעלבסט

נאָך אַזאַ חוצפּהדיקן ענטפער איז הילדאַ אַ שטיק צייט געזעסן שווייגנדיק.

— יעדנפאַלס בין איך נישט קיין שקלאַפין פון אַ פרעמדנס מיינונגען וועגן מיר, בפרט ווען דערדאָזיקער פרעמדער איז אַ דינער ביי מיין מאַן, — האָט זי ענדלעך אַרויסגערעדט מיט איינגעהאַלטענעם צאָרן.

— דו האָסט אָבער מיט דיין מיינונג אַ גרויסן טעות, — האָט קאָני רויִק געענטפערט.

זי האָ שטענדיק דערלויבט דער עלטערער שוועסטער צו הערשן א׳ ר זיך. איצט אָבער איז זי פולשטענדיק פריי געווען פון פרעמדער הערשאַפט, בפרט פון פ ר ו י ע ן - ה ע ר ש אַ פ ט. דאָס אַליין איז אויך געווען אַ פּועל-יוצא פון דער פאַרגאַנגענער

לייטערונגס־נאַכט. פֿרויען! אַך, די פֿרויען, מיט זייערע מיינונגען וועגן געוויסע זאַכן, מיט זייער אויסאיבן השפּעה, הערשאַפֿט! ווי דערווידער דאָס אַלץ איז איר איצט געווען.

אין לאָנדאָן האָבן זיי זיך צונויפֿגעטראָפֿן מיטן פֿאָטער. זיין געזעלשאַפֿט איז קאָנין פֿיל ליבער געווען ווי דער שוועסטערס. ער איז נאָך אַלץ געווען דער זעלבער ברייטפֿלייציקער, היפּשער מאַנספּערשוין, כאָטש דער נייער דור און די אויפֿגעקומענע וועלט האָבן אים צוביסלעך זשענירט. ער האָט אַ צווייט מאָל חתונה געהאַט און גענומען אַ יונג ווייב מיט אַ גרויסן נדן. ער האָט אָבער די פֿרייע צייט פֿאַרברענגט אויסער דער היים און אויסער דער געזעלשאַפֿט פֿונם צווייטן ווייב, פּונקט ווי ער האָט געטון, בשעת דאָס ערשטע ווייב האָט נאָך געלעבט.

קאָני איז געזעסן מיט אים אין אָפּערע. ער איז געווען אַ דיקער מאַנספּערשוין מיט געזונטע ליטקעס; אַזעלכע ליטקעס פֿאַרמאָגן נאָר יענע מענער, וועלכע האָבן הנאה פֿונם לעבן. זיין גוטמוטיקער עגאָאיזם, זיין איינגעעקשנטע זעלבשטענדיקייט, זיין אומגעצוימטע ליידנשאַפֿטלעכקייט — קאָני האָט דידאָזיקע אַלע כאַראַקטער־שטריכן געזען אין זיינע פֿונדאַמענטאַלע, געזונטע ליטקעס. די ליטקעס האָבן כאַראַקטעריזירט דעם מאַן. ליטקעס געזונטע, פֿעסטע זעט מען ביים מאַנספּערשוין, ווען ער איז פֿעסט, געזונט, נאַטירלעך.

קאָני האָט לעצטנס אָנגעהויבן באַמערקן דעם כאַראַקטער פֿון פֿיס. זיי, די פֿיס, זענען פֿאַר איר וויכטיקער געוואָרן ווי די פּנימער. אין די היינטיקע פּנימער האָט זי נישט אַזוי לייכט געקאָנט אונטערשיידן דאָס געקינצלטע פֿונם נאַטירלעכן, בשעת די פֿיס האָבן איר אַ סך דערציילט וועגן דעם, וועמען זיי טראָגן אויף זיך. זייער ווייניק מענטשן האָט זי באַגעגנט מיט געזונטע, פֿעסטע, לעבנסלוסטיקע פֿיס. זי האָט זיך צוגעקוקט צו מענער: גרויסע, שלאַבעריקע ליטקעס הינטער אָנגעבלאָזענע הויזן, אָדער דאַרע, הילצערנע דרענגער הינטער נאָכבאָמבלענדיקע הויזן, צי גאָר שוין געשיקטע, געטאָקטע יונגע ליטקעס אָן דעם מינדסטן אויס־

דרוק, אָן תאווהדיקייט, אָן געפילבאַרקייט, אָן באַדייטונג, עפּעס אַזוי ווי אַ גייענדיקע רגילות אינם געשטאַלט פון אַ פּאָר פיס. אפילו קיין סימן פון ליידנשאַפט — ווי ביים פּאָטער אירן. די פיס ווי זייערע באַלעבאַטים האָבן אויסגעזען צוגלייך גרוי, צוגלייך דערשלאָגן און איבערגעשראָקן כמעט אויף טויט.

דאַקעגן האָבן די פרויען נישט אַרויסגעוויזן קיין סימן פון דערשראָקנקייט. וואָס פאַר אַ פרויען — אַזעלכע פיס האָבן זיי! אָדער אויסטערלישע, אומגעהייערע קלעצער, סלופּעס גאַנצע, אָדער נעבעכדיקע, אויסגעדאַרטע שטעקעלעך, אָדער געטאָקטע, געשיקטע שטעלצלעך אין זיידענע זאָקן, אָבער אָן אַ ברעקל לעבן אין זיך. שוידערלעך און איבלדיק איז צו קוקן אויף די מיליאָנען נשמהלאָזע פיס, וואָס טרעטן אויף דער וועלט, נישט האָבנדיק אין זיך קיין ברעקל נאַטירלעך לעבן.

בכלל האָט קאָני פון שטענדיק אָן פיינט געהאַט לאָנדאָן. די מענטשן דאָ פלעגן איר שטענדיק אויסזען אַזוי אויסגעלייידיקט פון אַלעם, אַזוי קאָשמאַרהאַפטיק. קיין פונק אמתדיק לעבן, קיין ניצוץ פון פרייד אויף די פנימער. אַ שרעק צו קוקן אויף זיי.

אין פאַריז שפּירט זיך כאָטש אין דער לופט דאָס ביסל תאווה. אָבער וואָס פאַר אַ נודנע, אויסגעמוטשעטע, אויסגעשעפּטע תאווה דאָס איז! אויסגעזויגן פונם לעצטן רעשטל געפיל. טרויעריק איז פאַריז! איינע פון די טרויעריקסטע שטעט אין דער וועלט. פאַרמאַטערט פון איר מעכאַנישער תאווה נעבעך, פאַרמאַטערט פון געיעג נאָך געלט, געלט, געלט, פאַרמאַטערט אפילו פון איר בייזן געברום און גאווהדיקייט, פשוט אויסגעשעפּט, שטערבלעך אויסגעשעפּט, אָבער אַלץ נאָך נישט גענוג אַמעריקאַניזירט, נישט גענוג לאָנדאָניזירט, כדי די אויסגעמאַטערטקייט צו פאַרדעקן מיט דער מעכאַניזירטער ציטערניש. און די מאַנספּערשוינען די פאַריזער! די אַלע מענער מ׳שטיינס־געזאָגט, די שפּאַצירער, די פלירט־מאַכער, די זולל־וסובאהדיקע מיטאָג־פאַרצערער! ווי טרויעריק זיי זענען אַלע, ווי אויסגעמוטשעט, ווי אויסגעזויגן פונם לעצטן ביסל געפיל! אמת, פרויען פלעגט מען

גיכער באַגעגענען טיכטיקע, אפילו באַצויבערנדע, וואונדערלעכע פרויען, וועלכע האָבן געהאַט אַ נאָענטע שייכות צו דערווירקלעכער וועלט פון געפילן און נשמה־איבערלעבונגען; זיי זענען אין דעם פּרט אַ סך העכער געשטאַנען פון זייערע מעכאַניש־אָנגעדרייטע ענגלישע שוועסטערן. זיי האָבן אָבער אויך געהאַט אַזוי פיל אומעט אין זיך, זיי זענען אויך געווען גענוג אויסגעשעפּט און זיי ווערן וואָס אַ יאָר מער אויסגעשעפּט. די מענטשהייט ווערט בכלל אָפּגענוצט, פאַרעלטערט פאַר דער צייט!

קאָני האָט געפילט, אַז איר באַציִונג צו דער אַרומיקער וועלט איז נישט קיין געזונטע. טײלמאָל, אויף די בולוואַרן, אין בולאָנער וועלדל, אָדער אין לוקסעמבורגער פּאַרק, פלעגט זי זיך אויף אַ מינוט פאַרגעסן און זיך פילן גליקלעך. אָבער דידאָזיקע מינוטן פלעגן ווערן אַלץ זעלטענער: פּאַריז איז איבערפולט געווען מיט אַמעריקאַנער און ענגלענדער, אויסטערלישע אַמעריקאַנער אין די אויסטערלישסטע גאַרדעראָבן און געוויינלעכע, מרה־שחורהדיקע ענגלענדער, וועלכע מאַכן אין אויסלאַנד נאָך טרויעריקערע מינעס ווי אינדערהיים ביי זיך.

זי האָט וואָס גיכער פאַרלאָזט פּאַריז. עס איז געווען אין דער צייט פון די הייסע חדשים, האָט זיך קאָני אַוועקגעלאָזט דורך דער שווייץ קיין ווענעדיק. הילדאַ האָט, ווי געוויינלעך, הנאה געהאַט פון איר ראָל אַלס לייטערין, וועגווייזערין, אָנפירערין. קאָני האָט מער פאַרגעניגן געהאַט דערפון, וואָס זי האָט געקאָנט מיט אַ רויִק, שטיל געמיט זיך לאָזן אַרומפירן איבער אייראָפּע.

די רייזע איז באמת געווען וואונדערלעך־שיין. קאָני פלעגט אָבער בסדר האָבן אַ שטימונג פון „לאָז־מיך־געמאַכט”, זי האָט צו זיך אַליין געהאַט הרעומות, הלמאי דאָס אַלץ אינטערעסירט זי לחלוטין נישט, הלמאי זי איז נישט אַזוי אַנטציקט ווי אַמאָל. עס האָט זי ממש געשראָקן, וואָס די וואונדערשיינע לאַנדשאַפטן ווירקן נישט אויף איר געמיט.

זי האָט אַלזאָ קיין לעבן נישט געזען נישט אין פּאַריז, נישט אין דער שווייץ, נישט אין טיראָל, נישט אין איטאַליע. זי איז

דורכגעפאָרן די אַלע לענדער, ווי אָן אויגן, ווי אָן אַ נשמה. אַלץ דאָ האָט ביי איר נישט געהאַט מער חן ווי קליפאָרדס מיטל־ענגלאַנד. זי האָט געפילט, אַז עס אינטערעסירט זי אַזוי ווייניק, פּונקט ווי זי וואָלט גערייזט נישט צווישן פראַנקרייך, שווייץ און איטאַליע, נאָר צווישן טיווערסהאַל און שעפילד. דאָס, וואָס זי זעט דאָ, איז אפילו ווינציקער ממשותדיק ווי דאָס פאַרחושכטע מיטל־ענגלאַנד, עס האָט אַ סך ווייניקער ווירקלעכקייט אין זיך.

און די מענטשן! די מענטשן זענען אַלע ווי פון איין טייג געקנעטן. אַלע האָבן נאָר איינס אין זין: וואָס מער געלט אויסצופּרעסן פון די רייזנדע, די רייזנדע ווידער — וואָס מער צו געניסן, פאַר יעדן פּרייז געניסן, ווי זיי וואָלטן פון אַ שטיין געוואָלט בלוט צאַפּן. אומגליקלעכע בערג! אומגליקלעכע לאַנדשאַפטן! זייער אויפגאַבע איז וואָס מער עמאָציע, וואָס מער סענסאַציע צו פאַרשאַפן.

זי האָט אַזש געבענקט צוריק אַהיים, צו קליפאָרדן, צום אומגליקלעכן קאַליקע קליפאָרד. ער איז לפּחות נישט אַזאַ אידיאָט, ווי די חברה טוריסטן דאָ, וואָס שלענדערן זיך אַרום איבער דער וועלט.

אָבער טיף, אינעווייניק, אין אונטערבאַוווסטזיין, האָט זי באמת געצויגן צו יענעם מאַנספערשוין, וועלכער האָט איר לעבן איבערגעדרייט ווי אַ טאָפּ. זי טאָר נישט איבעררייסן דעם מינדסטן פאָדעם פון קאָנטאַקט מיט אים, זי האָט נישט באַדאַרפט אַוועקפאָרן און בלייבן אָן אים. אָן אים איז זי אַ פאַרלוירענע.

די שוועסטערן האָבן אַוועקגעגעבן דעם אויטאָ אין אַ גאַראַזש, אַרויסגענומען אַ קוויטירונג און מיט אַ דאַמפער אַרויסגעפאָרן קיין ווענעדיק. עס איז געווען אַ פּרעכטיקער זומערטאָג. די לאַגונע איז לייכט געפאַלדעוועט געווען דורכן מילדן דרום־ווינט. די זון האָט זיך געשפּיגלט אין די גרינלעכע גערינצלטע כוואַליעס. ווענעדיק איז געווען איינגעהילט אין אַ לייכטן נעפּל־טויל.

ביים ברעג ים, פאַרן אַריינגאַנג אינם פּאָרט־וואָקזאַל, האָבן

זיי געדונגען אַ גאָנדאָלע און געגעבן דעם גאָנדאָליער דעם אַד־רעס. דער גאָנדאָליער אין אַ ווייס־בלויער בלוזע האָט אויך נישט געמאַכט קיין באַזונדערן איינדרוק.

— ווילע „עסמעראַלדאַ“, יאָ, יאָ, איך ווייס, וווּ דאָס איז. איך האָב אַהין געפירט עפּעס איינעם אַ הער. אַ היפּשער מהלך פונדאַנען.

דער יונגער איטאַליענער, דער גאָנדאָליער, האָט גערעדט מיט קינדישער זשעסטיקולאַציע. בכלל האָט ער אויסגעזען איבער־מעסיק עקזאַלטירט. געאַרבעט מיט דעם רודער פון זיין שיפל האָט ער אויך צו האַסטיק, מיט איבערגעטריבענעם פלייס. זיי האָבן זיך געגליטשט לענגאויס זייטיקע קאַנאַלן מיט פינסטערע מויערן פון ביידע זייטן, באַקלעפּטע מיט גרין־שליימיקן מעך. אי־בער זייערע קעפּ איז צעהאָנגען געווען אויף שטריק וועש צום טרוקענעם און געשמעקט האָט נישט בעסער ווי אין אַ קלאָזעט.

ווען זיי זענען אַריינגעקומען אין די ברייטע קאַנאַלן, האָט זיך דער האָריזאָנט אויסגעשפּרייט, לענגאויס האָבן זיך פּאַר די הייזער געצויגן ברייטע טראָטואַרן, איבער די קאַנאַל־וואַסערן זע־נען געהאָנגען בויגנפאָרמיקע בריקן. באַלד זענען זיי אַריינגעקו־מען אין Canale Grande. ביידע שוועסטערן זענען געזעסן אונ־טערן לייוונטענעם אָפּדעכל, דער גאָנדאָליער איז געשטאַנען הינ־טער זיי אויפן אויפגעהויבענעם שנאָבל פון זיין שיפל.

— די סיניאָרינעס בלייבן אויף לאַנג אין דער ווילע „עס־מעראַלדאַ“? — האָט ער אַ פרעג געטון, רודערנדיק פאַמעלעכער און אָפּווישנדיק דעם שווייס פון שטערן מיט אַ ווייס־בלוי טיכעלע.

— בערך דריי וואָכן! — האָט הילדאַ געענטפערט, דער־ביי האָט איר איטאַליענישע אויסשפּראַך תיכּף פאַרראַטן אַן ענג־לענדערין.

— אַזוי! דריי וואָכן! — האָט דער גאָנדאָליער געפרעגט און אָנגעהויבן לאַנג נאָכטראַכטן. — אפשר דאַרפן די סיניאָרי־נעס אַ גאָנדאָליער אויף די דריי וואָכן? ס׳קאָן זיין אויף ווי־ניקער.

קאָני און הילדאַ האָבן זיך אַ ווײַלע באַראַטן. אין װענעדיק איז תּמיד גלײַכער צו האָבן אַן אײגענע גאָנדאָלע, אַזױ װי אין אַ דאָרף מוז מען האָבן אַן אײגענעם אויטאָ.

— און אין דער װיליע װי אַזױ איז מיט דידאָזיקע זאַכן? נישטאָ דאָרט קײן אײגענע גאָנדאָלעס?

— ס'איז פאַרהאַן אַ מאָטאָר־שיפל און אַן אײנציקע גאָנדאָלע, אָבער...

דערדאָזיקער „אָבער" האָט באַדײַט: עס זענען דאָרט פאַרהאַן צופיל בעלנים אויף דער אײנציקער גאָנדאָלע.

— װיפיל װילט איר אַ טאָג, אַ װאָך?

ער האָט געזאָגט זײַן פּרײַז. עס האָט אויסגעמאַכט בערך דרײַסיק שילינג אַ טאָג, אָדער צען פונט אַ װאָך.

— גוט, — האָט הילדאַ מסכּים געװען. — קומט מאָרגן פרי. װי הײסט איר?

ער האָט אָנגעגעבן זײַן נאָמען — דזשיאָװאַני און געפרעגט, װיפיל אַ זײגער ער זאָל קומען און װעמען הײסן מעלדן.

די װיליע „עסמעראַלדאַ" איז געלעגן װײַט פון דער לאַגונע. די געבײדע איז ערשט נישט לאַנג אויפגעשטעלט געװאָרן, זי איז געװען זײער פײַן געבויט, מיט טעראַסן צום ים־צו, אונטער די טעראַסן — אַ גרויסער פּאַרק, אַ געדיכט־פאַרװאַקסענער און אַן אַרומגערינגלטער מיט אַ געמויערטן פּאַרקאַן.

דער װירט פון דער װיליע, אַ שאָטלענדער, אַ פעסט־געבויטער און אַ ברײט־פּלײצטיקער, האָט נאָך פאַר דער מלחמה געמאַכט אין איטאַליע אַ שײן פאַרמעגן און בשעת דער מלחמה איז ער פאַר זײַן אולטראַ־פּאַטריאָטיזם באַשאָנקען געװאָרן מיטן טיטול אַדעליקער. די פרוי זײַנע איז געװען אַ דאַרינקע, אַ בלאַסינקע מיט אַ פויגליש פּנימל; זי האָט קײן אײגן פאַרמעגן נישט געהאַט, דערפאַר אָבער האָט זי געהאַט גענוג צרות בײַם ליקװידירן די אָפּטע גאַנץ שמוציקע ליבעס־פּאַסירונגען פון איר מאַן. זי האָט געהאַט אַן אַ שיער דאגות מיט די דינסטן, אָבער דער מאַן האָט

דעם זומער געהאַט אַ שטיקל האַרץ־אַטאַק, זעען אירע צרות אין זאָרג אויף דעם געביט אַ ביסל קנאַפּער געוואָרן.

די ווילע איז געווען איבערפולט. חוץ די צוויי שוועס־טערן מיטן פאָטער האָבן זיך דאָרט געפונען נאָך זיבן געסט: אַ שאָטלענדיש פּאָרפאָלק מיט זייערע צוויי טעכטער; אַ יונגע אי־טאַליענישע גרעפין, אַן אלמנה; אַ יונגער גרוזינישער פירשט און אַ מיטליעריקער ענגלישער גייסטלעכער, וועלכער איז נאָר־וואָס דורכגעקומען אַ לונגען־אָנטצינדונג און צוליב זיין שלעכטן געזונט־צושטאַנד געבליבן דאָ ביים ווירט סער אַלעקסאַנדער קופּער אַלס הויז־קאַפּעלאַן. דער פירשט, אַ שיינער, אָבער אָרימער יונג, וואָלט זיך זייער פיין פּרעזענטירט אַלס שאָפער, ער האָט פאַרמאָגט אַ גענוגנדע מאָס חוצפה, מער נישט. די איטאַליענישע גרעפין איז געווען אַ שטיל, באַשיידן קעצעלע, וועלכע האָט עפּעס געפירט אַ געהיימען שפּיל. דער גייסטלעכער איז געווען אַ האַמעטנער, פּאָלקסטימלעכער טיפּ, וועלכער האָט צום גליק איבערגעלאָזט אינ־דערהיים אַ ווייב מיט צוויי קינדער. וואָס שייך דער פאַמיליע גוטריע, זענען דאָס געווען אָרנטלעכע, סאָלידע עדינבורגער שטאָט־באַלעבאַטים, וואָס האָבן זיך געקוויקט מיט אַלץ אויף זייער סאָ־לידן שטייגער און זיך צוגעלאָזט אַלע אויסלענדישע תענוגים, וועל־כע זענען נאָר נישט געווען צו־טייער און ריזיקאַליש.

קאָני און הילדאַ האָבן תיכף אויסגעצייכנט צווישן אַלע אי־בעריקע דעם גרוזינישן פירשט. די עדינבורגער בירגער זענען געווען מער־ווייניקער פון דעם זעלבן געזעלשאַפטלעכן שיכט, וואָס זיי — פאַרמעגלעכע, אָבער לאַנגווייליקע; די מיידלעך זענען גע־גאַנגען אויף יאַגד נאָך מענער, חתונה צו האָבן. דער גייסטלעכער וואָלט געווען אַ נישקשהדיקער קאָמפּאַניאָן, אָבער חניפהדיק און קריכעריש. דער ווירט, סער אַלעקסאַנדער, איז נאָכן דורכגעקומע־נעם האַרץ־אַטאַק געווען צו שווער, צו איינגעזעסן אין זיין פאַטעל, אָבער נישט קוקנדיק דערויף, איז ער געווען זייער אויפגעהייטערט צוליב דער אַנוועזנהייט אין זיין ווילע פון אַזוי פיל שיינע פרויען. דאָס ווייב זיינס, ליידי קופּער, איז געווען אַ שטיל, כיטרע באַ־

שעפּעניש׳ל, וועלכעס איז כּמעט נישט אַריינגעגאַנגען אין חשבון; זי האָט נעבעך געקוקט אויף יעדער פרעמדער פרוי מיט איבערגעשראָקענע אויגן און אויפגעשפּיצטע אויערן און אַרויסגעלאָזט פון מויל אַזעלכע אייז־קאַלטע שטעכווערטלעך, וואָס האָבּ געזאָלט באַווייזן, ווי ווייניק זי האַלט פון אונזער וועלט און פון דעם גאַנצן מענטשלעכן מין. קאָני האָט באַמערקט, אַז די זעלבע באַציִונג האָט זי צו דינסטן. זי האָט אָבער צו דער זעלבער צייט געקאָנט איינרעדן דעם מאַן אירן, אַז באַלעבאָס איז דאָ איבער אַלץ און אַלעמען ער, מיט זיין דיקן בויך, מיט זיין געמאַכטער גוטמוטיקייט און מיט די נאַרישע וויצן זיינע, וועלכע פאַרמאָגן נישט אין זיך קיין ברעקל הומאָר, לויט הילדעס פאַרזיכערונג.

קאָניס פאָטער האָט געמאָלט. ער איז נאָך אַלץ געווען פאַרנומען מיט זיין מאָלעריי; אים איז נישט קיין גרויסער חילוק געווען, וואָס צו פאַראייביקן אויף לייוונט: אַ לאַנדשאַפט פון דער ווענעציאַנישער לאַגונע, אַ ברעג פון באַרג־שיפּוע. יעדן פרימאָרגן פלעגט ער זיך אַרויסלאָזן אויפן ים אין אַ שיפל און מיטנעמען זיינע מכשירים צו דער אַרבעט. עטוואָס שפּעטער פלעגט אַרויספאָרן אין שטאָט אַריין ליידי קופּער מיט איר מאָלברעט און אַקוואַרעל־פאַרבן. זי איז געווען אַ פאַרברענטע אַקוואַרעליסטין, און דאָס גאַנצע הויז איז פול געווען מיט ראָזע פּאַלאַצן, טונקעלע קאַנאַלן, הענגל־בריקן, מיטלאַלטערלעכע קאַרניזן און דאָסגלייכן. ערשט שפּעטער איז די פאַמיליע גוטריע, דער פירשט, די גרעפין, סער אַלעקסאַנדער און טיילמאָל אויך דער גייסטרייכער הער לינד אַרויסגעפאָרן זיך באָדן צו דער לידאָ און אַהיימקומען צו מיטאָג אַרום האַלב צוויי אַ זייגער.

בכלל איז דאָ די געזעלשאַפט געווען אַ היפּש ביסל נודנע. הילדאַ און קאָני האָבן זיך אָבער ווייניק געקימערט דערמיט. זיי האָבן זייער גאַנצע צייט פאַרבראַכט אויסער דער ווילע. דער פאָטער פלעגט זיי אַרומשלעפּן איבער די בילדער־אויסשטעלונגען — גאַנצע מיילן פאַרשידענע מאָלערייען. ער פלעגט זיי מיטנעמען צו זיינע אַמאָליקע חברים־קינסטלער, אין די הייסע אָוונטן

פלעגט ער מיט זיי פאַרברענגען אויף דער פיאַצצאַ, ווו ער האָט געפאַקט אַ טישל ביי פלאָריאַנען. אָפט פלעגט ער מיט זיי באַזוכן גאָלדאָניס טעאַטער־פאָרשטעלונגען. זיי זענען געווען אויף פאַרוויילונגען מיט לאַמפּיאָנען, וועלכע זענען איינגעאָרדנט געוואָרן אויפן וואַסער, אויף בעלער. דאָס איז געווען אַ מקום צום פאַרווײלן זיך — דאָס איינציקע אין דער וועלט. די לידאָ מיט אירע קילאָמעטערדיקע שטחים, צונגעשטאָפּטע מיט אָפּגעברענטע און אין פּיזשאַמעס אָנגעקליידטע קערפּערס, האָט אויסגעזען ווי אַ ים־ברעג, אויף וועלכן עס האָבן זיך צונויפגעזאַמלט אומענדלעכע סטאַדעס ים־הינט צום פּאָרן זיך. אַ צו גרויסע שפע מענטשן אויף דער פיאַצצאַ, אַ צו גרויסע שפע מענטשלעכע לייבער אויף דער לידאָ, צופיל גאָנדאָלעס, צופיל מאָטאָר־שיפלעך, צופיל דאַמפּערס, צופיל טויבן, צופיל אייז־קרעם, צופיל ווײַן און קאָקטאַיל, צופיל דינערשאַפט מיט אויסגעשטרעקטע הענט נאָך טרינקגעלט, צופיל פעלקער און צופיל לשונות, צופיל ווענעציאַנישע ריחות, צופיל קוישן מיט טרוסקאַווקעס, צופיל זיידענע שאַלן, צופיל רויטע קאַוואָן־לאַכמעס אויף די שטעלעכלעך: אַ צו־גרויסע שפע פאַרגעניגנס, טאַקע שוין צופיל, אַ צו־גרויסער איבערפלוס פון פאַרגעניגן!

קאָני און הילדאַ האָבן פּאַראַדירט אין זומערדיקע טואַלעטן. עס האָבן זיך דאָ געפונען צענדליקער מענטשן, וועלכע האָבן זיי געקענט, צענדליקער, וועלכע זיי האָבן געקענט. מיכאַעליס האָט זיך אויך באַוויזן ווי אַן אָנשיקעניש.

— האַלאָ! וווּ וווינט איר? קומט ערגעץ אויף אייז־קרעם! קומט, לאָמיר זיך ערגעץ דורכפאָרן אויף אַ גאָנדאָלע!

אפילו מיכאַעליס איז געווען עטוואָס אָפּגעברענט. אייגנטלעך, איז דער אויסדרוק — אָפּגעברענט — אין באַצוג צו דער דאָזיקער מאַסע מענטשלעכע לייבער נישט זייער צוגעפּאַסט, בעסער וואָלט געווען זיך אויסצודרוקן — פאַרשרפהט.

אַ געווויסער מין פאַרגעניגן האָט אפילו אין דעם אַלעם געשטעקט. עס האָט כמעט געהאַט אַ טעם פון פאַרגעניגן. דאָך איז

דאָס אַלץ אינאיינעם מיט די אַלע ווײַנען און קאָקטײלן, מיט דעם ליגן גאַנצע טעג אין וואַרעמען וואַסער, מיט די זון־בעדער אויפן צעהיצטן זאַמד אונטער דער ברײַענדיקער זון, מיט די טעג אונטער די קלאַנגען פון דזשאַז, בשעת אין די הייסע זומער־נעכט קלעבט זיך צו דער בויך צום בויך פון עפּעס אַ פרעמדן יונגנמאַן, מיט דעם שפּעטערדיקן אָפּקילן זיך דורך אַן שיעור פּאָרציעס אייז־קרעם און פרוכט־זאַפט — געווען נישט מער ווי אַזאַ נאַרקאָז, אַן אויסגעצייכנט פאַרשיכּורונגס־מיטל. און די אַלע מענטשן דאָ האָבן דאָך מער נישט פאַרלאַנגט ווי שיכּרות. דאָס פּוילע וואַסער — איז נאַרקאָז, די זון — נאַרקאָז, די דזשאַז־מוזיק — נאַרקאָז, די פּאַפּיראָסן, דער קאָקטײל, דער אייז־קרעם, דער ווערמוט, אַלץ איז נאָר צום פאַרשיכּורן, צום באַטויבן זיך! געניסן! געניסן!

הילדאַ האָט געפונען אַ סך רייץ און אפילו פאַרגעניגן אין דעמדאָזיקן אומאויפהערלעכן שיכּרות־צושטאַנד. זי האָט הנאה געהאַט צו אָבסערווירן דאָס פרויען־געזינדל און פּלעכטן וועגן זיי אַ נעץ פון השערות. וואָס פאַר אַ מין באַשעפעניש איז די דאָזיקע אַ שטייגער אין? וועמען זי האָט שוין אויפגעכאַפּט? וואָס פאַר אַ פאַרבינדונג עס איז פאַראַן צווישן איר און דעם פּאַרל? וויפל פאַרגעניגן האָט זי אַ שטייגער פון דער פאַרבינדונג? די פרויען ווי די פרויען, אָבער די מענער האָבן בײַ איר געהאַט אַ פּנים פון גרויסע סאַן־בערנאַרד־הינט אין ווייסע הויזן, וועלכע קוקן אויס אויף אַ גלעט, אויף אַ צערטלעכקייט, אויף אַ געלעגנהייט צוצוקלעבן זייער בויך צום בויך פון וועלכער ס'איז פרוי.

הילדאַ האָט אַליין אויך ליב געהאַט דעם דזשאַז, ווײַל ער האָט איר געגעבן די געלעגנהייט צוצוקלעבן איר בויך צום בויך פון אַן אַזוי גערופענעם מאַנספּערשוין און צו לאָזן קירעווען מיט אירע באַוועגונגען רעכטס צי לינקס איבער דער געוועקסטער פּאַדלאָגע, כּדי זיך דערנאָך אַוועקצורייסן פון יענעמס בויך און איגנאָרירן דעם „שוטה". זי האָט געקוקט אויף יעדן מאַן ווי אויף אַ קעגנשטאַנד צו באַנוצן אים. קאָני אָבער איז נעבעך געווען אומגעשיקט אין די זאַכן. זי האָט נישט קיין חשק געהאַט צו טאַנצן

בײ די קלאַנגען פון דזשאַז, זי האָט ממש נישט געקאָנט פאַרטראָגן די שפּע נאַקעטע לײבער אויף דער לידאָ. עס האָט אַזש נישט געקלעקט קײן װאַסער אין דער לאַגונע זײ אַלע אָפּצושװענקען. זי האָט געפילט אַן עקל צו סער אַלעקסאַנדער און צו לײדי קוּפּער. זי האָט נישט געװאָלט, אַז מיכאַעליס, אָדער װער אַנדערש זאָל נאָך איר נאָכלױפן.

די גליקלעכסטע מינוטן פאַר איר זענען געװען, בשעת עס איז איר געלונגען איבערצורעדן הילדען צו מאַכן מיט איר אַ שפּאַציר איבער דער לאַגונע צו אַן אײנזאַמער זאַמד-באַנק װײט פון ברעג, װוּ זײ האָבן זיך געקאָנט אויסבאָדן גאַנץ אַלײן און די גאָנדאָלע זאָל װאַרטן אויף זײ ערגעץ נישט װײט.

דזשיאָװאַני פלעגט אין אַזעלכע פאַלן מיטנעמען צו-הילף נאָך אַ גאָנדאָליער, װײל די שטרעקע איז געװען אַ װײטע און ער פלעגט זיך באָדן אין שװײס פון גרויס מי. דזשיאָװאַני, זײער אַ ליבלעכער, אַ העפלעכער, װי יעדער איטאַליענער, האָט נאָך דער-צו געהאַט אַ גרויסע מעלה — ער האָט נישט פאַרמאָגט קײן ברעקל תאווה. בכלל זענען איטאַליענער װײניק תאווהדיק: תאווה מוז באַזיצן גרויסע רעזערװן. זײ זענען מערסטנטײלס מענטשן ליבע, גינסטיק-געשטימטע און נאָכגיביקע. אָבער האָבן תאווה פון אײגע-נער איניציאַטיװ — דאָס נישט.

דזשיאָװאַני איז אַלזאָ געטרײ געװען זײנע צװײ פּריצות פונקט אַזוי, װי ער האָט געטרײ געדינט אַלע פריערדיקע פּריצות. ער איז געװען אַנטשלאָסן צו פּראָסטיטואירן מיט זײ, װען זײ זאָלן עס נאָר פאַרלאַנגען. אין האַרץ איז ער געװען איבערצײגט, אַז זײ װעלן דאָס טאַקע פאַרלאַנגען פון אים. פון דערפאַרונג האָט ער געװוּסט, אַז דאָס מוז קומען און אַז פאַר דעם באַקומט מען גוט באַצאָלט. איצט װאָלט עס אים דװקא זײער צונוץ געקומען, װײל ער האַלט בײ חתונה האָבן.

אַזאַ שפּאַציר װײט איבער דער לאַגונע האָט אים אײנגע-געבן אין געדאַנק די השערה, אַז דאָס שמעקט מיט געשעפט — מיט ליבע, האָט ער טאַקע דעריבער מיטגענומען זײנס אַ חבר,

ער זאָל אים אַרויסהעלפֿן ; ערשטנס, איז עס טאַקע געווען אַ ווייטע שטרעקע, צווייטנס, זענען דאָך געווען צוויי דאַמען.

דער חבר, וועלכן דזשיאָוואַני האָט מיטגענומען, האָט געהייסן דאַניעלע. ער איז געווען אַ שיינער, שלאַנקער יונג, אַ העל-בלאָנדער קאָפּ לאָקן, אַ געשניצט, מענלעך פּנים, בלויע, ווייטזיכטיקע אויגן, נישט קיין צופיל באַרעדעוודיקער און נישט קיין שנאָרערישער ווי דזשיאָוואַני. ער האָט די גאַנצע צייט געשוויגן און גערודערט מיט אויסטערלישער גראַציע און געשיקטקייט. אויף די צוויי דאַמען האָט ער אפילו קיין בליק נישט געטון.

אַן עכטער מאַנספּערשוין ! ווען דזשיאָוואַני האָט צופיל געפּלאַפּלט, גערודערט נישט ווי עס באַדאַרף צו זיין, געזופּט צו אָפט פונם פלעשל, וואָס ער האָט געהאַלטן ביי זיך אין דער הויזן-קעשענע, האָט ער זיך אַזש געקרומט פון פאַרדרוס. דאָס איז אַ טיפּ פון אַ נישט פראָסטיטואירטן מאַנספּערשוין, ווי מעלאָרס, — האָט קאָני געטראַכט. זי האָט מיטגעפילט דזשיאָוואַניס כלה, רחמנות געהאַט אויף איר. דאַניעלעס ווייב, דאַקעגן, האָט זי זיך פאָרגעשטעלט אַלס סימפּאַטישע ווענעציאַנישע פאָלקס-פרוי.

קאָני האָט געקוקט אויף דעם ווייט-אַוועקגעשוווּמענעם ווענעדיק, אַזוי ראָז, אַזוי פלאַך ליגט עס אויפן וואַסער. געבויט פון געלט, צעבליט פונם געלט און טויט ווי דאָס געלט ! די טויטקייט פון געלט ! געלט, געלט, געלט, פראָסטיטוציע און טויטקייט !

און דאָך איז דאַניעלע אַ מאַן, אַ עכטער מאַן, פעיִק צו מענלעכער טרייהייט. ער טראָגט נישט קיינמאָל קיין גאָנדאָליער-בלוזע, נאָר אַ בלויען סוועטער. ער איז עטוואָס ווילד, ווייניק ציוויליזירט, ווייניק אויסגעשליפן און גענוג שטאָלץ. ער פילט זיך אַלס געדונגענער פון דעם הינטישן דזשיאָוואַני, דזשיאָוואַני אַליין ווידער איז אַ געדונגענער פון דידאָזיקע צוויי פּריצות. ווע, קריסטוס האָט צוריקגעשמיצט דעם שטן זיין געלט, האָט ער אים דערמיט געגעבן די הערשאַפט איבער דער וועלט, איבער דער וועלט פון געלט.

פון דידאַקטישע שפּאַצירן איבער דער לאַגונע פלעגט קאָני צוריקקומען אַהיים אַ צערודערטע און פלעגט אָפּנעמען די פּאָסט. קליפאָרד האָט איר געשריבן רעגולער יעדן צווייטן טאָג. ער האָט געוויינלעך געשריבן שיינע, ליטעראַרישע בריוו, מ׳וואָלט פון זיי געקאָנט מאַכן אַ בוך. קאָני האָט זיי דעריבער געלייענט מיט ווייניק אינטערעס.

זי האָט זיך געפונען אין צערודערונגס-צושטאַנד. אַלץ האָט אויף איר געווירקט לעצטנס: די געזאַלצענע ים-בעדער, די פון זון פאַרפלייצטע לאַגונע, די נישטיקייט, די פוסטקייט פון אַלץ אַרום, דער שטאַנדהאַפטיקער געזונט-צושטאַנד. דאָס אַלץ האָט קאָנין גלייכצייטיק אי צערודערט, אי צופרידנגעשטעלט. זי האָט זיך מיטגעשלעפּט מיטן אַרומיקן לעבן און נישט רעאַגירט דערויף. אויסער דעם האָט אויף איר געווירקט דאָס, וואָס זי האָט זיך דערפילט אין אַנדערע אומשטענדן.

זי האָט זיך שוין דאָ געפונען צוויי וואָכן און בדעה געהאַט צו פאַרבלייבן נאָך צען טעג, אָדער העכסטנס נאָך צוויי וואָכן. די דרום-זון האָט צונישט געמאַכט יעדע צייט-רעכענונג און איר אייגענער צושטאַנד האָט זי אינגאַנצן געמאַכט אומפעיִק צו חשבונען.

פלוצלינג האָט זי פון דערדאַזיקער גליקזעליקער פאַרגעסונג אויפגעוועקט קליפאָרדס אַ בריוו:

„...מיר האָבן דאָ געהאַט אַ שטיקל סענסאַציע. דאָס ווייב פונם וואַלד-אויפזעער מעלאָרס האָט זיך צוריקגעקערט צו אים אין זיין וואַלד-שטיבל. דאָרט האָט זי זיך איבערצייגט, אַז דער מאַן האָט נישט געבענקט נאָך איר. ער האָט זי פשוט אַרויסגעוואָרפן און צוגעשלאָסן נאָך איר די טיר. מ׳גיט אָבער איבער, אַז ווען ער איז דעם זעלבן טאָג געקומען צו זיך אַהיים, האָט ער געטראָפן זיין פלוניתטע נאַקעט ווי די מוטער חוה, צעלייגט ביי זיך אין בעט. זי האָט אויפגעריסן אַ פענסטער און גאַנץ איינפאַך אַריין צו אים — ווי זי טענהט: צו זיך — אין שטוב. נישט געפינענדיק קיין פּאַסיק מיטל פטור צו ווערן די ארורה פון זיין היים, האָט ער גענומען די פיס אויף די פלייצעס און עוקר געווען צו זיין

מוטער קיין טיוּוערסהאַל. הכלל, די ווענוס באַלעבאַטעוועט אינם וואַלד־שטיבל און אַפּאַלאַ זיצט ביי דער מוטער.

איך שרייב דיר דאָס, ווייל דערציילנדיק מיר דידאַזיקע נייעס, האָט מיין אינפאָרמאַטאָרין פרוי באַלטאַן צוגעגעבן פאָל־גענדע באַמערקונג: „שוין! איצט וועט שוין די גנעדיקע ליידי נישט גיין שפּאַצירן אין וואַלד אַריין, זי וועט זיך נישט וועלן באַגעגענען מיט דערדאַזיקער פרוי!"

די נייעס, וואָס זי האָט דערהאַלטן, האָט איר קאַליע גע־מאַכט די גוטע שטימונג. זי איז געוואָרן טרויעריק און צע־שרויפט, קיין אָרט האָט זי זיך ממש נישט געקאָנט געפונען. נאַ־דיר אַזאַ מין אומגליק, אַ פרישע צרה! הייב איצט אָן פאָרען זיך מיט אַזאַ מין אויסוואָרף, ווי די בערטאַ קוטס! קיין ידיעה פון מעלאָרסן האָט זי נישט געהאַט. זיי האָבן צווישן זיך געהאַט אָפּגערעדט קיין קאָרעספּאָנדענץ נישט צו פירן. איצט איז אָבער נייטיק געווען פון אים צו באַקומען אַ בריוו. דאָס קינד, אויף וועלכן זי ריכט זיך, איז דאָך אויך זיינס. ער וואָלט איר באַ־דאַרפט איצט שרייבן וועגן זיינע פאַרלעגנהייטן.

ווי עקלהאַפט דאָס אַלץ איז! ווי עקלהאַפט און ווי שמוציק די אַלע לייט זענען! און דאָ — די זון, דער ים, די פוילקייט — ווי ליב, ווי הערלעך דאָס איז אין פאַרגלייך מיט דעם מיאוסן מיטלענגלאַנד! שליסלעך, איז טאַקע דאָס וויכטיקסטע אינם לעבן אַ לויטערער הימל און אַ הערלעכע זון.

וועגן דעם, אַז זי איז אין אַנדערע אומשטענדן, האָט קיי־נער נישט געוווסט, אפילו הילדאַ אויך נישט. זי האָט אַלזאַ אָנגע־שריבן צו פרוי באַלטאַן אַ קורץ בריוול מיט דער ביטע וועגן מער אויספירלעכע ידיעות.

דונקאַן פאָרבעס, אַ קונסט־מאָלער, זייערס אַ הויז־פריינט, האָט, פאָרנדיק קיין רוים, אָפּגעטרעטן ביי זיי אין „עסמעראַלדאַ". ער האָט פאַרווייל דאָ לענגער, געבאָדן זיך צוזאַמען מיט היל־דען און קאָנין אין דער לאַגונע, געמאַכט מיט זיי אינאיינעם ווייטערע שפּאַצירן אין דער גאָנדאָלע. דערדאַזיקער יונגערמאַן איז

געווען אַן אייביקער שווייגער, אַן אויסטערליש רויִקער, אַלס קינסטלער איז ער שוין געווען באַקאַנט אין פאַרשידענע ענגלישע געזעלשאַפטלעכע קרייזן.

קאָני האָט דערווייל באַקומען פון פרוי באָלטאָן ענטפער אויף איר בריוו:

„אייער דורכלויכט וואָלט זיך געוויס געפרייט, ווען איר קוקט היינט אָן סער קליפאָרדן. ער זעט אויס אויסגעצייכנט, אַרבעט אינטענסיוו און איז שוין אין דער בעסטער שטימונג. זעלבסט־פאַרשטענדלעך, איז זיין בענקשאַפט נאָך אייער דורכלויכט אומבאַשרייבלעך. מיר אַלע ציילן שוין די מינוטן, ווען אייער דורכלויכט וועט צוריקקומען.

וואָס איז שייך דעם הער מעלאָרס, ווייס איך נישט, וואָס פאַר אַ ידיעות סער קליפאָרד האָט אייער דורכלויכט געשריבן. זי מיר איז באַוווּסט, האָט זיין ווייב געוואָלט קומען צו אים אומגעריכט. ווען ער איז אַהיימגעקומען איינמאָל אויף מיטאָג, האָט ער זי געטראָפן זיצן ביי זיך אויף דער שוועל. זי האָט געזאָלט דייטלעך דערקלערן, אַז זי איז איצט ענדגילטיק צוריקגעקומען צו אים, ווינען מיט אים ווי מאַן־און־ווייב, און אַז ווען גט זאָל ער פאַרגעסן. ווי מיר שיינט, האָט דער הער מעלאָרס לעצטנס געזאָלט אָננעמען שריט זיך צו גטן מיט איר. ער האָט זי טאַקע נישט אַריינגעלאָזט צו זיך אין שטוב אַריין. אַליין איז ער אויך נישט אַריינגעגאַנגען מיטאָג עסן, נאָר צוריק אַוועק אין וואַלד אַריין.

צוריקקומענדיק אָבער אַהיים אָוונט־צייט, האָט ער דערזען, אַז די טיר איז אויפגעהאַקט. אַריינגייענדיק אין שטוב, האָט ער דערזען, ווי דאָס צוריקגעקומענע ווייב זיינס ליגט אין בעט אָן אַ העמד אפילו. ער האָט איר פאַרגעלייגט אויסקויף־געלט, אַבי זי פטור צו ווערן. זי האָט אים קאַטעגאָריש דערקלערט, אַז אַלס זיין געזעצלעך ווייב איז זי דאָ באַלעבאָסטע און זי האָט נישט בדעה אוועקצוגיין פונדאַנען. וואָס ווייטער איז פאָרגעקומען צווישן זיי, ווייס איך נישט. זיין מוטער האָט מיר דאָס אַלץ איבערגעגעבן —

זי איז ממש פֿאַרצווייפֿלט פֿון דער מעשׂה. ער וווינט איצט בײַ זײַן מוטער אין טיוועריסהאָל. מ'האָט מיר נאָך איבערגעגעבן, אַז אויך זי, דאָס ווײַב זײַנס, וווינט נישט מער אין וואַלד־שטיבל, זי געפֿינט זיך בײַ איר ברודער, וועלכער הייסט דאַן. זי פֿאַרשפּרייט קלאַנגען, אַז דער הער מעלאָרס, דער מאַן אירער, האָט בײַ זיך אין וואַלד־שטיבל אויפֿגענומען פֿרויען, זי האָט געזאָלט אין אַ טיש⸗קעסטל געפֿונען אַ פֿלעשעלע דאַמען־פּערפֿום, מונדשטוקן מיט גאָלד⸗פּאַפּיר פֿון אויסגערייכערטע פּאַפּיראָסן און גאָט ווייסט, וואָס נאָך פֿאַר אַ סימנים. מ'שמועסט אויך, אַז דער פּאָסט־טרעגער פֿרעד קירק האָט איינמאָל פֿאַרטאָג געהערט עפּעס אַ פֿרויען־שטימע פֿון הער מעלאָרס' שלאָף־חדר און אַז עפּעס אַן אויטאָ האָט מען געזען וואַרטן בײַם וואַלד.

מ'האָט מיר די טעג דערציילט, אַז הער מעלאָרס' ווײַב האָט זיך צוריק אַרײַנגעקליבן אינעם וואַלד־שטיבל, ווו זי באַלעבאַטע⸗וועט אויף איר שטייגער. דער מאַן אירער קומט אַלע טאָג אין וואַלד אַרײַן אויף דינסט דורכן פּאַרק. ער צוזאַמען מיט זײַנס אַ חבֿר האָבן נעכטן אַרויסגענומען פֿונעם וואַלד־שטיבל אַלע זאַכן און דאָס גאַנצע מעבל, אַפֿילו דעם פּלומפּ האָבן זיי איר נישט איבער⸗געלאָזט, זיי האָבן אָפּגעשרויפֿט און צוגענומען די פּאָמפּע, כּדי זי זאָל נישט האָבן קיין וואַסער און מוזן פֿאַרלאָזן דאָס שטיבל. צווישן הער מעלאָרס און זײַן ווײַב איז דערבײַ געקומען צו אַ גרויסער אַוואַנטורע. דאָס צוריקגעקומענע ווײַבל האָט געוואָלט שוין זײַן בײַ אַן אַדוואָקאַט, וועלכער האָט זיך אונטערגענומען צו פֿירן איר ענין אין געריכט. בכלל איז דאָס זייער אַ געפֿערלעכע פֿרוי. זי קריכט אַרום אין אַלע שטובן, דערציילט וועגן איר מאַן אויסטער⸗לישע געשיכטעס, וועגן פֿרויען אַלערליי, וועלכע ער האָט געהאַט בײַ זיך, און וועגן איר צוזאַמענלעבן מיט אים. עס שוידערט ממש צו הערן, וואָס די פֿרוי דערציילט אַלץ. קיינער גלייבט איר אַפֿילו קיין העלפֿט נישט, אָבער ווי־נישט־ווי קלעבט זיך עפּעס צו פֿונעם שמוץ, מיט וועלכן זי באַקלעבט טאָג־איין, טאָג־אויס סײַ איר מאַן, סײַ זיך, סײַ זײַטיקע מענטשן. צום שוידערלעכסטן זענען אירע

מעשיות, װי אַזױ הער מעלאָרס באַגײט זיך מיט פרױען — די ברוטאַלסטע זאַכן דערצײלט זי, ממש נישט צום גלײבן. זי באַרימט זיך, אַז זי מוז אים דערפירן אָדער אין דר׳ערד אַרײן, אָדער אין תפיסה, אָדער אין משוגעים־הױז. איך פאַרשטײ נישט, צװואָס דאַרף זי אים? קוים איז ער טאַקע געװען אַזױ ברוטאַל, װי זי דערצײלט, צװואָס־זשע האָט זי געדאַרפט צוריקקומען צו אים?"

דערדאָזיקער בריװ האָט קאָנין דערלאַנגט װי מיט אַ האַמער איבערן מוח. זי האָט זיך משער געװען, אַז מסתם האָט דערדאָזיקער שמוציקער סקאַנדאַל מיט איר אױך נישט קײן קלײנע שײכות. זי איז געװען אױפגערעגט אױף מעלאָרסן, פאַרװאָס ער האָט נישט באַװיזן אָפּצוגטן זײן מכשפה באַצײטנס. זי האָט אים אפילו נישט געקאָנט מוחל זײן, װאָס ער האָט מיט איר בכלל חתונה געהאַט. ער איז, װײַזט אױס, אױך נישט בעסער פון זײן װײַב, אַז ער האָט מיט אַזאַ סחורה געקאָנט אָפּלעבן יאָרן. קאָנין איז אױפגעשװוּמען אין זכרון די פאַרבראַכטע לעצטע נאַכט מיט אים און זי האָט אױפגעציטערט מיטן גאַנצן לײַב. ער האָט די אַלע זאַכן דורכגעמאַכט אױך מיטן װײַב זײנעם. װי שענדלעך! װי עקלהאַפט! מ׳דאַרף זיך אפשר פון אים באַפרײַען, פולשטענדיק באַפרײַען פון אים. ער איז געװיס נישט װײניק װולגאַר, נישט װײניק ברוטאַל — דאָס איז זיכער.

זי האָט מיטאַמאָל דערפילט אַ װידערגעפיל צו דער גאַנצער געשיכטע און כמעט מקנא געװען די פרײלינס גוטריע מיט זײער אומגעשיקטקײט, אומדערפאַרנקײט און אומגעלומפערטער צניעות. זי האָט ממש געציטערט בײַם געדאַנק, טאָמער דעקט זיך אױף אַלץ װעגן איר און דעם װאַלד־אױפזעער. װי דערנידעריקט, װי באַשפּיגן זי װאָלט זיך געפילט! פאַרביטערט און דערשראָקן, האָט זי געלעכצט נאָך אױסערלעכער אָרנטלעכקײט, אפילו אַזאַ אומגעלומפערטע און האַמעטנע, מיט װעלכער עס צײכענען זיך אױס אָט די דאָזיקע צװײ פרײלינס גוטריע. װען קליפאָרד זאָל זיך, אַ שטײגער, דערװיסן װעגן דער גאַנצער אָפּערע אירער, — װי נידעריק, װי צעטרעטן װאָלט זי זיך געפילט! עס האָט זי אַרומ־

גענומען אַ פּחד פאַר דער געזעלשאַפטלעכער מיינונג, פאַרן גיפ־טיקן, שמוציקן ביס, וואָס דידאַזיקע געזעלשאַפטלעכע מיינונג קאָן איר דערלאַנגען. זי האָט אָנגעהויבן טראַכטן וועגן אַ קינסטלעכן אבאָרט: פּטור ווערן קודם־כּל דאָס קינד און דערנאָך זיך אַרויס־דרייען פון דעם אַלעמען. מיט איין וואָרט, אַ פּחדנישע שרעק איז זי באַפאַלן.

בנוגע דעם פלעשעלע פּערפום — האָט זי געטראַכט — האָט זי טאַקע געטון אַ גרויס נאַרישקייט. זי האָט זיך נישט געקאָנט אָפּהאַלטן פונם קינדישן קאַפּריז צו פּערפומירן זיינע נאָז־טיכלעך, העמדער און קראַוואַטן. זי האָט דערנאָך איבערגעלאָזט דאָס כמעט־אויסגעליידיקטע פלעשל קאָטיס וואַלד־פיילכען אין שופלאָד פון זיין וועש. זי האָט אים דאָס ביסעלע פּערפום איבערגעלאָזט צום ליבן אָנדענק. די פּאַפּיראָסן־מונדשטוקן ווידער זענען געבליבן פון הילדען.

זי האָט נישט געפונען קיין אַנדערן אויסוועג, ווי זיך טייל־ווייז אַנצופאַרטרויען פאַר דונקאַן פאָרבעסן. זי האָט אים איבער־געגעבן עטלעכע פּרטים פון דער געשיכטע, נישט דערציילט אים, אַז זי האָט מיטן וואַלד־אויפזעער געלעבט, נאָר אַז זי ליבט אים און ער זי אויך, דערנאָך האָט זי אים אויסדערציילט מעלאָרס' לעבנס־געשיכטע.

— נו, נו, — האָט דונקאַן געשאָקלט מיטן קאָפּ, — אַ מיאוסע מעשה! איר וועט זיך איבערצייגן אין קורצן, אַז דער־דאָזיקער מענטש וועט האָבן אַ שלעכטן סוף. מענטשנס מיילער וועלן אַזוי לאַנג נישט איינרוען, ביז מ׳וועט אים נישט דערליי־דיקן. ער האָט זיך באַנאַרישט, געדאַרפט באַצייטנס אויסנוצן די לאַגע, אַוועק פון די נידעריקע שיכטן און איינבירגערן זיך אין מיטלשטאַנד. אַ מענטש מיט אַזאַ טעמפּעראַמענט, וועלכער פאַר־טיידיקט אַזוי מוטיק זיין געשלעכטלעכן שטאַנדפּונקט, מוז אין אַזעלכע באַדינגונגען פאַלן אונטער די קלעפּ פון זיין סביבה. די־דאָזיקע זאַכן איז מען אַ מענטש נישט מוחל — גראָדליניקייט און קאָנסעקווענץ אין געשלעכטס־ענינים! ער וואָלט געמעגט אָפּטון די

גרעסטע שווינערייען, אָבער נישט זיין אַזוי קאָנסעקוועגט אין די־ דאָזיקע זאַכן. איך בין איבערצייגט, אַז דער אומגליקלעכער מענטש וועט מיטן לעבן באַצאָלן.

קאָני האָט נאָך דעם געשפרעך מיט דונקאַנען אָנגעהויבן קאָנטראָלירן אירע פריערדיקע געדאַנקען וועגן מעלאָרסן. וואָס האָט ער דען אייגנטלעך געזינדיקט? וואָס האָט ער געזינדיקט קעגן איר אַליין אַ שטייגער? ער האָט איר געגעבן דאָס וווּנדער־ לעכע פאַרגעניגן, געגעבן צו פילן דעם אמתן טעם פון פרייהייט און לעבן! ער האָט אויסגעלייזט דעם געפענטעטן דראַנג נאָך הייס־בלוטיקן, קערנדיקן סעקסואַליזם, וועלכער איז געלעגן פאַר־ שמאַכט אין איר נשמה. און אַט דערפאַר זאָלן אים איצט מענטשן פאַרפאָלגן און אומברענגען!

זי האָט געטון אַן אומבאַרעכנטע זאַך. צו פרוי באָלטאָן האָט זי אָנגעשריבן עטלעכע ווערטער און צוגעלייגט אַ בריוו פאַרן הער מעלאָרס, בעטנדיק דעם מאַנס וועכטערין, זי זאָל איר טון די טובה און איבערגעבן מעלאָרסן דעם בריוו. זי האָט אין דעמדאָ־ זיקן בריוו אַזוי געשריבן:

„איך בין שטאַרק אויפגעבראַכט געוואָרן, הערנדיק, וואָס אייך קומט אויס צו ליידן פון אייער ווייב. זייט נישט פאַרצווייפלט, מסתּם איז עס ביי איר אַזאַ היסטערישער אָנפאַל. עס וועט ביי איר דורכגיין. איך פיל אייך מיט אין אייער צער. איך פאַרזיכער אייך, אַז עס איז נישט כּדאַי זיך דאָס צופיל נעמען צום האַרץ. איך קום צוריק אַהיים אין צען טעג אַרום. ביז דעמאָלט, גלייב איך, וועט זיך אַלץ אויסהיילן".

מיט עטלעכע טעג שפּעטער האָט זי דערהאַלטן זייער אַ חושכדיקן בריוו פון קליפאָרדן.

„דערוויסנדיק זיך, אַז דו האָסט באַשלאָסן צו פאַרלאָזן ווע־ נעדיק דעם 15-טן, האָב איך מיך דערפרייט. קום אָבער ווילסטו זיך גוט, קאָנסטו נאָך אַ ביסל דאָרט פאַרבלייבן. מיר אַלע פילן, ווי דו פעלסט אונז, דאָס גאַנצע הויז בענקט נאָך דיר. עס איז אָבער וויכטיקער, אַז דו זאָלסט צו דער זעט געניסן זון און לופט.

אויב דאָס גיט דיר צו אַזוי פיל הומאָר און אויסדויערעוודיקייט קעגן אונזער קלימאַט. ביי אונז הערט נישט אויף צו רעגענען.

פרוי באָלטאָן פאַרנעמט זיך מיט מיר און איך פיל מיך זייער גוט. זי איז אַ וווּנדערלעכע פרוי. וואָס לענגער איך לעב, מער קום איך צו דער איבערצייגונג, אַז דער מענטש איז אַ מאָדנע, אויסטערליש באַשעפעניש. טייל מענטשן וואָלט געפּאַסט צו זיי ווערעם, טייל וואָלטן גלייכער געטון, ווען זיי ווערן געבוירן חזירים. מענטשלעכקייט, מענטשלעכע ווירדע דאָס זענען זאַכן, וואָס עקזיסטירן, משמעות, לחלוטין נישט. איך הייב אָן צווייפלען מיין אייגענער מענטשלעכער ווירדיקייט.

דער סקאַנדאַל מיטן וואַלד-אויפזעער דויערט נאָך אַלץ, אדרבא, ער האָט נאָך באַקומען מער פאַרנעם ווי אַ קויל שניי, ווען זי קאָלערט זיך באַרג אַראָפּ. די פרוי באָלטאָן אינפאָרמירט מיך כסדר. זי איז ענלעך צו אַ פיש, זי פאַרמאַכט נישט דאָס מויל און אָטעמט אָן איבעררייס, נאָר אָנשטאָט מיט וואַסער, שפּייט זי מיט רכילות. אַלץ ווייסט זי, וועגן אַלץ דערציילט זי און קיין זאַך איבערראַשט זי נישט. מיר דאַכט זיך טיילמאָל, אַז פאַר איר איז רכילות נייטיקער צום לעבן ווי זויערשטאָף.

איר מוח איז דורכאויס באַשעפטיקט מיטן מעלאָרס-סקאַנדל; קוים טו איך איר צוליב און וויל זי אויסהערן, קאָן זי נישט אויפהערן צו דערציילן און דערציילן. און אַז זי הערט אויף און איך דערזע אויף אַ ווײַלע די ליכטיקע שיין, ווער איך ממש נשתומם, וואָס די ליכטיקע וועלט עקזיסטירט נאָך.

עס זעט מיר אויס, אַז אונזער וועלטל איז נישט מער ווי אַ דנאָ פון אַ טיפן, טיפן ים. די צמחים אונזערע זענען אַזעלכע ים-פלאַנצן, און מיר אַליין — אַזעלכע מינים אונטערוואַסער-חיות, אונזערע שפּייז זענען ים-קרעבסלעך. טיילמאָל גאָר לעכצט אונזער נשמה נאָך אַ טראָפּן לופט, טויכט זי אויף פון דעם אָפּגרונט צום עטער, צו וועלכן זי בענקט פון איר טיפעניש. איך בין איבערצייגט, אַז די נאָרמאַלע לופט, מיט וועלכער מיר אָטע-

מען, איז אזא מין וואסער-שטאף, און אז מאן און פרוי זענען בלויז צוויי מינים פיש אזעלכע.

פון צייט-צו-צייט טוט א נשמה א פלי ארויס פונם אפגרונט, זי שיסט ארויף ווי א מעווע צו דער ליכטיקער שיין, זי האט זיך שוין גענוג אנגערויבט דארט אין די ים-טיפענישן. ווארשיינלעך, איז דאס אונזער שטערבלעכער גורל, וואס מיר מוזן פונם שרעקלעכן אונטערגרונט-לעבן ארויפטויכן אין די הימלישע הויכן נאר איינאיינציק מאל און דאס אויך נאר פארן טויט. מסתם גיבן מיר זיך ערשט דעמאלט אפ א דין-וחשבון פון אונזער אומשטערבלעכקייט.

ווען איך הער מיך צו צו פרוי באלטאנס מעשיות, דאכט זיך מיר, אז איך טוק מיך אונטער אין די סאמע טיפסטע טיפענישן, ווו עסווימלען די סטאדעס מענטש-פיש. איך כאפ אויף א ביסל פון דער שפייז, מיט וועלכער אלע נעבעכדיקע אונטערגרונט-באשעפענישן זענען זיך מפרנס און — צוריק ארויף, צום ריינעם עטער, צו ריינער ליכט-דערקענטעניש. איצט באשרייב איך דיר בלויז דעם איינדרוק, איך מעג דיר אפילו אויסדערציילן אלע פרטים, אבער עס איז נישט דאס; בשעת פרוי באלטאן דערציילט, שפיר איך מיך ממש צווישן די עקלהאפטע ים-געוויקסן, צווישן די קלעביקע, עיפושדיקע דעק-באשעפענישן.

איך האב מורא, אז מיר וועלן אנווערן דעם וואלד-אויפזעער. דער סקאנדאל מיטן ווייב ווערט וואס א טאג שטארקער, וואס א טאג עקלדיקער און מער מפורסם. מעלארס ווערט באשולדיקט אין די שוידערלעכסטע מעשים. צומיינסטן איז פאר מיר וווּנדערלעך, וואס דאס עקלהאפטע ווייב זיינס האט באוויזן אויפצורודערן קעגן אים דאס גאנצע דארף, דער עיקר האלטן מיט איר די ווייבער.

זי דערציילט אויסטערלישע זאכן וועגן איר צוזאמענלעבן מיטן מאן.

יעדער האָרכט זיך צו מיט נייגיריקייט, איך אליין אויך. מיט צען-פופצן יאר צוריק וואלטן אזעלכע געשיכטעס אוממעגלעך געווען. דעמאלט האט נאך צווישן עולם עקזיסטירט עלע-

מענטאַרע זיטלעכקייט. היינט אָבער איז אַזאַ מין זאַך ווי עלע־מענטאַרע זיטלעכקייט ביים עולם נישט בנמצא, מכל־שכן ביי די ווייבער זייערע. זיי, די ווייבער, ליאַרמען אַזוי הויך, ווי יעדעס קינד, וואָס ווערט געבוירן אין טיוועראָסהאַל, וואָלט געקומען אויף דער וועלט בקדושה וטהרה, און ווי יעדע פון דידאָרטיקע כשרע צניעות וואָלט געווען אַזוי אומבאַפלעקט ווי זשאַן ד'אַרק. דאָס, וואָס אונזער וואַלד־וועכטער האָט געלעבט מיט זיין ווייב אַזוי ווי אים איז געפעלן, מאַכט אים אין זייערע אויגן ערגער ווי אַ מערדער. אַ שיינע באַנדע — נישטאָ וואָס צו זאָגן.

דאָס ערגסטע אין דער גאַנצער מעשה איז אָבער דאָס, וואָס דידאָזיקע נידערטריכטיקע פרוי האָט זיך נישט באַגרענעצט מיטן דערציילן אירע אייגענע איבערלעבענישן. זי האָט נאָך צוגעלייגט מי און פאַנטאַזיע צו אַנטדעקן, וועלכע אַנדערע פרויען עס פלעגן זיין צוגאַסט ביי איר מאַן אין וואַלד־שטיבל. זי האָט דערביי באַוויזן צו באַשמוצן עטלעכע אָנגעזעענע און געאַכטעטע פּער־זאָנען. די זאַך איז אַוועק אַזוי ווייט, אַז מ'איז געצוווּנגען געווען צו פאַרפירן קעגן איר אַ פּראָצעס פאַר בייזוויליקע רכילות.

איך האָב וועגן דעם גערופן צו זיך מעלאָרסן און זיך מיט אים דורכגעשמועסט, ווייל די פלוניתטע זיינע וויל נישט פאַרלאָזן מיין וואַלד. מעלאָרס מאַכט אַן אָנשטעל, ווי די גאַנצע מעשה וואָלט אים אָנגעגאַנגען ווי דער פאַראַיאָריקער שניי. מיר דאַכט זיך אָבער, אַז ער פילט זיך ווי אַ הונט, וועלכן מ'וואָלט אָנגעהאָנגען אַ בלעכל בײם װײנדל, ער מאַכט אַ גלייכגילטיקע מינע, ווי עס וואָלט אים ביים ווײנדל גאָרנישט נאָכגעהאָנגען. איך האָב אָבער געהערט, אַז ווען ער גייט פאַרביי דאָס דאָרף, שלעפּן די ווייבער זייערע מייד־לעך אַריין אין די שטובן און פאַרהאַקן די טירן, ווי אונזער וואַלד־וועכטער וואָלט געווען דער באַרימטער מאַרקיז דע־סאַד.

איך האָב אים געפרעגט, צי קאָן ער ווייטער דערפילן די דינסט אין וואַלד, האָט ער מיר געענטפערט: ער גלייבט, אַז דערווייל האָט ער נאָך גאָרנישט פאַרנאַכלעסיקט. איך האָב אים מודיע געווען, אַז עס איז מיר נישט אָנגענעם, וואָס דידאָ־

זיקע פרוי שלענדערט זיך דאָ ביי מיר אין וואַלד. ער האָט מיר דערויף געענטפערט, אַז נישט אין זיין האַנט ליגט די מאַכט זי צו באַזייטיקן. דערנאָך האָב איך אים געגעבן אָנצוהערן וועגן דעם סקאַנדאַל און דעם בייגעשמאַק, וועלכן ער רופט ביי מיר אַרויס. „אוודאי, — האָט ער אָפּגעענטפערט, — די לייט וואָלטן אַליין געדאַרפט פאַרזוכן דעם אמתדיקן תענוג פון באַשלאָפן אַ ווייב, וואָלטן זיי נישט אויסגעגאָסן אויף מיר די גאַנצע ברודיקע גאַל זייערע".

געזאָגט האָט ער דאָס מיט ביטערקייט און איך מוז מודה זיין, אַז אין זיינע ווערטער ליגט אַ סך אמת. דער אופן אָבער פון זיין רעדן צו מיר איז געווען צו גראָב און מיט ווייניק אַכטונג. איך האָב אים אָנגעוויזן אויף זיין אומטאַקטישער האַלטונג.

דער פּאַסטאָר און דער דאָקטאָר האָבן שוין נישט איינמאָל ביי מיר אינטערוועניערט, איך זאָל אים משלח זיין און בכלל אים פּטור ווערן פונם דאָרף אַרויס.

איך האָב אים אַ פרעג געטון, צי ער האָט טאַקע אויפגענומען פרויען אינעם וואַלד־שטיבל. ער האָט אָבער מיר איבערגעשלאָגן די רייד מיט די ווערטער: „וואָס גייט עס אייך אָן, סער קליפאָרד?" איך האָב אים אויפמערקזאַם געמאַכט, אַז איך האַלט פאַר מיין חוב אָפּצוהיטן די זיטלעכקייט ביי מיר אין גוט. ער האָט ווידער מיר געענטפערט: „הענגט־זשע אָן שלעסלעך די ווייבער אויף די פּיסקעס". ווען איך האָב דערמאָנט עטוואָס וועגן די קלאַנגען, וועלכע ווערן פאַרשפּרייט וועגן זיין אויפפירונג, האָט ער באַמערקט: „און וועגן מיינע באַציִונגען מיט דער צויג מיינער פלאָסי האָבן זיי אינגאַנצן פ.רגעסן? אַ שאָד!" דערדאָזיקער פאַרשוין איז אַלס טיפּ פון אַ חוצפּהניק אומפאַרגלייכלעך!

איך האָב אים ענדלעך געפרעגט, צי ער וואָלט זיך געקאָנט שאַפן אָן אַנדערע שטעלע. ער האָט מיר געענטפערט דערויף: „אויב איר ווילט מיר געבן אָנצוהערן, אַז איר ווילט מיך פּטור ווערן, בין איך צו יעדער צייט גרייט אַוועקצוגיין". אַלזאָ, ער מאַכט מיר נישט קיין שוועריקייטן. ער טרעט אָפּ פון זיין שטעלע

סוף וואָך, איך האָב שוין אפילו אַ פאַרטרעטער אויף זיין אָרט. איך האָב אים בדעה געהאַט צו געבן גראַטיפיקאַציע, ער וויל אָבער נישט נעמען, ער טענהט: „סער קליפאָרד, וויפיל איר זענט מיר שולדיק, אַזוי פיל וועל איך נעמען, קיין צולאָג קומט מיר נישט פון אייך!"

פאַרלויפיק איז דאָס דער סוף פון דער געשיכטע. דאָס ווייב זיינס איז ערגעץ פאַרשוווּנדן. ווען זי אָבער ווידער קאַפּויער קומען אין טיוּוערסהאַל, ווערט זי תיכף אַרעסטירט. זי ציטערט פאַר דער תפיסה — אַזוי האָט מען מיר איבערגעגעבן — זי האָט מורא, עס זאָלן זיך נישט אויפדעקן אַנדערע פאַרברעכנס אירע. מעלאָרס גייט אַוועק פון דעם שבת איבעראַכטאָג, און דאָס לעבן דאָ ביי אונז וועט צוריק אַריין אין נאָרמאַלן גאַנג!

דערווייל, ליבסטע קאָני, ווען דו וואָלסט חשק געהאַט צו בלייבן אין ווענעדיק, אָדער אין דער שווייץ ביז אָנהייב אויגוסט, וואָלט איך זייער צופרידן געווען, וואָס דו געפינסט זיך ווייט פון דידאָזיקע מיאוסע רכילות: ביזן סוף חודש וועלן, גלייב איך, די מיילער זיין ענדגילטיק געשלאָסן, אָדער פאַרנומען מיט עפּעס אַנדערש.

דו זעסט שוין אַליין, וואָס פאַר אַ מיאוּס דעק־באַשעפעניש דער מענטש איז. ווען אַזאַ מין באַשעפעניש קריכט אַריין אין ליים, פאַרבלאָטיקט עס דאָס וואַסער און דאָס לעבן פון אַלע אַנדערע באַשעפענישן. עס איז קיין ברירה נישטאָ — מען מוז דידאָזיקע זאַכן באַהאַנדלען פילאָזאָפיש".

די אויפרעגונג און דער מאַנגל אין סימפּאַטיע צו וועמען עס איז האָבן אַרויסגעבליקט פון יעדע שורה און דער גאַנצער בריוו האָט איבערגעלאָזט אַ שלעכטן איינדרוק אויף קאָנין. ערשט פון מעלאָרס' בריוו האָט זי זיך אָנגעהויבן אָריענטירן אין דער גאַנצער געשיכטע.

„די קאַץ איז אַרויס פון זאַק — האָט מעלאָרס געשריבן — און זי האָט נאָך אָנגעפלוישט אַ גאַנצע כאָפּטע קעצעלעך. ווי דו ווייסט שוין, איז מיין ווייב בערטאַ צוריקגעקומען אין מיינע

צערטלענדיקע אָרעמס, זי האָט זיך אָבער באַלד איבערצייגט, אַז מיינע צערטלעכקייטן זענען נישט פאַר איר. איין שמעק האָט זי נאָר געטון — און שוין האָט זי אַנטדעקט דאָס פלעשעלע קאַטי. מער קיין שולד־באַווייזן האָט זי לכתחילה נישט געפּאַקט. דערנאָך האָט זי אָנגעהויבן באַקלאָגן די פאַרברענטע פאָטאָגראַפיע. די שויב מיטן טאָוול האָט זי געזען אין קעמערל. צום אומגליק האָט עמעצנס האַנט אויסגעקריצט אויפן טאָוול צייכענונגען און די ראשי־תיבות ק. ס. ר. דאָס וואָלט זי נאָך נישט געבראַכט צו געוויסע השערות, ווען זי זאָל איינמאָל נישט אַנטדעקן צווישן מיינע ביכלעך איינס, וועלכעס שטאַמט פון דיר, מיט דער אונטערשריפט: קאָנסטאַנץ סטעוואַרד רעיד. ערשט דעמאָלט האָט זי אָנגעהויבן אַרומלויפן איבערן דאָרף און ליאַרעמען אויף אַלע גאַסן, אַז מיין געליבטע איז געווען נישט מער און נישט ווייניקער ווי די ליידי טשאַטערליי בכבודה ובעצמה. דאָסדאָזיקע נייעס איז בהדרגהדיק דערגאַנגען צום דאָקטאָר, דערנאָך צום פּאַסטאָר און צום לעצט צו סער קליפאָרדן. מ'האָט מיין ליבסטע פרוי איבערגעגעבן צום געריכט, זי אָבער איז תיכף ומיד נעלם געוואָרן, נישט האָבנדיק קיין חשק אַריינצופאַלן אין די הענט פון דער פּאָליציי.

סער קליפאָרד האָט ווידער אויסגעדריקט זיין ווונטש זיך דורכצושמועסן מיט מיר. ווען איך בין געקומען צו אים, האָב איך באַמערקט, אַז ערשטנס, איז ער אויף מיר זייער בייז און צווייטנס, האָט ער מורא צו רעדן מיט מיר וועגן דעם, וואָס אים קוועלט דער עיקר. ענדלעך האָט ער מיך געפרעגט, צי ס'איז מיר באַוווּסט, אַז ליידי טשאַטערלייס נאָמען ווערט דערמאָנט אין צוזאַמענהאַנג מיטן סקאַנדאַל אַרום מיר. איך האָב אים דערויף געענטפערט, אַז מיט די סקאַנדאַליעזע פּליאָטקעס אינטערעסיר איך מיך נישט און אַז איך בין איבערראַשט, הערנדיק אַזאַ זאַך, דערצו נאָך פון סער קליפאָרדן אַליין. ער האָט מיך אויפמערקזאַם געמאַכט, וואָס פאַר אַ פאַרברעכן עס שטעקט אין אַזאַ באַליידיקונג, דערויף האָב איך אים מודיע געווען, אַז ביי מיר איבערן בעט

הענגט דער פארטרעט פון דער קעניגין מאריע, וואס קאן מסתמא דינען אלס באוויז, אז די קעניגין געהער אויך צו מיין הארעם. ער האט מיין שפאס, ווייזט אויס, שלעכט פארשטאנען. אלנפאלס דאס, וואס ער האט מיר ווייטער געזאגט, האט געזאלט מיר אויפ־ווייזן, אז איך בין א נידעריקער פארשוין, און אויסגעלאסענער טיפ, וועלכער לויפט ארום עפנטלעך מיט אויפגעקנעפלטע הויזן. איך האב אים דערויף אויפמערקזאם געמאכט, אז ער האט נישט בכלל צו וואס די הויזן אויפצוקנעפלען. א ווארט צו א ווארט — ער האט מיר אפגעזאגט פון דער שטעלע, איבעראכטאג שבת טאר זיך מער דא מיין געביין נישט געפינען. איך וועל אוועקפארן קיין לאנדאן. מיין דארטיקן אדרעס לייג איך ביי אין דעמדאזיקן בריוו.

א מענטש זינדיקט קיינמאל נישט אומבאשטראפט. באגייט מען אין לעב א חטא, מוז ער קאפוויער ק מען און זיך נוקם זיין, בפרט, אז דער חטא באשטייט אין חתונה האבן מיט אזא אוצר חי מיין ליבהארציקעבערטא".

קיין ווארט צו איר, אדער וועגן איר איז אין דעם בריוו נישט געווען. קאנין האט דאס שטארק פארדראסן. פארוואס האט ער נישט אנגעשריבן כאטש עטלעכע טרייסט־ווערטער, אדער באַ־רויקונגס־ווערטער צו איר גופא? זי האט זיך אבער באַרעכנט, אז ער לאזט דאך איר איבער דעם אויסוואל, צו גיין צו אים, אדער אומקערן זיך צו קליפארדן. זי האט צבער דאסדאזיקע אויך גע־ערט. וואס מאכט ער א עלכע אנשטעלן! פארוואס האט ער גלייך נישט דערקלערט קליפארדן: אזוי און אזוי, זי איז מיין געליבטע, איך בין שטאלץ דערמיט! דערצו דאט אים געפעלט מוט!

אזוי צי אזוי! דארט, אין טיוערסהאל, קאכט ארום איר גאמען! דאס איז נישט אריינגעקומען אין איר חשבון! נו, וואס־זשע טוט מען ווייטער?

זי איז געווען אויפגערייצט, בייז און נישט פעיק געווען אנצונעמען א באשלוס. וואס טוט מען ווייטער? גארנישט? ווארטן? זי האט טאקע גארנישט געטון און געווארט. אויף וואס, אייגנטלעך, זי ווארט, האט זי אליין נישט געוווסט. זי האט ווי־

טער פאַרגעזעצט איר ביז איצטיק לעבן אין װענעדיק, געשיפט זיך מיט דונקאַן פאַרבעסן, געבאָדן זיך, און אַזוי האָבן זיך גע־צויגן די טעג. דונקאַן, װעלכער איז אין איר געװען האַפנונגסלאָז פאַרליבט מיט צען יאָר צוריק, האָט זיך װידער איינגעליבט אין איר. קאָני האָט אים אָבער דערקלערט:

— איין פאַרלאַנג האָב איך צו מענער — זיי זאָלן מיך לאָזן צורו.

דונקאַן האָט זי דעריבער צורו געלאָזט. ער האָט זי גע־בעטן בלויז איינס, זי זאָל אים דערלויבן צו זיין לעבן איר, צו קוקן אויף איר.

קאַפּיטל XVIII

זי האָט געמוזט באַשליסן, װאָס צו טון. האָט זי אָפּגעמאַכט ביי זיך, אַז אין זעקס טעג אַרום, פונקט אין דעם טאָג, װען ער פאַרלאָזט דאָרט טיװערסהאָל, װעט זי דאָ פאַרלאָזן װענעדיק. אי־בעראַכטאָג מאָנטיק, האָט זי אויסגערעכנט. װעט זי זיין אין לאָנ־דאָן, דאָרט װעט זי אים אויפזוכן.

דער פאָטער זייערער האָט באַשלאָסן אַרויסצופאָרן אינאיי־נעם מיט קאָנין, דונקאַן האָט געזאָלט נאָכקומען צוזאַמען מיט הילּ־דען. דער אַלטער, קאָניס פאָטער, האָט זיך געפילט נישט מיט אַלעם, װי ער פלעגט זיך געװיינלעך פילן, פאָרנדיק אַהיים צום װייב. קאָני, אַן אָפּגעבערנטע, אַ פאַרשענערטע במשך דער צייט, איז געזעסן שװייגנדיק, נישט װאַרפנדיק אפילו קיין בליק אין װאַ־גאָן־פענסטער צו די פאַרבייפליענדיקע לאַנדשאַפטן.

— עס ציט דיך נישט אַהיים, דאָס זעט מען אָן, — האָט דער פאָטער באַמערקט, זעענדיק איר שלעכטע שטימונג.

— איך פאָר אפשר גאָר נישט אַהיים, — האָט קאָני פּלוצ־לינג אַרויסגערעדט און אַ קוק געטון אויף אים מיט אירע גרויסע, בלויע אויגן. זיינע אויגן, אויך אַזעלכע גרויסע און בלויע װי אירע, האָבן באַקומען דעם אויסדרוק פון נישט קיין ריינעם געװיסן.

— וואָס הייסט? דו בלייבסט, הייסט עס, אויף אַ שטיקל צייט אין פּאַריז?

— ניין, נישט דאָס. איך פֿאָר בכלל נישט אַהיים.

דער אַלטער איז באַלאַסטעט געווען מיט אייגענע זאָרגן. ער האָט זיך נישט געריכט אויף נייע — מצד דער טאָכטער.

— וואָס איז פּלוצלינג געשען? — האָט ער געפרעגט.

— איך וועל האָבן אַ קינד.

דאָס ערשטע מאָל האָט זי דאָס אַרויסגעזאָגט פאַר אַ זייטיקן מענטש.

— פונוואַנען ווייסטו? — האָט זיך דער פאָטער אויפגערודערט.

קאָני האָט אַ שמייכל געטון.

— וואָס איז דאָס פאַר אַ פראַגע?

— אָבער... אָבער געוויס נישט פון קליפאָרדן?

— ניין. פון אַן אַנדערן.

אינערלעך האָט זי געיובלט פון זיין צערודערטער מינע.

— איך קען אים? — האָט דער פאָטער געפרעגט.

— ניין. דו האָסט אים קיינמאָל נישט געזען.

עס איז אַנטשטאַנען אַ לאַנג-דויערנדיקע פויזע.

— וואָס-זשע קלערסטו צו טון?

— כ'ווייס אַליין נישט...

— און מיט קליפאָרדן וואָלט זיך אוממעגלעך געווען צו פאַרשטענדיקן?

— איך גלייב, אַז יאָ, — האָט קאָני געענטפערט. — ווען כ'האָב מיט אים דאָס לעצטע מאָל גערעדט, האָט ער מיר דערקלערט, אַז ער וואָלט נישט געהאַט קעגן דעם, איך זאָל האָבן אַ קינד, אונטער עם איינציקן באַדינג, איך זאָל די זאַך איינאָרדענען דיסקרעט.

— ווי דען? אוודאי אַזוי! איך האַלט, אַז אַלץ וועט זיין אין דער בעסטער אָרדענונג.

— וואָס מיינסטו דערמיט צו זאָגן?

— איך מיין דערמיט צו זאָגן, — האָט ער זיך צעשמייכלט, — אַז דו קאָנסט גאַנץ געמיטלעך באַשענקען קליפאָרדן מיט אַ יורש־עצר, מיט אַ נייעם לאָרד טשאַטערליי.

— איך האָב אָבער ווייניק חשק דערצו.

— פאַרוואָס דען נישט? דו פילסט זיך אפשר צופיל צוגעבונדן צו דעם אַנדערן, צום פאָטער פון דיין צוקונפטיק קינד? נו, איז אויב דו ווילסט אויסהערן מיין מיינונג וועגן דעם, דערלויבזשע מיר צו באַמערקן דיר, אַז די וועלט קוקט אַנדערש אויף אַזעלכע זאַכן. אויסערלעך מוזן מיר זיך צו דער וועלט צופאַסן, אינערלעך אָבער — דאָס איז לויט מיין פערזענלעכער מיינונג — קאָנען מיר זיך טון, וואָס אונזער האַרץ געפעלט. די טשאַטערליי־פאָזיציע, די טשאַטערליי־גזע דאָס איז אַ פעסטע, פונדאַמענטאַלע זאַך, געפילן אָבער בייטן זיך, ענדערן זיך. היינט קאָנסטו ליבן איינעם, איבעראיאָר — אַ צווייטן. אָבער דיין פאָזיציע אַלס ליידי טשאַטערליי איז אומפאַרענדערלעך. וואָס וועסטו אויפטון, אויב דו פאַרלאָזסט דידאָזיקע פעסטע פאָזיציע דיינע? דו האָסט טאַקע דיין אייגנס אַ קאַפּיטאַל. דאָסדאָזיקע איז די איינציקע זאַך אין אונזער וועלט, וואָס האָט אַ ממשותדיקן ווערט. אָבער וואָס וועסטו דען אויפטון דורכן איבעררייסן מיט קליפאָרדן? האָרך מיין עצה, באַשענק אים גלייכער מיט אַ יורש־עצר!

דער אַלטער האָט זיך בריוודיק אָנגעלענט אויף דער הייך־געבעטער קאַנאַפּע און גוטמוטיק־שעלמיש אַ שמייכל געטון. קאָני האָט געשוויגן.

— האָסט מסתּמא געפונען אַן עכטן מאַנספּערשוין, — האָט דער פאָטער פאַרגעזעצט דעם איבערגעריסענעם שמועס.

— יאָ. אין דעם גייט עס טאַקע, נישטאָ אַ סך אַזעלכע.

— אוודאי, אוודאי איז נישטאָ! — האָט דער פאָטער מסכּים געווען. — איך מוז זאָגן, קוקנדיק איצט אויף דיר, אַז ער איז מחויב צו זיין אַ גליקלעכער מיט דיין ליבע. נו, ער מאַכט דיר מסתּם קיין שוועריקייטן נישט?

— אָ, ניין! ער לאָזט מיר איבער די פולשטענדיקע פרייהייט.

— ווי דען! ווי דען! אַן עכטער, הונדערטפּראָצענטיקער מאַן טוט שטענדיק אַזוי.

דער אַלטער האָט אָנגעקוואָלן פון דער יינגערער טאָכטער: זי איז דאָך געווען זיין ליבלינג. זי איז אינגאַנצן נישט ענלעך געווען צו דער פאַרשטאָרבענער מוטער. קליפּאָרדן האָט ער קיינמאָל נישט געקאָנט פאַרטראָגן. יעדנפאַלס, צופרידן איז ער זייער געווען סיי פון איר ליבע, סיי פונם קינד, וועלכעס וועט פון דערדאָזיקער ליבע געבוירן ווערן.

ער האָט זי באַגלייט אין האָטעל אַריין, דערנאָך אַוועק אין זיין קלוב.

דער שווייצער האָט קאָנין באַלד ביים איינמעלדן דערלאַנגט דעם בריוו פון מעלאָרסן.

„איך וועל נישט קומען צו דיר. איך וואַרט אויף דיר זיבן אָוונט אין רעסטאָראַן „גאָלדענער האָן“ אויף אַדאַם־סטריט“.

זי האָט אים באַגעגנט באַלד ביים עפענען די טיר פונם רעסטאָראַן. ער איז געווען פיין אָנגעטון, אין אַ שוואַרצן אָנצוג, אָבער ווי עלעגאַנט ער האָט נישט אויסגעזען אין אירע אויגן, האָט זי דאָך באַמערקט, אַז זיין קאָסטיום איז נישט אויפגענייט לויטן לעצטן מאָדע־זשורנאַל, ווי עס טראָגן די מענער פון קאָניס קלאַס. דאָך האָט מען זיך מיט אים און זיין אויסזען געקאָנט באַווייזן אין יעדע געזעלשאַפט. זיין פרייע, נאַטירלעכע באַנעמונג האָט געמאַכט מער איינדרוק ווי די עלעגאַנץ פון די מאָדע־זשורנאַלן.

— ווי גוט דו זעסט אויס! — האָט ער זי פריידיק באַגעגנט.

— אָבער דו זעסט אויס נישט גוט!

זי האָט מיט אומרו געקוקט אויף זיין שטאַרק אָפּגעצערט פּנים, אויף די שאַרף־קאַנטיקע באַקנביינער. זיינע אויגן אָבער האָבן איר געשמייכלט און ס'איז איר וואַרעם געוואָרן אין אַלע אבֵרים. זי האָט זיך מיטאַמאָל דערפילט אַזוי פריי, אַזוי אומגעצוימט, אומגעהעמט, ווי אין איר נשמה וואָלט צעגאַנגען דאָס אייז, וועלכעס האָט זי ביז איצט געפרירט. נישט וועגעדיק, נישט די

הייסע דרום-זון האָבן איר נישט פאַרשאַפן אַזוי פיל איבערלעבטע
וואַרעמקייט, ווי זיין שמייכלענדיקער בליק.

— ער איז זיך מסתּם באַגאַנגען מיט דיר ווי אַ כאַם ? —
האָט זי באַלד אַ פרעג געטון, אַזוי ווי זיי האָבן זיך נאָר געזעצט
צום טיש.

— וועלכער מענטש איז נישט קיין כאַם? — האָט ער אַ
שמייכל געטון.

זיין אָפּגעצערט פּנים האָט ביי איר געוועקט גרויס מיטלייד.
די האַנט זיינע, אויך אַן אויסגעבלייכטע, איז געלעגן פאַר איר ווי
שטענדיק און געמאַכט אַן איינדרוק פון אַ שלאָפנדיקער חיה. זי
האָט שטאַרק געגלוסט אים אָנצוכאַפּן ביי דער האַנט און אַ
קוש טון.

— ווי פילסטו זיך ? — האָט זי אָקצענטירנדיק געפרעגט.

— ווי געוויינלעך. אַ נאַר בין איך געווען, וואָס איך האָב
מיר דאָס אַלץ גענומען צום האַרץ.

— און נאָך מיר האָסטו געבענקט ? — האָט זי אַ פרעג גע-
טון מיט הייטערקייט.

— איך האָב געדאַנקט גאָט, וואָס דו ביסט נישט געווען
ביים גאַנצן גערודער.

זיי האָבן געשוויגן אַ לאַנגע ווײַלע.

— מ'האָט ג ע ג ל י י ב ט אין דער געשיכטע וועגן אונז
ביידע ?

— ניין ! איך בין פולשטענדיק זיכער, אַז קיינער גלייבט
נישט.

— און קליפאָרד ?

— איך האַלט, אַז אויך ער גלייבט נישט.

— איך וועל האָבן אַ קינד.

זיין פּנים איז מיטאַמאָל געוואָרן אויסדרוקסלאָז. ער האָט
אויף איר אַ קוק געטון מיט טונקל געוואָרענע אויגן, דעם אויס-
דרוק וייערן האָט זי נישט געקאָנט באַגרייפן : עפּעס אַזוי ווי אַ
טונקל-פלאַמיקער גייסט וואָלט אַרויסגעבליקט פון זיי.

— נו? דו פרייסט דיך דען נישט? — האָט זי געבעטן און אים אַנגענומען פאַר דער האַנט.

זי האָט טיף אין זיינע שוואַרצאַפּלען, דעריזען אַן אויפגעוואַכטע פרייד, וועלכע איז געווען אַזוי ווי געפּענטעט אין אַ נעץ, וועלכע איז פאַר איר געבליבן אומבאַגרייפלעך.

— וואָס וועט אָבער ווייטער זיין? — האָט זיך מעלאָרס געוואַקלט.

— אָבער אויף איצט, אויף דערווייל פרייסטו זיך?

— איך פיל אָבער אַזאַ אומצוטרוי צו דער צוקונפט!

— זאָרג דיך נישט. קליפאָרד וואָלט דאָס קינד אָנערקענט פאַר זיינס. ער וואָלט אפילו צופרידן געווען, ווען מיר זאָלן נאָר דערויף איינשטימען.

מעלאָרס האָט ביי די ווערטער אַ ציטער געטון און שטאַרק בלאַס געוואָרן. ער האָט גאָרנישט געענטפערט.

— נו, ווי האַלטסטו? זאָל איך צוריקפאָרן צו קליפאָרדן און אים שענקען אַ יורש, אַ לאָרד?

מעלאָרס האָט אויף איר געקוקט אַ בלאַסער און אַ פרעמדער.

— און דו וואָלסט אים נישט געדאַרפט אויסזאָגן, ווער ס'איז דער פאָטער פונם קינד?

— ניין!

מעלאָרס האָט געטראַכט אַ ווילע.

— דו ווילסט דאָך מסתם נישט, איך זאָל זיך אומקערן צו קליפאָרדן? — האָט קאָני אַפּהענטיק געפרעגט.

— און דו וואָס ווילסט?

— איך וויל בלייבן מיט דיר, — האָט קאָני פשוט געענטפערט.

קעגן זיין אייגענעם ווילן האָבן בריענדיקע פונקען זיך צעשיט איבער זיין גאַנץ לייב ביי דעמדאָזיקן פשטותדיקן ענטפער. ער האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ, דערנאָך אים פּאַמעלעך אויפגעהויבן און אַרויסגערעדט מיט טרויער:

— איך האָב דען עפּעס אַנדערש אין זין? איך בין אָבער אָרים, איך האָב גאָרנישט.

— דו פאַרמאָגסט מער ווי אַלע אַנדערע מענער! — האָט זי אים איבערגעשלאָגן די רייד.

— איך ווייס אַליין, — האָט ער אַ זאָג געטון. — איך ווייס. דאָ האַנדלט זיך אָבער אין עפּעס אַנדערש! דאָס לעבן באַוועגט זיך כסדר פאָראויס, מיין לעבן וויל זיך אָבער נישט באַוועגן אינם אַלגעמיינעם שטראָם. עס וויל נישט — און גענוג! איך בין דערי־בער אַזאַ מין קאַליקע, אַן אומטויגלעכער צום לעבן. איך טאָר דע־ריבער נישט אין מיין נישטיק לעבן אַריינציען אַ פרוי. יעדער מאַן מוז, נעמענדיק מיט אין זיין לעבן אַ פרוי, געבן איר אַ לעבנס־אינהאַלט, אַן אינערלעכן, צי אַן אויסערלעכן. עס איז ווייניק צו שלאָפן אינאיינעם, מ'דאַרף לעבן אינאיינעם, מ'דאַרף האָבן אינ־איינעם צו וואָס צו לעבן.

— פאַרוואָס איז ווייניק צו ליבן זיך אינאיינעם? — האָט קאָני אַ פרעג געטון.

— פאַרוואָס? דערפאַר, ווייל איך קאָן דאָס נישט. אויך דיר וואָלט עס גיך פאַרמיאוסט געוואָרן.

— טרוי דיך אָן אין מיר, — האָט קאָני בעטנדיק אַרויס־געפּליסטערט.

איבער זיין פּנים האָט דורכגעשוועבט אַ שמייכל.

— געלט האָסט דו, אַ געזעלשאַפטלעכע לאַגע — אויך דו, נו, איז די דעה ביי דיר. איך בין דאָך נישט בלויז דער באַשלאָ־פער פון דער ליכטיקער פּריצה?

— וואָס־זשע ביסטו יאָ?

— צוּוואָס דאָס פרעגן? שווער זיך צו אָריענטירן אין מיין סיטואַציע. איך בין אָבער זיכער, אַז פאַר דיר בין איך מער ווי אַ באַשלאָפער דיינער. דעם זין פון מיין לעבן פיל איך נאָר אַליין, אָבער געבן אים צו פאַרשטיין בין איך נישט בכּוח.

— דיין לעבן וועט דען פאַרלירן דעם זין, אויב דו וועסט עס פאַרבינדן מיט מיין לעבן?

מעלאָרס האָט לאַנג געשוויגן, איידער ער האָט געענטפערט:

— אפשר.

זי איז אויך אַנטשוויגן געוואָרן, אַריינטראַכטנדיק זיך אין דעמדאָזיקן קורצן ענטפער.

— טאָ פרווו-זשע מיר אויפקלערן דעם זין, דעם תוך פון דיין לעבן, — האָט זי ענדלעך אַרויסגערעדט.

— איך וועל פרווון, כאָטש איך גלייב נישט, דו זאָלסט מיך איינגאַנצן פאַרשטיין. איך גלייב נישט — נישט אין דער וועלט, נישט אין געלט, נישט אין קאַריערע, נישט אין דער צוקונפט פון אונזער ציוויליזאַציע. אויב די מענטשהייט מוז האָבן אַ צוקונפט, איז נייטיק דערצו אַ ריזיקע איבערבויאונג פון אַלעם, וואָס עקזיסטירט איצט.

— און ווי אַזוי שטעלסטו דיר פאָר דידאָזיקע צוקונפט ?

— איין גאָט ווייסט ! אַ ביסל פיל איך זי אינערלעך אין זיך, נאָר דאָס בילד אירס איז ביי מיר נאָך זייער כאַאָטיש צוליב מיין כעס אויף דער איצטיקער וועלט אונזערער.

— און אפשר זאָל איך דיר אונטערזאָגן ? — האָט קאָני געפרעגט, קוקנדיק אים אין פנים אַריין. — אפשר זאָגן דיר, וואָס אַזעלכעס דו באַזיצסט, וואָס אַנדערע מענער פאַרמאָגן נישט. וואָס איז דער תוך פון דיין וועזן, וועלכעס וועט האָבן דעם גרעסטן איינפלוס אויף דער געבורט פון דער צוקונפט ? זאָל איך עס דיר זאָגן ?

— זאָג עס מיר, — האָט מעלאָרס איינגעשטימט.

— עס האַנדלט זיך אין דער קראַפט פון דיינע געפילן, אינם מוט פון דיין ליבע...

אַ שמייכל האָט ווידער דורכגעשוועבט איבער זיין פנים.

— אַהאַ, דאָס מיינסטו ! — האָט ער אויסגעצויגן.

נאָך אַ קורצער פויזע האָט ער אָנגעהויבן :

— און אפשר ביסטו גערעכט. עס איז אפשר טאַקע אמת, וואָס דו האָסט נאָר-וואָס געזאָגט.

— פאַרוואָס-זשע אַנטלויפסטו פון מיר ?

— איך אַנטלויף אייגנטלעך נישט פון דיר, נאָר פון דיין געלט און פון דיין געזעלשאַפטלעכער לאַגע.

— פאַרוואָס נעמסטו נישט אַריין אין חשבון מיין געפיל?

— דיין געפיל? — יאָ. דאָס געפיל אָבער איז אַ זאַך, וואָס קומט און פאַרגייט.

— פרווו, טרוי זיך אָן דעם געפיל, מיינעם ווי דיינעם, ווייסט זען, אַז מ׳קאָן זיך שטיצן אויף געפילן אינם צוזאַמענלעבן פון מאַן און פרוי.

— מעגלעך, — האָט מעלאָרס געענטפערט.

נאָך אַ קורץ שטילשווייגן האָט קאָני אַרויסגערעדט:

— איך וויל ליגן אין דיינע אָרעמס, איך וויל, דו זאָלסט זיך פרייען מיטן קינד, וואָס וועט געבוירן ווערן.

זי האָט אויסגעזען אַזוי שיין, אַזוי הייס, אַזוי צוציענדיק און גלייכצייטיק אַזוי ערנסט, אַזוי פייערלעך־ערנסט! זיין נשמה האָט זיך געריסן צו איר.

— לאָמיר גיין צו מיר אַהיים, — האָט ער געזאָגט. — דער־פון קאָן אַפילו אויך אַרויס אַ סקאַנדאַל, — האָט ער צוגעגעבן מיט אַ שמייכל.

זי האָט אָבער באַמערקט, אַז ער האָט ווידער פאַרגעסן די גאַנצע וועלט אַרום, אַז זיין פנים האָט באַקומען דעם באַקאַנטן אויסדרוק פון ריינער, אומצעשטערטער ליידנשאַפט.

זיי זענען אַוועק צו זיין וווינונג. דאָס איז געווען אַ באַשיידן צימערל אויפן העכסטן שטאָק, ווו ער האָט אויף אַ גאַז־אייוועלע זיך אַליין געקאָכט עסן. דאָס צימערל איז געווען זייער קליין, אָבער ריין, ציכטיק.

קאָני האָט איצט ענדגילטיק געוווסט, אַז זיי ביידע וועלן זיך מער נישט שיידן. עס דאַרפן נאָר אויסגעפינען ווערן די פּאַ־סיקע מיטלען און וועגן.

— דו האָסט שטאַרק פיינט געהאַט בערטאַ קוטס? — האָט זי אים געפרעגט.

— רעד מיר נישט וועגן איר.

— ניין. לאָמיך יאָ רעדן. דו האָסט זי דאָך אַמאָל ליב גע־האַט! ביסט דאָך מיט איר געווען אַמאָל פונקט אַזוי נאָענט ווי מיט

מיר איצט! דו מוזסט עס מיר זאָגן. ווי שרעקלעך דאָס איז! אַמאָל האָסטו זי געליבט און היינט ביסטו איר אַ שונא. פאַרוואָס?

— איך ווייס אַליין נישט. פאַרשטייסטו מיך, פון שטענדיק אָן איז זי געווען קעגן מיר, איר ווילן קעגן מיין ווילן — פון שטענדיק אָן. זי איז מיר שטענדיק געקראָכן אין די אויגן אריין מיט איר עקלהאַפטן פרויען־ווילן, מיט איר פרייהייט!

— זי איז נאָך איצט נישט באַפרייט פון דיר. זי האָט דיך נאָך אַלץ ליב.

— אָ, ניין, ניין! אויב זי האָט זיך נאָך ביז איצט נישט באַפרייט פון מיר, איז עס בלויז דעריבער, ווייל איר משוגעת באַשטייט אין דעם, וואָס זי וויל מיך דווקא האָבן אונטער איר פאַנטאָפל, זי וויל מיך דווקא האַלטן ביי זיך אויפן שטריק.

— אָבער אַמאָל האָט זי דיך ליב געהאַט?

— אויך נישט! אפשר טיילמאָל — פון צייט־צו־צייט. געשלעכטלעך האָט זי געצויגן צו מיר. איך האַלט אָבער, אַז אויך דאָסדאָזיקע געפיל איז איר געווען דערווידער. טיילמאָל פלעגט זי מיך אפילו ליב האָבן. זי האָט אָבער דאָס געפיל באַמיט אונטערצודריקן און אַרויסגערוקט אין פאָדערגרונט די אייביקע מלחמה מיט מיר.

— און אפשר האָט זי געפילט, אַז דו ליבסט זי נישט, האָט זי דיך געוואָלט צווינגען דערצו?

— אַ פיינער אויפטו, ווי אַזוי צו צווינגען צו ליבע!

— דו האָסט זי טאַקע באמת נישט געליבט? נו, איז זי דאָך געווען טיילווייז גערעכט!

— ווי איז גאָר מעגלעך געווען זי ליב צו האָבן? אַזוי ווי איך פלעג וואָר אָנהייבן זי ליב צו האָבן, האָט זי באַלד באַוויזן וואָס זי קאָן און מיך אויפגערייצט קעגן זיך. אַזעלכע ברואים דאַרף מען רעכטלעך דערלויבן אומצוברענגען. אַז אַ פרוי איז דורכאויס באַהערשט מיט איר משוגענעם, עגאָאיסטישן ווילן, איז עס די ערגסטע מכה. מ׳מוז אַזעלכע ברואים אומברענגען.

— צי דאַרף מען אָבער שוינען אַזעלכע מענער, וועלכע זענען באַהערשט פֿון אייגענעם ווילן?

— יאָ! אַלצאיינס! איך מוז מיך אָבער געזעגענען באַפֿרייען מין איר. איך מוז פֿאַר יעדן פּרייז אַרויסבאַקומען אַ גט. לאָמיר דעריבער זיין פּאַרזיכטיק. לאָמיר זיך וואָס ווייניקער באַגעגענען.

קאָני האָט זיך פֿאַרטראַכט.

— קאָנען מיר, הייסט עס, נישט לעבן אינאיינעם? — האָט זי געפֿרעגט.

— אַלנפֿאַלס, זעקס חדשים דאַרף געדויערן, ביז דער גט וועט גילטיק ווערן.

— איך וועל אָבער וואַרשיינלעך געבוירן דאָס קינד פֿריער. מעלאָרס האָט געשוויגן.

— די בעסטע זאַך וואָלט געווען, אַז קליפֿאָרד מיט בערטען זאָלן אָפּשטאַרבן, אַז נישט איז טאַקע שלעכט, — האָט ער זיך ענדלעך אָנגערופֿן.

— דיינע געפֿילן צו זיי זענען נישט פֿונם איידעלן מין! — האָט קאָני באַמערקט.

— געפֿילן? איידעלע געפֿילן? די איידלסטע געפֿילן דיקטירן מיר צו ווינטשן זיי ביידע דעם טויט! זיי לעבן דען? דאָס הייסט דען געלעבט? זיי פֿאַרשווענדן בלויז דאָס לעבן. דער טויט דאַרף פֿאַר זיי זיין אַ דערלייזונג. עס וואָלט געווען די גרעסטע מצווה זיי צו דערשיסן.

— דו וואָלסט עס נישט געטון, — האָט אים קאָני באַרויִקט.

— מיטן גרעסטן פֿאַרגעניגן, מיט אַ סך מער פֿאַרגעניגן, ווי דערשיסן אַ ווילדע רויב־חיה. יעדע חיה האָט לפּחות שיינס אין זיך, זי לעבט זיך איר איינזאַם לעבן. אַזעלכע ווי זיי זענען אָבער פֿאַרהאַן מיליאָנען און זיי זענען העסלעך אַרום־און־אַרום. איך וואָלט זיי אויסגעשאָסן איינס־ביי־איינס.

— נו, נו, ביסטו אַ געפֿערלעכער שונא! — האָט קאָני אויסגערופֿן.

קאָני האָט איצט געדאַרפֿט פֿיל איבערטראַכטן. איינס איז

קלאַר: מעלאַרס וויל זיך אומבאַדינגט באַפרייען פון בערטען. ער האָט רעכט מורא צו האָבן פאַר איר, בפרט נאָכן לעצטן סקאַנדאַל. ביז פרילינג איז נישטאָ וואָס צו רעדן וועגן אַ צוזאַמענלעבן מיט אים. אפשר אויסנוצן די צייט אויף צו גטן זיך מיט קליפאָרדן? אָבער ווי אַזוי? טאָמער דערמאָנט זי מעלאָרס' נאָמען, שטערט זי זיין גט מיט בערטען. דאָס גלייכסטע איז — אַנטלויפן אין עק וועלט און פטור ווערן דאָס אַלץ.

נישטאָ אָבער היינט קיין עק וועלט. פאַרהאַן אַ ראַדיאָ, וועלכער פאַראייניקט אַלע עקן וועלט אין איין אויגנבליק. די הערשער פון דאַהאָמייע, די פריסטער פון טיבעט הערן אוידיציעס פון לאָנדאָן און ניו־יאָרק.

אַלזאָ, געדולד! געדולד! די גאַנצע וועלט איז איין שרעקלעכער פלאָנטער פון מעכאַניזירטן תוהו־ובוהו, אָן אַ שיעור פאָרזיכטיק דאַרף מען זיין, ווען מ׳שטעלט זיך קעגן איר.

קאָני האָט זיך פאַרטרויט פאַרן פאָטער.

— זעסטו, אַזאַ מעשה: מיין געליבטער איז קליפאָרדס וואַלד־אויפזעער. אַמאָל אָבער איז ער געווען אָפיציר אין דער אינדישער אַרמיי. איצט איז ער אַזאַ מין טיפ, ווי דער פּאָלקאָווניק פלאָרענס, וועלכער האָט געוואָלט צוריק ווערן אַ פּראָסטער זעלנער.

דער פאָטער קאָניס האָט אָבער פיינט געהאַט דעם באַרימטן פּאָלקאָווניק פלאָרענס, ער האָט אין זיינע קונצשטיקלעך דערשמעקט מער זעלבסט־רעקלאַמע, ווי אינערלעך געפיל. ער האָט בכלל נישט פאַרטראָגן די חוצפה פון זעלבסטדערנידעריקונג.

— פונוואַנען שטאַמט ער, דיין וואַלד־אויפזעער? — האָט ער געפרעגט מיט אויפרעגונג.

— ער איז אַ זון פון אַ קוילנגרעבער, צי פון אַ שמיד.

דער אַלטער איז נאָך מער אויפגערעגט געוואָרן.

— מיר דאַכט זיך, אַז ער איז מחויב צו זיין אַזאַ מין גאָלד־גרעבער. דו, מיין טאָכטער, ביסט פאַר אים מסתם אַ פיינער גאָלד־גרובן.

— ניין, פאָטער, דו האָסט אַ טעות, דו וואָלסט זיך געוויס

איבערצייגט אין דיין טעות, ווען דו זעסט אים נאָר. ער איז אַן עכטער מאַן. קליפאָרד האָט אים שטענדיק פיינט געהאַט, ווייל ער איז נישט פעיִק צו הכנעה.

— און אפשר בין איך מיך טאַקע טועה.

דער אַלטער האָט בלויז מורא געהאַט פאַרן סקאַנדאַל, ווען עס זאָל אַרויס אין דער עפנטלעכקייט, אַז זיין טאָכטער האָט גע־האַט באַציִונגען מיט אַ וואַלד־וועכטער. צו די באַציִונגען גופא האָט ער גאָרנישט געהאַט, נאָר צום סקאַנדאַל.

— בכלל אַרט מיך נישט די גאַנצע זאַך, ער קאָן זיך זיין אַ גאַנץ ווילער מענטש, אָבער באַטראַכט נאָר, וואָס פאַר אַ ליאַרעם עס וועט אויסברעכן! באַרעכן, וואָס דיין שטיפמוטער וועט זאָגן דערצו!

— איך ווייס, — האָט קאָני געענטפערט. — די רייד, די רכילות זענען פאַר מיר אויך עקלהאַפט. בפרט, אַז ער דאַרף נאָך אויך אַרויסבאַקומען אַ גט, און דער עפנטלעכער סקאַנדאַל קאָן אַלץ צעשטערן. אפשר זאָל איך־זשע עמעצן אַנדערש אָנגעבן פאַרן פאָטער פונם קינד און מיין געליבטנס נאָמען נישט דערמאָנען? ווי מיינסטו?

— וועמען דען־זשע?

— אפשר דונקאַן פאָרבעס. ער איז אַ לאַנגסדיקער פריינט פון אונזער פאַמיליע. ער איז אַ גאַנץ באַקאַנטער קינסטלער. חוץ דער האָט ער מיך ליב.

— זאָל עס דער טייוול נעמען! וואָס ווילסטו פון דונקאַ־נען? וואָס פאַר אַ שייכות האָט ער מיט דער געשיכטע?

— קיין שום. אָבער איך ווייס? אפשר וועט ער איינ־שטימען.

— איינשטימען? אַ נאַר וואָלט ער געווען. ער זאָל באַ־שטיין דערויף. דו האָסט דען מיט אים אַמאָל געהאַט באַציִונגען?

— ניין! וואָס פאַלט דיר איין? זיין ליבע צו מיר איז פון אַן אַנדערן סאָרט. ער וויל נאָר בלויז קוקן אויף מיר, נישט צורירן זיך.

— גאָט מיין איינציקער! מאָדנע מענטשן זענען היינט פאַרהאַן אויף דער וועלט!

— ער חלשט איבער מיר, איך זאָל אים פאַזירן. איך וויל אָבער נישט.

— זאָל אים גאָט העלפן. ער זעט טאַקע אויס צו זיין פעיִק צו נעמען אויף זיך פרעמדע זינד.

— אַלנפאַלס, צום האַרץ וואָלט ער זיך גענומען גאַנץ ווייניק די גאַנצע מעשה.

— אָבער, קאָני! דער שווינדל אַליין איז דאָך עקלהאַפט!

— איך ווייס, איך פיל! איך האָב אָבער קיין אַנדערע ברירה נישט.

— אַך, ווי מיאוס די שווינדלערייען זענען!

— ווייניק שווינדלערייען האָסטו, טאַטע, אַליין געמוזט מאַכן אין לעבן, כדי צו דערגרייכן דיין ציל?

— דאָס איז, מיין קינד, עפּעס אַנדערש!

— אַלצאיינס, אַלץ איז שווינדלעריי.

הילדאַ איז אין קורצן געקומען קיין לאָנדאָן; דערוויסנדיק זיך וועגן די נייעס, איז זי שיער נישט אַראָפּ פון זין, אַזאַ צאָרן האָט זי באַהערשט.

— אפשר וואָלט גלייכער געווען טאַקע בעלם צו ווערן קיין קאַנאַדע? — האָט קאָני זיך געעצהט מיט הילדען.

— אויף כפּרות טויג עס! — האָט הילדאַ געשטורעמט. — דער סקאַנדאַל וועט נאָך גרעסער זיין. גלייכער שוין חתונה צו האָבן מיט אים.

דער פאָטער האָט זיך געוואַקלט.

— אפשר ווילסטו אים זען?

ער אַלטער האָט געקנייטשט מיט די פּלייצעס. צוואָס טויג עס אים? און מעלאַרס? אים האָט עס נאָך ווינציקער געטויגט. פונדעסטוועגן איז צו דער זעאונג געקומען. ביים מיטאָג אין קלוב זענען ביים טיש געזעסן צוויי מענער און זיך אָבסערווירט קעגנזייטיק פון קאָפּ ביז די פיס.

דער אַלטער האָט געטרונקען אַ סך וויסקי. מעלאָרס האָט אויך געטרונקען און די גאַנצע צייט געשמועסט וועגן אינדיע.

נאָכגעגעסן מיטאָג, האָט דער אַלטער פאַררייכערט אַ ציגאַר און אַ זאָג געטון מיט אַ האַרציקן טאָן:

— נו, יונגערמאַן, וואָס הערט זיך עפּעס מיט מיין טאָכטער?

אַ לייכטער שמייכל האָט דורכגעשלייכט איבער מעלאָרס׳ געזיכט.

— וואָס זאָל זיך דען הערן, סער?

— ווי נישט איז, איר האָט איר געמאַכט אַ קינד!... נאַר ערנסט גערעדט, וואָס טוט מען ווייטער? איך וויל רעדן מיט אייך ערנסט, איר פאַרשטייט?

זיי זענען מיט זייער ערנסטן רעדן נישט געקומען צו גאָר־נישט.

— אַזוי, אַזוי, יונגערמאַן! איר געפעלט מיר; וועט איר אַמאָל צו מיר דאַרפן, וועל איך אייך מיין מיטהילף נישט אָפּזאָגן. אַלץ, וואָס איך פאַרמאָג, האָב איך באַשלאָסן אָפּצושרייבן קאָנין. אויף מיין וואָרט!

זייער צעשיידונג איז פאַרגעקומען אויף זייער אַ הערצלעכן אופן.

צומאָרגנס האָט ער געגעסן מיטאָג אינאיינעם מיט קאָנין און הילדען אין אַ זייטיקן, געמיטלעכן רעסטאָראַן.

— פון דעם ענין האָט זיך צעבלאָזן אַ מיאוס עסק, — האָט הילדאַ געזאָגט.

— איך האָב פון דעם געהאַט בלויז פאַרגעניגן, — האָט מעלאָרס געענטפערט.

— איר וואָלט אייך גלייכער אָפּגעהאַלטן פון פּרוכּפערן אַ ביי לעבן, ביז איר וואָלט ביידע פריי געווען און געקאָנט אייך אומ־געשטערט מאַכן קינדער.

— דער רבונו־של־עולם איז שולדיק, ער האָט צו פרי אויפ־געבלאָזן דעם פונק, — האָט מעלאָרס ווידער געענטפערט.

— וואָס האָט דאָס צו טון מיטן רבונו־של־עולם? אַלנפאַלס,

קאַני האָט געגוג געלט, איר קאָנט אייך טון, וואָס איר ווילט. די לאַגע איז אָבער זייער אַ מיאוסע.

— וואָס האָט דאָס מיט אייך צו טון? — האָט זיך מעלאָרס שוין נישט געקאָנט איינהאַלטן.

— ווען איר זאָלט כאָטש זיין פון דעם זעלבן געזעלשאַפטלעכן שיכט, וואָס קאַני!

שטיל. קיינער רופט זיך נישט אָן מיט קיין וואָרט.

— אפשר וואָלט גלייכער געווען, — האָט הילדאַ אין אַ ווײַלע אַרום זיך אָנגערופן, — מ'זאָל מיט דעם גאַנצן עסק פאַרבינדן אַן אַנדערן נאָמען, כדי אייך אינגאַנצן אויסצומיידן?

— דאַכט זיך, אַז דאָס איז אוממעגלעך.

— און וואָס וועט זיין מיטן גט?

מעלאָרס האָט זי אָנגעקוקט פאַרוווּנדערט. קאַני האָט ביז איצט נישט געוואַגט איבערצוגעבן אים דעם פּלאַן וועגן צונויפבינדן דונקאַנען מיט דעם גאַנצן ענין.

— איך פאַרשטיי אייך נישט, — האָט ער אַ זאָג געטון.

— מיר האָבן איינעם, אַ פריינט אונזערס, וועלכער וואָלט וואָרשיינלעך געדעקט מיט זיין נאָמען דעם ענין און דערמיט מעגלעך געמאַכט אייער נאָמען נישט אָנצורופן, — האָט הילדאַ דערקלערט.

— איר ווילט דעקן די זאַך מיט אַן אַנדערן?

— אוודאי.

— זי האָט דאָך קיין אַנדערן נישט!

ער האָט מיט פאַרוווּנדערונג אָנגעקוקט קאַנין.

— אוודאי נישט! אוודאי נישט! — האָט קאַני אויסגעשריגן. — דאָס איז אַן אַלטער פריינט אונזערס, נישט מער!

— צוואָס־זשע זאָל אַ זייטיקער מענטש נעמען אויף זיך אַ פרעמדן חטא? ער האָט דאָך גאָרנישט מסתם געהאַט פון דיר?

— עס זענען פאַראַן מענער איידללייט, וועלכע רעכענען נישט אויס בלויז די נוצן, וואָס זיי האָבן פון דער פרוי, — האָט הילדאַ זיך אָנגערופן.

— דאָס איז אַ שטיין אין מיין גאָרטן אַריין, האַ? נו, ווער איז ער, דערדאָזיקער פויגל?

— אַ קונסט־מאָלער, אַ פריינט אונזערס פון שאָטלאַנד.

— אַהאַ! דונקאַן פאָרבעס! — האָט זיך מעלאָרס תיכּף דער־מאָנט דעם נאָמען. קאָני האָט נישט איינמאָל דערציילט וועגן אים. — אויף אים, הייסט עס, וויל מען אַרויפלייגן די בייגל!

— מ׳קאָן עס אַזוי איינאָרדענען, אַז דער סקאַנדאַל זאָל זיין וואָס קלענער.

— מיר שיינט, אַז ס׳לוינט זיך נישט צו מאַכן דערפון אַזאַ עסק, — האָט מעלאָרס באַמערקט.

— טאָ וואָס־זשע לייגט איר פאָר? — האָט אים הילדאַ גע־פרעגט. קוים רופט מען אָן אָן אייער נאָמען, וועט איר קיין גט נישט באַקומען.

— אמת, — האָט מעלאָרס אומגערן צוגעשטימט.

ווידער זענען אַלע דריי געזעסן און געשוויגן.

— פשוט נעלם ווערן פון ענגלאַנד, דאָס וואָלט געווען דאָס בעסטע, — האָט ער אַ זאָג געטון.

— קאָני קאָן נישט נעלם ווערן, — האָט הילדאַ געענט־פערט. — קליפאָרד איז צופיל באַקאַנט אין דער וועלט.

ווידער אַ שטילשווייגן אין פּיינלעכע, האָפנונגסלאָזע איבער־לייגונגען.

— די וועלט וועט איר נישט איבערמאַכן. ווילט איר ביידע חתונה האָבן, ווילט איר אויסמיידן פאַרפאָלגונגען, מוזט איר זיין ביידע געגט. טאָ ווי אַזוי ווילט איר די זאַך איינאָרדענען?

מעלאָרס האָט לאַנג נישט געגעבן קיין ענטפער. ענדלעך האָט ער אַ פרעג געטון.

— און א י ר? ווי אַזוי ווילט א י ר עס פאַר אונ־זערטוועגן איינאָרדענען?

— קודם מוז מען זען, צי דונקאַן באַשטייט צו פיגורירן אַנשטאָט אייך. נאָכדעם מוז מען זען, אַז קליפאָרד זאָלן וועלן קאָנין גטן. דערווייל דאַרפט איר זיך זען אָפצוזגטן מיט אייער

ווייבל. ווייטער — מוזט איר ביידע זיך קעגנזייטיק אויסמיידן, ביז דער ענין וועט זיין פולשטענדיק דערליידיקט.

— עס זעט אויס, ווי אַ מעשה פון אַ משוגעים־הויז...

— מעגלעך! אָבער נאָך ערגער ווי משוגעים וועט איר אויסזען ביי דער וועלט אין די אויגן, אויב איר וועט אַזוי נישט טון.

— וואָס קאָן זיין נאָך ערגער ווי משוגעים?

— נאָך ערגער — הייסט פאַרברעכער.

מעלאָרס האָט זיך מרה־שחורהדיק אָנגעכמורעט און אַזוי געטראַכט אַ לאַנגע ווײַלע.

— זאָל זיין אַזוי! — האָט ער ענדלעך דערקלערט. — איך באַשטיי אויף אַלץ. מיר מוזן זיך זען צו ראַטעווען פאַר יעדן פּרייז.

ער האָט געוואָרפן דערביי אַ בליק אויף קאָנין. דער בליק איז פול געווען מיט ווייטיק, כעס און אונטערגעבן זיך דעם גורל.

דונקאַן, ווען מ'האָט אים דערקלערט, וואָס מ'פאַרלאַנגט פון אים, האָט זיך אומבאַדינגט געוואָלט באַקענען מיטן בעל־דבר, דעם וואַלד־אויפזעער. עס איז איינגעאָרדנט געוואָרן אַן אָוונט־אויפנאַמע ביי פאַרבעסן אין זיין פּריוואַטער וווינונג.

דער באַלעבאָס, דונקאַן פאַרבעס, איז געווען אַ ברייט־פּלייציקער, געזעצטער, ברוינהויטיקער, שווייגעוודיקער האַמלעט, מיט שוואַרצע גלאַטע האָר, אַן עכטער צעלטישער טיפּ. זיינע מאָלערייען זענען באַשטאַנען פון סאַמע רערן, פּאָמפּעס, שפּרינג־פעדערן און אויסטערלישע פאַרבן.

אַלע פיר האָבן באַטראַכט די בילדער אין אַטעליע. דונ־קאַן האָט זיינע ברוינע אויגן נישט אַראָפּגעלאָזט פונעם צווייטן מאַנספּערשוין. ער האָט געוואָלט, דערדאָזיקער מענטש זאָל זיך אַרויסזאָגן וועגן זיינע בילדער. קאָניס און הילדעס מיינונגען זע־נען אים שוין געווען באַקאַנט.

— אָט דאָס בילד זעט אויס צו זיין אַן עקסטראַקט פון מאָרד, — האָט מעלאָרס זיך פּלוצלינג אָנגערופן.

אויף אַזאַ אויסדרוק האָט זיך דער קינסטלער נישט געריכט פונם וואַלד־וועכטער.

— און ווער איז דאָ דער דערמאָרדעטער ? — האָט הילדאַ אַ פרעג געטון מיט אַ חוזק־טאָן.

— איך ! דאָס דערהרגעט אינם מענטש יעדעס מיטגעפיל.

אַ שטראָם קאָנדענסירטער האַס האָט זיך אַרויסגעגאָסן פון קינסטלערס בליק. אינם טאָן פונם פרעמדן קונסט־שאַצער האָט ער דערהערט ווידערגעפיל און ביטול צו זיין קונסט. דאָס וואָרט „מיטגעפיל" האָט אים אַזש אויפגעשוידערט. וואָס פאַר אַ פאַר־קריפּלטער סענטימענטאַליזם !

— עס ווערט מיט דעם בילד אפשר באַגאַנגען אַ מאָרד־טאַט, אָבער בלויז איבער דער טיפּשות, איבער דער סענטימענ־טאַלער טיפּשות, — האָט דער קינסטלער אַרויסגערעדט פון צווישן די ציין.

— אַזוי מיינט איר ? און איך גלייב, אַז עס איז נישט פאַר־האַן קיין גרעסערע סענטימענטאַלע טיפּשות פון דידאַקטיקע רערן און שפּרינגפעדערן. זיי פאַרראַטן אַ גרויסע מאָס גרינגשעצונג צו זיך אַליין און נישט קיין קלענערע מאָס נערוועזע גרויסקייט־מאַניע. אַזוי איז לויט מיין מיינונג.

דעם קינסטלערס פּנים איז אַזש געל געוואָרן. ער האָט מיט שווייגנדיקער גאווה אויסגעדרייט די בילדער צו דער וואַנט און געמאָלדן, אַז ס'איז שוין צייט אַריינצוגיין אין עסצימער.

ביים טיש האָט געהערשט אַ געדריקטע שטימונג.

נאָכן דעסערט האָט דונקאַן דערקלערט :

— איך האָב גאָרנישט קעגן דעם זיך אָנצונעמען אַלס פאָטער פון קאָניס קינד, נאָר איין באַדינג שטעל איך — זי זאָל פאַר מיר פּאָזירן. שוין יאָרן ווי איך בעט דאָס ביי איר, זי האָט מיר אָבער בסדר אָפּגעזאָגט.

דאָס האָט ער אַרויסגעזאָגט מיט אַזאַ טאָן, ווי אַן אינקוויזי־טאָר, וועלכער וואָלט מכריז געווען אַן אויטאָ־דאַ־פע.

— אַזוי! — האָט זיך מעלאָרס אָנגערופן. — שטעלט איר אויך באַדינגונגען?

— זעלבסטפאַרשטענדלעך! איך באַשטיי נאָר אונטער דעם באַדינג.

אין זיינע ווערטער האָט ער זיך באַמיט אויסצודריקן די גרעסטע מאָס גרינגשעצונג צום וואַלד־אויפזעער.

— נעמט־זשע מיך אויך אינאיינוועגס פאַר אַ מאָדעל, — האָט מעלאָרס געזאָגט. — מאָלט אויס אַ גרופּע: וואולקאַן און ווע־נוס אין די נעצן פון קונסט. איך בין פריער געווען שמיד, איי־דער איך בין געוואָרן וואַלד־וועכטער.

— איך דאַנק איך, — האָט דער מאָלער געענטפערט. — איך גלייב נישט, וואולקאַן זאָל האָבן אַן אַקט, וועלכער זאָל מיך פאַראינטערעסירן.

— ווען מ׳זאָל אים אפילו אויסגלעטן אין רערן און שפּרינג־פעדערן און געהעריק דורכריינען?

קיין ענטפער האָט ער נישט באַקומען.

— דונקאַן איז דיר נישט געפעלן, אָבער באמת איז ער זייער אַ ווילער מענטש, — האָט קאָני געזאָגט, ווען זיי זענען אַהיימגעגאַנגען.

— ער איז אין מיינע אויגן נישט מער ווי אַזאַ מין קליין שוואַרץ הינטל מיט אַ מאָלערישן דעפעקט, — האָט מעלאָרס אָפּ־געענטפערט.

— היינט איז ער עפּעס טאַקע געווען זייער מרה־שחורהדיק.

— דו וועסט פאַר אים טאַקע פּאָזירן?

— וואָס אַרט עס מיך? אָנרירן וועט ער דאָך מיך נישט: וואָס־זשע קאָן דאָס מיך אַרן, אויב דערפון קאָן אַרויסקומען אַ טובה פאַר אונז ביידע.

— ער וועט דיך אויסמאָלן שוין איינמאָל אין אָרדענונג! מסתּם וועלן אָנשטאָט אברים זיין ביי דיר רערן, אָדער שפּרינג־פעדערן, אָדער אַן אַנדער שוואַרציאַר!

— זאָל זיין. זאָל ער מאָלן, וואָס ער וויל. אָנרירן וועל איך

מיך נישט לאָזן פון אים פאַר קיין זאַך אין דער וועלט. זאָל ער קוקן, מאָלן, טון וואָס ער וויל. זאָל ער פון מיר זיך מאַכן רערן, צי שפּרינגפעדערן, וואָס גייט עס אונז אָן. ער וועט דיר זיין אַ דם־שונא, ווייל דו האָסט זיין קונסט אָנגערופן סענטימענטאַלע נאַרישקייט. אמת איז אפילו דיין מיינונג, אָבער צוּוואָס האָסטו אים געדאַרפט רייצן?

מעלאָרס האָט אָנשטאָט אַן ענטפער רעטזלהאַפט געשמייכלט.

קאַפּיטל XIX

„ליבער קליפאָרד! דאָס, וואָס דו האָסט פאָראויסגעזען, איז מקוים געוואָרן. איך האָב זיך טאַקע פאַרליבט אין אַן אַנדערן מאַנספּערשוין און איך פאַרהאָף, אַז דו וועסט מסכים זיין צו אַ גט. איך וווין איצט מיט דונקאַנען אין זיין וווינונג. איך האָב דאָך דיר געשריבן וועגן דעם, אַז מיר זענען צוזאַמען געווען אין ווע־נעדיק. איך פיל זיך זייער אומגליקלעך, דערמאַנענדיק זיך וועגן דיר. איך בעט דיך, נעם אויף מיין מעלדונג מיט אַ רויִק געמיט. איך בין דאָך דיר מער נישט נייטיק ווי פריער, און פאַר מיר איז שוין אוממעגלעך זיך צוריק אומצוקערן צו דיר. עס טוט מיר זייער, זייער לייד. איך בעט דיך, טו דיר אָן אַ כוח און זיי מיר מוחל, גט דיך מיט מיר און געפין דיר אַ צווייטע, אַ בעסערע פון מיר. באַמי זיך, נעם דיר נישט צום האַרץ, וועסט אַליין איינזען, אַז אַנ־דערש דאַרף נישט זיין. וואָס באַדאַרפסטו מיך? זיי מיר מוחל אַלץ און באַפריי דיך פון מיר".

ווען קליפאָרד האָט דעם בריוו דערהאַלטן, איז ער אין דער מינדסטער מאָס נישט געוואָרן איבעררעאַשט. ער האָט געפילט אי־נערלעך שוין פון אַ לענגערער צייט, אַז קאָני איז אַוועק פון אים. דאָס אַלץ — טיף, אינערלעך. אָבער אויסערלעך האָט ער זיך גע־ווערט קעגן דעמדאָזיקן אינערלעכן געפיל. דעריבער טאַקע איז דידאָזיקע ידיעה אויסערלעך געווען פאַר אים ווי אַן אומגעריכטער

טויט־קלאַפּ. ביזן לעצטן מאָמענט איז אויסערלעך זיין צוטרוי צו קאָנין געבליבן אומדערשיטערט.

אַזוי איז שוין די מענטשלעכע טבע. אונזער ווילן דיקטירט אונז אָפּצושניידן דאָס אינטואיטיווע אינערלעכע בילד פונם רעאַל בילד, וועלכעס מיר אַליין האָבן זיך אויפגעשטעלט. דאָס דאָזיקע שאַפט ביי אונז אַ באַזונדערן צושטאַנד פון מורא, פון פאַרגעפיל צולב וועלכן דער קלאַפּ, ווען ער קומט, ווערט פאַר אונז צענפאַכיק גרעסער און ווייטיקלעכער.

קליפאָרד איז געוואָרן היסטעריש ווי אַ קינד. די פרוי באַלטאָן איז שיער נישט אַרויסגעשפרונגען פון דער הויט אויס שרעק דערזעענדיק, ווי ער האָט זיך פלוצלינג אויפגעזעצט אין בעט, בלאַס ווי דער טויט, אָן אַ טראָפּן בלוט אין פנים.

— סער קליפאָרד! וואָס איז געשען?

נישטאָ קיין ענטפער. זי האָט זיך נאָך מער דערשראָקן: אפשר איז עס אַ האַרץ־אַטאַק. זי איז צוגעלאָפן, אים אָנגעכאַפּט ביים דופק, ציטערנדיק אינגאַנצן.

— וואָס איז? וואָס איז? וו טוט אייך וויי?

נישטאָ קיין ענטפער.

— גאָט מיין אייביקער! לאָמיך טעלעפאָנירן נאָכן דאָקטאָר!

זי איז צוגעלאָפן צו דער טיר און דערהערט הינטער זיך זיין הייזעריקן געשריי:

— ניין!

פרוי באַלטאָן איז שטיין געבליבן ווי געליימט מיט אויסגעגלאָצטע אויגן. קליפאָרד איז געזעסן געל ווי וואַקס, מיט אַ פנים אָן יעדן אויסדרוק, ווי אַ פולשטענדיקער אידיאָט.

— איר ווילט נישט קיין דאָקטאָר?

— ניין! איך וויל נישט, איך דאַרף נישט.

— אָבער וואָס איז אייך, סער קליפאָרד? איר זענט דאָך קראַנק, איך קאָן נישט אַלס פלעגערין נעמען די אחריות, איך מוז רופן אַ דאָקטאָר.

אַ פויזע. דאָס הייזעריקע קול ווערט נאָך מער פאַרדומפּן.

— איך בין נישט קראַנק. מיין פרוי וועט מער נישט צו־ריקקומען.

— וועד וועט נישט צוריקקומען? איר דורכלויכט? — פרוי באָלטאָן איז צוריק צוגעגאַנגען צום בעט. — זאָגט דאָס נישט, זאָגט דאָס נישט. איר דורכלויכט וועט געוויס צוריקקומען.

— נאָט, לייענט איבער, — האָט ער איר דערלאַנגט דעם בריוו.

— דאָס איז אַ בריוו פון דער ליידי? סער קליפאָרד, איך וויל נישט נעמען אויף זיך די העזה צו לייענען דעם בריוו, מסתּמ ווינטשט זיך דאָס נישט איר דורכלויכט. איר קאָנט מיר מינדלעך איבערגעבן דעם אינהאַלט פון בריוו.

דאָס פּנים קליפאָרדס מיט די צוויי אומבאַוועגלעך־אַרויסגע־שטאַרצטע אויגן האָט קיין ציטער נישט געטון.

— מ'זאָגט אייך — לייענט!

— איר ווילט דווקא איך זאָל לייענען, דערפיל איך אייער נאָפעל, סער קליפאָרד.

און זי האָט דעם בריוו איבערגעלייענט.

— איך וואונדער מיך באמת, — האָט זי געזאָגט. — די ליי־די האָט דאָך צוגעזאָגט, אַז זי וועט צוריקקומען.

דאָס געלע פּנים אין בעט איז נאָך געלער געוואָרן און אַ קאָנוואולסיווער קורטש האָט דורכגענומען די באַקנביינער. פרוי באָלטאָן האָט אָוועקגעדרייט דעם קאָפּ, נישט געוואָלט אים קוקן אין די אויגן אַריין.

זי האָט נישט געהאַט קיין געדולד צו דער היסטעריע זיי־נער: אַ ביסל האָט זי געערגערט אפילו. וואָס איז דען? יעדער בער־דעת האָט דאָך געמוזט וויסן, אַז קאָני וועט מיט אים לאַנג נישט הויזן. ער אַליין איז דאָך קיין בלינדער נישט, געוווּסט האָט ער אַלץ, נאָר ער האָט זיך איינגערעדט, אַז ס'וועט אַלץ פאַר־בייגיין גלאַטיק.

„דאָס מוז שטאַמען דערפון, — האָט פרוי באָלטאָן גע־טראַכט, — וואָס ער האָט אַ טבע נאָר זיך אַליין אין זין צו האָבן.

ער איז אַזוי שטענדיק באַשעפּטיקט מיט זיין אייגענער פּערזאָן, אַז ווען אַן אומגליק פאַלט אויף זיין קאָפּ, גלויבט ער נישט, אַז אויף אים, אויף זיין הייליקן „איך" זאָלן אומגליקן האָבן שליטה".

זיין צושטאַנד איז אָבער געווען באמת פאַטאַל. זי אַלס זיין פלעגערין האָט געמוזט עפּעס אויפטון. יעדע באַמיִונג אויפצוועקן אין אים דעם מענלעכן שטאָלץ וואָלט זיך נאָך פאַטאַלער אָפּגע־רופן אויף זיין צושטאַנד. זיין מענלעכקייט איז געווען טויט.

ס'וואָלט געווען דאָס בעסטע, צו דערוועקן אין אים אַ רחמנות צו זיך אַליין. ער האָט געהאַט צוויי ברירות, אָדער זיך אויסוויי־נען, אָדער שטאַרבן.

פּרוי באָלטאָן האָט דעריבער די ערשטע אָנגעהויבן וויינען.

— ווער וואָלט זיך אַזויגס געריכט פון דער ליידי! ווער האָט זיך געקאָנט ריכטן! — האָט זי געכליפּעט. און ביסלעכווייז איז דאָס וויינען אַריבער אין אַ היסטעריש שלוכצן איבער איר אייגענער פאַרלוירענער יוגנט, איבער איר אייגענער עלנטקייט און צרות.

איר געוויין, איר געיאָמער איז איצט געווען עכט, נישט געפעלשט, זי האָט באַוויינט אין יענעמס אומגליק איר אייגענעם גורל.

קליפאָרד איז געזעסן מיט אַ פול האַרץ. אָבער יענערס גע־יאָמער האָט אים לייכטער געמאַכט דעם שטיקנדיקן קנויל פונעם האַרץ, וועלכער האָט אָנגעהויבן אַרויסגיסן זיך דורך די שטאַר־געעפנטע אויגן. דיקע טרערן זענען ווי אַ האָגל געפאַלן איבער זיינע באַקן. פרוי באָלטאָן, דערזעענדיק דאָס, האָט פלינק אויס־געווישט אירע אייגענע טרערן און זיך אַריבערגעבויגן איבער קליפאָרדן.

— פּייניקט זיך נישט, סער קליפאָרד, פּייניקט זיך נישט.

ער האָט זיך אָנגעהויבן טרייסלען פון ספּאַזמעס און די טרערן האָבן נאָך שטאַרקער גענומען שטראָמען פון זיינע אויגן.

— וואָס טוט איר? וואָס טוט איר? הערט אויף! הערט אויף! — האָט זי געיאָכצט און זיך אַליין באַוואָשן מיט טרערן.

זי האָט אים אײַנגעצן צוגעצויגן צו זיך, אַרומגענומען אים מיט ביידע אָרעמס און איר ביוסט האָט זיך צוגעדריקט צו זיין פּנים.

— הערט אויף! נו, הערט שוין אויף! — האָט זי זיך געבעטן.

אויך ער האָט זי אַרומגעאָרעמט, זיך צוגעקלאַמערט צו איר ווי אַ קליין קינד און זי באַגאָסן מיט טרערן.

ביז פּרוי באָלטאָן האָט אים צום סוף אַ קוש געגעבן, וויגנ־דיק אים אויף איר ברוסט און טראַכטנדיק ביי זיך טיף אין האַרץ: „אַך, סער קליפאָרד, אַך שטאָלצע טשאַטערליי־גזע, אַזוי נידעריק זענט איר געפאַלן!" ער איז ענדלעך אַזוי איינגעשלאָפן אין אירע אָרעמס, ווי אַ קינד. פּרוי באָלטאָן, אינגאַנצן אַ דער־שעפּטע, איז אַוועק צו זיך אין צימער.

נאָך דעם פאַל האָט זיך שוין קליפאָרד געהאַלטן בנוגע פּרוי באָלטאָן ווי אַ קינד צו אַ מוטער. ער האָט זי צוגעהאַלטן ביי די הענט, אָנגעלענט דעם קאָפּ אויף איר ברוסט. און ווען זי האָט אים ווידער אַ קוש געטון, האָט ער געזאָגט:

— נאָך! נאָך! נאָך אַ קוש! נאָך אַ קוש!

ווען זי האָט ווי געווייינלעך געמאַסאַזשירט זיין מאַסיוו, ראַז לייב מיט אַ פייכטער שוואָם, האָט ער געפאָדערט:

— אַ קוש! איך פאַרלאַנג אַ קוש! נאָך אַ קוש!

און זי האָט אים געקושט דעם קערפּער אומעטום, האַלב שפּאַסיק.

ער פלעגט בשעת־מעשה ליגן מיט אַ מאָדנע־אומבאַוועגלעך פּנים, אויסגעלאָשן פון יעדן געדאַנק, ווי ביי אַ פּיצל קינד, און געקוקט אויף איר מיט ברייט־געעפנטע אויגן, וועלכע האָבן אויס־געדרוקט באַווונדערונג און אַנטציקונג.

פּרוי באָלטאָן האָט געפילט גלייכצייטיק אי אַנטציקונג, אי גזושה. זי האָט דערפון געהאַט אי הנאה, אי פאַרדרוס. זי האָט אים אָבער נישט אָפּגעשטויסן, קיינמאָל נישט געווערט אים גאָר־

נישט. עס איז אַנטשטאַנען צווישן זיי אַ מאָדנע פיזישע דערנענטערונג, אַ דערנענטערונג פון אַנטאַרטונג, פון פערווערזיע.

צום מייַנסטן וווּנדערלעך איז געווען דאָס, וואָס דערדאָזיקער קינדישער מאַנסביל איז געוואָרן נאָך מער ענערגיש, נאָך מער אויסגערעכנט, ווי דער פריערדיקער עכטער מאַנסביל. דאָסדאָזיקע אַנטאַרטעטע מאַנסבילשע קינד איז איצט געווען אַן עכטער געשעפטס-מענטש, אין די געשעפטן איז דאָס קינד געווען פולשטענדיקער מאַנסביל, שאַרף ווי די קלינג פון אַ חלף און האַרט ווי שטאָל. ווען ער האָט זיך געפונען אויסער דער היים, צווישן מאַנסלייט, שטרעבנדיק צו זייַנע צילן, „אַנטוויקלענדיק" זייַנע אונטערנעמונגען, האָט ער זיך אויסגעצייכנט מיט געוואַלטיקער כיטרעקייט, אומבויגזאַמקייט און קיינמאָל נישט פאַרפעלט צו טרעפן אין פינטל.

פרוי באָלטאָן האָט דערמיט שטאָלצירט.

„ער שפּאַנט פאָראויס מיט וווּנדערלעכע שריט! — האָט זי געטראַכט. — מייַן ווערק איז עס! ער וואָלט בייַ דער ליידי טשאַטערליי דאָס בשום-אופן נישט דערגרייכט. זי איז נישט פון די פרויען, וואָס שטויסן דעם מאַן פאָראויס! זי פאַרלאַנגט צופיל פאַר זיך!"

טיף אָבער, אין אַ געהיים ווינקעלע פון איר אויסטערלישער פרויען-נשמה, האָט זי געשפּיגן קלעק אויף אים, געגאָסן אויף אים גאַנצע עמערס האַס. זי האָט אים אוי... ...אַלטן, אונטערגעשטיצט מיט אַלע מעגלעכקייטן, אָבער אינעם חדרי-חדרים פון איר פאַרבליבענער, געזונטער פרויעןעכקיי... זי געעקלט פון אים, געעקלט אַן אַ ברעג און אָן אַ מאָס. דער ערגסטער שלעפער איז פאַר איר בעסער געווען פון אים.

זייַן באַציִונג צו קאָני איז געווען אַ מערקווירדיקע. ער האָט זיך איינ... שפּאַרט זי צו זען. ער מוז זי זען. זי מוז דאָ אַהערקומען צו אים. אין דעמדאָזיקן פּרט איז געווען אוממעגלעך מיט אים עפּעס צו מאַכן. ער וויל פון גאָרנישט וויסן — קאָני האָט צוגעזאָגט צו קומען און זי מוז האַלטן וואָרט.

— דאָס האָט דאָך קיין זין נישט ? — האָט פרוי באָלטאָן אים איינגערעדט. — לאָזט שוין אָפּ דאָס גאַנצע עסק. וואָס טויג דאָס טראַכטן דערפון ?

— ניין ! זי האָט צוגעזאָגט — מוז זי צוריקקומען.

פרוי באָלטאָן האָט איינגעזען, אַז אירע רייד זענען אַרויס־געוואָרפן.

„עס איז איבעריק, גלייב איך, דיר צו באַשרייבן דעם איינדרוק, וואָס דיין בריוו האָט אויף מיר געמאַכט, — האָט ער געשריבן צו קאָנין קיין לאָנדאָן. — דו וועסט עס דיר אַליין קאָנען פאָרשטעלן, אויב דו וועסט זיך וועלן פאַר מיר כאָטש אויף אַזוי ווייניק מטריח זיין און אָנשטרענגען צוליב מיר דיין פאַר־שטעלונגס־קראַפט. איך קאָן דיר נאָר ענטפערן איינס : איידער איך וועל עפּעס אָנהייבן צו טון, מוז איך מיט דיר זיך דורכ־שמועסן פערזענלעך. דו האָסט מיר צוגעזאָגט פייערלעך, אַז דו וועסט צוריקקומען, האַלט איך דיך ביים וואָרט. איך וועל גאָר־נישט וועלן גלייבן, גאָרנישט וועלן פאַרשטיין, ווי לאַנג דו וועסט נישט קומען אַהער און זיך מיט מיר דורכשמועסן פערזענלעך. איך דאַרף דיר נישט פאַרזיכערן, אַז דאָ איז קיינער נישט חושד קיין זאַך. דיין צוריקקומען וועט דאָ אויפגענומען ווערן ווי אַ זעלבסט־פאַרשטענדלעכקייט. אויב דו וועסט נישט זיין איינגעעקשנט און קומען צו פאָרן, גלייב איך, אַז ס'וועט זיך נאָך אַלץ לאָזן פאַר־ריכטן. אויב אָבער דו וועסט זיך נאָך אונזער שמועס האַלטן ביי דיין באַשלוס, וועלן מיר אָן ספק אַלץ איינאָרדענען אויפן פיינסטן אופן“.

קאָני האָט דעם בריוו געוויזן מעלאָרסן.

— ער הייבט שוין אָן זיין נקמה איבער דיר, — האָט מע־לאָרס אַרויסגעטראָגן זיין מיינונג וועגן בריוו.

קאָני האָט געשוויגן. זי האָט זיך אַליין געחידושט, פילנ־דיק עפּעס אַן אומבאַשטימטע מורא פאַר קליפאָרדן. זי האָט זיך געשראָקן פאַר דער צונויפטרעפונג מיט אים. זי האָט דער־פילט די געפאַר, וואָס שטעקט אין דעם, ווי דער בייזער,

נקמה-דורשטיקער קליפאַרד וואָלט זי געוואָלט אַריינגאַרן אין אַ פּאַסטקע.

— וואָס-זשע טוט מען ? — האָט זי אַ פרעג געטון.

— גאָרנישט. טו גאָרנישט.

זי האָט געענטפערט אויפן בריוו, באַמיענדיק זיך איבערצו-ציַיגן קליפאַרדן אין דער צוועקלאָזיקייט פון איר קומען צו אים. זי האָט דערהאַלטן פאָלגענדן ענטפער:

„ווילסטו נישט קומען איצט, גלייב איך אָבער, אַז דו וועסט דיך באַרעכענען ווען-עס-איז און צוריקקומען צו מיר. איך וועל האַנדלען אַזוי, ווי דידאָזיקע איבערציַיגונג מיַינע דיקטירט מיר. איך וועל וואַרטן אויף דיר אַזוי לאַנג, ביז דו וועסט קומען, זאָל מיַין וואַרטן געדויערן אפילו פופציק יאָר".

זי האָט בולט דערזען די נקמה. אָ ! ער האָט באַוויזן די ציין ! זי איז זיכער געווען, אַז ער וועט נישט אָפּטרעטן פון זיַינעם. ער וועט איר קיין גט נישט געבן, דאָס קינד וועט ער אָנערקענען פאַר זיַינס, אויב זי וועט נישט אויסזוכן קיין מיטל צו באַווייזן, אַז עס איז אַן אומגעזעצלעכס.

נאָך לאַנגע וואַקלענישן און פיַינלעכע איבערלייגונגען איז ביי איר געבליבן — זי טוט אים צוליב, זי וועט פאָרן צו אים אינאיינעם מיט הילדען. זי האָט אים וועגן דעם אָנגעשריבן. ער האָט געענטפערט דערויף :

„דיַין שוועסטערס וויזיט דערפרייט מיך נישט זייער, איך וועל איר אָבער די טיר נישט וויַיזן. איך בין פעסט איבערציַיגט, אַז דאָ שטעקט איר האַנט, אַז דאָס האָט זי דיך געבראַכט דער-צו, דו זאָלסט פאַרנאַכלעסיקן דיַינע פליכטן און פאַרגעסן די פאַר-אַנטוואָרטלעכקייט. וווּנדער-זשע דיך נישט, וואָס איך וועל זי באַ-געגענען נישט מיט קיין הנאה-געפיל".

פונדעסטוועגן זענען געפאָרן ביידע. ווען די שוועסטערן זע-נען אָנגעקומען, איז קליפאַרד נישט געווען אינדערהיים. אויפגענו-מען האָט זיי פרוי באַלטאָן :

— אָך, אייער דורכלויכט ! אייער צוריקקומען איז נישט אַזוי

גליקלעך, אַזוי מזלדיק, ווי מיר האָבן זיך דאָ געריכט! נישט אמת?

— אמת, — האָט קאָני געענטפערט.

זי ווייסט, די דאַזיקע פרוי, אַלץ - איז איר דורכגעפלויגן אין געדאַנק. און די איבעריקע שטוב-מענטשן האָבן מסתּם אויך גענוג געוווּסט, אָדער זיך משער געווען.

קאָני איז אַריין אין דעם הויז, וועלכעס זי האָט איצט מיט יעדן קעמערל פון איר לייב געהאַסט.

— כ׳וואָלט דאָ לאַנג נישט געקאָנט פאַרבלייבן, - האָט זי איינגערוימט הילדען מיט שרעק.

זי האָט זיך נאָך ערגער דערפילט, ווען זי איז אַריינגעקומען אין איר אַמאָליק שלאָפצימער.

ערשט ביים אָוונטברויט האָבן זיי זיך צונויפגעטראָפן מיט קליפאָרדן. בשעתן עסן האָט ער זיך באַצויגן צו די געסט אויסטערליש-העפלעך, געפירט אַ גרויס-וועלטישן, איידעלן שמועס. פון דעם אַלעם האָט זיך אָבער אַרויסגעשפירט דער שגעון זיינער.

— די דינערשאַפט ווייסט עפּעס? — האָט זיך קאָני געווענדט צו אים, נאָכדעם ווי דאָס שטוב-מיידל איז אַרויס פון צימער.

— וועגן דיינע פּלענער? ניין.

— די פרוי באָלטאָן ווייסט.

קליפאָרד האָט זיך פאַררויטלט.

— פרוי באָלטאָן איז דאָ קיין דינסט נישט.

— עס אַרט מיך נישט. נישט אין דעם גייט מיר.

ביז דער קאַווע האָט געהערשט אַן אָנגעצויגענע שטימונג. הילדאַ האָט זיך אויפגעשטעלט און אַרויסגעגאַנגען אין איר צימער.

קליפאָרד און קאָני האָבן געשוויגן אַ לאַנגע צייט. ביידע האָבן נישט געהאַט קיין חשק אָנצוהייבן רעדן. קאָני איז צופרידן געווען שוין פון דעם, וואָס ער איז נישט אַרויס מיט זיין פּאַטעטישן מוסר, וועלכן זי האָט נישט פאַרטראָגן.

— איך גלייב, אז דו נעמסט דיר נישט זייער צום הארץ, וואס דו האסט דיין ווארט געבראכן, — האט זיך קליפארד ענגד־לעך אנגערופן.

— איך קאן דערצו גארנישט אויפטון, — האט קאני גע־ענטפערט.

— דו קאנסט נישט? ווער־זשע דען קאן?

— מסתם קיינער נישט.

קליפארד האט אויף איר געווארפן א קאלטן גזלנישן בליק. ער האט זיך אזוי געהאט צוגעוווינט צו איר. זי האט אים ממש געפעלט מער ווי די געליימטע פיס.

— אבער פאר וועמען ווארפסטו דאס אלץ אוועק? — האט ער ווייטער עקשנותדיק געפרעגט.

— פאר דער ליבע! — האט קאני געענטפערט.

— פאר דונקאן פארבעסעס ליבע? ווען דו האסט מיך דערקענט, האסטו, דאכט זיך, נישט זייער שטארק געהאלטן פון זיין ליבע? וואס איז עפעס פלוצלינג געשען מיט זיין נישטיקער ליבע? אזוי טייער איז זי ביי דיר געווארן?

— א מענטש ענדערט זיך.

— מעגלעך! מעגלעך! א מענטש האט קאפריזן! דו מוזסט מיך אבער פריער איבערצייגן אין דער וויכטיקייט, אין דער ערנסטקייט פון דיין קאפריז. איך, צום ביישפיל, גלייב לגמרי נישט אין דיין ליבע צו דונקאן פארבעסן.

— צוואס דארפסטו דען גלייבן אין איר? איך דארף נישט, דו זאלסט גלייבן אין מיין ליבן, נאר דו זאלסט מיר געבן א גט.

— צוואס טויג דיר דער גט?

— איך וויל מער דא נישט זיין. מיר זענען מער נישט נייטיק איינס דעם אנדערן.

— אנטשולדיק. איך בין נישט ווי דו, איך בייט מיך נישט אזוי שנעל. איך נייטיק מיך יא אין דיר, דו ביסט מיין פרוי און איך וויל, דו זאלסט בלייבן אין מיין הויז. פארבייגייענדיק שוין די פערזענלעכע געפילן מיינע — און פארזיכערן קאן איך דיר,

אַז ס'איז פאַר מיר זייער שווער פאַרבייצוגיין זיי — איז עס פאַר מיר אַ גרויסע ווייטיק, דאָס צעשטערן די רו און אָרדענונג פון מיין לעבנס־סדר צוליב דיינס אַ קאַפּריז.

קאָני האָט געשוויגן אַ ווײַלע און דערנאָך זיך אָנגערופן:

— דאָס איז אַ פאַרפאַלענע זאַך. איך מוז אַוועק פונדאַנען. איך ריכט מיך אַ קינד צו האָבן.

ער האָט אויך אַ ווײַלע געשוויגן, איידער ער האָט געשטעלט די פראַגע:

— און צוליב דעם, וואָס דו ריכסט דיך אויף אַ קינד, מוזסטו אַוועק פונדאַנען?

זי האָט שווייגנדיק אַ שאָקל געטון מיטן קאָפּ אויף יאָ.

— פאַרוואָס? אַזוי איבערזיכטיק איז ער, פאַרבעס, אויף זיין זאָמען?

— יעדנפאַלס מער איבערזיכטיק ווי דו וואָלסט געווען אויף זיין אָרט, — האָט קאָני געענטפערט.

— איך וויל אָבער האָבן לעבן זיך די פרוי מיינע, איך וויל זי נישט אַוועקלאָזן פון מיר. אויב זי וויל אונטער מיין דאַך ברענגען אַ קינד אויף דער וועלט, וויל איך צונעמען זי מיטן קינד אינאיינעם. איין באַדינג שטעל איך נאָר — עס זאָלן דערהאַלטן ווערן די עפנטלעך־מאָראַלישע און עטישע באַדינגונגען. ווילסטו מיר אפשר איינרעדן, אַז נאָכדעם, וואָס איך דערקלער דיר דאָ, ביסטו פאָרט נוטה אַוועקצוגיין צו פאַרבעסן, אַז עס ציט דיך צו אים מער ווי צו מיר, וויל איך נישט גלייבן אין דעם.

ווידער האָבןביידע געשוויגן.

— דו זעסט דען נישט, — האָט קאָני אויסגערופן, — אַז איך מוז פון דיר אַוועק? איך מוז לעבן מיט דעם מאַן, וועלכן איך האָב ליב!

— ניין, איך זע דאָס נישט. קיין צעבראָכענעם דרייער גיב איך נישט פאַר דיין ליבע צו אים, נישט פאַר אים גופא. איך גלייב נישט אין דידאָזיקע פראַזן.

— אזוי איז עס אָבער פּאַרט.

— אזוי? אזוי איז עס פּאַרט? נו, וועל איך דיר זאָגן, לי־בע פרוי מיינע, אַז איך האַלט דיך פאַר צופיל אינטעליגענט צו קאָנען ליבן דונקאַן פאָרבעסן. איך בין איבערצייגט, אַז דו האָסט נאָך פאַר מיר איצט אפילו אַ סך מער ליבעס־געפיל ווי פאַר אים.

קאָני האָט געפילט, אַז ער האָט רעכט. זי האָט איינגעזען, אַז לענגער שווייגן קאָן זי נישט.

— נישט דונקאַן פאָרבעס איז מיין געליבטער, — האָט זי דערקלערט, קוקנדיק אים דאָס מאָל גלייך אין פּנים אַריין, — איך האָב דיר נישט געוואָלט פאַרשאַפן קיין איבעריקע ליידן.

— נישט פאַרשאַפן מיר קיין איבעריקע ליידן? — האָט ער אויסגעגלאָצט די אויגן.

— אוודאי! ווייל דער, וועמען איך ליב אינדעראמתן — דו וועסט מיך דערפאַר האַסן — איז דער מעלאָרס, וועלכער איז דאָ געווען וואַלד־אויפזעער.

ווען קליפאָרד זאָל קאָנען אַרויסשפּרינגען פון זיין פאָטעל, וואָלט ער עס געוויס געטון. דאָס פּנים איז אים געל געוואָרן, די אויגן האָבן זיך צאַרניק אַרויסגעזעצט פון די לעכער. ער איז באַלד צוריק אַריינגעפאַלן אין דער טיצעניש פון פאָטעל, זיין ברוסט האָט זיך האַסטיק געהויבן פון שווערן אָטעמען, ער האָט די אויגן אויפגעהויבן צום סופיט.

ענדלעך האָט ער זיך אויסגעגלייכט.

— דו ווילסט מיר דאָס איינרעדן, אָדער איז עס ווירקלעך אַן אמת, וואָס דו האָסט מיר נאָר־וואָס געזאָגט? — שטעלנדיק די־דאָזיקע פראַגע, האָט ער אויסגעזען שרעקלעך.

— אַזוי איז עס. דו ווייסט עס אַליין.

— ווען האָסטו דאָס אָנגעהויבן מיט אים?

— נאָך אין פרילינג.

קליפאָרד איז פאַרשטאַרט געוואָרן ווי אַ געפאַנגענע חיה אין דער כאַפּ־שטייג.

— ביסטו, הייסט עס, טאַקע געשלאָפן מיט אים אין וואַלד־שטיבל?

אינערלעך האָט ער דאָס שוין פון לאַנג געוווּסט.

— יאָ.

ער איז געזעסן אינם פאָטעל און געקוקט אויף איר שטאַר, פאַרחידושט און פאַרווירט ביזן לעצטן גראַד.

— גאָט! מיין גאָט! דאַרף מען דאָך דיך עוקר מן השורש זיין! אַזעלכע ווי דו טאָר דאָך אויף דער וועלט נישט עקזיסטירן!

— פאַרוואָס? — האָט קאָני שטיל געפרעגט.

ער האָט די פראַגע דורכגעלאָזט אָן אַן ענטפער.

— דערדאָזיקער אויסוואורף! דערדאָזיקער כאַם! דערדאָזיקער נבזהדיקער חוצפהניק! דערדאָזיקער נישטיקער שנאָרער! מיט דעמדאָזיקן האָסטו דיך אַרומגעוואַלגערט די גאַנצע צייט, בשעת דו ביסט דאָ געווען די פריצה, די ליידי, און ער איז געווען דער משרת, דער דינער מיינער! גאָט מיינער! גאָט מיינער! צי איז פאַרהאַן אַ גרענעץ צו ווייבערישער נידערטרעכטיקייט?

אַזוי ווי זי האָט פאַראויסגעזען, איז ער געווען אַזש וואַנזי־ניק פון געוואַלטיקן כעס.

— און דעמדאָזיקן כאַם, דעמדאָזיקן אויסוואורף ווילסטו אַ קינד געבוירן?

— יאָ, אַזוי איז עס.

— אַזוי איז עס? פון אים? פון אים? ביסט זיכער אין דעם? פון ווען אָן?

— פון יוני.

ער איז ווידער פאַרשטיינערט געבליבן.

— עס איז צו באַוווּנדערן, — האָט ער ענדלעך אַרויסגע־רעדט, — וואָס אַזעלכע באַשעפענישן קאָנען גאָר געבוירן ווערן אויף דער וועלט!

— וואָס פאַר אַ באַשעפענישן?

ער האָט אויף איר אַ שרעקלעכן בליק געוואָרפן און גאָר־נישט געענטפערט.

— און איצט האָסטו בדעה מיט אים חתונה צו האָבן? און טראָגן זיין מנוולדיקן נאָמען?

— יאָ, איך וויל עס.

ער איז ווידער געבליבן זיצן פאַרשטיינערט.

— אַזוי! — האָט ער ענדלעך אַרויסגערעדט. — איז טאַקע ריכטיק די מיינונג, וועלכע איך האָב וועגן דיר שטענדיק געהאַט. ביסט טאַקע אומנאָרמאַל, נישט ביים קלאָרן זין. דו ביסט אַן אויס־גאַם־טיפּ אפילו צווישן דעם מין משוגענע ווייבער. וועלכע עס ציט שטענדיק צום כאַם, צום מנוולדיקן שלעפּער־טיפּ צווישן מענער.

ער האָט מיטאַמאָל דערשפּירט אַ דעקלאָזן תהום צווישן זיך, דעם זויבערן מענטש, דעם מאָראַל־פּרעדיקער און עטיק־לערער פון איין זייט און אַזעלכע שמוציקע באַשעפענישן ווי קאָני און מע־לאָרס פון דער צווייטער זייט. און אַ געפיל פון אומגעהייערן שטאָלץ מיט זיך אַליין, מיט זיין דערהויבנקייט האָט אים אַרומגעכאַפּט.

— איצט זעסטו שוין, אַז עס איז גלייכער זיך צו גטן מיט מיר, זיך צו באַפרייען פון מיר אויף שטענדיק, — האָט קאָני באַמערקט.

— ניין! ניין! גיי דיר, וווהין דו ווילסט. אָבער גטן דין וועל איך נישט.

— פאַרוואָס?

קליפאָרד האָט עקשנותדיק געשוויגן. קאָני האָט ווייטער געפרעגט:

— און דאָס קינד? ווּעסטו דאָס קינד אָנערקענען פאַר דיינס, מאַכן עס פאַר דיין יורש?

— וואָס גייט מיך אָן דאָס קינד דיינס?

— אויב איך וועל געבוירן אַ ייִנגל, וועט ער דאָך לויט די געזעצן יורש... דיין פאַרמעגן און דיין נאָמען?

— דאָס גייט מיך נישט אָן.

— עס מוז דיך אָנגיין! איך וועל אָנווענדן אַלע מעג־לעכקייטן, אַז דאָס קינד זאָל אָנערקענט ווערן נישט אַלס דיין קינד. איך וועל עס ליבערשט פאַרשרייבן אַלס נישט־געזעצלעכס, איידער אַלס טשאַטערליי.

— טו דיר, וואָס דו ווילסט.

ער איז געבליבן שטרענג און האַרט ווי שטיין.

— הכלל, ווילסטו דיך נישט גטן מיט מיר? — האָט קאָני געפרעגט. — אויב דו ווילסט, קאָן ביי דער גט־פּראָצעדור פיגוּרירן דונקאַן אַלס מיין געליבטער. ער גייט איין דערויף און דו וועסט נישט ליידן קיין אומכבוד.

— איך וועל זיך מיט דיר קיינמאָל נישט גטן.

— פאַרוואָס? ווייל דו ווילסט מיר טון צו־להכעיס?

— דערפאַר, ווייל מיר געפעלט אַזוי.

דאָס ווייטערדיקע געשפּרעך איז געווען צוועקלאָז. קאָני איז אַרויף צו זיך אין צימער און אַלץ דערציילט הילדען.

— מאָרגן פרי פאָרן מיר אַוועק. זאָל ער האָבן צייט זיך איבערצוליגן.

קאָני האָט נאָך די זעלבע נאַכט זיך איינגעפּאַקט. אינדערפרי האָט זי אין געהיים פאַר קליפאָרדן אַרויסגעשיקט אירע וואַליזעס צו דער באַן. זי האָט באַשלאָסן זיך צו זען מיט אים ערשט ביים מיטאָג און זיך געזעגענען.

געזען האָט זי זיך אָבער מיט פרוי באָלטאָן.

— איך מוז זיך געזעגענען מיט אייך, מאַדאַם באָלטאָן, פאַרוואָס, ווייסט איר דאָך. איך גלייב אָבער, אַז איר וועט די געשיכטע נישט פאַרשפּרייטן.

— איר מעגט מיר גלייבן, אייער דורכלויכט! איך קאָן האַלטן סוד. איך האָף, אַז איר האָט אייער גליק געפונען, יענער הער מוז אייך זיין מער צום האַרץ ווי סער קליפאָרד.

— יענער הער? מיין געליבטער איז דאָך הער מעלאָרס, אייער באַקאַנטער. סער קליפאָרד ווייסט עס. איך בעט אייך, דערציילט עס נישט קיינעם. און נאָך איין זאַך: וועט איר באַמערקן, אַז סער קליפאָרד איז נוטה מיך צו גטן, שרייבט מיר אָן, איך בעט אייך זייער. איך וויל אָפיציעל חתונה האָבן מיט דעם, וועמען איך ליב.

— איך פאַרשטיי אייך, אייער דורכלויכט. פאַרלאָזט אייך

אויף מיר. איך וועל בלייבן געטריי סיי אייך, סיי סער קליפּאָרדן. לויט מיין איינזען זענט איר ביידע גערעכט — איר אויף אייער שטייגער און ער אויף זיין שטייגער.

— איך בין אייך זייער דאַנקבאַר! אויב איר דערלויבט, וויל איך אייך שענקען אַ קלייניקייט... איר דערלויבט?

זי איז אַוועקגעפאָרן צוזאַמען מיט הילדען קיין שאָטלאַנד. מעלאָרס האָט זיך באַזעצט ערגעץ אין אַ דאָרף אַלס עקאָנאָם אין אַ הויף. ער האָט זיך דערוויילן באַמיט וועגן גט, נישט לייגנדיק קיין אַכט דערויף, וואָס קאָני קאָן דערווייל פון קליפּאָרדן נישט פּטור ווערן. עס איז אויך אָפּגעשמועסט געוואָרן, אַז קאָני זאָל פאַר איר קאַפּיטאַל קויפן אַ פאַלוואַרק, דאָרט וועט מעלאָרס קאָנען אַרבעטן, פאַרדינען פאַר ביידנס־וועגן אויף צום לעבן און דאָרט וועלן זיי קאָנען ווינען צוזאַמען באַלד נאָכדעם, ווי ער וועט אָפּגטן בערטען.

אַלנפאַלס, דערמיט מוז מען אָפּוואַרטן ביז אָנהייב פרילינג, ווען קאָני וועט שוין האָבן געבוירן דאָס קינד.

— — — — — — — — —

„איך האָב דאָ באַקומען אַרבעט אַ דאַנק מיינס אַ פריינט אַן אינזשיניער, וועלכן איך קען פון מיליטער. דער הויף דאָ איז נישט קיין פּריוואַטער. ער געהערט צו אַן אַגראַר־געזעלשאַפט. דאָ האָדעוועט מען פאַרשידענע שטוביקע חיות. איך באַקום דרייסיק שילינג אַ וואָך און שטודיר גלייכצייטיק דאָס פאַך אַלזייטיק. איך פאַרהאָף, אַז בערך אין אַ האַלב יאָר צייט וועל איך אַליין קאָנען פירן אַן אַגראַר־ווירטשאַפט. פון בערטען האָב איך נישט קיין שום ידיעה. איך פאַרשטיי נישט, פאַרוואָס זי האָט זיך נישט צוגעשטעלט צום געריכט, איך ווייס אפילו נישט, ווו זי געפינט זיך איצט. איך גלייב אָבער, אַז אין מערץ וועל איך שוין זיין פולשטענדיק פריי פון איר. זאָרג דיך נישט. איך גלייב, אַז סוף־כל־סוף וועסטו אויך פון קליפּאָרדן פּטור ווערן.

„איך האָב אַ פיין דירהלע, אַ קליינס, אָבער אַ ווילס. מיין ווירט איז אַ באַן־מאַשיניסט, אַ ריז מיט אַ מעכטיקער באָרד.

זיין ווייב איז אַ פרוי מיט אַ פויגליש פנימל, זי איז זייער סענ־טימענטאַל און כסדר חזרט זי איבער די ווערטער : „דערלויבט גיטיקס״. זייער איינציקער זון איז אומגעקומען אויף דער מלחמה און די איבערלעבונג האָט זיך שווער געלייגט אויפן פאַר־פאַלקס געמיטער. געבליבן איז ביי זיי אַ טאָכטער, אַן אויסגעוואַקסענע ווי אַ ציבעלע און אַן אומגעלומפּערטע, וועלכע גרייט זיך צו אַ לערער־עקזאַמען. איך העלף איר צוביסלעך אין לערנען און בכלל האָב איך מיך מיט זיי גאַנץ גוט איינגעלעבט. זייער פיינע מענטשן — די באַלעבאַטים מיינע — טרויעריקע, אומעטיקע, אָבער גוטע, שטילע מענטשן.

„דאָס אַגראַר־פאַך געפעלט מיר זייער. קיין גייסטיקע מי פאָדערט עס נישט, איך בין טאָקע נישט להוט נאָך גייסטיקער אַר־בעט. איך האָב זייער ליב פערד, קי אפילו, כאָטש זיי זענען זייער פרוילעך, פונדעסטוועגן האָב איך זיי אויך נישט פיינט. דער היי־שניט האָט זיך זייער גוט איינגעגעבן, און כאָטש מיינע הענט פיל איך נאָך איצט נישט און די זייטן שטעכן מיך נאָך היינט — איך האָב געאַרבעט צוגלייך מיט אַלע פשוטע אַרבעטער — פיל איך מיך ממש גליקלעך.

„אין די קוילנגרובנס איז נישט גוט. דאָ זענען פאַרהאַן נישט ווייניקער גרובנס ווי אַרום טיווערסהאַל, די געגנט איז אָבער אַ שענערע. איך שמועס זייער אָפט מיט די אָרטיקע אַרבעטער. זיי זענען בייז, צערייצט אויף די באַדינגונגען, אין וועלכע זיי לעבן, אָבער עפּעס אויפצוטון קעגן דעם, איז קיין איינער פון זיי נישט גרייט. זיי זענען נישט געשטימט קריגעריש ווי אַמאָל. זיי רעדן וועגן פאַרגעזעלשאַפטלעכן, פאַרמלוכהשן די גרובן־קאָנצעסיעס, די גאַנצע אינדוסטריע. די קוילן קאָן מען אָבער נישט פאַרמלוכהשן. מ׳רעדט דאָ אַ סך וועגן סער קליפאָרדן און זיין אויפטו, ווי אַזוי צו פאַרווענדן די קוילן. איך גלייב נישט אין דער צוועקמעסיקייט פון דעם אויפטו. בכלל זענען זיי אַלע אַפּאַטיש. מ׳פילט באַשיי־פערלעך, אַז דאָס געשעפט גייט אונטער און אונטער די חורבות פון דער אינדוסטריע וועלן זיי אויך חרוב ווערן.

מיר האָבן אַ ריזיקע צאָל אינדוסטריעלע אַרבעטער, מען מוז זיי געבן מיטלען צום לעבן. די אַרבעטער־פרויען זענען היינט מער באַרעדעוודיק און מער דרייסט ווי די מענער. די מענער זענען פויל, זיי פילן דעם אונטערגאַנג און זיי לעבן אויף דער־וויל — אַבי ווייטער. אַלנפאַלס, מ׳רעדט, מ׳רעדט, אָבער וואָס ס׳איז דאָ אויפצוטון, ווייסט קיינער נישט. די, וועלכע האָבן נישט קיין געלט, זענען מער חוצפהדיק, אָבער דערמיט ענדיקט עס זיך. די גרובנס אַרבעטן צוויי־דריטהאַלבן טעג אין דער וואָך. אויך ווינטער זעט זיך פאַר נאָך ערגער. מ׳האָט אויפגעהאָדעוועט די וועלט, אַז אָן דער מעגלעכקייט געלט אויסצוגעבן איז קיין לעבן נישטאָ. דאָס זענען די פרוכטן פון אונזער ציוויליזאַציע, פון דער קולטור אונזערער!

„מ׳וואָלט זיי געדאַרפט דערקלערן, אַז לעבן און געלט אויסגעבן איז נישט איינס און דאָס זעלבע. זיי וועלן אָבער נישט גלייבן. זיי זענען נישט מסוגל צום לעבן, נאָר צום געלט פאַרדינען, צום געלט אויסגעבן. ווען די מענער זאָלן טראָגן קאָלירטע מלבושים מיט קורצע הויזן, ווי איך האָב דיר געהאַט געזאָגט, וואָלטן זיי ווייניקער געטראַכט וועגן געלט. ווען זיי זאָלן קענען טאַנצן, זינגען, שפרינגען, לאַכן האַרציק, וואָלטן זיי אַזוי פיל געלט נישט באַדאַרפט. זיי וואָלטן דעמאָלט הנאה געהאַט פון די ווייבער און די ווייבער וואָלטן הנאה געהאַט פון זיי. זיי וואָלטן אַזוי קיין געלט נישט געדאַרפט האָבן. דאָס איז דער איינציקער וועג צו לעזן די אינדוסטריע־פראַגע: דערציען די מענטשהייט צום ווירקלעכן, נאַטירלעכן לעבן, צו אַ לעבן פון שיינקייט און רייץ אָן געלט, אָן דער נויטווענדיקייט געלט אויסצוגעבן. דאָסדאָזיקע איז אָבער אַ שווער שטיקל אַרבעט. די וועלט האָט אָנגעווירן די מסוגלדיקייט צו טראַכטן. מ׳דאַרף די מאַסן חוץ אַלעם אויסלערנען טראַכטן.

„איך גלייב, אַז מיין שרייבעכץ נודעט דיך שוין. איך וויל אָבער נישט שרייבן בלויז וועגן זיך, בפרט, אַז ביי מיר קומט נישט פאָר קיין שום וויכטיקס. איך וויל אויך נישט בלויז טראַכטן,

װעגן דיר — פון דידאָזיקע געדאַנקען װעט גאָרנישט אַרױסקו־מען. װאַרטן מוז מען, װאַרטן און געדולדיק זײַן. איך גלײב אין אונזער בשותּפותדיקער צוקונפט, אָבער איך זע זי נישט אין ראָזע פאַרבן: איך האָב מורא, אַז סוף־כּל־סוף װעלן מיר בײדע אױך גרײנגעצװיגן װערן אינם מאַסן־שגעון, װעלכער הײסט תּשוקה צו געלט און שנאה צום לעבן. און דאָ קומסט דו און װילסט מיט מיר אַ קינד געבוירן. נאָר לאָמיר האָפן, לאָמיר גלײבן. געװען שוין אױף דער װעלט גענוג שװערע, שלעכטע צײַטן, און זײ האָבן דעם תּמצות פונם לעבן נישט געקאָנט פאַרניכטן, נישט גע־קאָנט אומברענגען די ליבע, די הײסע, די אמתדיקע, די קערנ־דיקע, די פולבלוטיקע פּרויען־ליבע. זײ װעלן אױך מײַן ליבע, מײַן גלוסטונג צו דיר נישט פאַרניכטן. איבעראַיאָר װעלן מיר, האָפנטלעך, זײַן צוזאַמען. איך שרעק מיך צוביסלעך, אָבער איך האָף, אַז אַלץ װעט זײַן גוט. איך גלײב אינם פלאַקער, װאָס בינדט אונז בײדע צונויף. אָט דאָס איז דערװײַל מײַן אײנציקער גלויבן. קײן פרײַנט, קײן אמתע פרײַנט פאַרמאָג איך נישט. בלויז דו אײנע ביסט מיט מיר. דער פלאַקער, װאָס פאַראײניקט אונז, איז דאָס אײנציקע װיכטיקע אין מײַן לעבן. אמת, דאָס קינד, װאָס דאַרף געבוירן װערן, האָט אױך אַ באַדײַטונג, אָבער פאָרלױפיק אַ צװײטראַנגיקע. דעמדאָזיקן פאַראײניקונגס־פלאַקער װעט קײנער נישט באַװײַזן צו פאַרלעשן — נישט קליפאָרד, נישט בערטאַ, נישט קײן שום אַקציע־געזעלשאַפט, נישט די גאַנצע קאַרטעליזיר־טע אינדוסטריע, נישט די רעגירונג, אפילו נישט די מענטשלעכע געזעלשאַפט אינגאַנצן, װעלכע האָט די נשמה פאַרקױפט דעם גאָט ממון.

„אָט דאָס איז די סיבה, פאַרװאָס איך קלער נישט װעגן דיר. נישט כּדאי זיך צו פּײַניקן בחינם, װען דיר קאָן דאָס גאָר־נישט העלפן. איך רײס מיך צו דיר, אָבער מײַן געדולד איז גע־נוג גרויס, איך לעב שוין איבער דעם פערציקסטן װינטער אױף דער װעלט.

„לאָמיר לעבן מיט בטחון. נעם דיר גאָרנישט צום האַרץ.

האָסטו נישט קיין ידיעות פון סער קליפאָרדן, נעם זיך נישט אי־בער. ווען אפילו ער זאָל דיך נישט ווען גטן, וועלן מיר זיך אויך באַמיען אויסצולאַכן זיך פון זיין עקשנות. איך גלייב אָבער, אַז ער וועט עס יאָ טון: צו־גרויס איז ער אין זיינע אייגענע אויגן, ער זאָל נישט וועלן אָפּשטויסן פון זיך אַזאַ אומווירדיקע פרוי, ווי דו ביסט.

„עס איז מיר זייער שווער צו פאַרענדיקן דעם בריוו צו דיר.

„מיר גלוסט זיך צו ציען אים אין דער אומענדלעכקייט אַריין, — מיר דאַכט זיך, שרייבנדיק דעם בריוו, אַז מיר זענען געבונדן דורך אים מיט אונזערע הערצער. מיין גלויבן אין אונזער פאַראייניקונג גיט מיר כוח צ.ם אויסדויערן. זיי געגרוסט, פרינצע־סין מיינע, פון מיר, וועלכער איז נאָך דערווייל איבערפולט מיט טרויער, אָבער וועלכער פלעגט אין זיין האַרץ דעם אוצר פון האָפענונג".

סוף